STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02028

PROVOKATOR

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּראָוואָקאַטאָר

דערינערונגען און דאָקומענטן וועגן אָכראַנע'ס אזעפס דעמאַסקירונג.

אונטער דער רעדאַקציע און מיט אַן אַריינפיר פון

פּ. יע. שטשעגאָלעוו.

יידיש: י. ראַפּאָפּאָרט

יאַטשקאָווסקי'ס ביבליאָטעק

וואַרשע 1930

P. Szczegoliew Prowokator
Wyd. „Bibl. Jaczkowskiego“, Warszawa
Twarda 8.

Printed in Poland

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa. Pawia 38

פאַרן היסטאָריקער, פסיכאָלאָג און קינסטלער וועט אַזעפּס פיגור תמיד זיין אויסערסט אינטערעסאַנט און סודותדיק. דער „גרויסער פּראָוואָקאַטאָר" — מיטן דאָזיקן עפּיטעט וועט זיך שוין אַזעפס נאָמען נישט שיידן. אָבער ווען מען באַטראַכט אויפמערקזאַם אַזעפס מעשים מוז מען אַ סך אַראָפּנעמען פון אים און אַ סך אַרויפלייגן אויף דער סביבה, אין וועלכער ער האָט פאַרקערט; כדי צו פאַרשטיין אַזעפן, מוז מען באַלויכטן יענע ספערן, ווו ער האָט געהערשט.

אין דאָזיקן בוך זענען צונויפגעזאַמלט, מערסטנטיילס, אין דער ראַטן-ליטעראַטור אומבאַקאַנטע מאַטעריאַלן, וועלכע וועלן העלפן אויפצוקלערן אַזעפס געשטאַלט. דעם ערשטן אָרט גיבן מיר אָפּ די דערינערונגען וועגן אַזעפּס פאַרטיי-אַרבעט, וועלכע געהערן דער פעדער פונם מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי ס.-ר.-ן אַ. אַ. אַרגונאָוו. די דערינערונגען זענען אָנגעשריבן געוואָרן נאָך אַלע דעמאַסקירונגען, נאָך אַזעפס טויט, אָבער פונדעסטוועגן שפּירט זיך אין אַרגונאָווס דערציילונג אַ באַהאַלטענער פאַרדרוס קעגן די-יעניקע, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן אויפצודעקן די גרעסטע פּראָוואָקאַציע און האָבן, אַזוי-צו-זאָגן, פאַרשאַפט חרפה דער פאַרטיי, און גלייכצייטיק קאָן זיך דער לייענער נישט באַפרייען פון שוידערלעכן איינדרוק פונם בילד, וועלכן אַרגונאָוו וואַרפט אָן פאַר אונז, — אַ בילד, ווי אַזוי אַ גרופּע פערזאָנען, וועלכע ווערט אָנגערופן צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי, איז גייסטיק אונטערגעוואָרפן דער השפעה פון „גרויסן פּראָוואָקאַטאָר".

מיט אַרגונאָווס דערציילונג דאַרף מען פאַרגלייכן די

דערינערונגען וועגן אַזעפס אַרבעט אַלס געהיימען מיטאַרבעטער, וועלכע זענען אָנגעשריבן דורך ל. ראַטאַיעוו, דעם אָנפירער פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, וועלכער האָט איין צייט פאַרוואַלטעט מיט דער באַזונדערער אָפּטיילונג פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. ראַטאַיעוו איז צעמישט געוואָרן,דערוויסנדיק זיך וועגן אַזעפס „בגידה”, און ער באַמיט זיך קודם-כל קלאָר מאַכן פאַר זיך אַליין, ווי אַזוי אַן אַגענט האָט געקאָנט ווערן אַ רעוואָלוציאָנער.

אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט איז די דערציילונג פון וו. ל. בורצעוו, דעם הויפּט-שולדיקן אין דעמאַסקירן אַזעפן, וועגן דעם, מיט וועלכע שפּיצלעך, אָנשטרענגונגען און שטערונגען עס איז פול געווען דער דעמאַסקירונגס-פּראָצעס. דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד האָט ער אָנגעטראָפן קודם-כל אין צ. ק. גופא פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן און אין דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכע אַזעף איז געווען דער „שטאָלץ פון דער רעוואָלוציע”.

צו דידאָזיקע מאַטעריאַלן זענען נאָך צוגעגעבן געוואָרן שריפטלעכע דאָקומענטן, וואָס שטאַמען פון „גרויסן פּראָוואָקאַטאָר” גופא — אַזעפס ראַפּאָרטן צו דער מאַכט, וועלכע זענען געפונען געוואָרן אין 1917-טן יאָר אין די געהיים-אַרכיוון פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט.

אַ. אַ. אַרגונאָווס און וו. ל. בורצעווס דערינערונגען ווערן ביי אונז צום ערשטן מאָל געדרוקט.

די רעדאַקציע

דער היסטאָרישער אַזעף.

1892-טער יאָר. ראָסטאָוו אויפן דאָן. אַן אָרים קרעמל פון שניט-סחורה. די באַלעבאַטים — גראָדנער „מיעשטשאַנעס" פישל און שרה אַזעף; זיי זענען אָרים, אָבער זייער זון עוונאָ האָט געענדיקט די ראָסטאָווער גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך געלערנט מיט די זין פון פאַרמעגלעכע און חשובע יידן. אמת, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיקט זיין מיטעלע בילדונג, האָט עוונאָ אַזעף זיך פאַרנומען מיט קליינע קאָמיסיאָן-געשעפטן, אָבער דעם „גייסט האָט ער נישט אויסגעלאָשן" און צוזאַמען מיט די גימנאַזיע-חברים האָט ער געצאָלט דעם צינז פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע שטרעבונגען און איז אַריינגעטראָטן אין אַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל, וועלכער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַרבעטער.

אין פרילינג 1892-טן יאָר האָט די ראָסטאָווער זשאַנדאַרמען-מאַכט אָנגעהויבן אַ אויספאָרשונג וועגן דעם, ווער עס פאַרשפּרייט אין שטאָט פּראָקלאַמאַציעס; די מיטגלידער פון קרייזל זענען גע-וואָרן אומרואיק, און עוונאָ אַזעף איז אַנטלאָפן פון ראָסטאָוו. פאַרן פאַרשווינדן האָט אַזעף דורכגעפירט אַ געלונגענעם קאָמי-סיאָן-געשעפט: ער האָט פאַרקויפט, לויט אַן אויפטראַג, פאַר 800 רובל אַ פאַרטיע פוטער און דאָס געלט האָט ער גענומען פאַר זיך.

אין זעלבן 1892-טן יאָר האָט זיך עוונאָ אַזעף באַוויזן אין קאַרלסרוע. ער איז אַריינגעטראָטן אין פאָליטעכניקום און האָט זיך דאָ געלערנט זעקס יאָר. ס'איז אַרויסגעקומען פון אים אַ ספּעציאַליסט-עלעקטריקער און אומקערנדיק זיך קיין רוסלאַנד אין 1899-טן יאָר, האָט ער באַקומען אַ שטעלע אַלס ספּעציאַליסט

אין דער „אַלגעמיינער קאָמפּאַניע פון עלעקטרישער באַלויכטונג". פון אויסלאַנד איז ער געקומען צו פאָרן מיט אַ פרוי און אַ קינד. אין מאָסקווע האָט ער געפירט אַ גרוי, באַשיידן לעבן, האָט געוווינט אין אַ קליינינקער בילינקער דירהלע מיט נידעריקע סופיטן אין איינעם פון די געסלעך אויף וואָזדוויזשענקאַ, מיט אַ אריינגאַנג פון הויף. אָבער הינטער דעמדאָזיקן, פאַר אַלעמען אָפענעם לאַנגזאַם-פליסנדיקן קליין-בירגערלעכן לעבן, איז אָנגעגאַנגען אַן אַנדער לעבן, וואָס איז באַקאַנט געווען בלויז ווייניקע.

דער יונגער אינזשיניער האָט געשפּילט אַ אָנגעזעענע ראָל אין רעוואָלוציאָנערן אומלעגאַלן לעבן. פון מערב האָט ער מיטגעבראַכט גוטע רעקאָמענדאַציעס און פאַרבינדונגען. לויט די איבערצייגונגען און שטימונגען איז ער נאָענט געווען צו די „נאַראָדנישע" סאָציאַל-רעוואָלוציאָנערע קרייזן, איז געווען אין אויסגעצייכנטע באַציאונגען מיט מ. ר. גאָצן און ג. אַ. גערשונין, די פירער פון די יונגע נאַראָדניקעס. אויף דער גרעניץ פון XIX און XX י. ה. איז פאַרענדיקט געוואָרן דער פאַראייניקונגס-פּראָצעס פון די רעוואָלוציאָנער-פאָלקיסטישע גרופּעס און ס'האָט זיך אויסגעפאָרמירט אַן איינהייטלעכע פאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן; עוונאָ אַזעף האָט גענומען דעם נאָנטסטן אָנטייל אין אָרגאַניזירן די פאַרטיי און איז געווען איינער פון אירע גרינדער. ער האָט געאַרבעט אונטער דער פירונג פון ג. אַ. גערשוני, וועלכער האָט גענומען אויף זיך די סאָציאַלע אויפגאַבע — אָרגאַניזירן דעם טעראָר, שאַפן אַן אָפגעזונדערטע, שטרענג-קאָנספּיראַטיווע גרופּע — די „קאַמפס-אָרגאַניזאַציע פון דער פאַרטיי ס.-ר.-ן." דידאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט אין אירע רייען נישט ווינציק הויך-העראָאישע מענטשן, פלעגט אויספירן די אויפטראַגן פון דער פאַרטיי וועגן אויספירן פאָליטישע מאָרדן. עוונאָ אַזעף איז געוואָרן די רעכטע האַנט פון ג. אַ. גערשוני, און נאָך זיין טויט האָט ער זיך געשטעלט בראש פון דער „קאַמפס-אָרגאַניזאַציע" און אויפן דאָזיקן פאָסטן האָט ער דעראָבערט דעם אומבאַגרעניצטן צוטרוי פון צ. ק. פון דער פאַרטיי, ווייל ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פּינקטלעכער און פיינער אויספירער פון די קאָמיסיאָנע אויפטראַגן פונם צ. ק. זיינע קאָמיסיאָנע געשעפטן זענען אריינגעטראָגן אין דער געשיכטע. דער צ. ק. פון דער

פּאַרטיי ס.-ר.-ן האָט געהאַלטן פאַר רעכטצייטיק אַוועקצושיקן אויף יענער וועלט דעם אינערן-מיניסטער פּלעווע, און אַזוי האָט גלענצנדיק אָרגאַניזירט פּלעוועס דערמאָרדונג. נאָכן 9 יאַנואַר האָט דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן באַשלאָסן אומברענגען דעם גרויספירשט סערגעי, און אַזוי האָט אויסגעפירט דעמדאָזיקן אורטייל. אמת, ער האָט געפאָדערט פון זיינע פּאַרטיי-פריינט גרויסע מיטלען, און באַדייטנדיקע סומעס זענען איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין אומקאָנטראָלירבאַרן רשות. חוץ דידאָזיקע גרויסע קאָמיסיאָנע געשעפטן, האָט אַזוי דורכגעפירט נאָך אַ גאַנצע ריי קליינע אויפטראַגן וועגן באַזייטיקן קליינע אַגענטן פון דער מאַכט, אַזוי-צו-זאָגן, פאַרן זעלבן חשבון.

אַזוי זעט אויס אַזעפס צווייט לעבן — דאָס „העראָאישע”.

אָבער הינטער דעם אידילישן בילד פון קליינבירגערלעכן לעבנס-שטייגער, הינטער די פאַרביקע, גלענצנדיקע עפּיזאָדן פון „רעוואָלוציאָנערן קאַמף” האָט געברויזט און געפלאָסן אַן אַנדער לעבן, וואָס איז געווען אומבאַקאַנט פאַר די אַלע, וועלכע זענען געקומען אין באַרירונג מיט אַזעפן אין זיין ערשטן און צווייטן לעבן.

נאָך אין קאַרלסרוע, אַלס סטודענט פון פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, האָט עוונאָ אַזעף, לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו, פאָרגעלייגט זיין דינסט דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט דורך מודיע זיין וועגן דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון זיינע חברים פאַר אַ חודש-געהאַלט פון 50 רובל. דער דעפּאַרטאַמענט האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאַג און גאָר אינגיכן האָט ער געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז דער נייער אַגענט איז אויסערגעוויינלעך נוצלעך. זיין חודש-געהאַלט איז כסדר געוואָקסן, און ווען דער אַגענט האָט פאַרענדיקט זיין העכערע בילדונג, איז ער געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין רוסלאַנד, אונטער דער ספּעציעלער אָנפירונג פונם הויפּט פון דער מאָסקווער אָכראַנע ס. וו. זובאַטאָוו. די אויפגאַבע פון דער אָכראַנע איז געווען צו זיין אין קורס וועגן דער גאַנצער אַרבעט אויף צו פאַראייניקן די ס.-ר. גרופּעס, און אַזוי האָט געלונגען אויסגעפירט דידאָזיקע קאָמיסיע. אַן אַגענט, וואָס שטייט אין צענטר פון דער אָרגאַניזאַציע, — אַן אומשאַצבאַרער געווינס פאַר די אָכראַנע-אָרגאַנען, און עוונאָ

אַזעף איז באמת געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע זיינע העכערע — ראַטשקאָווסקי, ראַטאַיעוו, זובאַטאָוו, געראַסימאָוו. און ווען איבער דעם קאָפּ פון דער רעגירונג האָבן גענומען קנאַלן די טעראָריסטישע דונערן און בליצן, האָט מען אַזעפן געגעבן אַן אויפטראַג — געווינען גערשוניס צוטרוי, אים פאַרראַטן און שטעלן זיך אין צענטר פון דער טעראָריסטישער אַרבעט. אַזעף האָט אויסגעפירט אויך דעמדאָזיקן אויפטראַג. ער פלעגט אויסגעבן די רעוואָלוציאָנערן אין די צענדליקער און הונדערטער, פלעגט זיי פאַרשיקן, פאַרשפאַרן אין תפיסות, שיקן אויף קאַטאָרגע און אויף דער תליה. מען האָט דאָך געמוזט פאַרדינען די קאָמיסיאָן-געלטער, וועלכע פלעגן געגעבן ווערן חודשלעך און זענען דערגאַנגען ביז 12.000 אַ יאָר צון הוצדעם אין דער פאָרם פון אַ פרעמיע-באַלוינונג כמעט נאָך אַמאָל אַזאַ סומע.

אַזוי האָט דער מענטש געלעבט און לאַווירט צווישן די רעוואָלוציאָנערן און די אַגענטן, און אין אַלע דריי ספערן פון זיין לעבן, אין פאַמיליע-לעבן, אין רעוואָלוציאָנערן און בוגדישן לעבן — האָט ער גענאָסן אַ גרעניצלאָזן צוטרוי, און קיינער נישט — נישט דאָס ווייב, נישט דער צ. ק. פון די ס. ר., נישט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט — האָט גאָרנישט געקאָנט טראַכטן, אַז עוונאָ פיליפּאָוויטש (פאַרן שטייגער-לעבן), איוואַן ניקאָלאַיעוויטש (פאַר דער רעוואָלוציע), ראַסקין און ווינאָגראַדאָוו (פאַר דער אָכראַנע) האָט געקאָנט זיין נישט דאָס, וואָס ער האָט אויסגעזען צו זיין. און דאָס אַלץ, נישט געקוקט אויף דער אָפּשטויסנדיקער אויסערלעכקייט.

„אַ דיקער, איינגעבויגענער, העכער ווי מיטלמעסיק, די הענט און פיס — קליין, די האַלז — דיק, קורץ. דאָס פּנים אַ קיילעכדיקס, אָנגעשוואָלנס, געל-ברוינס; דער שאַרבן — אויבן-צו פאַרשמעלערט; די האָר — גלייכע, האַרטע, געוויינלעך קורץ-געשוירענע; אַ טונקעלער שאָטן. דער שטערן — אַ נידעריקער, די ברעמען — טונקעלע, די אינערלעכע עקן לייכט אויפגעהויבן; די אויגן — ברוין, אַביסל אַרויסגעזעצט. די נאָז — אַ גרויסע, אַ צו-געפּלאַטשיקטע, די באַקן-ביינער שטאַרטשען אַרויס, איין אויער שטייט אָפּ; די ליפּן — זייער דיקע און אויפגעצויגענע, זינלעכע; די אונטערשטע טייל פּנים אַביסל אַרויסגערוקט אויף פאָראויס.

די באָרד פלעגט ער געוויינלעך גאָלן, די וואָנצעס פלעגט ער טראָגן אונטערגעשוירענע".

דאָס זענען די אָביעקטיווע סימנים, און אָט זענען אויך סוביעקטיווע נאָטיצן: „אַן עד-ראיה — וועלכער האָט געזען אַזעפן נאָך אין 1898-טן יאָר אין אַ סטודענטן-קיך, ווען ער פלעגט מיט זיין שווערער פיגור, ברייט צעשטעלנדיק די פיס, בלייבן שטיין אומבאַוועגלעך אינמיטן זאַל, דרייענדיק בלויז אויף אַלע זייטן מיט די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן און אַרויסשטעלנדיק די גראָבע ליפן, — האָט געזאָגט, אַז איר וואָלט שרעקלעך געוועז טרעפן זיך מיט אים נישט נאָר ביינאַכט אין אַ פינסטערן וואַלד, נאָר אויף דעם באַלעבטן נעווסקי". דער איינדרוק פון דעם עד-ראיה איז דורכגעגאַנגען, פאַרשטייט זיך, דורך דער פריזמע פון די שפּעטערדיקע עמפינדונגען, אָבער אַזעפס חברים האָבן אין דער געמיינזאַמער אַרבעט נישט געשפּירט די אָפּשטויסנדיקע מאָמענטן פון דער פיזישער פערזענלעכקייט פון זייער פירער.

און נאָך ווינציקער האָבן געקענט שפּירן אַן עקל צו אַזעפן די-יעניקע, וועלכע האָבן געזען פון זיין ברייטער האַנט, פאַר וועמען עס זענען געגאַנגען די אָפּשפּאָרונגען פון די סומעס, וועלכע ער פלעגט באַקומען, סיי אויף דורכצופירן מאָרדן, סיי אויף אָפּצוּווענדן דידאָזיקע. דאָס זענען — פרויען פון פרייער און לייכטער ליבע, פּראָסטיטוטקעס פון שאַנד-הייזער, פרייע גאַסן-פרויען, אַקטריסעס פון וואַריעטעס, שאַנסאָנעטקעס... אַזעפס גן-עדן... אַן אמתער, עכטער גן-עדן... אַזעף איז נישט געווען קיין שיכור, ער איז אָבער געווען תאוהדיק. אַזעפס דאָזיקער גן-עדן איז שוין זיכער קיינעם נישט באַקאַנט געווען. און דאָ האָט ער געפונען זיין גליק, טרעפנדיק אַ געוויסן שאַנטאַן-שטערן, וועלכע האָט געהאַט דערפאָלג אין פּעטערבורגער „אַקוואַריום", מאָסקווער „יאַר" און אין פאַרשידענע „טיוואָליס", „שאַטאָ-דע-פלער"ס און אַז. וו. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע פרוי, וועלכע האָט הערשעריש גענומען אַריבערציען צו זיך אַזעפס אָפּשפּאָרונגען, די רעוואָלוציאָנערע און די רעגירונגס-אָפּשפּאָרונגען, זי האָט אַרונטערגענומען אונטערן קנאַפּל דעם פירער פון דער „קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע". דער אויספירער פון אירע קאָמיסיאָנע אויפטראַגן איז געוואָרן עוונאַ אַזעוו, אַ קליינבירגער-קאָמיסיאָנער.

אין משך פון 16 יאָר האָט אַזעף געדינט דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט; העכער 10 יאָר האָט ער געאַרבעט אין דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן און די גרעסטע טייל פון דערדאָזיקער צייט אין דער „קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן", און חוצדעם, אין צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן. אָבער לסוף איז אויסגעבראָכן די קאַטאַסטראָפע. אַזעפס מאַסקע איז אַראָפּגעריסן געוואָרן, און זיין פאַרראַט איז דעמאַסקירט געוואָרן. אַ בליץ אָן אַ דונער... קיינער האָט נישט געגלויבט: אַזעפס פרוי האָט אַפילו נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק וועגן מאַנס פאַרראַט, דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן האָט געהאַלטן, אַז יעדער פּרוּוו צו פאַרשוואַרצן אַזעפס פּנים קומט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, און סטאָליפּין האָט זיך אין דער גאָס. דומע געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט פאַר זיין אַגענט און האָט אויפגעוויזן, אַז דאָס איז געווען דער ערלעכסטער אַגענט אין דער וועלט...

אַזעף איז דעמאַסקירט געוואָרן, ביי די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אים געמשפּט, האָט זיך די האַנט נישט געהויבן אויף זייער קאָמיסיאָנער: זאָל זיין אַז נישט תמיד איז ער געווען געטריי, אָבער די הויפּט-אויפטראַגן האָט ער פּאָרט אויסגעפירט. אַזעף, וועלכער האָט אין פעריאָד פון דער דעמאַס-קירונג דערוואָרבן דעם רום פון אַ „גרויסן פּראָוואָקאַטאָר", איז אַנטלאָפן פון דער נקמה פון זיינע פּאַרטיי-חברים און ער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דער אומבאַקאַנטקייט, ריכטיקער אין זיין פאַר אַלעמען אומבאַקאַנטן גן-עדן צוזאַמען מיט דעם „שאַנטאַן-שטערן".

אַזעף איז אַנטלאָפן פון דער נקמה, און זי האָט אים נישט דערגרייכט. פאַרקערט: ער האָט פול איבערגעלעבט דעם גליק פון קליין-בורזשואַזן לעבן. ער, וועלכער האָט געשפּילט מיט מענטשלעכע לעבנס, איז איבערגעגאַנגען צו אַ מער רואיקער שפּיל — צו אַ שפּיל אויף בירזשע-ווערטן. „אַ מענטש פון אויסערגעוויינלעכן שכל, מיט מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט, אַ רואיקער, אַ מיושבדיקער, אַ קאַלטער און פאַרזיכטיקער ביז גאָר, איז ער ווי געבוירן געווען פאַר גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעטן. אַ זעלטענער עגאָאיסט, האָט ער קודם-כל פאַרפּאָלגט זיינע אייגענע אינטערעסן, און כדי

זיי צו דערגרייכן האָט ער באַטראַכט פאַר פּאַסיק אַלע מיטלען — מאָרד און בגידה אַריינגערעכנט", — אַזוי כאַראַקטעריזירט אַזעף אַ ברודער לויט דעם פאַך, דער טרויעריק באַרימטער זשאַנדאַר־מישער גענעראַל און היסטאָריקער ספּירידאָוויטש. אָבער אַזאַ כאַראַקטעריסטיק פּאַסט אַקוראַט פאַר אַ בירזשע־שפּילער, און אַזאַ איז טאַקע געוואָרן אויף דער עלטער דער אויסערגעוויינלעכער קאָמיסיאָנער אַזעף, און ער האָט געהאַט דערפאָלג אויף דער בערלינער בירזשע און ער האָט געקענט צונויפקלייבן זיינע בירזשע־פרייַנט אין אַ סאָלידער דירה פון זעקס צימערן אין אַ גוטן ראַיאָן אין בערלין. ניימאַיער, — אַזוי האָט זיך גערופן אין יענעם פעריאָד אַזעף און זיין נייע פרוי, די געוועזענע שאַנסאָנעט־זינגערין, וועלכע האָט אויפגעהיט איר גאַנצן גלויבן אין איר באַשיצער. אין דערדאָזיקער גרויסער דירה מיט די הויכע סופיטן פלעגט מען דערלאַנגען די דייטשע געסט טיי פון אַ עכטן רוסישן סאַמאָוואַר און מען פלעגט שפּילן אין ווינט נישט אויף קלייניקייטן...

אַזוי איז זיך רואיק געפלאָסן דאָס לעבן פון געוועזענעם „גרויסן פּראָוואָקאַטאָר", און ס'איז נויטיק געווען די אַריינמישונג פון סטיכישע כוחות, כדי אַריינצוברענגען אַ דעזאָרגאַניזאַציע אין דאָזיקן בורזשואַזן לעבנס־שטייגער, ס'איז נויטיק געווען די גרויסע אימפּעריאַליסטישע מלחמה. זי האָט אויסגעמישט אַזעפס קאָרטן און האָט דערלאַנגט אַ טויט־קלאַפּ אַזעפס בירזשע־קאָמבינאַציעס און זיין מאַטעריעלן וווילשטאַנד, און חוצדעם האָט מען אים אַרעסטירט, אַלס ציווילן קריגס־געפאַנגענעם, וואָס איז חשוד אין אַנאַרכיזם, און נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען צו דערווייזן, אַז ער איז נישט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר אַ רעגירונגס־אַגענט אין קאַמף מיט דער רעוואָלוציע, האָט מען אים אַרויסגעלאָזן פון תפיסה ערשט סוף 1917־טן יאָר. אַזעף האָט איבערגעלעבט שווערע מינוטן, אָבער די שאַנסאָנעט־זינגערין האָט געזאָרגט, לויט אירע מעגלעכקייטן, וועגן איר באַשיצער. אַזעף פלעגט זיך איבערשרייבן מיט איר און פלעגט איר לערנען די כללים פון אויפפירן זיך אין דער פאָרם פון אַפאָריזמען. באַלערנט דורך דער לעבנס־דערפאַרונג, פלעגט ער לערנען:

„פאַראַכט נישט קיין מענטשן, האָב זיי נישט פיינט, לאַך נישט אָפּ פון זיי צו פיל, האָב רחמנות אויף זיי".

אָדער:

„נאָך דער תּפלה בין איך געווײנלעך פרײלעך און כ'פיל זיך גוט און גײסטיק שטאַרק. אַפילו די לײדן שטאַרקן מיך צײטנ-ווײז. יאָ, אויך אין לײדן איז דאָ גליק, — נאָענטקײט צו גאָט. אין אונזער אומרואיקער, אײליקער צײט פאַרגעסט געווײנלעך דער מענטש דאָס בעסטע, וואָס ער טראָגט אין זיך, — און בלויז די לײדן גיבן אים גליק, באַוועגנדיק אַ קוק צו טאָן אויף זיך פון אַ בעסערער זײט און הכנעהדיק דערנענטערן זיך צו גאָט".

אָט וווהין עס האָט אָנגעשפּאַרט דער פּראָוואָקאַטאָר-קאָמיסיאָנער, אָט צו וועלכע גײסטיקע הויכקײטן עס האָט זיך דערהויבן דערדאָזיקער מיט מענטשלעכן בלוט באַגאָסענער אויסוואורף, און פון דידאָזיקע הויכן ברענגט ער אַראָפּ די לוחות פון זיט-לעכקײט און געזעץ דער געוועזענער קאַפּע-שאַנטאַנער זינגערין. זאָל אָבער דער לײענער נישט מײנען, אַז אַזוי האָט געפילט געוויסנספּײן. ס'הויבט זיך נישט אָן: „מיך האָט געטראָפן אַן אומגליק, דאָס גרעסטע אומגליק, וועלכעס קען נאָר טרעפן אַן אומשולדיקן מענטשן און וועלכעס מען קען פאַרגלײכן בלויז מיט דרײפוסעס אומגליק".

נישט לאַנג האָט אַזוי שפּאַצירט אויף דער פרײ נאָכן באַפרײט ווערן פון דער תּפיסה. אין אַפּריל 1918 האָט ער זיך געלײגט אין שפּיטאָל, און דעם 24-טן אַפּריל איז ער געשטאָרבן פון אַ פאַרשאַרפטער נירן-קראַנקהײט. באַגראָבן האָט אים די גע-וועזענע שאַנסאָנעט-זינגערין. זי זאָרגט אויך פאַר זײן קבר, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַן אײזערנער קראַטע און איז באַצירט מיט גרינס, מיט בלומען. עס זענען אָבער נישטאָ קײן שום אויפשריפטן: בלויז אַ בית-הקברות ברעטל מיטן נומער פון אָרט — 446. די זינגערין האָט בכּיוון מיט גאָרנישט נישט באַצײכנט אַזעלכס קבר, זי זאָגט:

„איר ווײסט, דאָ זענען איצט דאָ אַזוי פיל רוסן, זײ קומען אַהער אָפט... עמיץ וועט דורכלײענען, זיך דערמאָנען דאָס אַלטע, — עס קענען אַרויסקומען אומאָנגענעמלעכקײטן. מען דאַרף בעסער נישט".

פ. יע. שטשעגאָלעוו.

אַזעף — אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

שרייבן וועגן אַזעפן — הייסט שרייבן אויך וועגן דער פּאַרטיי ס.—ר.—ן. די גאַנצע קאַריערע פון דאָזיקןווירטואָז-פּראָוואָקאַטאָר איז דורכגעפלאָסן אין די רייען פון דער פּאַרטיי. אַזעפס באַציאונגען מיט דער פּאָליציי האָבן זיך אָנגעהויבן שוין פון לאַנג, נאָך פון די סטודענטישע יאָרן זיינע, ווען ער פלעגט „באַלויכטן" די קליינינקע סודות פון די סטודענטישע קרייזלעך אין היידעלבערג. דאָס זענען אָבער געווען די אומזיכערע טריט און די שלעכט-באַצאָלטע דינסט פון אַ פשוטן שפּיאָן. אויפן וועג פון פּראָוואָקאַציע איז ער פעסט אַרויפגעטראָטן און איינגיכן זיך אויסגעצייכנט ווען ער האָט פאַרבונדן זיין גורל מיט דער פּאַרטיי ס.—ר.—ן, ספּעציאַליזירנדיק זיך אויפן געביט פון טעראָר. בלויז אין דאָזיקן פעריאָד איז אַזעף אינטערעסאַנט פאַרן היסטאָריקער און פּסיכאָלאָג, ווייל נאָר דאָ האָבן מיר פאַר זיך באמת אַ גרויסן פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער פאַרראַט און טויט מיט איין האַנט זיינע חברים לויט דער פּאַרטיי, און מיט דער צווייטער — די אַגענטן פון דער מאַכט ביז מיניסטאָרן און דעם קייזער. און דאָס אַלץ, דאָסדאָזיקע קאָמפּליצירטע, טאָפּלגעשטאַלטיקע לעבן האָט זיך געצויגן נישט קיין חדשים, נאָר יאָרן; דאָס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן יאָרצענדליק. סאַראַ רייכע כראָניק און סאַראַ רייכער מאַטעריאַל פאַר אַ ראָמאַניסט! אַזעפס נאָמען וועט ווערן און איז שוין געוואָרן אַ שם-נרדף, ווי דער נאָמען פון יהודה.

כ׳נעם זיך נישט אונטער צו געבן אַזעפס פּאָרטרעט. זאָלן דאָס טאָן אַנדערע. מיין באַשיידענע אויפגאַבע באַשטייט אין געבן מאַטעריאַל, פאַקטן. כ׳האָב געקענט אַזעפן גאַנץ נאָנט און נישט קיין קורצע צייט: פונקט צען יאָר. אין 1899-טן יאָר האָבן מיר זיך געטראָפן אין מאָסקווע, דריקנדיק זיך דאָס ערשטע מאָל די

הענט, און פונקט אין צען יאָר אַרום — אין 1909־טן יאָר איז ער, דער פּראָוואָקאַטאָר, אַנטלאָפן פון פּאַריז, ראַטעווענדיק זיך פון נקמה.

ס׳איז שווער דערמאָנען זיך דאָס לאַנג־פאַרגאַנגענע, פעסט־שטעלן פּערזאָנען און גענויע דאַטן פון געשעענישן און אויב מיר איז דאָס פּאַרט געלונגען צו טאָן בנוגע די עיקרדיקסטע מאָ־מענטן פון דער געשיכטע פון דער פּאַרטיי ס.־ר.—ן און בנוגע אַזעפס אויפפירונג, האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען מיינע צופעליק אויפגעהיטע נאָטיצן, וועלכע איך האָב געמאַכט אין די עמיגראַנ־טישע יאָרן 1909—1910. אין מיין באַשרייבונג האָב איך אויסגע־מיטן צו דערציילן וועגן פאַקטן, וועלכע זענען מיר פּערזענלעך ווינציק באַקאַנט, אָדער וועלכע זענען נישט גענוי פעסטגעשטעלט. הוצדעם האָט מען געמוזט — צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים — אויס־באַהאַלטן אונטער אויסגעטראַכטע איניציאַלן אַ סך פאַמיליעס פון די האַנדלענדיקע פּערזאָנען.

און פונדעסטוועגן לאָז איך אַ סך דורך און וועגן אַ סך זאַכן רייד איך דרך אגב, ווייל אַנדערש וואָלט מען געדאַרפט שרייבן אַ באַנד, און אפשר בענדער, ווייל דאָס וואָלט געהייסן שרייבן די געשיכטע פון דער פּאַרטיי ס.־ר.—ן, אויף וועמעס פּאָן עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די פינסטערע טראַגעדיע — די אַזעפשטשינע.

ווענדנדיק זיך צו דאָס לאַנג פאַרגאַנגענע, צו די פאַקטן פון אַמאָליקן לעבן און אַמאָליקער טעטיקייט, פאַרזינקסטו אין אַ גאַנצער וועלט געשטאַלטן, געשעענישן, איבערלעבענישן; אַ בילד נאָך אַ בילד וויקלט זיך פאַנאַנדער דאָס ברייטע פעלד פון דער רוסישער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכער מען האָט אָפּגעגעבן אַזוי פיל לעבן, וועלכע האָט אויפגעפרעסן אַזוי פיל אומזיסט־פאַרשווענדעטע ענערגיע און האָט געגעבן אַזוי פיל פריידן; און דעריבער ווילט זיך דידאַקטיק שורות מיינע, דידאַקטיק דערינערונגען מיינע ווידמען איר, דער אומ־לעגאַלער באַוועגונג — דער דרייפאַך פאַרשאָלטענער און דרייפאַך גע־בענטשטער.

די ערשטע באַגעגעניש מיט אַזעפֿן.

דאָס איז געווען אין האַרבסט 1899־טן יאָר. אונזער מאָסקווער גרופּע (וועלכע האָט זיך גערופֿן „פֿאַרבאַנד פֿון סאָצ.־רעוואָלוציאָנערן״) *) איז געשטאַנען אין באַלעבטע באַציאונגען מיטן אויסלענדישן פֿאַרבאַנד פֿון די רוסישע סאָצ.־רעוו.״ (דורך דעם פֿאָרפּאָלק זשיטלאָווסקי אין בערן), כדי צו באַזאָרגן זיך מיט ליטעראַטור. קיין אייגענע ליטעראַטור האָבן מיר כמעט ווי נישט געהאַט (אָחוץ מיין בראָשור „אונזערע אויפגאַבן״, האָבן מיר אַרויסגעלאָזן נישט מער ווי עטלעכע פֿלוג־בלעטלעך), און דאָס האָט אונז געצוווּנגען זיך נעמען איינאָרדנען דעם טראַנספּאָרט פֿון אויסלאַנד.

סוף אָקטאָבער (אָדער אין נאָוועמבער) 1899־טן יאָר האָבן מיר באַקומען פֿון זשיטלאָווסקין אַ שיפֿרירטע ידיעה, אַז ס'וועט קומען צופֿאָרן צו אונז אַ מענטש, מיט וועלכן מיר קענען זיך צונויפֿריידן וועגן איינאָרדנען דעם טראַנספּאָרט; דערציילן וועט אונז אָבער וועגן דאָזיקן מענטשן אַ צווייטער, וועלכער וועט אַראָפּקומען צו אונז איינגיכן.

דערדאָזיקער מענטש איז געווען אַזעף.

אָבער מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַזעפֿן איז פֿאָרגעקומען מיט עטלעכע טעג פֿריער אין אַ צווייטן אָרט.

---

*) די געשיכטע ווי ס'איז אַנטשטאַנען דער „פֿאַרבאַנד״ און זיינע אויפֿגאַבן זענען דערציילט געוואָרן אין די הויפּט־פּונקטן אין מיין אַרטיקל „פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט פֿון דער פּאַרטיי ס.־רן.״, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין אָקטאָבער־ביכל פֿון זשורנאַל „בילאָע״ פֿון 1907־טן יאָר.

אין מאָסקווע האָט אין יענער צייט עקזיסטירט אַ קרייז פּער-זאָנען, וועלכער האָט זיך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען, פלעגט איינאָרדנען רעפּעראַטן, לייען-אָוונטן. ער פלעגט זיך צונויפקומען אויף דער דירה פון יע. אַ. נעמטשינאָוואַ. לויט דער ריכטונג איז דער קרייזל געווען אַ מאַרקסיסטישער, אויף די זשורפיקסן אין נעמטשינאָוואַס דירה פלעגט זיך צונויפקלייבן אַ פאַרשידנ-אַרטיקער אינטעליגענטער עולם, און עס פלעגן געפירט ווערן באַלעבטע דעבאַטן אויף דער דעמאָלט אַקטועלער טעמע: מאַרקסיזם און „נאַראָדניטשעסטוואָ”.

אויף איינעם פון אַזעלכע זשורפיקסן האָט זיך באַוויזן אַ נייער גאַסט, וועלכער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערק-זאַמקייט דורך זיין אויסערגעוויינלעכן אויסערלעכן אויסזען: אַ דיקער, מיט נישט קיין אינטעליגענטן פּנים, מיט אַרויס-שטאַרצנדיקע באַקן-ביינער. מען האָט זיך געאַמפּערט אַרום מיכאַילאָווסקיס נאָמען. דער נייער גאַסט האָט געשוויגן, אָבער אָט האָט ער זיך אויפגעהויבן און מיט אַ אויפגערעגטן קול גענומען פאַרטיידיקן מיכאַילאָווסקין, לייגנדיק באַזונדערס דעם טראָפּ אויף דער טעאָריע פון קאַמף פאַר דער „אינדיווידואַליטעט”. די רעדע האָט געדויערט גאַנץ לאַנג און האָט געמאַכט אויף די אַנ-וועזנדיקע אַ איינדרוק מיט איר אויפריכטיקייט און באַקאַנט-שאַפט מיטן ענין.

די פאַמיליע פון גאַסט איז אָבער געבליבן אומבאַקאַנט פאַר אַלעמען (אַ חוץ די באַלעבאַטים), און ער איז אַוועקגעגאַנגען דער ערשטער. דאָס איז געווען אַזעף.

אינגיכן איז אַזעף געקומען צו אונז אויף דער דירה אין מאַשקאָווער געסל, האָבנדיק דעם אַדרעס און רעקאָמענדאַציעס (ווי כ'האָב שוין געזאָגט אויבן) פון זשיטלאָווסקין. איך בין נישט געווען איינדערהיים. כ'בין געווען אונטערוועגס. אַזעף האָט דער-קלערט, אַז ער וויל איבערגעבן דעם ענין בלויז מיר, אָבער נאָך געוויסע אונטערהאַנדלונגען איז ער מסכים געווען צו קומען אינאָוונט, ווען עס וועט זיין ביי אונז אַ. טש. (אַ מיטגליד פון אונזער גרופּע, וועלכער איז שפּעטער צוגעצויגן געוואָרן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אין שייכות מיט אונזער פּראָצעס). אַזעף און טש. האָבן זיך געטראָפן ווי גוטע באַקאַנטע

אין יענעם יאָר איז טש. געווען אין אויסלאַנד, ער האָט זיך נאָנט באַקאַנט מיט אַלע פּערזאָנען פון פאַרבאַנד פון די רוס. סאָצ. רעוו. און ער האָט זיך געטראָפן מיט אַזעפן, וועלכער האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק דורך זיין שטענדיקער גרייטקייט העלפן מיט וואָרט און טאַט. אַלס רעוואָלוציאָנער האָט זיך אַזעוו, לויט טש.—ס רייד, מיט גאָרנישט נישט רעקאָמענדירט און בכלל האָט ער נישט געהאַט קיין באַשטימטע פיזיאָנאָמיע. ער האָט גיכער געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ „סימפּאַטיקער". מיט זשיטלאָווסקין און די איבעריקע מיטגלידער פון אויסלענדישן פאַרבאַנד איז ער געווען אין גוטע און אָפטע באַציאונגען און איז געווען באַהאַוונט אין אַלץ. דאָס האָט די זשיטלאָווסקיס געגעבן אַ מעגלעכקייט צו רעקאָמענדירן אים פאַר אונז, אַלס מענטשן, וואָס פאַרדינט פולן צוטרוי. דער ערשטער צונאָמען זיינער איז געווען „פּראַנצויז", ווי אויך „פּלאַנטאַטאָר". אין שמועס מיט טש.—ן אין אונזער דירה האָט אַזעף געגנוי דערציילט, וואָס עס טוט זיך אין אויסלאַנד, וועגן ליטעראַטור און דעם טראַנספּאָרט און וועגן דעם, אַז צו אונז וועט קומען אַ געוויסער דיזשור, דורך וועלכן מיר וועלן איינשטעלן פעסטע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד.

אינגיכן איז געקומען צופאָרן דיזשור, ער האָט דער ערשטער אונז באַקאַנט געמאַכט מיט דער טעטיקייט און די פּלענער פון דער אויסלענדישער „אַגראַרער ליגע" און ער האָט אונז באַזאָרגט מיט אַלע טעכנישע אָנווייזונגען פאַרן טראַנספּאָרט. גלייך ביי דער ערשטער טרעפונג האָט מען באַמערקט, אַז דיזשור ווערט נאָכשפּיאָנירט. ביים טויער פון אונזער הויז האָט זיך באַוויזן אַן אַגענט, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען דיזשורן. דאַן האָבן מיר אָפּגערעדט טרעפן זיך מיט אים אין אַ צווייטן אָרט און כדי צו קאָנטראָלירן, צי שפּירט מען אים באמת נאָך, האָבן מיר באַשטימט די טרעפונג אויף 12 אַזייגער ביינאַכט ביי די פּאַטריאַרשע אָזערעס. אויף דער טרעפונג זענען געגאַנגען טש. און אַזעף. ביידע האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז דיזשורן שפּירט מען נאָך, דערביי האָט דער שפּיאָן געמאַכט אַ פּרווו נאָכצושפּירן אויך טש.—ן; וואָס שייך אַזעפן האָט ער נישט געזאָגט, צי האָט מען אויך אים נאָכגעשפּירט; דער אויסזען זיינער איז געווען אַ פאַרזאָרגטער, ווי תמיד.

אָזעף — אַ פּאָליציי־אַגענט, וואָס שפּירט נאָך אַ צווייטן פּאָליציי־אַגענט, — דאָס איז געווען דער זין, וועלכן מיר האָבן דאַן נישט פאַרשטאַנען, פון דער נאַכט־סצענע ביי די פּאַטריאַרשע אָזערעס.

ווייטערדיקע קאָנטשאַפט מיט אַזעפן.

אין דער ערשטער צייט פון דער באַקאַנטשאַפט מיט אַזעפן זענען אונזערע טרעפונגען געווען זעלטענע, און עס זענען נישט געווען קיין שום ענינים, וואָס זאָלן אונז פאַרבינדן און באַוויגן צו באַזוכן איינער דעם אַנדערן. דער נייטראַלער באָדן, אויף וועלכן מיר פלעגן זיך צום אָפטסטן צוזאַמענשטויסן, איז געווען די „געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקער הילף פון פערזאָנען פון אינ־טעליגענטע פּראָפעסיעס”, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן סוף 1899־טן יאָר אין מאָסקווע. דורך גרינדן דידאָזיקע געזעלשאַפט איז מען אויסן געווען אַריינצוברענגען אַ באַלעבונג אין מאָסקווער עולם. איך האָב גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער געזעלשאַפט און כ'האָב זיך באַטייליקט אין אַ סך קאָמיסיעס אירע. אין דער געזעלשאַפט זענען געווען מיטגלידער פערזאָנען פון די פאַרשידנסטע אינטעליגענטע פּראָפעסיעס און מיט פאַרשידענע צילן.

מיטגלידער זענען געווען מער ווי טויזנט. די מערהייט האָט נעזוכט פּשוט אַ דערנענטערונג, און אַ קלײנער טייל (די רעוואָ־לוציאָנערע) האָט געהאַט בדעה איינצואָרדענען אונטערן דעקמאַנטל פון דער געזעלשאַפט, מיט אירע געזעצלעכע פאַרזאַמלונגען, זייערע אומלעגאַלע ענינים. בכלל איז דער כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפט געווען אַ גאַנץ פרידלעכער (אַ באַווייז דערפאַר איז דער פאַקט, וואָס די ערשטע צייט פלעגן מיר זיך צונויפקלייבן אין דער דירה פון מאָסקווער וויצע־גובערנאַטאָר, וועלכער האָט זיך צוזאַמען מיט זיין פרוי פאַרשריבן אַלס מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט), און איר איינציקער רעוואָלוציאָנערער אַקט איז מסתמא געווען דאָס, וואָס זי האָט פייערלעך אויסגעוויילט נ. ק. מיכאַילאָווסקין און ל. נ. טאָלסטאָיען אַלס אירע ערן־מיטגלידער. די געזעלשאַפט איז פונדעסט־וועגן אינגיכן פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער אַדמיניסטראַציע, ווייזט אויס, אַז צוליב דער שעדלעכער ריכטונג; לכל הפחות, די

אַדמיניסטראַציע האָט נישט געוואָלט דערקלערן די סיבות פון דער פאַנאַנדערלאָזונג.

אַזעף איז אַריינגעטראָטן אַלס מיטגליד פון דער געזעלשאַפט און די ערשטע צייט איז ער געווען אַ גאַנץ פּינקטלעכער באַזוכער פון די פאַרזאַמלונגען און קאָמיסיעס. כ׳געדענק נישט, ער זאָל האָבן אַרויסגעטראָטן אָפן מיט וואָסערע־נישט־איז פאָרשלאַגן, אָדער ער זאָל האָבן אָנטיילגענומען אין די דעבאַטן, אָבער זיין פיגור האָט מען אָפט געזען אין לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט, און דאָס רוב פלעגן אונזערע צוזאַמענטרעפן פאָרקומען אין דאָזיקן לאָקאַל (אויף דער ג. ניקיטינשער גאַס) אָדער אין פּריוואַטע דירות, ווו עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען די קאָמיסיעס. אין אונזער דירה פלעגט ער נישט קומען.

אין דאָזיקן פּעריאָד פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט האָט אַזעף בכלל געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מענטשן אַ סימפּאַטי־זירנדיקן, נישט קיין פּחדן, צו וועלכן מען קען זיך ווענדן נאָך אַ טובה, נאָך הילף און וועלכער איז, לויט זיינע אָנשויאונגען, נוטה צו אונז (דער לעצטער אויספיר האָט באַזירט, דער עיקר, אויף זיין רעדע לטובת מיכאַילאָווסקין אויף דער דירה פון דער נעמטשינאָוואַ און אויף די רעקאָמענדאַציעס פון די אויסלענדישע חברים).

ס׳האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויך זיין איינגעהאַלטנקייט, שווייגעוודיקייט, זיין פעאיקייט צו קאָנספּירירן (און מיר האָבן שטרענג קאָנספּירירט) און דער מאַנגל פון פוסטער נייגעריקייט. אין הסכם מיט דעם האָבן מיר זיך געהאַלטן מיט אים, ווי מיט אַ סימפּאַטיזירנדיקן, — נישט אַריינפירנדיק אים אַלס מיטגליד אין אונזער גרופּע און נישט אינפאָרמירנדיק אים אין אונזערע אינטימע ענינים.

אַ ענגערע דערנענטערונג האָט זיך אָנגעהויבן אין קומענדיקן 1900־טן יאָר.

די ערשטע טריט נאָכן אָרגאַניזירן דעם אָרגאַן „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָססיאַ״.

אַלס זיין הויפּט־אויפגאַבע האָט אונזער פאַרבאַנד תמיד

באַטראַכט די פאַראייניקונג פון אַלע דעמאָלטיקע קריַיזלעך פון דער עסערישער (אָדער ריכטיקער „נאַראָדאָוואָלישער") ריכטונג אַרום אַוועלכער-נישט-איז אַלגעמיינער אונטערנעמונג. דידאָזיקע אונטערנעמונג האָט געדאַרפט זיין אַ ליטעראַרישע זאַך, באַזונדערס — דאָס אַרויסגעבן אַ פעריאָדישן אָרגאַן. אונזער אַלטער טרוים איז געווען צו שאַפן אַזאַ אָרגאַן. אונזערע כחות זענען געווען נישטיק, אַלע ענינים האָבן מיר געפירט אַליין, קאָנספּיראַטיוו, באַמיענדיק זיך נישט צו פאַרבינדן זיך מיט ברייטע באַציאונגען, נישט אָנטרויען קיין איבעריקע מענטשן אַפילו קליינינקע אויפטראַגן. מיר האָבן געהאָפט אָנצוהויבן אַ ברייטערע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט ערשט נאָכדעם, ווי מיר וועלן שוין האָבן געשאַפן עפּעס רעאַלס, אַ וועלכע-נישט-איז אונטערנעמונג. ס'איז דעריבער נאַטירלעך, וואָס ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט די אָרגאַניזאַציע פון אַ ליטעראַרישער אונטערנעמונג געפאָדערט אַ סך צייט און אַ סך אָנשטרענגונגען. מען האָט געדאַרפט איינאָרדנען אַ טיפּאָגראַפיע, זעלבשטענדיק אָנפירן מיט איר און גלייכצייטיק זיכערן די צווייטע, די אידעאישע זייט פון דער אויסגאַבע.

די באַמיאונגען וועגן איינאָרדנען אַ טיפּאָגראַפיע האָבן מיר אָנגעהויבן האַרבסט-צייט 1899-טן יאָר, נאָך איידער אַזוף האָט זיך באַוויזן אויף אונזער האָריזאָנט. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אונטערנעמונג קען מען אָנהויבן אין סיביר, אויף איינעם פון די איבערוואַנדערונגס-פונקטן, וווּ מיר האָבן געהאַט אייגענע מענטשן. די הסכמה איז פון דאָרטן באַקומען געוואָרן, און ס'האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו שאַפן שריפט און די איבעריקע מכשירים. אויפן צוריקוועגס פון סיביר האָט אונזערער אַ חבר, וואָס איז געפאָרן אַהין, אָנגעקניפּט אין סאַמאַרע באַציאונגען מיט אַ פעטערבורגער זעצער, וועלכער האָט איינגעשטימט צוצושטעלן שריפט. געהאַנדלט האָט ער נישט אינגאַנצן געוויסנהאַפט און געגומען אַן אומברחמנותדיקן פּרייז. אַ פוד האָט געקאָסט 80 — 100 רובל. געשלעפּט האָט ער דעם שריפט אין קליינינקע דאָזעס אין משך פון ווינטער און פרילינג 1900-טן יאָר. דער שריפט איז געלעגן אין פעטערבורג ביי אונזער אָרטיקער גרופּע און דערנאָך איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן קיין מאָסקווע. אַלע אָפּעראַציעס אין דאָזיקן און אין וויַיטערדיקן פּעריאָד זענען

דורכגעפירט געוואָרן אוממיטלבאַר דורך אונז. אַזוף האָט וועגן דידאָזיקע ענינים גאָרנישט געוווסט און מיר האָבן נישט באַקומען פון אים קיין שום הילף. בכלל, אין די פרילינגס-חדשים פון 1900-טן יאָר איז אַזוף געווען אָפּוועזנדיק. ער איז געפאָרן קיין אויסלאַנד און דערנאָך קיין מאָהילעוו, פונוואַנעט ער איז אַראָפּגעקומען קיין מאָסקווע מיט דער פאַמיליע (אַ פרוי מיט אַ קינד).

דעם זומער 1900-טן יאָר איז ווייטער געפירט געוואָרן די צוגרייטונגס-אַרבעט וועגן דער טיפּאָגראַפיע. אונז איז געלונגען אַריינצוטרעטן אין באַציאונגען מיט דער מינסקער גרופּע (וועלכע איז אַרויסגעטראָטן מיט טעראָריסטישע פּראָקלאַמאַציעס און עטלעכע בראָשורן און וועלכע פלעגט זיך אונטערשרייבן „פּאַרטיי פון רוסלאַנדס פּאָליטישער באַפרייאונג״), וועלכע האָט זיך אונטערגענומען העלפן אונז צו באַקומען אַ דרוק-פּרעס. דער פאַרמיטלער צווישן אונז און דער גרופּע איז געווען דער פאַרשטאָרבענער ג. א. גערשוני, וועלכער האָט דאַן געוווינט לעגאַל אין מינסק און וועלכער פלעגט אַרויסטרעטן צווישן די אַרבעטער דער עיקר אַלס רעפערענט. צו זיי זענען געפאָרן קיין מינסק אונזערע חברים טש. און מ., און אין דער לאַבאָראַטאָריע פון גערשוניס פיזישן קאַבינעט פלעגן פאָרקומען אַלע נויטיקע טרעפונגען. דאָס איז געווען אין פרילינג 1900-טן יאָר. זומערצייט האָט די מינסקער גרופּע באַקומען פאַר אונז ביי די בונדאָווצעס אַ הילצערנעם דרוק-פּרעס, און טש. האָט אים אַראָפּגעבראַכט אויף אונזער זומערוווינונג הינטער מאָסקווע (דאָרף קיריל אָווקאַ).

אַזוף האָט יענעם זומער געוווינט אויף זומערוווינונג אין סאָקאָלניקי און ער איז געווען ביי אונז בלויז איין מאָל מיט זיין פרוי, מיט וועלכער מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַקאָנט. די אַזעפס זענען געזעסן אַ גאַנצן טאָג און מיר האָבן געהאַט אַ באַלעבטע אַמפעריי. כ׳געדענק, אַזוף האָט צום ערשטן מאָל גענוי אויסגעלייגט זיינע אָנשויאונגען אויף די אַקטועלע אויפגאַבן, אָנערקענענדיק די נויטווענדיקייט בלויז פון טעראָריסטישן קאַמף, נעגירנדיק אַלע אַנדערע אַרטן אַרבעט, דער עיקר צוליב די שווערע פּאָליצייאישע באַדינגונגען, צוליב דער אוממעגלעכקייט צו בויען אַ וועלכע-נישט-איז פעסטע און ברייטע אונטערנעמונג, צוליב דער אומפאַרמיידלעכקייט פון אַ שנעלן דורכפאַל און אַז. וו.

מיר זענען געווען פרינציפיעלע אָנהענגער פון טעראָר, מיר האָבן אים אָבער באַטראַכט אַלס אַ זאַך פון דער נאָנטער צוקונפט, באָכדעם ווי מיר וועלן זיך פריער אָרגאַניזאַציאָנעל און אידעאיש פאַראייניקן, און מיר האָבן אָנערקענט דעם טעראָר נישט אַלס איינצלנעם און צופעליקן קלאַפּ, נאָר אַלס סיסטעם פון קלעפּ. דעריבער איז אונז אַזעפס טעראָר פאָרגעקומען גאַנץ שמאָל, באָדנ־לאָז, אַ פּראָדוקט פון די אויסלענדישע אַמפּערייען און די אויס־לענדישע אויספירן וועגן דער רוסישער ווירקלעכקייט.

אין סעפּטעמבער 1900־טן יאָר האָב איך מיט מיין פרוי אַוועקגעפירט קיין סיביר דעם מאַטעריאַל פון ערשטן נומער „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָססיאַ” און די טעכנישע מכשירים אויף צו דרוקן אים *). אויפן וועג זענען מיר אַראָפּגעפאָרן קיין יעקאַטערינבורג, געפאָרן איבער דער וואָלגע און מיר האָבן נישט געזען מען זאָל אונז נאָכשפּיאָנירן.

דער ערשטער פּרווו פון דרוקן איז געמאַכט געוואָרן אין איינעם אַ איבערוואַנדערונגס־פּונקט, דער פּרווו איז נישט געווען קיין געלונגענער. דער דרוק־פּרעס האָט נישט פונקציאָנירט, האָט מען אַלץ אַריבערגעפירט קיין טאָמסק, אין דער דירה פון אַ באַאַמטן פון איבערוואַנדערונגס־אָרט (אַ מיטגליד פון אונזער פאַרבאַנד). איך בין צוריק אַוועקגעפאָרן; די פּרוּוון מיטן דרוקן זענען ווייטער געפירט געוואָרן, און ס׳האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן דורכ־פאַל. דער דרוק־פּרעס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אומטויגלעך, אונטער דער האַנט האָט זיך נישט געפונען קיין געניטער מענטש, און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושטעלן די פּרוּוון. דער שריפט, דער דרוק־פּרעס און די איבעריקע מכשירים זענען אַוועקגעפירט געוואָרן אין פּסקאָווער גובערניע, און פון דאָרט האָט מען זיי אינגיכן איבערטראַנספּאָרטירט קיין פּעטערבורג.

---

*) ס׳איז נישט איבעריק צו פאַרצייכענען דאָ דעם פאָלגנדיקן פאַקט: דער נאָמען „ר ע װ ו אָ ל ו צ י אָ נ נ אַ י אַ ר אָ ס ס י אַ” איז אַ שפּיל פון צופאַל. פאַנאַנדערקלייבנדיק דעם שריפט, וועלכן דער אַרבעטער האָט צוגעשטעלט, האָב איך נישט געקענט צונויפשטעלן דעם געוווּנשענעם נאָמען „ס ו ו אָ ב אָ ד נ אַ י אַ ראָססיאַ” (פרייע רוסלאַנד), ווייל עס האָבן געפעלט נויטיקע אותיות. האָט מען געמוזט אָפּשטעלן זיך אויף „רעוואָלוציאָננאַיאַ”. וועגן אַנדערע טעכנישע מיטלען האָבן מיר נישט געוווּסט און זיי זענען אויך נישט געווען צוגענגלעך

די טיפּאָגראַפיע אין פינלאַנד.

דער דורכפאַל מיט טאָמסק האָט אונז נישט געמאַכט אָפּ-העניטיק. מיר האָבן ווייטער געזוכט נייע מעגלעכקייטן און אינגיכן האָבן מיר זיי געפונען. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט אַ באַקוועם אָרט אויף צו דרוקן אין פינלאַנד. די הויפּט-שוועריקייט איז געווען אין דער טעכניק פון דרוקן. עס זענען נויטיק געווען נייע מכשירים; מען האָט באַשלאָסן איינשאַפן זיך די פּרימיטיווסטע נעצייג (אַ ברעט און אַ האַנט-וואַלץ). און דאָ האָבן מיר זיך געווענדט נאָך הילף צו אַזעפן. ער האָט געדינט אַלס אינזשיניער אין דער קאַנטאָר פון דער אַלגעמיינער עלעקטרישער באַלויכטונג (אין דער נאָנט פון אילאינער טויער און פון דענקמאָל פאַר די געפאַלענע ביי פּלעוונע). ער האָט געלעבט מיט דער פרוי און אַ קינד אין געסל אויף וואָזדוויזשענקאַ. כ'בין געווען ביי אים איין אָדער צוויי מאָל. דאָס איז געווען אַ קליינינקע, בילינקע (פון אַ רובל 30—40) דירה אויפן 3-טן אָדער 4-טן עטאַזש, פון דריי צימערן מיט אַ נידעריקן פּולאָפּ, מיט אַן אַריינגאַנג דורכן הויף. מיר פלעגן זיך טרעפן אויך אין אַנדערע ערטער, אַזוי, למשל, אויפן באַנקעט אינם האָטעל קאָנטינענטאַל, לכבוד מיכאַילאָווסקיס 40-יאָריקער שרייבערשער טעטיקייט. מיר פלעגן זיך בכלל טרעפן אָפטער, ווי פריער, און דער צוטרוי צו אים איז פון אונזער זייט געוואָקסן. אָבער היות ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער טאַקטיק פון „מיטהעלפן”, אָבער נישט פון אַקטיוון אָנטייל, און אַזוי ווי מיר האָבן אים, פון דער צווייטער זייט, נישט באַטראַכט אינגאַנצן פאַר אונזערס אַ מענטשן, האָבן מיר אים נישט אַנטפּלעקט אונזערע אַלע פּלענער און קאַנטשאַפטן.

כ'האָב אים געבעטן ער זאָל מאַכן אַ שווערן, אָבער נישט קיין צו גרויסן וואַלץ (דער אַלטער דרוק-פּרעס האָט געהאַט אַ הילצערנעם, ריזיקן וואַלץ). ער האָט מסכים געווען, פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז אַלס אינזשיניער האָט ער באַקאַנטע אין דער פאַבריק, און חוצדעם קען ער דאָס באַשטעלן פאַר זיינע אייגענע באַדערפענישן, און דאָס וועט ביי קיינעם נישט אַרויסרופן קיין חשד. וו און ווי אַזוי מיר ווילן איינאָרדנען די טיפּאָגראַפיע — מיט דעם האָט זיך אַזעף נישט אינטערעסירט, נאָר ער האָט מיט היץ

אַריינגעטענהט מיט אונז מיר זאָלן דאָס נישט מאַכן אין רוסלאַנד, נאָר אַלץ אַריבערטראָגן קיין אויסלאַנד. בכלל פלעגט ער אונזערע אַלע מאַטערנישן מיטן דרוקן אָנרופן „נאַרישקייטן". „דער עיקר איז דאָך דער טעראָר", פלעגט ער געווײנלעך צוגעבן.

דער מעטאַלענער וואַלץ (פון אַ 15 פונט די וואָג) איז אינגיכן געווען פאַרטיק. מען האָט אים, לויט אַזעפס רייד, אויסגעאַרבעט אויף עפּעס אַ פאַבריק. כ'בין אַריין נאָכן וואַלץ אין קאַנטאָר, ווו אַזעף האָט געדינט, און כ'האָב אַוועקגעטראָגן דעם וואַלץ אין פּאָרטפעל. כ'האָב אַזעפן געטראָפן אין אַ באַזונדערן אַרבעטס-קאַבינעט, צווישן עלעקטרישע לעמפּעלעך און אַפּאַראַטן. דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1900-טן יאָר.

אינמיטן דעצעמבער האָבן מיר פאַרענדיקט די טומלעניש מיט דער טעכניק, מיר האָבן איינגעשאַפט אין מאָסקווע אַלע נויטיקע מכשירים און, אַנגעלאָדענע דערמיט, אַוועקגעפאָרן קיין פינלאַנד (געפאָרן בין איך מיט מיין פרוי). מיר זענען געפאָרן פּאָרזיכטיק, מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין יאַראָסלאַוו. דעם צווייטן טאָג ווייַנאַכטן זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין פּעטערבורג, דאָרט האָבן מיר גענומען נאָך אַ חבר (ק. ס.), מיר האָבן רעווידירט זיך און זיך אין פּרט פון נאָכשפּירונג און אין די סאַמע לעצטע טעג פון דעצעמבער זענען מיר געווען אויפן אָרט, אין פינלאַנד, אין גוט פון אַ באַקאַנטער פריצטע (סטאַנציע טאַלו, נישט ווייט פון אימאַטראַ). לחלוטין קיינער האָט אונז נישט נאָכשפּיאָנירט, נישט אין וועג, נישט אויפן אָרט.

דעם № 1 „רעוו. ראָססיאַ" האָבן מיר געדרוקט זאַלבעדריט (איך און צוויי זעצערינס: ק. ס. און מיין פרוי). קיינער פון אונז האָט זיך פריער נישט פאַרנומען מיט דרוק-אַרבעט, און מען האָט אַלץ געדאַרפט דערגרייכן דורך דערפאַרונג און לויט אַ דרוק-האַנטבוך. דורך שווערער מי האָבן מיר גובר געווען דעם נומער, אָפּאַרבעטנדיק אַ חודש און אָפּדרוקנדיק 500 עקז.

דעם 26-טן יאַנואַר זענען מיר געווען אין פּיטער, און דעם 28-טן אין מאָסקווע. די גאַנצע אָפּגעדרוקטע ליטעראַטור איז איבערגעפירט געוואָרן קיין פּעטערבורג. מען האָט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דעם נומער איבער די שטעט, דערביי האָט מען אים פאַרשפּרייט נישט דורך פּאָסט, נאָר פּערזענלעך (אַרומגעפאָרן איז

דער חבר מ.), צונויפקלייבנדיק אין וועג מאַטעריאַל, אָנקניפּנדיק נייע פאַרבינדונגען.

אין פעברואַר 1901־טן יאָר האָבן מיר גענומען טראַכטן וועגן אַרויסלאָזן דעם № 2 פון „רעוו. ראָססיאַ". מאַטעריאַל האָבן מיר געהאַט גענוג. כ'בין געפאָרן קיין פּעטערבורג און מיר איז געלונגען צונויפצוריידן זיך מיט צוויי ליטעראַטן, אַ. וו. פּעשעכאָנאָוו און וו. אַ. מיאַקאָטין, נישט נאָר וועגן מיטאַרבעט, נאָר אויך וועגן אָנטיילנעמען אין רעדאַקציע־קאָלעקטיוו. אַלע הויפּט־אַרטיקלען פונם № 2 האָבן מיר געמיינזאַם רעדאַגירט זאַלבעדריט. די איבעריקע אַרטיקלען — בלויז איך, דאָסזעלבע איז געווען מיטן № 3 און מיטן מאַטעריאַל פאַרן № 4 פון „רעוו. ראָססיאַ"....

דעם אָרט אויף צו דרוקן האָט מען באַשלאָסן אויסצוקלייבן דעם פריערדיקן, אין פינלאַנד, רעכענענדיק צום זומער אָדער צום האַרבסט אויסזוכן אַ פעסטערן אָרט און פאַברייטערן דעם דרוקן. קיין פינלאַנד האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן דריי פערזאָן.

מען האָט געדאַרפט אַריינטראָגן עטלעכע אויסבעסערונגען אין דער טעכניק, און איך האָב זיך ווידער געווענדט צו אַזעפן. ער האָט געלייענט דעם № 1 „רעוו. ראָססיאַ"; אויף וויפל איך געדענק, האָט ער זיך באַצויגן גינסטיק צום דאָזיקן נומער, ווי בכלל צו דער אונטערנעמונג. ער האָט זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַ מעטאַלענע ברעט (אויף וועלכער מען לייגט דעם שריפט), אַ גומי־אַרבל פאַרן וואַלץ און אַ קליין וואַלצל. מעגלעך, אַז מיר האָבן אויסגעזאָגט אַזעפן דעם אומגעפערן אָרט פון דער טיפּאָ־גראַפיע (פינלאַנד), אָבער קיין נעמען האָבן מיר אים יעדנפאַלס נישט אָנגערופן. אין יענער צייט פלעגן מיר זיך אָפט זען, באַ־זונבדיק איינער דעם צווייטן. ס'האָט זיך איינגעשניטן אין זכרון איין סצענע אין פעברואַר, אין טאָג, ווען קאַרפּאָוויטש האָט געשאָסן דעם מיניסטער באָגאָלעפּאָוו. אַזעף האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל אויפן דעוויטשיער פעלד, ווו זיין פרוי איז געלעגן. ווען ער האָט איר מודיע געווען וועגן קאַרפּאָוויטשעס אַטענטאַט, האָט ער אויסגעשריגן: „דו ווייסט, ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער טעראָר!"

אינאָוונט פון יענעם טאָג זענען מיר געווען אין זיין דירה, און ער איז געווען באַזונדערס פרייליך און רעדעווודיק, דער־

וויזנדיק מיט גרויס איינגעשפּאַרטקייט אַז ס׳איז נויטיק אַוועקצוּוואַרפן אַלץ צוליבן טעראָר.

איינגיכן זענען אונזערע טרעפונגען מיט אַזעלכע געוואָרן זעלטענער, ווייל מען האָט אונז אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש און עקשנותדיק נאָכצושפּיאָנירן, באַזונדערס מיך. יעדן פרימאָרגן אַרויסגייענדיק פון מיין דירה (אין דאָבראָסלאָבאָדסקער געסל, נאָנט פון „זעמליאַנאָי וואַל"), פלעג איך באַמערקן צוויי שפּיקן, וועלכע פלעגן פאַרשפּאַרן דאָס געסל פוןביידע זייטן. כ׳פלעג זיך זעצן אויף דער קאָנקע און פאָרן צו מיין אַרבעט (די האַנדלס־אָפּטיילונג פון מאָסקווע־קאַזאַנער אייזנבאַן, ווו איך האָב געדינט אַלס פאַרוואַלטונגס־אַגענט), די שפּיקן פלעגן פאָרן נאָך מיר אויף אַ דראָשקע און פלעגן מיך אויפן זעלבן אופן באַגלייטן אַהיים. טאָן פלעג איך אַלץ מוזן מיט אַלערליי שפּיצלעך, מאַכנדיק אַ ויברח, ווען ס׳פלעגט נויטיק זיין, פון די באַגלייטער, וואָס זענען אין אַלגעמיין נישט־געווען צו געשיקט. דערקלערט האָב איך די נאָכשפּירונג דערמיט, וואָס איך בין שוין פון לאַנג געשטאַנען אונטער אַן אויפזיכט, מען פלעגט ביי מיר פּעריאָדיש מאַכן רעוויזיעס, מען פלעגט מיך אַרעסטירן, אַרויסשיקן און אין מאָסקווע האָב איך זיך איינגעאָרדנט אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופאַל.

ס׳איז אויך געווען אַ דירעקטערע סיבה פון דער נאָכשפּירונג. צו מיר איז געקומען, אויפן אָרט פון מיין אַרבעט, פּאַאולי (אַ פּראָוואָקאַטאָר, ער איז געווען בלויז דריי מאָל) מיטן פּאַראָל פון דער אויסלענדישער גרופּע, פון זשיטלאָווסקין. ער האָט געזאָגט, אַז מען שפּירט אים נאָך, אַז ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט דער עיקר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז אַרומגעפאָרן אויף אַן אייגענעם פערד, וועלכעס ער האָט גענומען ביים אינזשיניער פּאָפּאָוו. הגם ער איז דאַן געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר, האָט זיך פּאַאולי פונדעסטוועגן געהאַלטן מיט מיר זייער איינגעהאַלטן, גאָרנישט אויס־פרעגנדיק, נישט דערוויסנדיק זיך. כ׳האָב אים נישט געגעבן קיין איין פאַמיליע, קיין איין אַדרעס און כ׳האָב גאָרנישט דערציילט וועגן אונזער אויסגאַבע פון „רעוו. ראָססיאַ". ווען פּאַאולי זאָל וועלן, וואָלט איך אים דאָס אַלץ דערציילט ווי „ביים ווידוי", ווייל נישט געקוקט אויפן אָפּשטויסנדיקן איינדרוק, וועלכן עס האָט געמאַכט זיין פיגור, וואָלט איך זיך באַטראַכט אַלס מחויב דאָס

צו טאָן אַלס ענטפער אויפן פּאַראָל, וועלכן ער האָט מיר איבערגעגעבן, שפּעטער, בעת דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג פון אונזער ענין, איז אויפן טיש פון אויספאָרשונגס-ריכטער געלעגן אַ פּאַפּקע מיט אַן אויפשריפט: „פּאַאוּליס גבית-עדות”, איך האָב זיך אָבער נישט דערוווּסט וועגן איר אינהאַלט, ווייל איך האָב זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דערקלערונגען. מען האָט מיך, אגב אורחא, באַשולדיקט אין קאָנטשאַפּט מיט פּאַאוּלין און אין דעם, אַז ער איז געווען ביי מיר דריי מאָל. *)

עס זענען געווען אויך אַנדערע סיבות פאַרוואָס מען האָט מיך נאָכגעשפּירט. ס'איז אויסגעקומען צו זיין אין „אומריינע” דירות, און עס פלעגן מיך באַזוכן אומלעגאַלע פּערזאָנען. חוצדעם זענען מיר געשטאַנען אין אָפטע פאַרבינדונגען מיט אַ. יע. סע-רעבריאַקאָוואַן (וועלכע איז דערנאָך דערקלערט געוואָרן אַלס פּראָ-וואָקאַטאָר), וועלכע פלעגט טאָן אַ סך קליינע טובות, וועלכע האָט געהיט און פאַרקויפט ליטעראַטור, פלעגט צונויפפירן מיט נויטיקע פּערזאָנען. אָפיציעל האָט זיך סערעבריאַקאָוואַ פאַרנומען מיטן רויטן קרייץ.

אינגיכן האָט מען אָנגעהויבן נאָכצושפּיאָנירן אויך די אַנדערע מיטגלידער פון אונזער גרופּע. מיר האָבן פונדעסטוועגן באַשלאָסן נישט אָפּצולייגן דאָס דרוקן דעם נומער, האָפנדיק אָפּצונאַרן די שפּיקן. אין מערץ האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ פלוג-בלעטל צום צוואַנציק-יאָריקן יובילעאום פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ (די טאַט פון 1-טן מערץ 1881-טן יאָר); אָנגעשריבן האָב איך עס און אָפּגעדרוקט האָט עס פּעטראַשקעוויטש אין דער שטאָט קאַשיר. אַזעף, ווי ער האָט דאָס שפּעטער אַליין געזאָגט, האָט דאָס געוווּסט.

אין אַפּריל האָט מ. גענומען די מאַטעריאַלן צום דרוקן און זי איז אָפּגעפאָרן דורך יאַראָסלאַוול קיין פינלאַנד, זי איז אָבער געצוווּנגען געווען אומצוקערן זיך, ווייל שפּיקן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איר; דאָס נאָכשפּיאָנירן האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אַ צוזאַמענטרעף מיטן געקומענעם אַלטן ב., און דעמדאָזיקן

*) דאָס איינציקע, אויף וואָס איך האָב חרטה, דאָס זענען די הונדערט רובל, וועלכע איך האָב געגעבן דעמדאָזיקן אויסוווּרף אַלס סובסידיע.

צוזאַמענטרעף האָט געהאָלפן איינאָרדנען סערעברי‏אַקאָווא. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מ. וועט פאָרן קיין דרום און מאַכנדיק אַן אומקרייז וועט זי זיך דורכרייסן קיין פינלאַנד. קיין זאַכן האָט זי נישט גענומען מיט זיך ביים אָפּפאָרן, אַזוף האָט איר זיי געדאַרפט איבערגעבן קאָנספּיראַטיוו. ער מיט זיין פרוי האָבן געבראַכט די זאַכן אויפן קורסקער וואָקזאַל, און דערנאָך האָט אונז אַזוף איבערגעגעבן, אַז אַלץ איז אַדורך בשלום.

אונזער דירה האָט מען ווייטער נאָכגעשפּיאָנירט מיט דער פריערדיקער עקשנות. איך האָב זיך נישט גערירט פון מאָסקווע, רעכענענדיק, אַז דורך מיין פּערזאָן וועל איך אָפּווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון די נאָכשפּירער פון אונזערע אָפּעראַציעס. זומער־צייט, באַזונדערס מיטן אָפּפאָרן אויף זומער־וווינונג, האָבן מיר אויפגעהערט צו באַמערקן דעם נאָכשפּירן.

אין יולי איז אָפּגעדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן דער № 2 „רעוו. ראָססיאַ" און צוויי נומערן „פלוג־בלעטל" — אַן אויסגאַבע, וואָס האָט געדאַרפט אַנטהאַלטן דעם לויפנדיקן אינ־פאָרמאַטיוון מאַטעריאַל, וואָס קען נישט אָפּגעלייגט ווערן ביזן צווייטן נומער. דאָס אַלץ איז איבערגעפירט געוואָרן דורך דער פינלענדישער גרעניץ אין אַ אַפּאַראַט אויף אויסצוואַרימען הינדעלעך.

זומער־צייט 1900טן יאָר האָבן מיר געוווינט הינטער מאָסקווע (דאָרף קירילאָווקאַ); אַזוף מיט דער פאַמיליע האָט געוווינט אַ ווי‏אָרסט פון אונז (סטאַנציע מאַלאַכאָווקאַ). זייער זומער־וווינונג איז געווען אַ קליינע אַ ביליקע. אַזוף האָט געלעבט, ווי פריער, באַשיידן און איז געווען אויסגערעכנט. ער האָט זיך תמיד געקלאָגט אויף מאַנגל אין געלט. כ'געדענק, אַז כדי צו פאַר־קלענערן די הוצאות האָט ער גענומען ביי מיר אַן אומזיסטן בילעט III קלאַס אויף דער קאַזאַנער אייזנבאַן (וועלכן מען גיט אַרויס די אָנגעשטעלטע פאַר דער דינערשאַפט) און פלעגט זיך באַנוצן מיט אים. ביי אַזעפן אויף דער זומער־וווינונג האָבן דעם גאַנצן זומער געוווינט זיינע צוויי שוועסטערס און אַ ברודער, וועלכע זענען געקומען צופאָרן פון ראָסטאָוו. די גאַנצע פאַמיליע פלעגט אָפט קומען צו אונז, מיר פלעגן צוזאַמען שפּאַצירן, שפּילן אין קראָקעט און ענלעכעס; די קאַנטשאַפט איז געוואָרן נענטער.

זומער האָט אַזעף זיך אונטערגענומען צו טאָן אונז אַ טובה. פּאַאולי האָט בעת זיין באַזוך ביי מיר דערקלערט, אַז ער וועט אונז רעגולער צושטעלן ליטעראַטור פון אויסלאַנד (באַזונדערס די אויסגאַבן פון דער „אַגראַרער ליגע"), און ער האָט צוגעזאָגט צו שיקן די ערשטע פּאַרטיע זומער. די ליטעראַטור איז טאַקע באמת באַקומען געוואָרן, און מען האָט זי געדאַרפט אָפּנעמען לויט אַ פּאַראָל פון אינזש. פּאָפּאָווס דירה. דאָס אָפּנעמען איז נישט געווען אָן סכנה, ווייל פּאָפּאָוון האָט מען נאָכגעשפּיאָנירט. אַזעף האָט זיך אונטערגענומען דאָס צו טאָן: איבערטראָגן די ליטעראַטור אין אַ אָרט, וואָס איז אים באַקאַנט. לויט זיינע רייד האָט זיך אים דאָס נישט איינגעגעבן צו טאָן, ווייל ער פלעגט דעם באַלעבאָס נישט טרעפן אינדערהיים. אינגיכן איז פּאָפּאָוו אַרעסטירט געוואָרן. דערנאָך איז אויפגעדעקט געוואָרן פּאַאוליס פּראָוואָקאַטאָרישע ראָל (אפשר נישט אָן אַזעפס מיטהילף?), און מיר האָבן פאַרגעסן וועגן דערדאָזיקער ליטעראַטור.

זומער-צייט זענען געווען ביי אונז מעלניקאָוו און גערשוני. מיטן לעצטן האָב איך זיך געטראָפן אין וואַלד (דער איינציקער צוזאַמענטרעף — איך האָב זיך שוין מיט אים מער קיינמאָל נישט געטראָפן *). אויפן צוזאַמענטרעף איז, דער עיקר, געווען די רייד וועגן דער נויטווענדיקייט צו פאַראייניקן אַלע ס.-ר.-שע גרופּעס און וועגן צוזאַמענגיסן זיך מיט דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן אויפן דרום, וועלכע האָט זיך קורץ פאַר דעם געהאַט אויסגעבילדעט (מיטן צענטער אין קיעוו). גערשוני איז דאַן אַרומגעפאָרן איבערן אוראַל, דער וואָלגע און אַנדערע ערטער גלייכצייטיק מיט ברעשקאָווסקאַן. די ידיעות, וועלכע זיי האָבן באַקומען, האָבן עדות געזאָגט, אַז אין אונזערע קרייזלעך הויבט זיך אָן אַ באַלעבונג. אַ באַלעבונג האָט זיך געשפּירט אויך אין אויסלאַנד, ווו עס איז אַנטשטאַנען אַ פאַראייניקטער אָרגאַן „וועסטניק רוסקאָי רעוואָלוציאי". מיר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט דידאָזיקע פאַראייניקונג, מיר האָבן אָבער גלייכצייטיק געהאַלטן, אַז אונזער נאָנטסטע אויפגאַבע — אַוועקשטעלן פעסט אויף די פיס דעם אָרגאַן פון

---

*) עס פלעגט אויסקומען תמיד אַזוי, אַז ווען ער פלעגט זיין אויף דער פריי, פלעג איך זיין אַרעסטירט אָדער פאַרשיקט און פאַרקערט ווידער.

פאַרבאַנד „רעוו. ראָססיאַ" — איז נאָך נישט דערגרייכט, און אָן דעם האָבן מיר קנאַפּ-וואָס געגלויבט אין די רעאַלע רעזולטאַטן פון דער אַלרוסישער פאַראייניקונג. פאַקטיש איז די פאַראייניקונג געוואָקסן אַרום אונזער אונטערנעמונג. זומערצייט האָבן מיר געהאַט אין אונזער רשות גענוג ליטעראַרישן מאַטעריאַל פון פאַרשידענע עקן רוסלאַנד. עס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אַ שטענדיקער רעדאַקציאָנעלער קאָלעקטיוו אין פעטערבורג, וועלכער האָט זיך געדאַרפט פאַרגרעסערן דורך דער פאָרשטייערשאַפט פון די סאַראַטאָווער סאָצ.-רעוו.; מיר האָבן באַקומען קאָרעספאָנדענטן, עס האָבן זיך באַוויזן נדבות און ענלעכעס *). מיר האָבן אויף קיין איין מאָמענט נישט אָפּגעלאָזן דעם געדאַנק וועגן אַרויסגעבן ווייטער די נומערן פון „רעוו. ראָססיאַ" און אין משך פון זומער האָבן מיר אָנגעמערקט אַ נייעם אָרט אויף צו דרוקן דעם נומער 3.

דער אָנהויב פון דער טאָמסקער טיפּאָגראַפיע.

אַן אָרט אויף צו דרוקן ווייטער די „רעוו. ראָססיאַ" האָבן מיר ווידער אָנגעמערקט אין סיביר, אין טאָמסק. די פינלענדישע טיפּאָגראַפיע האָט געדאַרפט בלייבן פאַר אַ נויט-פאַל, פאַר עקסטרע אויסגאַבן. די באַדינגונגען אין טאָמסק זענען געווען גאַנץ גינסטיקע. אַ מיטגליד פון אונזער פאַרבאַנד האָט דאָרט פאַרנומען דעם אַמט פון אַ איבערוואַנדערונגס-דאָקטאָר און באַאַמטער, אָפּהענגיק אוממיטלבאַר פון דער הויפּט-איבערוואַנדערונגס-פאַרוואַלטונג און פון מיניסטער. זיין אָפיציעלע לאַגע איז געווען אַ הויכע און דער אַמט אַ פולשטענדיק-אומאָפּהענגיקער. ער האָט פאַרוואַלטעט מיטן שפּיטאָל און מיטן איבערוואַנדערונגס-פונקט. אין 1901-טן יאָר איז דער פונקט אַריבערגעפירט געוואָרן אויף אַ צווייטן אָרט, ווייט פון שטאָט. פאַר די באַדערפענישן פון דער טיפּאָגראַפיע איז אָפּגעגעבן געוואָרן אַ ספּעציעלער פליגל. די

*) באַזונדערס נאָכן דערשיינען פונם № 2 „רעוו. ראָססיאַ", וועלכער איז אַלעמען געפעלן געוואָרן דורך זיין גרעסערער, אין פאַרגלייך מיטן № 1 קלאָרקייט און אויסגעהאַלטנקייט.

מעגלעכקייט, אַז פּאָליציי וועט נאָכקוקן איז פּאָראויסגעזען גע־וואָרן, און אַלס געניגנדיקער בליץ-אָפּלייטער האָט געדינט, פון איין זייט, די איזאָלירטקייט פונם פונקט און פון דעם שפּיטאָל און פון דער צווייטער — אַן אייגענער פּערסאָנאַל און אַן אייגענער דאָקטאָר-באַאַמטער אין דער שפּיץ (וועלכן עס פלעגט, אגב אורחא, באַזוכן אין דער שטאָטישער דירה דער גובערנאַטאָר).

דער פּערסאָנאַל פאַר דער טיפּאָגראַפיע איז אַזוי צונויפ־געשטעלט געוואָרן: ס. ב., אַלס סעקרעטאַר פון פונקט, סעוואַסטיאַ־נאָווא (וועלכע מען האָט אויפגעהאָנגען נאָכן פּראָצעס וועגן דעם אַטענטאַט אויף הערשעלמאַנען אין מאָסקווע) — אַלס פעלד־שערין, אָ. ווערביצקאַיאַ — פעלדשערין; אַן אוממיטלבאַרן אָנ־טייל האָט אויך גענומען דער איבערוואַנדערונגס-באַאַמטער גופא מיט זיין פרוי. אַלס פאַרבינדונגס-פונקט פאַר די באַציאונגען מיטן איינראָפּעאישן רוסלאַנד און פאַר פאַרשיידענע ענלעכע אָפּעראַציעס האָט געדינט אַ צווייטער איבערוואַנדערונגס-פונקט, ביי דער סט. טאַטאַרסקאַיאַ, ווו מיר האָבן אויך געהאַט אַן אייגענעם דאָקטאָר און אַ אייגענע פעלדשערין. די פאַרבינדונג פלעגט צושטאַנדקומען דורך אונז אין מאָסקווע. עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פאַר־בינדונגס-פּלאַן, דערביי איז די הויפּט-אויפמערקזאַמקייט געלייגט געוואָרן אויף דעם, מען זאָל איזאָלירן דעם אָרט פון דער טיפּאָגראַפיע אויפן פאַל פון אַ דורכפאַל. טעכניש איז די טיפּאָ־גראַפיע געווען גוט איינגעאָרדנט, ווייל אויפן אָרט, אין טאָמסק, האָט זיך, צו דער צייט, ווען ס'איז דערשינען דער № 2 „רעוו־ראָססיאַ", געבילדעט אַ קרייזל פּערזאָנען, ס'האָבן זיך געפונען סימפּאַטיקער און צווישן זיי — טעכניקער.

אין אויגוסט איז געקומען צופאָרן צו אונז אויף דער זומער-וווינונג אָ. ווערביצקאַיאַ און זי האָט געדאַרפט פאָרן קיין טאָמסק מיט די טעכנישע מכשירים. אַזוף האָט געמאַכט אַ גלאַטע מעטאַלענע ברעטל און אַ וואַלצל מיט אַ באַוועגלעכער הענטל און ער אַליין האָט דאָס אַלץ געבראַכט אויף דער דאַטשע. מיר האָבן פאַר ווערביצקאַיאַן פאַרקאָנספּירירט זיין קומען. אַזוף האָט זי פונדעסטוועגן געזען און ער האָט איינגעפונען אַ „ענלעכקייט מיט פּעראָווסקאַיאַן". ער האָט, ווי פריער, גאָרנישט אויסגעפרעגט, מיר פון אונזער זייט האָבן אים געלאָזט וויסן, אַז מיר אָרדנען

אין אַ טיפּאָגראַפיע, נישט איבערגעבנדיק פונדעסטוועגן די פּרטים און די פאַמיליעס און אַדרעסן. אָבער פון דעם וואָס ער האָט געזען און געהערט איז אים נישט שווער געווען אָנשטויסן זיך וועגן פּראָיעקטירטן אָרט פאַר דער טיפּאָגראַפיע און דערוויסן זיך אייניקע פאַמיליעס.

אָנלאָדנדיק ווערביצקאַיאַן מיט קערב שריפט (ווי מיט סלאָיען קאָנפיטורן), האָבן מיר זי אָפּגעשיקט קיין טאָמסק. איך אַליין האָב זי באַגלייט פון דער זומער-וווינונג און עטלעכע סטאַנציעס דורכגעקוקט אַלע וואַגאָנעס. ס׳איז געבליבן אַן אומקלאָרע עמפּינדונג וועגן אַנוועזנהייט פון עפּעס אַ חשודן מענטשן אין צוג. ווערביצקאַיאַ אָבער האָט ביז טאָמסק נישט באַמערקט מען זאָל זי נאָכשפּירן.

די, וועלכע האָבן זי אָפּגעוואַרט אין טאָמסק האָבן אויך נישט באַמערקט מען זאָל זיי נאָכשפּירן. ס. ב. איז אינגיכן אָפּגעפאָרן נאָך ווערביצקאַיאַן, אַוועקפירנדיק די רעשטלעך מאַטעריאַלן און אַרטיקלען פאַרן נומער, דערביי האָט אויך ער נישט באַמערקט, מען זאָל אים נאָכשפּירן.

פאַרן קומען צו אונז האָט ער געמאַכט אַ גרויסן אומוועג: ער איז געווען אין קאַסטראָמער גובערניע, און פון דאָרט אין טיפליס. די מאַטעריאַלן פונם רעדאַקציאָנעלן קאָלעקטיוו פון פּיטער האָב איך פּערזענלעך מיטגענומען און האָב זיי איבערגעגעבן ס. ב. מיט עטלעכע שעה פריער פאַר זיין אָפּפאָר. מיין נסיעה קיין פּיטער האָב איך אַרומגערינגלט מיט פאָרזיכטס-מיטלען. פאַר קאָנספּיראַטיווע באַציאונגען פון טאָמסק איז באַשטימט געווען אַ ספּעציעלער אַדרעס אין מאָסקווע, מיט וועלכן עס האָט אונז ליבלעך באַזאָרגט דערזעלבער אַזעף. דער אַדרעס פון זיין גוטן באַקאַנטן — אינזשעניער זאָוער. ווי איר זעט, זענען מיר דורכן דאָזיקן אַדרעס געווען אין אַזעפס הענט, און די ריזיקע פאַרשווענדונג פון ענערגיע אויף פאָרזיכטס-מיטלען איז געמאַכט געוואָרן אומזיסט.

דער דורכפאַל פון דער טאָמסקער טיפּאָגראַפיע. די אויספאָרשונג. די פאַרשיקונג. דער סוף פון „פאַרבאַנד פון ס.־ר.־ן".

אין סעפטעמבער זענען מיר אַריבערגעפאָרן פון דער זומער־וווינונג; אַזוי אויך. די ידיעות, וועלכע זענען אָנגעקומען פון טאָמסק זענען צוערשט געווען קנאַפּ־וואָס טרייסטנדיק. אַ נייע סביבה, נייע מענטשן — דאָס אַלץ האָט געפאָדערט אַ פולע צו־גרייטונגס־אַרבעט. די צייט איז געגאַנגען און דער נומער איז נאָך אַלץ נישט געזעצט געוואָרן. לסוף האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז מען זעצט און מען דרוקט, און אַז אונזערע דרוקערס האָבן באַשלאָסן פאָרסירן די אַרבעט, כּדי וואָס שנעלער אַרויסצולאָזן דעם נומער. מיר האָבן שוין געהאַט גענוג מאַטעריאַל פאַרן פערטן נומער. די שטימונג איז געווען אַ פרייליכע. ס׳האָט זיך געשפירט, אַז די זאַך, מיט וועלכער מיר האָבן געלעבט, ווערט אַוועקגעשטעלט אויף אַ פעסטן יסוד. אין מאָסקווע זענען געבליבן מיין פרוי און מ.; איך בין אַוועקגעפאָרן, — אויסנוצנדיק די אַמטלעכע קאָמאַנ־דיראָווקע אויף דער וואָלגע, — דער עיקר קיין סאַראַטאָוו, ווו איך האָב בדעה געהאַט דערנענטערן זיך צו דער אָרטיקער גרופּע סאָצ.־רעוואָלוציאָנערן.

אין רעכטן מיטן ברען פון אונזערע שמועסן מיט די סאַראַטאָווער (צווישן זיי איז געווען די באָבע ברעשקאָווסקאַיאַ) האָב איך באַקומען אַ טעלעגראַם פון מאָסקווע, פון וועלכער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין טאָמסק איז אַלץ חרוב געוואָרן. כ׳בין גלייך געפאָרן קיין מאָסקווע און דאָ האָב איך זיך איבערצייגט אין דער טרויעריקער נייס. ביינאַכט אויפן 21־טן סעפטעמבער 1901־טן יאָר איז אויפן פונקט געקומען די טאָמסקער זשאַנדאַר־מעריע. די דרוקער זענען שוין געשלאָפן, — אויף די ווענט פון סעקרעטאַרס צימער זענען געהאָנגען די פריש־אָפּגעדרוקטע בויגנס פון № 3 „רעוו. ראָססיאַ" (ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אַ דריטל נומער). ווען די זשאַנדאַרן זענען אַריינגעקומען אין צימער, זענען זיי געפּלעפט געווען, און ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן נישט דערוואַרט צו זען אַזאַ בילד. געקומען צו זיך האָבן זיי זיך אַרויפגעוואָרפן אויף ס. ב. דערנאָך זענען זיי אַריבער

אין די צימערן פון די פעלדשערינס. טעלעפאָניש האָבן די זשאַנדאַרן באַקומען אַ פאַראָרדענונג (הייסט עס, אַז פריער האָבן זיי זי נישט געהאַט) דורכצופירן אַ רעוויזיע אויף דער שטאָטישער דירה און אַרעסטירן אַלעמען, ווער עס געפינט זיך דאָרט. מען איז געקומען אַהין 2 אַזייגער ביינאַכט. מען האָט אַרעסטירט אַלעמען און חוצדעם נאָך די פעלדשערין מ ו ט נ י ך, וועלכע איז צופעליק מיט אַ טאָג פריער געהאַט געקומען צו גאַסט צו סעוואַסטיאַנאָוואַן. מען האָט צוגענומען אַ סך שריפט, אַלץ וואָס איז געדרוקט געוועזן און די אַרטיקלען פאַרן נומער (טיילווייז אין מאַנוסקריפטן). מען האָט פאַנאַנדערגעזעצט איבער די תּפיסות.

צוערשט האָבן געפירט די אויספאָרשונג די טאָמסקער זשאַנדאַרן און זיי האָבן זי געפירט פויל און אומגעשיקט. זיי האָבן נישט געוווּסט, פון וואָס אָנצוהויבן. ס'האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק, אַז דערדאָזיקער ענין איז זיי צוגעפאַלן אומגע-ריכט. זיי האָבן געפרעגט, וואָס איז דאָס פאַר אַן אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער די אַרעסטירטע געהערן, קיין שום פאַמיליעס האָבן זיי נישט אָנגערופן. פאַרהערן פלעגט מען די אַרעסטירטע זעלטן.

אין אַ צוויי וואָכן אַרום האָט זיך די לאַגע געענדערט. קיין טאָמסק איז אַראָפּגעקומען אַ ספּעציעלער אויספאָרשונגס-ריכטער — דער נישט אומבאַקאַנטער ספּירידאָוויטש, וועלכער האָט דורך אונזער פּראָצעס געמאַכט אַ קאַריערע (היינט גענ. ספּירידאָוויטש, אַ מחבר פון צוויי בענדער צו דער געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג). ער האָט דעם ענין גענומען פירן אַנדערש און די רעזולטאַטן זענען געוועזן גאַנץ אַנדערע. ספּירידאָוויטש האָט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף וואָרביצקאַיאַן און ער האָט זי געשיקט פאַר-פלאָנטערט. איצט, ווייסנדיק, ווער עס איז געשטאַנען הינטער ספּירידאָוויטשעס פּלייצע, איז נישט שווער צו פאַרשטיין, מיט וואָס ער האָט זי פאַרפלאָנטערט. נישט טרויענדיק בכלל ווארביצ-קאַיאַן (וועלכע האָט זיך שטאַרק געענדערט נאָכדעם, ווי זי האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין די נעצן פון די זשאַנדאַרמישע שפּיצלעך, און וועלכע האָט שפּעטער, אין געמיינזאַמען תּפיסה-לעבן, אַרויס-געוויזן אַ שטרעבונג צו ליגן-זאָגן), נישט גלויבנדיק אירע דער-

ציילונגען, אַז ספּירידאָוויטש האָט זי אַראָפּגעשלאָגן פון וועג דורך אַ סך פאַקטן און ענלעכעס, האָבן מיר געהאַלטן, אַז ער האָט געלאָזן אין גאַנג דעם געוויינלעכן מעטאָד, ער האָט זיך פאַררופן אויף די אַנדערע, אַז יענע האָבן אַלץ דערציילט און אַז. וו., און ער האָט געהאַט דערפאָלג, דער עיקר אַ דאַנק ווערביצקאַיאַס ווילנסשוואַכקייט און איר מאָראַלישער נישט-שטאַנדהאַפטיקייט. איצט, פאַרשטייט זיך, ענדערט זיך די זאַך. אַזוף האָט איבערגעגעבן די עיקרדיקע פאַקטן, און ספּירידאָוויטש האָט געהאַט אין זיינע הענט אַ געווער, וואָס איז גענוג געווען, כּדי צו צעטומלען ווערביצקאַיאַן. זי האָט באַשטעטיקט ספּירידאָוויטשעס אַלע פאַקטן און היפּאָטעזעס און האָט נאָך עפּעס צוגעגעבן פון זיך. זי האָט דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געוווסט און אין וואָס זי האָט אָנטיילגענומען. זי האָט דאָס דערציילט גענוי, מיט אַלע קלענסטע פּרטים. ווענטלעכס אָבער האָט זי גאָרנישט געקענט דערציילן בנוגע רוסלאַנד, ווייל זי איז אַריינגעטראָטן אין אונזער אונטערנעמונג אין דער לעצטער צייט און זי האָט זיך נישט געטראָפן מיטן עולם, זי האָט אַ סך פאַמיליעס נישט געקענט. אָבער געוויסע פאַקטן, וועלכע זי האָט בכלל זייער אָפן מיטגעטיילט, האָבן פונדעסטוועגן געקענט געבן אַ פאָדים ספּירידאָוויטשן. אגב אורחא, איבערגעבנדיק איר אַזעפס פאַקטן, האָט ספּירידאָוויטש אָנגעוויזן אויף מיר און אויף מיין ווייב, ווי אויף דער קוועלע פון דידאָזיקע פאַקטן.

גלייכצייטיק מיטן אַרעסטירן די טיפּאָגראַפיע אין טאָמסק זענען פאָרגעקומען אַרעסטן אויך אין פּיטער. צוערשט איז אַרעסטירט געוואָרן פּ. אַ. קולזקאָווסקי, דערנאָך אונזער גאַנצע גרופּע און די, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אין איר; עס זענען פאָרגעקומען אַרעסטן אין יאַראָסלאַוול, אין ניזשני, אין טשערניגאָוו, אין קיעוו. אינגאַנצן זענען אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיטן דאָזיקן ענין 23 מענטשן, די אַרעסטן האָבן געדויערט פון סעפּטעמבער ביז דעצעמבער.

מיר (איך, מיין פרוי און מ.) זענען געבליבן גאַנץ. מיר האָבן געזען אַרום די אַרעסטן און אין ערשטן מאָמענט נישט געוווסט, וואָס אונטערצונעמען. מיר האָבן נישט באַקומען קיין שום ידיעות פון טאָמסק, מיר האָבן אויך נישט געוווסט וועגן דעם,

אַז אונזערע פאַמיליעס פיגורירן שוין ביי די פאַרהערן, און מיר האָבן געגלויבט אין אונזער זיכערקייט.

ס'איז געווען אַן אויסוועג — אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. מיר האָבן אָבער פּרייוויליק נישט געוואָלט גיין אין עמיגראַציע, און דער עיקר איז אַ שאָד געווען צו פאַרלאָזן די זאַך, ס'איז אַ שאָד געווען די פאַרשוווּנדעטע מי. און מיר האָבן באַשלאָסן צו בלייבן, כּדי צו ראַטעווען דאָס, וואָס איז נאָך נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער זשאַנדאַרמעריע, איינהיטן די פאַרבינדונגען און זיכערן דאָס ווייטערדיקע דערשיינען פון „רעוו. ראָססיאַ". וויסנדיק, אַז אין רוסלאַנד וועט זיין שווער צו באַנייען דאָס אַרויסגעבן די צייטונג, האָבן מיר געמאַכט אַ הנחה דער צייט און מיר האָבן באַשלאָסן אָפּצודרוקן דעם אַרעסטירטן 3 № פון „רעוו. ראָססיאַ" אין אויסלאַנד. מיטן דאָזיקן ציל האָבן מיר דעלעגירט קיין אויסלאַנד מ. די מאָסקווער פּאָליציי האָט איר אַרויסגעגעבן אַ לעגאַלן פּאַס און זי איז דעם 25-טן אָקטאָבער אַוועקגעפאָרן. דער פאַקט, וואָס מען האָט מ. געלאָזט פריי אַרויספאָרן (אַ חודש נאָכן אַרעסט פון דער טיפּאָגראַפיע און, איצט קען מען צוגעבן, ווען איר פאַמיליע און ראָל זענען שוין ספּירידאָוויטשן געווען באַקאַנט), האָבן אונז צוגעגעבן מוט. דערמונטערנדיק און באַרואיקנדיק האָט אויף אונז געווירקט אויך די פּאָליצייאישע לאַגע. מען האָט אונז לגמרי נישט נאָכגעשפּירט; קיינמאָל נאָך האָבן מיר זיך נישט געפילט אַזוי פריי פון שפּיקן, ווי אין דידאָזיקע חדשים.

אַזעף האָט גענומען אַ וואַרימען אָנטייל אין אונזער אומגליק. עס איז געוואָרן ווי זיין אייגענער אומגליק. ס'איז פאַרגעקומען אין אים אַ ענדערונג. פון אַ פּאַסיוון אָנטיילנעמער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אַקטיוון מיטגליד פון אונזער פאַרבאַנד. קיין פייערלעכער אַריינטריט אין פאַרבאַנד איז נישט פאָרגעקומען; דאָס איז געשען פון זיך אַליין. מיר פלעגן זיך זען מיט אים קאָנספּיראַטיוו. כ'געדענק די טרעפונג אין די סאַנטרונאָווער בעדער: מיר האָבן באַהאַנדלט דעם ענין נאַקעטערהייד. ער איז באַשטאַנען אויף דעם, מיר זאָלן תּיכּף עמיגרירן און ווייטער פירן דעם ענין אין אויסלאַנד. אַליין איז ער אויך געפאָרן קיין אויסלאַנד אין זיינע פערזענלעכע

געשעפטן (די קאַנטאָר קאָמאַנדירט אים קיין בערלין) און ער האָט דאָרט פאָרגעלייגט זיין דינסט.

סוף־כל־סוף האָבן מיר זיך אונטערגעגעבן דער אומפאַרמייד־לעכקייט און מיר האָבן אָנערקענט דעם געשעענעם פאַקט — דעם סוף פון אונזער פאַרבאַנד און די נויטווענדיקייט אַפעלירן צו אויסלאַנד.

דער אָפּגעפאָרענער מ. האָבן מיר געלאָזן אַ צוואה אַריינצו־טרעטן אין פאַרבינדונג מיט די אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס און פאַר יעדן פרייז אַרויסגעבן דעם 3 № פון „רעוו. ראָססיאַ". מיר האָבן געהאַט קאָפּיעס פון די אַרטיקלען און חוצדעם האָבן מיר געהאַט אויסגעזוכטע אַרטיקלען פאַרן 4 №. דאָס אַלץ איז אָפּ־געשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד מיט איינעם אַ יונגן סטודענט. דערנאָך האָבן מיר זיך אויף שנעל געזען מיט די ערגיץ־ווו גאַנץ־געבליבענע חברים אונזערע לויטן פאַרבאַנד און מיט די מיט־אַרבעטער און מיר האָבן זיך באַמיט איינגעבן זיי אַ זיכערקייט, אַז נישט אַלץ איז פאַרלאָרן און אַז דער פּאָגראָם האָט נישט אַרויסגעריסן די וואָרצלען פון פאַרבאַנד.

אַזעפן האָבן מיר איבערגעגעבן אַלץ, ווי אַ שטאַרבנדיקער אויף דער גסיסה־בעט. מיר האָבן אים דערציילט אונזערע אַלע פאַראַלן, אַלע אָן אויסנאַם פאַרבינדונגען (די ליטעראַרישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע), אַלע מענטשן, אַלע פאַמיליעס און אַדרעסן און מיר האָבן אים אונטער די אויגן רעקאָמענדירט צו אונזערע נאָענטע. אין אויסלאַנד האָט ער געדאַרפט קומען מיט אַ פולער פולמאַכט פון אונז, ווי דער פאָרשטייער פון פאַרבאַנד, נעבן מ. דער געפיל צו אים איז געווען אַ חברישער, אַפילו אַ געפיל פון פריינטשאַפט. פאַר דידאָזיקע אומגליק־טעג האָט אונז זיין אַקטיווע אַריינמישונג דערנענטערט.

צום סוף האָט ער צוגעזאָגט צושיקן אונז אַן אָפּגעדרוקטן 3 № „רעוו. ראָססיאַ" מיט זיין אַם, וועלכע האָט זיך געדאַרפט אום־קערן. דידאָזיקע הבטחה האָט ער אויסגעפירט. דעם ערשטן טשעמאָדאַן מיט דער „רעוו. ראָססיאַ" האָט ער טאַקע צוגעשיקט דורך דער אַם (דאָס איז געווען אין 1902־טן יאָר, ווען מיר זענען שוין געזעסן אין מאָסקווער תפיסה). סוף נאָוועמבער איז אַזעף מיט דער פאַמיליע אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד (לעגאַל, פאַרשטייט

זין), נישט מיטנעמענדיק מיט זיך קיין, שום אומלעגאַלע זאַך מיר האָבן ווייטער געלעבט אין מאָסקווע. פון טאָמסק האָבן מיר קיין שום ידיעות נישט באַקומען, דער גורל פון די אַנדערע אַרעסטירטע איז אויך נישט געווען באַקאַנט. מען האָט אונז ווייטער נישט נאָכגעשפּירט, און צייטנווייז האָט זיך אונז געדאַכט, אַז די פּאָליציי איז דורכגעגאַנגען פאַרביי אונז.

דעם 9-טן דעצעמבער האָט מען אונז אַרעסטירט. אונזערע אילוזיעס האָט דערדאָזיקער אַרעסט ווינציק-וואָס צעשטערט. פון דאָקומענט, וועלכן מען האָט מיר פאָרגעשטעלט ביים אַרעסט און פון די ערשטע פאַרהערן האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מען ציט אונז צו צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט צוליב דעם ענין, לויט וועלכן מיר האָבן דערוואַרט אַרעסטירט צו ווערן. מען האָט מיך באַשולדיקט אין דעם, אַז איך, אַן אָנגעשטעלטער פון דער אייזנ-באַן, האָב אַרויסגעגעבן אַן אומזיסטן בילעט אויפן נאָמען פון מיין פרוי עפּעס אַ פערזאָן, און דערדאָזיקער לעצטער, פאָרנדיק אויפן דאָזיקן בילעט, האָט פאַרגעסן אָדער אַוועקגעוואָרפן אויף דער סט. ריאַזאַן זיין באַגאַזש און אין דאָזיקן באַגאַזש האָט מען, ביים עפענען, געפונען אומלעגאַלע זאַכן (פאַרשיידענע אויסגאַבן פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, אויף אַ וואָג פון 13 פונט). אויפן באַגאַזש איז געווען אָנגעגעבן דער נומער פון אומזיסטן בילעט, וועלכער איז, ווי די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַרויסגעגעבן געוואָרן אויפן נאָמען פון מיין פרוי. מען האָט מיר אויף די פאַרהערן געוויזן דעמדאָזיקן באַגאַזש, דעם נומער פון בילעט, און דאָס אַלץ איז געווען ווי ס'געהער צו זיין. פאַר דעם, האָב איך זיך דערמאָנט, איז אין קאַנצעלאַריע פון דער באַן-פאַרוואַלטונג געקומען אַ זשאַנ-דאַרמישער פּולקאָווניק און האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן בילעטן.

איך האָב צוגעטראַכט אַ מער אָדער ווייניקער באַגלויבטע דערקלערונג פאַרן דאָזיקן ענין. נישט לאַנג צוריק פאַרן אַרעסט בין איך דורך דער באַן-דירעקציע געשיקט געוואָרן, כדי אויס-צופאָרשן אַן אָנקלאַגע אויפן זשאַנדאַרמישן אָפיציר, פירשט פּוטיאַ-טין, אין סימבירסק. לויט מיין באַריכט האָט מען דעמדאָזיקן פּוטיאַטין געגעבן דימיסיע. דערפון איז אַן אויספיר: די זשאַנדאַרן זענען זיך נוקם און זיי האָבן איינגעאָרדנט דידאָזיקע געשיכטע מיטן באַגאַזש. ריכטיק, ווי כדי דאָס צו באַשטעטיקן האָט דער

מיך פאַרשנדיקער אָפיציר דערמאָנט וועגן דער דעמיסיע פונם פירשט פּוטיאַטין.

סוף דעצעמבער זענען די אילוזיעס אינגאַנצן צערונען געוואָרן. מען האָט מיך אַריבערגעפירט פון דער קאַמער פון אַרבאַטאַר אָפּטיילונג אין דער טאַגאַנער תפיסה, וווהין מען האָט צונויפגעבראַכט פון פאַרשידענע שטעט אַלע מיטגלידער פון פאַרבאַנד; דערנאָך דער ערשטער און אײנציקער וויזיט צום אויספאָרשונגס-ריכטער ספּירידאָוויטש און... מען האָט מיך צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט צוליבן ענין פון דער טאָמסקער טיפּאָגראַפיע *).

איצט, באַזיצנדיק די פאַקטן פון דער לעצטער צייט, קענענדיק אַזעפן, אַלס פּראָוואָקאַטאָר, איז נישט שווער צו דערקלערן די פּאָליציייאישע טאַקטיק לגבי אונז, די מאָסקווער. אַזעף האָט געדאַרפט האָבן, מיר זאָלן פאָרן קיין אויסלאַנד, אים איז

*) שוין ביים ערשטן פאַרהער איז קלאָר געוואָרן סיי פאַר מיר און סיי פאַר דעם צווייטן צד די זינלאָזיקייט פון די ווייטערדיקע פאַרהערן. דער יונגער פּאָרוטשיק ספּירידאָוויטש האָט בדעה געהאַט צו לאָזן אין גאַנג די מעטאָדן פון דער דעמאָלטיקער „שולע״ אויספאָרשונגס-ריכטער. כ׳געדענק ווי איצט זיין דאַרע פיגור, די ספּעציפיש אונטערגעשטראָכענע וויכקייט פון די באַוועגונגען און זיין קול, מיט טענער, אויב נישט פון אָנטייל, איז ווי פון מיטבאַטיילִיקונג אין ענין: „נו—ס, אַ. אַ., אָט קום איך פון טאָמסק. כ׳האָב געזען אַלע אייערע... זיי זענען אַלע געקומען צופאָרן אַהער. און דעם נומערל אייערן „רעוו. ראָססיאַ״ האָבן מיר פאַרכאַפּט. נישקשה, אַן אינטערעסאַנטער נומערל... און אַז. וו. טרעפנדיק מיין גלייכגילטיק-רואיקן בליק, האָט זיך דער יונגער פּאָרוטשיק אָפּגעהאַקט, ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך איז פאָרגעקומען אַ סצענע, וואָס איר זין איז מיר ביז היינט אומפאַרשטענדלעך. ספּירידאָוויטש איז אַרויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק מיך אַליין. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ קויש שריפט, וועלכע האָט אונז פאַרשאַפט אַזוי פיל זאָרג. אויפן טיש זענען געלעגן די דאָקומענטן-מאַנוסקריפּטן, וועלכע זאָגן עדות קעגן מיך, רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן, בריוו... כאַפּן, פאַרניכטן? אָבער צוליב וואָס? און איך האָב רואיק דורכגעקוקט די בלעטלעך און צוריק אַוועקגעלייגט. און דידאָזיקע גאַנצע צייט האָב איך געשפּירט אויף זיך פון הינטן עמיצנס אַ עקשנותדיקן בליק, פון הינטער דער נישט פעסט צוגעמאַכטער טיר. וואָס האָט באַדייט דערדאָזיקער פּסיכאָלאָגישער עקספּערימענט? ספּירידאָוויטש האָט שפּעטער געשעמט אַלס געפערלעכער אויספאָרשונגס-ריכטער, און מען האָט אים צוגעשריבן אַ סך פאַלן פון געלונגענע פאַרהערן און אפילו נשמה-פאַנגעריי. לאָמיר אָפּוואַרטן דעם דריטן באַנד פון זיינע ווערק, ווו ער וועט, מסתמא, געבן אַ אינטערעסאַנטן קאַפּיטל וועגן די מיטלען פון קאַמף מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און וועגן זיין מיטאַרבעט מיט אַזעפן.

זוינציק געווען דער מאָראַלישער אויטאָריטעט פון מ. אַליין כדי צו פאַרפעסטיקן זיך אויף דעם אויסלענדישן באָדן, צווישן יענע מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געוואָלט פאַרבינדן. מיט אונז וואָלט אים געווען נאָך בעסער. אויך אין רוסלאַנד וואָלטן לייכטער איינגעאָרדנט געוואָרן די ענינים ביי אונזער אָנטייל, און חוצדעם וואָלטן קיין שום אומאָנגענעמע שטויסן, — אין פאַל, ווען זיי זאָלן אַנטשטיין אין שייכות מיטן דורכפאַל פון פאַראיין, — נישט אָנגערירט אים — דעם פריינט און חבר פון די גרינדער פון דאָזיקן פאַרבאַנד, פון מענטשן גוט-באַקאַנטע די אויסלענדישע חברים-לדעה. דעריבער האָט מען מ. פריי אַרויסגעלאָזן קיין אויסלאַנד. מען וואָלט אויך אונז אַרויסגעלאָזן, דעריבער האָט מען אונז נישט נאָכגעשפירט און מען האָט אונז נישט אַרעסטירט ביז דעצעמבער, און אַפילו נאָכדעם ווי מען האָט אונז אַרעסטירט (אַגב אורחא, צוליב אַ פּאַטאַלן צונויפטרעף מיט אַן אַנדער ענין), האָט מען נישט גלייך צוגעצויגן צוליבן טאָמסקער ענין.

זיצנדיק אין תפיסה און דערנאָך אויף דער פריי אין אַ לאַנגע צייט אַרום (ביז דער אַנטדעקונג פון אַזעפס פּראָוואָקאַציע), האָבן מיר נישט געזען אין אונזער ענין קיין שום זאַך, וואָס זאָל אונז אַרויספירן אויפן חשד וועגן פּראָוואָקאַציע. דער אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל און די באַדינגונגען פון ענין זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט טויטן דעם פאַרלאַנג צו זוכן אַ פּראָוואָקאַטאָר. קודם-כל איז געווען אַ „פאַררעטער" אין אונזער ענין — ווערביצקאַיאַ, און דאָס אַליין איז גענוג געווען, כדי צו דערקלערן די פולע באַווייזן קעגן אונז.

חוצדעם זענען ביים אַרעסט פון דער טיפּאָגראַפיע געפונען געוואָרן מאַנוסקריפּטן, און אייניקע, און טיילווייז אויך זענען צוגעצויגן געוואָרן לויט די האַנטשריפטן, ווייל מיינע נאָטיצן זענען געווען אויף אַלע אַרטיקלען. די אַרעסטן פונם קרייזל אין פעטערבורג זענען דערקלערט געוואָרן דערמיט, וואָס צוערשט איז אַרעסטירט געוואָרן קוליקאָווסקי, ביי וועלכן מען האָט געפונען דעם № 1 פון „רעוו. ראָססיאַ", און דערנאָך האָט מען אים פאַרבונדן מיט די אַנדערע פעטערבורגער. דער פאַקט, וואָס אַ סך זאַכן האָבן די זשאַנדאַרן נישט געקענט דערקלערן אויפן פאַרהער און אַ סך אינטערעסאַנטעס פאַר זיי איז געבליבן גאַנץ, האָבן מיר

דערקלערט מיטן צופעליקן כאַראַקטער פון דעם דורכפאַל פון פאַרבאַנד און מיט דעם פעלן פון אַ פאָרנאָכשפּירונג. דער אַרעסט גופא פון דער טיפּאָגראַפיע איז דערקלערט געוואָרן טיילווייז דורך דער נישט־געשיקטער אויפפירונג פון די דרוקערס, וועלכע האָבן פאָרסירט די אַרבעט, פירנדיק זי פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, און צוגעצויגן דורכדעם די חשדים פון דער מאַכט, טיילווייז דורך דער נקמה־מסירה פונם אָפּגעזאָגטן סעקרעטאַר ביים דאָקטאָר.

אין גאַנצן ענין איז געווען איין מאָדנער פאַקט, אָבער אויך אים האָבן מיר געקענט באַפרידיקנדיק דערקלערן. איצט, ביים ליכט פון דער אַזעפשטשינע, דערקלערט זיך דערדאָזיקער פאַקט נישט אַזוי פשוט.

וועגן ענין פון פאַרבאַנד איז צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנט־וואָרטלעכקייט, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט אויבן, אַ גרופּע פעטערבורגער — אונזער יונגע גרופּע. די באַשולדיקונג קעגן זיי איז געווען אַ קאָנקרעטע: דער און דער איז געפאָרן קיין פינלאַנד אין דעם און דעם אָרט און אין דער צייט, כדי אָנטיילצונעמען אין דער טיפּאָגראַפיע; מיט אים זענען מיטגעפאָרן די און די. דער באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל איז געווען זייער אַ גענויער, און אַלץ וואָס ער האָט געשילדערט, איז טאַקע פאָר־געקומען אין דערווירקלעכקייט. ס׳איז נישט געבליבן קיין ספק, אַז די אויספאָרשונגס־מאַכט האָט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אונזער טיפּאָגראַפיע אין פינלאַנד און זי האָט געוווּסט וועגן די באַדינגונגען, ביי וועלכע עס איז געדרוקט געוואָרן דער № 2 „רעוו. ראָססיאַ״. אַפילו דער נאָמען פון דער גוט־אייגנטימערין, ווו דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען, איז דערמאָנט געוואָרן אויף די פאַרהערן, און מיר האָבן געזוכט די קאַמער, ווו עס האָט געדאַרפט זיצן אונזער פריינדין. זי איז אָבער נישט געווען. אַלע פעטערבורגער האָט מען געהאַלטן העכער אַ האַלב יאָר צוזאַמען מיט אונז און מען האָט זיי באַפרייט אין יולי 1902־טן יאָר (אַחוץ קוליקאָווסקין), דערקלערנדיק, אַז זייער ענין ווערט אַנולירט. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין גוט האָט מען נישט געמאַכט קיין רעוויזיע און אַז אונזער פריצהטע איז גאַנץ און געזונט.

זוכנדיק דערקלערונגען פאַרן דאָזיקן גליקלעכן אויסגאַנג

האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף איינס. די זשאַנדאַרן זענען צופעליק אַרויסגעפאַלן אויף די שפּורן וואָס פירן קיין פינלאַנד. זיי האָבן געוווּסט, אַז די טיפּאָגראַפיע אין טאָמסק האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן ערשט פון 3 №. די פאַמיליע פון דער גוט-אייגנטימערין האָבן זיי זיך דערוווּסט פון ווערביצקאַיאַן. זיי האָבן געהאַט פאַקטן דורך נאָכשפּירן די פּעטערבורגער, זייערע נסיעות און אַז. וו. אויף דעם אַלעם האָבן זיי אויסגעבויט זייער היפּאָטעזע. געגלויבט האָבן זיי קנאַפּ אין דערדאָזיקער היפּאָטעזע, און דעריבער האָבן זיי זיך נישט געאײַלט דורכצופירן אַ רעוויזיע און אַרעסט אין פינלאַנד.

לסוף איז זייער היפּאָטעזע דורכגעפאַלן אַדאַנק דעם, וואָס איינער פון די באַשולדיקטע (ק. ס.) איז געלונגען זייער לייכט און איבערצײַגנדיק דערווייזן איר אַ ל י ב י: ס'האָט זיך אַרויס-געשטעלט, לויט די אינפאָרמאַציעס, אַז זי האָט געוווינט אין פּעטערבורג דאַן, ווען זי האָט, לויט די ידיעות פון די זשאַנדאַרן, געוווינט אין פינלאַנד. אָנשטויסנדיק זיך אויף אַזאַ בולטע סתירה, האָבן די אויספאָרשער באַשלאָסן אָפּצוזאָגן זיך פון דער באַשולדיקונג.

איצט, ווייסנדיק אַזעפּס ראַל צווישן אונז, — טאָר מען אַזוי די זאַך נישט דערקלערן. אַזוף האָט נישט געוווּסט (מיר האָבן אים נישט אויסגעזאָגט) וועגן דעם דרוקן אין פינלאַנד ביז הארט פאַרן סוף פון אונזער פאַרבאַנד. אָבער ביים געזעגענען זיך האָבן מיר אים דערציילט אַלץ און צווישן דעם אויך געניי וועגן דעם גוט אין פינלאַנד און דער געשיכטע פונם דרוקן. איינס פון די בײדע: אָדער אַזעפּן האָט צוליב-עפּעס נישט געלוינט צוטשעפּען צום ענין וועגן דער טאָמסקער טיפּאָגראַפיע די פינלענדישע טיפּאָגראַפיע, און ער האָט ספּירידאָוויטשן נישט געגעבן קיין ידיעות, און די אויספאָרשונגס-מאַכט האָט באמת געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער, אָדער עס איז געווען אַן אָפּמאַך צווישן אַזעפּן און ספּירידאָוויטשן צו פאַררייבן דעמדאָזיקן ענין, כדי אָדער אים לאָזן אויף זאַפּאַס פאַר דער צוקונפט, אָדער צו געבן אונז, די מאָסקווער, די מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, ווייל נעמענדיק זיך פאַר דער טיפּאָגראַפיע אין פינלאַנד, וואָלטן זיי געדאַרפט

צוציען ראשית כל אונז, אָדער... אָבער, דידאָזיקע „אָדרעס־
קען מען איבערחזרן אָן אַ סוף און ס'איז בעסער צו וואַרטן, ווען
אַזעף אַליין וועט, אפשר, דערציילן ווען-נישט-איז וועגן דאָזיקן
פאַקט, ווי אויך וועגן אַ סך אַנדערע *).

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, אָבער די פּעטערבורגער האָט
מען נישט צוגעצויגן צום פּראָצעס, די פראַגע וועגן פינלאַנד איז
נישט אויפגעהויבן געוואָרן, אונז, די מאָסקווער (ד. ה., מיר און
מיין פרוי, און דערנאָך אויך מ. וועלכע איז אַרעסטירט געוואָרן
אין 1905-טן יאָר), האָט מען נישט באַשולדיקט אין דרוקן אין
פינלאַנד, און די פראַגע גופא: ווו זענען געדרוקט געוואָרן די
ערשטע צוויי № פון „רעוו. ראָססיאַ" איז געבליבן אָפן **).

מען דאַרף צוגעבן, אַז אין פּעריאָד פון דער ווייטערדיקער
טעטיקייט (פון 1902-טן ביז 1907-טן יאָר) האָט אַזעף זיך באַנוצט
מיט די טובות פון דער איבנדערמאָנטער גוט-באַזיצערין אין
פינלאַנד, און זי האָט געטראָגן גאַנץ ערנסטע פליכטן אין זיינע
קאַמפּס-ענינים און זי איז באַקאַנט אַ סך מיטגלידער פון דער
קאַמף-אָרגאַניזאַציע.

דאָס פעלן פון וועלכע-נישט-איז חשדים וועגן עמיצנס
פּראָוואָקאַציע אין אונזער ענין איז געווען, אגב אורחא, דער
יסוד פון מיין גבית-עדות ביים באַטראַכטן אין פּאַריז אין 1908-טן
יאָר אַזעפס ענין אין שייכות מיט וו. בורצעווס באַשולדיקונג.
דערמאָנענדיק זיך דאַן די באַדינגונגען פון אונזער טאָמסקער
אונטערנעמונג, די פאַקטן פון דער אויספאָרשונג און אַז. וו.
האָב איך אויפריכטיק עדות-געזאָגט לטובת אַזעפס אומשולדיקייט.

פאַרענדיקנדיק דאָס בלעטל געשיכטע, וואָס איז פאָראויס-
געגאַנגען דער אויסבילדונג פון דער פאַרטיי סאָצ.-רעוו., אין
שייכות מיט אַזעפס קאַריערע, מוז מען זאָגן: מיר האָבן אַזעפן

*) אַלס היסטאָריקער וואָלט איך געווען זייער דאַנקבאַר דעם ה'
ספּירידאָוויטש, וואָס וווינט היינט אין פּאַריז, ווען ער זאָל העלפן אויפקלערן
דידאָזיקע ווי אויך אַ סך אַנדערע פאַקטן.

**) אין באַשולדיקונגס-אַקט וועגן לאָפּוכינס ענין פאַררופט מען זיך אויף
דעם, אַז אַלע דריי נומערן פון „רעוו. ראָססיאַ" זענען געדרוקט געוואָרן אין
טאָמסק.

באַקומען פון די אויסלענדישע חברים, וועמעס צוטרוי ער האָט געוווּנען דורך דער איינגעהאַלטענער און געשיקטער פירונג פון אַ מיטפילנדיקער פערזאָן, פון אַ ווילן יונג און נישט קיין פּחדן.

צווישן אונז האָט ער ווייטער געפירט דידאַזיקע טאַקטיק און ער האָט געהאַט דערפאָלג. געהאָלפן האָט אים אויך אונזער אומגליק — די פאַרניכטונג פונם פאַבאַנד. אַלס מיטגליד פון פאַר־באַנד, באַזאָרגענדיק אים מיט אַלע פולמאַכטן, געבנדיק אים נאָך אַלס צולאָג אונזער אַלטן פריינט — מ., האָבן מיר אַזעפן אָוועק־געשיקט קיין אויסלאַנד, ער זאָל לייגן דעם פונדאַמענט פון דער פאַרטיי און ער זאָל ווייטער פירן די אַרבעט פון „רעוו. ראָססיאַ״. און ער האָט זיך דאָרט אַזוי געפירט, אַז ער האָט אינגיכן פאַר־נומען דעם אויבנאָן. אָבער וועגן דעם זאָלן דערציילן אַנדערע. פון 1901 ביז 1905־טן יאָר בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון לעבן דורך דער תּפיסה און דער פאַרשיקונג קיין סיביר. לאָפּוכין, דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, מיט וועלכן איך האָב זיך שפּעטער געטראָפן, לויט אַ קאַפּריז פון גורל, ביי מיין טיי־טיש אין לאָנדאָן, — האָט אונז פאַרשריבן 10 יאָר פאַרשיקונג אין דער ווייטער יאַקוטקאַ, פון וועלכער איך האָב זיך אומגעקערט ערשט אין 1905־טן יאָר *).

אין 1903־טן יאָר, זיצנדיק אין דער עטאַפּנער תּפיסה אין מאָסקווע, האָבן מיר פון דער פריי באַקומען אַ פּריוואַטע ידיעה, אַז אונזער „פּראַנצויז״, דעם „דיקן״ (אַזעפן) איז מען אין עפּעס חושד, מען רעדט וועגן פאַרראַט פון זיין זייט און ענלעכעס מיט עמפּערונג האָבן מיר זיך באַצויגן צו דערדאָזיקער ידיעה, מיר האָבן געבעטן איבערגעבן אונזער עמפּערונג אין אויסלאַנד. דער קלאַנג איז, ווייזט אויס, געווען אַן אָפּקלאַנג פון בוררים־געריכט, וועלכער איז פאָרגעקומען איבער אַזעפן אין 1903־טן יאָר, וועלכן עס האָבן דורכגעפירט דריי ליטעראַטן, — און אפשר אויך פון דער געשיכטע מיט קרעסטיאַנינאָוון, וועלכע ווערט דערציילט

---

*) אַזעף, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט געבויט פּלענער וועגן באַפרייען אונז פון פאַרשיקונג און, צוליבן דאָזיקן ציל האָט ער געפירט אַ צוגרייטונגס־אַרבעט אין אירקוטסק אין 1903 — 1904 יאָרן. האָבן מיך אויף דער פריי און לעבן זיך איז אים געווען זייער נויטיק.

אינם פערטן בוך „אין דער פרעמד״. אונז האָט מען איבערגעגעבן דעם קלאַנג אין דער אומבאַשטימטסטער פאָרם: „עמיץ האָט ערגיץ געזאָגט״. טײלװײז איז די סיבה פון קלאַנג געװען אַ צעטעלע, װעלכעס איז איבערגעגעבן געװאָרן פון פעטראָ-פּאַװלאָװער פעסטונג דורך אײנער פון די אַרעסטירטע אין ענין גערשוני; אינם צעטעלע, װי עס האָט אונז שפּעטער דערצײלט די שרײבערין גופא, איז דערמאָנט געװאָרן װעגן אַ „דיקן״ הער װעלכן עמיץ האָט על-פּי-טעות צונױפגעמישט מיטן „דיקן״, ד. ה. מיט אַזעפן.

פון סיביר — אין אױסלאַנד.

אין יולי 1905 זענען מיר, איך מיט מײן װײב, אָן אַ דער-לױבעניש פאַרשװונדן געװאָרן פון סיביר, אױסנוצנדיק דאָס, װאָס מען האָט אונז אַריבערגעפירט פון דער יאַקוטסקער געגנט אין יעניסײער.

דורכפאָרנדיק זענען מיר געװען אין ניזשני. דורך אונזערן אַ באַקאַנטן האָבן מיר זיך דערװוסט, אַז אין שטאָט גרײט זיך אַן אַטענטאַט אױפן גובערנאַטאָר אונטערבערגער. אונזער קומען, װי ס׳האָט זיך דערנאָך אַרױסגעשטעלט, איז צונױפגעפאַלן מיט דער באַראַטונג פון די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, װאָס איז פאָרגעקומען אין ניזשני. אױפן צוזאַמענפאָר איז געװען אַזעף; ער האָט דאָס אױך, — װי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרױס-געשטעלט, — מיט אַ פּראָװאָקאַטאָרישן ציל געװאָרנט די מיטגלידער װעגן דעם, אַז מען שפּירט זײ נאָך, און זײ זענען זיך פאַנאַנדער-געפאָרן, באַגלײט דורך שפּיאָנען.

נישט זעענדיק זיך מיט קײנעם אין ניזשני זענען מיר אַריבערגעפאָרן קײן יאַראָסלאַװל. אַזעף האָט זיך דערװוסט װעגן אונזער קומען און ער האָט געבעטן ק.—ס פּרוי (װעלכע האָט גערעכנט אונז אָניאָגן אין יאַראָסלאַװל) איבערגעבן אונז, מיר זאָלן נישט פאָרן קײן אױסלאַנד און אַז ער װיל זיך זען מיט אונז. צוליב װאָס אַזעף האָט עס נױטיק געהאַט — װײס איך נישט; שפּעטער איז אונז נישט אױסגעקומען צו רײדן װעגן דעם. אין מאָסקװע האָבן מיר געװאַרט אױף אַזעפן אין אָפּגערעדטן אָרט, ער איז אָבער נישט געקומען זיך זען.

אין מאָסקווע האָבן מיר זיך באַקענט אין אַלגעמיינע שטריכן מיט דער לאַגע פון די פּאַרטיי־ענינים און, צווישן אַנדערן, מיט אַזעפס ראָל אין דער פּאַרטיי. מיר האָבן נישט דערוואַרט פון אים אַזאַ פּאַרנעם. אָנשטאָט אַ באַשיידענעם און „פּאַסיוון" „דיקן", וואָס ער איז געווען ביז די סאַמע לעצטע טעג פון אונזער צעשיידונג. אין 1901־טן יאָר, האָבן מיר געהאַט אַ פיגור „פונם אָרגאַניזאַטאָר פון אַטענטאַט אויף פּלעווען, אויפן פירשט סערגעי" און אַז. וו. און אַז. וו.

אַזוי האָט זיך אָפּגערופן וועגן אים נישט נאָר די יוגנט נאָר אויך די אַלטע און נישט נאָר די אַקטיווע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, נאָר אויך אירע „באַגלייטער". אין זעלבן יאָר איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין פּיטער צווישן ליטעראַטן און דעם איבעריקן סאָלידן עולם, און אומעטום האָט מען געפילט ביים דערמאָנען אַזעפן אַ שווייגנדיקע אָנערקענונג פון זיינע גרויסע פּאַרדינסטן, פון זיין „צענטראַלער" לאַגע.

אין אויגוסט זענען מיר געקומען צופאָרן קיין אויסלאַנד, אין זשענעווע. דער צענטער פון לעבן איז געווען די דירה פון פּאַרשטאָרבענעם מ. גאָץ. דאָ איז געווען דער שטאַב פון דער אויסלענדישער אָרגאַניזאַציע, דאָ איז פּאַקטיש געווען אויך דער צענטראַלער פּאַרטיי־קאָמיטעט.

אַזעף איז נישט געווען אין אויסלאַנד. מיר האָבן געוווינט אַ וואָכן צוויי ביי זיין פרוי הינטער לאַזאַננע, אין דער געגנט אויקוויסבלאַנד. ער איז געקומען צופאָרן אָנהויב סעפּטעמבער. געטראָפן האָב איך אים אין דער דירה פון נ. ס. טיוטשעוו, דעם דעמאָלטיקן באַפולמעכטיקטן פון צ. ק. אין אויסלאַנד. מיר האָבן זיך צעקושט (אַזעף האָט בכלל ליב געהאַט צו קושן זיך). כ'האָב אים דערמאָנט די פּאַרגאַנגענהייט און כ'האָב אויסגעדריקט מיין פּאַרווונדערונג, וואָס ער האָט געשאַפן אַרום זיך אַזאַ רום. מיט אַ זעלבסטצופרידענעם שמייכל האָט ער געוואָרפן אַ פראַזע, וועלכע האָט זיך מיר איינגעשניטן אין זכרון: „ס'איז געווען אַ צייט ווען איך בין געווען אונטער אייער אָנפירונג, און איצט שטייט איר אונטער מיינער".

אַזעף האָט געלעבט אין זעלבן הויז, וואָס די גאָצס, און מיר פלעגן זיך דאָרט טרעפן. בעת איינער פון אונזערע צוזאַמענטרעפן

האָט אַזעף פּאַרפירט אַ שמועס (װעלכן ער האָט נישט איינמאָל אָנגעהויבן מיט מיר אין די ווייטערדיקע יאָרן) וועגן דעם, אַז אים איז שווער זיך אַן עצה צו געבן מיט דער קאַמפּס-אַרבעט און איך דאַרף איבערנעמען זיינע פליכטן. נישט פילנדיק זיך פּאַסיק פאַר דערדאָזיקער ראָל און בכלל פאַר דער ראָל פון אַ טעראָריסט, — האָב איך זיך אָפּגעזאָגט.

אינגיכן איז מיר אויסגעקומען צו פאָרן קיין רוסלאַנד לויטן אויפטראַג פונם צ. ק. און אָנהויבן די קאַריערע פון אַ אויספאָרשונגס-ריכטער.

טאַטאַראָווס ענין.

מען האָט מיך גערופן אין גאָצס דירה, און דאָרט, אין קעגנוואַרט פון ווייניקע פּערזאָנען, (כ׳געדענק נישט, צי אַזעף איז געווען צווישן זיי) האָט מיר גאָץ מודיע געווען, אַז די פּאַרטיי האָט באַקומען אַ דאָקומענט מיט אָנווייזונגען אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר אין צענטר, אַז זיי האָבן לאַנג געטראַכט, איבערקלייבנדיק אַלעמען און זיי זענען צו גאָרנישט נישט געקומען. אין דער לעצטער צייט איז אַנטשטאַנען ביי זיי אַ ספק אין טאַטאַראָוון, אַ ספק, וואָס האָט באַזירט אויף סוביעקטיווע איינדרוקן. דידאָזיקע איינדרוקן ווערן באַשטעטיקט דורך טאַטאַראָווס אויפפירונג. ער שליידערט זיך מיט געלט, דרינגט אומעטום אַריין, זאָגט ליגן (ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ער האָט אויסבאַהאַלטן זיין אמתן וווין-אָרט אין זשענעווע, אָנרופנדיק אַן אַנדער האָטעל). מאָדנע איז אויך זיין אויפפירונג בנוגע אַ ליטעראַרישער אונטערנעמונג, אויף וועלכער ער האָט, לויט זיינע רייד, באַקומען אַ גרויסע נדבה; ער האָט אין לעגאַלע צייטונגען פאַרעפנטלעכט אַ רשימה פון די מיטאַרבעטער, אָנרופנדיק אַ סך מיט אמתע פאַמיליעס — מיט דערדאָזיקער רשימה אַליין האָט מען געקענט דורכוואַרפן די אויסגאַבע.

דער צענטראַל-קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו פירן אַן אויספאָרשונג, און מיך האָט מען פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין רוסלאַנד מיטן פאָלגנדיקן הויפּט-ציל: קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון טאַטאַראָווס דערקלערונג, אַז ער האָט באַקומען אַ סומע פון הונדערט צען טויזנט רובל פון עפּעס אַ פּערזאָן דורכן באַקאַנטן פובליציסט

טש; און דערנאָך בכלל צונויפקלייבן ידיעות וועגן טאַטאַראָוון.

אַזעף האָט מיך באַזאָרגט מיט אַ פּאַס פון אַ בעלגישן אונטערטאַנער, האָט מיר אָנגעגעבן אַ מאַסע עצות וועגן קאָנספּיראַטיוון מאַרשרוט, וועגן קאָסטיום און אַז. וו., און איך בין אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד און אין עטלעכע טעג אַרום בין איך געווען אויפן אָרט.

דערמאָנענדיק זיך וועגן דעדאָזיקער נסיעה אַלס „בעלגיער" קען איך נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך בין נישט דורכגעפאַלן גלייך אויף דער ערשטער סטאַנציע. שפּראַכן, חוץ די רוסישע, האָב איך נישט געקענט, און אויף פראַנצויזיש האָב איך מער אָדער ווייניקער זיך געקענט אויסטענהן מיט אַן אויסגעצייכנטן רוסישן אַקצענט. צופאָרנדיק צו דער גרעניץ, האָב איך אונטערגעבונדן דאָס פּנים מיט אַ טיכל, מאַכנדיק דעם אָנשטעל פון אַ מענטשן, וואָס ליידט פון ציין-ווייטאָק; אַנצוגעמען דעמדאָזיקן מיטל האָט מיך געצוווּנגען די פלוידערנדיקע פראַנצויזישע שכנטע, וועלכע האָט גענומען אויספרעגן וועגן די לעבנס-באַדינגונגען אין רוסלאַנד. אויף צוריקוועגס האָב איך מיט אַן אונטערגעבונדענער באַק שוין גלייך פאַרקליבן זיך אויף דער אויבערשטער פּאָליצע, כדי אויסצומיידן באַציאונגען מיט די שכנים. שווערער איז געווען די אָפּעראַציע — דער שמועס אין פראַנצויזישן קאָנסולאַט אין מאָסקווע וועגן וויזירן דעם פּאַספּאָרט. די באַק האָב איך אָפּגעבונדן, כ'האָב אָבער פאַרבונדן די האַלז און צוגעגעבן דעם קול אַ הייזעריקן קלאַנג, באַמיענדיק זיך אויסצובאַהאַלטן מיין אַקצענט. דער פראַנצויזישער קאָנסול האָט מיך אויסגעהערט מיט פאַרוווּנדערונג. און ער האָט מיך, מסתמא, געהאַלטן פאַר אַן אומנאָרמאַלן. ס'איז שווער געווען צו זיין אַ „בעלגיער" אין די האָטעלן, ווו די שווייצאַרן קענען אָפט אויסלענדישע שפּראַכן... אָבער אַלץ איז אַדורך בשלום.

טש., אויף וועלכן טאַטאַראָוו האָט זיך פאַררופן, האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז ער האָט טאַטאַראָוון קיין שום געלט-סומעס נישט איבערגעגעבן, און דידאָזיקע ידיעה האָט באַדייטנדיק געווירקט אויף זיין גורל; איך האָב זי טעלעגראַפירט קיין זשענעווע מיט אָפּגערעדטע ווערטער. דערנאָך האָב איך באַזוכט דעם חבר ר., וועלכער האָט דער ערשטער באַקומען דעם באַקאַנטן

דאָקומענט „וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן: ט. און דעם אינזשיניער אַזיעף", און ער האָט פּאַר מיר איבערגעחזרט דאָס בילד, ווי ער האָט באַקומען דעמדאָזיקן דאָקומענט. ס'איז געקומען אַ דאַמע אויפן אָרט, ווו ער אַרבעט (אין באַנק), זי האָט איבערגעגעבן אַ בריוו און, עפּעס אַרויסבורטשענדיק, שנעל אַוועקגעגאַנגען. איר פיגור און איר פּנים האָט ער נישט באַמערקט. ווען ער האָט געלייענט דעמדאָזיקן דאָקומענט אין דער אָנוועזנהייט פון אַזעפן, וועלכער איז געקומען צו אים, האָט אַזיעף געזאָגט: „ט. — דאָס איז טאַטאַראָוו, און דער אינזשיניער אַזיעף — דאָס בין איך". ער האָט אַוועקגעוואָרפן אַן אָפּגעבערענטן פּאַפּיראָס און איז אַוועקגעגאַנגען.

באַזוכנדיק אויך מאָסקווע (ריכטיק אין יענעם מאָמענט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ערשטע אויסברוכן פון די שפּעטערדיקע געשעענישן פון 1905-טן יאָר — די שיסעריי פון די קאָזאַקן אין אויבערשטן עטאַזש פון פיליפּאָווס בעקעריי און די ערשטע פאַרזאַמלונגען אויפן טווערער בולוואַר), האָב איך געאײַלט קיין אויסלאַנד. טאַטאַראָוון האָט מען אונטער פאַרשיידענע אויסריידן פאַרהאַלטן אין אויסלאַנד און מען האָט אים אַפילו פּרובירט נאָכשפּירן, אָבער מיט ווינציק דערפאָלג, ווײַל טאַטאַראָוו איז געווען פאָרזיכטיק און האָט תיכף באַמערקט איין נאָכשפּירער. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט מיר (מיר האָבן זיך קיין איינציקן מאָל נישט געטראָפן), ווי ער זאָל פאַראויספּילן עפּעס שלעכטס. ער האָט געלאָזט אין גאַנג פאַרשיידענע שפּיצלעך, כּדי דערוויסן זיך, ווו איך געפין זיך (מען האָט אים געזאָגט, אַז איך געפין זיך אין פּאַריזש). אַזוי, למשל, האָט ער פאָרגעלייגט מיין פרוי זי זאָל מיר שיקן אַ טעלעגראַם, כּדי מיך אַרויסצורופן אויף עפּעס אַ זיצונג און ער האָט זיך אונטערגענומען אַליין אָפּטראָגן די-דאָזיקע טעלעגראַם אויף פּאָטשט. זיין כיטרעקייט האָט זיך צעשלאָגן אָן כיטרעקייט, און טאַטאַראָוון האָט זיך נישט איינגעגעבן מיך צו זען.

— נאָך מיין צוריקקומען איז אַזעף נישט געווען אין זשענעווע — ער איז ערגיץ געהאַט אַוועקגעפאָרן, ס'איז פאָרגעקומען טאַטאַראָווס פאַרהער, ער האָט זיך פאַרלוירן און מיט זיין גאַנצער האַלטונג האָט ער אַרויסגערופן גרויס אומצוטרוי. צוליבן מאַנגל פון אָביעק-

טיווע פּאַקטן האָט מען אים אָפּגעלאָזן, פאַרפּליכטנדיק אים אָפּצו־שטעלן די פּאַרטיי־אַרבעט און צושטעלן די צוגעזאָגטע באַווייזן פון זיין אומשולד. די פּאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו טאַטאַראָװס אויפפירונג, זיין ליגן־זאָגן, די חשודע געלט־סומעס און דאָס איבעריקע, ווי אויך זיין אויפפירן זיך אויף די פאַרהערן האָבן דאַן געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק (איך פערזענלעך בין אויף די פאַרהערן נישט געווען), אַז ער איז נישט ריין און אַז ס'האָט זיך נישט געלוינט אים אָפּצולאָזן.

ווען מיר האָבן גערעדט וועגן דעם מיט אַזעפן, וועלכער איז דאַן געקומען צופאָרן, האָט ער זיך גענומען היצן, האָט אַלעמען געזידלט — „ווייכלייביקע", „קראָען" און ענלעכעס, באַ־ווייזנדיק, אַז טאַטאַראָוון האָט מען געדאַרפט טויטן גלייך אויפן אָרט, אַז דער פּרעסטיזש פון דער פּאַרטיי ווערט דורכדעם אונטערגעריסן און אַסך ענלעכעס. דאָ האָט ער אויך ווידער אַרויפגעפירט דעם שמועס אויף דער נויטווענדיקייט צו פאַר־בייטן אים אויפן פּאָסטן און ער האָט דאָס מיר פאָרגעלייגט.

די שטימונג זיינע איז נישט געווען קיין געהויבענע, און אין דאָרף, ווו זיין פרוי האָט געוווינט, איז פאָרגעקומען מיט אים אַן אמתער אָנפאַל פון היסטעריקע. לויט די ווערטער פון אַן עד־ראיה (מיין פרוי), האָט אַזעף גערעדט וועגן דער לאַגע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אַרויפקומענדיק אויפן דאָקומענט, ווו עס האָט פיגורירט זיין פאַמיליע, האָט ער זיך אויפגערעגט. — „וואָס הייסט מיך, וועלכער האָט נישט געשאַנעוועט דאָס לעבן פאַר דער פּאַרטיי, חושד זיין, באַריידן? כ'וועל דאָס נישט אַריבערטראָגן, כ'וועל זיך אַריינלאָזן אַ קויל אין שטערן", ער האָט גענומען רייסן דעם קאָלנער פון העמד, גענומען שלוקערצן, דערנאָך... טרערן און... אַ היסטע־רישער אָנפאַל. אינאָוונט האָט ער זיך באַרואיקט און ער איז געווען אין אַ הומאָריסטישער שטימונג.

אין די לעצטע טעג פאַר זיין אָפּפאָרן פון זשענעווע (ער איז אָפּגעפאָרן מיט זיין פאַמיליע אין דער איטאַליענישער שווייץ, פון דאָרט אין פּאַריזש) פלעגט אַזעף אָפט זיין ביי אונז אין דער דירה און דאָרט נעכטיקן. דאָרט פלעגן אָפט פאָרקומען פאַרזאַמלונגען און זעאונגען.

אין אויסלאַנד האָב איך ביי קיינעם נישט באַמערקט קיין

אומצוטרוי צו אים. עס זענען געווען מענטשן, וועלכע האָבן אים נישט ליב געהאַט פאַר זיינע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, פאַרן קאַטעגאָרישן, אָפט גראָבן טאָן — אָבער נאָר דערפאַר. עס פלעגן פּאָרקומען מיט אים רייבונגען אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן באָדן — רייבונגען, וואָס זענען געוויינלעך ביים צענטער פון אַ פּאַרטיי. ווען עמיץ פלעגט ריידן וועגן יענעם אָרט אין דאָקומענט, ווו עס איז געווען די רייד וועגן אַזעפן, פלעגט ער שמייכלען. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז אַרויסגעבנדיק טאַטאַראָוון האָט די רעגירונג געוואָלט פאַרן דאָזיקן פּרייז פון אמת קויפן די דעזאָרגאַניזירונג פון דער גאַנצער קאַמפּס-אַרבעט, איינפלאַנצן אומצוטרוי צו אַזעפן. און אַלע האָבן געהאַלטן, אַז אָנווערנדיק אַזעפן, וועט די פּאַרטיי פאַר-לירן די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, ווייל אַזעף האָט לויט אַלעמענס מיינונג, געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן: „דער טעראָר — דאָס בין איך."

דאָסזעלבע האָב איך אויך געזען אין רוסלאַנד בעת מיין נסיעה וועגן ענין טאַטאַראָוו: קיינער האָט אויף אַזעפן נישט געהאַט דעם מינדסטן חשד. די פּאַרטיי-מענטשן פלעגן רואיק אַריבערגיין איבער דער שטעלע פונם דאָקומענט: „אינזשיניער אַזיעף", און די וואָס זענען געשטאַנען נאָענט צו דער פּאַרטיי, וועלכע האָבן געקענט אַזעפן פּערזענלעך (ווי, למשל, צווישן די ליטעראַטן), פלעגן אויסדריקן פולן צוטרוי צו אַזעפן. ווען איך פלעג זיי דערציילן דעם אינהאַלט פון דאָקומענט און כ'פלעג זיי וואָרענען נישט האָבן צו טאָן מיט טאַטאַראָוון.

אין נאָוועמבער 1905-טן יאָר זענען מיר אָוועקגעפאָרן קיין רוסלאַנד, ווי כמעט אַלע דעמאָלטיקע עמיגראַנטן. דורכפאָרנדיק זענען מיר געווען אין פּאַריזש און מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי אַזעפן (די דירה אויף rue de la Glacière). אַזעף איז די גאַנצע צייט געווען מיט אונז, געוויזן פּאַריזש, באַזונדערס די שענקען און קאַפע-הייזער, וועלכע ער האָט גוט געקענט. ער האָט זיך אויך געקליבן פאָרן קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט סאַווינקאָוון.

פּעטערבורג אין נאָוועמבער-דעצעמבער 1905-טן יאָר. דער צענטראַל-קאָמיטעט. די זיצונגען. דער קאַמפּס-קאָלעקטיוו.

אין פּיטער האָט דאָס לעבן געשלאָגן ווי אַ קוואַל. ס'איז

געווען אַ הייסע צייט, דער אָנהויב פון דער רעוואָלוציע, וועגן וועלכן עס איז בעסער נישט דערמאָנען זיך, כּדי נישט וועקן אַ בענקשאַפט אין האַרצן. איך בין קאָאָפּטירט געוואָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך וועזנטלעך אונטערשיידט פון די ווייטערדיקע צ.ק.־צוזאַמענשטעלן. קודם־כּל איז ער געווען צאָלרייך — אַ מאַן 30 — 35. כ׳קען איצט נישט פעסטשטעלן די גענויע ציפער, און כ׳ספק צי עמיצער קען דאָס, ווייל בעת מען פלעגט באַשליסן איינצוואָרדנען אַ פּלענאַרע זיצונג פון צ. ק. (זיצונגען פלעגן פּאָרקומען באַזונדער סיי אין מאָסקווע, סיי אין פּיטער), פלעגט מען נישט קענען דערמאָנען זיך, ווער עס איז אַ מיטגליד און סוף־כּל־סוף, פלעגט מען פאַרגעסן איינצולאַדן איין אָדער צוויי פערזאָנען. אין באַשטאַנד פון צ. ק. זענען אַריינגעגאַנגען אַלטע און אַ באַדייטנדיקע צאָל יונגע. דערדאָזיקער גאַנצער קאָלעקטיוו איז געווען אַ קאָאָפּטירטער און ער האָט זיך בהדרגהדיק אויסגעבילדעט פונם אורשפּרינגלעכן קערן פון עטלעכע אַלטע. די מיטגלידער פונם צ. ק. האָבן געוווינט אין פאַרשידענע ערטער, זיי האָבן זיך זעלטן געזען און פלעגן זיך קיינמאָל נישט צונויפזאַמלען **in completo**.

מען האָט געדאַרפט באַשליסן די עקסטרענע פראַגע וועגן צונויפרופן אַ צוזאַמענפאָר — דעם ערשטן פאָר דער גאַנצער געשיכטע פון דער עקזיסטענץ פון דער פּאַרטיי, און אויסאַרבעטן אַ גאַנצע ריי מיטלען פאַרן לויפנדיקן קאַמף און דער לויפנדיקער אַרבעט. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אייגענער לעגאַלער אָרגאַן „דער זון פון פאָטערלאַנד". ס׳איז געווען אַ גרויסער הו־האַ און אַ סך זיצונגען און פאַרזאַמלונגען.

באַזונדערס זענען פאָרגעקומען אַ סך זיצונגען, געווידמעט דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווי אַזוי זי אַוועקצושטעלן און וועגן דעם, צי עס לוינט ווייטער פירן דעם טעראָר. די לעצטע פראַגע איז געלייזט געוואָרן פּאָזיטיוו. אין דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פראַגע האָט אַזעף (ער איז בייגעווען אויף אַלע זיצונגען) אַריינגעטראָגן אַ פּראָיעקט וועגן פאַראייניקן די קאַמפּס־אַרבעט פון דער פּאַרטיי אין איין האַנט, אין אַ ספּעציעלן קאָלעקטיוו. דעמדאָזיקן קאָלעקטיוו האָבן געדאַרפט זיין אונטער־געוואָרפן נישט נאָר די טעראָריסטישע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס

פון צענטראַל-קאָמיטעט, נאָר אויך די אָרטיקע; ער דאַרף אָנפירן מיט די קאַמפּס-אַרויסטרעטונגען, ער דאַרף אויסאַרבעטן פּלענער, האָבן אויפן אויג אַלע קאַמפּס-כּחות און אַז. וו.

דער פּראָיעקט צו שאַפן אַ קאַמפּס-קאָלעקטיוו (פון דריי פּערזאָן) איז באַשטעטיקט געוואָרן, ס'איז אָבער אַרויסגעקומען אַ מיספאַרשטייעניש צווישן אַזעפן און דער פאַרזאַמלונג בנוגע דער פראַגע וועגן אופן ווי אים צו פאַרווירקלעכן. די פאַרזאַמלונג איז געוועזן פאַר דעם, מען זאָל דעמדאָזיקן קאָלעקטיוו אויסוויילן (רעכענענדיק דערביי, אַז אַזעף וועט אומבאַדינגט געווילט ווערן), אַזעף אָבער האָט אין אַ שאַרפער קאַטעגאָרישער פאָרם געפאָדערט מען זאָל אים איבערגעבן צו שאַפן דעם קאָלעקטיוו: ער וועט זיך צוקלייבן די איבעריקע מיטגלידער; אין אַזאַ ענין, ווי די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, האָט אַזעף אַרגומענטירט, איז די אַרבעט מעגלעך בלויז נאָך אַ פריערדיקער באַקאַנטשאַפט צווישן די מיטגלידער, ביי דער פולער איינשטימיקייט און אַז. וו. די פאַרזאַמלונג איז נישט מסכּים געווען, די פראַגע איז פאַרווישט געוואָרן און פאַקטיש האָט אַזעף אויסגעפירט — ער האָט גענומען איינלאַדן די מיטגלידער. דעם ערשטן האָט ער מיך איינגעלאַדן. פון זיין אַ מיטגליד פון קאָלעקטיוו האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, כ'האָב אים אָבער פאָרגעלייגט מיין מיטהילף, ביי וואָס זי זאָל נישט נויטיק זיין; און שפּעטער איז מיר טאַקע אָפט אויסגעקומען האָבן צו טאָן אויך מיט קאַמפּס-אַרבעט, הגם איך בין תּמיד פאַרזונקען געווען אין דער פאַרשיידנאַרטיקסטער, ד. ה., אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט.

כ'געדענק, אַז דער באַשלוס וועגן קאַמפּס-קאָלעקטיוו איז צעטראָגן געוואָרן איבער די אָרגאַניזאַציעס. אין פּעטערבורגער קאָלעקטיוו, וווהין מען האָט מיך צייטווייליק דעלעגירט, כּדי צו באַקענען זיך מיט דער אַרבעט, איז פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג, אויף וועלכער אַזעף איז געוועזן אָנוועזנדיק, און ס'איז באַהאַנדלט געוואָרן דער באַשלוס וועגן קאַמפּס-קאָלעקטיוו. איך רעכן, אַז דורך אָרגאַניזירן דעם קאַמפּס-קאָלעקטיוו האָט אַזעף געמיינט צו טויטן צוויי האָזן: 1) אַראָפּנעמען די פּערזענלעכע אחריות, אויסבאַהאַלטן זיך הינטער אַנדערע און 2) וויסן אַלץ, וואָס עס ווערט געטאָן אויפן קאַמפּס-געביט אין דער גאַנצער פּאַרטיי.

דער קאַמפּס-קאָלעקטיוו איז פּראַקטיש נישט געבילדעט געוואָרן, און דידאַקטיק גאַנצע פראַגע איז אינגיכן שטיל-געוואָרן.

דער ערשטער צוזאַמענפאָר. די וואַלן. אַזעף — אַ מיטגליד פון צענטראַל-קאָמיטעט.

שרייבן געגוני וועגן ערשטן צוזאַמענפאָר — הייסט שרייבן אַ מאָסע זייטלעך (ווי, אגב אורחא, וועגן אַ סך פאַקטן פון פּאַרטיי-לעבן); דעריבער וועל איך זיך באַגרענעצן אין דאָזיקן פאַל (ווי אויך אין די ווייטערדיקע) מיט די פאַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אַזעפן.

דער צוזאַמענפאָר ביי דער אימאַטראַ איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער, ער איז פאָרגעקומען ביי אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען. עס זענען געשטאַנען פראַגן וועגן אָננעמען די פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי, וועגן די סטאַטוטן, וועגן רעווידירן די גאַנצע טאַקטיק, די פראַגע וועגן דער דומע, וועגן לעגאַליזירן די פּאַרטיי, וועגן קלייבן אַ צ. ק. און אַנד. און מען האָט זיך געדאַרפט איילן מיטן אָפּוועקפאָרן: אין פינלאַנד איז נישט געווען זיכער.

אַזעף איז געווען פון סאַמע אָנהויב צוזאַמענפאָר. ער איז עפנטלעך נישט אַרויסגעטראָטן מיט קיין רעדעס און אַפילו נישט מיט קורצע ווערטער. אַ סך אויפן צוזאַמענפאָר האָבן אים נישט געקענט — באַזונדערס פון די אָרטיקע דעלעגאַטן. גוט האָט אים געקענט דער קערן פון צוזאַמענפאָר, וועלכער האָט זיך אויס-געבילדעט פון פּערזענלעך איינער דעם צווייטן באַקאַנטע מענטשן און פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך באַקענט ביי דער אַרבעט אין פּעריאָד צווישן די יאָרן 1902 — 1905.

ווען מען איז צוגעטראָטן צו וויילן אַ צ.ק. (5 פּערזאָן), האָט מען צונויפגעשטעלט אַ רשימה, און פאַר דערדאָזיקער רשימה האָט פלייסיק אַגיטירט אַ קרייזל יוגנט. די רשימה איז אָנגענומען געוואָרן דורך אַ דערדריקנדיקער מערהייט. אַזעף, אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט באַקומען דעם פאָרלעצטן לויט דער צאָל שטימעס — אָרט. אַ סך האָבן געשטימט פאַר אים,

נישט קענענדיק אים און טרויענדיק די אַגיטאַטאָרן, וועלכע האָבן געהאַט אַן איבערצייגנדיקן אַרגומענט: „דאָס איז אַ מענטש, וועלכער האָט געפירט און וועט פירן דעם טעראָר". דער טעראָר איז דאַן געווען אַ היילי־קטום פאַר אונז אַלעמען. נאָך בעת די זיצונגען פון צוזאַמענפאָר איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה וועגן דער דערמאָרדונג פון גענעראַל סאַכאַראָוון אין סאַראַטאָווער גובערניע, און זי איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אַלגעמיינעם יובל. מען האָט מיט רעכט געהאַלטן, אַז אָנפירן מיטן טעראָר האָט דער צ. ק. געקענט נישט אַנדערש, ווי האָבנדיק צווישן זיך אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און אויב אַזאַ מענטש איז דאָ — דאַרף מען שטימען פאַר אים.

כ׳געדענק איין סצענע, לויט וועלכער מען קען דרינגען, אַז אַזעפן האָט שטאַרק אינטערעסירט די פראַגע, צי וועט ער אַריינפאַלן אין צ. ק. ווען מען האָט געציילט די צעטעלעך און אין זאַל איז נישט געווען קיין זיצונג, האָט ער עטלעכע מאָל פאַרקוקט אין צימער פון זאַל, קענטיק נערוועז.

דאָ וועט זיין אויפן אָרט אָנצוווייזן אויף דער לעכערלעכקייט פון די קלאַנגען, וועלכע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאַריזש בעתן ברען פון דער אַזעפשטשינע וועגן דעם, אַז די, וועלכע האָבן אַגיטירט אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פאַר אַזעפן האָבן, דער עיקר, אונטערגעשטראָכן, אַז אַזעפן דאַרף מען אויסוויילן צוליב די אומווירדיקע קלאַנגען וועגן זיין פּראָוואָקאַציע און דורכדעם פּראָטעסטירן קעגן דידאָזיקע קלאַנגען. דידאָזיקע נאַרישקייט איז מיר פערזענלעך אויסגעקומען אָפּצולייקענען אין פאַריזש ביי אַ צופעליקן צוזאַמענטרעף מיט איר מחבר־פאַרשפּרייטער אין דער אָנוועזנהייט פון עטלעכע מענטשן.

צווישן די פינף מענטשן, וועלכע זענען אויסגעוויילט געוואָרן אין צ. ק. זענען געווען: ראַקיטניקאָוו, טשערנאָוו, אַרגונאָוו, נאַטאַנסאָן און אַזעף. אַלס זעקסטער איז קאָאָפּטירט געוואָרן דער פאַרשטאָרבענער פּ. פּ. קראַפט

קיין ווייטערדיקע קאָאָפּטאַציעס האָט מען באַשלאָסן נישט דורכצופירן, טיילוויז צוליב מאַנגל אין קאַנדידאַטן, טיילוויז צוליב פּאָליצייאישע טעמים, און דער צ. ק. האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן אין באַשטאַנד פון זעקס פערזאָן (אויפן פאַל פון

אַ דורכפאַל, איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַזאָרגן מ. גאָצן, וועלכער האָט נאָך געוווינט אין אויסלאַנד, מיטן רעכט צוגויפצושטעלן אַ צייטווייליקן קאָלעקטיוו ביז די וואַלן).

דער פעריאָד פון יאַנואַר 1906=טן יאָר ביז מען האָט פאַנאַנדערגעטריבן די ערשטע דומע.

נאָכדעם ווי ס'איז פאַרענדיקט געוואָרן דער צוזאַמענפאָר האָט דער ניי-געווײלטער צ. ק. איינגעאָרדנט אין העלסינגספאָרס אַ גאַנצע ריי פאַרזאַמלונגען מיט ספּעציעל איינגעלאַדענע חברים און מיט די, וועלכע זענען נאָך נישט אָפּגעפאָרן פון פינלאַנד. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען באַהאַנדלט די טעטיקייטס-פּראָגראַם פונם צ. ק. און עס זענען פאַרטיילט געוואָרן די אַרבעטן. כּדי צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג פונם צ. ק. מיט דער פאַרטיי איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַן אינסטיטוט פון באַפולמעכטיקטע פונם צ. ק., וועלכע זאָלן דינען אַלס שטענדיקע פאַרמיטלערס און אַלס פאַרבינדונגס-גליד צווישן צענטר און די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס.

פאַר זיין אינערלעכער אַרבעטס-פאַרטיילונג האָט דער צ. ק. אויסגעאַרבעט אַן אינסטרוקציע, וועלכע האָט, אגב אורחא, פאַראויסגעזען דאָס רעכט פון איינצלנע מיטגלידער פּערזענלעך צו אַנטשיידן ענינים, די פאַלן, ווען עס איז אומבאַדינגט נויטיק אַ קאָלעגיאַלע אַנטשיידונג און די באַדינגונגען, ביי וועלכע מען קען קאָאָפּטירן נייע מיטגלידער פון צ. ק. ביים איינלאַדן נייע מיטגלידער האָט זיך געפאָדערט דער הסכם פון אַלע מיטגלידער פון צ. ק.

די אַרבעטן אין צ. ק. זענען פאַרטיילט געוואָרן אויפן פאָלגנדיקן אופן: צוויי מיטגלידער האָבן גענומען אויף זיך דער עיקר די ליטעראַרישע אַרבעט, צוויי — אַלע איבעריקע ענינים (ד. ה., אָרגאַניזאַציאָנעלע). קראַפט האָט אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג אָנטייל צונעמען אין דער קאַמפּס-אַרבעט, באַהילפיק זיין אַזעפן. די פאַראַנטוואָרטלעכע פּערזאָן אין דער קאַמפּס-אַרבעט איז געווען אַזעף. אַ וועלכע-נישט-איז אינסטרוקציע אויף צו פירן די קאַמפּס-אַרבעט, אַ וואָסער-נישט-איז סטאַטוט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע

פאַר אירע פאַרבינדונגען מיטן צענטער זענען נישט אויסגעאַרבעט געוואָרן. די אָרדנונג איז געווען די זעלבע ווי פריער, ד. ה., די, וועלכע האָט זיך אויסגעבילדעט פאַרן טעטיקייטס-פּעריאָד פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע ביזן צוזאַמענפאָר. זי איז געווען אויטאָנאָם אין אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צום ווערבירן מיטגלידער און פירן איר אַרבעט. דער צ. ק. פלעגט נאָר געבן זיין סאַנקציע אויף די פּערזאָנען, קעגן וועלכע מען דאַרף אָנווענדן טעראָר, און ער פלעגט אַרויסגעבן געלט-מיטלען. קיין באַשטימטער ביודזשעט איז אויך נישט געווען, און מען פלעגט געבן אַזוי פיל, וויפל ס'איז נויטיק געווען.

געלט איז געווען אַ סך. אַחוץ די ספּעציעלע „קאַמפּס"-סומעס, וועלכע זענען פאַרבליבן אין אַ ספּעציעלן פאָנד פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון פריערדיקע יאָרן און וועלכע האָבן זיך געפונען אין אַזעפּס רשות און אויף וועלכע ער האָט געדאַרפט אָפּגעבן אַ דין-וחשבון (קיין דין-וחשבון האָט ער קיינעם נישט אָפּגעגעבן, אַפילו דעם צ. ק. אויך נישט), זענען אויסגעזוכט געוואָרן נייע מקורים פון הכנסות פאַר דער קאַמפּס-אַרבעט. חוצדעם איז די קאַסע פון צ. ק. געווען פול און זי איז באַזונדערס פאַר-שטאַרקט געוואָרן דורכן צופלוס פון סומעס, וועלכע זענען אַריינגע-פלאָסן אין דער פאַרטיי (דורך איינצלנע מיטגלידער און אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס) און פון אַ באַקאַנטער מאָסקווער עקספּראָפּריאַציע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער אַזוי-גערופענער „מאָסקווער אָפּאָזיציע", אַ טייל פון וועלכער עס האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אָן דער פאַרטיי, און אַ טייל איז אַוועק אין די רייען פון די מאַקסימאַליסטן.

ווי רייך עס איז געווען די קאַסע פון צ. ק. קען מען משפּטן דערפון, וואָס אין 1906-טן יאָר (פון פרילינג ביז איבערן ווינטער) פלעגט די הוצאה דערגיין בין 1000 רובל אַ טאָג נישט רעכענענדיק די הוצאות אויף דער קאַמפּס-אַרבעט.

אויב מיר זאָלן נעמען אין אַכט, אַז מיר האָבן דאַן געפירט אַזעלכע גראַנדיאָזע אונטערנעמונגען, ווי אַ לעגאַלע צייטונג (די סעריע צייטונגען — „דער זון פון פאָטערלאַנד", „געדאַנק" און אַנד.), וועלכע פלעגן אונז ברענגען ריינעם היזק צו 1000 רובל פון אַ נומער, וועט ווערן קלאָר די ריזיקע גרויס פון ביודזשעט.

אַ סך מיטלען זענען אויך אָפּגעגעבן געוואָרן אויף סובסידירן די מיליטערישע אַרבעט. די קאַסע פון צ. ק. האָט צוערשט געפירט נאַטאַנסאָן, דערנאָך — איך.

אַזעף פלעגט זיך זעלטן ווענדן נאָך געלט צו דער קאַסע פון צ. ק., ווייל צוערשט זענען געווען גענוג רעשטלעך פון די פריערדיקע יאָרן און ספּעציעלע נדבות, אָבער דערנאָך האָט מען געמוזט אויסטיילן אַ ספּעציעלע קאָנטע הוצאות לויט פאָדערונגען, אַ קאָנטע אַן אומבאַשטימטע, ווייל די קאַמפּס-אַרבעט איז קיינמאָל נישט איינגעקוועטשט געוואָרן אין די ביודזשעט-ראַמען, און די באַציאונג צו איר איז תמיד געווען אַזאַ: וויפל די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע בעט, אַזויפיל דאַרף מען געבן.

אַזעף האָט זיך באַזונדערס פעסט געהאַלטן ביים דאָזיקן פּרינציפּ.

צייטנווייז פלעגט אַזעף פאַראיינפאַכן זיינע געלט-באַציאונגען מיט דער קאַסע פונם צ. ק. ער פלעגט נעמען ביי עמיצן וויפל ער פלעגט נויטיק האָבן, און ער פלעגט וועגן דעם מעלדן, און אַמאָל טאַקע נישט מעלדן אויך. כ׳געדענק, אין איינער פון זיינע רייזעס קיין מאָסקווע, אין פרילינג 1906, האָט ער געבראַכט מיט זיך אַ 10 — 15 טויזנט אויף די צוועקן פון די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציעס, נעמענדיק פון אונזערע מיטלען, וועלכע זענען געלעגן אין מאָסקווע. כ׳געדענק נאָך אַ פאַל, ווען אַזעף האָט ביי אַ פּערזאָן אין פּעטערבורג געבעטן אויף עקסטרענע הוצאות דריי טויזנט רובל, און יענער האָט זיי אים געגעבן פון דער סומע, וואָס איז געלעגן ביי אים אַלס פּקדון מצד דעם פּעטערבורגער קאָמיטעט, און דורכדעם האָט ער אַרויסגערופן אַ גערעכטן פּראָטעסט מצד דעם לעצטן...

אַזעפס דאָזיקע אויפפירונג פלעגט אַרויסרופן פּראָטעסטן מצד די קאַסירערס, אָבער מיט דעם פלעגט זיך דאָס ענדיקן. די הוצאות פון דער קאַמפּס-אַרבעט פלעגן קיינעם נישט פאַרוווּנדערן, ווייל ערשטנס האָט דידאָזיקע אַרבעט געהאַט אַן ערשטקלאַסיקע באַדייטונג, און צווייטנס איז זי געפירט געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט. מיט טייערע אונטערנעמונגען און לסוף — אין קאַסע איז געווען געלט, און ס׳איז געווען אַ זיכערקייט, אַז ס׳וועלן אַריינפליסן נייע מיטלען... אָבער דער עיקר איז געווען — דער פולער צוטרוי אין דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע און אין איר אָנפירער אַזעפן.

ווען איך האָב אַמאָל געגעכטיקט מיט אַזעפן אין דער דירה פון איינער מיינער אַ גוטער באַקאַנטער, און אַזוף האָט בעתן שמועס צופעליק אַרויסגעשלעפּט פון וועסטל־קעשענע אַ צעקנייטשטן פינפהונדערטער און אַלס דערקלערונג פון אַזאַ לייכטן באַגיין זיך מיט געלט האָט ער מיר געגומען דערציילן אַ קורצע געשיכטע וועגן דעם, אַז אים קומט אויס אַרויסצושלעפּן אַזעלכע פּאַפּירלעך פון אַ זייט־קעשענע, אַז דאָס איז אַ ספּעציעלער טריוק ביי באַ־ציאונגען מיט אַ געוויסן עולם און ווי אַזוי, למשל, ער האָט אָט דעם 500־ער „נאַכלעסיק״ געוויזן נישט לאַנג צוריק דעם באַלעבאָס פון אַ אויטאָמאָביל, — האָב איך זיך גאָרנישט געוווּנדערט און כ׳האָב אויף אַלץ צוגעבאַמקעט, אויף דידאָזיקע אַלע „נאַכלעסיקייטן״.

דער פרילינג פון 1906־טן יאָר איז געווען די צייט פון דער אינטענסיווסטער אַרבעט אין פּעטערבורג. די באַציאונגען פון צענטר מיט די פּראָווינצן, די געוויינלעכע אַלגעמיין־פּאַרטייאישע אַרבעטן זענען פאַרלאָזן געוואָרן. דאָס פּאָליטישע לעבן פון פּעטערבורג האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, און דער „מאַנגל״ פון פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען די פּאַרטיי־אַרבעט אין אַ נישט־געוועזענעם פאַרנעם.

אונזער שטיץ־פּונקט אין פּעטערבורג איז געווען די רעדאַקציע פונם לעגאַלן אָרגאַן — צוערשט „סין אָטעטשעסטוואַ״ (דער זון פון פאָטערלאַנד), און דערנאָך — „מיסל״ (דער געדאַנק).

די אומלעגאַלע אויסגאַבעס זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן. בלויז אין מערץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ „ביולעטין פון צ.ק.״. דאָס פירן אַ לעגאַלן אָרגאַן האָט געפאָדערט אַ מאַסע אָנשטרענגונגען, דאָס וואָס די מיטגלידער פונם צ. ק. האָבן אים רעדאַגירט, האָט אָפּגעשוואַכט די טעטיקייט פונם צ. ק. אין די איבעריקע געביטן, אָבער גלייכצייטיק זענען די אויפגאַבן קאָמפּליצירטער געוואָרן, און די טעטיקייטס־פעלד איז ברייטער געוואָרן, מען האָט נישט געקענט לאָזן אָן באַציאונגען די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. די אַזוי־גערופענע פּראָווינציעלע ביוראָ, וואָס איז צוליבן דאָזיקן צוועק געשאַפן געוואָרן, איז פאַרוואָרפן געווען מיט אַרבעט. די פאַרלאַגס־טעטיקייט פון דער פּאַרטיי, באַזונדערס דורך דעם פאַרלאַג „שקאָלנאָע דעלאָ״ (שול־וועזן) האָט זיך אויסגעדריקט אין הונדערטער טויזנטער דרוק־עקזעמפּלאַרן. די ליטעראַטור פלעגט פאַרשפּרייט

ווערן פון די שפייכלערס כמעט אָפן, זי פלעגט געשיקט ווערן אויף פורן צו די באַן־סטאַנציעס.

דער לאָקאַל פון דער רעדאַקציע (אויף נעווסקע, דערנאָך אויף פּאָדיאַטשעסקאַיאַ) איז תּמיד פול געווען מיט אַן עולם. אַהין פלעגן אַלע קומען מיט די פאַרשיידנסטע פּאַרטיי־ענינים. דאָרט איז אויך געווען דער מעלד־פּונקט פונם צ. ק. אַ לאַנגע צייט האָב איך איינער אַליין געמוזט אויפנעמען אין די ענינים פון צ. ק. כ'געדענק טעג, ווען די צאָל באַזוכער פלעגט דער־גרייכן ביז הונדערט. די נאָרמע פון 50 מענטשן איז געווען אַ געוויינלעכע. מען האָט זיך פאַרשריבן אַלס מיטגלידער פון דער פּאַרטיי. דאָס פלעגט געמאַכט ווערן פּשוט: ס'פלעגט קומען אַ מענטש, פלעגט אויסדריקן דעם פאַרלאַנג צו אַרבעטן אין אונזערע רייען, פלעגט איבערלאָזן דעם אַדרעס, פלעגט נעמען פּאַרטיי־ליטעראַטור, די סטאַטוטן און די פּראָגראַם. ס'פלעגט קומען יוגנט, ס'פלעגן קומען אַלטע, מענטשן פון אַלע שטאַנדן. כ'געדענק, ס'איז אויסגעקומען איינצושרייבן אַלס מיטגלידער פון דער פּאַרטיי און געבן די נויטיקע קורצע ידיעות וועגן דער לאַגע פון דער פּאַרטיי אַ גרויסער גרופּע לערערס און לערערינס, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון צוזאַמענפאָר (דאָס איז שוין געווען בעת דער טעטיקייט פון דער דומע).

ריזיקע אויפגאַבן זענען אויסגעוואַקסן אין יענער צייט אין געביט פון מיליטערישער אַרבעט. אין אָנהויב יאָר האָבן זיך געלאָזט מערקן אויפלעבונגס־סימנים צווישן אָפיצירנטום, און מיר איז אויסגעקומען צו קומען אין באַציאונגען מיטן געבילדעטן אָפיצירן־פאַרבאַנד. אין פינלאַנד איז צונויפגעקליבן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ פון די פּאַרטייאישע מיליטער־אַרבעטער, וועלכע האָט קאָנסטאַטירט אַ שטאַרקן שווונג פון דער רעוואָ־לוציאָנערער שטימונג צווישן די זעלנער און מאַטראָסן. צו דער צייט פון דער ערשטער דומע האָבן מיר שוין געהאַט אָרגאַני־זאַציעס אין אַלע גרויסע מיליטערישע צענטרס.

אַזעף פלעגט אין פעריאָד פון דער דומע זעלטן באַווייזן זיך אויף אונזערע פאַרזאַמלונגען, און זיינע באַציאונגען האָבן זיך באַגרעניצט מיט קאָנספּיראַטיווע טרעפונגען מיט מיר אָדער קראַפטן אין פּעטערבורג און אין פינלאַנד. ער איז באַשעפטיקט

געוועזן מיט די ענינים פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. זייט יאַנואַר 1906-טן יאָר האָט אַ גרופּע פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע נאָכגעשפּיאָנירט דורנאָוואָן; עס זענען אויך אָנגעמערקט געוואָרן אַטענטאַטן אויף מינען, רימאַנען, ראַטשקאָווסקין, אַדמיראַל טשוכנינען. אין מאָסקווע האָט מען געגרייט אַן אַטענטאַט אויף דובאַסאָוון.

דער אַטענטאַט אויף דורנאָוואָן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פולן דורכפאַל. די סיסטעמאַטישע נאָכשפּירונג נאָך אים מצד עטלעכע קוטשערס און די אַנדערע האַנדלונגען פון דער קאַמפּס-גרופּע האָבן אַפילו נישט געגעבן די מעגלעכקייט דערוויסן זיך דורנאָוואָס שטענדיקן וווין-אָרט און קיין איין צוזאַמענטרעף מיט אים.

אינגיכן (כ׳געדענק נישט גענוי דעם חודש) האָב איך באַקומען פון איינעם אַ סימפּאַטיקער אַ מיטטיילונג, וועלכע מען האָט געבעטן פאָרזיכטיק איבערגעבן דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. אין דער מיטטיילונג איז דערציילט געוואָרן, אַז די פּאָליציי האָט אויסגעשפּירט אונזערע דריי קוטשערס און אַז מען גרייט זיך זיי צו „ליקווידירן". כ׳געדענק נישט, פון וועמען עס איז געקומען דידאָזיקע מיטטיילונג; בלויז איין פּרט איז פאַרבליבן אין זכרון — די מיטטיילונג האָט זיך פאַררופן אויף דער דערציילונג פון אַ שווייצאַר, ביי וועלכן עס איז געוועזן צו גאַסט אַ טשעסלער, וועלכער איז באַקאַנט מיט אַ מיטאַרבעטער פון דער „אָכראַנע".

כ׳האָב זיך געאײַלט זען זיך מיט אַזעפן און אים איבערגעבן וועגן דער דראָענדיקער סכנה. ער האָט אויסגעהערט נישט אָן אויפרעגונג (אגב אַ קוים מערקלעכער) דידאָזיקע ידיעה, ער האָט עפּעס אַרויסגעבורטשעט וועגן דעם צופאַל פון דער ציפער „דריי" מיט דעם אמתן ציפער פון דריי קוטשערס און מיר האָבן זיך צעשיידט. די קוטשערס זענען תיכף אַראָפּגענומען געוואָרן פון די פּאָסטנס און, פאַרקויפנדיק אײַליק די פערד, נעלם געוואָרן. די גרופּע איז פאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן, און דער אַטענטאַט אויף דורנאָוואָן — אַנולירט. אינגיכן זענען די מיטגלידער פון דער גרופּע אַרעסטירט געוואָרן איינער נאָכן צווייטן און פאַרמשפּט געוואָרן אויף קאַטאָרגע. דער אַטענטאַט אויף רימאַנען האָט זיך אויך פאַרענדיקט מיט אַ דורכפאַל. דער

מיטגליד פון דער קאַמפּס-גרופּע יאַקאָווליעוו *) איז געקומען צו רימאַגען אין דער דירה צוויי מאָל אין אָפּיצירן-אוניפאָרם. דעם ערשטן מאָל האָט ער אים נישט געטראָפן אין שטוב, קומענדיק אַ צווייטן מאָל, איז יאַקאָווליעוו געכאַפּט געוואָרן דורך אָכראַניקעס, וועלכע האָבן אים שוין אָפּגעוואַרט (פאַרמשפּט צו קאַטאָרגע). מיר איז אויסגעקומען כּמעט אַ גאַנצן יאָר צו זיצן צוזאַמען מיט דידאָזיקע פיר חברים אין פאָר-אַרעסט. קיינער פון זיי האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן וועגן עפּעס אַ פּראָוואָקאַציע. בלויז יאַקאָווליעוו פלעגט זיך פאַרטראַכטן וועגן דער מאָדנעקייט פון זיין אַרעסט. צי האָט ער געטראַכט וועגן עמיצן, ווייס איך נישט. די פּאָליציייאישע ידיעות, חשודע לויט זייער געטרייקייט, — וואָס פלעגן טאָג נאָך טאָג, טריט נאָך טריט פאַרצייכנט ווערן אין זשורנאַל פון דער אָכראַנע וועגן דעם אַרומפאָרן, דעם אָפּשטעל-אָרט און ענל. פון דידאָזיקע קוטשערס האָבן זיי נישט פאַרפלעפט. זיי, ווי מיר אַלע, האָבן געקענט געפינען באַרואיקנדיקע היפּאָטעזעס. דער גלויבן זייערער אין אַזעפן איז געווען גרויס, זיין נאָמען פלעגט דערמאָנט ווערן מיט אַכטונג, אַמאָל — מיט ליבע. מיט וואָס און ווי אַזוי אַזעף פלעגט צוציען מענטשן — איז שווער געווען צו באַשטימען. וועגן זיך קען איך זאָגן, אַז ביי מיר פערזענלעך האָט זיך די באַציאונג צו אַזעפן גענומען ענדערן זייט דעם סאַמע אָנהויב פון אונזער געמיינזאַמער אַרבעט אין 1905-טן יאָר. מיך פלעגט אָפּט אַרויסברענגען פון געדולד זיין גראָבקייט, זעלבסטצופרידנקייט, זעלבסטאיינגעגלויבטקייט, דער נישט-זעלטענער ציניזם, געוויינהייטן, וועלכע ער האָט דערוואָרבן אין פעריאָד נאָך פאַרן 1-טן צוזאַמענפאָר, ווען ער האָט אַלץ געדאַרפט נעמען אויף זיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַזעף פלעגט באַמערקן דידאָזיקע אָפּקילונג, און מיר פלעגן האָבן מיט אים זעלטענע טעט-אַ טעטן, ווען ער פלעגט אַראָפּוואַרפן די געוויינלעכע מאַסקע, און זיך אַריינלאָזן אין אַ גייסטיקן שמועס... אַ טעמע פלעגט ער דערביי אויסוויילן גאַנץ געשיקט, און מען האָט געמוזט מודה זיין, אַז ער באַזיצט די באַזונדערע

---

*) ער איז אוועק אַלס פרייוויליקער אויפן פראַנצויזישן פראָנט און איז דערהרגעט געוואָרן אין 1916-טן יאָר.

פעאיקייט צו באַאָבאַכטן די שטימונגען און די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן. צוערשט פלעגט ער לאָזן אין גאַנג דעם שאַבלאָנעם אָבער, צום באַדויערן, פאַר אַ סך, אויב נישט פאַר אַלעמען, ווירקזאַמען מיטל: דערנידעריקן אַנדערע און אונטערשטרייכן די וויכטיקייט פאַר דער פאַרטיי פונם מיטשמועסערס אַרבעט, — דערנאָך פלעגט ער נעמען ריידן וועגן „ליבע" צו דער פאַרטיי, און וועגן דעם, ווי דער רוב אַרומיקע פאַרטיי-מענטשן (באַזונדערס פון צענטר) אַרבעט אָן באַגייסטערונג, זיי האָבן נישט ליב די זאַך, נאָר זענען זי ממשיך צוליב פליכט, מעכאַניש און אַז. וו. און אַז וו. נישט אַזוי איז געווען אין דער פאַרגאַנגענהייט... דערנאָך פלעגן קומען דערינערונגען וועגן די „נאַראָדאָוואָלצעס", וועגן מיין אַרבעט מיט אים צוזאַמען אין פאַרבאַנד און אַ סך אַנדערעס: אַזעלכע האַרציקע שמועסן פלעגן נישט ווילנדיק ווייכער מאַכן און צווינגען שלום מאַכן מיט אים.

בעת איינעם פון אַזעלכע שמועסן מיט אַזעפן, ווען מיין פרוי האָט באַרירט די טעמע, אַז אָט זענט איר, איוואַן ניקאָלאַיעוויטש, *) נאָך קיינמאָל נישט רעווידירט, נישט אַרעסטירט געוואָרן, און דער עיקר נישט געזעסן אין תּפיסה און ווי שווער אייך וועט זיין, באַזונדערס מיט אייער צוגעבונדנקייט צום לעבן, מיט די אַריסטאָקראַטישע געוווינהייטן, אַריינפאַלן אין תּפיסה, — האָט זיך אויף אַזעפס פּנים באַוויזן אַן אויסדרוק פון פאַרלוירנקייט, פון שרעק. און נישט-ווילנדיק איז דורכ-געפלויגן אַ געדאַנק: ער וועט נישט אויסהאַלטן די תּפיסה — ער וועט אַראָפּ פון זינען אָדער... פאַרראַטן. דאָס איז אָבער געווען אַ מאָמענטאַלער איינדרוק און אינגיכן האָב איך אים פאַרגעסן.

אין אַלגעמיינעם סך-הכּל זענען מיינע באַציאונגען מיט אַזעפן (אין גאַנצן פּעריאָד פון 1905-טן יאָר ביז 1908-טן) געווען דער עיקר געשעפטלעכע, און אויך אויפן דאָזיקן געביט זענען אונזערע צוזאַמענטרעפן געוואָרן אַלץ זעלטענער און זעלטענער. דעריבער קען איך נישט געבן קיין אויסשעפנדיקן ענטפער — מיט וואָס און ווי אַזוי אַזעף פלעגט צוציען צו זיך. צוויי באַדינגונגען האָבן זיכער

*) דער אַמיינסטן פאַרשפּרייטער נאָמען פון אַזעפן אין די פאַרטיי-קרייזן; זיין אמתער נאָמען און פאָטערס נאָמען. איז געווען יעווגעני פיליפּאָוויטש.

געשפּילט די הויפּט־ראָל; דאָס איז, ערשטנס, דער אימפּאָ־נירנדיקער עבר, אַלס אָרגאַניזאַטאָר פון די „רומרייכע" אַטענטאַטן אויף פּלעווען, סערגעיען און, צווייטנס, זיין פּראַקטישקייט – אַזאַ וויכטיקע אייגנשאַפט ביים אָנפירן מיט אַ קאַמפּס־אַרבעט.

„דערדאָזיקער מענטש, פלעגט זאָגן וועגן אים איינער אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, קען מיט מאַטעמאַטישער גענויקייט אַלץ פּראָוויזען" (איצט ווייסן מיר, אַז ביי דער מיט־הילף פון דעם צווייטן צד איז אַזעפן געווען נישט אַזוי שווער צו זיין באמת מאַטעמאַטיש־גענוי). בעסער פאַר אַלץ וועלן ענטפערן אויף דערדאָזיקער פראַגע זיינע געוועזענע פריינט און באַזונדערס – די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פלעגן איבערגעבן אין זיין רשות זייער נשמה און קערפּער.

כ'קען נישט נישט דערמאָנען וועגן איין פאַקט, וועלכער באַ־לויכט אין אַ געוויסער מאָס דידאָזיקע פראַגע. נאָך די דורכפאַלן מיט די טעראָריסטישע אונטערנעמונגען האָט די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע באַטראַכט די פראַגע וועגן אַן אַטענטאַט אויף סטאָליפּינען (צום סוף פון דער דומע־טעטיקייט). איך בין אין יענער צייט געווען צוליב עפּעס אַן ענין אין העלסינגספאָרס. איך האָב זיך געטראָפן מיט אַזעפן, ער איז געווען זייער ערנסט און ער האָט מיר פאַר־געלייגט, איך זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן איין פראַגע, וועלכע האָט אים געפּייניקט. ער קומט איצט פון אַ פאַרזאַמלונג פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וווּ מען האָט דעבאַטירט וועגן פּלאַן פון אַטענטאַט. קיינער פון די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע גלויבט נישט אין דער מעגלעכקייט צו דערגרייכן גוטע רעזולטאַטן דורך פריערדיקע נאָכשפּירונגס־מעטאָדן, דורך אַ לאַנגער פּראָצעדור פון אַ צוגרייטונגס־אַרבעט. די מערהייט איז פאַר אַ פאַרצווייפלטער האַנדלונג, נעמלעך – אָנטאָן אויף זיך באָמבעס און אַריינדרינגען־דיק אין דער דירה, זיך אויפרייסן. האָט מען געפרעגט אַזעפס מיינונג – ער האָט געדאַרפט לייזן די פראַגע. ער האָט זיך גע־וואַקלט און – אָט האָט ער באַשלאָסן זיך אַן עצה צו האַלטן. איך האָב זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם. פרייער אָפּאָטעמענדיק האָט אַזעף געזאָגט, אַז ער איז אויך קעגן. שפּעטער האָב איך פון די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע גופא געהערט צוגאָב־פּאַקטן וועגן דעמדאָזיקן ענין. ווען די מערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט

פאַרן פאַרצווייפלטן טריט האָט זיך אַזעף פרינציפּיעל אויך אַרויס־געזאָגט פאַר. ווען מען האָט שוין אָבער גענומען אָנלאָדן די מענטשן־באָמבעס, האָט ער זיך גענומען וואַקלען און איז געוואָרן אומאַנט־שלאָסן, דערנאָך האָט ער דערקלערט אין אַ קאַטעגאָרישער פאָרם, אַז אויב די אָרגאַניזאַציע באַשליסט צו האַנדלען אַזוי, וועט ער געבן זיין סאַנקציע בלויז ביי איין באַדינגונג: ער לאָדט זיך אַליין אָן מיט דינאַמיט און גייט פאָראויס. ער איז נישט בכח צו דערלויבן אַזאַ זאַך, נישט אָנטיילנעמענדיק אין איר. די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן גענומען פּראָטעסטירן. אַזעף, האָבן זיי קאַטעגאָריש דערקלערט, דאַרף בלייבן. ער איז דער ראש פון דער אָרגאַניזאַציע, אָן אים וועט חרוב ווערן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און ער דאַרף פאַרבלייבן אויף זיין פּאָסטן פון אַ אָרגאַניזאַטאָר. אַזעף האָט נישט מסכים געווען, און דער פּלאַן מיט די באָמבעס איז צונישט געוואָרן.

כ'גיי איבער צו די ווייטערדיקע פאַקטן.

דער אַטענטאַט אויף דובאַסאָוון ענדיקט זיך, נאָך אַ גאַנצער ריי פּרוּוון, — מיטן אויפרייס פון ווּנאָכאָווסקיס באָמבע פון וועלכער דובאַסאָוו איז אַרויס גאַנץ אַדאַנק אַ גליקלעכן צופאַל. אַזעף איז אַליין געפאָרן קיין מאָסקווע אָנפירן מיטן אַטענטאַט און בעתן אויפ־רייס פון דער באָמבע אויף טווערסקאַיאַ איז ער געווען אין פיליפּאָווס קאַפע־הויז. ער האָט מיר דערציילט (אינגיכן נאָכן אַטענטאַט), אַז נאָכן אויפרייס האָט די פּאָליציי אַרומגערינגלט די טווערסקאַיאַ און פאַר־האַלטן דעם גאַנצן עולם, ער האָט זיך קוים געראַטעוועט. מען האָט אים דורכגעלאָזן דורך דער קייט אַדאַנק זיין פיגור (אויף זיין גליקלעכער אויסערלעכקייט פלעגט ער זיך אָפט פאַררופן) און דעם געוויזענעם אויסלענדישן פּאַס.

נאָך די אַלע אומגעלונגענע אַטענטאַטן איז די טעטיקייט פון דער גרופּע פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אָפּגעשטאָרבן. אין דערדאָזיקער צייט איז פאָרגעקומען גאַפּאָנס דערמאָרדונג. מיט די באַדינגונגען פון ענין־גאַפּאָן בין איך באַקאַנט פון דער צווייטער האַנט. דער באַשלוס פון צ. ק. צו טויטן גאַפּאָנען אומבאַדינגט צוזאַמען מיט ראַטשקאָווסקין איז אָנגענומען געוואָרן אין מיין אָפּוועזנהייט, און ער איז מיר נישט געווען באַקאַנט. טיילווייז צוליב זיין קליינער צאָל מיטגלידער און טיילווייז צוליב דער

נישט-געוועגנדיקער אינערלעכער געשלאָסנקייט, ווי אויך צוליב דער געוירשנטער (פון דער פאַרגאַנגענהייט) געוויינהייט צו פּערזענלעכע אַנטשיידונגען פלעגט דער צ. ק. אָפט עובר זיין אויף דער פאַרפליכטונג אַנצונעמען קאָלעגיאַלע באַשלוסן אפילו אין וויכטיקע פראַגן. איך פּערזענלעך, פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַטאָרישע, מיליטערישע און אַנד. ענינים און בלויז ווי מיט אַ נעבנזאַך, צופעליק מיט קאַמפּס-ענינים, האָב נאַטירלעך ווינציקער ווי אַנדערע געקענט זיין אינפאָרמירט וועגן ענין-גאַפּאָן. רוטענבערגן האָב איך געהאַט געטראָפן עטלעכע מאָל אין דער רעדאַקציע פון „מיסל", און שפּעטער אין פינלאַנד און אין אויסלאַנד. אויף וויפל איך שטעל זיך פאָר דעמדאָזיקן גאַנצן ענין, רוטענבערגס פּערזענלעכקייט און אַז. וו., בין איך ביי דער מיינונג, אַז דאָס דערמאָרדן גאַפּאָנען אַליין, נישט געקוקט אויפן דירעקטיוו צו טויטן אים צוזאַמען מיט ראַטשקאָווסקין — איז געווען אַ רעזולטאַט פון רוטענבערגס זעלבשטענדיקן באַשלוס, און כ'ספק, צי דאָ, אין זיין דאָזיקן באַשלוס, האָט געשטעקט אַזעפס פּראָוואָקאַטאָרישע האַנט.

ס'האָט זיך דערנענטערט די ערשטע דומע. אין דער לופט האָט זיך אַלץ מער און מער געשפּירט דער אָטעם פון פרייהייט. הגם מיר זענען געווען „באָיקאָטיסטן", האָבן מיר זיך פאַקטיש באַגייסטערט מיט די פאָלקס-האָפנונגען אויף דער דומע און מיר האָבן אָנגעהויבן צו זען אין דער דומע — אונטערן דיקטאַנט פון דערווירקלעכקייט — דעם צענטער פון דער געזעלשאַפטלעכער אויפמערקזאַמקייט — אַ נאַטירלעכן רעוואָלוציאָנערן צענטער. ס'האָבן זיך געהערט שטימעס וועגן דעם, אַז מען דאַרף אָפּשטעלן דעם טעראָריסטישן קאַמף אויף דער צייט פון דער דומע.

דער 1 פאַרטיי-ראַט, וואָס האָט זיך צונויפגעקומען מיט עטלעכע טעג פאַרן עפענען די דומע, האָט אָנערקענט אין פּרינציפּ די נויטווענדיקייט אָפּצושטעלן צייטווייליק די טעראָריסטישע און קאַמפּס-טעטיקייט און ער האָט באַפולמעכטיקט דעם צ. ק. דאָס דורכצופירן אין לעבן, ווען דאָס וועט זיין אַמיינסטן צוועקמעסיק.

אויך אַזוף האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָפּשטעלן דעם טעראָר, מסכים זייענדיק מיט דעם, אַז מען דאַרף דעם פאָלק געבן די מעגלעכקייט אויסצופּרוון די מיטלען צו לייזן פרידלע-

זיינע הויפט־אויפגאַבעס. אין פּריוואַטע, מער אָפנהאַרציקע שמועסן פלעגט אַזעף נישט זעלטן צוגעבן, אַז, לויט זיין מיינונג, איז בכלל שוין אויסגעשפּילט דאָס לידל פון די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און די פּאָליטישע אַנטוויקלונג פון לאַנד וועט גיין אונטער דער אָנפירונג פון די קאַדעטן (מיט וועמעס לידערס ער איז, אגב אורחא, געווען באַקאַנט).

דער באַשלוס פון ראַט וועגן אָפּשטעלן דעם טעראָר איז צונויפגעפאַלן מיט זיין פאַקטישער אָפּשאַפונג דורכן לעבן גופא. מיטן אויסנאַם פון דער סעוואַסטאָפּאָלער אָרגאַניזאַציע און טיילווייז פון וואָלגאַר געביט, ווו עס האָט זיך צייטווייליק קאָנצענטרירט אַ גאַנץ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, האָט אומעטום געהערשט אַ שטילשטאַנד אין געביט פון קאַמפּס־אַרויסטרעטונגען און ס׳איז נישט געווען קיין טעראָריזם.

אינם צירקולאַר־בריוו פון צ. ק. וועגן אָפּשטעלן דעם טעראָר זענען אָנגעגעבן געוואָרן די מאָטיוון פון באַשלוס און גלייכצייטיק האָט ער רעקאָמענדירט נישט פאַנאַנדערצולאָזן די קאַמפּס־גרופּעס און זיין גרייט צו באַנייען דעם טעראָר אין דער צוקונפט.

אין דער ערשטער צייט פון דער דומע־טעטיקייט זענען קיין טעראָריסטישע אַקטן נישט פאָרגעקומען, אַחוץ דער דערמאָרדונג פונם אַדמיראַל טשוכנין. אין צוויי חדשים אַרום, ווען עס איז קלאָר געוואָרן דער באַשלוס פון דער רעגירונג צוצונעמען צוריק אַלע אירע הבטחות און ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער סיסטעמאַטישער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קאַמף, איז דער באַשלוס וועגן אָפּשטעלן דעם טעראָר אַנולירט געוואָרן, און אין יולי האָט דער צ. ק. אַרויסגעלאָזן אַ צירקולאַר וועגן באַנייען דעם טעראָר.

דער פּעריאָד פון דער ערשטער דומע איז געווען אַ פּעריאָד פון דער אינטענסיווסטער אַרבעט אין פּעטערבורג. אַחוץ דער רעדאַקציע „מיסל״ האָט זיך באַוויזן אונזער אַ צווייטער שטאַב־אָרט — דער לאָקאַל פון דער אַרבעטס־גרופּע אויף דעם נעווסקי. גאַנצענע טעג פלעגט מען מוזן זיין אין דידאָזיקע פּונקטן, ס׳פלעגן אויספעלן טעג, כדי מען זאָל באַוויזן צו דערליידיקן אַ מאַסע אַלערליי ענינים. איך האָב אומלעגאַל געוווינט אין לעסנאָי, ווייל דעם 12 אַפּריל איז אַרעסטירט געוואָרן מיין פרוי און ל., וועלכע האָט געוווינט צוזאַמען מיט איר (אין שייכות מיטן אַרעסט פון

אַזעפס קאַמפס-אָפטיילונג), דער אַרעסט איז פאָרגעקומען אין מיין אָפוועזנהייט און איך האָב קוים באַוויזן אַנטרונען צו ווערן פון די אַגענטן, וואָס האָבן מיך נאָכגעיאָגט, אַריינשפרינגענדיק פון ברעג אין אַ דאַמפערל, וואָס איז אָפגעגאַנגען איבער דער נעוואַ.

אַזעף פלעגט קומען אין רעדאַקציע פון „מיסל" נישט איינמאָל, און מיר פלעגן פראָטעסטירן קעגן אַזאַ ריזיקע פון זיין זייט. אין לאָקאַל פון דער אַרבעטס-גרופע פלעג איך אַזעפן נישט טרעפן. געוווינט האָט ער, וואָרשיינלעך, ערגיץ ווו אין פעטערבורג (בכלל איז זיין אַדרעס קיינמאָל נישט באַקאַנט געווען קיינעם פון די צ. ק.-מיטגלידער און אונז איז נישט אויסגעקומען צו זיין ביי אים אין זיין אייגענער דירה). זומערצייט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן סימפטאָמען פון רעגירונגס-רעפרעסיעס, איז אַזעף אַריבערגעפאָרן קיין פינלאַנד, קומענדיק פון צייט צו צייט אין פיטער.

כ'געדענק, ער האָט מיר דערציילט, אַז בעת איינער אַזאַ נסיעה איז ער קוים אַנטרונען געוואָרן פון שפיקעס. אויפן פינלענדישן וואָקזאַל האָבן זיך צו אים צוגעטשעפעט צוויי שפיקעס. ער האָט געגומען אַ ליכאַטש — זיי אויך. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג. אַזעף האָט זיך דערמאָנט, אַז אין רעסטאָראַן „מעדוועד" (בער) איז דאָ אַ באַקוועמער אַדורכגאַנגס-הויף, און ער האָט אַהין געהייסן פאָרן דעם קוטשער. ער איז שנעל אַראָפגעשפרונגען, דורכגעגאַנגען, אין אָנטאָן, דורכן רעסטאָראַן און נעלם געוואָרן...

דאָס איז געשען אין פעריאָד פעברואַר-אַפריל 1906-טן יאָר.

געוויינלעך פלעגן די מיטגלידער פון דער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע פאָרן צו אַזעפן נאָך דירעקטיוון קיין העלסינגספאָרס אָדער אויף אימאַטרע.

אין פעריאָד פון דער ערשטער דומע, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז די פאַרטיי-אַרבעט געווען אינטענסיוו, ווי נאָך קיינמאָל נישט. אַחוץ דער פיבערהאַפטער טעטיקייט פונם צ. ק. האָט מען געמוזט גוט האָבן אין אויג אַ פאַקט פון גרויס וויכטיקייט, — די שטאַרקע יוירונג אין מיליטער און אין פלאָט. די שטימונג פון מיליטער איז געוואַקסן מיט יעדן טאָג. אין דער צייט ווען די

טעטיקייט פון דער דומע איז געווען אין עכטן ברען האָבן מיר גענומען באַקומען פון אומעטום ידיעות וועגן אַ ברויזנדיקער מיליטעריש-פּאַרטייאישער אַרבעט. די הויפּט-באַזיסן זענען געווען: פּעטערבורג, קיעווער קרייז, וואַרשעווער קרייז, דערנאָך קראָנשטאַט, סעוואַסטאָפּאָל, פינלאַנד. אָנשטאָט די אָרגאַניזאַציעס פון פּאַרטייפּראָפּאַגאַנדיסטן האָבן זיך באַוויזן אָרגאַניזאַציעס פון זעלנער, פון מאַטראָזן, מיליטערישע קאַנצעליאַריסטן און אַז. וו. אין פּיטער פלעגן פּאָרקומען גאַרניזאָן-פּאַרזאַמלונגען, אויך אין קראָנשטאַט, און ס'איז גענוג געווען כאָטש איין מאָל בייצוזיין אויף דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען, כאָטש איינמאָל אַ קוק טאָן אויף די ברענענדיקע אויגן פון די פאַרזאַמלטע און הערן די היציקע רעדעס פון די זעלנער, כדי צו שפּירן די גאַנצע וויכטיקייט פון מאָמענט.

אינגיכן, — נישט מער ווי אין אַ חודש אַרום, איז די שטימונג פון די מיליטערישע אָרגאַניזאַציעס אויסגעוואַקסן צו אַזאַ מדרגה, אַז ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אַרויסטרעטונגען. אַ באַטאַליאָן, וואָס האָט זיך געפונען אויף לאַגער ביים דאָרף קאָלפּין, האָט פאָרגעלייגט אָנהויבן אַ פּרווו פון אַ אויפשטאַנד: גיין מיט אַ מאַרש דורך קראַסנאָיע סעלאָ, מיטרייסנדיק אויפן וועג דאָס מיליטער, און איינעמען די קעניגלעכע רעזידענץ. דער באַטאַליאָן איז געווען אינגאַנצן גרייט, און זיינע פאָרשטייער האָבן דערקלערט, אַז זיי זענען גרייט זיך אונטערצוואַרפן די דירעקטיוון פון די פּאַרטייען — נעמלעך, דער פּאַרטיי ס.-ר. אין שטאַב (רעד. „מיסל”) האָט מען געדאַרפט געבן דידאָזיקע דירעקטיוון. אין דער לופט האָט נאָך נישט געשמעקט מיט פאַנאַנדערטרייבן די דומע, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איינצוהאַלטן די פּרווון פון אַרויסטרעטונגען, זיי אָפּלייגן. די קאָלפּינער אונטערנעמונג איז אָפּגעלייגט געוואָרן און זי האָט זיך אויסגעגאָסן בלויז אין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די אָפיצירן, אין די ראַמען פון לאַגער.

נאָך אַן אומרואיקערע צייט האָט איבערגעלעבט קראָנשטאַט. דער גאַרניזאָן-קאָמיטעט, וואָס איז אויסשליסלעך אָנגעפירט געוואָרן דורך די ס.-ר.-ן, האָט נישט איינמאָל געשיקט אין אונזער שטאַב שליחים מיט ידיעות וועגן דעם, אַז עס זענען מעגלעך פלוצימדיקע אַרויסטרעטונגען פון דער מאַטראָזן-מאַסע. אויך דאָ

האָט מען געמוזט איינהאַלטן. לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, געמיינזאַמע זיצונגען מיט די מאַטראָזן (אויף צוויי פון זיי בין איך פערזענלעך בייגעווען), דאָס שיקן קיין קראָנשטאַט דעפּוטאַטן-טרודאָוויקעס, — דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף זייער שטימונג, אָבער ביזן צעטרייבן די דומע איז דער אויפשטאַנד איינגעהאַלטן געוואָרן. דאָסזעלבע האָט מען איבערגעלעבט אין סעוואַסטאָפּאָל, אין פינלאַנד און אין אייניקע פולקן פון פעטערבורג. צוגלייך מיט די זעלנערישע און מאַטראָזישע אָרגאַניזאַציעס איז געוואָקסן די אָפיצירישע אַרבעט. אויפן אָרט פונם אָנפאַנגדיקן אָפיצירן-פאַרבאַנד, וואָס איז געווען שוואַך אין צאָל, און, דער עיקר, לויט זיין רעוואָלוציאָנערישקייט, האָבן זיך באַוויזן קרייזלעך פון אמתע אָפיצירן-רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ס'איז צו האַרבסט צו געלונגען אַנטוויקלען זייער אַרבעט און שאַפן אַן אָפיצירישן פאַרבאַנד.

אַזוי אַרום איז די אַרבעט פון צ. ק. דער עיקר געווען אַ צווייפאַכע: אַ ליטעראַריש-פאַרלעגערישע און אַ מיליטערישע.

אַזעף האָט נישט אָנטיילגענומען אין דידאָזיקע אַרבעטן, ער פלעגט נישט זיין אויך ביים באַהאַנדלען די מיט זיי פאַרבונדענע פראַגן. געוויס, ער האָט געוווּסט דאָס אינטערעסאַנסטע פון אונזערע דערציילונגען, באַזונדערס פון מיליטערישן געביט.

צום סוף פעריאָד פון דער ערשטער דומע האָט ער זיך ווידער, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, גענומען צו דער טעראָריסטישער אַרבעט און ער האָט אָנגעפירט מיטן אַטענטאַט אויף סטאָליפינען. טיילווייז פון זיינע דערציילונגען, טיילווייז פון זיינע אַנדערע מיטהעלפער בין איך געווען אינפאָרמירט וועגן גאַנג פון דער זאַך. מען האָט אָפּגעוואַרט סטאָליפינען אויפן וועג פון זיינע דורכפאָרן פון ווינטער-פאַלאַץ (ווו ער האָט געוווינט) קיין צאַרסקאָיע סעלאָ. מען האָט געקענט דעמדאָזיקן וועג, מען האָט געקענט דעם וועג פון דעם שיפל איבער דער נעוואַ, די סטאַציעס און אומשטייג-ערטער, און עס זענען נישט געווען קיין רעזולטאַטן, און סטאָליפין איז דערווייל געפאָרן אין צאַרסקאָיע סעלאָ, אין דומע. און אַלע האָבן זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי קענען אים די טעראָריסטן נישט טרעפן, זאָל זיין אויפן וועג אין דומע אַריין. ס'האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז די טעטיקייט פון דער קאַמפּס-אָפּטיילונג טויג אויפן פייער, אַז אַלע

אירע אָנשטרענגונגען זענען פּרוכטלאָז און עס הענגט איבער איר עפּעס אַ פּאַטום. איצט איז דאָס אַלץ פאַרשטענדלעך; אָפּהיטנדיק סטאַליפינען, האָט אַזוף געפירט די אונטערנעמונג אַזוי, אַז די אָפּטיילונג זאָל וואַרטן אויף אים אויפן וועג, איבער וועלכן ער איז נישט געפאָרן, אַז דידאָזיקע אָפּטיילונג, אויסגעשעפּט דורך דער פרוכטלאָזיקייט פון איר אַרבעט, זאָל אינערלעך מיד ווערן, זי זאָל צעפאַלן ווערן און אַזעפן זאָל זיין לייכט צו שאַפן אויפן דאָזיקן באָדן די טעאָריע וועגן דער אומטויגלעכקייט פון די „אַלטע" מעטאָדן פון קאַמף און צוגרייטן אַזוי אַרום יענע „דעמיסיע" פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז פאָרגעקומען שפּעטער, אין האַרבסט.

כ'געדענק, כ'האָב געשטוינט פון אַזעפס אויפפירונג און פון זיין באַציאונג צו וויכטיקע, לויט מיין מיינונג, פאַקטן, וועלכע האָבן געדאַרפט גרינגער מאַכן זיין אַרבעט. פון אַ צופעליקן מקור האָב איך זיך דערוווסט די פאַמיליע און אַדרעס פונם זשאַנדאַרם-אָפיציר, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט מיטן צעשטעלן די זיכער-קייטס-קייט אויפן וועג, מיט וועלכן סטאָליפין פלעגט פאָרן אין דומע און צוריק; מיר האָבן שוין געהאַט דעם אַדרעס פון דעם אָפיצירס געליבטער, ווו ער פלעגט אָפט זיין. מען האָט אָנגערופן די שעהן, ווען דערדאָזיקער אָפיציר פלעגט אָנהויבן אַרויסצו-געבן אינסטרוקציעס די אַגענטן און אַז. וו. דאָס אַלץ איז וויכטיק געווען פאַר אַזעפן, דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט קאָנטראָלירן און אויסנוצן. ער האָט זיך באַצויגן דערצו אָן דער נויטיקער אויפמערקזאַמקייט. דער אויסדרוק פון זיין פנים איז געווען לאַנגווייליק, פאַרמאַטערט. כ'האָב געשטוינט. איצט, פאַרשטייט זיך, שטוין איך נישט מער.

אין דאָזיקן פעריאָד פון דער דומע-פאַנאַנדערטרייבונג האָבן מיר נאָך געהאַט צו טאָן מיט אַזעפן וועגן סאַווינקאָווס אַרעסט אין סעוואַסטאָפּאָל. צי האָט אַזוף פאַרראַטן סאַווינקאָוון אָדער די סיבה פון אַרעסט איז געווען אַן אַנדערע — איז נישט באַוווסט, אָבער ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן באַפרייען סאַווינקאָוון, האָט זיך אַזוף צוערשט באַצויגן נעגאַטיוו צום פּראָיעקט וועגן באַפרייען סאַווינקאָוון, נישט גלויבנדיק, אַז ער וועט אויסגעפירט ווערן, און די גאַנצע ווייטערדיקע צייט האָט

ער זיך געהאַלטן פאַסיוו אין דאָזיקן ענין, בלויז שטיפטאַרס היציקע אַנטשלאָסנקייט צו באַפרייען סאַווינקאָוון און די הילף פון די סעוואַסטאָפּאָלער חברים, ווי אויך די קאַסע פון צ. ק., וואָס איז פאַרן דאָזיקן ציל געעפנט געוואָרן אומבאַגרעניצט, האָבן געבראַכט צו אַ געלונגענעם רעזולטאַט.

דער חורבן פון דער רעדאַקציע פון „מיסל". די פאַנאַנדערטרייבונג פון דער דומע. אונזער טעטיקייטס-פּלאַן. דער אַרעסט אויף דער סט. בעלאָאָסטראָוו.

דאָס איז געווען דעם 7-טן יולי. אין דער רעדאַקציע פון „מיסל" האָט זיך צונויפגעקליבן דער געוויינלעכער באַשטאַנד פון מיטאַרבעטער און נישט קיין סך באַזוכער. פלוצלונג האָט זיך באַוויזן אַ שטאַרקע אָפּטיילונג פאָליציי, וועלכע איז געזעסן און אונז אָפּגעוואַרט ערגיץ-ווו אין אַ לויערונג. דערנאָך איז די געביידע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך רייטער-זשאַנדאַרן. מען האָט אָנגעהויבן אַ רעוויזיע און צונויפשטעלן אַ רשימה פון די אָנוועזנדיקע. מיט דער פאָליציי-אָפּטיילונג האָבן אָנגעפירט דער נישט-אומבאַקאַנטער סטאַטקאָווסקי און פאָנאָמאַרעוו. די פאָליציי האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענעם ציל: פאַרכאַפּן אין דער רעדאַקציע דעם צ.ק. ווען אין דער ערשטער ריי איז דערקענט געוואָרן טשערנאָוו (וולאַדימיר), האָט זיך אויף סטאַטקאָווסקיס פּנים באַוויזן אַ גליקלעכער שמייכל („געכאַפּט" וויקטאָר טשערנאָוון), און ער איז בוכשטעבלעך נישט אָפּגעטראָטן פונם אַרעסטירטן, אים נאָכגייענדיק פון צימער צו צימער. די „אָפּגעשריבענע" פלעגט מען אַוועקשיקן מיט פּאָליציאַנטן אין תּפיסה. אויף דער גאַס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ ריזיקער עולם, דער עיקר פון אונזערע אַרבעטער-זעצערס. מען האָט אָנגעהויבן אָפּצושלאָגן די אַרעסטירטע. די ערשטע צוויי אַוועקגעפירטע האָט מען אָפּגעשלאָגן, זיי האָבן אָבער אַליין נישט געקענט אויסנוצן די פרייהייט. דער המון האָט זיך אָפּגערעכנט פאַר די פענסטער מיט אַ געכאַפּטן שפּיאָן. מען האָט אים אומברחמנותדיק געשלאָגן.

אין דער צייט, וואָס האָט געדויערט דאָס צונויפשטעלן די רשימה און די רעוויזיע אין די פאַרשידענע צימערן, האָב

איך זיך פאַרקליבן אין רעדאַקטאָרס קאַבינעט. דאָרט האָבן זיך געפונען עטלעכע פּערזאָן. ס'איז געקומען צופאָרן דער רעדאַק־טאָר — דער מיטגליד פון דומע סאָלאָמקאָ. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצורוקן די פראַגע וועגן דער אומבאַרירלעכקייט פון רעדאַקטאָרס קאַבינעט. ווען די פּאָליציי איז אַריינגעקומען אין קאַבינעט, כדי צו מאַכן אַ רעוויזיע און פאַרכאַפּן די פּערזאָנען, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, האָט זיך סאָלאָמקאָ אַוועקגע־שטעלט ביי דער טיר און פּראָטעסטירט, אַלס מיטגליד פון דער דומע. סטאַטקאָווסקי האָט זיך געוואַקלט. ער האָט לאַנג געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט זיינע עלטסטע. דערנאָך איז ער ווידער געקומען און נאָך אים זענען אַריינגעקומען עטלעכע פּאָליציאַנטן און זייערע הענט האָבן זיך שוין געצויגן צו אונז. סאָלאָמקאָ האָט ווידער פּראָטעסטירט. מיר האָבן זיך געווענדעט צו די פּאָליציאַנטן מיט אַ רעדע, אָנווייזנדיק זיי אויף דער סכנה, וועלכע זיי גרייטן זיך צו, זיך אונטערוואַרפנדיק סטאַטקאָווסקיס אומגע־זעצלכע פאַראָרדנונגען צו ברעכן די אומבאַרירלעכקייט פון אַ דעפּוטאַטס וווינונג, אַן אומבאַרירלעכקייט, וועלכע איז פּראָק־לאַמירט געוואָרן דורכן קייסער אַליין.

די פּאָליציאַנטן האָבן זיך געוואַקלט, און איינער נאָכן צווייטן געוואָרן אַוועקגיין. סטאַטקאָווסקי האָט ווידער געליטן אַ מפּלה, און ווידער האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. מיר האָבן פאַרמאַכט און פאַרבאַריקאַדירט די טיר. מיר האָבן אָבער געפילט, אַז אַזאַ פרידלעכער קאַמף וועט נישט לאַנג דויערן. מען האָט זיך גע־דאַרפט ראַטעווען. אַרויסקוקנדיק דורכן פענסטער, וועלכער איז אַרויסגעקומען אויפן יעקאַטערינינער קאַנאַל, האָב איך דערזען, אַז ער איז נישט גאָר הויך איבער דער ערד. פון אונטן איז געשטאַנען אַ עולם און געגעבן מיטפילנדיקע צייכנס. אויף אונזער גליק האָט די אָפּטיילונג זשאַנדאַרן, וואָס האָט געהיט דידאָזיקע טייל געביידע, זיך אַ יאָג געטאָן פאַרטרייבן דעם עולם אויף דער שכנותדיקער גאַס. איך האָב פאָרגעלייגט ו. טשערנאָוון צו שפּרינגען דער ערשטער. ער איז אַרויסגעקראָכן פון פענסטער און בשלום זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די באַרקעס פון עולם, וואָס איז געשטאַנען פון אונטן, נאָך אים האָב איך אויך גענומען קריכן. שאָקלענדיק זיך אַ רגע אין דער לופט האָב איך

אָנגעטאָפּט עמיצנס. הענט און באַרקעס, כ׳האָב מיט צוטרוי אַ פּאַל געטאָן אונטן און געבליבן ליגן אויף דער ערד, אָפּקומענדיק בלויז מיט אַ צוקלאַפּטער קני. אויף דער צווייטער זייט קאַנאַל האָט מען שוין באַמערקט אונזער אָפּעראַציע, און דער וואַך-פּאָליציאַנט איז געלאָפן אין צירקל. דעם דריטן חבר ר. איז שוין גישט געלונגען אַרויסצושפּרינגען. די פּאַרבאַריקאַדירטע טיר איז געווען אָפן, און די אומבאַרירלעכקייט פון דעפּוטאַטס וווינונג איז געשטערט געוואָרן אָן אונטערהאַנדלונגען און וואַקלענישן.

אָפּזיצנדיק דעם גאַנצן טאָג אין לאָקאַל פון דער אַרבעטס-גרופּע, האָב איך זיך אינאָווענט אַריבערגעקליבן קיין פינלאַנד. איבער די גאַסן פון דער שטאָט האָט זיך באַוועגט מיליטער, וואָס איז צונויפגעצויגן געוואָרן פון די לאַגערן. אינדערפרי האָט זיך באַוויזן דער מאַניפעסט וועגן דער פאַנאַנדערטרייבונג פון דער דומע. די דעפּוטאַטן זענען אַוועקגעפאָרן קיין וויבאָרג. מיר האָבן באַשלאָסן צונויפקלויבן זיך אין פינלאַנד, כּדי אויס-צואַרבעטן אַ האַנדלונגס-פּלאַן. מיר האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין טעריאָקיס. דאָס איז געווען נאָך דער זיצונג פון דער דומע אין וויבאָרג און נאָכדעם, ווי ס׳איז דערשינען דער וויבאָרגער אויפרוף. ס׳האָט זיך צונויפגעקליבן דער צ. ק., אין באַשטאַנד, וואָס איז געבליבן גאַנץ נאָכן פּאָגראָם אין דער רעדאַקציע „מיסל״, עס זענען איינגעלאַדן געוואָרן געוויסע חברים, דערנאָך דער קאָמיטעט פון דער אַרבעטס-גרופּע (געבילדעט אין וויבאָרג מיט דער פולמאַכט אַרויסצוטרעטן אין נאָמען פון דער גרופּע), די פאָרשטייער פון אייזנבאַנער- און פּויערים-פאַרבאַנד. עס איז געווען אָנוועזנדיק אויך אַזעף, וועלכער איז געקומען פון ערגיץ-ווו אין פינלאַנד. עטלעכע טעג האָט געדויערט די באַראַטונג וועגן דעם טעטיקייטס-פּלאַן. ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ ווענדונג פון צ. ק. צו אַלע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ רוף צו מאָביליזירן אַלע קאַמפּס-כּחות, אָנהויבן אַלערליי פּראָטעסטן און אָפענע אַרויסטרעטונגען. דערנאָך איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַלגעמיינער מאַניפעסט צום פאָלק, צום מיליטער, אונטער וועלכן עס האָבן זיך געפונען די אונטערשריפטן פון אַלע אין טעריאָקיס אָנוועזנדיקע אָרגאַניזאַציעס. עס האָט געפעלט די אונטערשריפט פון דער ס.—ד. פּאַרטיי. מען האָט געדאַרפט איבעררעדן מיטן

צ. ק. פון דער ר. ס. ד. אַרבעטער-פּאַרטיי, און איך בין געפֿאָרן קיין פּעטערבורג מיטן דאָזיקן ציל. אויפֿן וואָקזאַל אין טעריאָקי זענען געווען אַ סך דעפּוטאַטן-קאַדעטן. אויך זיי האָבן געהאַט אַ פּריוואַטע באַראַטונג. כ׳האָב זיך אַריינגעזעצט אין באַן אָן ספּעציעלע פּאָרזיכטס-מיטלען, — ס׳איז קיין צייט נישט געווען צו טראַכטן וועגן דעם. אין וואַגאָן מיט מיר זענען געפֿאָרן עטלעכע חברים. אויף דער סט. בעלאָאָסטראָוו איז אין וואַגאָן אַריין אַ זשאַנדאַר און, צוקומענדיק גלייך צו מיר, מיך איינגעלאַדן מיט דער געוויינלעכער דעליקאַטקייט אַראָפּצוגיין אויף דער סטאַציע. די פּראָטעסטן זענען געווען אומזיסט, ס׳איז נישט געווען ווו צו אַנטלויפֿן, און איך בין אַוועק מיט אים אויף דער סטאַציע. דאָרט, נאָך אונטערהאַנדלונגען דורכן טעלעפֿאָן פֿון עפּעס אַ חשובן ציוויליסט, האָט מען מיך רעווידירט און אָפּגעשיקט אין דער עטאַפּנער תּפֿיסה. דאָס איז געווען דעם 16-טן יולי. אַ חודש צייט האָב איך דאָרט פֿאַרבראַכט, אַלס אומלעגאַלער, אונטער אַ פֿרעמדער פֿאַמיליע, דערנאָך האָט מען מיך איבערגעפֿירט אין „קרעסטי״, ווו דער געקומענער זשאַנדאַר-אָפֿיציר פֿאָנאָמאַרעוו האָט פֿעסט-געשטעלט מיין נאָמען. פֿאַר דעם האָט עמיץ פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער צייטונג „רוס״, אין דער רובריק פֿון די אַרעסטירטע, מיין אמתע פֿאַמיליע. צי האָט מיך אַזעף אַרויסגעגעבן אָדער איך בין אַרעסטירט געוואָרן צוליב דער אייגענער אומפֿאָרזיכטיקייט, — איז שווער צו זאָגן. אויב עס איז גערעכט דער באַקאַנטער באַקאַי, וועלכער פֿאַרזיכערט, אַז אַזעף האָט אַרויסגעגעבן דעם צ. ק. אין דער רעדאַקציע פֿון „מיסל״, איז נאַטירלעך די השערה, אַז ער האָט געדאַרפֿט העלפֿן כאַפּן איינציקווייז די אַנטלאָפֿענע פֿון אַרעסט מיטגלידער פֿון צ. ק.

אַלע געשעענישן אין פּעריאָד וואָס נאָכן פֿאַנאַנדערלאָזן די דומע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין מיין אָפּוועזנהייט: דער אויפֿרייס אין אַפּטעקאַרשן געסל, די סוויבאָרגער, קראָנשטאַטער אויפֿשטאַנדן און אַז. וו. אויפֿן הויף פֿון תּפֿיסה, אויף די שפּאַצירן, איז מיר אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיט די קראָנשטאַטער מאַטראָזן — די ערשטע קרבנות פֿונם נישט-איינגעגעבענעם אויפֿשטאַנד.

ערשט שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן אַזעפֿס

נסיעה קיין קראָנשטאַט. ער — וואָס איז תּמיד געווען סקעפּטיש געשטימט צום מאַסן־קאַמף, וואָס האָט זיך ווינציק אינטערעסירט מיט דער פּאַרטייאישער מאַסן־אַרבעט — מיט וואָס האָט ער מאָטיווירט זיין באַשלוס צו פאָרן צו די קראָנשטאַטער מורדים — ווייס איך נישט. אגב, אין יענער פיבערדיקער צייט האָט גאָר קיינער, מסתּמא, נישט געלייגט קיין אַכט אויף די מאָטיוון. ס׳איז פאָרגעקומען נאַטירלעך צו לאָזן אין גאַנג אַלע כּוחות, כּדי צו רעאַגירן תּיכּף ומיד אויף דעם חורבן פון דער דומע, און אונזערע פענער „ערד און פרייהייט", וואָס האָבן אויפגעפלאַטערט אויף די קראָנשטאַטער פאָרטן, האָבן געקענט מיטרייסן דעם פאַר־ביסנסטן סקעפּטיקער...

די אַרעסטירטע אין דער רעד. פון „מיסל" האָט מען אַ לאַנגע צייט נישט איבערגעגעבן קיין שום באַשולדיקונג. פון דער זייט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מען גרייט זיך אונז משפּטן פאַר געהערן צום באַשטאַנד פונם צ. ק. דער ערשטער פאַרהער האָט צונישט געמאַכט אונזערע ספקות. די באַשולדיקונג איז אַזוי פאָרמולירט געווען, אַז אויפן פאַרהער האָב איך זיך נישט־ווילנדיק פאַנאַנדערגעלאַכט, דורך וואָס איך האָב אַריינ־געבראַכט אין גרויס שטוינונג דעם חשובן גענעראַל איוואַנאָוו. די אָכראַנע האָט צונויפגעשטעלט אַ באַשולדיקונגס־אַקט, פון וועלכן עס איז געדרונגען געווען, אַז אין דער רעד. פון „מיסל" איז אַרעסטירט געוואָרן דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.—ר.—ן און פאָרשטייער פון פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, און דידאָזיקע גאַנצע קאָמפּאַניע צוזאַמען האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך דעם ראַט פון דער פּאַרטיי. דער צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.—ר. זאָל אַזוי אַרום האָבן באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען. ווייטער זענען פּונקט אַזוי געשיקט געשילדערט געווען די פאָר־שטייער פון פאַרשידענע שטעט. אַ פרייל[?]ן, וואָס האָט געדינט אין דער רעדאַקציע און וואָס איר אַרבעט איז באַשטאַנען אין צונויפרעכענען דעם האָנאָראַר, איז דערקלערט געוואָרן אַלס דעלעגאַט פון אָדעס (לויטן פּאַספּאָרט איז זי געווען אַ געבוירענע אין אָדעס), נאָך עמיצער איז אויפן זעלבן אופן געמאַכט געוואָרן אַלס פאָרשטייער פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע און אַזוי ווייט.

און די פון די אַרעסטירטע, וועלכע מען האָט נישט געקענט צו־

זשעפּען צו דער „דעלעגאַציע", זענען פּשוט אָנגערופן געוואָרן „פּאַרטיי-אַרבעטער".

די באַשולדיקונג איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אַזאַ זינ-לאָזער פאָרם, אַז מען האָט זי געמוזט אָננעמען ווי עמיצנס אַ שפּאַס. איינס פון די צוויי: אָדער די אָכראַנע (איבערצייגנדיק זיך, אַז ס'איז נישט געלונגען צו כאַפּן דעם גאַנצן צ. ק.) האָט באַשלאָסן, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַזעפן, נישט געבן דער זשאַנדאַרמעריע דעם גאַנצן אמת און זי האָט פאָרגעשטעלט דעם ענין אין אַזאַ קוריאָזער פאָרם, אָדער אַזעף האָט ווידעראַמאָל, צוליב פערזענלעכע פניות, געגעבן אַ בכיוון נישט-ריכטיקע רשימה פון דיווירקלעכע מיטגלידער פון צ. ק. (לויט לאָפּוכינס ווערטער, האָט ער דאָס געטאָן אין 1904-טן יאָר).

יעדנפאַלס, ווי די זאַך זאָל נישט זיין — די זינלאָזיקייט פון דער באַשולדיקונג איז אָנערקענט געוואָרן. מען האָט אונז נישט באַאומרואיקט מיט פאַרהערן, אין דריי חדשים אַרום האָט מען דעם ענין איבערגעגעבן דער אָכראַנע און מען האָט אים פאַרענדיקט מיט אַ פּסק-דין וועגן פאַרשיקן אין סיביר און אין די מזרח-גובערניעס וועמען אויף דריי יאָר, וועמען אויף צוויי. דערנאָך איז אַלעמען דערלויבט געוואָרן דערווייטערן זיך אויפן דאָזיקן טערמין קיין אויסלאַנד. סוף סעפּטעמבער בין איך אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד, באַגלייט ביז דער גרעניץ דורך אַ פּאָליציי-אַגענט.

הארבסט און ווינטער פון 1906-טן יאָר. II פאַרטיי-ראַט. די פאַנאַנדערלאָזונג פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. דאָס בילדן נייע קאַמפּס-אָפּטיילונגען. דאָס דערשיינען פון ק. טראַאובערגן. וואַלן צו דער 2-טער דומע. II צוזאַמענפאָר פון דער פאַרטיי.

פאַרווײַלנדיק אין בערלין דריי וואָכן, האָב איך זיך אומ-לעגאַל אומגעקערט דורך פינלאַנד קיין רוסלאַנד. לעם אימאַטראַ זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צום צווייטן פאַרטיי-ראַט, וועלכער האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען אין אַ צוויי-דריי טעג אַרום.

צווישן די מיטגלידער פון צ. ק. האָט געהערשט אַ גרויסע צערודערונג, און איך מיטן חבר ר. (מיט וועלכן איך בין צוזאַמען געקומען צופאָרן) זענען אַריינגעפאַלן אין רעכטן ברען פון די זיצונגען. די טעמע פון די זיצונגען איז געווען דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אין פּולן באַשטאַנד פון דער ווייטערדיקער טעטיקייט.

צוערשט דורך אַזעפּס מויל, און דערנאָך אין אַ גאַנצער ריי סאַווינקאָווס רעדעס האָבן די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פאָרגעלייגט דעם צ. ק. זייערע מאָטיוון פאַרוואָס די ווייטערדיקע אַרבעט איז נישט מעגלעך. די מאָטיוון זענען געווען פאָלגנדיקע:

די מעטאָדן, וועלכע זענען ביז איצט אָנגעווענדט געווען אין דער קאַמפּס-טעטיקייט, זענען פאַרעלטערט געוואָרן. די פאַרטיידיקונגס-סיסטעם, וועלכע די רעגירונג האָט אויסגעבויט, האָט זיך אַזוי שטאַרק צעוואָקסן און פאַרפולקאָמט, אַז אַלע באַמיאונגען פון די טעראָריסטן מיידן אויס דעם ציל. די רעגירונג האָט גוט אויסגעלערנט אַלע מיטלען פון דער טעראָריסטישער נאָכשפּירונגס-אַרבעט, דעמדאָזיקן הויפּט-באַזיס פון אונזערע אונטער-נעמונגען און, אַנטשפּרעכנדיק צו דעם, געשאַפן איר פאַרטיי-דיקונגס-אַפּאַראַט. די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע גלויבט בלויז אין אַ אַרבעט, וואָס ווערט געפירט אויפן יסוד פון אַ פעסט-אויסגעאַרבעטן פּלאַן און אַ גענויער אויסרעכענונג, אויפן יסוד פון ידיעות, וואָס מען באַקומט דורך סיסטעמאַטישער נאָכשפּירונגס-אַרבעט און בלויז טיילווייז פון צופעליקע קאָמבינאַציעס. די אומטויגלעכקייט פון די אַלטע מעטאָדן איז געוואָרן אַ בולטער פאַקט נאָך די סיסטע-מאַטישע דורכפאַלן פון פרילינג און האַרבסט 1906, באַזונדערס ביים צוגרייטן דעם אַטענטאַט קעגן סטאָליפּינען. קיין נייע מעטאָדן זעען נישט די אָנפירער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, — אַזעף און סאַווינקאָוו, אינם מעטאָד פון צופעליקייטן, צופעליקע קאָמ-בינאַציעס — גלויבן זיי נישט, און דעריבער וואַרפן זיי אַראָפּ פון זיך די אחריות.

די דערווידערונג פון אונזער זייט און די אָנווייזונגען אויף דעם, אַז איצט, ביי דעם ריזיקן וווקס פון דער פאַרטיי, קענען אירע פאַרבינדונגען מיט די פאַרשידנסטע געזעלשאַפט-שיכטן

און צווישן זיי אויך מיטן מיליטער, פֿאַרבייטן אינגאַנצן אָדער לכל-הפּחות אין אַ געוועגנדיקער מאָס דעם נאָכשפּירונגס-מעטאָד אין זין פֿון באַקומען אָריענטירונגס-ידיעות, — די דאָזיקע דערווידערונגען זענען געווען נישט איבערציינגנדיק פֿאַרן גרעסטן טייל מיטגלידער פֿון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. מען דאַרף, אגב, באַמערקן, אַז בלויז דריי מיטגלידער פֿון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע זענען אַרויסגעטרעטן מיט רעדעס — די גרויסע מערהייט האָט געשוויגן. פֿאַר אַלעמען האָט גערעדט סאַווינקאָוו.

אויך אַזעף האָט גענומען אַ קליינעם אָנטייל אין די דעבאַטן, און בכלל איז זיין פּאָזיציע געווען נישט גאָר קיין קלאָרע. מסכּים זייענדיק אין עיקר מיט דעם אַלעם, וואָס סאַווינקאָוו האָט געזאָגט, האָט אַזעף, פֿונדעסטוועגן, צוגעלאָזן געוויסע באַוואָרענישן. ער האָט צוגעלאָזן, למשל, די צוועקמעסיקייט פֿון די פּרווון צו אָרגאַניזירן אַן אינפֿאָרמאַטיווע אָפּטיילונג פֿאַר דער טעראָריסטישער טעטיקייט דורך אויסנוצן די פֿאַרבינדונגען אין דער געזעלשאַפֿט און אינם מיליטער. ווייטער האָט ער באַמערקט, אַז די אַלטע אָנפֿירער פֿון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע זענען מיד, זיי האָבן זיך צו שטאַרק איינגעלעבט מיט די אַלטע מעטאָדן און ס'קען זיין, אַז זייער קאָנסערוואַטיזם שטערט צו זוכן נייע מעטאָדן און אַז. וו. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, — ער, אַזעף, האַלט נישט פֿאַר מעגלעך צו בלייבן ווייטער אַן אָנפֿירער פּונקט אַזוי, ווי סאַווינקאָוו. זאָל דער צ. ק. געפֿינען נייע אָנפֿירער און שאַפֿן אַ נייע אָרגאַניזאַציע.

אַזעפֿס אויסרעכענונגען זענען געווען גאַנץ באַשטימטע. אויסגעמאַטערט פֿון אומזיסט-אומנישטן קאַמף מיט די נישט-צו-גובר-זייענדיקע שוועריקייטן ביי אַ ריי אַטענטאַטן פֿון 1906-טן יאָר האָט זיך די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אַלץ מער און מער איבערצייגט אין דער אומנוציקייט פֿון אירע געוויינלעכע מעטאָדן, ס'איז נויטיק געווען, אַז אַזעפֿס געפֿערלעכער קאָנקורענט און זיין מעגלעכער יורש — סאַווינקאָוו זאָל זיך דורכדרינגען מיט דער דאָזיקער זיכערקייט, און דאַן וועט דער ציל דערגרייכט ווערן די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז צעשטערט, קיין אַנדערע קאַמפּס-כּוחות האָט נישט די אָרגאַניזאַציע, ווייל צו אַזעפֿן האָבן זיך מיטלבאַר און אוממיטלבאַר געצויגן אַלע בעסטע כּוחות. ער האָט

געפירט דידאָזיקע אַרבעט פון צונויפזאַמלען די כוחות, ער איז אַרומגעפאָרן גאַנץ רוסלאַנד, אַלץ האָט ער געהאַט אויפן אויג, און ער האָט געקענט זיין רואיק פאַרן גורל פונם טעראָר.

און אויב אַזעף האָט אַ טעות געהאַט, איז דערין שולדיק געווען זיין נישט גענוג קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן דעם סכום קאַמפּס-כחות פון דער פאַרטיי און וועגן דער מעגלעכקייט, אַז עס וועלן זיך באַווייזן נייע, פרישע טעראָריסטישע אָפּטיילונגען.

סוף-כל-סוף, נאָך אַ גאַנצער ריי אונטערהאַנדלונגען, האָט מען אָפיציעל דערקלערט אַז די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע עקזיסטירט נישט. אַזעף און סאַווינקאָוו זענען אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. די מערהייט טעראָריסטן זענען זיך אויך צעפאָרן. ס'איז איבערגעבליבן אַ מינדערהייט, וועלכע האָט דערקלערט, אַז זי וויל ווייטער פירן די אַרבעט, און זיך אויסגעטיילט אין באַזונדערע אָפּטיילונגען.

ס'איז אויסגעבילדעט געוואָרן אַן אָפּטיילונג, בראש פון וועלכער ס'איז געשטאַנען שטיפּטאַר. אין אַלגעמיין מסכים זייענדיק מיט דעם אַלעם, וואָס אַזעף און סאַווינקאָוו האָבן געזאָגט, האָט שטיפּטאַר פונדעסטוועגן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו אַרבעטן, באַזונדערס אויב עס וועט געלינגען אָנשפּאַרן זיך אויף דער הילף פון דער פאַרטיי ביים באַקומען די נויטיקע ידיעות. צוגלייך מיט אים האָט אויך געדאַרפט אַרבעטן אַן אונטער-גרופּע, אָנגעפירט דורכן חבר בעללאַ. דידאָזיקע ביידע גרופּעס האָבן געאַרבעט אין פּעטערבורג. עטלעכע טעראָריסטן האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג אויסצובילדן אַ גרופּע פאַר טעראָריסטישער אַרבעט אין דער פּראָווינץ, צולאָזנדיק דעם געדאַנק, אַז דאָרט וועלן זיי די פּאָליציי-באַדינגונגען דערלויבן אָנצווווענדן די מעטאָדן, וועלכע די פּראַקטיק אין דער הויפּטשטאָט האָט אויסגעאַרבעט. איינע אַזאַ גרופּע איז אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס אויסצופירן אַן אַטענטאַט אויף קאַאולבאַרסן.

די באַציאונג פון די אַלע גרופּעס צום צ. ק. איז געבויט געווען אויף די פריערדיקע יסודות. דער צ. ק. האָט סאַנקציאָנירט אַ ריי פּערזאָנען, קעגן וועלכע עס זענען געפירט געוואָרן טעראָ-ריסטישע אַקציעס, און ער האָט סובסידירט די גרופּעס מיט געלט. דערמיט האָבן זיך באַגרעניצט די פאָרמעלע באַציאונגען פון די גרופּעס צום צ. ק., און אויב שטיפּטאַר, למשל, פלעגט

זיך אָפּט ווענדן צו מיר (וועלכער האָט געהאַט די אומאָנגענעמסטע פֿליכט — אַרויסגעבן געלט) נאָך פֿאַרשיידענע עצות, נאָך הילף, נישט זעלטן וועגן באַטראַכטן זיינע פּלענער און אַז. וו., איז דאָס געווען אונזערע אַ פּריוואַטע זאַך. אין האַרבסט 1906־טן יאָר האָט זיך באַוויזן אויף אונזער האָריזאָנט די באַשיידענע פיגור פֿון קאַרל טראַאובערג, וועלכע איז אויסגעוואָקסן צום רומרייכן סוף פֿון זיין לעבן צו דער גרעסטער פיגור פֿון אַ אָנפֿירער פֿון טעראָריסטישן קאַמף פֿאַר דער לעצטער צייט. מיט אים איז אַריינגעפלאָסן אין דאָזיקן געביט פֿון פּאַרטיי־לעבן אַ ליכטיקער שטראָם, ווי אַ פּראָטעסט קעגן יענער אַטמאָספער, וועלכע איז געשאַפֿן געוואָרן צום סוף פֿון דער עקזיסטענץ פֿון דער פֿריערדיקער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אין דער ערשטער גרופּע, וועמעס פֿאָרשטייער עס איז געווען קאַרל, האָט געהערשט דער פּרינציפּ פֿון פֿרייער אונטערוואַרפֿונג, דערביי אַלס אויסנאַם — פֿון פּערזענלעכער, און אַלס אַלגעמיינער כּלל — פֿון קאָלעקטיווער אונטערוואַרפֿונג. דעמדאָזיקן פּרינציפּ, דעמדאָזיקן גייסט האָט קאַרלס אָרגאַניזאַציע אויפגעהיט ביז די לעצטע טעג, ענדערנדיק אים בלויז אין נאָמען פֿון בולטע פֿאָדערונגען פֿון קאָנספּיראַציע.

קאַרלס גרופּע, וועלכע האָט צוערשט פֿאָרגעלייגט איר דינסט דעם צפֿונדיקן געגנט־קאָמיטעט, און דערנאָך אויך דעם צ. ק. (אין מאָמענט ווען די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז פּאַנאַנדערגעלאָזן געוואָרן), האָט נישט געוועקט קיין צוטרוי פֿון אָנהויב. איר עקזיסטענץ האָט געשיינט צו זיין נישט קיין זיכערע, אירע כּוונות נישט קיין ערנסטע, און איר פֿאָרשטייער קאַרל איז נישט געווען באַקאַנט. די אָנפֿירער פֿון דער פֿריערדיקער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך שאַרף אָפּגערופֿן וועגן דערדאָזיקער גרופּע, דערווייסנדיק זיך וועגן אירע „מעטאָדן". און דער מעטאָד פֿון דער גרופּע (אויב מען קען בכללריידן וועגן „מעטאָדן" אין דער טעראָריסטישער אַרבעט) זענען געווען נישט־קאָמפּליצירט, ווייל זי איז באַשטאַנען פֿון ווייניק מענטשן, און, דער עיקר, זי האָט נישט געהאַט קיין מיטלען. וועגן וועלכע מעטאָדן האָט די גרופּע געקענט טראַכטן, ווען, למשל, אירע מיטגלידער האָבן צוליב מאַנגל אין געלט כּמעט טאָג־טעגלעך געמוזט פֿאָרן נעכטיקן צו באַקאַנטע אין טעריאָקי, אָדער זיין אין אַזעלכע שלעכט־

געשיצטע אינסטיטוציעס, ווי די קאָמונע פון לעסנאָי אָדער אַנדערע אינסטיטוטן.

אַזוף, ווי ס'איז אויבן געזאָגט געוואָרן, איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. קיין אָפיציעלע באַציאונגען האָבן מיר מיט אים נישט געהאַט. אויב ער פלעגט עפּעס וויסן וועגן דער לאַגע, איז וואָרשיינלעך פון פריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ מיט עמיצן (אַחוץ, פאַרשטייט זיך, פון פאָליצייאישע קוועלן). וועגן דער בילדונג פון גרופּעס און וועגן זייערע אָנפירער האָט ער געוווּסט פאַר זיין אָפּפאָרן.

פאַר דערדאָזיקער צייט געדענק איך נישט קיין פאַלן, ווען עס זאָלן אַנטשטיין וועלכע-נישט-איז קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע אין צענטער, רמזים אויף אַזעפן און אַז. וו. ס'איז אַנטשטאַנען אַ חשד וועגן איין פּערזאָן (אָ.), אַ חשד, וואָס האָט געפונען אַ רייכן באָדן צווישן די, וואָס האָבן געוווינט אין פינלאַנד. די קלאַנגען וועגן דער חשודקייט פון דערדאָזיקער פּערזאָן זענען אַריינגעדרונגען אויך אין יענער געגנט, אין וועלכער ער איז געפאָרן אַרבעטן. ווען איך האָב געמאַכט אַן אינספּעקציע-רייזע איבער די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, בין איך אויפן וועג אָפּגעשטיגן אין קיעוו מיטן ספּעציעלן ציל באַקענען זיך מיט דערדאָזיקער פּערזאָן און קאָנטראָלירן די קלאַנגען דורך דעם פּערזענלעכן איינדרוק. כ'האָב געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיטן דאָזיקן מענטשן, כ'האָב פאַרבראַכט מיט אים צוזאַמען אַ גאַנצן טאָג און כ'האָב אַרויסגעטראָגן דעם איינדרוק, אַז הגם דערדאָזיקער מענטש האָט אַ סך אומאָנגענעמע, אָפּשטויסנדיקע שטריכן, איז ער אָבער נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר. דאָס האָב איך איבערגעגעבן דעם צ. ק.

דער צווייטער פאַל פאַרן דאָזיקן פּעריאָד איז געווען די ידיעה, וואָס איז באַקומען געוואָרן פון סימפּאַטיקער-קרייזן, אַז דער געהילף פון אָדעסער „אָכראַנע" וויל איבערגעבן דער פאַרטיי זייער וויכטיקע ידיעות, דערביי שטעלט ער אַלס אומבאַדינגטן תנאי די פּערזענלעכע טרעפונג מיט איינעם פון די אַלטע פאַרטיי-מיטגלידער, וועלכע ער האָט אויסגערעכנט. דער צ. ק. האָט באַשלאָסן אויסצונוצן דידאָזיקע מעגלעכקייט און צום „אָכראַניק" איז געפאָרן נ. ס. טיוטשעוו. דער אָכראַניק איז פאַר דערדאָזיקער צייט אַריבערגעפירט געוואָרן קיין סעוואַסטאָפּאָל

אויפן אַמט פון אָכראַנע-הויפּט. טיוטשעוו האָט זיך נישט געקענט דערשלאָגן קיין זעאונג, ווייל דער „אָכראַניק" האָט דאָס בולט אויסגעמיטן. ער האָט געמוזט אומקערן זיך מיט גאָרנישט. שפּעטער האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז דערדאָזיקער אָכראַניק איז אַנטלאָפן פון סעוואַסטאָפּאָל, פאַרכאַפּנדיק מיט זיך מלוכה-געלטער.

די געשיכטע פון דעם אַזויגערופענעם „סאַראַטאָווער" דאָקומענט געהער שוין צום 1907-טן יאָר, ווען איך בין נישט געווען קיין מיטגליד פון צ. ק. (כ'בין געזעסן אין תּפיסה). בכלל איז מיר די סאַראַטאָווער געשיכטע *) געווען אומבאַקאַנט ביז דער סאַמע לעצטער צייט, ד. ה., ביז דער באַהאַנדלונג פון אַזעפס פּראָוואָקאַציע אין פּעטערבורג. דערדאָזיקער פאַקט דינט אַלס איבעריקער באַווייז דערפאַר, ווי ווייניק אַכט דער צ. ק. האָט געלייגט אויף די פאַרשידענע דאָקומענטן, אַז זייער אינהאַלט פלעגט אַפילו נישט איבערגעגעבן ווערן די נאָנטסטע מענטשן (די מיטגלידער פון צ. ק.).

נאָכן פאַרענדיקן דעם II פאַרטיי-ראַט איז די טעטיקייט פון צ. ק. שטאַרק קאָמפּליצירט געוואָרן. מען האָט באַשלאָסן אַריבערטראָגן דעם ליטעראַרישן קערן קיין פינלאַנד. ס'האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען דער אָרגאַן „פאַרטיי-ידיעות". אין פּעטערבורג איז געבילדעט געוואָרן אַ קאָמיסיע פון ליטעראַטן אויף צו פירן אַ לעגאַלן זשורנאַל. די רעדאַקטאָרן, די מיט-גלידער פון צ. ק., פלעגן פון צייט צו צייט פאָרן אין דער הויפּט-שטאָט, מערסטנטיילס אָבער פלעגן צו זיי די ליטעראַטן קומען צו פאָרן קיין וויבאָרג. אַזאַ „נסיעה" פלעגט, פאַרשטייט זיך, שלעכט אָרגאַניזירן די ליטעראַרישע אַרבעט. נאָך ערגער איז געווען מיטן פונקציאָנירן פונם צ. ק. אַ טייל מיטגלידער האָט

*) דידאָזיקע געשיכטע איז שוין דערציילט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון דער פּרעסע. איר תּוך באַשטייט אין דעם, וואָס איינער פון די פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געדינט אין דער אָכראַנע, האָט איבערגעגעבן זיין באַקאַנטן (און יענער — צווישן די רעוואָלוציאָנערן) די דערציילונג וועגן אַזעפס זיין אין סאַראַטאָוו, נישט אָנרופנדיק אים מיטן אמתן נאָמען, נאָר שילדערנדיק אים אַלס גרויסן, גוט-פאַרדינענדיקן טוער פון דער אָכראַנע, אויף וועלכן די קליינע אַגענטן פלעגן אַפילו גיין קוקן אין סקוועַר, צוגעצויגן דורך אַכטונג און קנאה.

געוווינט אין פעטערבורג און פלעגט בלויז זעלטן קומען צו־פאָרן קיין ווילנע, ווי שוין ווייסן פֿון פאַרשידענע אַלגעמיינע פֿאַר־זאַמלונגען.

נישט ווילנדיק איז יענע מיטגלידער, וועלכע האָבן געוווינט אין פעטערבורג (איך און קראַפט), אויסגעקומען צו נעמען אויף זיך אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אייגנמעכטיקער לייזונג פון אַ סך ענינים, אָפטמאָל זייער וויכטיקע. מען האָט געמוזט רעפּרעזענטירן אין אַלערליי אינסטיטוציעס, אַכטונג געבן אויף דער אָרגאַניזאַציע פון ליטעראַטור־טראַנספּאָרט, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו דערשיינען אין ריזיקע מאָסן, אויפן דרוקן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ אייגענער לעגאַלער טיפּאָגראַפיע אין פעטערבורג אויף פּאָטשטאַמסקאַיאַ (וועלכע האָט עקזיסטירט ביז מיטן 1908־טן יאָר און וועלכע האָט פאַר דעררדאָזיקער צייט אַרויסגעלאָזן הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון אַלערליי אויסגאַבעס, דאָס אַלץ מיט אַזעפס וויסן) און אַז. וו.

באַזונדערס פיל אַרבעט האָט געפאָדערט די טעטיקייט פון די קאַמפּס־אָפּטיילונגען. מיין אָנטייל אין געבן הילף די קאַמפּס־גרופּעס איז געווען אַ צופעליקער, סיסטעמאַטיש האָט זיך דער־מיט פאַרנומען קראַפט, אָרגאַניזירנדיק פאַרשידענע קוועלן פון אינפאָרמאַציעס, פירנדיק אונטערהאַנדלונגען מיט די חברים, וועלכע לייגן פאַר זייער אַרבעט פאַר די קאַמפּס־גרופּעס, און אַז. וו.

איך האָב געמוזט ספּעציעל זיך פאַרנעמען מיטן געביט פון מיליטערישער אַרבעט, וועלכע האָט נישט אויפגעהערט צו וואַקסן פון מיטן 1906־טן יאָר, נישט־געקוקט אויף די קראָנשטאַטער און סוויבאָרגער חורבנות. אין דאָזיקן געביט איז געפירט געוואָרן אַ סיסטעמאַטישע, אָרגאַניזירטע אַרבעט צווישן די זעלנער און אָפיצירן, באַזונדערס צווישן די לעצטע. דער איניציאַטיווער קרייז אָפיצירן אין פעטערבורג האָט געשאַפן אַן אָרגאַן „נאַראָדנאַיאַ אַרמיאַ" (פאָלקס־אַרמיי), האָט אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די אָפיצירישע קרייזלעך אין אַנדערע שטעט, און ווינטער 1906 — 1907־טן יאָרן איז צוזאַמענגערופן געוואָרן אַ צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס איז קאָנסטרואירט געוואָרן אַן אָפיצירן־פאַרבאַנד און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ פּראָגראַם. אָפיציעל איז דער פאַר־באַנד געווען אַן אומפּאַרטייאישער, אָבער דער צוזאַמענשטעל

פון זיינע מיטגלידער איז פאַקטיש געווען אַן אונזעריקער. מיר איז געלונגען צו זיין אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר, און די דערינערונג וועגן דידאָזיקע פאַרזאַמלונגען, ווו איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען אמתע אָפּיצירן־רעוואָלוציאָנערן און ווו כ'האָב צום ערשטן מאָל דערפילט די ערנסטקייט פון דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע, וועט קיינמאָל נישט אויסגעמעקט ווערן פון מיין זכרון.

גלייכצייטיק מיטן אָפיצירן־פאַרבאַנד איז אָנגעגאַנגען אַן אַרבעט אויף צו פאַרברייטערן דעם פאַרבאַנד פון די זעלנער און מאַטראָזן, און מיטן דאָזיקן ציל פלעגט אַרויסגעגעבן ווערן אַן אָרגאַן, פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן גרויסע סובסידיעס איינצלנע אָרגאַניזאַציעס (באַזונדערס דער סעוואַסטאָפּאָלער), פלעגן געמאַכט ווערן אינספעקציע־רייזעס און אַז. וו. אין מאָסקווע איז צונויפגערופן געוואָרן אַן אַלרוסישע קאָנפערענץ פון מיליטערישע אַרבעטער. כדי צו מילדערן אַ ביסל יענע צעריסנקייט פון צ. ק., וועלכע איז געווען אַ פועל־יוצא דערפון, וואָס איין טייל זיינער האָט געוווינט אין פינלאַנד, האָב איך פאָרגעלייגט אַ פּראָיעקט (מיט געשריבענע סטאַטוטן) וועגן בילדן אַן אַזויגערופענע אָרגאַניזיר־ביוראָ, מיט צוויי אָפּטיילונגען אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע, וועלכע זאָל פאַרוואַלטן מיט די לויפנדיקע ענינים און זאָל קאָנטראָלירט ווערן דורכן צ. ק. אין באַשטאַנד פון ביוראָ האָבן אומבאַדינגט געמוזט אַריינגיין צוויי מיטגלידער פון צ. ק. און איינגעלאַדענע חברים. אַזאַ ביוראָ איז געבילדעט געוואָרן אין נאָוועמבער; די מאָסקווער אָפּטיילונג איז בלויז פאַרבליבן אַ פּראָיעקט, הגם דער באַשטאַנד פון זיינע מיטגלידער איז אויך אָנגעמערקט געוואָרן.

אין דעצעמבער בין איך אַרויסגעפאָרן אויף אַן אינספעקציע איבער עטלעכע געגנטן (סעוואַסטאָפּאָל, אוקראַאינער געגנט, מאָסקווע און אַז. וו.), כדי צו לייזן אַ גאַנצע ריי ענינים אין שייכות מיט דער קאָמפּליצירטער אויפגאַבע, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אונז: וואַלן צו דער צווייטער דומע און גלייכצייטיק די צוגרייטונגען צום צווייטן אַלגעמיין־פאַרטייאישן צוזאַמענפאָר.

דער חודש דעצעמבער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסן

דערפאָלג פון אונזערע קאַמפּס-אָפּטיילונגען. כמעט יעדע וואָך פלעגן פאָרקומען געלונגענע טעראָריסטישע אַקטן: דעם 9-טן דעצעמבער איז דערהרגעט געוואָרן איגנאַטיעוו, דעם 15-טן ליטווינאָוו, דעם 21-טן פאַן דער לאַוניץ, דעם 27-טן דער פּראָקוראָר פּאַוולאָוו. דידאָזיקע דערפאָלגן האָבן גאָר שטאַרק געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דער קאַמפּס-אַרבעט אין דער פּאַרטיי, באַזונדערס דער גלענצנדיקער אַטענטאַט אויף פּאַוולאָוון, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן ביי ריזיקע שוועריקייטן, און דער אַטענטאַט אויף לאַוניצן, וועלכער האָט איבערראַשט דורך דער אומגעריכטקייט און פּאַרקאָנספּירירטקייט פון דער אָרגאַניזאַציע.

וועגן דעמדאָזיקן לעצטן אַטענטאַט מוז מען זאָגן אַ פּאָר ווערטער. ער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין משך פון אַ טאָג אָדער צוויי. אַ צופעליקער מקור האָט צוגעשטעלט ידיעות, צוויי חברים האָבן אָפּגעוואַרט לאַוניצן אין אַ פון פריער באַקאַנטן אָרט, און ס׳איז פאָרגעקומען אַ באַגעגעניש פון ביידע צדדים, דערביי האָט איינער פון די אָנטיילנעמער (דער שפּעטער-אויפגעהאָנגענער גראָנסקי) געהאַט צייט רואיק אַוועקצוגיין. דער גאַנצער ענין איז דורכגעפירט געוואָרן קאָנספּיראַטיוו, און אָנטיילנעמער זענען געווען ביז גאָר ווייניק. דער וואָס האָט דערמאָרדעט לאַוניצן איז נישט דערקענט געוואָרן, און אַ לאַנגע צייט האָט די מאַכט אומזיסט אַרומגעזוכט די מיטשולדיקע. לויט אַ געדרוקטער דער-קלערונג פון צ. ק. (וואָס איז צעשיקט געוואָרן אין די רעדאַקציעס) האָט זי געוווּסט, אַז דער אַטענטאַט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך דער צענטראַלער קאַמפּס-גרופּע פון דער פּאַרטיי. עס זענען נישט פאָרגעקומען קיין שום אַרעסטן און רעוויזיעס. און מיטאַמאָל אַרעסטירט מען שטיפּטאַרן און גראָנסקין — די אמתע אָנטיילנעמער פון דאָזיקן אַטענטאַט. מען משפּט זיי מיט אַ ספּעציעלן שנעל-געריכט אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, עובר זייענדיק אָפן אויף אַלע אָנגענומענע מנהגים. אין ריכטער-צימער זענען פאָרגעלייגט געוואָרן עפּעס באַווייזן פון דער אָכראַנע. עס זענען געגאַנגען קלאַנגען, אַז אויף שטיפּטאַרן און גראָנסקין האָט אָנגעוויזן דער געוועזענער שווייצאַר פון האָטעל ביי אימאַטראַ, ווו עס פלעגן זיך פון תמיד אָן צונויפזאַמלען די טעראָריסטן. דערדאָזיקער שווייצאַר, וועלכער איז אַריינגעטראָטן אין דער אָכראַנע, האָט זיך ספּעציעל

פאַרנומען מיט דעמאַסקירן די אומלעגאַלע, וועלכע פלעגן פאָרן מיט דער פינלענדישער אייזנבאַן.

מיר דאַכט זיך, אַז אינם אַרעסטירן און אויפהענגען שטיפּטאַרן און גראַנסקין שטעקט אַזעפס האַנט. ווען די מאַכט וואָלט געקומען צום אויספיר, אַז שטיפּטאַר און גראַנסקי זענען שולדיק אין אַטענטאַט, אויפן סמך פון אַ געלונגענער אויספאָרשונג פון אַלע באַדינגונגען פון ענין אָדער ווען זי זאָל זיך דאָס האָבן דערוווּסט דורך נאָכשפּירן זיי, וואָלט זי זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט זיי ביידע און ס'וואָלט נישט נויטיק געווען אַזאַ שנעלער משפּט און דאָס איבערגעבן געהיים ידיעות פון דער אָכראַנע, וועלכע זענען אַפילו נישט מיטגעטיילט געוואָרן די פּאַרטיידיקער.

אַזעף האָט געוווּסט, ווער עס שטייט בראש פונם צ. ב. פון דער קאַמפס-גרופּע און געקענט איינציקע מיטגלידער זיינע. ער האָט געקענט אָנווייזן אויף זיי, זיצנדיק אין אויסלאַנד (און אפשר נישט אין אויסלאַנד), ער האָט אָבער נישט געוווּסט נישט די פּרטים פון אַטענטאַט, נישט די פּערזאָנען, וועלכע האָבן אים מיטגעהאָלפן (מיט דעם אַלעם האָב איך אים באַקענט אין אַלגע-מיינע שטריכן שפּעטער, אין 1908-טן יאָר, די אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. האָב איך דאָס מיטגעטיילט פריער, און ער האָט געקענט דערוויסן זיך פון זיי). אַ געוויסע סתירה שטעלט פאָר מיט זיך דער פאַקט, וואָס זייער לאַנג האָט די מאַכט נישט געוווּסט די פאַמיליע פון דער פּערזאָן, וועלכער האָט דערמאָרדעט לאַוניצן און האָט זיך גלייך אויפן שטעל דערשאָסן. זיין קאָפּ איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאַרן עולם צום באַטראַכטן, און די העפלעכע צייטונג „רוס" האָט אָפּגעדרוקט אַ בילד פון אים. אָבער אַזעף האָט געקענט שווייגן וועגן דעם צוליב זעלבסט-דערהאַלטונג: ס'קען זיין, אַז אויך די אָכראַנע האָט געשוויגן, הגם זי האָט עס געוווּסט.

די דערפאָלגן פון די טעראָריסטישע אַקטן האָט שטאַרק באַאומרויִקט די רעגירונג — ס'האָט זיך געשפּירט אין זיי די דראָאונג פונם אויפגעוואַכטן טעראָר, און זי האָט זיך געווענדט צו אַזעפן, איינלאַדנדיק אים צו פאַרלאָזן די רו און נעמען זיך פאַר דער פריערדיקער אַרבעט. מיט אַ קורצער צייט פאַר זיין אָפּפאָרן באַווייזט זיך אַזעף אין פינלאַנד, אַרומגערינגלט מיט אַ נייער

אַטמאָספער: „מיט דער פריינטשאַפט פון גערשונין", מיט וועמעס הילף אַזעפן וועט לייכטער זיין נעמען זיך פאַר דער פריערדיקער אַרבעט, נישט פילן זיך פאַראיינזאַמט, טיילן די אחריות אויף דער העלפט און אַז. וו.

אָבער אַזעפס דערשיינונג, גערשוניס קומען האָבן מיך נישט געטראָפן אויף דער פריי. אין יאַנואַר 1907-טן יאָר האָב איך זיך אומגעקערט קיין פעטערבורג פון דער אינספעקציע-רייזע און האָב אָנטיילגענומען אין די צוגרייטונגס-אַרבעטן צום צוזאַמענפאָר און אין דער וואַל-קאַמפּאַניע צו דער 2-טער דומע. אין פעטערבורג האָבן מיר געשאַפן אַ ספעציעלע וואַל-אָרגאַניזאַציע („זעמליאַ אי וואָליאַ" — ערד און פרייהייט), אין וועלכער עס זענען אַריינגעגאַנגען, אַ חוץ פאַרטיי-מיטגלידער, אויך אונזערע סימפּאַטיקער. אין בלאָק מיט די פאָלקס-סאָציאַליסטן און טרודאָוויקעס איז אין פעטערבורגער צוויי ראַיאָנען געלונגען דורכצופירן אייגענע וואַל-מענער, באַזיגנדיק די קאַדעטן. די גרעסטע מערהייט (נישט ווינציקער ווי 4/5) וואַל-מענער זענען געווען פון דער פאָלקיסטישער רשימה און בלויז אַ נישטיקער טייל פון דער רשימה פון די ס.-ד... אין די אַרבעטער-קוואַרטאַלן איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף מיט די ס.-ד., און די גרעסטע טייל באַפולמעכטיקטע זענען געווען אונזעריקע, און בלויז אין אַנטשיידענעם מאָמענט, און דאָס נאָר אַ דאַנק די שטימעס פון די אומפּאַרטייאישע וואַל-מענער, איז די סאָצ.-דעמ. געלונגען צו באַקומען אַ מערהייט וואַל-מענער און וויילן זייערן אַ דעפּוטאַט אין דער דומע.

אין יאַנואַר האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגס-קאָנפערענצן פון די פאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס, כּדי צו באַהאַנדלען די פראַגן פון סדר-היום פון צווייטן צוזאַמענפאָר.

דעם 4-טן פעברואַר איז אין פעטערבורג פאָרגעקומען אַן אַלשטעטישע קאָנפערענץ אין איינע פון די אוניווערזיטעט-אַודיטאָריעס. כ׳בין אַוועק אויף דער זיצונג פון דערדאָזיקער קאָנפערענץ, אַלס פאָרשטייער פון צ. ק. אין צוויי שעה אַרום איז די געביידע — אַרומגערינגלט, און די קאָנפערענץ — אַרעסטירט געוואָרן; אויך איך בין אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער פאַמיליע פונם אַדלמאַן טענדזיאַגאָלסקי. די פרוּוון צו אַנטלויפן פון צירקל האָבן זיך נישט איינגעגעבן. אינגיכן האָט מען אונז אַריבער-

געפירט אין פאַראַרעסט־הויז, אין אַ חודש אַרום האָט מען אַנטדעקט מיין אמתע פאַמיליע, און כ׳בין אָפּגעזעסן פונקט אַ יאָר ביזן משפט.

דאָס געריכט האָט באַפרייט כמעט אַלעמען (מען האָט געמשפט 55 פערזאָן), צווישן זיי אויך מיך. און נישט נאָר וואָס ער האָט באַפרייט, נאָר אויך באַפוילן אַרויסצולאָזן אויף דער פריי — ווען מען איך האָב צו דאַנקען פאַרן דאָזיקן אויסגאַנג — ווייס איך נישט. ס׳קען זיין, אַז אויך אַזעפּן.

כ׳האָב זיך שטאַרק באַמיט דערוויסן זיך ביי די אויספאָרשונגס־ריכטערס דעם באַשולדיקונגס־מאַטעריאַל און אייגנעזען די אויסזיכטסלאָזיקייט דערפון. די אָכראַנע האָט נישט איבערגעגעבן אירע אויספירן וועגן מיין פאַרטיי־לאַגע, און אין באַשולדיקונגס־אַקט איז נישט געווען קיין איין איבעריקע שורה וועגן מיין פערזענלעכקייט. ס׳קען זיין, אַז די אָכראַנע האָט נישט געוואָלט עפענען איר אַרכיוו, כדי נישט אַרויסצורופן קיין איבעריקן מאָל אַ חשד, אַז עס עקזיסטירט פּראָוואָקאַציע אין צענטר אָדער אַרום צענטר.

ס׳איז געווען איין מאָמענט, ווען איך האָב באַשלאָסן, אַז די אָכראַנע ווייס און וויל עפּעס מער. דער פּאַרטיידיקער האָט מיר איבערגעגעבן אַ קלאַנג, אַז אין באַראַטונגס־צימער קומט פאָר וועגן מיר אַ באַזונדערער שמועס, עס ווערן באַהאַנדלט „ספּעציעלע״ ידיעות. איך בין אָבער באַפרייט געוואָרן, און דעריבער האָט מען דעם קלאַנג נישט געדאַרפט צוגעבן קיין שום ווערט.

ווען מען האָט מיך באַפרייט, האָב איך זיך געאיילט אויסבאַהאַלטן זיך, ווייל איך האָב דערקלערט מיין באַפרייאונג מיט אַ טעות פון דער תּפיסה־ אָדער פון אַ וועלכער נישט־איז אַנדער אַדמיניסטראַציע. מאַקאַראָוו (סטאָליפּינס געוועזענער חבר) האָט דערקלערט אַ פערזאָן, וועלכע האָט זיך אינפאָרמירט וועגן מיר, אַז מען דאַרף מיך אַרויסשיקן אויף אַן אַדמיניסטראַטיוון אופן און כ׳דאַרף אַרעסטירט ווערן. עס בלייבט אָנצונעמען, אַז אין דאָזיקן פאַל (ווי אין אַ סך ענלעכע) איז דער פּאָליציי־הויפּט געשטאַנען אין אַ סתירה צו דער אָכראַנע, וועלכע האָט באַפרייט, קענענדיק מיך, פאַרשטייט זיך, אין אַזעפּס באַלויכטונג און לויט אייגענע באָבאַכטונגען.

נאָך זיצנדיק אין תּפיסה האָב איך געהערט וועגן אַזעפּס קומען און וועגן דעם, אַז ער האָט זיך ענערגיש גענומען פאַר דער אַרבעט. מען האָט איבערגעגעבן, אַז ער גיט זיך אָפּ מיט היץ דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. ער האָט זיך גענומען פאַר אָרגאַניזירן דעם דרוק־וועזן, דעם טראַנספּאָרט, די פאַרבינדונגען מיט דער פּראָווינץ, אַז ער האָט אין פּעטערבורג זיין אייגענעם מעלד־פּונקט, אַז ער קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון פּראָווינציעלן אָרגאַניזיר־ביוראָ און אַז. וו. (דאָס אַלץ איז טאַקע אמת געווען).

איך האָב נישט געטרויט דער פעסטקייט פון אַזעפּס כּוונות צו אַרבעטן אויפן אָרגאַניזאַציאָנעלן געביט. ווייל, קענענדיק גוט דידאָזיקע אַרבעט, האָב איך זיך נישט פאָרגעשטעלט ביי איר אַזעפן, וועלכער האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעוווינט פון אַרבעט, וועלכער קען נישט דעם באַשטאַנד פון די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, נישט דעם מהות פון דער אַרבעט. די אַרבעט האָט, חוצדעם, געפאָדערט נישט נאָר די פעאיקייט צו געבן קאַבינעט־דירעקטיוון, נאָר אויך די פעאיקייט פאַרוואַנדלען זיך, ווען בויטיק, אין אַ אַרבעטער. לסוף האָב איך קנאַפּ געגלויבט אין אַזעפּס פעאיקייט צו שטיין אין „חברישע" באַציאונגען מיט מענטשן, און איך האָב זיך פאָרגעשטעלט די מעגלעכקייט פון סיסטעמאַטישע מיספאַרשטייעניש און מחלוקתן אויפן באָדן פון זיינע פערזענלעכע נעגאַטיווע אייגנשאַפטן: זיין פאַראַכטנדיקע, באַכלעסיקע באַציאונג צו מענטשן, זיין שאַרפן, אָפּט גראָבן טאָן און אַז. וו. חוץ דעם אַלעם האָב איך מורא געהאַט פאַר זיין גיכן דורכפאַל ביי דערדאָזיקער געפערלעכער אַרבעט (כ׳האָב שטענדיק געהאַלטן אַזעפן פאַר אַ שלעכטן קאָנספּיראַטאָר בנוגע אָפּהיטן זיך פון אויסערלעכער נאָכשפּירונג; אין דעם האָבן מיך איבערצייגט די אָפּטמאָליקע באַאָבאַכטונגען, ווי אַזוי ער פלעגט אומגעשיקט בייטן זיין פריזור, די באָרד, די זאַכן, דערקלערנדיק באַאיוו, אַז מען „קען אים נישט דערקענען", ער האָט נישט געוווּסט אַ סך עלעמענטאַרע מיטלען ווי צו אַנטלויפן פון שפּיאָנען און אַז. וו.; איך האָב נישט איינמאָל געזאָגט צו אים, אַז אים ראַטעוועט אויסשליסלעך די דאַנקבאַרע אויסערלעכקייט און זיין זעלטענער דערשיינען צווישן אונז און אין רוסלאַנד).

מיין פאָראויסזאָגונג איז אינגיכן מקוים געוואָרן. מען האָט

מיר איבערגעגעבן די „פריידיקע" ידיעה, אַז אין דער קאַמפּס־טעטיקייט ווערט דערוואַרט אַן אויפלעבונג. אַזוי נעמט זיך ווידער פאַר דער אָנפירונג. נאָך לאַנגע וואַקלענישן איז ער מסכים געווען, בעמערדיק אין אַכט דאָס פעלן פון אַנדערע אָנפירער און באַזונדערס צוליב דעם, וואָס ער איז דערמוטיקט דורך גערשוניס צוגעזאָגטער הילף.

געדופן דורך דער רעגירונג אויף זיין פּאָסטן, האָט אַזעף אָנגעהויבן פון איבערקוקן די פּאַרטיי־כחות (וואָס דאָס האָט באַצייכנט געהאָלפן באַטראַכטן אויך די קאַמפּס־כחות), — ער האָט זיך פאַרנומען מיט אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט. דערנאָך, אָפּטוענדיק דאָס, וואָס ער האָט נויטיק געהאַט, האָט ער זיך געשטעלט בענטער צו די קאַמפּס־כחות, איבערנעמענדיק די אָנפירונג.

עס זענען געקומען דורכפאַלן: דער פּראָצעס וועגן דער פאַרשווערונג קעגן קייסער, דער אַרעסט פון קאַרל טראַובערגן און דערנאָך דער שרעקלעכער דורכפאַל פון די רעשטלעך פון דער צפונדיקער קאַמפּס־גרופּע.

פרילינג און זומער 1908־טן יאָר. — די לאָנדאָנער קאָנפערענץ.

איך בין אַרויס פון תפיסה אונטערן איינדרוק פונם דורכפאַל פון דער צפונדיקער קאַמפּס־גרופּע פון דער פּאַרטיי ס.־ר.—ן, אָנגעפירט דורך קאַרל טראַובערג. צום דאָזיקן איינדרוק איז נאָך צוגעקומען אַ באַשלוס, אַז מיר מוזן אַרויסגיין פון אומטעטיקן צושטאַנד בנוגע די קלאַנגען, וועלכע האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צירקולירן אין דער געזעלשאַפט, אַז אין צענטער פון דער פּאַרטיי איז נישט אין אָרדנונג, אַז ס'איז דאָ פּראָוואָקאַציע. עס האָבן זיך געלאָזט הערן רמזים אויף אַזעפן.

אין מערץ 1908־טן יאָר, ווען מען האָט מיך ווידער קאָאָפּטירט אין צ. ק., האָב איך אויפגעוועקט די פראַגע וועגן דער נויטווענדיקייט אָנצוהייבן אויסצופאָרשן די קלאַנגען און פירן די־דאָזיקע אויספאָרשונג סיסטעמאַטיש. דער צ. ק. איז מסכים געווען און ער האָט מיר איבערגעגעבן דעמדאָזיקן ענין. מיין טעטיקייטס־פּלאַן איז געווען אַזאַ. די קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן פון דער

אַדוואָקאַטישער סביבה; וועגן דעם האָט עדות געזאָגט דער פאַקט, וואָס אין די שמועסן וועגן פּראָוואָקאַציע אין צענטר פון דער פּאַרטיי פלעגט מען געוויינלעך צוגעבן, אַז אויף פּראָוואָקאַציע האָבן אָנגעוויזן די באַשולדיקטע אויפן פּראָצעס פון דער צפונ-דיקער קאַמפּס-גרופּע. איך האָב באַשלאָסן אויסצופאָרשן די ידיעות, וועלכע עס באַזיצן די אַדוואָקאַטן, וועלכע זענען אַרויס-געטראָטן אויפן פּראָצעס פון קאַרל און די זיבן געהאָנגענע. מיין אויספאָרשונג האָט געדאַרפט טראָגן אַ צוגרייטנדיקן, נישט-אָפיציעלן כאַראַקטער.

מיר איז פאָרגעקומען פּאַר צוועקמעסיקער, איך זאָל נישט קומען אַלס באַפולמעכטיקטער פון צ. ק., כדי נישט צווינגען די אויסגעפרעגטע צוצומאַכן די ליפּן, נאָר פּרווון שעפּן די נויטיקע ידיעות אין פּריוואַטע שמועסן. כמעט מיט אַלע אַדוואָקאַטן בין איך געווען פּערזענלעך באַקאַנט, — און צו די נישט-באַקאַנטע האָב איך געהאַט רעקאָמענדאַציעס. ס'איז פאָראויסגעזען געוואָרן, אַז אויב איך וועל געפינען די מחברים פון די קלאַנגען אָדער אַ מער אָדער ווייניקער ערנסטן מאַטעריאַל, וואָס האָט געדינט אַלס יסוד פאַר דידאָזיקע קלאַנגען, זאָל איך ווייטער פירן די אויספאָרשונג אָפיציעל, בילדנדיק אַ ספּעציעלע אויספאָרשונגס-קאָמיסיע.

קודם-כל בין איך אַוועק צום אַדוואָקאַט, וועלכער איז אַרויס-געטראָטן אויפן פּראָצעס פון די זיבן געהאָנגענע און אויף וועלכן מען האָט אָנגעוויזן, ווי אויף דעם מקור פון די קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע (דער קלאַנג איז איבערגעגעבן געוואָרן, אויף וויפיל איך געדענק, דורך דער רעדאַקציע „רוססקאָיע באָגאַטסטוואָ”). איך האָב דערציילט כ. דעם ציל פון מיין קומען און כ'האָב אים געבעטן ער זאָל מיר דערציילן, צי זענען נישט געווען אין פּראָצעס אָדער אין די באַציאונגען מיט די באַשולדיקטע פאַקטן, וואָס ווייזן אויף פּראָוואָקאַציע. כ. האָט געענטפערט נישט גאָר גערן, און ווי מיר האָט זיך געדאַכט, נישט אינגאַנצן אויפריכטיק. ער האָט עפּעס נישט געוואָלט דערציילן. זיין ענטפער איז אָבער געווען גענוג באַשטימט. ער איז געווען אויפן פּראָצעס זייער ווייניק (דאָס געריכט האָט דער פּאַרטיידיקונג איבערגעגעבן די געריכטס-אַקטן אויף צו באַקענען זיך מיט זיי אַ פּאָר שעה

פאַרן אָנהויב פון פּראָצעס און ער האָט באַגרעניצט דאָס זען זיך מיט די באַשולדיקטע), ער האָט אָבער פון קיינעם נישט געהערט קיין שום אָנווייזונגען אויף עפּעס אַ פּראָוואָקאַטאָר. ביי אים, ווי ביי אַ סך אַנדערע, האָט זיך געשאַפן אַן איינדרוק, אַז אַזאַ שרעקלעכער דורכפאַל האָט נישט געקענט געשען אָן אַ פּראָוואָקאַציע אָדער פאַרראַט. אויף מיין פראַגע, צי איז אמת, אַז עמיץ פון די באַשולדיקטע האָט איבערגעגעבן אַ וויכטיקע ידיעה וועגן דער פּערזאָן פון פּראָוואָקאַטאָר, אויסנעמענדיק אַ תּנאי, אַז דידאָזיקע ידיעה זאָל איבערגעגעבן ווערן בלויז איינעם „דעם חשובסטן מיטגליד פון דער פּאַרטיי" און, אויב דאָס איז אמת, צי קען ער נישט אָנווייזן דידאָזיקע פּערזאָן אָדער דערציילן, אין וואָס עס האַנדלט זיך, האָט כ., געענטפערט גאַנץ אומבאַשטימט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב עס וואָלט געווען אַזאַ פאַקט, וואָלט ער נישט געהאַט דאָס רעכט עובר צו זיין אויף זיין פליכט צו שווייגן, אָבער, פון דער צווייטער זייט, איז אַזאַ פאַקט גאָר נישט געוועזן און אַז. וו. איך האָב געזען, אַז כ.—ס ליפּן האָבן זיך צוגעמאַכט, ער וויל עפּעס נישט דערציילן, און איך בין אַוועק. ס'איז געבליבן אַן איינדרוק, אַז כ., האָט עפּעס עמיצן דערציילט און פילנדיק זיך אַלס נישט-געוויסנהאַפטער פאַרשפּרייטער פון קלאַנגען און מורא האָבנדיק אַריינצופאַלן אין דער לאַגע פון אַזאַ, וואָס טראָגט די אחריות דערפאַר, דרייט ער זיך אַרויס פון ענין. (מיט כ. בין איך געווען ווייניק באַקאַנט; גייענדיק צו אים האָב איך זיך באַזאָרגט מיט רעקאָמענדאַציעס).

פון כ. בין איך אַוועק צו יע. דערדאָזיקער מענטש איז פון דער נאַטור בכלל געווען אָפנהאַרציק, חוצדעם האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן. ער האָט זיך אויפגעפירט אָפן און אויפריכטיק (אַזוי האָט מיר זיך אויסגעוויזן, איך בין גוט באַקאַנט געווען מיט אים). כ.—ס אויפפירונג לגבי דעם פאַקט פון איבערגעבן עפּעס אַ ידיעה דעם „חשובסטן פּאַרטיי-מיטגליד" האָט אים פאַרוואונדערט. יע. האָט קאַטעגאָריש פאַרזיכערט, אַז אַזאַ פאַקט האָט נישט געקענט זיין. ער איז גוט באַקאַנט מיט די פּרטים פון פּראָצעס פון דער צפונדיקער קאַמפּס-גרופּע, ער איז באַקאַנט מיט דעם בעסער ווי כ., ער האָט ברייוו פון קאַרלס קרובים און אַז. וו. און ער פאַרזיכערט,

אַז די באַשולדיקטע האָבן נישט מרמז געווען אויף עפּעס אַ פּראָוואָקאַטאָר. זיי זענען געווען נידערגעשלאָגן דורכן אומגעריכטן דורכפאַל, און ער, יע., מיינט אויך, אַז דאָ איז די זאַך נישט פאָרגעקומען אָן פאַררעטער אָדער אַ פּראָוואָקאַטאָר. אָבער נישט מער. ביי יע. איז אין יענעם אָוונט געזעסן נאָך אַ פאַרטיידיקער אויפן פּראָצעס פון די זיבן געהאָנגענע, און ער האָט באַשטעטיקט יע.—ס ווערטער.

דערנאָך בין איך געווען ביי ז., צו וועלכן איך בין אַריין אין דער באַגלייטונג פון מיינעם אַ גוט-באַקאַנטן אַדוואָקאַט. דערדאָזיקער ז. האָט באַשטעטיקט, אַז פון פּראָצעס קען מען נישט שעפּן קיין שום ידיעות וועגן פּראָוואָקאַציע. ער פאַרזעלעך איז איבערצייגט, אַז ס׳איז נישט אָפּגעגאַנגען אָן פּראָוואָקאַציע, און ער ווייס, אַז מען רעדט וועגן פּראָוואָקאַציע אין צענטר אָדער אַרום צענטר פון דער פּאַרטיי.

איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר אָנווייזן די קוועלע פון די קלאַנגען, ער זאָל אָנרופן די פּערזאָן, וועלכע מען איז חושד, אָבער ז. איז געבליבן אומבויגזאַם (מיט אים בין איך געווען גאַנץ גוט באַקאַנט). אין יענעם מאָמענט איז מיר פאָרגעקומען, אַז ער האָט געהערט וועגן די חשדים קעגן אַזעפן. פון איינצלנע פראַזן האָב איך בלויז באַוויזן צו איבערצייגן זיך, אַז די קלאַנגען שטאַמען פון אויסלאַנד, און טיילווייז פון כ.—ן.

דעם לעצטן פון די אַדוואָקאַטן האָב איך אינטערוויואירט פּ.—ן. איך האָב זיך געזען מיט אים עטלעכע מאָל. פּ. האָט געהאַט אין זיין רשות אַ רייכערן מאַטעריאַל, איידער די אַנדערע אַדוואָקאַטן, ער האָט איבערגעגעבן, אַז בעת איין זעאונג האָט קאַרל זיך געטיילט מיט די איינדרוקן וועגן דער סיבה פון דורכפאַל און ער האָט אַרויסגעזאָגט אַ חשד, אַז נאָענט פון צענטר איז, אפשר, דאָ פּראָוואָקאַציע. אָבער קאַרל איז אויף דעם נישט באַשטאַנען און ער האָט נישט אָנגעוויזן אויף קיינעם נישט; פאַרקערט, ער האָט אַלעמען געשיקט זיין ברידערלעכן „גרוס". אַנדערע אָנגעקלאָגטע האָבן פאַרזיכערט, אַז זיי זענען געפאַלן קרבנות פון פּראָוואָקאַציע. באַזונדערס פעסט האָט גערעדט וועגן דעם איינע פון די באַשולדיקטע — אי. זי האָט דערביי אָנגעוויזן

אויף אַ פּערזאָן: אַ געוויסן יע. אי.—ס זיכערקייט, וועלכע עס האָבן געטיילט אויך די איבעריקע באַשולדיקטע, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן (אָפּוואַרטנדיק דעם טויט) איבערגעלאָזט בצוואה אַ ספּעציעלן קאַפּיטאַל, וועלכן די חברים האָבן געדאַרפט פאַרווענדן אויף אָפּזוכן און פאַרניכטן דעם פּראָוואָקאַטאָר. יע. וועגן אַזעלכן אָדער וועגן אַ וואָסער-נישט-איז אַנדער פּערזאָן פון צענטר אָדער לעם צענטר איז קיין וואָרט נישט געזאָגט געוואָרן. די מיינונג פון פּ. גופא איז נישט געווען גאָר קלאָר. בעת אונזער ערשטן שמועס האָט ער אַנטוויקלט די טעאָריע וועגן אומפאַרמיידלעכקייט פון פּראָוואָקאַציע אין פּראָצעס פון קאַרל און די זיבן געהאָנגענע, אָבער בעת דער לעצטער זעאונג האָט ער שוין גערעדט וועגן דעם, אַז דער ענין איז גענוג באַלויכטן דורך מאַסאָקינס בגידה און אַז דער דורכפאַל פון דער גרופּע איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דער אומפאָרזיכטיקער אַרבעט. וועגן חשדים קעגן אַזעלכע (אין אַ אומבאַשטימטער פאָרם) האָט פּ. געוווסט, ער האָט זיך אָבער אויף זיי נישט אָפּגעשטעלט און ער האָט זיי, ווי ס'שיינט, נישט צוגעגעבן קיין ערנסטע באַדייטונג.

אין דער אַדוואָקאַטישער סביבה האָבן זיך פאַרלוירן די פעדים פון די קלאַגעס וועגן פּראָוואָקאַציע. גיין ווייטער איז נישט געווען ווו. מען האָט נישט געזען די נעמען פון די קלאַגעס-פאַרשפּרייטער, פּונקט ווי ס'איז נישט געווען קיין שום קאָנקרעטס אין די קלאַגעס גופא. די אַדוואָקאַטן (מיטן אויסנאַם פון איינעם, צוויי) האָבן זיך געפירט, ווי אַלע אין יענער צייט, אָן עלעמענטאַרן בירגערלעכן מוט. זיי האָבן זיך געשושקעט וועגן אונז, וועגן פּראָוואָקאַציע, זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט אַריינצומישן אין דער „שמוציקער געשיכטע” און האָבן געבעטן נישט צוגעבן זייערע ווערטער קיין אָפיציעלע באַדייטונג..

וואָס האָב איך געקענט דערגיין ביי אַזעלכע באַדינגונגען? עס איז דאָ אַ קלאַגע וועגן פּראָוואָקאַציע, וואָס איז געבוירן געוואָרן דורכן פאַקט, דורכן דורכפאַל פון דער קאַמפּס-גרופּע,— אַ דורכפאַל, וואָס איז שרעקלעך לויט זיינע באַדינגונגען, פון דער צווייטער זייט רופן נישט אָן די באַשולדיקטע דעם פּראָוואָקאַטאָר און, זיי, יעדנפאַלס, די הויפּט-עדות פון דאָזיקן

פראָצעס, גיבן אָנווייזונגען נישט אין דער זייט פון פּאַרטיי צענטער, נאָר אויף זייערן אַ מיטגליד-חבר יע. ווען אַזעפן איז קיין רייד נישטאָ, עס זענען בלויז פאַראַן חשדים. ווע̄לכע, — דאָס איז דער סוד פון די פאַרשפּרייטער. דעריבער האָב איך באַשלאָסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ געוויינלעכער רכילות, ווי אַלץ איז נעפּלהאַפט, צונויפגעפּלאָכטן און ס'איז אוממעגלעך זיך פאַנאַנדערקלייבן אין איר, ס'איז שווער דערגרונטעווען איר מקור. דער מחבר פון די קלאַנגען, אויף וויפל איך האָב זיך בעקענט איבערצייגן, איז געווען כ., וואָס האָט זיך, פון זיין זייט, דערנערט מיט ידיעות פון פּאַריזש (וואָרשיינלעך פון וו. בורצעוון), אָבער כ. איז בראָנירט, ווייל מען האָט אים נישט געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט, און פאַרפירן מיט אים באָכאַמאָל אַ שמועס האָב איך באַטראַכט אַלס פוסטן צייט-פאַרלוסט.

אויף מיין בקשה האָבן זיך די אַדוואָקאַטן אונטערגענומען צונויפשטעלן אַ גענויסטן באַריכט וועגן קאַרלס פּראָצעס. יעדער פון זיי האָט געדאַרפט אָנשרייבן באַזונדער און דערנאָך האָבן זיי געפלאַנט קאָלעגיאַל רעדאַגירן דעם מאַטעריאַל, און דורכדעם העלפן צו באַלויכטן דעמדאָזיקן טונקעלן ענין (זייער צוזאָג האָבן די אַדוואָקאַטן נישט געהאַלטן).

איך האָב איבערגעגעבן דעם צ. ק. די רעזולטאַטן פון מיינע אויספאָרשונגען צווישן די אַדוואָקאַטן, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז מיר האָבן נישט באַקומען קיין שום רעאַלס, אויף וואָסער סמך מען זאָל קענען פירן די ווייטערדיקע אויספאָרשונג דורך אַ קאָמיסיע, אַ חוץ די אָנווייזונגען אויף יע. עס איז בלויז באַשלאָסן געוואָרן, צו זאַמלען ווייטער פאַקטן, קאָנצענטרירן זיי אין איין האַנט. פון אויסלאַנד האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז דאָרט צירקולירן אויך עקשנותדיק קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע און אַז עס בילדעט זיך אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף אויס-צופאָרשן דידאָזיקע קלאַנגען.

מיר האָבן באַשלאָסן נישט אויסצובאַהאַלטן פון אַזעפן דידאָזיקע קלאַנגען, ווייל מיר האָבן געהאַלטן פאַר נוצלעך צו פאַרלייכטערן אים זיין נשמה-צושטאַנד, וואָס איז נויטיק פאַר דער אַרבעט.

אַזעף האָט דאַן געוווינט אין פּעטערבורג. ער האָט געהאַט אַ שטענדיקן מעלד־פּונקט, ער האָט זיך געפונען אין אַ אַרבעטס־שטימונג. איך האָב זיך געזען מיט אים זעלטן.

אַזעף האָט געגרייט אַן אַטענטאַט אויפן קייסער. דער פּלאַן איז געווען אַ ברייטער. געוויינלעך פּלעגט ער זיך מיט קיינעם נישט טיילן מיט זיינע פּלענער און האַפנונגען, אָבער פון צייט צו צייט פּלעגט ער אָפּווייכן פון דאָזיקן כּלל. פון זיינע אָפּגעריסענע דערציילונגען איז קלאָר געווען, אַז דער אַטענטאַט אויפן קייסער האָט געדאַרפט געפירט ווערן, ווי אַן אמתע באַלאַגערונג. אַרום צאַרסקאָיע סעלאָ און גאַטשינאַ האָבן זיך באַזעצט אייגענע מענטשן. כּדי אָפּצווענדן די אויפמערק־זאַמקייט פלעגן געעפנט ווערן טיי־הייזער, עס זענען אָנגעקניפּט געוואָרן פאַרבינדונגען מיטן הויף. אַזעף האָט מיר דערציילט, אַז ס׳איז דאָ אַ מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין דער כאָר־קאַפּעלע ביים הויף, און אַז ער האָט שוין אַ זעאונג מיט עמיצן פון דערדאָזיקער קאַפּעלע. ער האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט אַן אַרטיסטקע פון איינעם פון די קאַפּעשאַנטאַנען, וועלכע האָט פאַרבינדונגען מיטן גרויסוועלטישן קרייז. אַזעפּס לעצטער „ענין" האָט געטראָגן, דאַרף מען רעכענען, נישט קיין פּאָליטישן, נאָר אַ ראָמאַנטישן כאַראַקטער. ביי איינער פון אונזערע זעאונגען האָט ער נישט צו דער זאַך אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער מוז אָפּט זיין אין טעאַטער, נעמען אַ שטול אין דער ערשטער רייע און אַז. וו., ווייל ער שטייט פאַר אַ קאַנטשאַפט מיט אַן אַרטיסטקע. אויפן צווייטן טאָג האָט מיר איינע אַ באַקאַנטע געזאָגט אין אַ אויפגעבראַכטן טאָן, אַז זי האָט געזען אַזעפן אויף אַ דראָזשקע מיט אַ דאַמע פון אַ געוויסער אויפפירונג. איך האָב באַרואיקט די באַקאַנטע, פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז אין דער טעראָריסטישער וועלט קומט אויס צו זיין אין פאַרשידענע לאַגעס, און באַזונדערס אַזעפן.

אין אַלגעמיין גייט צו דער ענין, לויט אַזעפּס ווערטער, זייער שווער, לאַנגזאַם, און ער איז נאָך נישט זיכער — צי גייט ער מיטן ריכטיקן וועג. יעדנפאַלס איז נויטיק צו לאָזן אין גאַנג אויך אַנדערע מעגלעכקייטן, אָט וואָלט, למשל, נוציק געווען אויס־צונוצן דעם פאַראיין פון רוסישן פאָלק. ער האָט שוין אַ גע־

ווײסע קאָמבינאַציע, ער האָט אָבער מורא פאַר „פּראָוואָקאַציע״: פון אָדעס איז אַרײַנגעפּלאָסן אַ פאָרשלאָג פון אַ געוויסער פּערזאָן, וועלכע קען אַרײַנדרינגען אין פאַראײן און אײנאָרדנען זיך אין אים אויף אַ חשובן אָרט, אָבער ער, אַזעף, טרויט נישט אָן דער־דאָזיקער פּערזאָן. דאָ איז דער ריכטיקער פּלאַץ אָנצווײַזן, אַז פאַר דער גאַנצער צײַט פון זײַן טעטיקייט האָט אַזעף געשטרעבט גאָר געניי באַקענען זיך מיט די קאַנדידאַטן אויף מיטגלידער אין דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. געוויינלעך פלעגט ער זיך זען מיט זיי פּערזענלעך, ער פלעגט נישט געבן גלײַך קיין ענטפער, און עס זענען געווען אַ סך קאַנדידאַטן, וועלכע האָבן געוואַרט אויפן דאָזיקן ענטפער גאַנצע האַלבע יאָרן און מער. אין דער לעצטער צײַט האָט אַזעף אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דעם, אַז צווישן די אויפ־גאַבעס פון ביוראָ ביים צ. ק. דאַרף מען אויך אַרײַנרעכענען דאָס באַטראַכטן די־יעניקע, וועלכע ווילן אַרײַנטרעטן אין די קאַמפּס-גרופּעס, דאָס קלײַבן וועגן זײ ידיעות און אַז. וו. און שוין דערנאָך צונויפפירן אים מיט זיי, דערביי האָט ער זיך פאַררופן אויף דעם, אַז אים איז שווער צוליב קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען אײנצואָרדנען זעאונגען מיט אָנפאַנגער און אַז די פריערדיקע אויספאָרשונג מצד דעם אָרג. ביוראָ וועט זײַן אַ געוויסע גאַראַנטיע פאַרן קאַנדידאַטס זיכערקייט.

איך פלעג תמיד אַרויסטרעטן קעגן אַזעפס דאָזיקן פאָרשלאָג, באַטראַכטנדיק פאַר נישט קאָנספּיראַטיוו, אַז די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע זאָלן דורך די אָפענע מעלד-פונקטן פון דער אָרג. ביוראָ און אָנווייזנדיק אויף דעם, אַז די אונטער־האַנדלונגען מיט די טעראָריסטן און זייער אָפּשאַצונג דאַרפן געפירט און געמאַכט ווערן דורך אַ קאָמפּעטענטער פּערזאָן, ד. ה., דורך אַ טעראָריסט. איך האָב פאָרגעלייגט מען זאָל אויסזוכן אַ פּערזאָן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען דערמיט ספּעציעל, נישט זייענדיק פאַרבונדן מיטן אָרגאַניזיר-ביוראָ. אַזעף פלעגט געוויינלעך נישט איינשטימען. מען דאַרף אָננעמען, אַז ער האָט באמת פאַרפאָלגט דעם ציל צו זיכערן די קאַמפּס-טעטיקייט פון „אומ־זיכערע עלעמענטן״ פון זײַן אייגענער טובה וועגן, — פאַרשטייט זיך, די פאַרגאַנגענהייט רעדט דערפאַר, אַז דאָס צוקלײַבן טעראָ־ריסטן מצד אַזעפן האָט געשאַפן אַ צוים פאַר די אומזיכערע

און מיר האָבן נישט געקענט קיין איין פּאַררעטער, קיין איין פּראָוואָקאַטאָר אין דערדאָזיקער סביבה. עס פּלעגן אַהער צוגעצויגן ווערן די בעסטע טעראָריסטישע כּחות פון דער פּאַרטיי (אַזוי איז, לכל הפּחות, געווען ביזן 1907-טן יאָר) און זיי פּלעגן אַרונטערגיין אונטערן קאָנטראָל און דער מאָראַלישער השפּעה פון אַזעפן. דערפון איז קלאָר, סאַראַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג אַזעפס פערזענלעכקייט האָט געהאַט אויפן גורל פון טעראָר פאַר אַלע יאָרן פון זיין טעטיקער אָנפירערשאַפט.

אין מערץ איז פון פינלאַנד אַריבערגעפאָרן קיין פּעטערבורג דער גאַנצער באַשטאַנד פון צ. ק. „דער פינלענדישער זיץ", ווי מען האָט זיך דאַן אויסגעדריקט, האָט באַדייטנדיק אָפּגעריסן דעם צ. ק. פון זיין פּעריפעריע, און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן דורכצופירן אַן אינספּעקציע-רייזע איבער די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציעס און דערנאָך אַריבערפירן דעם וווין-אָרט פון צ. ק. אָדער אַ טייל זיינעם אין די גרעניצן פון רוסלאַנד. דערדאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך לאַנגע באַראַטונגען. אַזעף איז געווען פאַר באַזעצן זיך אין רוסלאַנד און אין זיין אַרגומענטאַציע האָט ער דערלאָזן גראָבע רמזים אויף דער „פּחדנות" פון די, ווער עס איז געווען קעגן דעם איבערפאָרן קיין רוסלאַנד. נאָך עטלעכע פאַרזאַמלונגען אין פּיטער זענען זיך די מיטגלידער פון צ. ק. פאַנאַנדערגעפאָרן איבער רוסלאַנד מיט דער אויסרעכענונג אומצוקערן זיך נישט שפּעטער פון ערשטן מאַי.

אַרום מאַי האָבן זיך אַלע אומגעקערט קיין פּעטערבורג, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע זיצונגען צוזאַמען מיטן אָרגאַניזיר-ביורא וועגן איינאָרדנען אַן אַלפּאַרטייאישן צוזאַמענפאָר אָדער קאָנפערענץ. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צונויפצורופן אַ קאָנפערענץ, און ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ טאָג-אָרדנונג פון דערדאָזיקער קאָנפערענץ. אגב אורחא זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַלע פראַגן פון דער לויפנדיקער טעטיקייט. די זיצונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 6-טן מאַי, האָבן געדויערט אַ וואָכן צוויי. די ערשטע צייט פּלעגן מיר זיך צונויפקלייבן מיט באַזונדערער פאָרזיכטיקייט, אָבער דערנאָך זענען מיר געוואָרן אָפּגעלאָזן. קאָנספּיראַטיווע דירות זענען געווען ווינציק — האָבן מיר זיך גענומען צונויפקלייבן נישט איבערקלייבנדיק (ס'איז

אַפילו געווען אַ זיצונג אין מיין פרויס דירה). די גאַסן זענען געווען אידעאַל ריין פון שפּיקן, קיינעם האָט מען נישט נאָכ-געשפּירט (צוליב אַ פאַרשטענדלעכער סיבה: מיט אונז איז געווען אַזוי). כ'דערמאָן זיך איינע פון אונזערע פאַרזאַמלונגען אין אַ קאַבינעט פון רעסטאָראַן קוויפּיסאָן, אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איז אינטערעסאַנט געווען נישט דורכן אינהאַלט פון די רעדעס, באַ-שלוסן און אַז. וו., נאָר פון אַ אַנדער שטאַנדפּונקט. אין דאָזיקן טאָג האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין אַ פּריוואַטער וווינונג, מיר האָבן נאָך אָבער נישט באַוויזן צוצוטרעטן צו דער באַראַטונג, ווי דער באַלעבאָס פון דער דירה האָט אונז אויפגעפאָדערט פאַנאַנדערגיין זיך. מען האָט געמוזט צוטראַכטן אַ נייעם לאָקאַל, מען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די רעסטאָראַנען, און אָט האָט אַזוי געקומען איבערקלייבן די מעלות און חסרונות פון אַלע רעסטאָראַנען און ער האָט זיך אָריינגעלאָזט אין אַזעלכע דעטאַלן בנוגע דער גרעב פון די ווענטלעך פון דעם אָדער יענעם קאַבינעט, זייער לאַגע און אַז. וו. אַז אויף מיר, וואָס איך האָב געקענט אַזעפן, אַלס פּראַקטיק אין דאָזיקן פּאַר אַ טעראָריסט אומפאַרמיידלעכן געביט, האָט זיין דאָזיקע באַהאַוונטקייט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, און איך האָב אים דאָס אָפן געזאָגט, ווען מיר זענען זאַלבעצוויייט געפאָרן אויף דער דראָשקע אין אויס-געווײלטן רעסטאָראַן. אגב אורחא האָט אַזוף כמעט נישט גע-טרונקען קיין בראָנפן און קיין וויין, אין דעם האָט ער זיך תמיד געהאַלטן, אויף וויפל איך האָב באַמערקט (אַ נאַטירלעכע מורא שכור צו ווערן, צו פאַרלירן די זעלבסטקאָנטראָל), ער פלעגט אויך אויסמיידן צו שלאָפן אין איין צימער, ווייל אין שלאָף פלעגט ער שרעקלעך קרעכצן, אָן אויפהער קריטשען מיט די ציין און ריידן.

עס זענען פאָרגעקומען אויך ספּעציעלע זיצונגען פון צ. ק. אַליין, געווידמעט די פראַגן פון אינערלעכער אָרדנונג און אַ באַ-זונדערער קאָנספּיראַטיווקייט. אין יענער צייט איז באַקומען גע-וואָרן אַ ידיעה, אַז די קאַסע פון דער פּאַרטיי וועט באַקומען אַ גרויסע סומע (פון 300 טויזנט רובל) פון דער טשאַרדזשואישער עקספּראָפּריאַציע. די האָפנונגען זענען לעבעדיקער געוואָרן, עס זענען אויסגעוואַקסן פּלענער פון אַ מער ענערגישער אַרבעט אין אַלע געביטן.

אַזעף האָט אויפגעהויבן די פראַגע וועגן גורל פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. אויף איינער פון די זיצונגען האָט ער געהאַלטן אַן אומגעוויינלעך לאַנגע רעדע. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם, אַז אים איז שווער איינעם אַליין זיך אַן עצה געבן מיט דער אַרבעט. נישטאָ מיט וועמען זיך אַן עצה צו האַלטן, נישטאָ מיט וועמען צו טיילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. גערשוני איז נישטאָ שוין. און ער, אַזעף, איז איינזאַם (די רעדע איז געזאָגט געוואָרן מיט אַ פאַרשטיקטן, געריירטן קול). ער מיינט, אַז דער צ. ק. דאַרף קומען צו הילף און אויסטיילן עמיצן פון זיין סביבה. אַלע אָנוועזנדיקע, יעדער איינער באַזונדער, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער ראָל פון אַ מיטאָנפירער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, קורץ פאָרמולירנדיק די סיבות פונם אָפּזאָג. דערנאָך האָט אַזעף אָנגעוויזן אויף די אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינט זיך דער טעראָר פון דער פאַרטיי און אויף זיין אַנטאַרטונג. נישטאָ קיין טעראָריסטן, הגם אַ סך, וואָס ווילן דאָס זיין. נישטאָ קיין אַגיטאַציע פאַרן טעראָר אויף די שפּאַלטן פון דער פאַרטיי-פּרעסע, ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דער צופלוס פון נדבות און אַז. וו. ס'איז צייט קלאָר אַוועקצושטעלן די פראַגע: אָדער אָנערקענען, אַז די פאַרטיי באַטראַכט דעם טעראָר פאַר אַן ערשטקלאַסיקער אויפגאַבע, און דאַן דאַרף דער צ. ק. אַנטשפּרעכנדיק ענדערן זיין באַציאונג צו אים און די מיטגלידער פון צ. ק. דאַרפן תמיד זיין גרייט אָנפירן מיט אים אָדער מען דאַרף זיך איינגאַנצן אָפּזאָגן פון טעראָר, אָנערקענענדיק, אַז ער איז אַנטאַרטעט געוואָרן אין אַ טויטן פאַראַגראַף פון דער פאַרטיי-אַרבעט. סוף-כל-סוף האָט זיך אַזעף געשטעלט אויף אַ פראַקטישן באָדן און האָט געפאָדערט צו זיכערן זיין אַרבעט מיט אַ פעסטן ביודזשעט און מיט דער כסדרדיקער מיטהילף פון אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער פאַרטיי. נעמענדיק אין אַכט די דערוואַרטעטע טאַשקענטער סומעס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ ספּעציעלן „קאַמפּס-פאָנד" פון 100 טויזנט רובל (אַנטשפּרעכנדיק צו דער אַלגעמיינער סומע, וועלכע וועט אַריינפליסן פון דער עקספּראָפּריאַציע).

ווען עס איז אַנטגילטיק באַשלאָסן געוואָרן די פראַגע וועגן צונויפרופן אין אויסלאַנד אַן אַלפאַרטייאישע קאָנפערענץ

און ראַט, איז אָנערקענט געוואָרן פֿאַר צוועקמעסיק איבערצוחזרן די אינספּעקציע־רייזעס מצד די מיטגלידער פֿון צ. ק. איבער די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס, כּדי באַקענען זיך מיט די אויפֿגאַבעס פֿון דער קאָנפֿערענץ און טיילווייז, כּדי זי אָרגאַניזאַציאָנעל צוצוגרייטן. די מיטגלידער פֿון צ. ק. זענען געפֿאָרן אויפֿן דרום־קאַווקאַז, אין אוקראַינאַ און צפֿון קאַווקאַז, אויף דער וואָלגע; די איבעריקע ערטער האָבן געדאַרפֿט באַזוכן די מיטגלידער פֿון דעם אָרגאַניזיר־ביוראָ. פֿאַר דער לויפֿנדיקער אַרבעט פֿון דעם צ. ק. איז געבליבן אַ קאָלעקטיוו פֿון דריי מיטגלידער: איך, נאַטאַנסאָן און אַזעף. דערביי האָט נאַטאַנסאָן געלעבט אין פֿינלאַנד און פֿלעגט קומען צופֿאָרן אויף די וועכנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען. אַזעף פֿלעגט פּינקטלעך באַזוכן די פֿאַרזאַמלונגען און ער האָט אָנטייל גענומען אין באַהאַנדלען אַלע פֿראַגן. אַמאָל פֿלעגט ער אונז באַקענען, אמת, אין זייער אַ פֿראַגמענטאַרישער פֿאָרם, מיט דער לאַגע פֿון דער קאַמפּס־אַרבעט; עס האָבן אים פֿאַרפֿאָלגט דורכפֿאַלן. דאָ פֿלעגט די פּאָליציי אַרויסטרייבן פֿון דער געגנט פֿון צאַרסקאָיע סעלאָ די מיטגלידער פֿון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע פֿלעגן זיך דאָרט באַזעצן, דאָ פֿלעגט אויספֿעלן געלט אויף די דרינגנדיקסטע אָפּעראַציעס און אַז. וו.

כ׳געדענק נישט, צי אין דאָזיקן פּעריאָד פֿון אונזער „דריילינג“־פֿאַרזאַמלונגען אָדער פֿריער, אָבער אַזעף האָט זיך געטיילט מיט געוויסע ידיעות וועגן זיין פּלאַן פֿון אַ אַטענטאַט אויפֿן קייסער בעתן צוזאַמענטרעף פֿון די אימפּעראַטאָרס אין רעוועל. אויף עפּעס אַן אופֿן איז אַזעפֿן געלונגען צו באַקומען אַ פּלאַן און אַ גענויע באַשרייבונג פֿון גוט פֿון איינעם אַ גרויסן פֿריץ נאָענט פֿון רעוועל, ווו עס האָט געדאַרפֿט זיין, לויט די קלאַנגען, די רעזידענץ פֿון ניקאָלאַי II און עס האָט געזאָלט פֿאָרקומען דער צוזאַמענטרעף פֿון די אימפּעראַטאָרן: קענענדיק די געגנט איז געווען אַ מעגלעכקייט צו פּרוון איינאָרדנען אַן אַטענטאַט. אַזעף האָט באַשלאָסן פּערזענלעך אַליין צו באַטראַכטן און אָפּוויגן די שאַנסן. ער איז געפֿאָרן אַהין (פֿאַרשטייט זיך, לויט זיינע ווערטער). דערנאָך האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ניקאָלאַי II האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין דאָזיקן גוט: די באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען אויפֿן וואַסער, דערביי איז פֿאַרן ים־ברעג אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רונג פֿון שוץ־

שיפן. מען וואָלט געקענט, פלעגט אַזעף צוגעבן, טאָן עפּעס אין רעוועל גופא, ווו דער קייסער האָט נישט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט דער באַפעלקערונג, אָבער, ערשטנס, איז דאָס פאָרגעקומען אומגעריכט און, צווייטנס, אין רעוועל האָבן מיר נישט געהאַט נישט קיין אָרגאַניזאַציע נישט קיין צוגרייטונג.

נאָכן פאַרענדיקן די אינספּעקציע־רייזעס פון די מיטגלידער פון צ. ק. האָט מען געפלאַנט נישט איינאָרדנען קיין פאַרזאַמלונגען אין פּעטערבורג, נאָר אָפּפאָרן קיין אויסלאַנד מיט דער אויסרעכענונג צו זיין דאָרט ביזן עפענען די קאָנפערענץ.

הגם די רייזע פון די מיטגלידער פון צ. ק. איז אין אַלגעמיין אַדורך בשלום, קיינער פון זיי איז נישט אַרעסטירט געוואָרן, זענען אָבער געווען אומרואיקע מאָמענטן. אַזוי, למשל, אויפן צווייטן טאָג נאָך וו. טשערנאָווס אָפּפאָרן פון פּעטערבורג האָט מען מיר איבערגעגעבן פון דער רעדאַקציע „רוססקאָיע באָגאַטסטוואָ" אַ ידיעה וועגן דעם, אַז די פּאָליציי ווייס וועגן טשערנאָווס נסיעה, וווהין און ווען ער איז אָפּגעפאָרן, און אַז מען וועט אים, במילא, אַרעסטירן. מיר האָבן טשערנאָוון נאָכגעשיקט אַ טעלעגראַמע און אַפילו אַ ספּעציעלן אַגענט, כדי צו וואָרענען אים. נאָך זיין צוריקקומען האָט טשערנאָוו דערציילט, אַז נישט אין וועג, נישט אין דער שטאָט, ווו ער איז געווען, האָט ער נישט געזען קיין שום נאָכשפּירונג. שפּעטער, שוין אין אויסלאַנד, האָט מען מיר דערציילט וועגן דעם, אַז אין פּיטער, אויפן פאַרהער פון עפּעס אַ חבר פון דער פּעטערבורגער אָרגאַניזאַציע, האָט אַן אָכראַנע־אַגענט געבראַכט פּאָלגנדן באַווייז פאַר דער אינפאָרמירטקייט פון דער פּאָליציי און פאַר דער געזעצמעסיקייט פון אירע האַנדלונגען: אונז איז געווען באַקאַנט, — האָט ער געזאָגט — אַז טשערנאָוו איז געווען אין באַקו, מיר האָבן אים אָבער נישט געטשעפּעט, ווייל מיר האָבן אין יענעם מאָמענט געהאַלטן פאַר נישט צוועקמעסיק צו אַרעסטירן אַ גרויסן שרייבער־טעאָרעטיקער.

אַ צווייטער פאַל איז געווען מיטן מיטגליד פון צ. ק. אַווקסענטיעוו אין דער שטאָט קורסק. די חברים האָבן אים איבערגעגעבן אַ ידיעה, וואָס האָט געשטאַמט פון פּאָליצייאישע ספערן, וועגן דעם, אַז די אָרטיקע מאַכט איז געווען אינפאָרמירט וועגן זיין קומען. מיר האָבן נישט צוגעגעבן קיין שום באַדייטונג דידאָזיקע באַאומרואיקנדיקע

פאַקטן, אָנגעמענדיק, אַז די אָכראַנע האָט זיך געקענט דערוויסן וועגן דער קאָנפערענץ, וואָס גרייט זיך, וועגן אונזערע אינספּעקציע-רייזעס און אַז. וו. פון יענע שמועסן, וועלכע זענען נאַטירלעך אַנטשטאַנען אין דער פּאַרטיי אין שייכות מיט די נאָכאַמאָליקע ארומפאָרעגישן, מיט דער קאָרעספּאָנדענץ און אַז. וו.

מער אויפמערקזאַמקייט האָט צוגעצויגן אויף זיך דער פאַקט, וועלכער איז אַנטדעקט געוואָרן אין פעריאָד פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ. דורך בורצעוון איז דערהאַלטן געוואָרן אַ דאָקומענט, אַ בריוו פון אַ אָכראַנע-אַגענט (דאָבראָסקאָק), ווו ער ברענגט אַ פאַרשיידענעם באַשולדיקונגס-מאַטעריאַל קעגן איינעם פון די מיטגלידער פון צ. ק. או., אַלס אַ פּראָוואָקאַטאָר, פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז דערדאָזיקער או. זאָל כלומרשט האָבן אויס-געגעבן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף די זיצונגען פון צ. ק. אין פּיטער און אָנווייזנדיק, וועלכער מיטגליד פון צ. ק. עס האָט געדאַרפט פאָרן אין וועלכן געגנט. די אידענטישקייט פון די דאַטעס, פון די זיצונגען און נעמען פון די מיטגלידער פון צ. ק. וואָס זענען געפאָרן און נאָך וועלכע-נישט-איז קלייניקייטן, וועלכע איך קען איצט נישט געדענקען (דער דאָקומענט האָט זיך געפונען אין די הענט פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע) האָט געמאַכט אויף אונז אַ פיינלעכן איינדרוק. דער ליגן לגבי או. איז געוועזן קלאָר, אָבער גלייכצייטיק האָט איבערראַשט די אינפאָרמירטקייט פון דער אָכראַנע וועגן דער טעטיקייט פונם צ. ק. מיר האָבן געבראָכן דעם קאָפּ איבער דער פראַגע, פונוואַנעט קען שטאַמען די בגידה, און מיר האָבן נישט געפונען קיין ענטפער.

מיר זענען מער פאַר אַלץ גענויגט געווען צו דער דער-קלערונג, אַז עמיץ (פון די דירה-באַלעבאַטים אָדער פערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט באַציאונגען מיטן צ. ק. וועגן איינאָרדנען די קאָנפערענץ) האָט אויסגעפּלוידערט, און די קלאַנגען זענען דערגאַנגען צו דער פאָליציי.

פאַרן דאָזיקן פעריאָד איז פאָרגעקומען נאָך אַ פאַל, וועלכן עס לוינט צו פאַרצייכענען. אין פּעטערבורג איז אַרעסטירט געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע קאַרפּאָוויטש. *)

---

*) אין 1917-טן יאָר איז ער אומגעקומען אין ים, פאַרנדיק פון ענגלאַנד.

דער אַרעסט האָט צווישן אונז אַרויסגערופן אַ צערודערונג. איך האָב געזען אַזעלכע, וועלכער האָט באַקומען די דיזאָזיקע ידיעה. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך אויפגערעגט. ס'זענען אַדורך עטלעכע טעג, און מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז קאַרפּאָוויטש איז בשלום אַנטלאָפן פון דער וואַך און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן (לויט אַזעלכע עצה) אין אויסלאַנד. די זאַך איז פאָרגעקומען אַזוי. קאַרפּאָוויטש איז נישט דערקענט געוואָרן אין דער אָכראַנע, ער איז באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ קרימינעלער, און דערנאָך איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן פון צירקל מיט איין פּאָליציאַנט אויף אַ פּשוטער דראָשקע אין פאַר-אַרעסט-הויז. דער פּאָליציאַנט האָט אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז מען האַלט קאַרפּאָוויטשן פאַר אַ קרימינעלן. אויפן וועג צו דער תּפיסה זענען זיי פאַרפאָרן אין האָטעל נאָך קאַרפּאָוויטשעס זאַכן, און דער פּאָליציאַנט איז אַריין אין האָטעל, לאָזנדיק קאַרפּאָוויטשן איינעם אַליין אויף דער דראָשקע. קאַרפּאָוויטש איז שנעל אַנטלאָפן. דיזאָזיקע פאַנטאַסטישע געשיכטע, וועלכע האָט דאַן נישט צוגעצויגן צו זיך קיין ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט (מאַלע וועלכע צופאַלן עס טרעפן זיך), קען איצט באַפרידיקנדיק דערקלערט ווערן, אויב מען זאָל נעמען אין אַכט, אַז דאָ איז נישט אָפּגעגאַנגען אָן אַזעלכע אַריינמיש. אים איז נויטיק געווען קאַרפּאָוויטשעס גאַנצקייט, ווייל זיין נאָמען האָט צוגעגעבן דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע אַ באַשטימטע באַפאַר-בונג און האָט געדעקט אַזעלכע. הונדעם האָט קאַרפּאָוויטשעס אַרעסט געהאַט אַ צו נאָענטע שייכות צום צענטער און ער האָט געקענט געבן אַ שטויס יענע קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע, וועלכע זענען אַלץ געוואָקסן, ווי אַזוי האָט געוווּסט.

אין מאַי האָבן מיר באַקומען אַ ידיעה, אַז מיט דער סומע, וועלכע איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן אין טשאַרדזשוע איז עפּעס נישט אין אָרדנונג, אַז פון דאָרטיקן באַפולמעכטיקטן האָט דער צ. ק. באַקומען אַן אָפּזאָג אַרויסצוגעבן דאָס געלט דעם צ. ק. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך וועל פאָרן קיין טאַשקענט, כּדי אויסצופאָרשן דעם ענין.

קיין רוסלאַנד, דאָס שיף, אויף וועלכן ער איז געפאָרן, איז אויפגעריסן געוואָרן דורך אַ דייטשישער אונטערהאַנטפּער-שיפל.

כ'האָב אין טאַשקענט נישט לאַנג געוויילט. מען האָט געמוזט אָננעמען אַנטשיידענע מיטלען: דערקלערן, אַז דער באַפולמעכטיקטער פון צ. ק. פאַרלירט די פולמאַכטן און אַרויס־לייגן אַ וועטאָ אויף אַלע סומעס.

דער באַפולמעכטיקטער פון צ. ק. האָט זיך אין זיין אָפזאָג פאַררופן, צווישן אַנדערעס, אויף דעם, אַז ער האַנדלט לויטן געטרייעם זין פון דעם דירעקטיוו, וועלכן ער האָט באַקומען פון צ. ק. נעמלעך: אין די אונטערהאַנדלונגען מיט אַזעפן האָט ער, דער באַפולמעכטיקטער, בעת זיין זיין אין פעטערבורג (נאָך פאַר דער עקספראָפּריאַציע) באַקומען פון אַזעפן אַזאַ רעזאָלוציע: פאַרטיילן די סומעס, וועלכע וועלן זיין פון דער עקספראָפּריאַציע, לויט זיין אייגענעם איינזען און געבן דער קאַסע פון צ. ק. אַזויפיל, וויפיל ער (דער באַפולמעכטיקטער פון זעלבן צ. ק.) וועט וועלן.

ווען איך האָב אַזעפן געפרעגט וועגן דער ריכטיקייט פון דערדאָזיקער דערקלערונג, האָט ער קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט. מען דאַרף אָננעמען, אַז דאָס מאָל האָט ער נישט געזאָגט קיין ליגן.

די גאַנצע געשיכטע מיט די טאַשקענטער סומעס איז אַזעפן באַקאַנט געווען מיט אַלע פּרטים. מען דאַרף אָננעמען, אַז אונטעררייסן די געלט־מיטלען פון דער פּאַרטיי (און במילא דעם הונדערטטויזנטיקן קאַמפּס־פאָנד) איז דאַן נישט אַריין אין זיינע אויפגאַבעס.

צום סאַמע סוף פון אונזער ווײַלן אין פעטערבורג האָט מען אויף איינער פון די זיצונגען פון צ. ק. איבערגעגעבן אַ ידיעה פון אויסלאַנד, אַז עס איז דאָ אַן עקסטרענער און זייער וויכטיקער טעראָר־ענין, וואָס פאָדערט די אָנוועזנהייט פון אַ מיטגליד פון צ. ק. דער ענין איז באַשטאַנען אין פאָלגנדן: אויף איינעם פון די שיפן פון דער רוסישער עסקאַדרע, וואָס שווימט אין די אויסלענדישע וואַסערן, זענען אָנגעקניפּט געוואָרן באַציאונגען מיט די מאַטראָזן, דערביי איז אויפגעקומען דער געדאַנק אויסצונוצן די שיף צו אַן אַטענטאַט אויף ניקאָלאַי II, וועלכער האָט געדאַרפט מושטערן די שיף.

באַקומענדיק דידאָזיקע ידיעה האָט אַזעף באַשלאָסן, אַז דער ענין איז אַ וויכטיקער, און אַז ער פערזענלעך מוז פאָרן

קיין אויסלאַנד. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אַוועקגעפאָרן, אַרויספאָדערנדיק אַהין כמעט אַלע מיטגלידער פון זיין אָרגאַניזאַציע צו די נויטיקע באַראַטונגען וועגן פראָיעקטן אויף דער צוקונפט, און אַז. וו.

סוף-כל-סוף, נאָך אַ גאַנצער ריי שמועסן און באַזוכן אויפן שיף דורך אונזערע טעראָריסטן (און צווישן זיי אויך דורך אַזעפן) איז געלונגען צו געפינען אַ מאַטראָז, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען אויסצופירן אַן אַקט קעגן ניקאָלאַי II. דער באַשלוס פון מאַטראָז איז, ווייזט אויס, געווען אַ פעסטער, און ער האָט איבערגעשטעלט ביי אַזעפן זיין לעצטן בריוו און אַ פאָטאָגראַפיע. קיין שום אַטענטאַט איז נישט פאָרגעקומען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דערדאָזיקער מאַטראָז האָט זיך געפונען אין אויסערגעוויינלעך גינסטיקע באַדינגונגען: ער איז אַ פערטל שעה געווען מיט ניקאָלאַי II אין דער מאַשין-אָפטיילונג פון שיף. מען מוז מאַכן דעם אויספיר, אַז דערדאָזיקער אַטענטאַט אויפן קייסער האָט זיך נישט איינגעגעבן נישט צוליב אַזעפס שולד. אין פאַל פון דערפאָלג האָט ער געהאָפט פאַרפעסטיקן זיין וואַקלדיקע לאַגע. צום טיטול: „אָרגאַניזאַטאָר פון די אַטענטאַטן אויף פלעווען און סערגעיען” וואָלט צוגעקומען „דער אַטענטאַט אויף ניקאָלאַי II” — און דאַן וואָלטן אויף אַ לאַנגער צייט געווען נישט שרעקלעך, נאָר לעכערלעך אַלע באַמיאונגען פון זיינע דעמאַסקירער...

ס'איז אינטערעסאַנט צו באַטירן, אַז אין 1909-טן יאָר, ביי זיין אַנטלויפן פון פאַריזש, האָט אַזעף איבערגעלאָזן (און נישט פאַרגעסן, ווייל ער האָט מיטגענומען מיט זיך אַלדאָס אינטערסאַנטע) דעם מאַטראָזס לעצטן בריוו און זיין פאָטאָגראַפיע, וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן אין זיין דירה.

אין דער לעצטער צייט פאַרן אָפפאָרן קיין אויסלאַנד האָט אַזעף (כ'געדענק נישט, צי איז דאָס געווען בעת די זיצונגען אָדער פריוואַט) אויפגעהויבן די פראַגע וועגן דעם, אַז היות די קאַסע פון צ. ק. האָט באַקומען די געלט-סומעס, דאַרף מען אַוועקשטעלן ברייטער די אָרגאַניזאַציע פון קייסער-מאָרד. אין זיין קאָפ האָט געשוויבלט מיט פלענער. אַ חוץ יענע פלענער, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט פריער, האָט ער נישט איינמאָל

אַרויסגערוקט דעם פּלאַן אויסצונוצן די פינלענדישע שכערעס. לויט זיין מיינונג האָט מען געדאַרפט גענוי אויספאָרשן די געגנט, וווּ עס רייזט זומערצייט יאָר איין יאָר אויס ניקאָלײַ II. אים איז פאָרגעקומען פאַר מעגלעך צו באַקומען אַן אונטערוואַסער-שיפל און מיט איר הילף אויספירן דעם אַטענטאַט. כ׳ווייס נישט, וואָס ער האָט געטאָן פאַרן דאָזיקן פּראָיעקט פון אַ אונטערוואַסער-שיפל (מיר דאַכט, אַז ער האָט געפירט געשעפטלעכע שמועסן מיט ספּעציאַליסטן).

אינגיכן איז אין זיין מח אויפגעשווומען אַן אַנדער פּראָיעקט. ס׳האָט זיך געפונען אַן אינזשיניער — אַ דערפינדער, וועלכער האָט פאָרגעלייגט איינצואָרדנען אַ פלי-אַפּאַראַט. דערדאָזיקער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן, און דער אינזשיניער האָט אָנגעהויבן באַקומען געלט-סובסידיעס פון דער פּאַרטיי-קאַסע אויף דורכצופירן עקספּערימענטן מיט זיין דערפינדונג.

אַזוי אַרום האָט אַזעף געגרייט אַ ברייטע סיסטעם פון אָנפאַלן אויפן קייסער סיי פון דער יבשה, סיי פון וואַסער, סיי פון דער לופט. די ברייטקייט פון דער סיסטעם האָט עדות געזאָגט בלויז אויף דעם, אַז אַזעף כאַפּט זיך פאַר אַלץ, נישט האָבנדיק קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס, קיין פעסטן פּלאַן. און דידאָזיקע פיבערהאַפטיקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אין דאָזיקן פּעריאָד, ווייזט אויף דעם, אַז אין אַקט פון קייסער-מאָרד האָט ער געזען די לעצטע קאָרט, אַ מיטל צו ראַטעווען זיך פון יענע חשדים, וועלכע זענען געוואָרן געדיכטער אַרום אים.

פון דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ ביזן משפט איבער בורצעוון.

אין יוני 1908-טן יאָר איז דער צ. ק. געווען אין פּאַריזש. עס זענען געמאַכט געוואָרן צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ, עס זענען פאָרגעקומען צאָלרייכע פאַרזאַמלונגען. ס׳איז געשטאַנען די פּראַגע בנוגע די קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע. אין פּאַריזש זענען דידאָזיקע קלאַנגען געווען די טעמע פון טאָג. עס האָט געאַרבעט אונזער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, עס האָט געאַרבעט בורצעוו, עס האָט געאַרבעט די אַזוי-גערופענע יודעלעוויסקיס קאָנספּיראַטיווע

קאָמיסיע. עס האָבן געאַרבעט אַמאַטאָרישע צונגען; קלאַנגען זענען געווען אַ סך, אָבער זייער כאַראַקטער איז געווען דערזעלבער, וואָס אין פּעטערבורג. קיין נעמען האָט מען נישט אָנגערופן, די מחברים פון די קלאַנגען האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און האָבן נישט געוואָלט פאַרמישט ווערן אין דער „שמוציקער געשיכטע". אונזער קאָמיסיע האָט געהאַט אין די הענט געוויסע דאָקומענטן, וועלכע מיר האָבן באַקומען דורך בורצעוון פון אָכראַנע מיט די נעמען פון די פּראָוואָקאַטאָרן. וועגן אַזעפן זענען נישט געווען קיין דאָקומענטן, נישט קיין באַשטימטע באַשולדיקונגען. די לאַגע איז אין תוך גענומען געווען דיזעלבע, ווי אין פּיטער מצד די אַדוואָקאַטן. אויסהערנדיק די פאַקטן און די אויספירן פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, האָט דער צ. ק. נישט געפונען פאַר מעגלעך צו פאַרפירן אַ וועלכן-נישט-איז גערירכט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען פאַקטן וועגן אַזעפן און אָנהייבן אַן אויספאָרשונג וועגן די פּערזאָנען, קעגן וועלכע עס זענען געווען באַשטימטע אָנווייזונגען וועגן זייער אומזיכערקייט.

אויף דער לאָנדאָנער קאָנפערענץ איז בייגעווען די באַקאַנטע ושוטשענקאָ. זי איז צוגעלאָזן געוואָרן אָנטיילצונעמען אין דער קאָנפערענץ אַלס מענטש, וואָס קען די לאַגע פונם צענטראַלגעביט, פון וועלכן עס זענען נישט געווען קיין דעלעגאַטן.

אויף די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ האָט אַזעף ווינציק אָנטיילגענומען. בלויז איין פאַקט האָט מען געקענט נאָטירן פאַר דידאָזיקע טעג. דאָס ביוראָ צו רעווידירן די מאַנדאַטן, פון וועלכן איך בין געווען אַ מיטגליד, האָט באַשלאָסן דערוויסן זיך ביי אַלע חברים זייערע אמתע פאַמיליעס, דערביי זענען דידאָזיקע ידיעות געבליבן ביי די מיטגלידער פון ביוראָ.

אַזעף האָט איינגעלאַדן אויף דער קאָנפערענץ צוויי טעראָריסטן. איינער פון זיי האָט נישט געזאָגט זיין אמתע פאַמיליע; איך האָב זיך געווענדט צו אַזעפן מיט דער בקשה מודיע זיין דידאָזיקע פאַמיליע. אַזעף האָט זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צו מיין בקשה און נישט געוואָלט זי דערפילן. איך בין צוגעשטאַנען און, סוף-כל-סוף, דערקלערט, אַז דער חבר וועט אין קעגנפאַל נישט אַריינגעלאָזן ווערן אין זאַל, וועגן וואָס איך וועל געבן אַ אינסטרוקציע דעם ענגלענדער, וואָס שטייט ביי דער טיר. דאַן האָט

אַזעף אָנגערופן די פאַמיליע. דערנאָך, אויף איינער פון די זיצונגען פון צ. ק. נאָך דער קאָנפערענץ, האָט מיר אַזעף מיט אַ שמייכל איינגערוימט אין אויער, אַז ער האָט מיך פונדעסטוועגן אָפּגעפרייערט און ער האָט מיר דאַן געזאָגט נישט קיין ריכטיקע פאַמיליע; איך האָב אויסגעדריקט מיין פּראָטעסט, און דער אינצידענט איז מיט דעם אויסגעשעפּט געוואָרן.

נאָכן פאַרענדיקן די קאָנפערענץ און דעם פּאַרטיי-ראַט האָט דער צ. ק. געהאַט אַ ריי זיצונגען, אויף וועלכע עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער פּלאַן פון די פּאָרשטייענדיקע אַרבעטן און די אינערלעכע אַרבעטס-פאַרטיילונג. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן איבערצולאָזן אין אויסלאַנד די דעלעגאַציע פון צ. ק., אַ טייל פון די ליטעראַרישע כחות, און אַלדאָס איבעריקע קאָנצענטרירן אין רוסלאַנד. פאַר דעם האָט מען קאָאָפּטירט צום צ. ק. אַ נייעם מיטגליד. אַזעף האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין אַלע פראַגן. זיין שטאַנדפּונקט וועגן דער אינערלעכער אַרבעטס-פאַרטיילונג איז געווען דער, אַז אין רוסלאַנד דאַרף זיך געפינען אַ פּראַקטישער קאָלעקטיוו פון צ. ק. (פון איינצלנע מיטגלידער פון צ. ק. און פון דער אָרג. ביוראָ), וואָס שייך דער ליטעראַטור און דער אידייאישער אָנפירונג מיט דער פּאַרטיי, דאַרף אַלץ קאָנצענטרירט ווערן אין אויסלאַנד, און צוליבן דאָזיקן צוועק דאַרף געשאַפן ווערן אַן אידייאישער צענטער.

אין אַלגעמיין האָט אַזעף ביז די סאַמע לעצטע זיצונגען געהאַט אַ געוויינלעך-מונטערן אויסזען און ער האָט זיך אויפגעפירט, ווי תמיד, זעלבסט-זיכער, אויטאָריטאַטיוו. אונזער באַציאונג צו אים איז געווען ווי פריער.

ס'דערמאָנט זיך מיר איינע פון די זיצונגען, אויף וועלכער אַזעף איז געווען און וועלכע איז געווידמעט געווען דער פראַגע וועגן פּראָוואָקאַציע — אַ פראַגע, וואָס האָט געהאַט פאַר אים אַן אינטערעס. דער חבר אָ. האָט געבעטן דעם צ. ק. ער זאָל אים אויסהערן וועגן פאָלגנדיקן ענין. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין די פּאַרטיי-קרייזן ווערט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. ער האָט געבעטן דעם צ. ק. ער זאָל אָננעמען מיטלען צו שיצן זיין כבוד. דערדאָזיקער חבר אָ). כ'האָב אויבן גערעדט וועגן אים) האָט אויף אַסך מענטשן געמאַכט אַן אומאָנגענעמען

איינדרוק. די קלאַנגען וועגן אים האָבן זיך שוין געטראָגן פון לאַנג, און אויף דער קאָנפערענץ, ווו. אָ. האָט געזאָגט פאַר אים זייער נישט קיין געלונגענע פראַזע וועגן די „חברים־פראָוואָקאַטאָרן” — האָבן זיך דידאָזיקע קלאַנגען געשטאַרקט. דער צ. ק. האָט דערקלערט, אַז מען קען באַרירן דעם ענין נאָר אין דעם פאַל ווען אָ. וועט צושטעלן מער אָדער ווייניקער באַשטימטע אָנווייזונגען, פאַקטן און פערזאָנען אָדער דער צ. ק. וועט זיך אַליין אָנשטויסן אויף אַזעלכע. אָבער אויף דער אומגעלונגענער פראַגע, וואָס איז געוועזן געווענדעט גלייך אין פנים אריין פון די אָנוועזנדיקע, צי זיי גלויבן אים, — האָט דער צ. ק. געענטפערט מיט אַ שווייגן, וואָס איז פאַר אָ. געווען זייער קלאָר. אַזוף האָט אויך געשוויגן. ער האָט זיך אויך אָפגערופן אומגינסטיק וועגן אָ., ער איז אים פאָרגעקומען חשוד...

שוין צום סוף פון אונזערע זיצונגען אין לאָנדאָן איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע, ווי אַזוי זאָל מען באַהאַנדלען יענע באַשולדיקונגען און קלאַנגען וועגן פראָוואָקאַציע, וועלכע מיר האָבן געהאַט קעגן די מיטגלידער פון צ. ק. ד. ה., די חברים או. און אַזוף. דער חבר או. האָט זיך געפונען אין פאַרשיקונג און איז נישט געווען אָנוועזנדיק אין לאָנדאָן. די פאַקטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דאָקומענט, וועלכן מיר האָבן באַקומען פון בורצעוון, דער פאָליציי־אישער מקור פון דאָקומענט גופא און אַז. וו. דאָס אַלץ האָט נישט געוועקט קיין צוטרוי: חוצדעם האָבן דעם חבר או. פערזענלעך גוט געקענט אַ סך חברים, נישט נאָר פון צ. ק.-באַשטאַנד. שווייגנדיק איז באַשלאָסן געוואָרן צו איגנאָרירן דידאָזיקע קלאַנגען וועגן או. בנוגע אַזעפן האָט מען אַנדערש געהאַנדלט. מען האָט אָנגעוויזן פון איין זייט, אַז באַציען זיך ווייטער פאַסיוו צו די קלאַנגען, וועלכע דעמאָראַליזירן די פאַרטייאישע רייען און באַזונדערס די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, טאָר מען נישט, פון דער צווייטער זייט האָט מען קאָנסטאַטירט, אַז די קלאַנגען האָבן זיך נישט נאָר געשטאַרקט, נאָר עס האָט זיך שוין אויך אַנטדעקט זייער מקור — נעמלעך: בורצעוו. מען מוז אים צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דורכדעם מיטאַמאָל איבעררייסן דעם פאָדים פון די קלאַנגען. דערביי קען בורצעוו צוגעצויגן ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און מען קען אים לייכט

דעמאַסקירן, אַלס פאַרשפּרייטער, ווייל מיר האָבן אויף דעם נישט נאָר עדות, נאָר אויך שריפטלעכע באַווייזן. אַזוי אַרום איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוציען בורצעוון צו אַ בוררים-געריכט.

ס'איז נויטיק געווען די מיינונג פון אַזעפן גופא. מען האָט באַשלאָסן באַקענען אים מיט אַלע קלאַנגען און באַשולדיקונגען. אַ חוץ די פּערזענלעכע פאַרהערן, האָט אַזעף באַקומען אויפן האַנט דעם העפט פון דער אויספאָרשונגס-קאָמיסיע, ווו עס זענען גרופּירט געווען אַלע ידיעות, וועלכע די אויספאָרשונגס-קאָמיסיע האָט געהאַט אין איר רשות. דעמדאָזיקן העפט האָט ער אויסגעשטודירט אינדערהיים (מסתמא אָפּקאָפּירט). ער איז מסכים געווען אין פּרינציפּ, אַז ס'איז נויטיק אַ געריכט, ער האָט צוגעשטימט סיי צום באַשטאַנד פון די ריכטער סיי צו די באַשולדיקער מצד דעם צ. ק. (די אונטערהאַנדלונגען מיט אים אויף דערדאָזיקער טעמע זענען געפירט געוואָרן פּריוואַט, און כ'ווייס נישט, ווי אַזוי אַזעף האָט זיך געהאַלטן), דער אויסזען זיינער איז אין דער לעצטער צייט געווען אַ ביסל אַ זשענירטער, אָבער נישט מער.

דער ציקל פון אונזערע זיצונגען איז פאַרענדיקט געווען, און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַנאַנדערפאָרן, בעת אַזעף האָט פלוצלונג געפאָדערט אַ ספּעציעלע זיצונג פון די מיטגלידער פון צ. ק. (אָן די מיטגלידער פון דער אָרג. ביוראָ).

מיר האָבן זיך צונויפגעזאַמלט. אַזעף האָט זיך געווענדט צום צ. ק. מיט די ספקות, וועלכע מאַטערן אים. ער ווייס נישט, צי טוט ער ריכטיק, איבערנעמענדיק די אָנפירונג מיט דער קאַמפס-אַרבעט און פאַרבלייבנדיק אין צ. ק. אין דער צייט ווען עס גייען וועגן אים קלאַנגען, עס ווערט באַשטימט אַ משפט, און אַז. וו. ער איז נוטה צו דער מיינונג, אַז בעסער וואָלט געווען אָפּצוגיין פון דער אַרבעט. דאַן וועט די קאַמפס-אַרבעט נישט האָבן קיין טאָרמאָזן, עס וועלן זיך פאַרמינערן די סיבות פאַר די קלאַנגען. ס'איז זיך דאָך לייכט פאָרצושטעלן, ווי אין פאַל פון אַ וועלכן-נישט-איז אומדערוואַרטן דורכפאַל אין דער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, וועלן ווידער אויסברעכן באַשולדיקונגען אין פּראָוואָקאַציע, אויב ער וועט פאַרנעמען דאָס פריערדיקע אָרט. ער זעט אָבער פון דער צווייטער זייט, אַ סך שוועריקייטן

וועלכע אַנטשטייען מיט זיין אַוועקגיין; ער ווייס, אַז אַלע מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פאָדערן קאַטעגאָריש מען זאָל איגנאָרירן די קלאַנגען און אַז. וו. ווי עס זאָל נישט זיין שווער, איז ער געקומען צום אויספיר נישט אָננעמען קיין באַשלוס אויף אייגענער אחריות, נאָר ער פאָדערט די סאַנקציע פון צ. ק.

גערעדט האָט ער דאָס אַלץ מיט אַ שטילן, גלייכמעסיקן קול פון אַ ליידנדיקן מענטשן, וואָס באַמיט זיך אָבער איינ-צוהאַלטן, מיט וויבּרירנדיקע טענער, וועלכע זענען פאָרגעקומען אַזוי נאַטירלעך אין אַזאַ רעדע, אויף אַזאַ טעמע. בכלל, אַזעף דער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך צונויפגעלעבּט מיט דער סצענע אין משך פון זיין לאַנגיאָריקער פּראַקטיק, קען מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט פאַרצייכענען דידאָזיקע דערקלערונג פאַרן צ. ק. אַלס איינע פון זיינע געלונגענע סצענעס.

די אָנוועזנדיקע האָבן גענומען דערווייזן, אַז ס'איז נישט מעגלעך אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע פליכטן, אַלס מיטגליד פון צ. ק. און אַלס אָנפירער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. דאָס וואָלט דאָך ערשטנס, געהייסן לאָזן די אַרבעט אויף גאָטס באַראָט, ווייל עס זענען דאָך נישטאָ קיין אַנדערע אָנפירער. צווייטנס, פּרינציפּיעל איז נישט דערלאָזבּאַר נישט פאַר אים, אַזעפן, און נישט פאַר דער פּאַרטיי אַלס גאַנצעס שטעלן זיך אויפן באָדן פון פּאַסיווער זעלבּסטבּאַשיצונג. די קלאַנגען קענען דערפון מער נישט ווי שטאַרקער ווערן, די פאַרשפּרייטער וועלן זען אין פאַקט פון אַזעפס באַזייטיקונג אַ באַשטעטיקונג פאַר זייער גערעכטקייט. לסוף, די קלאַנגען זענען נאַריש, אומזיניק, און די פּאַרטיי דאַרף זיך נישט פאַרטיידיקן, נאָר באַשולדיקן, פאַרפאָלגן די רכילותניקעס און אַזוי ווייטער און אַז. וו..

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבּן די אָפּשטימונג. יעדער פון די אָנוועזנדיקע האָט קורץ פאָרמולירט זיין מיינונג. כ'געדענק אַז איך פערזענלעך האָב געזאָגט: אויב איר, איוואַן ניקאָלאַיעוויטש, פאַרמאָגט גענוג אינערלעכע קראַפט כדי צו איגנאָרירן פאַר-שיידענע רכילותן פון פאַרשיידענע הערן (דאָ איז געקומען עפּעס אַ שאַרף וואָרט), טאָ שפּייט אויף דעם אַלעם, בלייבּט *).

1) כ'מוז צוגעבּן, אַז פאַר דעם האָב איך זיך אינערלעך געוואַקלט, ווייל

סוף-כל-סוף איז איינשטימיק סאַנקציאָנירט געוואָרן — „נישט אָפּטרעטן" — מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט אונזערע לאַנדאָנער באַראַטונגען, און מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעפאָרן.

אַזעפּן האָב איך דערנאָך געזען אַ קורצע ווײַלע אין פּאַריז אין קרײַז פון זײַן פאַמיליע און באַקאַנטע. דערנאָך האָב איך אים נאָכאַמאָל אָנגעטראָפן אויף דער גאַס בײַ זײַער מאָדנע באַדינגונגען. אַ קליינע גרופּע זענען מיר געגאַנגען אינאָוונט איבער די גרויסע בולווארן. אונז אַנטקעגן איז געקומען אַזעף מיט אַ הויכער, פולער דאַמע. דאָס פּאָרל האָט פרײַלעך געפּלוידערט, און אַזעף, אָנגעטאָן אין אַ גרויען קאָסטיום, האָט געהאַט אַן אויסזען פון אַ בולוואַר-קאַוואַלער. אויף מיר האָט די באַגעגעניש נישט געמאַכט קיין באַזונדערן רושם, ווײַל אין דער פולער דאַמע האָב איך דערקענט איינע פון די פרויען, וואָס זענען באַקאַנט געווען אין די רעוואָלוציאָנערע קרײַזן.

אָבער מײַנע באַגלייטער זענען איבעראַשט געווען דורך אַזעפּס אומגעווײנלעכן אויסזען און זיי האָבן לאַנג באַגלייט מיט די אויגן דאָס פּאָרל. אַזעף האָט אונז נישט געזען, אָדער ער האָט זיך אפשר געמאַכט נישט זעענדיק.

אָפּלעבנדיק אין פּאַריזש אַ געוויסע צײַט בין איך אַוועק-געפאָרן אויף אָפּרו קיין איטאַליע און כ'האָב זיך אומגעקערט אין פּאַריזש סוף סעפּטעמבער.

דער משפט איבער בורצעוון, די באַדינגונגען אַרום אים, די אויפפירונג פון די צדדים און אַז. וו. זענען מיר באַקאַנט לויט די דערציילונגען, ווײַל איך האָב אין אים נישט גענומען קיין אָנטייל און איך בין נאָר איינמאָל אַרויסגערופן געוואָרן אַלס עדות אין דער פראַגע וועגן אַזעפּס ראָל אין ענין פון דער טאָמסקער טיפּאָגראַפיע *) איך האָב דערציילט פאַר די ריכטער

מיר האָט זיך געדוכט, אַז ווען איך פאַל אַרײַן אין אַזאַ לאַגע, ווי אַזעף, וואָלט איך אָפּגעגאַנגען פון דער אַרבעט.

*) בורצעוו האָט זיך דאַן טועה געווען אין דער צײַטונג „Journal" זאָגנדיק, אַז צוזאַמען מיט די איבעריקע האָב איך „פאַרביטערט אים באַקעמפט דורכן משפט און אַז. וו." איך בין בלויז געווען אַ צופעליקער עדות, אָבער אויך מײַן דאָזיקער עדות-זאָגן איז געווען אויף אַזוי ווײַט אָביעקטיוו, אַז די חברים פון צ. ק. האָבן מיר דערנאָך געזאָגט, אַז פון מיר האָט מען דערוואַרט אַ הייסערע פאַרטיידיקונג פון אַזעפּס אינטערעסן.

דעם ענין וועגן דער טיפּאָגראַפיע און כ'האָב אַרויסגעזאָגט די מיינונג וועגן אַזעפס אומשולד אין דאָזיקע ענין און וועגן זיין רעוואָלוציאָנערער ערלעכקייט בכלל.

די חברים פון צ. ק., וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן אויפן משפּט, האָבן מיך נישט באַקענט מיט אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען אויף אים; דאָס איז געטאָן געוואָרן אין הסכּם מיטן באַשלוס פון געריכט און פון די צדדים. געוויס, ווען איך זאָל באַזיצן אַ גענוגנדיקע דאָזע נייגעריקייט און כ'וואָלט זיך באַמיט, וואָלט איך געקענט דערוויסן זיך אַלדאָס אינטערעסאַנטע. איך האָב אָבער דערצו נישט געשטרעבט, כ'האָב זיך ווינציק אינטערעסירט און כ'האָב זיך באַנוגנט מיט דער זיכערקייט, אַז די חברים וועט איינגיכן געלינגען אַ סוף מאַכן מיט דעראָזיקער גאַנצער עקלהאַפטער געשיכטע און באַצאָלן בורצעוון לויט זיינע פאַרדינסטן, און אין זיין פּערזאָן אויך אַלע אַנדערע רכילותניקעס.

אַזעפן האָב איך נישט געטראָפן אין פּאַריזש. ער האָט געוווינט לעבן ביאַריץ; ער האָט זיך געפילט נישט גוט און דעריבער, אָפּלאָזנדיק די פאַמיליע קיין פּאַריזש, איז ער נאָך פאַרבליבן פאַרענדיקן די קוראַציע. מיטן גאַנג פון פּראָצעס איבער בורצעוון האָט ער זיך זייער אינטערעסירט און ער האָט די גאַנצע צייט געפּייניקט מיט בריוו זיין פרוי. אין די בריוו (לויט די דערציילונגען פון זיין פרוי) איז געווען אַ סך טריבקייט, אויפגעבראַכטקייט און נאָך מער גייסטיקע מידקייט. ער האָט אַלץ מער און עקשנותדיקער אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט צו שפּייען אויף אַלץ, אַלץ אַוועקוואַרפן און ערגיץ-וווהין אַנטלויפן. מיר איז שווער געווען צו זיין ביי אַזעפס משפּחה, טרעפן די דערשטוינטע אויגן פון זיין פרוי, וואָס האָט זיך באַאומרואיקט צוליבן געריכט, וואָס איז אויפגעבראַכט געווען מיט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען. איך האָב אָפּגעשטעלט מיינע באַזוכן. דעם לעצטן מאָל בין איך געווען אין אַזעפס דירה פאַרן אָפּפאָרן קיין פּעטערבורג, לויטן אויפטאַג פון געריכט. סוף סעפּטעמבער האָבן מיר די פאָרשטייער פון צ. ק. אויפן משפּט מודיע געווען, אַז בורצעוו האָט אַרויסגערוקט אַ נייעם פאַקט, נעמלעך, לאָפּוכינס דערקלערונג, וועלכע ער האָט אים, בורצעוון, פּערזענלעך געמאַכט וועגן דעם, אַז אַזעף האָט געהאַט באַציאונגען מיט דער פּאָליציי. צוזאַמען דערמיט

האָט דאָס געריכט, לויט זייער פאָרשלאַג, מסכּים געווען אויסצו־פאָרשן דעמדאָזיקן נייעם פאַקט. און צוליבן דאָזיקן ציל האָט ער דערלויבט דערציילן מיר וועגן דעם, כּדי איך זאָל אַריבערפאָרן קיין רוסלאַנד אויסצופאָרשן דעמדאָזיקן נייעם פאַקט. מיין אויס־פאָרשונג, ווי מיר האָבן דאָס צוזאַמען פאָרמולירט, האָט געדאַרפט באַשטיין אין אויספאָרשן לאָפּוכינס פערזענלעכקייט. אָננעמענדיק, אַז בורצעוו זאָגט אמת, ברענגענדיק לאָפּוכינס ווערטער, איז נויטיק געווען קלאָר צו מאַכן, וואָסער ראָל האָט לאָפּוכין גופא געשפּילט אין דאָזיקן פאַל. ס׳איז געווען אַ השערה, אַז דער געוועזענער פּאָליציי־דאַט לאָפּוכין, וועלכן מען האָט פאַרטריבן פון דער ביוראָקראַטישער סביבה, וויל דערגרייכן זיין צוריקקער אַהין דורך אַ פּראָוואָקאַציע. מען האָט געדאַרפט צונויפזאַמלען ידיעות וועגן זיין פּערזאָן, באַלויכטן מיט אַ געהעריקן ליכט די־דאָזיקע פיגור — די פיגור פון אַן עדות, און, אַזוי אַרום, אָפּשלאָגן דעם געשיקטן גאַנג פון דער רעגירונג, וואָס באַהאַלט זיך אויס הינטער לאָפּוכינס פּלייצע. איך האָב אָנגענומען דידאָזיקע מיסיע פון אַן אויספאָרשונגס־ריכטער און אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד. כ׳האָב קיינעם, אַ חוץ מיין פרוי, נישט דערציילט וועגן דאָזיקן נייעם פאַקט אויפן משפּט. אַביסל האָט מיך באַאומרואיקט לאָפּוכינס פיגור; ס׳האָט זיך עפּעס ווינציק־וואָס געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ פּראָוואָקאַציע מצד דעמדאָזיקןווירקלעכן געהיימראַט, דעם דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און אַז. וו. און אַז. וו.

אָבער דידאָזיקע וואַקלעניש האָט אָפּגעטראָטן דעם אָרט דער אַלגעמיינער זיכערקייט, אַז אַזעף איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר, און אַז די געשיכטע מיט לאָפּוכינען איז אַ פּראָדוקט פון רכילות, פון בורצעווס קרענקלעכער פאַנטאַזיע און אַז. וו.

ערב מיין אָפּפאָר האָב איך באַזוכט אַזעפס פרוי. איך האָב געשוויגן וועגן מיין מיסיע, אָבער וועגן דעם, אַז איך קלייב זיך פאָרן קיין רוסלאַנד אויף אַרבעט, האָט זי געוווּסט פון לאַנג. זי האָט מיך באַגעגנט מיט דער ידיעה, אַז דער משפּט איז צייט־ווייליק אָפּגעלייגט, אַז בורצעוו האָט זיך פאַררופן אויף עפּעס אַ וויכטיקן שררה און אַז עס איז באַשטימט געוואָרן קאָנטראָלירן דעמדאָזיקן שררה. און דידאָזיקע קאָנטראָל, האָט זי געמאַכט אַן

אויספיר, וועט איר, מסתמא, מאַכן. איך האָב זיך באמת איבער־צייגן זי, אַז זי האָט אַ טעות, אָבער כ׳מיין, אַז כ׳האָב קוים דער־גרייכט דעם ציל, ווייל די לאַגע איז געווען קלאָר, און איר אויספיר איז געווען נאַטירלעך ריכטיק. זי האָט געשריבן וועגן גאַנג פון פראָצעס צום מאַן, און אַזוי אַרום האָט אַזעף געוווּסט, אַז אין פיטער פאָר איך צוליבן ענין פון „שררה״. צי האָט ער געוווּסט, ווער עס איז דערדאָזיקער שררה — קען איך נישט זאָגן, ווייל מיר איז נישט באַקאַנט, מיט וואָסערע עפּיטעטן עס איז באַגלייט געוואָרן דאָסדאָזיקע וואָרט „שררה״ (עס האָבן אים מודיע געווען נישט נאָר זיין פרוי, נאָר אויך אַנדערע). אַזעפן איז יעדנפאַלס נישט שווער געווען אָנצושטויסן זיך, וועגן וועלכן שררה עס איז די רייד. נאָך איין פרט, וואָס כאַראַקטעריזירט די שטימונג ביי מיר — ביים אויספאָרשונגס־ריכטער: ביים געזעגענען זיך מיט אַזעפס פרוי און קינדער האָט זיך מיר פלוצלונג פאַר־וואָלט זאָגן אַ טרייסט־און מונטערונגס־וואָרט דעם „אָרימען איוואַן ניקאָלאַיעוויטש״, וועלכער לעבט דאָרט איבער איינער אַליין דידאָזיקע עקלהאַפטע קלאַנגען וועגן זיך, דידאָזיקע גאַנצע שמוציקע פּראָצעדור פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און אַז. וו. און אַז. וו. איך האָב אָנגעשריבן און באַזאָרגט צו אים אַ קאַרטל, ווו, געזעגענענדיק זיך פאַרן אָפּפאָרן, האָב איך אין עטלעכע ווערטער אים געבעטן נישט באַאומרואיקן זיך, נישט דענערווירן זיך און זיין מונטער.

די זעאונג מיט לאָפּוכינען. — מיין אומקער קיין אויסלאַנד.

איך בין געפאָרן קיין רוסלאַנד מיט גרויסע פאַרזיכטס־מיטלען און כ׳בין דערפאָרן ביז מאָסקווע בשלום, איבערצייגנדיק זיך, אַז מען שפירט מיך לחלוטין נישט נאָך. אין מאָסקווע, ווו איך האָב פאַרבראַכט צוויי טעג, האָט מיך דערוואַרט אַ פּאַסטקע, וועלכע איז וואָרשיינלעך געשטעלט געוואָרן פאַר זשוטשענקאָן, אָבער איך האָב זי גליקלעך, הגם מיט מי, אויסגעמיטן. כ׳בין געווען ביי איינעם אַן אַלטן חבר, ווו איך האָב זיך צונויפ־געטראָפן מיט זשוטשענקאָן (מיט וועלכער איך האָב אויך פריער געהאַט צוטאָן), באַקומען פון איר אַ פּאַספּאָרט, און אַרויסגייענדיק

האָב איך באַמערקט אַ דראָשקע, וואָס האָט מיך באַגלייט. כ׳האָב זיך אָפּגעטשעפּעט פון איר, אַרויסשפּרינגענדיק אינמיטן גאַנג פון טראַמוויי. אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיטן דאָזיקן פורמאַן נאָך אַ זעאונג מיט אַ צווייטן חבר, וועלכן מען האָט, וואָרשיינלעך, אויך נאָכגעשפּירט. דאָס מאָל איז געווען שווערער אויסצומיידן די נאָכשפּירער. אויף דער דראָשקע איז געזעסן נאָך אַ שפּיק, און זיי האָבן געשיקט געכומען מיך נאָכ־שפּירן. געראַטעוועט האָט מיך דאָס קענען עטלעכע מאָסקווער דורכגאַנג־הויפן. נאָך אַ העכער שעהדיקן געיעג איבער דער שטאָט בין איך פאַרשוווּנדן געוואָרן דורך אַ דורכגאַנגס־הויף אַרום סטראַסטני קלויסטער און, מורא האָבנדיק, אַז מיין וווין־אָרט איז אַנטדעקט, האָב איך באַשלאָסן נאָך דיזעלבע נאַכט אָפּפאָרן פון מאָסקווע, איבערלאָזנדיק אַלע מיינע זאַכן אין האָטעל אויף טווערסקאַיאַ גאַס (שפּעטער איז מיר געלונגען אָפּצונעמען דידאָזיקע אַלע זאַכן און דעם פּאַס, און איך האָב דערפון געדרונגען, אַז מיין וווין־אָרט איז נישט אַנטדעקט געוואָרן).

דער ערשטער, צו וועמען איך האָב זיך געווענדעט אויף מיינע זוכענישן נאָך ידיעות וועגן לאָפּוכינען, איז געווען ק., אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי. צו אים האָב איך געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע, און טיילווייז האָט ער מיך גע־קענט פּערזענלעך. ס׳איז מיר פאַרגעשטאַנען זייער אַ שווערע אויפגאַבע — פאַנאַנדערפרעגן זיך וועגן לאָפּוכינען, נישט זאָגנדיק, פונדעסטוועגן קיין איין וואָרט וועגן גוף הענין (וועגן אַזעפן, בורצעוון און אַז. וו.). איך האָב געשטעלט די פראַגע אַזוי. דורך לאָפּוכינען קומען אָן צו אונז אין דער פּאַרטיי פאַרשיידענע סענסאַציאָנעלע ידיעות, און מיר מוזן וויסן, מיט וועמען מיר האָבן צו טאָן: מיט אַן ערלעכן מענטש אָדער מיט אַ רעגירונגס־אַגענט. ק. האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפן פּערזענלעך מיט לאָפּוכינען, אָבער ער קען אים, לויט די אָפּרופן פון זיינע חברים, לויט דער פּאַרטיי. ווען אין פּעריאָד פון דער צווייטער דומע האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען וועגן בילדן אַ קאַדעטישן מיניסטעריום, האָט לאָפּוכין אויסגעדריקט אַ ווונש אַריינצוטרעטן אין די רייען פון דער פּאַרטיי. ער האָט דידאָזיקע דערקלערונג אָפּגעגעבן נישט פּערזענלעך, נאָר דורך זיין קרוב פירשט אורוסאָוו. דער צ. ק.

האָט אָפּגעוואָרפן לאָפּוכינס פאָרשלאַג צוליב זיין פאַרגאַנגענהייט אַלס העלפער פון פלעווען. חוצדעם האָט לאָפּוכין באַגלייט זיין אַריינטריט אין דער פּאַרטיי מיט אייניקע באַוואָרענישן, פון וועלכע ס'איז געווען צו דרינגען, אַז ער וויל אַריינטרעטן נישט אַלס געוויינלעכער מיטגליד, נאָר אַלס קאַנדידאַט אין צ. ק. ק. האָט געהאַלטן, אַז לאָפּוכינען האָט געצויגן אין דער פּאַרטיי די פּערספּעקטיוו אַרויסצורוקן זיך פאָראויס, און אפשר אויך פאַרנעמען אַן אָרט אין קאַדעטישן מיניסטעריום. לויט די אָפּרופן פון מענטשן, וואָס האָבן געזען לאָפּוכינען און לויט פאַרשיידענע אַנדערע פאַקטן האַלט ק., אַז מען קען קוים צולאָזן דעם געדאַנק, אַז לאָפּוכין זאָל פאַרפאָלגן שמוציקע ציילן געבנדיק וועלכע-נישט-איז ידיעות, סענסאַציעס און אַז. וו. אין זיין עלעמענטאַרער ריינקייט קען מען נישט ספקן און, חוצדעם, קען מען אויך נישט ספקן אין זיין אויפריכטיקן פאַרלאַנג אַנטגילטיק איבערצורייסן מיט דער ביוראָקראַטישער וועלט. אַזוי אַרום איז דער אָפּרוף וועגן לאָפּוכינען, ווי וועגן אַ מענטש, אין אַלגעמיין געווען גינסטיק און אין דערזעלבער אָנשויאונג זענען געווען, לויט ק—ס ווערטער, די איבעריקע חשובע מיטגלידער פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי. צו זיי (צו מיליוקאָוו, מאַקלאַקאָוון) האָב איך געהאַט בדעה צו גיין, אָבער איבערצייגט דורך ק—ס מאָטיוון נישט צו פאַרלירן קיין צייט, ווייל זיי ווייסן פּונקט אַזוי פיל, וויפל ער, בין איך נישט געגאַנגען.

נאָך ק. האָב איך זיך געווענדט צו מיין אַמאָליקן באַקאַנטן אַדוואָקאַט ל. אים, ווי ק.—ן, האָב איך נישט איבערגעגעבן דעם תוך פון דער זאַך, כ'האָב נאָר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז לאָפּוכין אינטערעסירט אונז דער עיקר צוליב דעם, וואָס אין זיין נאָמען גייען אַרום ידיעות וועגן אַ גרויסער פּראָוואָקאַציע אין דער פּאַרטיי. ל. האָט געגעבן לאָפּוכינס כאַראַקטעריסטיק, אַן ענלעכע אין אַלגעמיין מיט ק.—ס כאַראַקטעריסטיק. ער האָט מיר נאָך מודיע געווען, אַז לאָפּוכין האָט געוואָלט אַריינטרעטן אין שטאַנד פון די מאָסקווער אַדוואָקאַטן, מען האָט אים אָבער אַהין נישט אַריינגענומען צוליב דיזעלבע מאָטיוון, צוליב וועלכע מען האָט אים נישט אָנגענומען אין דער קאַדעטישער פּאַרטיי, ד. ה., צוליב זיין פאַרגאַנגענהייט. איך האָב געבעטן ל.—ן צו זאַמלען וואָס

גענויערע אינפאָרמאַציעס וועגן לאָפּוכינען דורך זיינע באַקאַנטע און, באַזונדערס, דורך לאָפּוכינס (און מיינעם) פּערזענלעכן באַקאַנטן, אַ געוויסן ב.

דאָס קלייבן ידיעות וועגן לאָפּוכינען האָט זיך גערוקט פאָראויס מיט טשערעפּאַכע־טריט. די רעזולטאַטן זענען געווען אַזוי ווינציק באַפרידיקנדיק, אַז איך האָב גענומען צווייפלען אין דער צוועקמעסיקייט פון מיין מיסיע.

אַוועקשיקנדיק קיין אויסלאַנד די אָפּרופן, וועלכע איך האָב באַקומען וועגן לאָפּוכינען, האָב איך באַשלאָסן צו פאָרן קיין מאָסקווע, כדי אויסצופרעגן דאָרט פּערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט לאָפּוכינען, באַזונדערס דעם אַדוואָקאַט מ., צו וועלכן לאָפּוכין האָט זיך געווענדט נאָך אַ רעקאָמענדאַציע, כדי אַריינצוטרעטן אין אַדוואָקאַטן־שטאַנד, און צום אַדוואָקאַט ג., מיט וועלכן לאָפּוכין איז, לויט ל.—ס ווערטער, געווען אין פריינטלעכע באַציאונגען. כ'האָב נאָך אויך געהאָפט צוצוקומען צו לאָפּוכינס קרוב, דעם פירשט אורוסאָוו. ס'איז מיר דורכגעלאָפן אַ געדאַנק קומען צו לאָפּוכינען גופא, דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, צוליב דער באַדינגונג, וועלכע דער געריכט האָט מיר געשטעלט: אויספאָרשן לאָפּוכינס פּערזענלעכקייט, און נישט די ריכטיקייט פון די פאַקטן גופא, וועלכע ער האָט דערציילט בורצעוון.

פאַר דערדאָזיקער צייט זענען אַ סך ערגער געוואָרן די פּאָליציייאישע באַדינגונגען פון מיין לעבן אין פּעטערבורג. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איבער נאַכטלעגערס, נישט מעלדנדיק זיך, האָב איך זיך איינגעאָרדנט אין אַ באַקוועמער דירה אויף קאָמענאָאָסטראָווער פּראָספּעקט, איינמעלדנדיק זיך אויף אַ זיכערן פּאַס. אויפגעפירט האָב איך זיך זייער פּאָרזיכטיק, כ'האָב נישט באַמערקט מען זאָל מיך נאָכשפּירן.

אָבער איינמאָל, שפּעט אינאָוונט (דאָס איז געווען אין באַדייטפולן טאָג פון 11 נאָוועמבער אַלטן סטיל, — אין טאָג פון אַזעפס זעאונג מיט לאָפּוכינען), אַרויסקומענדיק פון מיין קאָנספּי־ראַטיווער שטאַב־דירה, האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף בולטע סימנים פון נאָכשפּירונג. בלאָנדזשענדיק איבער די גאַסן, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די נאָכשפּירונג איז נישט נאָר אַן

עקשנותדיקע, נאָר אויך אַ דעמאָנסטראַטיווע. נאָך מיר זענען נאָכגעפאָרן צוויי דראָשקעס מיט פּאַסאַזשירן. אין יענעם מאָמענט האָט זיך מיר מער ווי יעדעס מאָל נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, און איך האָב באַשלאָסן אויסצודרייען זיך פאַר יעדן פּרייז. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג. איך האָב דורכגעשניטן די שטאָט מיטן טראַמוויי, כ׳האָב געביטן דראָשקעס, כ׳האָב אויסגעפּרוווט די דורכגאַנג־רעסטאָראַנען און ענלעכעס, אָבער די פאַרפאָלגער זענען אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון מיר. די צייט איז געווען זייער נישט קיין גינסטיקע פאַר מיר — אַרום האַלבע נאַכט. ס׳איז קלאָר געווען, אַז מען האָט מיך נישט געוואָלט פאַרנעמען אויף דער גאַס, וועלנדיק „פּאַריאָגן״ אין מיין שטענדיקער דירה. מיין ענערגיע האָט שוין גענומען שוואַכער ווערן, און אָט אויפן פּלאַץ, לעבן טשיניזעללים צירק, האָב איך באַשלאָסן אויסצופּרוּוון דעם לעצטן מיטל. אויף די אויגן פון מיינע פאַרפאָלגער, וועלכע זענען מיר נאָכגעגאַנגען צופוס אין דער באַגלייטונג פון די דראָשקעס, בין איך אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ „ליכאַטש״ און זיך גענומען טראָגן, קאָפּשווינדלענדיק. אויפן מאַרסאָווער פעלד האָבן מיינע פאַרפאָלגער גענומען אָפּשטיין און אינגיכן זענען זיי אינגאַנצן געבליבן פון הינטן.

שפּעט ביינאַכט האָב איך זיך דערקליבן צו זיך אויף דער דירה.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף דיזעלבע פאַרפאָלגער נאָך אַ זעאונג מיט אַ חבר. צוערשט זאַלבעצווייט, דערנאָך צעטיילנדיק זיך, האָבן מיר גענומען אויסמיידן די שפּיאָנען, און, לסוף, איז מיר געלונגען פאַרפירן זיי אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג פון מיר. איך האָב געזען, אַז דער ענין איז פאַרן טייוול, און כ׳האָב פאַרטאָפּלט די פאָרזיכטסמיטלען. כ׳האָב איבערגעריסן די באַציאונגען מיט פּאַרטייליט, כ׳האָב איבערגעביטן דעם אָנצוג און כמעט אויפגעהערט באַווייזן זיך אין גאַס.

ס׳איז שווער צו דערקלערן די טאַקטיק פון דער אָכראַנע אין דאָזיקן פאַל. אַזעף און געראַסימאָוו האָבן געוווּסט וועגן מיין מיסיע און מיין אָנוועזנהייט אין פּעטערבורג. ס׳איז מער ווי זיכער, אַז אַזעף האָט מודיע געווען וועגן און ווו מען קען

מיך געפינען (ער האָט געקענט מיינע באַקאַנטע און מיין שטאָב־דירה, ווי איך האָב זיך מיט אים נישט איינמאָל געזען און אַפילו געגעכטיקט), און ס׳איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דאָס באַכשפירן מיך האָט זיך אָנגעהויבן אין טאָג פון זיין קומען קיין פעטערבורג. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז האָפנדיק צו פועלן ביי לאָפוכינען ער זאָל אַרויסטרעטן לטובת אַזעפן (וועגן וואָס עס רעדט זיך אין לאָפוכינס באַשולדיקונגס־אַקט), האָט געג. געראַסימאָוו (דער ראש פון פעטערבורגער אָכראַנע) און זיין קאָמפּאַניע באַשלאָסן נישט אַרעסטירן מיך, כדי צו געבן מיר (וואָס האָט ווינציק געגלויבט אין בורצעווס באַשולדיקונג) די מעגלעכקייט ענט־גילטיק איבערצייגן זיך אין דער פאַלשקייט פון דערדאָזיקער גאַנצער געשיכטע און דערנאָך איינפלאַנצן דידאָזיקע זיכערקייט אויך דעם געריכט. דעריבער האָט מען מיך נישט אַרעסטירט, נאָר בלויז באַכגעשפירט, כדי צו זיין אינפאָרמירט וועגן מיינע האַנדלונגען. דערנאָך האָט מען, אפשר, געענדערט דעם באַשלוס, ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפעט, — כ׳בין פאַרשווונדן געוואָרן.

ס׳איז מעגלעך אויך אַן אַנדער ווערסיע. אַזעף האָט געגעבן אָנווייזונגען, ווי מען קען מיך געפינען, אָבער די אַגענטן, גע־פינענדיק מיך, האָבן זיך נישט גלייך איבערצייגט ווער איך בין, און איך האָב זיי קיין צייט נישט געגעבן דאָס פעסטצושטעלן און באַטראַכטן זיך און בין נעלם געוואָרן.

ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין פערזענלעכע דירה איז נישט אַנטדעקט, און אַז די שפּיאָנען האָבן מיך פאַרלאָרן פון אויג. אָבער אינגיכן בין איך געצווונגען געווען צו פאַרלאָזן מיין מקום־מקלט און ווידער אַריינפאַלן אין דער לאַגע פון אַן אַנטלאָפענעם. איינמאָל אינדערפרי איז געקומען אויף דער דירה דער סטרוזש און געמאָלדן, אַז עס לאַדט מיך איין אין צירקל דער פּריסטאַוו צוליב עפּעס אינפאָרמאַ־ציעס פון דער „מעשטשאַנסקער אופראַווע” (אַ פּאַס האָב איך געהאַט אַ „מעשטשאַנסקן”). כ׳האָב זיך געאיילט צו גיין. אַראָפּ־גייענדיק פון די טרעפּ און גייענדיק איבערן הויף, האָב איך נישט אויפגעהערט צו וווּנדערן זיך, פאַרוואָס עס נעמען מיך נישט אונטער די אָרימס ציוויל־געקליידטע פּערזאָנען. קיינער איז נישט געווען. כ׳בין פריי אַרויס אויף דער גאַס און

פֿאַרשוווּנדן געוואָרן מיטן באַשלוס, שוין מער נישט אומקערן זיך אויף דער דירה. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ווונדערנדיק זיך, פֿאַרוואָס איך קום נישט אין צירקל, האָט דער פּריסטאַוו געשיקט דעם סטרוזש, דערנאָך אַ פּאָליציאַנט, ער האָט איינגעלאַדן דעם באַלעבאָס פֿון דער דירה. קיין רעוויזיע האָט מען נישט געמאַכט. איך האָב באַשלאָסן, אַז גערעטעוועט האָט מיך עפּעס אַ צופֿאַל. די פּאָליציי האָט זיך איבערצייגט, אַז אויפֿן פּאַס האָט געלעבט אַזאַ איינער, וואָס האָט נישט קיין וווינרעכט אין דער הויפּטשטאָט. ס'איז שווער צוצולאָזן דעם געדאַנק, אַז ס'איז געלעגן אין אַזעפּס און געראַסימאָווס אינטערעסן „פֿאַריאָגן" מיך אויף אַזאַ אופֿן פֿון דער דירה, בפֿרט, אַז דאַן איז שוין פֿאַר זיי קלאָר געווען לאָפּוכינס דראָענדיקע האַלטונג; פֿאַרהאַלטן מיך און אַזוי אַרום אַרונטעררייסן אָדער לכל הפּחות אָפּשלעפּן דעם סקאַנדאַל אין אויסלאַנד וואָלט געווען פֿאַר זיי ווינשנסווערטער.

אין סאַמע ברען פֿון מיין אויסבאַהאַלטן זיך פֿון דער פּאָליציי האָב איך באַקומען אַ גאַנץ אומגעריכטע איינלאַדונג פֿון ל. דאָס איז געווען דעם 18-טן נאָוועמבער בייטאָג.

ל. האָט מיך באַגעגנט (אין זיין דירה) מיט אַ ידיעה, וועלכע האָט מיך דערשלאָגן, ווי אַ דונער. נאָך מיין באַזוך האָט ער, ל., באַגעגנט ב.—ן, און יענער האָט אים דערציילט אַ מאָדנע געשעעניש, וועלכע דאַרף מיך אינטערעסירן. ביי לאָפּוכינען איז דעם עלפֿטן נאָוועמבער געווען אַזעף (ל. האָט נישט געוווּסט, אַז ריידנדיק וועגן די קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע, האָב איך אין זינען געהאַט אַזעפֿן), בעטנדיק זיך רחמים ביי לאָפּוכינען ער זאָל אים ראַטעווען פֿון דער נקמה מצד דער פּאַרטיי, און אַז דערדאָזיקער אַזעף איז אומבאַדינגט אַ פּראָוואָקאַטאָר. איך האָב פּראָטעסטירט, שלעכט פֿאַרדייענדיק ל.—ס ווערטער, כ'האָב אָבער געשפּירט אין זיי עפּעס שרעקלעכס, אומאָפּווענדבאַרס. ל. האָט מיר דערנאָך פֿאָרגעלייגט איינצואָרדנען אַ פּערזענלעכע זעאונג מיט לאָפּוכינען, אויף וואָס דער לעצטער איז שוין, לויט זיינע ווערטער, איינגעגאַנגען.

די זעאונג איז באַשטימט געוואָרן אויף דעמזעלבן טאָג, צען אַ זייגער אינאָוונט אין ל.—ס דירה.

איך האָב פֿאַרלאָזן ל.—ס דירה אַ באַטויבטער, שפּירנדיק,

אַז עס הויבט זיך אָן אַ קאָמפּליצירטע שפּיל, אַז עס ווערט געלאָזן אין גאַנג אַ גאַנצער אַרסענאַל מיטלען, כּדי אַרומצו-פּלאָנטערן מיך און די פּאַרטיי. און נאָר ערגיץ-ווו אין פּאַר-באָרגעניש האָט זיך שוואַך דורכגעשלאָגן, האָט אָנגעהויבן נאָגן אַ ספק און אַ פּאָרגעפיל פון אַ שרעקלעכן אמת.

קודם-כּל בין איך געלאָפן זוכן קאַרפּאָוויטשן. און טאָמער, האָב איך געטראַכט, איז אַזוף טאַקע באמת דאָ אין פּעטערבורג דידאָזיקע טעג און די אָכראַנע נוצט דאָס אויס, כּדי צוצוטראַכטן אַ נייעם פאַנטאַסטישן פּאַקט פון זיין זעאונג מיט לאָפּוכינען. קאַרפּאָוויטש איז דער נאָנטסטער מענטש צו אַזעפן לויט דער קאַמפּס-אַרבעט, און ער דאַרף וויסן. חוצדעם דאַרף איך אים וואָרענען וועגן דער באַקומענער ידיעה. קאַרפּאָוויטש האָט באַ-געגנט מיין מיטטיילונג מיט דער פּאַר אים געוויינלעכער גראָבער פּשוטקייט, דערקלערנדיק איבערצייגט, אַז אַזעף איז נישט געווען אין פּיטער — און אַז דאָס זענען פּאָליצייאישע שפּיצלעך. די ידיעה וועגן דעם, אַז איך גיי היינט אויף אַ זעאונג מיט לאָפּוכינען, האָט אים לחלוטין נישט אָנגערירט. לסוף, אויף מיין דירעקטער פראַגע: צי גלויבט ער אַזעפן, האָט ער געענטפערט מיט אַן אומ-באַדינגטן יאָ, נאָך צוגעבנדיק, אַז ער, ווי אויך אַלע חברים זיינע פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, זענען אויפגעבראַכט אויפן צ. ק. פאַרן אַריינלאָזן זיך אין דער געשיכטע מיטן משפּט און זיי רופן אַזעפן תּיכּף קומען קיין רוסלאַנד, ווו אָן אים האָט זיך אָפּגעשטעלט די גאַנצע אַרבעט. נישט באַקומענדיק פון אַזעפן קיין שום ידיעות, קיין שום דירעקטיוון און אַז. וו., ווייסן זיי נישט וואָס צו טאָן. זיין, קאַרפּאָוויטשעס אַרבעט (צו וועלכער אַזעף האָט אים קאָמאַנדירט) זעט אויס צו זיין לחלוטין האָפנונגסלאָז. ער איז פאַרבונדן מיטן שאָפער, מיט וועלכן עס פאָרט, אָדער דאַרף פאָרן ניקאָלאַי II, אָבער דעמדאָזיקן שאָפער שפּירט מען נאָך, און דערביי סיסטעמאַטיש, און ס'איז אוממעגלעך צו האָבן מיט אים זעאונגען. די לויה פון גרויספירשט אַלעקסעי, אויף וועלכער עס איז געווען אָנוועזנדיק ניקאָלאַי II, איז נישט אויסגענוצט געוואָרן צוליב דער פאַרלוירנקייט, וועלכע הערשט אָן אַזעפן. און דערביי איז איינער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע געווען נאָנט פון ניקאָלאַי II בעת דער פּראָצעסיע און ער האָט זיך

איבערצייגט, אַז די שמירה איז נישט געווען גראָד געשיקט (אין דעם האָב איך זיך אויך איבערצייגט). צום סוף האָט קאַרפּאָוויטש אויסגעדריקט זיין זיכערקייט, אַז מען שפּירט אים נישט נאָך (דערין האָב איך געספּקט, באַזונדערס, ווען איך האָב באַמערקט, אַרויסגייענדיק פון דער דירה, חשודע געשטאַלטן ביים טויער). אַזוי אַרום האָט ביי דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, אין קאַרפּאָוויטשעס פּערזאָן, געהערשט אַ רואיקע זיכערקייט, אין יענעם מאָמענט, ווען עס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיין געשיכטע מיט לאָפּוכינען. ס'איז נויטיק צוצוגעבן, אַז דידאָזיקע זיכערקייט איז ווינציק-וואָס געשטערט געוואָרן אויך נאָך מיין זעאונג מיט לאָפּוכינען, ווען איך האָב זיך געקליבן פאָרן קיין אויסלאַנד און כ'האָב איבערגעגעבן די טעראָריסטן מיין מיינונג, אַז מען דאַרף אַלץ ליקווידירן און אַנטלויפן.

אינאָוונט פון 18-טן נאָוועמבער בין איך געווען ביי ל.

ס'איז געקומען לאָפּוכין, מען האָט אונז באַקענט. כ'האָב זיך גיריק איינגעגעסן אין דערדאָזיקער געשטאַלט. פאַר מיר איז געווען אַ מענטש, וואָס דערמאָנט ווינציק-וואָס אַ פּאָליציי מענטשן. גיכער איז דאָס אַן אַדלמאַן-גוטס-באַזיצער, וואָס פאַרמאָגט אין די אויסערלעכע מאַניערן, אין קול, זשעסטן סימנים פון אינטעליגענץ. מיינע ערשטע איינדרוקן פון לאָפּוכינען זענען געווען גינסטיק פאַר אים, און זיי זענען געוואָקסן אין דערדאָזיקער ריכטונג, קעגן מיין ווילן און קעגן מיין פאַרשטאַנד, אין דער מאָס, ווי ס'האָט געדויערט אונזער זעאונג. בלויז לאָפּוכינס אויגן האָבן מיר געשטערט שלום מאַכן מיט אים: קאַלטע אויגן, וואָס זענען אַזוי אָפט ביי פּראָקוראָרן, ביוראָקראַטן, שררהס. אָבער אויך דידאָזיקע אומאָנגענעמע אויגן זענען נישט געווען די אויגן פון אַ פּאָליציאַנט, אַ זשאַנדאַר, אַ שפּיאָן. זיי זענען נישט אַרומגעלאָפן, נישט געזשמורעט זיך, נאָר געקוקט גלייך און האָבן אויסגעהאַלטן מיין שאַרפן, איינגעגעסענעם בליק. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זאָגן נישט קיין ליגן.

לאָפּוכין האָט זיך געהאַלטן פריי, פּשוט. ער האָט גערעדט נישט געאיילט, ער האָט דערציילט די פאַקטן אַזוי ווי זיי זענען אים געקומען אויפן זכרון, ער האָט דערגאַנצט, ענטפערנדיק אויף אַלע פראַגן אָן הפסקות, וועלכע וואָלטן געקענט

אַרויפפירן אויפן געדאַנק, אַז ער איז געקומען צוגעגרייט, מיט באַשטימטע פּלענער. אַ חוץ מיך און ל., איז געווען אַנוועזנדיק מיטן אַלגעמיינעם הסכם, אויך ב.

לאַפּוכין האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג פון דער קאַנטשאַפט מיט אַזעפן, אַ דערציילונג, וועלכע ס׳איז דאָ איבעריק צו ברענגען, ווייל דאָס עיקרדיקע פון איר איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּאַרטיי־פּרעסע. ער האָט געענדיקט מיט באַשרייבן אַזעפס באַזוך ביי אים אין דירה. איך האָב געהערט שווייגנדיק, נישט איבעררייסנדיק לאָפּוכינען. דאָס זיך אָפּוויקלענדיקע בילד פון אַזעפּשטשינע האָט געדריקט אויפן מאַרך מיט זיין שווערקייט; ס׳האָט זיך געוואָלט כאַפּן דעם דערציילער כאָטש ביי איין וועלכן־נישט־איז פאַלשן פונקט, כדי אָנכאַפּנדיק זיך ביי אים, אָפּצוּוואַרפן דידאָזיקע גאַנצע מיסטיפיקאַציע, די גאַנצע כיטרע געשפּינטע נעץ פון זיינע באַווייזן. כ׳האָב אָבער נישט געפונען קיין איין פאַלשע נאָטע אין זיין דערציילונג, קיין איין זינלאָזיקייט, קיין איין סתירה, אַלץ האָט געאָטעמט מיט אמת. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר באַשרייבן אַזעפס געשטאַלט. לאַפּוכין האָט מיט עטלעכע שטריכן אָנגעצייכנט אַזעפס אַלע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן. זיינע גראָבע ליפּן, דאָס פּנים מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע באַקנביינער, די אויערן, די נאָז, ער האָט אָפּגעמשלט זיין מאַניער צו זיצן, אַריינציענדיק דעם קאָפּ אין די אַקסלען; אַפילו איינצלנע טיילן פון טואַלעט (די פּרטים האָט ער נישט באַמערקט, ווייל די זעאונג מיט אַזעפן איז פאָרגעקומען ביי אים אין אַ ווינציק־באַלויכטענעם צימער). פאַר מיר איז אויסגעוואָקסן אַזעפס אַ לעבעדיקער פּאָרטרעט. און דידאָזיקע זיכערקייט, מיט וועלכער לאָפּוכין האָט געלייגט די פאַרבן אויפן לייוונט, האָט דערדריקט מיין באַוווסטזיין מער, ווי אַלע פאַקטן וועגן אַזעפס פאַררעטערישע מעשים, וועלכע ער האָט דערציילט. פונקט אַזוי שטאַרק האָט דערדאָזיקער פאַקט געווירקט אויף ל. און אויף ב.

איך האָב אָבער געפירט אַ קאַמף מיטן היפּנאָז. לאָפּוכין, האָב איך געזאָגט צו זיך, האָט גוט געקענט אויסשטודירן אַזעפן לויט פאָטאָגראַפיעס און האָבן וועגן אים פאַרשיידענע פּרטים דורך דער אָכראַנע און אויפן דאָזיקן גאַנצן מאַטעריאַל געשיקט

אויסבויען אַ בילד פון אַ באַגעגעניש מיט אַזעפן און אַלדאָס איבעריקע. איך האָב אָנגעוויזן לאָפּוכינען אויף דער גרויסער אחריות, וועלכע ער נעמט אויף זיך, אַרויסטרעטנדיק פאַר מיר — אַ פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי, מיט אַ באַשולדיקונג קעגן איינעם פון די חשובסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, איך האָב אין אַ פּאָר ווערטער אויסגעמאָלט פאַר אים אַזעפס באַדייטונג אין דער פּאַרטיי און כ׳האָב דערנאָך אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף פאָלגנדיקס. ער, לאָפּוכין — אַ געוועזענער דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, איך — אַ פאָרשטייער פון צווייטן לאַגער. ער דאַרף פאַרשטיין, אַז איך קען אים נישט גלויבן, איך מוז חושד זיין אין זיין אַרויסטרעטונג אַ פּרווו פון דער רעגירונג אַרײַנצוטראָגן דעמאָראַליזאַציע אין די רייען פון דער פּאַרטיי.

אַלע פאַקטן, וועלכע ער ברענגט, האָבן נישט קיין אָביעקטיוון ווערט, זיי פאָדערן מען זאָל זיי קאָנטראָלירן.

לאָפּוכין האָט רואיק געענטפערט אויף דעם, אַז גייענדיק אַהער און זיצנדיק דאָ, האָט ער אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן אַז ער וועט זיך אָנשטויסן אויף אומצוטרוי. ער זעט נישט איין קיין שום באַליידיקנדיקס אין מיינע ווערטער, דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך. ער באַדויערט נאָר איינס, וואָס ער קען נישט געבן קיין אָביעקטיווע באַווייזן פאַר דער ריכטיקייט פון די מיטגעטיילטע פאַקטן.

איך האָב אים פאָרגעלייגט אַן אויסוועג, זאָל ער נאָכאַמאָל איינאָרדנען אַ באַגעגעניש מיט אַזעפן (אַזעף וועט דאָך קומען צולויפן אויף לאָפּוכינס ערשטן רוף) און ער וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו זען און הערן אַלץ, וואָס עס וועט פאָרקומען אויף דערדאָזיקער באַגעגעניש. לאָפּוכין האָט נישט מסכים געווען. ער זעט נישט קיין מעגלעכקייט דאָס צו טאָן, ער איז דאָס נישט בכח צו טאָן, ער איז נישט קיין רעוואָלוציאָנער. זיין אַרויסטרעטונג אין אַזעפס ענין מוז ריכטיק פאַרשטאַנען ווערן. נעמלעך: ער האָט זיך צופעליק אַרויסגערעדט פאַר בורצעוון וועגן אַזעפן און ער איז נישט בכח אָפּצוזאָגן זיך פון זיינע ווערטער פון אַ עדות. פאַרשווייגן אָדער זאָגן ליגן, ווי אַזעף האָט דאָס געוואָלט (בעטנדיק רחמים ראַטעווען אים דאָס לעבן אין נאָמען פון זיין ווייב, פון די צוויי קינדער און אַז. וו.) — קען ער נישט. ער וואָלט נישט געוואָלט, אַז אַזעף

זאָל געטויט ווערן *), אָבער נאָך ווינציקער וויל ער בורצעווס טויט, אָבער אָט איז בורצעווס אַ בריוו, פון וועלכן עס איז קלאָר, אַז דער מחבר איז נאָנט צו זעלבסטמאָרד, און זיין רעטונג ליגט אין לאָפּוכינס גבית-עדות אויפן געריכט **). לסוף, לאָפּוכין פאַרשטייט די גאַנצע וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג פון אַזעפן — דעם שולדיקן אין אַ סך קרבנות, בלוט. אָבער נישט זייענדיק קיין רעוואָלוציאָנער, וויל ער, לאָפּוכין, נישט פאַרנעמען אין דאָזיקן ענין קיין אַקטיווע ראָל פון אַ באַשולדיקער, פון אַ פּראָקוראָר, נאָר ער בלייבט אַן עדות, וואָס האָט געזאָגט דאָס, וואָס ער ווייס. הגם ער האָט איבערגעריסן מיט דער ביוראָקראַטישער וועלט און ער באַדויערט די „געפּטרטע יאָרן", וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין דער וועלט פון פּאָליציי, אָבער איצט האָט ער נישט בדעה אַרויפצוטרעטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע, נאָר ער האַנדלט, ווי אַ פּריוואַטע פּערזאָן.

צום סוף האָט לאָפּוכין זיך פאַרפליכטעט אָנצושרייבן גענוי אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט אין דאָזיקן אָוונט, און מיר איבערגעבן דאָס אָנגעשריבענע. ער האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט זען זיך מיט מיר, ווען מיר וועט נויטיק זיין. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז איך וועל קומען אין פאַרבינדונג מיט אים אונטער אַ פרעמדער פאַמיליע (באַגעגנט האָב איך זיך מיט אים אונטער מיין אמתער פאַמיליע), מיר זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אַ זייגער צוויי — דריי פאַרטאָג.

איך בין נישט געשלאָפן יענע נאַכט.

אויפן צווייטן טאָג בין איך ווידער געווען ביי ל. מיר זענען אַוועק צום אַדוואָקאַט ע.; מיר האָט זיך געוואָלט איינס: קאָנטראָלירן מיינע איינדרוקן אויף די אויספירן פון זייטיקע פּערזאָנען, אָפּוועגן

---

*) אגב אורחא, לאָפּוכין האָט געזאָגט, אַז ער האָט געהאַלטן, אַז אַזעף איז געטויט געוואָרן דורך דער פּאַרטיי איינצייטיק מיט טאַטאַראָוון, און ער איז געווען דערשטוינט, דערהערנדיק וועגן זיין ראָל דורך בורצעוון, און דערנאָך דערזעענדיק אים ביי זיך אין שטוב.

**) בורצעווס דאָזיקן בריוו האָב איך געהאַלטן אין האַנט. כ'האָב אים אָבער נישט דורכגעליינט. ל. און ב. וועלכע האָבן אים געליינט, האָבן באַשטעטיקט, אַז ער איז באמת געשריבן געוואָרן אין אַ טאָן פון יאוש: דאָס געריכט גלויבט נישט בורצעוון, און אויב לאָפּוכין וועט נישט באַשטעטיקן זיינע ווערטער, איז פאַר אים, פאַר בורצעוון, נישטאָ קיין אויסוועג...

די וויכטיקייט פון די באַקומענע פאַקטן, די אָביעקטיווע באַוויזקראַפט זייערע. ל. און ע. אַלס אַדוואָקאַטן, וועלכע זענען געווינט געווען צו אַנאַליזירן פאַקטן אין זייער פּראַקטיק אַלס פאַרטיידיקער, האָבן מיר געקענט אַ סך באַהילפיק זיין; חוצדעם האָבן זיי ביידע געקענט און געזען לאָפּוכינען און, לסוף, זענען זיי געווען ווינציקער פאַראינטערעסירט און ווינציקער אויפגערודערט, ווי איך, און זיי האָבן קאַלטבלוטיק געקענט אָפּוועגן די לאַגע.

איך האָב שוין געגלויבט אין דער אמתדיקייט פון לאָפּוכינס גבית-עדות, אָבער זאָגן זיך מיט דער גאַנצער פעסטקייט, אַז אַזעף איז אַן אויסוואורף, אַ פּראָוואָקאַטאָר — האָב איך נישט געקענט. ס'האָט נאָך געלעבט עפּעס אַ ספק, אַ וואַקלעניש, און כ'האָב געשפּירט אַ טעמפּקייט פון באַוווסטזיין, אַ פוילקייט ביים איבעראַרבעטן דעם פאַקטישן מאַטעריאַל און אין דער פעאיקייט צו אַנטגילטיקע אויספירן.

מען האָט ע.—ן דערציילט וועגן אַלץ, וואָס איז נעכטן געשען. ער האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז לאָפּוכין זאָגט אמת, און אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. ער, ע., האָט לאַנג געהאַלטן פאַרבאָרגן אין זיך אַ ספק אין אַזעפס ערלעכקייט. באַזונדערס האָט זיך דערדאָזיקער ספק פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט איינמאָל געטראָפן אַזעפן אין טעאַטער ביי אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען. אַזעף איז געזעסן אַליין אין אַ טייערער לאָזשע, אָנגעטאָן מיט שיק; ע. האָט באַמערקט ביי אים אַ סיגנעט אָדער אַ שפּילקע מיט אַ בריליאַנט. וויסנדיק, אַז אַזעף איז דער ראש פון די טעראָריסטן, איז ע. געווען פאַרוואונדערט, זעענדיק, ווי אַ טעראָריסט זיצט אָפן מיטן פנים צום עולם. ע. איז גלייך דאַן צוגעגאַנגען צו אַזעפן און אויסגעדריקט זיין שטוינונג, אויף וואָס אַזעף האָט אים כיטרע צוגעווונקען און געזאָגט עפּעס וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פאַר אַ טעראָריסט צו געפינען זיך אין פאַרשיידענע באַדינגונגען און אַז. וו. דער פאַקט איז ע.—ן פאָרגעקומען זייער מאָדנע, ער האָט אָבער קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט. ס'איז נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז ענלעכע פאַקטן, וועלכע די עדי-ראיה פלעגן אויסבאַהאַלטן, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן פון אַלע זייטן, ווען אַזעף איז שוין געווען דעמאַסקירט, ווען עס איז שוין געווען שפּעט.

געמיינזאַם, זאַלבעדריט האָבן מיר באַהאַנדלט דעם מאַטעריאַל, וועלכן מיר האָבן באַקומען פֿון לאַפּוכינען, און זיין מקור גופא. מיינע מיטשמועסער האָבן מיך איבערצייגט, איך זאָל אַוועקלייגן אין אַ זייט אַלע ספקות. אין דער ריינקייט פֿון לאַפּוכינס כוונות האָבן זיי נישט געספּקט קיין איין מינוט. מיינע אָנווייזונגען אויף דעם, אַז לאַפּוכין איז פּאָרט אַ געוועזענער אָכראַנע-אַגענט, און דעריבער מוז מען זיין זייער פּאָרזיכטיק מיט זיין עדות-זאָגן, — זענען צושלאָגן געוואָרן אין אַ גאַנצער ריי מאָטיוון פֿון מיינע אָפּאָנענטן. ע. האָט גוט געקענט לאַפּוכינען פֿון יענער צייט, ווען ער איז געווען כאַרקאָווער פּראָקוראָר. מיט דער ביוראָקראַטישער וועלט האָט לאַפּוכין איבערגעריסן אויף לאַנג, אויב נישט אויף שטענדיק. פֿון סטאָליפּינען, מיט וועלכן ער איז געווען אויף דו, האָט ער באַקומען אַן אָפּזאָג פֿון ווייטערדיקער באַקאַנטשאַפֿט, — און דאָס אַלץ אַ דאַנק לאַפּוכינס אויפֿפֿירונג זייט דעם מאַניפֿעסט פֿון 17-טן אָקטאָבער, באַזונדערס זייט זיין אַרויסטרעטונג אין דער פּרעסע מיט דעמאַסקירנדיקע דאָקומענטן וועגן די יידן-פּאָגראָמען און אַז. וו. חוצדעם רינגלט לאַפּוכינען אַרום אַ סביבה זייער אָרנטלעכע פּערזאָנען. לטובת דעם זאָגט אויך עדות זיין קרובהשאַפֿט מיט אַזעלכע מענטשן, ווי פּירשט אורוסאָוו. לסוף, נישט קיין קליינע ראָל שפּילט אין לאַפּוכינס האַלטונג די ווירקונג פֿון זיין פֿרוי; זי איז פֿאַר דעם, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק צו אַנטפּלעקן דעם אמת וועגן אַזעפֿן צוליב מאָראַלישע מאָטיוון. זי זאָל אַפֿילו האָבן דערקלערט איר מאַן, אַז אויב ער וועט זיך אָפּזאָגן, וועט זי אַליין פֿאָרן קיין אויסלאַנד כדי אַנטדעקן דעם אמת פֿאַרן געריכט, און אַז. וו., און אַז. וו. מיט איין וואָרט, לאַפּוכינס אַרויסטריט אַלס קליינער אַגענט-פּראָוואָקאַטאָר, וואָס וויל דורך אַ פּראָוואָקאַציע אין דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן צוריקגעווינען דעם צוטרוי אין די הערשנדיקע קרייזן, איז פֿאָרגעקומען לחלוטין אומגלויבלעך. אַ גאַנצע ריי פֿאַקטן פֿון לאַפּוכינס לעבן, זיין כאַראַקטעריסטיק און אַז. וו. דאָס אַלץ האָט מיך געבייגט צום אויספֿיר, אַז איך טאָר נישט האָבן קיין ספקות.

עס זענען אַוועק צוויי-דריי טעג נאָך דער באַגעגעניש מיט-ל. און ע. און איך האָב ווידער אומגעריכט באַקומען אַן איינ-

לאַדונג פון ל. דורך ב.—ן האָט לאָפּוכין איבערגעגעבן אַ דערציילונג וועגן דעם, אַז דעם 21־טן איז געווען ביי אים גענעראַל געראַסימאָוו. לאָפּוכין איז, לויט ב.—ס רייד, זייער באַאומרואיקט דורכן דאָזיקן וויזיט, און באַזונדערס דורך די פאָדערונגען פון געג. געראַסימאָוו — צו דערפילן אַזעפס בקשה און אָפּזאָגן זיך פון עדות־זאָגן קעגן אים. חוצדעם באַמערקט לאָפּוכין, אַז מען שפּירט אים נאָך, און ער האָט מורא פאַר אַן אָנפאַל מצד די שוואַרצמאהניקעס אָדער געראַסימאָוס אַגענטן, און דעריבער האָט ער אָנגענומען פאָרזיכטס־מיטלען. פונדעסטוועגן זאָגט ער זיך נישט אָפּ פון זיין באַשלוס עדות צו זאָגן. דערנאָך קלייבט ער זיך די טעג אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, קיין לאָנדאָן.

מיין ערשטע באַוועגונג איז געווען גיין צו לאָפּוכינען, כדי נאָך אַמאָל קאָנטראָלירן די פאַקטן און מיין איינדרוק. ס'האָט זיך אָבער געשאַפן אַ באַקוועמערע קאָמבינאַציע צוליב לאָפּוכינס אָפּפאָר קיין אויסלאַנד. איך האָב געבעטן ל. און ב. איבערגעבן לאָפּוכינען אַ פאָרשלאַג איינצואָרדנען אַ באַגעגעניש אין אויסלאַנד מיט אַנדערע פאָרשטייער פון דער פאַרטיי, ווען ער אַליין וועט אָנווייזן.

דעם דריי־און־צוואַנציקסטן נאָוועמבער בין איך ווידער געווען ביי ל. נאָך אַן ענטפער. ער איז מסכים געווען אויף אַ נייער באַגעגעניש, דערביי האָט ער, אַחוץ מיר, געוואָלט זען סאַווינקאָוון. זיין אַדרעס האָט ער צוגעזאָגט מודיע זיין פון לאָנדאָן. ער האָט נישט אָנגעשריבן זיינע גבית־עדות, כדי נישט געבן קיין דאָקומענט אין די הענט פון דער פּאָליציי און געריכט, און אָנשטאָט דעם האָט ער צונויפגעשטעלט אַ בריוו, אַדרעסירט צו סטאָליפּינען, מאַקאַראָוון און טרוסעוויטשן. דעמדאָזיקן בריוו (נישט קיין פאַרקלעפּטן, אין דריי קאָנווערטן) האָט ער מיר איבערגעגעבן דורכצולייענען און האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אַליין באַזאָרגן אויף פּאָטשט (מיטן ציל צו פאַרניכטן אין מיר דעם ספק, צי דערדאָזיקער דאָקומענט איז באמת אָפּגעשיקט געוואָרן). מיטן דאָזיקן דאָקומענט, ווי אַזוי ווערט אָפּן אָנגערופן אַ פּאָליציי־אַגענט, האָט לאָפּוכין אין זיבעצן געהאַט, פון איין זייט, פאַרפעסטיקן זיין גבית עדות, פון דער צווייטער — ביז אַ געוויסער מאָס זיכערן זיך פון די מאַכינאַציעס פון דער אָכראַנע, צוווּיסנגעבנדיק דעם מיניסטער־

פרעזידענט און די אָנפירער פון פּאָליציייאישן אויסשפּיר-דינסט.

איך האָב נישט גענומען מיט זיך די בריוו צוליב קאָנ-ספּיראַציע-טעמים. זיי זענען אָפּגעשיקט געוואָרן דורך פּאָטשט דורך ב.—ן. ס'איז געמאַכט געוואָרן אַ קאָפּיע (וואָרשיינלעך נישט איינע) *) און זי איז איבערגעשיקט געוואָרן קיין פינלאַנד, און פון דאָרט, לויט מיין פּאָדערונג, קיין פּאַריזש. מיט דעם האָבן זיך פאַרענדיקט מיינע באַציאונגען מיט לאָפּוכינען אין פּעטערבורג.

איך האָב זיך געאיילט צו וואָרענען די חברים וועגן די רעזולטאַטן פון מיין אויספאָרשונג. ביז דאַן האָב איך זיי גאָרנישט מודיע געווען צוליב דער באַדינגונג, וועלכע דאָס געריכט האָט מיר געשטעלט. קודם-כל האָב איך איבערגעגעבן וועגן אַזעפס פּראָוואָקאַציע די מיטגלידער פון צ. ק., וועלכע זענען דאַן געווען אין פּיטער, און דערנאָך דעם אָרג. ביוראָ. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו וואָרענען די חברים, וועלכע זענען צום נאָנטסטן צו וויכטיקע זאַכן, נישט איבערגעבנדיק דעמדאָזיקן פּאַקט דער ברייטער עפנטלעכקייט, כדי נישט אַרויסצורופן קיין פּאַניק, ווייל די פּאַקטן גופא האָט מען נאָך געדאַרפט קאָנטראָלירן אין אויסלאַנד, און דאָרט טאַקע האָט דער ענין וועגן פּראָוואָקאַציע געדאַרפט אַנטגילטיק געלייזט ווערן.

איך האָב זיך געזען מיט אַלע טעראָריסטן (זיי זענען געווען אינגאַנצן זאַלבאַפּערט). זיי האָבן זיך געגרייט פּאָרן קיין אויסלאַנד, וווהין אַזעף האָט זיי גערופן, כדי זיך צו באַראַטן

---

*) ווען דערנאָך האָט זיך אין אויסלאַנד פּלוצלונג באַוויזן לאָפּוכינס בריוו אָפּגעדרוקט, האָב איך געשטוינט, ווער האָט דאָס געקענט טאָן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוהיטן דעם סוד פון מיינע באַציאונגען מיט לאָפּוכינען, און דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. אין די הענט פון דער פּאָליציי איז אַריינ-געפאַלן בלויז דאָס, וואָס זי האָט באַקומען דורך נאָכשפּירונג אָדער פון די ווערטער פון לאָפּוכינען גופא. מען דאַרף אָננעמען, אַז דער בריוו איז אָפּגעדרוקט געוואָרן דורך ב. און ער האָט אָפּגעשריבן מער ווי איין קאָפּיע. דאָ וועט זיין אויפן אָרט אָנצומערקן, אַז לויט אַלע פּאַראַנענע פּאַקטן (לאָפּוכינס ענין) זענען מיינע באַציאונגען מיט אים געבליבן אומבאַקאַנט דער פּאָליציי. קיינעם האָט מען נישט צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און ס'איז געבליבן אומבאַקאַנט (ס'זענען נישט געווען קיין באַווייזן אויפן פּראָצעס) די פּאַמיליע פונם פּאָרשטייער פון צ. ק., וועלכער האָט זיך געזען מיט לאָפּוכינען. לחלוטין נישט-ריכטיק זענען די ידיעות אויפן דאָזיקן חשבון, וועלכע האָבן זיך באַוויזן אין דער צייטונג „אָפּשטשייע דעלאָ" (אַלגעמיינע זאַך) אונטערן קעפּל: „דער שמועס מיט לאָפּוכינען".

וועגן די צוקונפטיקע פלענער — און אַז. וו. זיי זענען מסכים געוועזן אָנצונעמען פּאַרזיכטס-מיטלען, צוליב מיין מיטטיילונג, אָבער צום פאַקט פון אַזעפס פּראָוואָקאַציע האָבן זיי זיך באַצויגן סקעפּטיש. פון אַ צופעליקן שמועס פון מיין דירה-באַלעבאָס האָב איך זיך איבערצייגט, אַז איבער דער שטאָט זענען שוין אַרומגעגאַנגען קלאַנגען וועגן אַנטדעקטן פּראָוואָקאַטאָר. ב., ל. און ע. האָבן באַשלאָסן נישט אויסצובאַהאַלטן דעמדאָזיקן פאַקט און ערשט נאָך אַ שמועס מיט מיר זענען זיי מסכים געוועזן אָפּצושטעלן די אָפענע שמועסן וועגן אַזעפן, אָפּוואַרטנדיק דעם באַשלוס פון דער פּאַרטיי, כדי נישט צו שטערן אונזערע ווייטערדיקע האַנדלונגען.

דעם 1-טן דעצעמבער בין איך אָפּגעפאָרן קיין „אויסלאַנד". לאָפּוכין איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ טאָג פריער.

די לאָנדאָנער באַגעגעניש מיט לאָפּוכינען.

אין פּאַריזש האָב איך תיכף נאָך מיין קומען מודיע געווען די חברים פון צ. ק. לאָפּוכינס גבית-עדות און מיינע אויספירן. אויף וויפל איך האָב געקענט משפטן, האָט דידאָזיקע ידיעה נישט געמאַכט קיין באַזונדערס שטאַרקן איינדרוק. יעדנפאַלס זענען אַלע געווען אייניק אין דעם, אַז די לאַגע איז אַן ערנסטע, מען מוז אָבער קאָנטראָלירן די פאַקטן. אַזעף איז שוין דורכדעם אַליין באַהאַנדלט געוואָרן פון איצט אָן, ווי אַ חשודער. ער האָט געלעבט אין פּאַריזש, זעלטן קומענדיק אין געסט צו באַקאַנטע, אויף די זיצונגען פון צ. ק. פלעגט ער נישט זיין — מען פלעגט אים נישט איינלאַדן. איך האָב מיין זיין אין פּאַריזש געהאַלטן שטרענג קאָנספּיראַטיוו, כדי נישט אַרויסצורופן קיין קלאַנגען דורך מיין קומען און אויסבאַהאַלטן פון אַזעפן מיין אָנוועזנהייט. מען דאַרף אָבער אָננעמען, אַז אויב אַזעף האָט נישט געוווסט, האָט ער זיך אָבער אָנגעשטויסן וועגן מיין קומען. צופעליק איז באַקאַנט געוואָרן מיין טעלעגראַמע, וועלכע איך האָב געשיקט אויפן וועג פון רוסלאַנד, פון וועלכער מען האָט געקענט שליסן, באַזונדערס לויט דער אונטערשריפט, אַז איך פאָר. דער קלאַנג וועגן דערדאָזיקער טעלעגראַמע איז אויף אַ מאָדנעם אופן דערגאַנגען צו אַזעפס דירה.

איך האָב פאַרווײַלט אין פּאַריז עטלעכע טעג — כ'האָב זיך געמוזט איילן קיין לאָנדאָן, ווייל לאַפּוכין האָט צוגעשיקט דעם אַדרעס פון זיין האָטעל, דערביי האָט ער געמאָלדן, אַז ער וועט זיין אין לאָנדאָן נישט מער ווי אַ וואָך. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אַחוץ מיר און סאַווינקאָוון וועט מיטפאָרן אויך וו. טשערנאָוו. איך בין אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן פריער פאַר די אַנדערע און כ'בין דאָרטן געווען דעם 6-טן אָדער 7-טן (אַלטן סטיל).

איך האָב זיך באַמיט תיכף אויפצוזוכן לאַפּוכינען. פריער האָבן מיר זיך צונויפגערעדט בריוולעך, דערנאָך האָב איך זיך געזען מיט אים. ביי דערדאָזיקער זעאונג האָט ער נישט צוגעגעבן קיין שום נייעס צו זיינע פריערדיקע פאַקטן. איך האָב זיך באַמיט נאָך אַמאָל צוקוקן זיך צום מיטשמועסער, כּדי ענטגילטיק צו דערווייטערן דעם לעצטן רעשט ספק, וועלכער האָט נאָך געלעבט אין מיר. מיר האָבן געפלוידערט וועגן אַ סך זאַכן, ער האָט דערציילט וועגן זיינע איינדרוקן בעת ער איז געווען דירעקטאָר פון פאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, באַזונדערס וועגן די אויפנאַמעס ביי ניקאָלאַי II; מיר האָבן זיך דערמאָנט וועגן דעם, ווי לאַפּוכין האָט מיך אַוועקגעשיקט אין 1903-טן יאָר, קיין יאַקוטקע, און ענלעכעס. פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך אומקערן צו דער טעמע וועגן אַזעפן. איך האָב געזאָגט לאַפּוכינען (כּדי צו קאָנטראָלירן מיינע איינדרוקן) מיט אַן ערנסטן טאָן, אַז דורך אַ צופאַל איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ גאַנץ ערנסטער לאַגע: דער בראַונינג דראָט אים פון ביידע זייטן — מצד דער פּאַרטיי, וועלכע וועט זיך נוקם זיין פאַרן פּרוּוו צו דעמאָראַליזירן אירע רייען דורך שענדן איר חשובן מיטגליד, און מצד דער רעגירונג, וועלכע וועט אויך נישט גלעטן איבערן קעפּל פאַר דער דעמאַסקירונג. לאַפּוכינס ענטפער איז פול געווען מיט פעסטקייט און זיכערקייט. פאַרן בראַונינג מצד דער פּאַרטיי האָט ער קיין מורא נישט, ווייל ער זאָגט דעם אמת, אָבער די שוואַרצע מאה וועט, פאַרשטייט זיך, זיך נוקם זיין; אָבער ס'איז נישטאָ קיין אויסוועג. דאָ איז נישט איבעריק צו באַמערקן, אַז אַחוץ די אויבן-אָנגעוויזענע מאָטיוון, האָט אין לאַפּוכינס אויפפירונג אין ענין-אַזעף אָן ספק געשפּילט אַ ראָל דאָס, וואָס ער האָט נישט געהאַט די מינדסטע פאַרשטעלונג וועגן

יענער שווערער שטראָף, וועלכע די רעגירונג האָט געגרייט פאַר אים. לאָפּוכין האָט נישט געטראַכט וועגן קאַטאָרגע און פאַרשיקונג אָדער אַפילו וועגן אַ פּראָצעס קעגן אים, האָפנדיק, אַז די רעגירונג וועט זען אויסמיידן אַן אָפענעם סקאַנדאַל. אָנשטאָט אַ געריכטס-שטראָף האָבן זיך אים געחלומט שוואַרצמאַהניקעס, וועלכע געראַסימאָוו שיקט צו כּדי אים, לאָפּוכינען, צו פאַרניכטן פון אונטערן ווינקל. ער האָט דערציילט וועגן דער געהיימנישפולער נאָכשפּירונג נאָך אים אין פּעטערבורג, (דערביי האָב איך נישט געקענט נישט באַמערקן, אַז אים, אַ געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, פּאַסט נישט צו זיין אַזוי נאַאיוו אין דאָזיקן געביט), וועגן חשודע טעלעפאָן-פאַרבינדונגען און אַז. וו. דורכדעם אַלעם דערקלערט זיך יענער לפּי-ערכדיקער מוט, מיט וועלכן לאָפּוכין האָט געפירט מיט אונז די באַציאונגען. אַ געוויסע ראָל האָט דאָ אויך געשפּילט דער צוטרוי צו די פאַרשטייער פון דער פּאַרטיי. ער האָט מיר דערקלערט, אַז אויב די פּעטערבורגער און לאָנדאָנער באַגעגענישן וועלן זיין אומגעניגנדיק, איז ער תּמיד גרייט מיר צו דינען. צו יעדער צייט וועט ער פאָרן אַהין, וווהין איך וועל אים איינלאַדן. דערביי האָבן מיר אָנערקענט, אַז אַמפּאַסיקסטן איז פאַר דער באַגעגעניש די טעריטאָריע פון פינלאַנד. ער וואָלט איינגעגאַנגען (כ׳בין אין דעם איבערצייגט) אַפילו אויף דער קאָמבינאַציע וועלכע איך האָב פאָרגעלייגט אין פּעטערבורג, ד. ה., אויף איינצואָרדענען אַ באַגעגעניש מיט אַזעפן אין דער אָנוועזנהייט פון באַהאַלטענע עדות.

ער האָט מיך געבעטן, צווישן אַנדערעס, איבערגעבן בורצעוון, יענער זאָל אָפּשטעלן זיינע שריפטלעכע און אַנדערע באַציאונגען מיט אים, מאָטיווירנדיק דאָס מיט אומצוטרוי צו וו. בורצעווס קאָנספּיראַטיווע פעאיקייטן, אין וואָס ער האָט זיך איבערצייגט אויפן ביישפּיל מיט זיינע בריוו צו אים אין פּעטערבורג און אויפן סמך פון נאָך עפּעס.

צום סוף פון דערדאָזיקער באַגעגעניש האָב איך אָפּגערעדט מיט לאָפּוכינען, אַז ווי נאָר מיינע חברים וועלן קומען קיין לאָנדאָן, וועל איך אים צוּוויסן געבן. איך קען נישט זאָגן, צי מען האָט מיך און לאָפּוכינען נאָכגעשפּירט אין לאָנדאָן אָדער נישט. פעסט-

בושטעלן איז געווען זייער שווער. מיר האָבן זיך געזען אין אינערלעכן ווינטער-גערטנדל פון אַ ריזיקן האָטעל, ווו עס איז געווען אַ גרויסער עולם.

מיינע חברים זענען אַלץ נישט געקומען. איך האָב זיך אָנגעהויבן באַאומרוזאיקן, ווייל לאַפּוכין האָט באַשטימט זיין אָפּפאָר פון לאָנדאָן אויפן צענטן; אויך ער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד און ער האָט מיך באַזוכט אין מיין האָטעל אין מיין אָפּוועזנהייט. לסוף זענען זיי (טשערנאָוו און סאַווינקאָוו) געקומען פונקט דעם 10-טן, און דאָס איז געווען אַ גרויסער פעלער פון זייער זייט. עס זענען פאַרבליבן עטלעכע שעה ביז לאָפּוכינס אָפּפאָר. ס'איז אויסגעקומען אַלץ אָפּצוטאָן אין איילעניש.

אַלע זאַלבעדריט זענען מיר פון וואָקזאַל אַוועק צו לאָפּוכינען. אין וואַרטע-צימער פון האָטעל איז אַרויסגעקומען לאָפּוכין. איך האָב פאָרגעשטעלט מיינע חברים. ס'איז צו אונז אַרויסגעקומען לאָפּוכינס פרוי, מיט דער בולטער כוונה אַ קוק צו טאָן אויף די „געפערלעכע טעראָריסטן". לאָפּוכין איז געווען פאַרנומען, די זעאונג האָט נישט געקענט פאָרקומען תיכף, און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז ער וועט קומען צו מיר, אויף מיין דירה.

צוויי שעה פאַר זיין אָפּפאָר איז ער געקומען, און ביי אַ גלעזל טיי האָט ער אָנגעהויבן זיין דערציילונג. אַלס צוגאָב צו דעם, וואָס לאָפּוכין האָט מיר געזאָגט אין פיטער, האָט ער צוגעגעבן אַ ריי פאַקטן פון דער פאַרגאַנגענהייט, וועגן וועלכע איך האָב אים נישט אויסגעפרעגט און וועלכע זענען אים כראָנאָלאָגיש געשטעלט געוואָרן דורך די חברים. ברענגען דאָ זיין דערציילונג איז נישט נויטיק, ווייל אַלע פאַקטן, וועלכע ער האָט מיטגעטיילט, זענען אַריינגעגאַנגען אין די פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן. אַ סך זאַכן האָט לאָפּוכין נישט געקענט דערמאָנען זיך, און זיין דאָזיקע פאַרגעסלעכקייט איז אונז נישט פאַרגעקומען מאָדנע. ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר האָבן געהאַט אין אונזער רשות ווינציק צייט און אַ סך זאַכן האָבן מיר נישט געקענט באַרירן. און חוצדעם זענען אויך די פראַגן איינגעפאַלן מיט גרויס מי צוליב דער נאַטירלעכער סיבה, וואָס די הויפּט-פאַקטן, וועלכע לאָפּוכין האָט מיטגעטיילט (אַזעפס באַזוך ביי אים, דאָס אויסגעבן די און די פערזאָנען), האָבן מיט אַ שווערע משא געדריקט אויף

די מיטשמועסער, טויטנדיק דעם אינטערעס צו די איבעריקע, קלענערע פאקטן, און דער עיקר האט מען זיך געאיילט. מיר האבן זיך געזעגנט מיט לאפוכינען, דאנקענדיק אים פריינטלעך פאר דער טובה. ער האט געבעטן, מען זאל דאס קוואליפיצירן נישט ווי א טובה דער רעוואלוציע אדער דער פארטיי, נאר ווי אן אקט, אויף וועלכן ער גייט איין צוליב מאראלישע מאטיוון.

מיינע חברים — טשערנאוו און סאווינקאוו — האבן זיך געפונען אין אזא צושטאנד, וועלכן איך האב איבערגעלעבט אין פיטער. מיר זענען איינשטימיק געקומען צום אויספיר, אז לאפוכין זאגט אמת.

אויפן צווייטן טאג זענען מיר אפגעפארן קיין פאריז.

די געריכטס־אויספארשונג וועגן אזעפן. — זיין אנטלויפן.

אין פאריז האבן זיך אנגעהויבן באראטונגען. דער צ. ק. האט צוגעצויגן צו די באראטונגען עטלעכע חברים, וועלכע האבן געלעבט אין פאריז און וועלכע זענען געקומען צופארן פון רוסלאנד. נישט אפזאגנדיק זיך פון דער אחריות, האט ער זיך, פונדעסטוועגן, נישט געקענט אנטשליסן פארענדיקן מיט אזעפס ענין מיט די אייגענע כחות און ער האט זיך געווענדט נאך אן עצה צו די נאנטסטע חברים. די־דאזיקע באראטונגען פלעגן פאר־קומען כמעט טאג־טעגלעך, אין באשטאנד פון 15—20 מענטשן. מען האט דעבאטירט די פראגע, וואס זאל מען טאן מיט אזעפן? צי זענען גענוג די באקומענע מאטעריאלן, כדי צו באגיין זיך מיט אים, ווי מיט א פראוואקאטאר. די מיינונגען האבן זיך צע־טיילט. א טייל פארזאמלטע (נישט מער ווי א צוויי — דריי מענטשן) האט איינגעפונען, אז דער באשולדיקונגס־אקט איז א גענוגנדיקער, אז מען דארף נישט זוימען, אז מען דארף תיכף פארענדיקן מיט אזעפן. די צווייטע טייל פארזאמלטע (צווישן זיי כמעט אלע מיט־גלידער פון דער קאמפס־ארגאניזאציע, וועלכע זענען געקומען פון רוסלאנד און האבן פריער געארבעט מיט אזעפן) האט איינ־געפונען, פארקערט, אז עס איז נישטא קיין שום גרונט צו בא־טראכטן לאפוכינס פאקטן אלס מאטעריאל, וואס פארדינט צוטרוי. דאס איז א פאליציייאישער שפיצל, א פראוואקאטארישער פרווו

מצד דער רעגירונג, מיט וועלכן מען דאַרף קעמפן. וואָס צו טאָן — דאָס האָט דידאָזיקע גרופּע נישט אָנגעוויזן, באַגנוגנדיק זיך בלויז מיט אויסדריקן זייער זיכערקייט אין אַזעפס אומשולדיקייט.

לסוף, אַ דריטע מיינונג, וועלכע עס האָט געטיילט די גרעסטע מערהייט פון דער פאַרזאַמלונג (און צווישן זיי אויך די מיטגלידער פון צ. ק.) איז געווען די: סוביעקטיוו זענען זיי איבער-צייגט, אַז אַזעף איז שולדיק, אָבער בלויז אויפן סמך פון סוביעקטיווע מאָטיוון באַגיין זיך מיט אים ווי מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר, קען מען נישט. שוין נישט רײדנדיק וועגן דעם, אַז ס'איז מעגלעך אַ פאַטאַלער טעות. אין אַ ענין, וואָס ווערט געבויט אויף אַזעלכע יסודות, מוז מען זיך נאָך רעכענען מיט דער צוקונפטיקער אחריות פאַרן פאַרטיי-געריכט, וועלכער וועט פאָדערן אָביעקטיווע באַווייזן. לסוף, מען קען נישט פאַרמשפּטן, נישט אויסהערנדיק דעם באַשולדיקטן.

אָבער ווי אַזוי זאָל מען דאָס טאָן? ווי אַזוי זאָל מען באַקומען דידאָזיקע אָביעקטיווע באַווייזן, ווי אַזוי פאַרהערט מען אַזעפן, נישט אַרויסרופנדיק ביי אים קיין חשד, נישט געבנדיק אים צו פאַרשטיין, אַז מען איז אים חושד, און נישט געבנדיק אים דורכדעם קיין גרונט צו האַנדלונגען, וואָס וועלן צעשטערן אַלע שריט, כדי אויסצופאָרשן דעם ענין און וועלן מאַכן אוממעגלעך דאָס קאָנטראָלירן די פאַראַנענע ידיעות? לאַנג האָט מען נישט געזען קיין שום אויסוועג. אויף די פאַרזאַמלונגען האָט מען געפילט אַ פולשטענדיקן כאַאָס פון מיינונגען און שטימונגען. און דידאָזיקע אַלע מיינונגען און שטימונגען האָט פאַראייניקט אַן אַטמאָספער פון אומאַנטשלאָסנקייט, פאַרלוירנקייט. די הייסע אָנהענגער פון תיכפדיקע האַנדלונגען קעגן אַזעפן, אַלס אַ זיכערן פּראָוואָקאַטאָר, האָבן זיך אַרויסגעשטעלט נישט נאָר פאַר פאַמעלעכע אין האַנדלונגען, נאָר זיי האָבן אינגאַנצן נישט אַרויסגעוויזן דידאָזיקע האַנדלונגען. צו הילף זייער אינערלעכער אומאַנטשלאָסנקייט איז געקומען דאָס אונטערוואַרפן זיך דער פאַרטיי-דיסציפּלין און דער מיינונג פון דער מערהייט. ס'האָט אויסגעוויזן צו זיין אַזוי נאַרמאַל, אַז אָט-אָט וועט עמיצער פון די איבערצייגטע אין אַזעפס פּראָוואָקאַציע ברעכן די דיסציפּלין און, פאָלגנדיק דעם קול פון אינערלעכער איבערצייגונג, גיין און לייזן דורך אַ טאַט

אַלע פראַגן, אַלע וואַקלעניש. אָבער אַזאַ מענטש איז נישט געווען, און וואָס ווייטער די צייט איז געגאַנגען, וואָס מער די פאַרזאַמלונגען האָבן זיך געצויגן — האָט די אַטמאָספער פון אומ-אַנטשלאָסנקייט אַלעמען באַהערשט.

וואָס שייך די אָנהענגער פון אַזעפס אומשולד, האָט זיך זייער פּאָזיציע נישט געענדערט ביזן סאַמע סוף. דורכגעדרונגען מיט אַ בלינדן גלויבן אין אַזעפן, זענען זיי נישט געווען בכח פּראַקטיש פאַנאַנדערקלייבן זיך אין באַשולדיקונגס-מאַטעריאַל — באַזונדערס די-יעניקע פון זיי, וועלכע זענען פאַרבונדן געווען מיט אַזעפן מיט די באַנדן פון געמיינזאַמער טעראָר-טעטיקייט. עס דערמאָנט זיך די באַציאונג צו דער באַשולדיקונג מצד דער פאַרשטאָרבענער „בעללאַ", איר ליידנשאַפטלעכע פאַרטיידיקונג פון זיין אומשולד, אַ פאַרטיידיקונג, פון וועלכער עס האָט זיך נישט ווילנדיק אַריינגעגנבעט אין דער נשמה אַ ספק: און טאָמער איז זי גערעכט, און מיר זענען פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון פּאָליציייאישע שפּיצלעך? אָדער די באַציאונג פון קאַרפּאָוויטשן, וועלכער האָט מיט זיין אייגנטימלעכער גראָבקייט דערקלערט עמיצן אין אַ פּריוואַטן שמועס, אַז אויב דער צ. ק. וואָלט פאַרענדיקט מיט אַזעפן אָן אַ משפט איבער אים, וואָלט ער, קאַרפּאָוויטש, דער ערשטער „צעשאָסן" די מיטגלידער פון צ. ק. *).

געוויס, געפינענדיק זיך צווישן צוויי קעגנזעצלעכע שטי-מונגען, האָט זיי דער צ. ק. אומפאַרמיידלעך געמוזט אָפּשפּיגלען אויף זיך און פאַרפעסטיקן זיך אין זיין אומאַנטשלאָסענער טאַקטיק.

נאָך לאַנגע באַטראַכטונגען פון אַלערליי מעגלעכקייטן צו באַקומען פון אַזעפן גופא אַ וועלכן-נישט-איז מאַטעריאַל פאַר אַן

*) דידאָזיקע, אין תוך געגומען, אומשולדיקע אַרויסטרעטונג פון קאַרפּאָוויטשן האָט געדינט אַלס יסוד פאַר דער זינלאָזער לעגענדע וועגן דעם, אַז אַ העלפט מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע האָט געדראָט מיט רעוואָלווערן דעם צ. ק., אויב ער וועט אָנרירן אַזעפן — אַ לעגענדע, וועלכע בורצעוו האָט אָפּגעדרוקט אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג „זשורנאַל" וואָרשיינלעך פאַר ליב-האָבער פון סענסאַציעס.

אָביעקטיווער קאָנטראָל, איז אָנגענומען געוואָרן אַ פאָרשלאַג גיין צו אַזעפֿן און אונטער אַן אויסרייד דערווּיסן זיך: ווּ איז ער געווען אין די טעג פון 9-טן ביזן 13-טן נאָוועמבער אַלטן סטיל ד. ה., אין יענע טעג, וועלכע ער האָט נויטיק געהאַט אויף פאָרן פון פאַריזש קיין פעטערבורג און צוריק (די נסיעה צו לאָ-פוכינען). דער אויסרייד איז באַשטאַנען אין פאָלגנדן: בורצעוו האָט אויפן געריכט דערקלערט, אַז מען האָט אַזעפֿן געזען אין איינעם פון דידאָזיקע טעג (דעם 10-טן) גאַנץ פרי ביים הויז, ווּ עס וווינט דער באַקאַנטער אַגענט ראַטאַיעוו. מען מוז דאָס אָפּלייקענען און פאָרשטעלן דעם געריכט וועלכע נישט איז באַווייזן.

אַזעף האָט זיך געלאָזט כאַפּן אויף דער ווענטקע. ער האָט געגעבן ידיעות, ווּ ער האָט פאַרבראַכט דידאָזיקע אַלע טעג (טיילווייז אין מינכען, טיילווייז אין בערלין) און ער האָט פאָר-געשטעלט אַ חשבון פון טשערנאָמאָרדיקס האָטעל אין בערלין. שוין ביים ערשטן בליק אויפן דאָזיקן חשבון איז פאַר אַלעמען, וועמ עס האָט אים געהאַלטן אין האַנט, קלאָר געוואָרן, אַז דאָ שמעקט מיט בולטן שווינדל. אַזעף, וואָס ווייס נישט געווינלעך קיין חשבון פון געלט, און מיטאַמאָל אַזאַ פּינקטלעכקייט אין אָפּהיטן אַ חשבון. אַ חשבון אויף אַ שטיקל שמוציקן פּאַפּיר, וואָס זאָגט עדות וועגן דעם, אַז דער שכן פון דעם און דעם נומער האָט אַלע דריי טעג, וועלכע ער האָט דאָרט געוווינט, פּינקטלעך געגעסן אַלע פרישטיקס, מיטאָגס און אָוונטברויטס, נישט אַרויס-גייענדיק אין ערגיץ נישט, דאָס אַלץ איז געשטאַנען אין סתירה צו אַזעפס געוווינהייטן. נישט באַפרידיקנדיק זענען אויך געווען זיינע דערקלערונגען, פאַרוואָס ער איז אַריבערגעפאָרן אין בערלין פון איין האָטעל אין צווייטן. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, למשל, אַז ער איז אַריבערגעפאָרן פון דייטשישן האָטעל אין טשערנאָ-מאָרדיקס דערפאַר, ווייל אין דייטשישן האָטעל איז געווען טייערער אויף איין אָדער צוויי מאַרק... דאָס איז פאַר אַזעפֿן...

פאַר מיר פערזענלעך איז דערדאָזיקער חשבון פון טשערנאָמאָרדיקס האָטעל געווען פונקט ווי אַזעפס אַן אייגנ-העַנטיקע אונטערשריפט וועגן דער ריכטיקייט פון לאָפּוכינס אַלע פאַקטן און אַלע חשדים.

אָבער דער איינדרוק פון דאָזיקן פּאַפּירל איז פונדעסט־וועגן געווען אַ סוביעקטיווער מאַטעריאַל; די פאַקטן, וועלכע אַזעף האָט פאָרגעשטעלט, האָבן געפאָדערט אַן אָפּלייקענונג, אַ קאָנטראָל און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן מיטן דאָזיקן ציל קיין מינכען און בערלין חברים. קיין בערלין איז געפאָרן ד., קיין מינכען — ס., וועלכער האָט גלייכצייטיק דאָרט געדאַרפט וואָרענען די פערזאָנען, מיט וועלכע אַזעף האָט געפירט דעם קאָנספּיראַטיוון געשעפט מיטן אַעראָפּלאַן.

ס. איז אינגיכן צוריקגעקומען, ברענגענדיק פאַקטן דערפאַר, אַז דאָס, וואָס אַזעף האָט געזאָגט פאַלט צונויף מיט דער ווירקלעכקייט.

אויף אַ געלונגענער קאָנטראָל פון די פאַקטן אין בערלין האָט קיינער נישט אויסגערעכנט, ווייל ס'איז קלאָר געווען די שוועריקייט דורכצופירן אַזאַ קאָנטראָל. אַלץ בולטער האָט זיך גענומען אויסשיילן די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער פראַגע: וואָס טוט מען מיט אַזעפן? גיין צו אים מיט אַ פאַרהער און, במילא, באָכן פאַרהער טויטן, ווייל קיינער האָט ערנסט נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ „וווּנדער”, ד. ה., פון פלוצלונגע באַווייזן פון זיין אומשולד? אָבער ווי אַזוי טויטן, נישט האָבנדיק קיין אָביעקטיווע באַווייזן, כדי פאָרצושטעלן זיי דעם געריכט פון דער פאַרטיי, דעם משפט פון אַלע? חוצדעם ווי אַזוי טויטן אויף דער טעריטאָריע פון פאַריזש? די לעצטע פראַגע האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַ האַרבע. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דערמאָרדן אין פאַריזש אַ מענטשן וועט ברענגען מיט זיך גרויסע רעפּרעסיעס פאַר דער גאַנצער עמיגראַציע, דאָס וועט געבן אַ געווער אין די הענט פון דער רוסישער רעגירונג, כדי מיט דער הילף פון דער פראַנצויזישער אָפּצורעכענען זיך מיט אירע שונאים און אַז. וו. לסוף, עס זענען אויפגעקומען טעכנישע שוועריקייטן: אַזעף איז אין זיין דירה (און אין אַ צווייטער וועט מען אים נישט פאַרנאַרן) אַרומגערינגלט מיט דער פאַמיליע, מיט זייטיקע פערזאָנען, און ער דאַרף בלויז שיקן נאָך אַן אַגענט, און יענער וועט צעשטערן אונזערע אַלע פלענער.

דידאָזיקע אַלע מאָטיוון האָבן שטאַרק דענערווירט דעם

ב. ק. זיי זענען נישט צעשלאָגן געוואָרן אין דער הייסער אַנטשלאָסנקייט פאַר יעדן פּרייז צו פאַרניכטן די שלאַנג, איגנאָרירן אַלע איצטיקע און קומענדיקע קרבנות, גיין אין דער דירה און אַ סוף מאַכן. צו שוואַך איז געווען אינערלעך דער פייער פון אויפרעגונג, דער דאָרשט פון נקמה. די מאָטיוון פון ישוב הדעת, פון קריגס-כיטרעקייט האָבן באַקומען די אויבער-האַנט. מען האָט פאַרגעסן, אַז אַזעלכע האָט שוין געשפּירט דעם אומגליק, אָבער ווי אַ געשיקטער שפּילער, וואָס האָט אונז געקענט, איז ער געזעסן אין זיין נעסט, באַשיצנדיק זיך בלויז דורכדעם, וואָס ער האָט נישט געעפנט די טיר, ווען ער פלעגט בלייבן איינער אַליין אין דירה אויפן בולוואַר Raspail № 143. שפּירנדיק אונזער אומאַנטשלאָסנקייט, האָט ער, תוצדעם, געהאָפט אויף אונזער געוויינלעכער אומגעשיקטקייט. ער האָט נישט דערוואַרט קיין נסיעות אויף צו קאָנטראָלירן זיינע פאַקטן און אַנדערע פּראַקטישע שריט. אַ שאַרפע ווענדונג אין אונזער באַציאונג צו אים, אַ ווענדונג, וואָס זאָל צואיילן די בלוטיקע אָפּרעכנונג מיט אים, האָט ער ווינציקער ווי אַלץ געקענט דערוואַרטן און ער האָט נישט דערוואַרט.

דאָס אַלץ האָט אונז געפירט צום אויספיר, אַז ס'איז נאָך דאָ צייט צו פאַרהערן אַזעלכן, און במילא, אויך צו פאַרניכטן אים, מער נישט, מען דאַרף תיכף נעמען צוגרייטן פּאַסיקע באַדינגונגען, גרייטן זיי דאַרף מען מחוץ די גרעניצן פון פראַנקרייך און אַפילו מחוץ די גרעניצן פון יענע מלוכות, וועלכע גיבן געוויינלעך אַ מקום-מקלט עמיגראַנטן.

ס'איז רייף געוואָרן פאָלגנדיקער פּלאַן: איך פאָר קיין איטאַליע און דאָרט געפין איך אַ פּאַסיקן אָרט, ווו מען קען פאַרנאַרן אַזעלכן. דער ספק, צי אַזעלכער וועט פאָרן ערגיץ וווהין, איז באַפרידיקנדיק געלייזט געוואָרן דורך דער השערה, וואָס מען וועט אַזעלכן דערקלערן, אַז דאָס געריכט פאָדערט, ער זאָל דערשיינען פאַר אים (ס'איז באַקאַנט געווען, אַז אַזעלכער האָט אין שמועסן און בריוו אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אים וועט אויסקומען גיין אין געריכט אַריין און בכלל נעמען אַקטיווער זיך פאַרטיידיקן). אַ טייל ריכטער האָט צייטווייליק געלעבט איז די גרעניצן פון איטאַליע, וועגן וואָס אַזעלכער איז געווען אינפאָרמירט.

און במילא האָט אים געדאַרפט פאָרקומען נאַטירלעך דאָס פאָרן אַהין. לסוף, מיר האָבן משער געווען, אַז אַזעף וועט זיך נישט אַנטשליסן אָפּזאָגן זיך פון דער נסיעה אָן שום מאָטיוון, כדי נישט צו געבן אַ גרונט צו וועלכע-נישט-איז ספקות.

באַגלייטן אַזעפן האָבן געדאַרפט צוויי פערזאָן, אויף זיי איז געלעגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט איינצואָרדנען די נסיעה קאָנספּיראַטיוו, גוט אַכטונג-געבנדיק אויף אַזעפן, ער זאָל נישט האָבן קיין מעגלעכקייט קאָמוניקירן זיך מיט דער פּאָליציי און דער רוסישער אָכראַנע.

אָפּרעדנדיק מיט סאַווינקאָוון וועגן אַלערליי פאַרבינדונגען, בין איך סוף דעצעמבער אַרויסגעפאָרן זוכן אַן אָרט, וווהין מען האָט געקענט פאַרנאַרן אַזעפן. מיט מיר איז געפאָרן דער חבר מ. מיר האָבן באַשלאָסן צו זוכן ביי די איטאַליענישע אָזערעס. די אויפגאַבע צו געפינען אַ לאָקאַל, וואָס איז גענוג איזאָלירט און באַקוועם אין אַנדערע הינזיכטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ שווערע.

מיר האָבן געוויסנהאַפט דורכגעשניטן אין דער לענג און אין דער ברייט די אָזערעס לאָקאַרנאָ, קאָמאָ, לוגאַנאָ, מיר האָבן באַטראַכט אַלע ווילעס און האָבן גאָרנישט געקענט געפינען. לסוף, נאָך לאַנגע זוכענישן האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן צופעליק אויף אַ ווילע, וועלכע איז געווען באַקוועם אין אַלע הינזיכטן. לחלוטין איזאָלירט, מיט אַ גראָט, אַ שיפל און אַ געהיימען גאַנג. דער פּלאַן צו פאַרניכטן אַזעפן איז געווען לייכט אויסצופירן און אַפילו פאַרווישן די שפּורן. דער באַלעבאָס פון דער ווילע איז מסכים געווען צו פאַרדינגען די ווילע און מיר האָבן שוין געהאַט באַשלאָסן שליסן מיט אים ענטגילטיק דעם אָפּמאַך, דערביי האָט דער חבר מ. געדאַרפט פאָרן קיין פּאַריזש, און איך — בלייבן ווינען אין דער ווילע, צוגרייטנדיק זיך צו באַגעגענען אַזעפן.

אויפן וועג צום באַלעבאָס פון דער ווילע האָבן מיר באַקומען אַ טעלעגראַמע פון פּאַריזש, אין וועלכער מען האָט אונז מיטגעטיילט, אַז אַלץ איז פאַרענדיקט, ד. ה., מען דאַרף גאָרנישט אונטערנעמען, נאָר פאָרן תיכף קיין פּאַריזש.

כ׳בין זיך מודה, ווען איך האָב דורכגעלייענט „אַלץ איז

פֿאַרענדיקט", איז מיר אויף אַ רגע דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק: און אפֿשר איז דאָס אַלץ אַ מיראַזש, אַלע באַשולדיקונגען אין פּראָוואָקאַציע, אַלץ, וואָס איז פֿאַרטראַכט געוואָרן: סיי דער פּלאַן צו פֿאַרניכטן אַזעפֿן, סיי דער שטריק, וועלכן איך האָב זיך געקליבן רואיק אַרויפֿוואַרפֿן אויף זיין מוסקולעזער האַלז.

אויף אַזוי ווייט איז שווער געווען דער איבערגאַנג פֿון אַזעפֿן — דעם חבר צו אַזעפֿן דעם פּראָוואָקאַטאָר און אויף אַזוי ווייט איז דאַן שווער געווען דער געדאַנק וועגן דער עקזיסטענץ פֿון פּראָוואָקאַציע בכלל.

אין פּאַריזש האָט דערוואַרט אַ נייעס — אַזעף איז אַנטלאָפֿן ביינאַכט נאָכן פֿאַרהער...

מיר וואָלט שווער געווען צו געבן אַ גענויעם ענטפֿער אויף דער פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָט מען דערלאָזן, אַז אַזעף זאָל אַנטלויפֿן. פֿאַרוואָס איז מען נישט געגאַנגען צו אים מיטן באַשלוס צו פֿאַרניכטן אים נאָכן פֿאַרהער און מען האָט נישט אָנגענומען קיין מיטלען אים נאָכצושפּירן און פֿאַרהאַלטן, אויב ס'איז נישט געווען קיין באַשלוס צו פֿאַרניכטן. די שוועריקייט דאָס צו טאָן זיך דערפֿון, וואָס איך בין נישט געווען די לעצטע טעג פֿאַרן סוף און במילא האָב איך נישט געקענט באַאָבאַכטן און אויפֿנעמען די אַטמאָספֿער, וועלכע האָט אַרומגענומען די פּערזאָנען, וועלכע זענען געגאַנגען אויפֿן פֿאַרהער צו אַזעפֿן, און יענע באַשלוסן, וועלכע זענען פֿאַראויסגעגאַנגען יענעם טריט. קלאָר איז פֿאַר מיר בלויז איינס: די אַטמאָספֿער פֿון אומאַנטשלאָסנקייט, די געפּענטעטקייט פֿון די האַנדלונגען, וועגן וואָס איך האָב גערעדט פֿריער האָט נישט אויפֿגעהערט צו הערשן ביז דער לעצטער שעה. עס האָט אויך נישט אויפֿגעהערט צו הערשן די זיכערקייט, אַז אין פּאַריזש קען מען אַזעפֿן נישט אומברענגען, — שוין נישט ריידנדיק וועגן דעם, אַז דאָס טויטן אָן אָביעקטיווע באַווייזן, אָן אַ פֿאַרהער און דער קאָנטראָל פֿון דעם באַשולדיקטנס דערקלערונגען, איז פֿאַרגעקומען אוממעגלעך. און דאָס אַלץ צוזאַמען, דידאָזיקע גאַנצע אַטמאָספֿער פֿון פֿאַרלוירנקייט, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן דורכן כאַאָס פֿון מיינונגען, שטימונגען, איז, פֿאַרשטייט זיך, געקומען צום

אויסדרוק אויך אינם מאַנגל פון פראַקטישע מיטלען אין פאַל פון אַ פאַרהער און נאָכן־פאַרהער. דער איבערגאַנג פון אַזעף דעם חבר צו אַזעפן — דעם פראָוואָקאַטאָר איז געווען נישט לויט די כּחות נישט נאָר פאַר די מיטגלידער פון צ. ק., נאָך אויך פאַר אַזעלכע מענטשן, ווי די טעראָריסטן, ווען ס'איז געווען לייכטער, ווי אַנדערע, אויסצוציען די האַנט צום בראַונינג, ווען עס איז לייכטער געווען אויסצואַרבעטן און צו פאַרווירקלעכן פראַקטישע מיטלען, כּדי דער חשודער, אָבער נישט דעמאַסקירטער פראָוואָקאַטאָר זאָל נישט אַנטרינען...

און קיינער האָט דאָס נישט געטאָן, און קיינער האָט זיך נישט באַמיט צו טאָן עפּעס ענלעכעס אין דער שפּעטערדיקער צייט. אַלע זענען געווען איבעראַשט, נידערגעשלאָגן דורך דער פּלוצימדיקייט פון ריזיקן פאַקט פון פראָוואָקאַציע. מען האָט זיך פאַרלוירן.

עס בלייבט צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דער טעטיקייט פון צ. ק. נאָך אַזעפס אַנטלויפן. כ'וועל נישט באַרירן די אַלגעמיין־באַקאַנטע פאַקטן: די געדרוקטע אַרויסטרעטונג פון צ. ק. וועגן אַזעפס פראָוואָקאַציע, דעם שטורעם פון עמפּערונג און צאָרן — אמתן און צביעותדיקן, — וועלכן עס איז אויסגעקומען איבערצולעבן אין פּאַריז און אין אויסלאַנד, דאָס שמוץ, מיט וועלכן עס האָבן געוואָלט פאַרוואַרפן די מיטגלידער פון צ. ק. אייניקע, אמת, נישט קיין צאָלרייכע עלעמענטן פון דער אויסלענדישער קאָלאָניע, דעם תּיכּפדיקן באַשלוס פון צ. ק. אָפּצולייגן זיינע פולמאַכטן און פאָדערן אויף זיך אַ משפּט און אַז. וו. כ'וועל זיך באַנוגענען מיט אָנווייזן דערויף, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן, כּדי קלאָר צו מאַכן דעם פאַרנעם פון אַזעפס פראָוואָקאַציע און כּדי אויפצוזוכן אים גופא.

קודם־כּל איז באַשלאָסן געוואָרן צו זיכערן יענע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען אַזוי צי אַנדערש געווען פאַרבונדן מיט אַזעפן אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. דערנאָך איז באַשלאָסן געוואָרן צו זאַמלען מאַטעריאַל, וואָס באַלויכט אַזעפס פולע ראָל אין דער פאַרטיי (אין דאָזיקן פּרט איז געטאָן געוואָרן זייער ווייניק, כּמעט גאָרנישט).

די זאַכן, וועלכע אַזעף האָט איבערגעלאָזן אין דער

דירה, האָבן נישט פאַרגעשטעלט מיט זיך קיין שום אינטערעס (אַחוץ דער דערמאָנטער פּאָטאָגראַפיע פון מאַטראַז און זיין געזעגענונגס־בריוו), אַלדאָס ווערטפולע האָט ער פאַרניכטעט אָדער מיטגענומען מיט זיך, וואָס — איז שווער צו זאָגן. יעדנפאַלס, אַלע אַדרעסן, דאָס גאַנצע געלט, בריוו.

צווישן זיינע פּאַפּירן האָט מען געפונען אַ מיטטיילונג פון אַ בערלינער באַנק וועגן די פּראָצענטער פון עפּעס אַזעפּס אַ קאַפּיטאַל, וועלכער ליגט דאָרט. דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן אַזעפּס געלט־אָפּעראַציעס. ווייטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער האָט צוגענומען עטלעכע טויזנט רובל פּאַרטיי געלטער, וועלכע זענען אין דער לעצטער צייט אַסיגנירט געוואָרן אויף אַן אויסלענדישער קאָנספּיראַטיווער אַקציע. וויפל ער האָט אינגאַנצן צוגענומען אין משך פון דער לאַנגיאָריקער פּראַקטיק, איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך געווען פעסטצושטעלן. אין הכנסות, אַחוץ זיין רעגירונגס־געהאַלט, האָט ער זיך געוויס געניטיקט. זיין מאַקסימאַלער געהאַלט האָט דערגרייכט, אויב מען זאָל נישט רעכענען די פּרעמיעס פאַר באַזונדערס וויכטיקע ענינים (ווי, למשל, דאָס אַרויסגעבן גערשונין), 600 רובל אַ חודש. לאָפּוכין האָט דערמאָנט, אַז אַזעף פלעגט אָפּט דערעסן מיט בקשות וועגן הוספות.

מיר האָבן פּרובירט אויסגעפינען אַזעפּס וווין־אָרט. געוויס, נישט באַזיצנדיק יענע מיטלען און מעגלעכקייטן, וועלכע עס פאַרמאָגט זאָל זיין אַפילו די געוויינלעכע געהיים־פּאָליציי, האָבן מיר נישט געקענט דערגרייכן עפּעס ווערטפולס. צוויי מאָל זענען די חברים געפאָרן אין געויעג נאָך אַזעפן, וועלכן מען האָט, לויט די ידיעות, געזען דאָ אין איינער פון די אויסלענדישע שטעט, דאָ אויף דער גרעניץ פון רוסלאַנד. די ערשטע צייט האָט מען אים „געזען" אומעטום; כסדר פלעגן זיך מעלדן פּערזאָנען, אָפּט אומבאַקאַנטע און אַפילו אויסלענדער, מיט ידיעות וועגן באַגעגענישן מיט אַזעפן. אויף די פּאַריזשער גאַסן זענען צעקלעפּט געוואָרן אַפישעס מיט זיין פּאָרטרעט, און די בולוואַר־פּרעסע איז פול געווען מיט ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון „גרויסן פּראָוואָקאַטאָר".

דאָס זוכן אַזעפן איז געווען אומזיסט, און דער פאַרלאַנג

פאַרנעמען זיך דערמיט איז אויך אינגיכן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דער קלאַפּ, וואָס איז אונז דערלאַנגט געוואָרן דורך אַנטדעקן אַזעפן, איז געווען פון ריזיקער קראַפט. עס זענען אונטערגעריסן געוואָרן די מאָראַלישע יסודות, עס איז אונטערגעריסן געוואָרן די אינערלעכע פעסטקייט פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַזירט אויפן פּרינציפּ פון קעגנזייטיקן צוטרוי. עס האָבן זיך אָנגעהויבן קעגנזייטיקע חשדים, עס האָבן זיך גענומען שיטן ידיעות וועגן דער אומזיכערקייט פון אַ סך פּערזאָנען, עס האָבן גענומען אַרבעטן אויספאָרשונגס-קאָמיסיעס. עס זענען מעגלעך געוואָרן אַזעלכע אָנשויאונגען, ווי, למשל, די פּאָפּולער-געוואָרענע פראַזע פון איינעם פון די גאַנץ חשובע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וועלכער האָט געאַרבעט אין אויספאָרשונגס-וועזן: „יעדער מיטגליד פון דער פּאַרטיי איז אַ פּאָטענציעלער פּראָוואָקאַטאָר". ס'איז אָנגעקומען דער פּעריאָד פון צעפאַלונג און ירידה. פון אויסלאַנד האָט זיך דידאָזיקע אַטמאָספער אַריבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד, אומעטום זענען אויפגעקומען די זוימען פון אומצוטרוי און ספק.

כ'וועל צום סוף דערציילן צוויי עפּיזאָדן פון דער עפּאָכע, ווען מען האָט אַרומגעזוכט אַזעפן, עפּיזאָדן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיר פּערזענלעך.

דאָס איז געווען אין האַרבסט פון די יאָרן 1910—1911. דער באַן האָט מיך געטראָגן פון בערלין קיין פּאַריז. איך בין געזעסן ביי אַ טישל פון וואַגאָן-רעסטאָראַן, קוקנדיק צעטראָגן אין פענסטער אויף די אָנלויפנדיקע געביידעס פון עפּעס אַ סטאַציע. מיטאַמאָל האָט מיך עפּעס אַ שטויס געטאָן און געצוואונגען עפענען די אויגן. פון צווייטן עק וואַגאָן האָט אויף מיר געקוקט אַ פּנים, אַזעפס פּנים. דערנאָך האָט זיך אויפגעהויבן אַ גראָבע (אַזעפּשע) פיגור און האָט שנעל גענומען גיין צום אַרויסגאַנג. גובר זייענדיק דעם מאָמענט פון וואַקלעניש צוליב דער אומגעריכטקייט, בין איך אויפגעשפּרונגען פון אָרט און נאָכגעלאָפן דעם הער. וואָס איך דאַרף פון דאָזיקן הער — כ'האָב נישט געוווּסט, וואָס איך וועל טאָן מיט אים — האָב איך נישט געטראַכט (קיין געווער האָב איך נישט געהאַט ביי זיך). הינטער דער טיר איז דער הער נישט געווען, אויך אין דער נאָענט איז ער נישט געווען. איך בין דורך אַהין און צוריק אַלע וואַגאָנעס, אויפמערקזאַם

פאַרקוקנדיק אין די קופּעס און אוביקאַציעס. דערדאָזיקער הער איז אין ערגיץ נישט געווען.

צי איז דאָס געווען די פּרוכט פון דער צערודערטער פאַנטאַזיע אָדער דער „הער" איז געווען אַ רעאַליטעט און ער האָט שנעל באַוויזן אַראָפּצוגיין פון באַן, וועלכער איז אין די דאָזיקע מינוטן געפאָרן מיט אַ פאַרלאַנגזאַמטן טעמפּ?

דער צווייטער עפּיזאָד האָט אין זיך מאַטעריאַל פאַר אַ קינאָמאַטאָגראַפישן בילד.

דאָס איז געווען אין די יאָרן 1911—1912. קיין פּאַריזש איז אָנגעקומען אַ ידיעה וועגן דעם, אַז אַזעף געפינט זיך אין בערלין. די ידיעה האָט געשטאַמט פון בערלין, פון אַלטע פּאַרטיי־מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעצייכנט געקענט אַזעפן, און דעריבער האָט מען נישט געקענט קלערן וועגן אַ טעות. די ידיעה איז געווען אַן ערנסטע. מיטנעמענדיק אַ בראַונינג בין איך אָפּגעפאָרן קיין בערלין. און ס'האָט זיך טאַקע אַרויסגעשטעלט, אַז אַזעפן האָט מען געזען אין בערלין. מען האָט אים אויסגעשפּירט, און ער וווינט אין אַ סאַנאַטאָריע הינטער דער שטאָט אונטער אַזאַ און אַזאַ פאַמיליע. מען האָט געמוזט גיין אין אָנגעוויזענעם אָרט, כּדי איבערצייגן זיך אין דער ריכטיקייט פון די ידיעות. אָבער דאָ האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף אַ גרויסער שטערונג: איך האָב נישט געקענט קיין דייטש און, חוצדעם, האָב איך אים נישט געקענט אויסשפּירן אַפילו פונדערווייטנס, ווייל אַזעף האָט מיך אויסגעצייכנט געקענט.

וואָס טוט מען?

צום גליק האָט זיך אָפּגעזוכט איינער אַ דייטש (אגב אורחא האָט ער מיט זיין פּנים און פיגור שטאַרק דערמאָנט אָן אַזעפן), — דער סעקרעטאַר פון איינעם אַ ס.־ד.־שן דעפּוטאַט. דערוויסנדיק זיך וועגן אינהאַלט פון מיין מיסיע און נעמענדיק אַ פאַרפליכטונג נישט אָפּרעכענען זיך מיט אַזעפן אין בערלין, האָט דער דעפּוטאַט געגעבן צו הילף זיין סעקרעטאַר. איך בין מיטן דייטש אַוועק־געפאָרן צו דער סאַנאַטאָריע. דער פּלאַן האָט געדאַרפט זיין אַזאַ. דער דייטש וועט אַריינגיין אין דער סאַנאַטאָריע און וועט זיך באַמיען אַרויסרופן „אַזעפן" מיט אַ וואָרשיינלעכן אויסרייד. איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף די רעזולטאַטן אין שכנותדיקן

קאַפע־הויז. פון קאַפע־פענסטער האָט מען געזען די טיר פון דער סאַנאַטאָריע. כ׳זע, מיין דייטש גייט צו, קלינגט. ס׳עפנט זיך די טיר, ס׳באַווייזט זיך אַ גרעטכען. זיי שמועסן וועגן עפעס. דערנאָך קערט זיך דער דייטש אום צו מיר. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז די געפאָדערטע פערזאָן איז ווירקלעך באַקאַנט דער סאַנאַטאָריע. זי האָט דאָ געוווינט, אָבער נישט לאַנג־צוריק איז זי אַריבערגעפאָרן קיין בערלין אויף אַ שטענדיקן אַדרעס (דאָ גיט ער מיר איבער דעם אַדרעס). מיר קוקן נאָך אין אַדרעס־בוך, און מיר געפינען דיזעלבע פאַמיליע און דערנעבן דעם נאָמען פון אַ פירמע פאַר האָלץ־באַאַרבעטונגען. מאָדנע: אַזוף אַלס לעגאַלער באַלעבאָס פון עפעס אַ פירמע. באַשליסן מיר אַזוי: דער דייטש וועט אָנקלינגען דורכן טעלעפאָן און ער וועט בעטן ביים באַלעבאָס אַ זעאונג אין אַ ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו זיין פירמע. דער דייטש קלינגט. פון נייגעריקייט נעם איך דעם טעלעפאָן־טרייבל, און אַ באַקאַנטער רוס אַ צווייטן טרייבל; מיר הערןביידע דעם שמועס. און אַ מאָדנע זאַך: דער קול, וואָס ענטפערט אויף די פראַגן פון אונזער דייטש, איז ענלעך אויף אַזעפס קול: אַ רואיקער, מיט הפסקות און פון זעלבן טעמבר. דער באַלעבאָס פון דער פירמע איז מסכים אויף דער זעאונג און היות ער פאָרט אָפּ מאָרגן פרי פון בערלין, בעט ער קומען אויפן פאָטסדאַמער וואָקזאַל פונקט אין דער און דער שעה. די זעאונג קען מען איינאָרדנען אויפן וואָקזאַל. ער וועט קומען צופאָרן אויף אַ דראָשקע. ער האָט געגעבן אַ קורצע באַשרייבונג פון דער אויסערלעכקייט (אין אַלגעמיין אַן אַזעף־ענלעכע).

אינדערפרי, אין דער באַשטימטער שעה זענען מיר שוין אויפן וואָקזאַל. דער דייטש ביים סאַמע צופאָר, מיר (איך מיטן רוסישן חבר) פונדערווייטנס. עס פאָרט צו אַ דראָשקע; אונזער דייטש גייט אים אַנטקעגן נישט אָן אויפרעגונג. אָבער איך זע שוין פונדערווייטנס, אַז דער פּאַסאַזשיר איז קנאַפּ וואָס ענלעך אויף אַזעפן, און איך גיב אַ אַנטשפּרעכנדיקן צייכן אונזער מיטהעלפער.

די דראָשקע איז צוגעפאָרן, און פון דער דראָשקע איז אַראָפּגעקראָכן נישט דער גרויסער פּראָוואָקאַטאָר, נאָר דער געוויינלעכסטער גראָבער בירגער אין דער באַגלייטונג פון אַ יונגער

טאָכטער. אונזער דייטש האָט פונדעסטוועגן עפּעס געשמועסט מיט אים.

דערנאָך, ווען מיר זעגען זיך צונויפגעקומען, האָבן מיר זיך אַלע דריי פריילעך פאַנאַנדערגעלאַכט.

אַזעף איז פאַרשווונדן געוואָרן אָן אַ שפּור. מען האָט אים אויפגעהערט אַרומצוזוכן. די העכסטע אויספאָרשונגס-קאָמיסיע (באַך, לונקעוויטש, ס. איוואַנאָוו, בלעקלאָוו) האָט צונויפגעקליבן אַ גרויסן אויספאָרשונגס-מאַטעריאַל און האָט פאַרעפנטלעכט איר באַשלוס וועגן דעם שאָדן, וועלכן אַזעף האָט געבראַכט און וועגן די אַלגעמיינע באַדינגונגען, וועלכע האָבן באַגינסטיקט זיין לאַנגע און אומבאַשטראָפטע טעטיקייט.

בלויז נאָך איין מאָל האָט מען געשפּירט אַזעפס דערשיינונג: דאַן, ווען וו. בורצעוו האָט אין די יאָרן 1910—1911 מודיע געווען דער אויסלענדישער דעלעגאַציע פון דער פאַרטיי-סאָצ.-רעוו., אַז ער האָט זיך געזען מיט אַזעפן, און אַז ער וועט גערן זיך שטעלן פאַרן פאַרטיי-געריכט, אָבער מיטן תנאי מען זאָל אים גאַראַנטירן זיין זיכערקייט. דער צענטר האָט אָפּגעוואָרפן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג, און ס'איז געבליבן אומבאַוווּסט, וואָס האָט געשטעקט הינטער אַזעפס דאָזיקן מאַנעוור און וועגן וואָס ער האָט געשמועסט מיט וו. בורצעוון.

בעת דער וועלט-מלחמה האָבן זיך אין די צייטונגען באַוויזן ידיעות וועגן דעם, אַז אַזעף וווינט דאָ אין ווין, דאָ ערגיץ-ווּ אין דייטשלאַנד. נאָך דערדאָזיקער ידיעה איז געקומען אַ צווייטע, אַז אַרעסטירט דורך דער דייטשישער מאַכט איז אַזעף געשטאָרבן.

די געשיכטע פון יעוונאָ אַזעפס פאַרראַט

ל. אַ. ראַטאַיעוו

ל. ראַטאַיעווס בריוו צו נ. פּ. זועוון.

טייערער פריינט,

ניל פּעטראָוויטש!

מיר זענען באַקאַנט נישט מער און נישט ווינציקער, ווי פערציק יאָר, מיר האָבן לאַנג צוזאַמען געדינט, און איין צייט אַפילו זייער נאָנט. מיר האָבן תּמיד געלעבט ווי פריינט, דו קענסט מיך גוט, דו קענסט מיין פאַרגאַנגענע דינסט און מיין באַציאונג צו איר, און דעריבער וועסטו איינער אפשר פאַרשטיין, ווי שווער מיר איז געווען קומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַזעף האָט פאַרראַטן, און סאַראַ גייסטיקע ליידן מיר האָט געקאָסט דאָס צונויפשטעלן דעם מעמאָריאַל וועלכן איך לייג דאָ ביי.

שוין נישט רייידנדיק וועגן פאַקט גופא פון פאַרראַט, דריקט מיך נאָך אָט־וואָס. פון אַלע פּערזאָנען, וועלכע זענען פאַרהערט געוואָרן אַלס עדות אין ענין־לאָפּוכין, בין איך דער עלטסטער אין אַמט און איך האָב בעסער פאַר אַלעמען געקענט אַזעפס קאַריערע, און דעריבער איז, נאַטירלעך, מיין גבית־עדות געווען גאָר געניי און ברייט. ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז כ׳וואָלט איצט נישט געקענט ענדערן קיין איין וואָרט אין מיין גבית־עדות, בפרט, אַז ער פאַרמאָגט נישט קיין איין וואָרט, וואָס זאָל נישט באַזירן אויף אַן אומצווייפלהאַפטן דאָקומענט, אָבער (ווי איך זאָג אין מיין מעמאָריאַל) אין מיין דאָזיקן גבית־עדות איז דאָ דאָס, וואָס איך פאַרמאָג נישט איצטער, נעמלעך: דער טאָן פון טיפער אויפריכטיקער איבערצייגונג. אָט־אָ דער טאָן, האָב איך מורא, האָט געקענט האָבן אַ געוויסע ווירקונג און אפשר באַשווערן דעם אַזוי אויך שווערן גורל פון אָרימען לאָפּוכין. איך ווייס און כ׳פאַרשטיי אויסגעצייכנט, אַז לאָפּוכין האָט געליטן נישט דער־

פאַר, וואָס ער האָט געגלויבט אין אַזעפּס שולד, נאָר צוליב די מיטלען וועלכע ער האָט אָנגעווענדט כּדי אים צו דעמאַסקירן, מיטלען, וועלכע פּאַסן זיך לגמרי נישט צו זיין פריערדיקער דינסט-לאַגע, פונדעסטוועגן קען איך נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב מיט לאָפּוכינען געלעבט און געדינט ווי פריינט, און אַז צו מיר, ווי צו אַ מענטשן, האָט ער זיך תּמיד באַצויגן גוט און פריינטלעך, און מיר איז וויטאָקדיק און שווער צו גלויבן, אַז איך האָב נישט-ווילנדיק אין אַ וואָסער נישט איז מאָס געקענט ווירקן נעגאַטיוו אויף זיין גורל. כּל זמן איך האָב געגלויבט אין אַזעפן, זענען מיר אַזעלכע געדאַנקען נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אָבער איצט בייט זיך די לאַגע.

באַרירנדיק דעם אייגנטלעכן אינהאַלט פונם מעמאָריאַל מוז איך באַמערקן, אַז אויפן ערשטן קוק אַנטהאַלט ער אַ סתּירה. פון מיינע ווערטער קען מען אַרויסדרינגען, אַז אויך פאַר פּלעווען איז דאָרט נישט אַלץ געווען אין אָרדנונג, און צוליב דעם, וואָס פּלעווע האָט עפּעס געוואָלט בעסער-מאַכן, איז אַלץ געוואָרן נאָך ערגער. דידאָזיקע סתּירה איז בלויז אַ קלאָמפּערשטע. ס'איז גוט דורכצופירן רעפאָרמען דאַן, ווען בראש פון אַמט שטייען פּערזאָנען, װאָס זענען נאָנט באַקאַנט מיטן ענין, וועלכע קענען זיינע שטאַרקע און שוואַכע זייטן, אָבער דאַן, ווען אָנהויבנדיק פון מיניסטער און ענדיקנדיק מיטן קלענסטן שרייפעלע פון דעפּאַרטאַמענט זיצן אַלץ נייע מענטשן, וועלכע דאַרפן זיך נאָך אַליין לערנען דעם פאַך, ווערט אַלץ אַראָפּגעשלאָגן פון טראָפּ, און אַלס רעזולטאַט באַקומען זיך אַזעלכע פאַרקריפּלטע דערשיינונגען, ווי אַזעפס לאַנגיאָריקע, אומבאַשטראָפטע, פאַרברעכערישע טעטיקייט.

דערמאָן זיך נאָר, ווי אַזוי עס האָבן געמאַכט אַ קאַריערע אין דעפּאַרטאַמענט זוואָליאַנסקי, סעמיאַקין, צי אַ סך אַנדערע. דאַן פּלעגט מען דורכמאַכן דעם דינסט פון די נידעריקסטע אַמטן, מען פּלעגט אים דורכמאַכן אין משך פון צענדליקער יאָרן, און מען פּלעגט נישט קומען גלייך פון גאַס כאַפּן שטערנס, און לויט מיין מיינונג איז דעם פאַרשטאָרבענעם פּלעוועס גרעסטער טעות באַ-שטאַנען אין דעם, וואָס נישט האָבנדיק נאָך קיין צייט זיך אַרומ-צוקוקן האָט ער אין אַזאַ שווערע צייט באַזייטיקט זוואָליאַנסקין, און נישט דערפאַר, ווייל יענער איז געווען אַ שלעכטער דירעקטאָר, נאָר בלויז דערפאַר, ווייל אים פּערזענלעך איז ער נישט געפעלן געווען...

דו ביסט אין יענער צייט געווען ווייט פון פּאָליטיק, אָבער דיר פלעגט אויסקומען נישט זעלטן צו פאַרבייטן דעם אָפּוועזנדיקן דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט און דו האָסט, מסתמא, באַמערקט די הפקרדיקייט און הילפלאָזיקייט, אין וועלכע עס האָט זיך דאַן געפונען די פּאָליטישע פּאָליציי. דאָס איז נאָך אָבער נישט אַלץ. נעבן דער שוואַכקייט פון דער מלוכה־פּאָליציי האָט זיך אויך געשפּירט אַ פולשטענדיקער מאַנגל פון וועלכע־נישט־איז ווירקונגס־מיטלען אויף דער זיך אָנרוקנדיקער רעוואָלוציע. די פאַרשיקונגען האָבן עקזיסטירט בלויז אויפן פּאַפּיר. פון דער פאַרשיקונג פלעגט נישט אַנטלויפן בלויז דעריעניקער, ווער עס האָט דאָס נישט געוואָלט, ווער עס האָט, צוליב פּערזענלעכע טעמים, נישט געדאַרפט אַנטלויפן. קיין תפיסה האָט בכלל נישט עקזיסטירט. ביים דעמאָלטיקן תפיסה־רעזשים האָט דער רעוואָלוציאָנער, אַריינפאַלנדיק אין תפיסה, אומגעשטערט ווייטער געפירט זיין פריערדיקע טעטיקייט. דו געדענקסט מסתמא דעם באַרימטן פאַקט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך דער אויספאָרשונג, אַז דער קיעווער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט, וואָס איז געזעסן אין פולן באַשטאַנד אין קיעווער תפיסה, האָט אָנגעפירט אין שטאָט מיטן שטרייק און אַרויסגעלאָזן אויפרופן. איך וועל שוין נישט באַרירן די תקופה וואָס נאָך פלעווען, ווען דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט זיך געצאַפּלט אין אומזיסטע אָנשטרענגונג צו געפינען דעם גאָלדענעם מיטן צווישן האַרציקער זאָרגעוודיקייט און אַ שטאַרקער האַנט.

בלויז אויפן דאָזיקן פאָן פון אַלגעמיינער קראַפטלאָזיקייט זענען מעגלעך אַזעלכע דערשיינונגען פון פאַרברעכערישער טעטיקייט, וועלכע סאַווינקאָוו באַשרייבט. זיין ווידוי איז די טרויעריקסטע און באַלערנדיקסטע דערציילונג, וועלכע איך האָב ווען־נישט־איז געלייענט. דעם שווערסטן איינדרוק מאַכט די באַשרייבונג, פון אַטענטאַט פון 18־טן מערץ 1904־טן יאָר ביים סאַמע בנין פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. כ׳ווייס נישט, ווי אויף דיר, נאָר אויף מיר האָט זי געווירקט דערדריקנדיק. ס׳פרעגט זיך, צו וואָס־זשע דאַרף מען האָבן דידאָזיקע אַלע אָכראַניקעס, פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַרן, מיט איין וואָרט דידאָזיקע אַלע, אויף וועלכע מען פאַרלאָזט זיך אין אַזעלכע פאַלן. און דערביי קומט נישט־ווילנדיק

אויף אַן אומרואיקער געדאַנק, צי דען איז מעגלעך עפּעס ענלעכס אין דער איצטיקער צייט.

איבערגייענדיק צו אַזעפּן, האָלט איך פאַר ריכטיק, אויפן סמך פון די פאַרשיידנסטע פאַקטן, די מיינונג, אַז אָנהויבנדיק פון באַגדאַנאָוויטשעס מאָרד האָט ער אָנטיילגענומען אין אַלע אַטענטאַטן און מאָרדן ביזן לעצטן טאָג פון זיין דינסט, דערביי האָט ער אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיט דערמאָרדן פלעווען, טאַטאַראָוון און גאַפּאָנען. ביי די איבעריקע האָט ער גענומען אַן אומדירעקטן אָנטייל. דאָס איז נאָך אָבער ווינציק... דו שמייכלסט איצט, מסתמא. אַזעף האָט געאַרבעט נישט נאָר פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע, נאָר ער האָט געלערנט אויך די אויסלענדישע. אָנהויב 1905-טן יאָר האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַן ערנסטע אָרגאַניזאַציע פון אַרמענער-דראָשאַקיסטן און מאַקעדאָנישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די רוסישע טעראָריסטן און האָבן אַריינגעפירט, דורכן שוואַרצן ים, דער עיקר אויפן קאַווקאַז, געווער און אויפרייס-שטאָפן. נישט באַפרידיקנדיק זיך מיט מיין פּערזענלעכער נסיעה קיין באָלגאַריע און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, האָב איך אַהין קאָמאַנדירט אַזעפן, וועלכער האָט זיך גענוי באַקענט מיט דער אָרגאַניזאַציע און מיר מודיע געווען זייער וויכטיקע און אינטערעסאַנטע ידיעות, וועלכע איך האָב איבערגעגעבן אין מיין באַריכט דעם פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט אונטערן № 88 אין יאָר 1905 און אין די ווייטערדיקע יאָרן.

אינגיכן נאָך אַזעפס אָפּפאָר פון באַלקאַנישן האַלבאינזל, מיר דוכט, אַז דעם 11-טן אָדער דעם 12-טן יולי 1905-טן יאָר, איז פאָרגעקומען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין דער געגנט פון אילדיז-קיאָסק, בעתן סעליאַמליק, אַן אַטענטאַט אויפן לעבן פון היינט אַראָפּגעזעצטן סולטאַן אַבדול-האַמיד, און טאַקע דורכן זעלבן אופן, וועלכן אַזעף האָט געוואָלט אָנווענדן קעגן וו. ק. פלעווע, ד. ה., מיט דער הילף פון אַ אויטאָמאָביל, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט דינאַמיט, און אויף וועלכן עס זענען געקומען אויפן פּאַראַד צוויי באַרימטע אויסלענדער. ווייזט אויס, אַז אַזעף האָט אויסגעפירט דעם דינסט-אויפטראַג לויט זיין פּרינציפּ „אַ צייט פאַר אַרבעט, אַ צייט פאַר שפּילן זיך", ער האָט צוגעטראַכט און דורכגעפירט צוזאַמען מיט די אַרמענער אַן

אַטענטאַט אויפֿן סולטאַן, און דערנאָך, לויט זיין געוווינהייט, איז ער בשלום אַוועקגעפֿאָרן אַהיים. וועסט זען, אַז דאָס איז נישט מיין פֿאַנטאַזיע, און אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועט זיך דאָס באַשטעטיקן.

אין מיין מעמאָריאַל רעקאָמענדיר איך, צווישן אַנדערעס, (כּדי ענטגילטיק קלאָר צו מאַכן אַזעפֿס פֿאַרברעכערישע טעטיקייט) אויסצופֿאָרשן סאַזאָנאָוון און סיקאָרסקין. ס'וואָלט נישט געשאַדט געניי פֿעסטצושטעלן די לאַגע, ביי וועלכער ער איז אָנגעקומען אין דינסט פֿון גענעראַל געראַסימאָוו, ווייל נאָך מענשטשיקאָווסקי'ס מסירה אויף אים און טאַטאַראָוון איז אַזעף אַוועקגעפֿאָרן קיין אויסלאַנד און ער איז געשטאַנען ווייט פֿון דער אַרבעט, און דערנאָך אין מערץ 1906-טן יאָר איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין פּעטערבורג מיט אַ פּאַלשן פּאַס, בעת ער האָט נאָכגעשפּירט פּ. נ. דורנאָוואָן. נעם אין אַכט, אַז ער האָט זיך נישט געמאָלדן אַליין, נאָר ער האָט זיך אָנגערופֿן ערשט דאַן, ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעזעסן דריי מעת-לעת אין אַ קאַמער פֿון דער אָכראַנע. דאָס אַלץ איז געהיימנישפֿול. חוצדעם טאָר מען נישט איגנאָרירן פּנחס רוטענבערגס דערציילונג וועגן אַזעפֿס ראָל אין גאַפּאָנס מאָרד („בילאָע” 1907-טן יאָר, 11—12 №, ז. 19 — 115).

לסוף, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ געשיכטע מיט אַן אַטענטאַט אויפֿן קייזער בעתן שווימען אויף דער יאַכט, אַן אַטענטאַט, וואָס איז, לויט די רעוואָלוציאָנערן, באַטראַכט און אָרגאַניזירט געוואָרן דורך אַזעפֿן, און ס'האָט זיך בלויז דערפֿאַר נישט איינגעגעבן, ווייל דער אויספֿירער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין צווייטן טריט פֿון זיין מאַיעסטעט, האָט זיך אין לעצטן מאָמענט דערשראָקן און זיך נישט דערוועגט דאָס צו טאָן.

לויט די ידיעות, וועלכע איך פֿאַרמאָג, האָט אַזעף אַ פּאַס אויף דער פֿאַמיליע ליפּטשענקאָ, וווינט אין די גרעניצן פֿון עסטרייך און דייטשלאַנד, אַריבערפֿאָרנדיק פֿון איין אָרט אין צווייטן, ער קומט אין ווין, אין דעסאַו (אַנהאַלט) און אָפֿטער פֿאַר אַלץ אין בערלין, וווּ ער באַקומט בריוו לויטן פֿאָלגנדיקן אַדרעס: Berlin, Postamt № 68, Lindenstrasse Herrn Lip-tschenko postlagernd.

ווי נאָר דער קייזער איז אָנגעקומען אין די גרעניצן פֿון דייטשלאַנד, האָב איך געאיילט איבערגעבן דידאָזיקע ידיעות

אַ. אַ. קראַסילניקאָוון אין נאַוהיים, ווייל וועד ווייס אויף וואָס עס קען זיך אַנטשליסן דערדאָזיקער פאַרברעכער פדי צו רעהאַביליטירן זיין רעוואָלוציאָנערישקייט. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אין זיין בריוו פון 7 יאַנואַר 1909-טן, צו די מיטגלידער פון צ. ק., האָט אַזעף צוגעזאָגט, אַז כדי צו רעהאַביליטירן זיין כבוד וועט ער אויספירן אויף אייגענער אחריות יענע טאַטן, וועלכע ער האַלט פאַר נויטיק.

איך ווייס דאָך נישט, ווי איז אַזעפס באַציאונג צום פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. אויב מיין מעמאָריאַל איז נישט אויפן אָרט, טאָ ווארף אים אויס, אויסדריקנדיק זיך מיט דער דיפּלאָמאַטישער שפּראַך, אויף אַן אופן, וועלכן דו גועסט באַטראַכטן פאַר נוצלעך און פּאַסיק, אָבער, ווי גאָט איז דיר ליב, נעם אָן מיטלען, ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו בורצעוון אָדער בכלל אין דער רעוואָלוציאָנערער פּרעסע. דאָס וועט שוין זיין אַ צו גרויסער טרומף אין זייערע הענט.

כ׳דריק שטאַרק דיין האַנט.

דיין דיך האַרציק ליב-האָבנדיקער.

ל. ראַטאַיעוו.

20/7–X–10

ש. פּאַריזש — אָטעיל.

II

ל. ראַטאַיעווס מעמאָריאַל וועגן אַזעפן.

(די געשיכטע פון זיין פאַרראַט. ענין פּלעווע.)

סוף 1908-טן יאָר, צוערשט אינדערשטיל, אין אינטימע קרייזלעך, און דערנאָך אָפן, אין דער בולוואַר-פּרעסע, האָט מען גענומען שמועסן, אַז יעוונאָ אַזעף, אַ מעשטשאַנין פון ראָסטאָוו אויפן דאָן, וואָס איז געווען עטלעכע יאָר אַ מיטאַרבעטער פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, איז אַנטגילטיק דעמאַסקירט געוואָרן דורכן עמיגראַנט וולאַדימיר בורצעוו, און אַז מען האָט באַשטימט איבער אים אַ משפט. איך האָב דאַן באַטראַכט אַזעפס דורכפאַל אַלס אַ גרויסן פאַרלוסט, און באַזונדערס בין איך אויפגעבראַכט געווען ווען מיר איז אַריינגעפאַלן אין האַנט די „מיטטיילונג פון צענטראַל-

קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן וועגן יע. פ. אַזעפס פּראָוואָ-קאַציע" פון 20/7 יאַנואַר 1909-טן יאָר, אין וועלכער עס איז נעזאָגט געוואָרן, אַז ער האָט גענומען אַן אוממיטלבאַרן פּער-זענלעכן אָנטייל אין אַלע פּאָליטישע פאַרברעכנס זייט דעם יאָר 1902 ביז דער לעצטער צייט.

איך האָב אַזעפן געקענט זייט 1902-טן יאָר. אַ געוויסע צייט בין איך געשטאַנען צו אים נענטער פאַר אַנדערע. ער האָט מיר נעגעבן אַזוי פיל ממשותדיקע באַווייזן פון זיין פלייסיקן דינסט, ויינע ידיעות זענען תמיד געווען אויסערגעוויינלעך גענוי, אַז מיר איז פאָרגעקומען ממש ווילד, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער מענטש געקענט זיין אַ פאַרברעכער און אַ טאָפּלטער פאַררעטער. איך בין געווען איבערצייגט, אַז דער צ. ק., געשטעלט אין אַ לעכער-לעכער לאַגע דורך דער דעמאַסקירונג, אַז איינער פון די עלטסטע און געאַכפּערטסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי איז געווען אַ דינער פון דער רעגירונג, האָט אויסגעטראַכט אויף אים אַ רכילות, כּדי ווי-נישט-איז אַליין זיך אַרויספּלאָנטערן און פאַרשמוצן די רוסישע פּאָליטישע פּאָליציי דורך אַ באַשולדיקונג אין פּראָוואָקאַציע און אָנטיילנעמען אין פּאָליטישע מאָרדן. דידאָזיקע איבערצייגונג האָט זיך באַזירט נישט אויף אַ בלינדן צוטרוי צו אַזעפן, נאָר אויף אַ סך אַנדערע פאַקטן, וועלכע זענען מיר פאָרגעקומען אומ-באַשטרייטבאַר. אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה, ווי אין יעדער אַנדערער, איז נישטאָ קיין שום אַבסאָלוט-געהיימעס, וואָס זאָל פריער אָדער שפּעטער נישט אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט. מיר איז פאָרגעקומען אוממעגלעך, אַז אַזעפס פאַרברעכערישע טעטיקייט אָדער אַפילו זיין אויסערגעוויינלעכע ראָל, וועלכע ער האָט, לויט די רייד פון צ. ק. געשפּילט אין דער פּאַרטיי און דער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, זאָל אַזאַ לאַנגע צייט קענען בלייבן אומבאַקאַנט דער פּאָליציי, ווייל צוזאַמען מיט אַזעפן האָבן דאָך אין דער פּאַרטיי געאַרבעט אויך אַנדערע געהיימע מיטאַרבעטער. כ'וועל זיך נישט פאַררופן אויף די, וועלכע לעבן נאָך און דינען אונז נאָך. כ'וועל אָנרופן בלויז די-יעניקע, וועמעס טעטיקייט עס איז צוליב די אָדער אַנדערע סיבות, איבערגעריסן געוואָרן, נעמלעך: ז. פ. זשוטשענקאָ און נ. ג. טאַטאַראָוו.

פרוי זשוטשענקאָ, אַ לאַנגיאָריקע און דערביי אַ ביז גאָר

ערלעכע מיטאַרבעטערין, האָט קיינמאָל אַפילו נישט דערמאָנט וועגן אַזעפן, הגם זי איז געשטאַנען זייער נאָנט צום צענטער. דער געשטאָרבענער טאַטאַראָוו, וועלכער האָט אין פעברואַר 1905-טן יאָר אַרויסגעגעבן דעם גאַנצן באַשטאַנד פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, האָט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן אַזעפן.

לסוף, די טעאָריע גופא, וועלכע בורצעוו האָט געשאַפן כדי צו דערקלערן אַזעפס אָנטייל אין די פּאָליטישע מאָרדן, איז פון אָנהויב ביזן סוף געבויט אויף די פאַנטאַסטישסטע השערות. ווי באַקאַנט באַשטייט זי, אין אַלגעמיינע שטריכן, אין פאָלגנדן.

אַזעף דינט אַלס געהיימער אַגענט ביי ראַטשקאָווסקין, וועלכער האַלט אונטער פאַרן געלט, וואָס ער באַקומט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. דער מיניסטער וו. ק. פּלעווע, וואָס איז פּערזענלעך פיינטלעך געשטימט צו ראַטשקאָווסקין, באַ-פרייט אים פון דינסט. אַוועקגייענדיק אין דעמיסיע הערט פונ-דעסטוועגן ראַטשקאָווסקי נישט אויף אָנצופירן מיט אַזעפן און כדי פריי צו מאַכן זיך דעם וועג, הייסט ער אַזעפן אָרגאַניזירן פּלעוועס מאָרד, און אַזעף פירט דאָס אויס. דערפאַר באַקומט ראַטשקאָווסקי אַ העכערן אַמט, און אַזעף, אַריינגייענדיק אין גע-שמאַק פון דער זאַך, פאַרנעמט זיך ווייטער מיט פּאָליטישע מאָרדן אויף זיין אייגענער אחריות.

דאָס אַלץ איז זייער שיין, אָבער צום אומגליק איז מיר בענטער, ווי וועמען-נישט-איז, באַקאַנט, אַז דידאָזיקע גאַנצע געשיכטע איז אַן אויסגעטראַכטע, און דערביי באַזירט זי אויף קיין שום זאַך נישט. ס׳קען זיין אַז ראַטשקאָווסקי האָט געוווּסט אָדער חושד געווען, אַז אַזעף איז אַ מיטאַרבעטער פון דעפּאַרטאַמענט, אָבער איך ווייס אויף זיכער און כ׳בין ערב, אַז ער איז קיינמאָל נישט געשטאַנען מיט אַזעפן נישט אין דירעקטע נישט אין אומדירעקטע באַציאונגען און ער האָט אים נישט געזען פאַר די אויגן ביזן 8-טן אויגוסט 1905-טן יאָר, ווען איך בין אַוועק אין דעמיסיע און איך האָב אים פאָרגעשטעלט אַזעפן און אים איבערגעגעבן אין זיין רשות, אַלס פּערזאָן, וואָס איז דאַן געשטאַנען בראש פון דער פּאָליטישער פּאָליציי.

פאַרהערט אַלס עדות וועגן ענין פון אַ. אַ. לאָפּוכין, האָב איך געגעבן דעם פּראָקוראָר פון פּעטערבורגער העכסטן-געריכט

פֿון אויפֿריכטיקע און אָפֿנהאַרציקע דערקלערונג, אין וועלכער איך האָב גענוי אויסגערעכנט אַזעלכע אַלע פֿאַרדינסטן זייט 1892 ביזן 1905-טן יאָר. אויף ווי ווייט אויפֿריכטיק און טיף עס איז געווען מיין זיכערקייט אין אַזעלכס אומשולד באַווייזט דאָס, וואָס אין יולי פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָר האָב איך זיך נישט געקווענקלט אַרויסצוטרעטן עפֿנטלעך אים צו שיצן אין דער צייטונג „מאַטען”. ענטפֿערנדיק אויף מיין אַרטיקל האָט בורצעוו אַפֿילו געשריבן, אַז איך זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט אין אַ שמועס מיט איינעם פֿון די „מאַטען”-מיטאַרבעטער, אַז אויב מען וועט מיר דערווייזן, אַז נאָר אַ טייל באַשולדיקונגען, וועלכע די רעוואָלוציאָנערן שטעלן אַרויס קעגן אַזעפֿן איז ריכטיק, נעם איך זיך אונטער אויסצופֿועלן, מען זאָל אים אויפֿהענגען. בורצעוו האָט, לויט זיין געוויינהייט, פֿאַרדרייט מיינע ווערטער. באמת, אין אַ שמועס מיטן רעדאַקטאָר פֿון „מאַטען” וועגן בורצעווס אַרטיקלען, וועלכע האָבן זיך דאַן געדרוקט אין דערדאָזיקער צייטונג, האָב איך געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט זיך איבערצייגט אין אַזעפֿס פֿאַרראַט, וואָלט איך דעם גאַנצן רעשט פֿון לעבן פֿאַרווענדט אויף דעם, כּדי צו דעמאַסקירן פֿאַר דער רעגירונג דעמדאָזיקן פֿאַרברעכער און פֿאַררעטער, וועלכער האָט פֿאַרגאָסן מיט בלוט און שמוץ מיין ריינע אַמטלעכע פֿאַרגאַנגענהייט, וועלכע איך האָב אַזוי געשעצט און מיט וועלכער איך האָב אַזוי שטאָלצירט.

אויך איצט קען איך נישט אָפּנעמען אָדער צוגעבן אַ וואָרט צו דעם, וואָס איך האָב געזאָגט אויף דער אויספֿאָרשונג מיט אָנדערטהאַלבן יאָר צוריק. אָבער אין מיין גבית-עדות איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס ווירקט באַזונדערס אָנשטעקנדיק, דאָס איז דער טאָן, דער טאָן פֿון אויפֿריכטיקער, טיפֿער איבערצייגונג. אָט איצט פֿאַרמאָג איך שוין נישט דעמדאָזיקן טאָן, מיין פֿריערדיקע זיכערקייט האָט זיך שטאַרק אַ וואַקל געטאָן, כ׳וועל נאָך מער זאָגן: כ׳בין כּמעט געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַזעף האָט באמת געדינט אויף צוויי פֿראָנטן.

די ערשטע ספֿקות זענען אין מיר אויפֿגעקומען דעם פֿאַרגאַנגענעם פֿרילינג, ווען עס זענען מן הצד דערגאַנגען צו מיר די קלאַנגען וועגן די דערציילונגען פֿון באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער ו. לעאָנאָוויטש וועגן זיינע געמיינזאַמע העלדן-מעשים

מיט אַזעפּן. דורך מיין פריערדיקן אַמט קען איך פון לאַנג גאַנץ גוט דעמדאָזיקן לעאָנאָוויטש. כ׳ווייס, אַז ער איז אַ פּאַנאַטיקער, אַ טעראָריסט, אַלץ, וואָס איר ווילט נאָר, אָבער כ׳ווייס אויך, אַז אין אַלגעמיין־אָנגענומענעם זין איז ער אַ מענטש אַן אויפ־ריכטיקער און אַ ר י י נ ע ר, אַ פולשטענדיקער קעגנזאַץ צו אַזעפּס צווייטן נאָנטן פריינט — באָריס סאַווינקאָוו.

חוצדעם איז מיר נישט לאַנג צוריק אַריינגעפאַלן אין דער האַנט דער ערשטער נומער פון נייעם רעוואָלוציאָנערן זשורנאַל „סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער״, וועלכער דערשיינט אין פּאַריזש, אין וועלכן מען געפינט אויפן ערשטן אָרט סאַווינקאָווס אַן אַרטיקל, אונטערן נאָמען: „פון מיינע דערינערונגען. עגין פּלעווע״.

אויפן סמך פון דערזעלבער דינסט־דערפאַרונג האָב איך נישט גאָר קיין הויכע מיינונג וועגן סאַווינקאָווס מאָראַלישע אייגנשאַפטן. אָבער זיין דאָזיקע דערציילונג אָטעמט מיט אַזאַ אמתדיקייט, פאַרשיידענע קליינע פּרטים פאַלן צונויף מיט אַזוינע קליינע דעטאַלן, וועלכע איך האָב בשעתו געזען „פון יענער זייט באַריקאַדע״, אַז נישט ווילנדיק גלויבט מען, וואָס ער זאָגט. דאָסמאָל האָט ער אַפילו, — מיט ווינציקע אויסנאַמען, — באַוויזן אויסצומיידן די געוויינלעכע סענטימענטאַלע אויסגוסן אין אַ מין דערווידערדיקן בוימלדיק־בלוטדאָרשטיקן סטיל, וועלכן ער האָט באַנוצט אין זיינע פריערדיקע דערציילונגען ביים באַשרייבן די שיינע גייסטיקע אייגנשאַפטן פון פאַרשיידענע אויסוואורפן „מיט פריינטלעכע און צאַרטע שמייכלען״ און „גרויסע (?) ליבנדיקע הערצער״. (סאָציאַליסט רעוואָלוציאָנער״, ז. 40.)

אָבער ווי גלויבווירדיק עס זאָל נישט זיין סאַווינקאָווס דערציילונג, וואָלט געוועזן זייער אומפאָרזיכטיק אָננעמען פאַר אַ כשרע מטבע אַלץ וואָס ער האָט אָנגעשריבן, ווען איך זאָל פּאַראַלעל צו זיין דערציילונג נישט האָבן פאַרשיידענע קליינע פאַקטישע באַשטעטיקונגען; טאַקע אָט־אָ־די סעריע קליינע, אָבער לויט מיין מיינונג איבערצייגנדיקע פאַקטן, וועל איך זיך באַמיען איבערגעבן וואָס קלאָרער און כסדרדיק, דערביי אַנטשולדיק איך זיך פאָראויס, וואָס מיר קומט אויס צו באַלעסטיקן די אויפמערקזאַמקייט מיט פאַרשיידענע, אויפן ערשטן קוק אומ־

צאַדייטנדיקע פּרטים, דאָס איז אָבער אומבאַדינגט נויטיק, ווייל אונם גאַנצן סכום פון דידאָזיקע פּרטים באַקומט זיך אַ געוויס באַשטימט בילד.

ביים באַטראַכטן דעמדאָזיקן מעמאָריאַל, כּדי צו באַקומען אַ געוויסן איינדרוק, איז נוצלעך צו האָבן פאַר זיך: 1) די קאָפּיע פון מיין גבית-עדות אין פּראָצעס פון אַ. אַ. לאָפּוכין, ווו עס זענען כראָנאָלאָגיש אויסגערעכנט אַזעלכע אַלע פאַרדינסטן; 2) אַ פּאַקעט מיט אַזעלכע אויטענטישע בריוו, זייט מאַי 1903-טן יאָר ביז אויגוסט 1905-טן יאָר, וועלכע איך האָב אין יאַנואַר 1909-טן יאָר איבערגעגעבן דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט דעם סענאַטאָר מ. אי. טרוסעוויטש; *) 3) יענע מיינע מיטטיילונגען פון אויסלאַנד, אויף וועלכע איך וועל זיך שטיצן, און 4) ב. סאַווינקאָווס דערציילונג „פון מיינע דערינערונגען. ענין פּלעווע". („סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער". אַ דריי-חודשדיקע ליטעראַריש-פּאָליטישע רעווי. אונטער דער רעדאַקציע פון וויקטאָר טשערנאָוו.)

אויפן סמך פון גאַנצן סכום פאַקטן האַלט איך פאַר מעגלעך אַזעלכס גאַנצן דינסט צו צעטיילן אויף דריי פּעריאָדן: 1) אַן אַבסאָלוט ערלעכער — פון יאָר 1892 ביזן זומער פון 1902-טן יאָר; 2) אַ ספקדיקער — פון 1902 יאָר ביז האַרבסט 1903-טן יאָר און 3) דער פאַרברעכערישער — פון דערדאָזיקער צייט ביזן סוף פון זיין דינסט.

איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויפן ערשטן פּעריאָד, ווייל ער איז גאַנץ גענוי באַשריבן געוואָרן אין מיין גבית-עדות, אָבער כּדי קלאָר צו מאַכן, ווו און ווי אַזוי האָט אַזעף געקענט אויסלערנען זיך די טעכניק פון פאַרשיידענע פּאָליטישע שפּיצלעך, וועלכע ער האָט שפּעטער מיט דערפאָלג אָנגעווענדט אין זיין פאַרברעכערישער טעטיקייט, וועל איך זיך אָפּשטעלן אויף זיין דינסט-צייט אין מאָסקווע.

ביזן פאַרענדיקן זיין שטודיום האָט אַזעף געלעבט אין אויסלאַנד און ער איז געווען בלויז אַ קאָרעספּאָנדענט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט; אין יוני 1899-טן יאָר האָט ער זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און ער איז קאָמאַנדירט געוואָרן קיין מאָסקווע

---

*) אַזעלכס בריוו צו ל. א. ראַטאַיעוון זענען אָפּגעדרוקט סוף בוך.
די רעד.

אין רשות פון מאָסקווער הויפּט פון דער אָכראַנע דעם הויף־יועץ זובאַטאָוו, אונטער וועמעס אָנפירונג ער האָט אייגנטלעך באַקומען די יסודות פון דער פּאָליצײ־דערציאונג.

אין דער באַהאַנדלטער עפּאָכע האָט מאָסקווע פאַרגעשטעלט מיט זיך עפּעס מער באַדייטנדיקס, ווי אַ געוויינלעכע אָכראַנע־אָפּטיילונג. אין יענער צייט האָבן אָכראַנע־אָפּטיילונגען עקזיסטירט בלויז אין די הויפּט־שטעט און אין וואַרשע, אין די איבעריקע אימפּעריע־געגנטן זענען די איינציקע נאָכשפּירונגס־ און אינפאָרמירונגס־מקורים פון פּאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט געווען די גובערנישע זשאַנדאַרם־אַמטן, בראש פון דידאָזיקע אַמטן זענען געשטאַנען פּאַרדינסטפולע פולקאָווניקעס און גענעראַלן, דערצויגענע אין די אַלטע טראַדיציעס פון זשאַנדאַרמישן קאָרפּוס, על־פּי־רוב מענטשן חשובע, אָבער לחלוטין אומבאַקאַנטע מיט די מאָדערנע פאָדערונגען פון פּאָליטישער אָכראַנע.

קיין געהיים־אַגענטן און קיין פרייגעדונגענעם נאָכשפּירונגס־דינסט האָבן אין ערגיץ־נישט עקזיסטירט. דאָס נאָכשפּירן פלעגט אין נויטיקסטן פאַל דורכגעפירט ווערן דורך איבערגעטועטע זשאַנדאַרמישע אונטעראָפיצירן, וועלכע פלעגן, איבערטועענדיק זיך אין ציווילע בגדים, פאַרגעסן אַמאָל אַראָפּצונעמען די שפּאָרן (אַ פאַקט). כּדי בולט צו באַווייזן דעם פּאָליטישן האָריזאָנט און דעם פאַרשטענדעניש־ניוואָ פון די אָנפירערס פונם נאָכשפּירונגס־דינסט איז גענוג אָנצווייזן אויפן געוועזענעם אָנפירער פון קיעווער גובערנישער זשאַנדאַרמען־פאַרוואַלטונג גענעראַל נאָוויצקי, וועלכער האָט אַ לאַנגע צייט געגאָלטן אַלס בעסטער און דער־פאַרנסטער צווישן זיי. איצט דרוקט זיך אין דער אומלעגאַלער פּרעסע זיין אַלאָונטערטעניקסטער מעמאָריאַל, וואָס איז פול מיט די פאַנטאַסטישסטע פאַקטן און אומגעריכטסטע אויספירן. דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס דערדאָזיקער באַאַמטער פון דער אַלטער שולע, ווענדנדיק זיך צו זיין קייזערלעכער מאיעסטעט, האָט ווייזט אויס געגלויבט אין יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט געשריבן. לייענענדיק דאָסדאָזיקע קוריאָזע ווערק האָב איך צוערשט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פאַלסיפיקאַציע, אָבער דער גוטבאַקאַנטער אייגנציקאַרטיקער סטיל האָט מיך איבערצייגט, אַז דאָס איז נישט קיין פאַלסיפיקאַציע, נאָר, צום באַדויערן, אַן עכטער אָריגינאַל, דער פּאָליטישער

קרעדאָ פון חשובן גענעראַל, וועלכער האָט ביזן סוף פון זיין לעבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן אין מלוכה-דינסט. אויב אַזוי האָט אויסגעזען דער בעסטער קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס האָבן פאָרגעשטעלט מיט זיך די איבעריקע.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט אַ רעוואָלוציאָנער געדאַרפט נאָר אַריבערטראָגן זיין טעטיקייט מחוץ די הויפּט-שטעט כדי אירע סאַמע ערנסטע דערשיינונגען זאָלן בלייבן פאַרן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַ טיפער סוד. אַזוי אַרום זענען געשאַפן געוואָרן די עכטסטע רעוואָלוציאָנערע נעסטן און מקורים פון פּראָפּאַגאַנדיסטן און אַגיטאַטאָרן אין סאַראַטאָוו, אויפן דרום און אין אַנדערע גרויסע צענטרען. און דערווייל האָט זיך דער שטורעם אָנגערוקט. אין אָנהייב פון דער צווייטער העלפט פון די ניינציקער יאָרן האָט זיך קענטיק פאַרשטאַרקט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין אַ רייַ שטרייקן און אומרוען אויף די פאַבריקן און באַטריבן, ווי אויך אין אומרוען צווישן דער יוגנט אין די העכערע לערן-אַנשטאַלטן. אינגיכן, ד. ה., אין די יאָרן 1897 — 1898 האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גרופּירונגען פון די סאָצ.-רעוואָלוציאָנערן.

די מאָסקווער אָכראַנע איז, אַ דאַנק איר צענטראַלער לאַגע, באַרופן געווען צו שפּילן אין אַזאַ מאָמענט אַ ביז-גאָר באַדייטנדיקע ראָל, אָבער דידאַזיקע באַדייטונג איז נאָך פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך אַ געלונגענעם צוזאַמענשטעל פון די אַגענטן און דורך אַ גוט-אָרגאַניזירטן אויסערלעכן אויסשפּירונגס-דינסט. נישט האָבנדיק אין אַזאַ הייסן מאָמענט קיין שום שטיצע מצד די פּראָווינציעלע אויסשפּירונגס-אינסטיטוציעס, איז דער דעפּאַרטאַמענט געצוווּנגען געווען צו קאָמאַנדירן מענטשן פון דער מאָסקווער אָכראַנע אין יענע געגנטן פון דער אימפּעריע, וווּ עס האָט זיך געלאָזט מערקן אַ באַזונדערס שטאַרקער וווּקס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אַזאַ אָרדנונג האָט אינגיכן דערפירט דערצו, אַז ביי דער מאָסקווער אָכראַנע האָט זיך אויסגעפאָרמירט אויף די מיטלען פון דעפּאַרטאַמענט אַן אַזויגערופענע באַוועגלעכע גרופּע פון אויסשפּיר-אַגענטן, וועלכע פלעגן, לויט די פאָדערונגען פון מאָמענט, אַריבערגעוואָרפן ווערן פון איין געגנט אין דער צווייטער, און אויף אַזאַ אופן איז די מאָסקווער אָפּטיילונג געוואָרן אַ מין אָפּי-

ציאָזער צענטראַלער אויספירונגס-אָרגאַן פונם דעפּאַרטאַמענט. מיט איין וואָרט, מאָסקווע האָט אין יענער צייט געשמט אַלס שולע פון געהיים- אַגענטן און אויסערלעכן נאָכשפירונגס-דינסט. אָט אין דערדאָזיקער שולע איז אַזעף אַריינגעפאַלן תיכף נאָך זיין קומען פון אויסלאַנד.

נאָך זיין קומען אין מאָסקווע איז ער צוגעשטאַנען צו דעם אַזויגערופענעם „צפון-פאַרבאַנד פון די סאָצ.-רעוו.", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך פּאַוול אַרגונאָוו, מאַריאַ סעליוק און אַנד. דערדאָזיקער פאַרבאַנד האָט אַרויסגעגעבן אַן אומלעגאַלן זשורנאַל „רעוואָלוציאָנאַיאַ ראָססיאַ", וואָס זיין ערשטער נומער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן ערגיץ נאָענט פון מאָסקווע, דער צווייטער אין פינלאַנד, און דער דריטער אין טאָמסק, ווו עס איז ענדלעך אין 1901-טן יאָר, אַרעסטירט געוואָרן די געהיימע דרוקעריי מיט די דרוקערס. אַלע ידיעות בנוגע דערדאָזיקער גרופּע האָבן גע-שטאַמט פון אַזעפן, און דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז די שווערע און קאָמפּליצירטע נאָכשפירונגס-אַרבעט האָט מען געמוזט פירן, צוליבן דערפאָלג פון ענין און צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט אַזעפן. אַזוי אַרום האָט אַזעף פאַר די צוויי יאָר פון זיין אין מאָסקווע באַוויזן ביסלעכווייז אַריינצודרינגען אין אַלע טעכנישע פיינקייטן פון אויסערלעכן דינסט און באַקענען זיך מיט אַלע פּראָפעסיאָנעלע סודות פון פּאָליטישער אויספירונגס-אַרבעט. די באַקומענע ידיעות און אַרבעטס-מעטאָדן האָט ער שפּעטער אָנגעווענדט מיט דערפאָלג אין זיין פאַרברעכערישער טעטיקייט און זיי האָבן אים געשאַפן אין דער פּאַרטיי אַ רעפּוטאַציע פון אַ „אויסגעצייכנטן אָרגאַניזאַטאָר" און „טעכניקער".

מיטן אַרעסט פון דער טאָמסקער טיפּאָגראַפיע האָט זיך איבערגעריסן אַזעפס מאָסקווער טעטיקייט. די גאַנץ-געבליבענע רעשטלעך פון דער גרופּע זענען אַריבערגעפאָרן קיין אויסלאַנד, וווהין עס איז אויך קאָמאַנדירט געוואָרן אַזעף, אין האַרבסט 1901-טן יאָר. שוין סוף יאָר האָט ער צוגעשטעלט דעם דעפּאַר-טאַמענט גענויע ידיעות וועגן דער פאַרשמעלצונג פון די איינצלנע גרופּעס ס.-ר.-ן אין איין פאַראייניקטער פּאַרטיי, דערביי האָט ער געוואָרנט, אַז די פירער פון דערדאָזיקער פּאַרטיי האָבן אויס-

געאַרבעט אַ פּלאַן פון אָרגאַניזירטן טעראָר, און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער ראָל, וועלכע עס שפּילט אין דער פּאַרטיי גערש גערשוני.

נאָכן מאָרד פון יעגערמייסטער ד. ס. סיפּיאַגין האָט דער דעפּאַרטאַמענט אַרויסגערופן אַזעפן, כדי צו פירן מיט אים פּערזענלעכע אונטערהאַנדלונגען אין פּעטערבורג, וווהין ער איז אָנגעקומען אין יולי 1902־טן יאָר; אַזוי ווי די צייט איז געווען אַ הייסע און אַזעף איז געווען דער איינציקער מקור, פון וועלכן מען פלעגט באַקומען ידיעות וועגן דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן, האָט דער דעפּאַרטאַמענט גופא געפאָדערט, אַז אַזעף זאָל זיך דער־נענטערן אויך צו דער טעראָריסטישער גרופּע, וועלכע האָט אָנגענומען דעם נאָמען „קאַמפס־אָרגאַניזאַציע". דער רעזולטאַט איז געווען זיין נסיעה קיין קיעוו, וווּ ער ווייזט אָן דעם נאָכשפּיר דינסט די הויפּט־טעראָריסטן: דעם דערמאָנטן גערשוני, מיכאַאיל מעלניקאָוון און פּאַוול קראַפט. גלייכצייטיק האָט אַזעף מודיע געווען דעם דעפּאַרטאַמענט וועגן אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן פון אַ אַטענטאַט אויף וו. ק. פּלעווען, וואָס איז באַשטאַנען אין אַ אָפענעם אָנפאַל אויפן מיניסטערס קאַטש, מיט רעוואָלווערן פון מאַוזער־סיסטעם דורך צוויי אַרטילעריע־אָפיצירן, פון וועלכע איינער איז געווען דער שפּעטער געמשפּטער פּאָרוטשיק פון דער 33־טער אַרטילערישער בריגאַדע — יעווגעני גריגאָריעוו (מיין מיטטיילונג פון בערלין דעם 11 אָקטאָבער 1902־טן יאָר אונטערן 1 №).

מיט דעם פאַרענדיקט זיך דער ערשטער, ד. ה. דער אַבסאָלוט געטרייער פּעריאָד פון אַזעפס דינסט.

אין יולי 1902־טן יאָר גייט אַוועק אין דעמיסיע דער ווירקלעכער שטאַטס־ראַט ראַטשקאָווסקי, און איך ווער באַשטימט אויף זיין אָרט אין פּאַריז. צווישן דעם דירעקטאָר פון דעפּאַר־טאַמענט און מיר איז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז אַזעף וועט פּאָרן קיין אויסלאַנד גלייכצייטיק מיט מיר און ער וועט זיך שטעלן אין מיין רשות, כדי די אויסלענדישע אַגענטור זאָל אויף דער ערשטער צייט נישט בלייבן אָן אַ מקור פון אינפאָרמאַציע. אָבער צוליב דער וויכטיקייט פון די אויבנגעבראַכטע ידיעות, האָט מען באַשלאָסן, נישט געקוקט אויף דעם הסכם, אַז ס'איז נאָך נויטיק איבערצולאָזן אַזעפן אויף אַ געוויסע צייט אין רוסלאַנד. אין

אָקטאָבער 1902-טן יאָר בין איך אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריזש, און אַזעף איז פאַרבליבן אין רשות פון דעפּאַרטאַמענט. פון דאָזיקן מאָמענט הויבט זיך אָן דער צווייטער פּעריאָד פון זיין טעטיקייט, יועלכן איך רוף אָן — דער פעריאָד פון ספקות און וואַקלענישן.

נאָכן אַרעסט פון דעם פּאָרוטשיק גריגאָריעוו האָט דער דעפּאַרטאַמענט נישט געזען קיין נויטווענדיקייט אין אַזעפס פאַר־בלייבן אין רוסלאַנד, און ער האָט אים אַוועקגעשיקט קיין אויסלאַנד. וועגן דעם האָט א. א. לאָפּוכין געשריבן (צווישן אַנדערן) דעם 16-טן פעברואַר 1903-טן יאָר פאָלגנדיקס:

„ווינאָגראַדאָוו" *) וועט זיך אין אַ וואָך אַרום אומקערן אויפן אַלטן אָרט. ער איז אונז געווען נוצלעך, אָבער ווינציקער, ווי מיר האָבן געקענט דערוואַרטן, צוליב זיין קאָנספּיראַציע. חוצדעם האָט ער אָפּגעטאָן אַ סך נאַרישקייטן, — ער האָט זיך פאַרנומען מיט נישטיקייטן, דידאָזיקע פאַרבינדונגען האָט ער אויסבאַהאַלטן פון אונז. איצט נעמט מען דידאָזיקע נישטיקייטן, און זיי וועלן אים אַ ליאַדע מינוט פאַרשיטן. ער געפינט זיך איצט די גאַנצע צייט לעם די דורכפאַלן, און ווען נישט דער פּראָקוראָר מיט וועלכן מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, וואָלט שוין לאַנג אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל. רעמיאַניקאָוואַן האָט מען געמוזט אַרעסטירן, ווייל גריגאָריעוו האָט אָנגעוויזן אויף איר, ווי אויף אַ פּערזאָן, וואָס געפינט זיך אין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט גערשונין, מעלניקאָוון, און פון איר, ווי איר ווייסט, איז איין טריט..."

אַזעף איז געקומען צו מיר אין פּאַריזש נישט אין אַ וואָך אַרום, ווי לאָפּוכין האָט געשריבן, נאָר ערשט אין יוני 1903-טן יאָר. וועגן זיין אָנקום קיין אויסלאַנד האָט ער מיר מודיע געווען אַביסל פריער, נעמלעך אין מאַי, פון בערלין; כ'געדענק נישט אויפן מאָמענט, צי איז דאָס געווען פאַרן מאָרד פון אופימער גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש אָדער שפּעטער. דאָס קען מען, אגב, געגוי פעסטשטעלן לויט אַזעפס אויטענטישע בריוו, וועלכע גע־פינען זיך אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, און וועלכע הויבן זיך אָן טאַקע מיט דערדאָזיקער טעלעגראַמע פון בערלין, וואָרשיינלעך איז זי געווען איינע פון די צאָלרייכע אַליביס, וועלכע אַזעף האָט

---

*) אַזעפס פּסעוודאָנים.

געהאַט אַ געוווינהייט זיך צוצוגרייטן, ווען אין רוסלאַנד פלעגט פּאַרקומען עפּעס אַ פאַרברעכן מיט זיין אָנטייל.

צוליב דעם שטעלט זיך נאַטירלעך די פראַגע וועגן אַזעפס שייכות צום מאָרד פון גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש. עפּעס מער אָדער ווייניקער באַשטימטס קען איך וועגן דעם נישט זאָגן, ווייל איך האָב זיך געפונען אין אויסלאַנד און כ׳האָב אַזעפן נישט געזען גאַנצע 8 חדשים. אָבער די רעוואָלוציאָנערן פאַרזיכערן קאַטעגאָריש, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע אַטענטאַטן און מאָרדן, אַ חוץ סיפּיאַגינס מאָרד. אין זיין באַקאַנטן בריוו צו סאַווינקאָוון, פון 10־טן אָקטאָבער 1908־טן יאָר, שרייבט אַזעף וועגן זיך גופא פאָלגנדיקס: „איך וויל נישט ריידן קיין סך. כ׳וועל נאָר זאָגן, אַז אַחוץ דעם אַטענטאַט אויף סיפּיאַגינען האָב איך געהאַט אַ שייכות צו אַלע אַנדערע, ד. ה., אויף אָבאָלענסקין און נאָך נענטער שוין צו אופאַ, וווהין איך האָב גע־שיקט מענטשן". („בילאָע" 10—9 № ז. 215.)

כ׳קער זיך אום צו אַזעפס קומען אין פּאַריזש. ער איז געקומען צו מיר אין ווייט נישט קיין מונטערער שטימונג. די סיבות דערצו זענען, לויט זיינע ווערטער, געווען צוויי באַדינגונגען:

1) אומצופרידנקייט מיטן דעפּאַרטאַמענט פאַר אַרעסטירן, נישט מעלדנדיק אים פריער וועגן דעם, די פעלדשערין פון דער איסידאָראָווער יעפּאַרכיאַלער שולע רעמיאַניקאָווא, דיזעלבע, וועגן וועלכער עס האָט דערמאָנט אין זיין בריוו א. א. לאָפּוכין. מיט דערדאָזיקער פּערזאָן האָט זיך אַזעף געפונען אין ענגע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען און לויט זיינע ווערטער האָט זי קיין שום אָנונג נישט געהאַט אין די פּלענער פון די טעראָריסטן. זי האָט בלויז געגאָלטן אַלס זיכערער מענטש, און איר דירה האָט געדינט אַלס טרעף־פּונקט פאַר די אָנגעקומענע אומלעגאַלע רעוואָלו־ציאָנערן. איר אַרעסט איז, לויט אַזעפס מיינונג, געווען איבעריק און געפערלעך; איבעריק דערפאַר, ווייל אַליין פאַר זיך האָט זי גאָרנישט פאָרגעשטעלט, און געפערלעך צוליב דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וועלכע מען האָט צוגענומען ביי איר בעת דער רעוויזיע, און וועלכע אַזעף האָט געבראַכט צו איר ערשט ערב דעם אַרעסט. דערביי האָט אַזעף שטאַרק געקלאָגט זיך אויף דער עקזיסטירנדיקער אָרדנונג פון אויסנוצן די ידיעות פון דער אַגענטור,

בעת אַלע פאַראָרדנונגען ווערן געמאַכט נישט דורך דער אַגענטור און אָן איר וויסן.

2) דער צווייטער מאָטיוו פון דער אומצופרידנקייט איז געווען ערנסטער: אין אַפּריל 1903-טן יאָר איז, ווי באַוווּסט, אויסגעבראָכן אין קישינעוו אַ יידן-פּאָגראָם. עס גערעדנקט זיך נאָך דער רעש, וועלכער איז אויסגעבראָכן צוליב דעם אין דער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער פּרעסע; כדי צו פירן אַן אַנטי-רעגירונגס-אַגיטאַציע זענען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג אַלע מיטלען ביז אַ געפעלשטן בריוו פון אינערן-מיניסטער צום בעסאַראַבער גובערנאַטאָר. ווי מאָדנע עס זאָל נישט אויסקומען, וואָס אַזעף, וועלכער האָט געדינט זייט 1892-טן יאָר און האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין באַציאונגען מיט די העכערע באַאַמטע פון דער מלוכה-פּאָליציי, האָט געקענט גלויבן אַזאַ בולטע און אומזיניקע פּלוידעריי. פונדעסטוועגן איז דאָס אַזוי געווען, ער האָט אַלץ אָנגענומען פאַר אַ כשרע מטבע, אָדער, לכל הפּחות, זיך געמאַכט, אַז ער גלויבט. מיך האָט געקאָסט אַ סך מי, כדי אים צו באַרואיקן און איבערצייגן, אַז קיין שום רעגירונג אין דער וועלט קען קיינמאָל און אין קיין פאַל נישט זיין נוצלעך אַ בונט און מהומות, פונוואַנעט זיי זאָלן נישט שטאַמען און קעגן וועמען זיי זאָלן נישט זיין געווענדט, ווייל די סטיכישע בונטאַרישע קראַפט, וועלכע דינט היינט כלומרשט די רעגירונגס-אינטערעסן, קען מאָרגן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ געפערלעכן געצייג קעגן דערזעלבער רעגירונג.

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז נאָך פאַרן אָפּפאָרן פון פעטערבורג האָט אַזעף געשמועסט אויף דערזעלבער טעמע מיט ס. וו. זובאַטאָוון. דער לעצטער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ריידנדיק וועגן פּאָגראָם האָט זיך אַזעף געטרייסלט פון צאָרן און ער האָט מיט שנאה גערעדט וועגן וו. ק. פּלעווען, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַרן הויפּט-שולדיקן אין פּאָגראָם.

איצט אָבער בין איך גענויגט צו מיינען, אַז סיי דער נישט-רעכטצייטיקער אַרעסט פון רעמיאַניקאָוואַן, סיי דער צאָרן קעגן דער רעגירונג פאַרן קישינעווער פּאָגראָם זענען געווען נישט קיין סיבות, נאָר פּועל-יוצאס. די אמתע סיבה אָבער איז געווען די באַקאַנטשאַפט און די דערנענטערונג מיט גערשונין. זי האָט

נעשפּילט אַ פּאַטאַלע ראָל אין אַזעפס קאַריערע און זי האָט, וואָרשײַנלעך, געדינט אַלס שטויס צו זײַן פאַרראַט. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אַזעף איז פאַרן אָנקומען אויף דינסט אין פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט נישט געווען קײן רעוואָלוציאָנער, און ס'איז זײַער מעגלעך, אַז נישט אָפּגעבנדיק זיך תּיכף קײן דין־וחשבון, איז ער ביסלעכווײַז און אומבאַמערקט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער ווירקונג און צויבער פון גערשוניס פערזענלעכקײַט. דערדאָזיקער מענטש פלעגט, ווי באַקאַנט, מאַכן אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף אַלעמען, מיט וועמען ער פלעגט זיך צונויפטרעפן. צי דאָס איז געווען אַ געוויסער היפּנאָז אָדער אַ רעזולטאַט פון אַ אויסערגעוויינלעך־שטאַרק אַנטוויקלטער ווילנס־קראַפט, אָדער די ווירקונג פון אַ טיפער אויפריכטיקער איבערצײַגונג, — ווײס איך נישט, אָבער דער צויבער פון גערשוניס פערזענלעכקײַט איז אַן אומבאַשטריטענער פאַקט. דאָס האָבן מיר באַשטעטיקט ס. וו. זובאַטאָוו און דער פאַרשטאָרבענער נ. אַ. מאַקאַראָוו, וועלכע ס'איז אויסגעקומען אָפט זיך טרעפן מיט אים און לאַנג שמועסן.

אָבער אַפילו אומאָפּהענגיק פון דערדאָזיקער ווירקונג האָט אַזעף אין יענעם מאָמענט געהאַט פון וואָס צו פאַרלירן זיך. אין מאַי 1903־טן יאָר איז, ווי באַקאַנט, אַרעסטירט געוואָרן אונטער קיעוו גערשוני. ווײַל אויב אַזעף איז באמת געווען אינפאָרמירט וועגן גערשוניס אַלע טעראָריסטישע פּלענער און ער איז פאַר־רעכנט געווען פאַר זײַן רעכטער האַנט האָט ער דאָך איצט, מיטן פאַלן פון פירער, געמוזט אַליין שטעלן זיך בראש פון דער פאַר־יתומטער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. ביז איצט, זיך אויסבאַהאַלטנדיק, אין אַ געוויסער מאָס, הינטער גערשוניס פּלייצע, האָט ער געקענט געבן דער פּאָליצײַ יענע ידיעות, וועלכע האָבן נישט געשטעלט אין סכנה זײַן פערזענלעכע זיכערקײַט. איצט אָבער זענען אַלע אויגן געווענדט אויף אים, אויף אים ווערן אַרויפגעלייגט אַלע האָפנונגען, און ער זעט שוין קײן נישט קײן מעגלעכקײַט אַרויסצו־געבן זײַנע חברים, נישט דעמאַסקירנדיק זיך אַליין. אַלס קלוגער מענטש פילט ער און פאַרשטייט, אַז אין זײַן לאַגע קען מען נישט דינען קײן צוויי הערן, אַז ער איז דערגאַנגען צום פּונקט, ווען מען דאַרף נעמען אין דער אָדער יענער ריכטונג, אָבער

אויף דעם פעלט מוט און אַנטשלאָסנקייט. אים ווילט זיך זייער ווייטער דינען און באַקומען גרויסע סומעס, אָבער צוזאַמען דערמיט דריקט אים אַ חיהשע מורא פאַר זיין הויט, אויב זיין דינסט אין דער פּאָליציי וועט באַקאַנט ווערן די רעוואָלוציאָנערן. דאָס אַלץ איז פאַר מיר קלאָר ערשט איצט, דאַן אָבער האָב איך פשוט געגומען באַמערקן אין אַזעפס כאַראַקטער אַ געוויסע ענדערונג און עפּעס אַ מין אָפּגעלאָזנקייט, וואָס איז אים נישט געווען אייגן, פריער פלעגט ער אַליין גיין פאָראויס, און צייטנ־ווייז האָט מען אים אַפילו געדאַרפט אָפּהאַלטן. איצט אָבער, פאַרקערט, פלעגט מען אים מוזן אונטערשטופּן, און מען קען זאָגן, אַז זינט זיין קומען אין אויסלאַנד ביז דעצעמבער 1903־טן יאָר האָט ער נישט געגעבן קיין שום וועזנטלעכעס, דערקלערנדיק דאָס דערמיט, אַז ער האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אַרומקוקן זיך און איז פאַרנומען מיט פאַרפעסטיקן די פאַרבינדונגען.

שפּעט אין האַרבסט איז אַזעף געוואָרן אַביסל באַלעבטער. איינמאָל אין אַ אָוונט, וועלכער איז מיר פאַרבליבן גוט אין זכרון, איז ער געקומען צו מיר מונטער ווי פריער. אַ ענערגישער און באַרעדעוודיקער. צוערשט האָט ער מיר געגעבן עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע און עיקרדיקע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון די פינלענדישע רעוואָלוציאָנערן (קאָני, ציליאַקוס און אַנד.), און דערנאָך האָט ער מיר געוואָרנט, אַז לויט די קלאַנגען, וואָס קומען אָן פון רוסלאַנד, גרייט זיך דאָרט אָן אַטענטאַט אויפן אינערן־מיניסטער. אַלס ענטפער אויף דעם האָב איך אים דערקלערט, אַז לויט די ידיעות, וועלכע איך האָב באַקומען פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, איז נישט לאַנג צוריק געקומען קיין אויסלאַנד יעגאָר סאַזאָנאָוו, וועלכער איז אַנטלאָפן פון פאַרשיקונג, און ער האָט אין שמועסן מיט נאָענטע מענטשן אויסגעדריקט אַ פעסטע כוונה צו טויטן וו. ק. פּלעווען, ווען מען זאָל אַפילו דערפאַר דאַרפן אָפּגעבן דאָס אייגענע לעבן. אויף דעם האָט אַזעף געענט־פערט, נישט אַ פינטל־טוענדיק מיטן אויג, אַז מיט יעגאָר סאַזאָנאָוו איז ער נ י ש ט ב א ק א נ ט, אָבער אין פּעטערבורג איז אים אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט זיין ברודער איזאָט. דערנאָך, אין משך פון שמועס, האָט ער געזאָגט, אַז צוליב פ ר י ו ו א ט ע ע נ י נ י ם מוז ער פאָרן קיין פּעטערבורג, ווו ער וועט פאַר

איינוועגס זיך באַמיען אויסצוזוכן די פּערזאָנען, וועלכע האָבן אַ שייכות צום פּלאַן קעגן מיניסטער, און כדי עס זאָל זיין באַקוועם צו שטיין אין קאָנטאַקט וואָלט נישט געשאַדט, ווען אויך איך זאָל דאָרט אַריבערפאָרן. אַ דאַנק אַ צופאַל האָב איך גראָד דאַן באַקומען פון דעפּאַרטאַמענט אַ פאָרשלאַג צו קומען קיין פּעטערבורג, כדי צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן דינסט-ענינים.

אין די ערשטע טעג פון יאַנואַר 1904-טן יאָר בין איך געקומען צופאָרן קיין פּעטערבורג, און אין אַ וואָך אַרום נאָך מיר איז געקומען אויך אַזעף. גלייך נאָך זיין קומען האָט אַזעפס אַ נאָנטער באַקאַנטער — מענדל וויטענבערג אים איבערגעגעבן, אַז אין פּעטערבורג וווינט אומלעגאַל אַ פּערזאָן, וואָס פירט אָן מיט די קאָנספּיראַטיווסטע ענינים, וועלכע האָט אויסגעדריקט אַ פאַר-לאַנג צו זען זיך מיט אַזעפן, ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן זיין קומען פון אויסלאַנד. דידאָזיקע פּערזאָן האָט זיך אַרויס-געוויזן אַלס די באַרימטע רעוואָלוציאָנערין סעראַפימאַ קליטשאָגלו, און היות וועגן אירע כוונות צו אָרגאַניזירן אַן אַטענטאַט אויפן אינערן-מיניסטער, האָט דער דעפּאַרטאַמענט שוין געוווּסט פון פריער פון אַ צווייטן מקור, איז אַנטשטאַנען די פראַגע: צי דאַרף אַזעף אָפּרופן זיך אויף איר איינלאַדונג. אַזעף שטעלט די פראַגע אַזוי, אַז ער איז מיט איר מיט גאָרנישט נישט פאַרבונדן און ער איז לחלוטין פריי גיין צו איר אָדער נישט, אָבער אויב ער וועט גיין, מוז דער אַרעסט פון דער קליטשאָגלו אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ מער פּאַסיקן מאָמענט. וועגן דעם אַלעם האָב איך מונדלעך און שריפטלעך (באַריכט № 26 און די №№ 32—04) געמעלדעט דעם דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט, און צוליבן דאָזיקן טעם איז אונטער דער פאָרזיצערשאַפט פון אַ. אַ. לאָפּוכינען איינגע-אָרדנט געוואָרן אַ באַראַטונג פון הויפּט פון פּעטערבורגער אָכראַנע פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמענעצקי, דעם הויפּט פון דער ספּעציעלער אָפּטיילונג נ. אַ. מאַקאַראָוו און מיך. מיט אַ מערהייט שטימען, צו וועלכע עס האָט זיך פאַראייניקט אויך דער דירעקטאָר, איז באַשלאָסן געוואָרן: זאָל דער מיטאַרבעטער גיין צו קליטשאָגלו, זאָל ער גענוי דערוויסן זיך אירע כוונות און אירע מיטאַרבעטער, און איר אַרעסט אָפּלייגן ביז אַ גינסטיקן מאָמענט. נישט געקוקט אויף דעם דערגרייכטן הסכם, צוליב אַ גאָר נישטיקער סיבה, איז

קליטשאָגלו אין צוויי טעג אַרום נאָך אַזעפס באַזוך ביי איר פלוצלונג אַרעסטירט געוואָרן, דערביי האָט אויך די ליקווידאַציע פון איר גרופע נישט געגעבן קיין שום פאָזיטיווע רעזולטאַטן. איך האָב גלייך דאַן געהאַלטן, און שפעטער האָבן דאָס אַלע מודה געווען, אַז קליטשאָגלוס נישט־רעכטצייטיקער אַרעסט איז געווען אַ פעלער, וועלכער האָט נאָך חוצדעם דערדריקנדיק געווירקט אויף דער פסיכאָלאָגיע פון אַזעפן, וועלכער האָט זיך שוין פון פריער געוואַקלט.

איידער איך וועל אָבער ווייטער דערציילן, מוז איך אָפגיין אין אַ זייט, כדי אָפצומשלען יענע באמת טרויעריקע און טרייסטלאָזע לאַגע פון דער מלוכה־פאָליציי, אויף וועמעס פאָן עס וויקלען זיך פאַנאַנדער אַלע ווייטערדיקע געשעענישן. כ׳וועל אָנהויבן פון אונטן ד. ה., פון די נאָכשפיר־אָרגאַנען פון דעפאַרטאַמענט — פון די אָכראַנעס. דאָס ערשטע אָרט געהער, פאַרשטייט זיך, צו פעטערבורג. נאָכן פלוצלונגן טויט פונם פולקאָווניק פיראַמידאָוו, וואָס איז פאָרגעקומען אין יוני 1901־טן יאָר, האָט די פעטערבורגער אָכראַנע אין משך פון 5 חדשים איבערגעלעבט אַ שווערן אינטערעגנום־פעריאָד. פאַר דערדאָזיקער צייט איז די געהיימע אַגענטור און דער נאָכשפיר־באַשטאַנד, וואָס זענען ביז דאַן אויך נישט געווען קיין אַי־אַי, גאָר קאַליע געוואָרן, און די דיסציפלין צווישן די אָנגעשטעלטע איז ענטגילטיק צעשטערט געוואָרן. ס׳איז גענוג צו זאָגן, אַז איינער פון די זשאַנדאַרם־אָפיצירן, וואָס זענען צוקאָמאַנדירט געוואָרן צו דער אָכראַנע, האָט געפונען פאַר מעגלעך, אין אַ שמועס מיט אַ פערזאָן, וואָס איז אויף געוויס פאָליטיש אומכשר, אָנצורופן די פאַמיליע פון איינעם פון די ווערטפולסטע און איבערגעגעבנסטע מיטאַרבעטער פון דעפאַרטאַמענט, דורך וואָס ער האָט, פאַרשטייט זיך, צוגענומען ביי אים די מעגלעכקייט ווייטער אויסצופילן זיין דינסט. דאָס שרעקלעכסטע אין זיין האַנדלונג איז געווען דאָס, וואָס ער האָט דאָס געטאָן נישט באַוווסטזיניק, נישט מיטן כיוון צו ברענגען שאָדן דער פאָליציי אָדער טאָן אַ טובה דער רעוואָלוציע, נאָר צוליב זיין מוראדיקער צעלאָזנקייט און פאַרשטאַנדלאָזיקייט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען ווערט קלאָר, אַז בעת דער דעפאַרטאַמענט האָט געזוכט גערשונין איבער דער גאַנצער אימפעריע, ווי אַ נאָדל, האָט

יענער רואיק געקענט דורכלעבן אין פעטערבורג דריי מעת-לעת אונטער זיין אייגענער פאַמיליע, אויף זיין אייגענעם פּאַס, וואָס איז געווען איינגעמאָלדן אין צירקל.

אין אַזאַ לאַגע האָט געטראָפן די אָכראַנע דער אין יאַנואַר 1902-טן יאָר ניי-באַשטימטער הויפּט, וואָס איז איבערגעפירט געוואָרן פון מאָסקווע, פּאָדפּאָלקאָווניק סאַזאָנאָוו, אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעפאַלן די ערנסטע אויפגאַבע איינצואָרדנען דעם נאָכשפיר-דינסט און באַנייען די געהיימע אַגענטור. אין דאָזיקן פעריאָד פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט האָט אָפּ-געהילכט באַלמאַשעווס שאָס. דער פּאָדפּאָלקאָווניק סאַזאָנאָוו איז פאַרבליבן אויפן דאָזיקן אַמט גאָר נישט לאַנג, און נישט באַ-וויזנדיק גאָר נישט צו טאָן כדי איינצואָרדנען דעם דינסט, איז ער איבערגעפירט געוואָרן קיין טולע, און אויף זיין אָרט איז אין נאָוועמבער 1903-טן יאָר באַשטימט געוואָרן דער פּאָדפּאָלקאָווניק קרעמענעצקי. ער האָט קוים באַוויזן צו פאַרנעמען דעם אַמט, און ער האָט שוין פאַרלאָרן דעם איינציקן, מער אָדער ווייניקער ווערטפולן מיטאַרבעטער (דעם אינזשיניער גאָרענבערג), און אַזוי אַרום: דאַן, ווען אויפן מיניסטער איז פון אַלע זייטן געפירט געוואָרן אַן אמתער געיעג, איז די פעטערבורגער אָכראַנע געווען לחלוטין הילפלאָז.

אין מאָסקווע איז אין יענער צייט אויך נישט געווען אַלץ אין אָרדנונג. אין סעפּטעמבער 1902-טן יאָר זענען דער הויפּט פון דער אָכראַנע דער הויף-יועץ זובאַטאָוו און זיין געהילף יע. פּ. מעדניקאָוו אַריבערגעפירט געוואָרן קיין פעטערבורג אין דעפּאַרטאַמענט. אַ טייל אַגענטן זענען איבערגעגאַנגען צום נייעם הויפּט פון דער אָכראַנע. אַ טייל איז געבליבן ביי זובאַטאָוון. די באַוועגלעכע גרופּע אויסשפּיר-אַגענטן, וועגן וועלכער איך האָב אויבן גערעדט, וועלכע האָט בשעתו געהאַט אַזוי-פיל פאַרדינסטן, האָט זיך אויך געשפּאָלטן אויף צוויי, און אין אַלגעמיין האָט זיך באַקומען אַ גענוגנדיקע צעטומלעניש. מאָסקווע איז געווען אָפּגע-שוואַכט, און פעטערבורג איז פונדעסטוועגן געבליבן נישט געזיכערט.

אויב די הויפּטשטאָט, און באַזונדערס די קייזערלעכע רעזידענץ, זענען געווען אַזוי אומבאַפרידיקנדיק באַזאָרגט, טאָ וואָס-

זשע האָט מען געקענט דערוואַרטן פון דער פּראָווינץ. עס איז עפּעס געווען אין קיעוו ביים פּאָדפּאָלקאָווניק ספּירידאָוויטש, אין כאַרקאָוו ביים פּאָדפּאָלקאָווניק גערασימאָוו און אין ווילנע ביים ראָטמיסטער קלימאָוויטש, אָבער טאַקע נישט מער ווי עפּעס, יעדנפאַלס עפּעס פּעריפּערישעס, גאַנץ ווייטעס פון צענטער, אָבער דאָס גאַנצע איבעריקע רוסלאַנד האָט אין זין פון אויסשפּיר-דינסט פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ גרויסן זעראָ.

אין אויסלאַנד האָט די אָרגאַניזאַציע אויך נישט אַנטשפּראָכן די פאָדערונגען און דער וויכטיקייט פון דער איבערגעלעבטער צייט. אין יולי 1902-טן יאָר איז גאַנץ אומגעריכט אַוועק אין דעמיסיע דער ווירקלעכער שטאַטראַט ראַטשקאָווסקי, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט דער אויסלענדישער אַגענטור אין משך פון 20 יאָר. אויף צו פאַרבייטן דעמדאָזיקן אַמט האָט דער דירעקטאָר אויסגעווײלט מיך, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך בין געשטאַנען בראש פון אַזאַ וויכטיקן אַרבעטס-צווייג פון דעפּאַרטאַ-מענט, ווי די באַזונדערע אָפּטיילונג. אויף וויפל איך האָב זיך אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג, אַ דאַנק דעם לאַנגיאָריקן דינסט און דער לאַנגיאָריקער פּראַקטיק, געפילט אַלס באַלעבאָס פון דער לאַגע, אויף אַזוי ווייט האָב איך זיך דערפילט אַלס אַנ-פאַנגער, ווען איך בין אַריינגעפאַלן קיין אויסלאַנד. אין פּאַריזש האָב איך געפונען דעם אויסשפּיר-דינסט אין אַ לאַגע, וואָס האָט נישט אַנטשפּראָכן די מאָדערנע פאָדערונגען פון אויסשפּיר-דינסט: כ'האָב זיך דאָרט אויך אָנגעשטויסן אויף אַ פולשטענדיקן מאַנגל פון געהיים-אַגענטור. איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז זי איז נישט געווען ביי מיין פאָרגענגער, איך באַשטעטיק נאָר, אַז איך האָב נישט באַקומען קיין איין מיטאַרבעטער. ס'איז אויסגעקומען אַ סך זאַכן איבערצומאַכן, אַ סך שאַפן פונסניי, און אויף שאַפן איז קיין צייט נישט געווען, ס'איז אַפילו קיין צייט נישט געווען זיך אומצוקוקן.

אין דער צענטראַלער אינסטיטוציע, ד. ה., אין פּאָליצײ-דעפּאַרטאַמענט, זענען אויך געזעסן אַלץ נייע מענטשן. דער דירעקטאָר אַ. אַ. לאָפּוכין, אַ געוועזענער פּראָקוראָר פון כאַר-קאָווער אַפּעלאַציע-געריכט, איז באַשטימט געוואָרן אויפן דאָזיקן אַמט ערשט אין מאַי 1902-טן יאָר. דאָס איז געווען, אָן ספק,

אַ טאַלענטירטער מענטש, וועגן וואָס עס זאָגט עדות זיין שנעלע קאַריערע אין געריכטס-וועזן. אויך מיט דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז ער געווען באַקאַנט אויף אַזוי ווייט, אויף וויפל דאָס קען וויסן אַ פּראָקוראָר פון אַפּעלאַציע-געריכט, אָבער די טעכניק פון פּאָליציי-וועזן האָט ער, נאַטירלעך, געקענט צו ווייניק, און אַ סך זאַכן האָט ער געדאַרפט אויסשטודירן, זיך צוקוקן צו זיי, און פון אויבן האָט מען געפאָדערט פון אים תּיכּפדיקע רעפאָרמען.

דער פּאָליטישער וויצע-דירעקטאָר איז אויך געווען אַ נייער, שוין דער צווייטער לויט דער צאָל זייט לאָפּוכין האָט איבער-גענומען דעם אַמט. אָבער מער פאַר אַלץ האָבן די ענדערונגען אין פּערזאָנען-צוזאַמענשטעל אָפּגערופן זיך אויפן וויכטיקסטן טייל פון דעפּאַרטאַמענט, ד. ה., אויף דער באַזונדערער אָפּטיילונג. נאָכדעם, ווי מען האָט מיך איבערגעפירט קיין אויסלאַנד, איז אויף מיין אָרט באַשטימט געוואָרן פּ. ס. זיבערט, וועלכער האָט פאַרנומען דעמדאָזיקן אַמט בלויז צוויי וואָכן. אים האָט פאַרביטן ס. וו. זובאַטאָוו, אָבער אין אויגוסט 1903-טן יאָר איז ער באַ-זייטיקט געוואָרן פון אַמט, און מיט דער אָפּטיילונג האָט צייטווייליק געדאַרפט אָנפירן דער פּאָדפּאָלקאָווניק סאַזאָנאָוו, וועלכן עס האָט פאַרביטן אין נאָוועמבער פון זעלבן יאָר נ. אַ. מאַקאַראָוו. דאָס איז געווען אַ מענטש אַ פּעאיקער און אַרבעטזאַמער, אָבער דורך זיין פריערדיקער טעטיקייט לחלוטין נישט קיין צו-געגרייטער צו פאַרנעמען דעמדאָזיקן ספּעציעלן אַמט, באַזונדערס אין אַזאַ אומרואיקע צייט. מיט איין וואָרט, אומעטום, אויף אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן זענען געזעסן נייע מענטשן, וועלכע האָבן זיך געמוזט באַקענען, צוקוקן זיך, בעת מען האָט געדאַרפט האַנדלען שנעל, אַנטשלאָסן, אויף זיכער.

גייענדיק העכער אויפן יעראַרכישן לייטער מוז איך באַרירן די פּערזאָן פון מיניסטער גופא. וו. ק. פּלעווע איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ מענטש פון אויסגעפּרוּווטער דערפאַרונג און אויסער-געוויינלעכן מלוכה-פאַרשטאַנד, אָבער צום אומגליק האָט ער *נישט געגלויבט אין דער רעוואָלוציע*. זיך פּערזענלעך, זיינע מיטלען האָט ער צוגעשריבן די פאַרניכטונג פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", בעת אין דער ווירקלעכקייט האָט זי זיך אַליין דערלאַנגט

אַ טויט-קלאַפּ דורך דעם זינלאָזן און פאַרברעכערישן קייזער-מאָרד דעם 1-טן מערץ 1881-טן יאָר. וו. ק. האָט פאַרנומען דעם אַמט פון דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט גלייך נאָכן ערשטן מערץ און האָט אים פאַרלאָזן אין 1884-טן יאָר. ער האָט געטראָפן די פּאַרטיי אין צושטאַנד פון דעזאָרגאַניזאַציע, און ער האָט געדאַרפט בלויז דערשלאָגן אירע נישטיקע רעשטלעך, וואָס ער האָט מיט דערפאָלג דערגרייכט. הגם וו. ק. האָט נאָך אַ לאַנגע צייט ווייטער געדינט אונטער דער אָנפירונג פון אינערן-מיניס-טעריום, אָבער זייט דאַן האָט דער רעש פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע דערגרייכט צו אים בלויז אין אַ שוואַכער פאָרם. איבערנעמענדיק דעם אַמט פון אינערן-מיניסטער דעם 4-טן אַפּריל 1902-טן יאָר, נאָך סיפּיאַגינס טראַגישן סוף, האָט וו. ק. נישט גערן צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז פאַר די 20 יאָר זאָלן האָבן פאָרגעקומען וועזנטלעכע ענדערונגען אינם כאַראַקטער פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. איך חזר איבער, ער האָט נישט געגלויבט אין דער רעוואָלוציע, ער האָט נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, זי זאָל שוין האָבן באַוויזן צו לאָזן טיפע וואָרצלען אין דער וואַקלדיקער טייל פון דער רוסישער געזעלשאַפט, און אירע שאַרפע דערשיינונגען זענען צוגעשריבן געוואָרן דעם מאַנגל אין ענערגיע מצד דער פּאָליציי און דער אַדמיניסטראַציע. נישט איך שרייב צו דעם פאַרשטאָרבענעם מיניסטער אַזעלכע מיינונגען. ער אַליין האָט זיי אַרויסגעזאָגט פונקט אין דערדאָזיקער פאָרם דעם קאָרעספּאָנדענט פון „מאַטען" אין עטלעכע טעג אַרום נאָכדעם ווי ער האָט איבערגענומען דעם מיניסטאָרן-אַמט, און די פאַר-עפנטלעכונג פון דאָזיקן אינטערוויו האָט בשעתו אָנגעמאַכט נישט קיין קליינעם טומל. צוליב זיין דאָזיקער איבערצייגונג האָט דער מיניסטער באַשלאָסן אָנצוהויבן זיין טעטיקייט מיט ענדערן דעם פערזאָנען-באַשטאַנד פון דער פּאָליציי. ער האָט באַזייטיקט דעם גאַנצן העכערן פערסאָנאַל פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און ער האָט איבערגעביטן אָדער געגעבן דעמיסיע עטלעכע פאַר-וואַלטערס פון די גובערניאַלע זשאַנדאַרם-אַמטן און גובערנאַטאָרן. אַרומרינגלענדיק זיך מיט נייע מענטשן, האָט ער אַנטשידן געפאָדערט, זיי זאָלן תיכף ומיד צוטרעטן צו מאַכן רעפאָרמען; וואָס אייגנטלעך ער האָט געוואָלט, האָט ער נאָך אַליין גוט נישט

געוווסט, ווייל ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַריינצודרינגען אין דער לאַגע, בלויז איינס איז פאַר אים געווען פולשטענדיק זיכער, אַז אַלדאָס פריערדיקע טויג אויף גאָרנישט.

ס'איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט די מערהייט רעפאָרמען געטראָגן אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער, ד. ה., עס איז אַנולירט געוואָרן אַלדאָס פריערדיקע, אָפטמאָל זייער נוצלעכעס, וואָס פאָדערט נישט מען זאָל עס באַזייטיקן, נאָר רעגולירן און פאַרפולשטענדיקן, און אָנשטאָט דאָס באַזייטיקטע איז פאַרבליבן אַ פוסט אָרט. דאָס איז געווען די לאַגע פון דער מלוכה-פּאָליציי סוף 1903-טן און אָנהויב 1904-טן יאָר. זי האָט אויסגעזען ווי אַן אַרמיי, וואָס בייט איבער איר וואָפן און פאַרנעמט זיך מיט לערנען רעקרוטן אונטערן פייער פון שונא.

איך בעט צו גלויבן, אַז דאָס אַלץ רעד איך אָן שום פאַרביטערונג און אָן דער מינדסטער שנאה צו וועמען נישט איז, אָדער פון פאַרלאַנג אַרויפצוואַרפן אויף וועמען נישט איז די אחריות. פאַרקערט, זיך האַלט איך פאַר נישט ווינציקער פאַר-אַנטוואָרטלעך, ווייל אין יענער צייט בין איך נעענטער פון אַנדערע געשטאַנען צו אַזעפן. דער איינציקער מילדערנדיקער אומשטאַנד איז דאָס, וואָס איך האָב זיך געפונען אין אויסלאַנד, און זיין פאַרברעכערישע טעטיקייט האָט זיך פאַנאַנדערגעוויקלט אין רוסלאַנד, ווייט פון מיינע אויגן. זינט איך האָב איבער-גענומען דעם אַמט ביזן טאָג ווען פלעווע איז דערמאָרדעט געוואָרן איז אַזוף געווען מיט מיר צוזאַמען אין אויסלאַנד נישט מער ווי 6 חדשים.

ס'איז דאָך אָבער ווינציק פעסטצושטעלן דעם פאַקט פון אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פאַרראַט. מען דאַרף זיך נאָך פאַרטראַכטן און באַמיען זיך אויפצוקלערן, פאַרוואָס אַ מיטאַרבעטער, — און דערביי נישט קיין איבערלויפער פון רעוואָלוציאָנערן לאַגער, וואָס האָט העכער 10 יאָר געדינט טריי און פלייסיק, האָט פלוצלונג האַסטיק גענומען אַן אַנדער ריכטונג, מען דאַרף קענען די באַ-דינגונגען, ביי וועלכע אַזאַ מעטאַמאָרפאָזע האָט געקענט פאַר-קומען. און דעריבער פּרווו איך מיט פולער אָפנקייט און אָנפּניות-דיקייט צו געבן אַ וואָס גענויערן בילד פון יענער אַלגעמיינער

צעפּאַלונג פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אין אַפּריל 1902-טן יאָר, האָט זיך כּסדר געשטאַרקט, האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט אין זומער 1905-טן יאָר, ביז מען האָט אין סוף פון דעמזעלבן יאָר נישט געמאַכט אַ סוף צו איר. אויפן באָדן פון דאָזיקן צעפּאַלונגס-פּראָצעס איז אויסגעוואָקסן און שטאַרק געוואָרן נישט נאָר אַזעפס טייוולאָנישע פיגור, נאָר עס האָט העל אויפגעבליט אַ גאַנצע פלעיאַדע אַנדערע פּאַרעטער, ווי אויך פאַרשיידענע אינטריגאַנטן, קליינלעכע כבוד-זוכער, חוצפּהדיקע קאַריעריסטן, מיט איין וואָרט, עס איז געשאַפן געוואָרן יענער גאַנצער כאַאָס, וואָס מיט זיינע פּועל-יוצאס מוז זיך דער דעפּאַרטאַמענט רעכענען נאָך ביז איצט. אויב מען זאָל נאָך צום אויבנגעזאָגטן צוגעבן דעם קינעמאַטאָגראַפישן אָפּבייט פון מיניסטאָרן און דעפּאַרטאַמענט-דירעקטאָרן, וועט זיך באַקומען אַ גאַנץ באַשטימט בילד. אגב, איך פאַרלויף שוין פאָראויס. פאַר מיר איז „ענין פלעווע", און איך וועל זיך שטרענג האַלטן אין די ראַמען פון ענין פלעווע.

דער עפּיזאָד מיט קליטשאָגלוס אַרעסט האָט אויף אַזעפן געווירקט דערדריקנדיק, ער האָט זיך ווידער דערמאָנט וועגן דעם אומגעלומפּערטן אַרעסט פון דער רעמיאַנניקאָווא און ער האָט זיך באַקלאָגט, אַז ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז שווער און געפערלעך צו אַרבעטן. צו דעם איז צוגעקומען נאָך אַן אומאָנגענעמלעכקייט: ניקאָלאַי רובאַקין, אַ ליטעראַט פון ראַדיקאַלן לאַגער, האָט צוליב עפּעס געוואָרפן אַ חשד אויף אַזעפן אין בגידה און ער האָט וועגן דעם געשריבן קיין זשענעווע צו מאָרושאַ גאָצן. דערדאָזיקער לעצטער האָט וועגן דעם מודיע געווען אַזעפן, צוגעבנדיק, אַז ער גיט נישט צו קיין שום באַדייטונג דערדאָזיקער ידיעה. און דאָ, ווי אויף צו-להכעיס, האָט זיך נאָך אָנגעהויבן באַמערקן אַ באַאומרואיקנדיקע דערשיינונג. פון דעפּאַרטאַמענט האָבן אָנגעהויבן פּאַרפאַלן ווערן און אַריינפאַלן אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן פאַרשיידענע דאָקומענטן און געהיימע צירקולאַרן, מיט וויכטיקע ידיעות, וואָס אַ טייל פון זיי האָט געשטאַמט פון אַזעפן גופא. דאָס האָט אים זייער באַאומרואיקט און ער האָט נישט אויפגעהערט צו טענהן, אַז אין דעפּאַרטאַמענט זיצט אַ בוגד. איך דאָזיקן פאַל זענען זיינע חששים נישט געווען אָן אַ גרונט. דער

בריוו מיט דער וואָרנונג קעגן טעטעראָוון און אַזעפן, וואָס דער מיטגליד פון פעטערבורגער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי פון די ס.־ר.־ן האָט באַקומען אין הארבסט, האָט זיכער געשטאַמט פון דער באַזונדערער אָפּטיילונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

דעמדאָזיקן מאָמענט באַטראַכט איך אַלס ענטגילטיקן איבערברוך אין אַזעפס קאַמף; דער פּעריאָד פון ספקות און וואַקלענישן איז פאַריבער, און ער טרעט אַרויף גאַנץ באַוווסט־זיניק אויפן וועג פון בגידה און פאַרברעכן. געוויס, דאָס איז געשען נישט תּיכף, נאָר ביסלעכוויז. אַ געוויסע צייט איז ער געווען פאַרנומען מיט ליינען די אוממעגלעכע אויפגאַבע ווי אַזוי זאָל ער אָפּהיטן אי די ציג, אי די קרויט, ד. ה., געפינען אַ מיטל ווי אַזוי צו אינפאָרמירן דער פּאָליציי, נישט נעמענדיק אויף זיך קיין שום ריזיקע, און ער שטעלט זיך ענדלעך אָפּ אויף אַזאַ, געגנוג מאָדנעם פּלאַן: אין דער צוקונפט וועט ער נישט געבן קיין שום אָנווייזונגען אויף די כּוונות פון די רעוואָלוציאָנערן. ער וועט נאָר אין אַ פּאַסיקן, דורך אים אַליין אויסגעוויילטן מאָמענט אָנווייזן אויף די איינצלנע פּערזאָנען, איבערלאָזנדיק פאַר דער אויסערלעכער אויסשפּירונג אויסצופאָרשן זייער פאַר־ברעכערישע טעטיקייט. די ליקווידאַציע פון די טעראָריסטן, וואָס וועט זיך באַזירן נישט אויף אָנווייזונגען פון אַגענטן, נאָר אויף ידיעות פון געהיימער נאָכשפּירונג, וועט אַזוי־אַרום גאַנץ נאַטירלעך נישט אויפוועקן ביי קיינעם קיין חשדים, און ער וועט בלייבן אינגאַנצן אין אַ זייט. אָבער אַזעף האָט זיך צו פיל פאַרלאָזן סיי אויף דעם שאַרפן בליק פון דער פּאָליציי, סיי אויף זיינע אייגענע כּוחות. ער האָט ווייזט אויס אויסגערעכנט, אַז עס הענגט אָפּ פון אים אין יעדן מאָמענט צו באַזייטיקן די געפאַר אָדער אָפּצוווענדן דעם אַטענטאַט. אים אַליין און זיינע חברים דאַכט זיך, אַז ער פירט אָן מיט זיי און מיט די געשעענישן, בעת אינדעראמתן שלעפן אים מיט די חברים און די געשעענישן נאָך זיך, און ער גליטשט זיך אויף אַ שפּועדיקער פּלאַך, נישט באַמערקנדיק און נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון, אַז ער איז שוין נישט בכּח אָפּצושטעלן זייער ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

דאָס, וואָס איך שרייב איצט, איז נישט קיין רעזולטאַט פון מער אָדער ווייניקער כיטרע השערות, דאָס אַלץ באַזירט זיך

אויף פאַקטן, וועלכע מען קען קאָנטראָלירן און וועלכע איך טרעט צו איבערצוגעבן.

לויט סאַווינקאָווס דערציילונג זענען אויף וו. ק. פּלעווען פּאָרגעקומען אין סך־הכּל פינף אַטענטאַטן, נעמלעך: דעם 18־טן מערץ, דעם 25־טן מערץ, דעם 1־טן אַפּריל, דעם 8־טן יולי און, לסוף, דעם 15־טן יולי, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיטן מיניסטערס טויט.

1) אינם אַטענטאַט פון 18־טן מערץ האָבן אָנטיילגענומען פאָלגנדיקע פּערזאָנען: מאַקסימיליאַן שווייצער — ער האָט אָנגעפילט די באָמבע און איבערגעגעבן די וואַרפערס; אַלס וואַרפערס זענען געשטאַנען: אַלעקסעי פּאָקאָטילאָוו מיט צוויי באָמבעס אויפן ברעג פון פאָנטאַנקע, לעבן שטיגליצעס הויז, אז., אויך מיט צוויי באָמבעס, נענטער צו דער נעווא, לעבן דער רינאָטשנאַיאַ גאַס, און יעגאָר סאַזאָנאָוו, איבערגעטאָן אַלס דראָשקער, מיט אַ באָמבע אונטערן פאַרטוך פון דער דראָשקע,ביים צופאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. אַלס סיגנאַליסטן האָבן געדינט: איוואַן קאַליאַיעוו, אויף דער פאַנטעלעימאָנער בריק, און אַ צווייטער דראָשקער כ. פון צווייטן זייט צופאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, נענטער צו פאַנטעלעימאָנאָווער גאַס.

אָנגעפירט מיטן אַטענטאַט האָט באָריס סאַווינקאָוו.

2) דער אַטענטאַט פון 25־טן מערץ: די באָמבעס האָט צוגעגרייט פּאָקאָטילאָוו. ער און אז., איבערגעטאָן אַלס הויזירער, זענען געגאַנגען מיט באָמבעס אַנטקעגן פּלעווען, מיטן ברעג פון נעוואַ און פאָנטאַנקע, צום בנין פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. סאַזאָנאָוו און אז. האָבן גענומען אין אַטענטאַט בלויז אַן אומדירעקטן אָנטייל, די איבעריקע טעראָריסטן זענען אין פּעטערבורג נישט געווען.

3) דער אַטענטאַט פון 1־טן אַפּריל איז נישט פּאָרגעקומען, ווייל מיט אַ נאַכט פריער איז פּאָקאָטילאָוו אומגעקומען אין צפון־האָטעל דורכן אויפרייס פון דער באָמבע, וועלכע ער האָט אויסגעאַרבעט.

4) פאַרן אַטענטאַט פון 8־טן יולי האָט צוגעגרייט באָמבעס שווייצער, וועלכער האָט געוווינט אין גראַנד־האָטעל, אויפן פּאַספּאָרט פון גרויס־בריטישן אונטערטאַן מאַק־קולאָך. די וואַרפערס

זענען געווען: סאַזאָנאָוו, אָנגעטאָן אין אַ רעקל פון אַ באַן־באַאַמטן, קאַליאַיעוו, אין אַ היטל פון אַ שווייצאַר מיט אַ גאָלדענעם גאַלון, או. און לייבאַ סיקאָרסקי, אין מאַנטלען פון מאַרינע־שניט. אַלס דראָשקערס האָבן געדינט: יעגאָר דולעבאָוו און כ. דער לעצטער איז געשטאַנען מיט זיין דראָשקע אויפן אָבוואָד־קאַנאַל. אָנגעפירט מיטן אַטענטאַט האָט סאַווינקאָוו.

5) דעם 15־טן יולי האָבן אָנטיילגענומען דיזעלבע אין דערזעלבער אָרדנונג.

שוין אָנהויב פעברואַר 1904־טן יאָר זענען זיך צונויפגעפאָרן אַלע טעראָריסטן און זיי געפינען זיך אויף זייערע פלעצער. די צוגרייטונגען צום אַטענטאַט קומען פאָר אין פאַרשנעלערטן טעמפּ.

געטריי זיין פלאַן איז מיר אַזעף כמעט יעדן טאָג מודיע, און איך פון מיין זייט דעם דירעקטאָר, אַז עס באַזוכן אים אומבאַקאַנטע טעראָריסטן, וועלכע קומען צופאָרן פון אויסלאַנד און קומען צו אים מיטן פאַרטיי־פּאַראָל: „דמיטרי לעבט און איז געזונט!”

לויט אַזעפס רייד האָט ער זיי פּערזענלעך נישט געקענט און זיי אים אויך נישט, אָבער זייער געשטאַלט פלעגט ער באַשרייבן זייער גענוי און זאָרגפעלטיק. כ׳געדענק נישט איצט אַלע פּערזאָנען, אויף וועלכע ער האָט אָנגעוויזן, אָבער צוויי האָבן זיך מיר באַזונדערס איינגעשניטן אין זכרון: איינער, מיט געגאָלטע וואָנצעס און אַ אַזוי־גערופענער אַמעריקאַנער בערדל, וואָס איז לויט די קליידער און דעם טיפּ ענלעך אויף אַן ענגלענדער, און אַ צווייטער, הגם נישט קיין פּאָליאַק, וואָס רעדט אָבער מיט אַ פּוילישן אַקצענט. דער לעצטער, וועלכן אַזעף האָט צוגעשריבן אַ באַזונדערע באַדייטונג, פלעגט אָפּריידן מיט אים צו טרעפן זיך אין די בעדער אין קאַזאַטשי געסל. איינמאָל האָט אַזעף אָנגעזאָגט, אַז דערדאָזיקער סוביעקט האָט אים באַשטימט אַ זעאונג אין דידאָזיקע בעדער. כדי נאָכצושפּירן איז אַוועק יע. פּ. מעדניקאָוו פּערזענלעך, וועלכער האָט גוט געקענט אַזעפן פון מאָסקווע. אַזעף איז געקומען אין באָד אין דעם באַשטימטן טאָג, ער האָט זייער לאַנג געוואַרט, אָבער קיינער איז נישט געקומען (זע מיינע באַריכטן 42, 44 און 45 — 1904־טן יאָר).

פאַרגלייכנדיק די סימנים, וועלכע אַזעף האָט אָנגעגעבן מיט די פאַקטן, וועלכע מיר געפינען אין סאַווינקאָווס דערציילונג בנוגע שווייצערן און קאַליאַיעוון, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז אַזעף האָט אָנגעוויזן טאַקע אויף זיי. באַשרייבנדיק, ווי אַזוי אַזעף פלעגט, צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, געוויינלעך באַשטימען זעאונגען נישט אין פּריוואַטע דירות, נאָר אויף דער גאַס אָדער אין עפנטלעכע ערטער: אין שענק, אין באָד, אין טעאַטערן און אַז. וו., דערציילט סאַווינקאָוו, אַז איינמאָל, אָנהויב פעברואַר, האָט אַזעף אים באַשטימט אַ זעאונג אויף אַ מאַסקעראַד אין סוחרים-קלוב, כדי צו באַקענען זיך מיט די חברים.

„איך האָב געזען, שרייבט סאַווינקאָוו, ווי אַזעף איז אַריין און האָט זיך באַגריסט מיט נישט קיין הויכן, פעסטן, עלעגאַנט געקליידעטן יונגן מענטשן פון אַ 25 יאָר. ביים יונגן מענטשן זענען געווען אָפּגעגאָלט די וואָנסעס און לויטן אויסערלעכן אויסזען האָט ער דערמאָנט אַן אויסלענדער. דאָס איז געווען שווייצער, וואָס האָט געלעבט אויף אַן ענגלישן פּאַס".

אַביסל ווייטער, געבנדיק קאַליאַיעווס כאַראַקטעריסטיק, דערמאָנט סאַווינקאָוו, אַז ער האָט גערעדט מיט אַ לייכטן פּוילישן אַקצענט.

דערוויילּ פליסט אָפּ די צייט פון מיין אויפהאַלטן זיך אין פּעטערבורג, און אין מיטן פעברואַר קער איך זיך אום אויף מיין פּאָסטן אין פּאַריז, און אַזעף בלייבט אין פּעטערבורג. די צייט שטייט נישט אויף אַן אָרט; דעם מיניסטער שפּירט מען נאָך אָן אויפהער, אַלץ איז, ווייזט אויס, איינגעאָרדנט, און „סאַווינקאָוו לייגט פאָר אַזעפן תיכף צוטרעטן אויסצופירן דעם אַטענטאַט". געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע, טראַכט אַזעף צו פאַרשיידענע אויסריידן, כדי ווי-נישט-איז אָפּצושטופּן דעם אומ-פאַרמיידלעכן סוף: „ער פלעגט מיר דערווידערן, שרייבט סאַווינקאָוו, אַז מיר באַזיצן צו ווינציק ידיעות, אַז פלעוועס מאַרשרוט איז נישט גענוי באַקאַנט און ס'איז דעריבער לייכט אַ טעות צו האָבן". ווען סאַווינקאָוו האָט אָבער נישט אויפגעהערט אָנצושטיין, אָנווייזנדיק אויף דער מעגלעכקייט איינצואָרדנען אַן אַטענטאַט אויף דער פאָנטאַנקע, ביים סאַמע שטוב פון מיניסטער, האָט אַזעף נישט מסכים געווען. אַזאַ אַרויסטריט איז אים

פאָרגעקומען געפערלעך; לעם פלעוועס שטוב האָט זיך געפונען די צאָלרייכסטע שמירה. עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַ ראַט פון אַלע אָנטיילנעמער פון דער פאַרשווערונג און ווען אַלע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אַ תיכפדיקן אַטענטאַט, האָט אַזעף פונדעסטוועגן דערווידערט, „רופנדיק צו געדולד און פאָרזיכטיקייט און ווידער אָנווייזנדיק, אַז אַ דורכפאַל קען איבערפירן די גאַנצע זאַך". לסוף, נאָכגעבנדיק דער אַלגעמיינער איינגעשפּאַרטקייט, האָט ער געזאָגט: „גוט, אויב איר ווילט דאָס אַזוי שטאַרק, לאָמיר פּרוון גליק".

דער אַטענטאַט איז באַשטימט אויפן 18-טן מערץ. אין אַזעפן ברעכט אויס אַ שטאַרקער אינערלעכער קאַמף. פון איין זייט פילט ער, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט איינגעאָרדנט, אַז דער פּלאַן פון אַטענטאַט איז אַזאַ, אַז די טעראָריסטן איז לייכט צו אַנטדעקן און כאַפּן ביי דער האַנט, ווי מיט דער הילף פון אויסערלעכער נאָכשפּירונג. ער ווייס, אַז אויב ער וועט תיכף מודיע זיין וועגן דעם צוגעגרייטן אַטענטאַט, וועט ער באַקומען דערפאַר אַ גרויסע באַלוינונג, אָבער די מורא, דער פּאַנישער שרעק פאַר זיין לעבן שטערט אים צו האַנדלען אָפן, און ער אַנטשליסט זיך אויף עפּעס מיטלדיקס. ער גייט אין שטוב צום דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט. ווי אַזעף האָט מיר שפּעטער דערציילט האָט זייער שמועס באַרירט דריי פּונקטן: 1) אַזעף האָט געבעטן העכערן זיין געהאַלט. אַ. אַ. לאָפּוכין האָט נישט אָפּגעזאָגט גלייך, נאָר ער האָט אָפּגעלייגט די לייזונג פון דער דאָזיקער פראַגע ביז ער וועט זיך נישט זען מיט מיר; 2) ער איז מודיע, אַז חיים לעוויט געפינט זיך אין אָריאָל און אַז ס'איז געקומען אַ פּאַסיקער מאָמענט כדי אים צו כאַפּן ביי דער האַנט, ווייל ער איז פאַרנומען מיט שרייבן אַ פּראָיעקט פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, און לסוף 3) ער וואָרנט, אַז לויט די באַקומענע ידיעות שפּירן נאָך די רעוואָלוציאָנערן אַ. אַ. לאָפּוכינען אויפן וועג פון זיין דירה אויף סערגעיעווער, דורך פּאַנטעלעימאָנאָווער און אויף דער פּאָנטאַנקע, ביים סאַמע דעפּאַרטאַמענט *).

* ווייזט אויס, אַז אויף זיין דאָזיקן איינפאַל האָט זיך אַזעף פאַררופן

ס׳איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז קיין שום ענלעכעס נישט פּאָרגעקומען, אַלע כּחות זענען קאָנצענטרירט געווען אויפן מיניסטער, קיינער האָט אַפילו נישט בדעה געהאַט נאָכצושפּירן דעם דירעקטאָר, און דאָס אַלץ האָט אַזעף אויסגעטראַכט מיט דער אויסרעכענונג, אַז צוליב דערדאָזיקער וואָרנונג וועט מען ביי דער פּאַנטעלעימאָנאָווער און אויף דער פּאָנטאַנקע פאַרשטאַרקן די שמירה, וועלכע האָט, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט כאַפּן די טעראָריסטן ביי דער האַנט, בפרט אַז ער האָט געוווּסט, דאָס די מערהייט פון זיי זענען שוין פון פריער באַקאַנט די שפּיאָנען. ער האָט, ווייזט אויס, געהאַלטן, אַז דער אויסשפּיר־דינסט איז פּונקט אַזוי גוט אַוועקגעשטעלט, ווי פאַר זיין צייט אין מאָסקווע, אָבער אין יענער צייט איז פון מאָסקווער אויסשפּיר־דינסט פאַרבליבן בלויז אַ דערינערונג.

באַרואיקנדיק דאָס, וואָס ער האָט אָנגערופן זיין געוויסן, איז אַזעף אַוועקגעפאָרן פון פּעטערבורג. דער אַטענטאַט פון 18־טן מערץ איז פאָרגעקומען, ער איז אָבער צעשטערט געוואָרן צוליב סיבות, וואָס זענען נישט אָפּגעהאָנגען נישט פון אַזעפן, נישט פון דער פּאָליציי.

כּדי פאַקטיש צו באַשטעטיקן די אויבנדערמאָנטע פאַקטן וואָלט געווען זייער געוווּנשן גענוי פעסטצושטעלן, אין וועלכן טאָג אַזעף האָט באַזוכט אַ. אַ. לאָפּוכינען. צום באַדויערן דערמאָן איך זיך איצט נישט גענוי, כ׳ווייס נאָר אויף זיכער, אַז דאָס איז געווען מיט עטלעכע טעג, אומגעפער מיט אַ וואָך פאַרן 18־טן מערץ. גענוי קען מען פעסטשטעלן דידאָזיקע דאַטע לויטן ענין לעוויט אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג, ווייל מיט דער־דאָזיקער דאַטע איז פאַרצייכנט די רעזאָלוציע פון זיין אַרעסט. איך זע אַפילו ווי איצט דידאָזיקע רעזאָלוציע, אויף אַ באַזונדער שטיקל בריוו־פּאַפּיר, און אַרעסטירט איז לעוויט געוואָרן אין אָריאָל דעם 16־טן אָדער 17־טן מערץ.

איך זיין בריוו צו לאָפּוכינען, ווען ער האָט אים געבעטן ראַטעווען „פון פיזישן טויט, און זיין משפּחה פון מאָראַלישן טויט, דערמאָנענדיק, אַז ער, אַזעף, האָט איינמאָל געראַטעוועט לאָפּוכינען, ווען ער האָט צעשטערט דעם פּלאַן פון אַ אַטענטאַט אויף אים, וועלכן די רעוואָלוציאָנערן האָבן געוואָלט איינאָרדנען, כּדי נוקם זיין זיך פאַר געגרשוניס אַרעסט״.

נישט ווינציקער אינטערעסאַנט וואָלט געווען נאָכצופאָרשן אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג און אין דער פּעטערבורגער אָכראַנע, צי זענען אין זעלבן טאָג נישט געמאַכט געוואָרן קיין וועלכע־נישט־איז פאַראָרדנונגען וועגן אָפּהיטן דעם דירעקטאָר און וועגן פעסטשטעלן די פּערזאָנען, וועלכע האָבן אים, קלאָמפּערשט, אויסגעפאָרשט. ס׳קען זיין, אַז גראָד צוליב די אָנגענומענע מיטלען האָבן די אַגענטן קאָנצענטרירט זייער אויפמערקזאַמקייט אויפן טעראָריסט, וועלכן סאַווינקאָוו באַצייכנט מיטן אות או. דערדאָזיקער טעראָריסט איז געשטאַנען דעם 18־טן מערץ מיט אַ באָמבע אויף דער פאָנטאַנקע, ביי דער רינאָטשנאַיאַ גאַס, אָבער זענדיק, אַז ער איז אַרומגערינגלט מיט אַגענטן, איז ער אַנטלאָפן און דורכדעם צעשטערט דעם אַטענטאַט.

איידער איך וועל פאַרענדיקן מיטן אומגעלונגענעם אַטענ־טאַט פון 18־טן מערץ וועט זיין אויפן אָרט צו זאָגן דאָ עטלעכע ווערטער וועגן דעם מיניסטערס פערזענלעכער אויסערלעכער שמירה, אויף וועלכער ער האָט זיך מער פאַר אַלץ פאַרלאָזן. די גענויע באַשרייבונג פון געפּלאַנטן אַטענטאַט פון 18־טן מערץ באַ־ווייזט בולט, אויף וויפל מען קען זיך בכלל פאַרלאָזן אויף יעדער אויסערלעכער שמירה. מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז נאָך נישט געווען דער פאַל, די שמירה זאָל עמיצן ראַטעווען פון טויט. אויף די אויגן פון דערדאָזיקער שמירה, אונטער איר סאַמע נאָז, אַזויצוזאָגן, ביי די פענסטער פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט מען דעם מיניסטער אַרומגערינגלט און געיאָגט, ווי אַ ווילדע חיה, און זאָל דאָס כאָטש איינעם פון די צאָלרייכע שומרים זיך האָבן געוואָרפן אין די אויגן, אַז פאַר זיי קומט עפּעס פאָר. מען דאַרף נאָך דערביי באַמערקן, אַז אַלע טעראָריסטן זענען געווען דעביוטאַנטן, דאָס איז געווען זייער ערשטע אַרויסטרעטונג און זיי האָבן זיך אויפגעפירט גענוג אומפאָרזיכטיק.

„אין טויער פון זומער־גאָרטן האָב איך דערזען פּאָקאָטילאָוון, שרייבט סאַווינקאָוו. ער איז געווען בלייך און ער איז שנעל געגאַנגען צו מיר. אין די קעשענעס פון זיין פוטער האָבן זיך בולט אָפּגעצייכנט די באָמבעס”.

ווייטער דערציילט ער: „ביז אויף הייַנטיקן טאָג קען איך מיט גאָרנישט נישט דערקלערן דעם גליקלעכן אויסגאַנג פון

אונזער ערשטן אַטענטאַט, סיידן מיט אַ צופעליקן דערפאָלג. קאַליאַיעוו האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, זיין אָנגעשטרענגטע פּאָזע און די עקשנותדיקע קאָנצענטרירטקייט פון דער גאַנצער פיגור האָבן זיך אויף אַזוי פיל אויסגעטיילט פון דער מאַסע, אַז פאַר מיר איז אומפאַרשטענדלעך, ווי אַזוי די אָכראַנע-אַגענטן, מיט וועלכע עס איז געווען באַשאָטן דער בריק און דער ברעג פון פאָנטאַנקע, האָבן נישט געלייגט אויף אים קיין אַכט. שפּעטער האָט ער אַליין דערציילט, אַז ער איז געשטאַנען מיט דער פולער זיכערקייט, אַז מען וועט אים אַרעס־טירן, אַז מען קען נישט נישט אַרעסטירן אַ מענטשן, וואָס שטייט אין משך פון אַ שעה אַקעגן פלעוועס הויז און גיט אַכטונג אויף זיין צופאָר".

נאָכן נישט-געלונגענעם אַטענטאַט פון 18-טן מערץ זענען פּאָקאָטילאָוו און סאַזאָנאָוו אַרויסגעפאָרן קיין דווינסק, ווו אַזעף האָט זיי, לויט ווי מען האָט אָפּגערעדט, געדאַרפט אָפּוואַרטן; זיי האָבן אים אָבער נישט געטראָפן. געשען איז דאָס דערפאַר, ווייל אַזעף איז, נישט געקוקט אויפן צוזאָג, געפאָרן נישט קיין דווינסק, נאָר קיין פּאַריזש און ער איז געקומען צו מיר לחלוטין אומ־געריכט אין די ערשטע טעג פון אַפּריל (נ. ס.), ד. ה., אין אָנהויב פון דער צווייטער העלפט מערץ לויטן אַלטן סטיל. אָנגעהויבן האָט ער דערפון, אַז קיין שום אינטערעסאַנטעס האָט ער מיר נישט צו דערציילן, ווייל דאָס וויכטיקסטע האָט ער שוין מיט־געטיילט דעם דירעקטאָר פון דעפּאַרטאַמענט. דערביי האָט ער מיר געגעבן איבערגעגעבן דעם אויבנגעבראַכטן אינהאַלט פון זיין שמועס מיט לאָפּוכינען, און דערנאָך האָט ער מיר, אומגעריכט, קוקנדיק גלייך אין די אויגן, געשטעלט אַזאַ פראַגע: „זאָגט נאָר, לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש, אייך איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מען קען וואַרפן אַ באָמבע פון דער פאָנטאַנקע אין פענסטער פון מיניסטערס וווינונג".

אַביסל פאַרווונדערט פון אַזאַ פראַגע האָב איך געענטפערט, אַז, באמת, כ'האָב וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט, און אַז אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, איז די שמירה ביים מיניסטערס הויז אַזוי שטרענג, אַז דערדאָזיקער פּרווו איז קוים צו פאַר־ווירקלעכן. ער האָט גאָרנישט געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ צוויי טעג אַרום איז אַזעף ווידער געקומען צו מיר און געמעלדעט, אַז, צום באַדויערן, מוז ער ווידער פאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל ער האָט באַקומען אַ ידיעה, אַז זיין מוטער, וואָס וווינט אין וולאַדיקאַווקאַז, איז געפערלעך קראַנק געוואָרן. ער האָט אַזוי געבעטן און אָנגעשטאַנען, אַז מיט אַ שווער האַרץ האָב איך אים אָפּגעלאָזן. דערביי האָב איך אים, פונדעסטוועגן, געגעבן עטלעכע אויפטראַגן, צווישן זיי אומבאַדינגט פעסטשטעלן די טעראָריסטן, אויף וועלכע ער האָט אָנגעוויזן אין פעברואַר און וועלכע זענען געבליבן אומבאַקאַנט.

בכלל איז אַזעף דאָסמאָל געבליבן אין פּאַריזש נישט מער ווי עטלעכע טעג און לויט סאַווינקאָווס גבית-עדות איז ער שוין דעם 22-טן מערץ, ד. ה., דעם 4-טן אַפּריל לויטן נייעם סטיל, געווען אין רוסלאַנד און אויפן וועג פון פּעטערבורג קיין דווינסק האָט ער זיך צונויפגעטראָפן אין וואַגאָן מיט פּאָקאָטילאָוון. פון דאָזיקן לעצטן האָט זיך אַזעף דערוווסט, אַז שווייצער, קאַליאַיעוו און סאַווינקאָוו זענען געפאָרן קיין קיעוו כדי צו אָרגאַניזירן אַ אַטענטאַט אויפן גענ.-גוב. קלייגעלס, און אַז פּאָקאָטילאָוו מיט או. האָבן דעם 25-טן מערץ געפּרוּווט איבערחזרן דעם אַטענטאַט, אָבער אָן דערפאָלג, און אַז זיי באַמיען זיך צו פּרווון גליק נאָך אַ דריטן מאָל, דעם נאָנטסטן דאָנערשטיק, דעם 1-טן אַפּריל. אַזעף איז מיט דעם אַלעם געבליבן זייער אומצופרידן און ער האָט געפּרווט אָפּרעדן פּאָקאָטילאָוון פון זיין פּלאַן, פּאָקאָטילאָוו אָבער איז געבליבן ביי זיינס. דאַן איז אַזעף אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו אויפזוכן שווייצערן, קאַליאַיעוון און סאַווינקאָוון.

כ'וועל זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַזעפס קאָרעספּאָנדענץ צו מיר פון רוסלאַנד, ווייל דאָס אַלץ געפינט זיך אין דער אָריגינעלער קאָרעספּאָנדענץ און אין מיינע באַריכטן. חוצדעם האָט שוין נישט היינט דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ קיין שום פּראַקטישע באַדייטונג, אַחוץ איין בריוו, וועלכער איז זייער כאַראַקטעריסטיש און ער דינט אַלס איבערצייגנדיקע באַשטעטיקונג דערפון, אַז אַזעף האָט געוואָלט אַרויספירן די פּאָליציי אויף די שפּורן פון די טעראָריסטן אָן אַ ריזיקע פאַר זיך גופא.

נאָך די נישט-געלונגענע אַטענטאַטן פון 18-טן און 25-טן מערץ און נאָך פּאָקאָטילאָווס טויט און ערב דעם באַשטימטן

דריטן אַטענטאַט, האָט סאַווינקאָוו, פאַרשטעלט אַלס רייכער ענגלענדער, געדונגען די דירה 1 № אין הויז 31 № אויף זשוקאָווסקיס גאַס. מיט אים צוזאַמען האָבן געלעבט: דאָראַ בריליאַנט, אַלס געליבטע, אַ שאַנסאָנעט־זינגערין, סאַזאָנאָוו, אַלס לאָקיי, און די אַלטע N, אַלס קעכין. סאַווינקאָוו דערציילט, אַז איינמאָל האָבן זיי באַמערקט, אַז זייער הויז ווערט שטאַרק שפּיאָנירט. צוערשט האָט דאָס אַרויסגערופן ביי זיי אַ מהומה, דערנאָך אָבער האָבן זיי זיך באַרואיקט, ווייל ס'איז אינגיכן קלאָר געוואָרן, אַז מען שפּירט נאָך נישט זיי, נאָר דעם אַדוואָקאַט טראַנדאַפילאָוו, וואָס וווינט אין זעלבן הויז, אויף די־זעלבע שטיגן מיט זיי, אַ טיר אין אַ טיר, פון הינטערשטן גאַנג.

טראַנדאַפילאָוון האָט מען נאָכגעשפּירט נישט צוליב קיין אַנדער סיבה, ווי אויפן סמך פון אַזעפס אַ ידיעה. אין אַ בריוו פון פעטערבורג אָדער מאָסקווע (ער געפינט זיך צווישן אַזעפס לעצטע בריוו) ווייזט אַזעף אָן אויף טראַנדאַפילאָוון, אַלס אַ פּערזאָן, וואָס פאַרדינט אויפמערקזאַמקייט. איך פון מיין זייט האָב תיכף אָנגעשריבן וועגן דעם אין דעפּאַרטאַמענט, לויט וועמעס פאַראָרדנונג מען האָט, וואָרשיינלעך, גענומען נאָכשפּירן טראַנדאַפילאָוון. אַזעפס אויסרעכענונג איז, וואָרשיינלעך, געווען די, אַז נאָכשפּירנדיק טראַנדאַפילאָוון וועלן די נאָכשפּירער זיך אָנשטויסן, זיי וועלן זיך מוזן אָנשטויסן אויף סאַזאָנאָוון און סאַווינקאָוון, באַזונדערס אויפן לעצטן, וועמעס גאַנצע פריערדיקע טעטיקייט עס איז פאַרגאַנגען אין פעטערבורג.

דאָס איז געווען אַזעפס לעצטער פּרווו אומדירעקט פאַר־היטן פון אַ אַטענטאַט; נאָכדעם האָט ער, ווייזט אויס, ענטגילטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף אַלץ און איבערגעלאָזן די געשעענישן זייער נאָרמאַלן גאַנג, און אַליין האָט ער אָנגעווענדט ווייניקע אַלע אָנשטרענגונגען כדי פעסטצושטעלן זיין אַליבי. דעם 7־טן יולי, ד. ה., ערב דעם פאָלגנדיקן אומגעלונגענעם אַטענטאַט, בעט ער דורך אַ בריוו אָדער אַ טעלעגראַמע פון ווילנע מען זאָל אים אַרויסשיקן 100 רובל, און אויף צומאָרגנס — נאָכן מאָרד, ד. ה., דעם 16־טן יולי, שיקט ער מיר אַ טעלעגראַמע פון ווין. אין צוויי טעג אַרום איז ער געקומען צופאָרן קיין זשענעווע און ביז יולי 1905־טן יאָר איז ער נישט אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

איך ווייס נישט, צי איז מיר געלונגען גענוג איבערצייגנדיק גרופירן די פאַקטן כדי צו באַשטעטיקן אַזעפס בגידה, אָבער אינערלעך, לכל-הפחות, האָב איך דעם מינדסטן ספק נישט, אַז סאַווינקאָווס גאַנצע דערציילונג וועגן זיין פאַרברעכערישער טעטיקייט איז אומבאַדינגט אמת. פאַרשטייט זיך, אַז נישט סאַווינקאָווס ווערטער, נישט מיינע השערות קענען נישט האָבן קיין דאָקומענטאַלע באַדייטונג. זיי קענען אָבער באַקומען די-דאָזיקע באַדייטונג, אויב זיי וועלן באַשטעטיקט ווערן דורך די לעבנגעבליבענע אָנטיילנעמער פון פאַרברעכן פון 15-טן יולי. בריליאַנט, דולעבאָוו, קאַליאַיעוו און שווייצער עקזיסטירן נישט מער, אָבער סאַזאָנאָוו און סיקאָרסקי לעבן. אויב מען זאָל זיי נישט געבן לייענען סאַווינקאָווס דערציילונג, נאָר זי איבער-דערציילן פאַר זיי אין אַלגעמיינע שטריכן און אויספרעגן זיי, אונטערשטרייכנדיק באַזונדערס די קליינע דעטאַלן, וועט מען פונם סך-הכל פון זייערע סעפּאַראַטע גבית-עדות קענען אויפבויען דעם אמת אין זיין פולער מאָס.

פּאָנטענעבלאָ (סען און מאַרנע).

16/3–XI–10

ווי אַזוי איך האָב דעמאַסקירט אַזעפן

פון די זכרונות

וו. ל. בורצעוו

קאַפּיטל I.

די גרינדונג פון „בילאָע" אין פּעטערבורג. — מיין קאָרעס־פּאָנדענץ מיט זובאַטאָוון. — די באַגעגעניש מיט טיכאָמיראָוון. — דער קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע.

מיט מיין קומען קיין רוסלאַנד סוף 1905־טן יאָר האָט זיך פאַר מיר געעפנט צום ערשטן מאָל אַ ברייטע מעגלעכקייט פון אַ לעגאַלער ליטעראַרישער און פאָרלעגערישער טעטיקייט. נאָך דעם, ווי איך האָב זיך לעגאַליזירט אין פּעטערבורג, האָבן די פאַרלעגער פאַרשטאַנען, אַז נישט געקוקט אויף מיין גאַנצער רעוואָלוציאָנערער רעפּוטאַציע, און, אפשר, אַ דאַנק איר, ווערט פאַר מיר מעגלעך אַ לעגאַלע פאַרלעגערישע און ליטעראַרישע טעטיקייט.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אָנהויבן אַרויסגעבן אין פּעטערבורג אַ זשורנאַל „בילאָע". אין דער רעדאַקציע האָבן אָנטיילגענומען באָגוטשאַרסקי, שטשעגאָלעוו און איך. זיין פאַרלעגער איז געווען נ. יע. פאַראַמאָנאָוו, דער אַרויסגעבער פון „דאָנסקאַיאַ רעטש". מיר האָבן זיך געווענדעט צו אַלע באַקאַנטע אָנטיילנעמער פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג און מיר האָבן זיך באַזאָרגט מיט זייער מיטאַרבעט. די בעסטע קענערס פון דער נייסטער רוסישער געשיכטע האָבן אונז צוגעזאָגט אַ שטענדיקע מיטהילף.

דער זשורנאַל פלעגט אַרויסגיין חודשלעך אין גרויסע ביכלעך — צו 20—25 בויגן. אויף זיינע זייטן האָבן מיר גענומען דרוקן אַזעלכע אַרטיקלען און דאָקומענטן, וואָס קיינער האָט ביז דאַן אַפילו נישט געחלומט צו דרוקן אין רוסלאַנד. מיר האָבן געגעבן אַ העל בילד פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג און מיר

האָבן געדרוקט די דערינערונגען פון אייניקע נאָר־וואָס באַפרייטע שליסעלבורגער. ערשט ביים זעקסטן ביכל האָט די צענזור צום ערשטן מאָל פאַרהאַלטן דעם זשורנאַל.

אין דער געזעלשאַפט האָט „בילאָע" געהאַט גרויס דערפאָלג.

אַ דאַנק דעם „בילאָע" האָבן זיך ביי מיר אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט פאַרשיידענע פּערזאָנען, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און צו די אָכראַנקעס. איינע, ווי לאָפּוכין, פלעגן קומען צו אונז אָפן, אַנדערע — אין געהיים. זיי פלעגן מיר געבן זייער וויכטיקע ידיעות און מאַטעריאַלן.

אין „בילאָע" איז צווישן אַנדערע געדרוקט געוועזן דער אַרטיקל פון מ. ר. גאָץ, ווו ער האָט געזאָגט עטלעכע האַרבע ווערטער וועגן זובאַטאָוון, מיט וועלכן ער האָט זיך אַלס בחור, צונויפגעטראָפן, ווי מיט אַ רעוואָלוציאָנער, און וועלכער איז שפּעטער, אַלס שאַפער פון „זובאַטאָווטשינע", געשטאַנען בראש פון גאַנצן פּאָליטישן נאָכשפּירונגס־דינסט.

זובאַטאָוו האָט צוגעשיקט אַ בריוו אין רעדאַקציע פון „בילאָע" מיט דערקלערונגען און דערווידערונגען קעגן גאָצן. איך האָב זיך באַנוצט מיטן דאָזיקן בריוו און כ'האָב אָנגעקניפּט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ מיט זובאַטאָוון.

אַלס רעדאַקטאָר פון „בילאָע" האָב איך אין מיינע בריוו צו זובאַטאָוון אים פאָרגעלייגט צו שרייבן דערינערונגען און קלייבן מאַטעריאַלן. פאַרשטייט זיך, איבער זובאַטאָווס קאָפּ האָב איך גערעדט מיט אַ סך אַנדערע. איך האָב געוווּסט, אַז ערשטנס ווערן מיינע בריוו צו אים איבערגעכאַפּט דורך דער פּאָליציי, און דערנאָך, אַז ער גופא איז מודיע וועגן זיי ווו מען דאַרף. מען זאָגט, אַז אונזער קאָרעספּאָנדענץ איז אַפילו אָפּגע־דרוקט געוואָרן אין אַ באַגרעניצטער צאָל עקזעמפּליאַרן פאַר די אָנפירנדיקע קרייזן. איך האָב געוואָלט צוגעוווינען די אַלע, וואָס האָבן אַ שייכות צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז איך, אַלס רעדאַקטאָר פון „בילאָע", האָב רעכט, כדי אויסצופאָרשן די געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנער־געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, ווענדן זיך נאָך מאַטעריאַלן צו אַלעמען און אַפילו צו זיי — צו

אונזערע פיינט. איך האָב דאָס געדאַרפט האָבן צוליב דעם, כדי צו שאַפן אַזאַ אַטמאָספער, וואָס איז מיר נויטיק פאַרן קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, וועלכן איך האָב אונטער־גענומען, און כדי עס זאָל מיר זיין באַקוועמער צו זאַמלען מאַטע־ריאַלן פאַרן „בילאַע". איך האָב געהאַט גענוג גרונדן צו האַלטן, אַז מיינע דאָזיקע ווענדונגען צו זובאַטאָוו און צו אַנדערע זובאַטאָווס האָבן געהאַט פּונקט די רעזולטאַטן, וועלכע איך האָב געדאַרפט האָבן.

מיינע באַציאונגען צו זובאַטאָוון האָב איך, פאַרשטייט זיך, פון קיינעם נישט אויסבאַהאַלטן. מיינע חברים האָבן מיך אָפּ־גערעדט פון דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ סיי צוליב דעם, וואָס די זובאַטאָווס קענען מיר געבן פאַלשע ידיעות, און סיי צוליב דעם, וואָס אָנשטויסנדיק זיך וועגן דעם ציל פון מיין דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, וועט מיך די פּאָליציי אַרעסטירן און אַז. וו. אָבער דידאָזיקע וואָרנונגען האָבן מיך נישט אָפּגעהאַלטן און איך האָב ווייטער געפירט מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זובאַטאָוון.

אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָט מען זיך אינגיכן פאַר־אינטערעסירט מיט מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט זובאַטאָוון, און קיין וולאַדימיר האָט מען געשיקט צו אים אַ ספּעציעלן באַאַמטן, כדי אים צו פאַרהערן. זובאַטאָוון האָט דאָס שטאַרק באַאומרואיקט, און אים איז דאַן אויסגעקומען איבערצולעבן נישט ווינציק אומאָנגענעמלעכקייטן אין שייכות מיט זיין בריוו־וועקסל מיט מיר. אין זיין לעצטן בריוו צו מיר, ווען איך בין נאָך געווען אין פּעטערבורג, וועלכן ער האָט געשיקט מיט באַזונדערע פאָרזיכט־מיטלען, ער זאָל נישט אַריינפאַלן צו די זשאַנדאַרן, האָט מיך זובאַטאָוו געבעטן רחמים אויפהערן שרייבן צו אים. „ברענגט מיך נישט אום און ברענגט זיך נישט אום", — האָט ער געשריבן צו מיר.

אַלס ענטפער אויף דעם האָב איך געשריבן זובאַטאָוון: „אַט סאַראַ צייטן עס זענען היינט, מיט גאָטס הילף, אָנגעקומען: זובאַטאָוו האָט מורא, אַז בורצעוו זאָל אים נישט קאָמפּראָמיטירן דורך זיינע בריוו!"

איך האָב אָבער נישט געלאָזט צורו זובאַטאָוון אויך דאַן, ווען איך בין אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד. אויך פון דאָרט האָב

איך אים געשריבן, — און ער פלעגט מיר אַמאָל ענטפערן, הגם כמעט אין יעדן בריוו פלעגט ער מיך בעטן רחמים אָפּצושטעלן די קאָרעספּאָנדענץ, כדי אים נישט אומצוברענגען. אַ טייל פון דער־דאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס האָט, בלתּי ספק, אַ גרויסן אינטערעס, האָב איך פאַרעפנטלעכט אין „בילאָע" נאָך פאַר דער רעוואָלוציע.

אין 1916-טן יאָר, קומענדיק קיין מאָסקווע, בין איך אַוועק צו זובאַטאָוון אין זיין דירה. כ'האָב אים אָבער נישט געטראָפן אינדערהיים. כ'האָב געזען, דאַכט זיך, זיין זון און כ'האָב אים געבעטן איבערגעבן, אַז כ'וויל אים זען און כ'וועל טעלעפאָנירן צו אים. אינאָוונט האָב איך צו אים טעלעפאָנירט. זובאַטאָוו האָט מיר אָפּגעענטפערט:

— געדענקט, וולאַדימיר לוואָוויטש, אַז כ'קען זיך מיט אייך נישט זען! דאָס איז געפערלעך אי פאַר מיר אי פאַר אייך!

און כ'האָב אים טאַקע נישט געזען. ביי די ערשטע ידיעות וועגן דער רעוואָלוציע אין מערץ 1917-טן יאָר האָט זיך זובאַטאָוו דערשאָסן, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן.

כדי צונויפצוזאַמלען מאַטעריאַלן פאַר „בילאָע" פלעג איך מאַכן רייזעס איבער רוסלאַנד – כ'בין געווען אין ניזשני ביי וו. נ. פיגנער, לעבן דערפט ביי ס. אַ. איוואַנאָוון. ספּעציעל מיטן דאָזיקן ציל פלעג איך פאָרן קיין מאָסקווע און אין אַנדערע שטעט.

קומענדיק איינמאָל קיין מאָסקווע האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו צו ל. אַ. טיכאָמיראָוון און כ'האָב געבעטן ביי אים אַ זעאונג. כ'בין געווען ביי אים עטלעכע מאָל. ער האָט מיך איבערראַשט אי מיט זיין רעליגיעזיטעט, אי מיט זיין צביעות. ביים עסן פלעגט ער זיך צלמען כמעט ביי יעדן ביסן, וועלכן ער פלעגט לייגן אין מויל.

אין זיין שמועס מיט מיר האָט מיר טיכאָמיראָוו געענט־פערט אויף פראַגן וועגן „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ", וועלכע האָבן מיך אינטערעסירט. צווישן אַנדערע האָב איך אים געשטעלט די פראַגע וועגן דעם, וועלכן אָנטייל האָט גענומען אין צונויפשטעלן דעם

בריוו פון אויספיר-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" צו אַלעקסאַנדער III אין 1881-טן יאָר מיכאַילאָווסקי און צי האָט ער טיכאָמיראָוו, נישט אַמאָל געשריבן דעמדאָזיקן בריוו?

טיכאָמיראָוו, דעמאָלס אַ מאָנאַרכיסט, אַ טיף רעליגיעזער מענטש, אייגער פון די הויפּט-מיטאַרבעטער פון די „מאָסקאָווסקיע וועדאָמאָסטי", — האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט טיילן דעמדאָזיקן כּבוד מיט מיכאַילאָווסקין. אַביסל שטאַמלענדיק, האָט ער מיר קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז דעם גאַנצן בריוו האָט ער געשריבן, און אַז מיכאַילאָווסקי האָט אים נאָר אויסגעהערט און אַריינגעטראָגן אין אים עטלעכע איינצלנע ענדערונגען, אָבער אין אַלגעמיין איז ער געווען גאַנץ צופרידן מיטן בריוו.

טיכאָמיראָוו האָט מיט דער טיפסטער אַכטונג גערעדט, ווי וועגן דעם וווּנדערבאַרסטן רוסישן מענטשן, וועלכן ער האָט ווען-נישט-איז געטראָפן, וועגן איינעם פון די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ — אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוו. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער באַטראַכט פאַר זיין חוב צו שרייבן וועגן אים דערינערונגען און ער האָט צוגעזאָגט זיי געבן מיר מיט דער צייט. איך האָב זיי אָבער נישט באַקומען און כ'ווייס נישט, צי האָט ער אויסגעפירט זיין צוזאָג אָנצושרייבן דידאָזיקע דערינערונגען, ווי כ'האָב אים שטאַרק געבעטן וועגן דעם. ער האָט מיר גלייך דאַן געגעבן אַ מאַנוסקריפּט פאַר „בילאָע" — דעגאַיעווס גבית-עדות וועלכן ער האָט אים געגעבן אין פּאַריזש. אין דאָזיקן גבית-עדות האָב איך דערזען פּונקט דיזעלבע שורות וועגן העקעלמאַן-לאַנדעזען און טש., וועלכע סאַלאָוואַ האָט מיר געגעבן אין 1884-טן יאָר כּדי איבערצוגעבן יאַקובאָוויטשן.

דידאָזיקע זעאונגען מיט טיכאָמיראָוון האָבן אויף מיר געמאַכט זייער אַ שטאַרקן איינדרוק, אַזוי ווי די זעאונגען מיט אַ מענטשן, וואָס איז אַמאָל געווען נאָענט, וואָס האָט אָבער אין יענער צייט געלעבט אין אַ וועלט, וואָס איז מיר לחלוטין פרעמד.

אין 1916-טן יאָר האָב איך נאָך אַמאָל געוואָלט זען זיך מיט טיכאָמיראָוון, און כ'האָב עטלעכע מאָל געשריבן צו אים, אָבער קיין ענטפער האָב איך נישט באַקומען פון אים. כ'ווייס, אַז פּונקט ווי זובאַטאָוו, האָט ער אויך מורא געהאַט מיר ענטפערן.

„בילאָע" האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרנעמען זיך אין רוסלאַנד אין לעגאַלע באַדינגונגען דערמיט, מיט וואָס איך האָב טיילווייז פאַרנומען זיך נאָך אין אויסלאַנד.

נאָך אין אויסלאַנד האָב איך אַביסל פאַרעפנטלעכט וועגן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און די אָכראַנעס. איך האָב זיך פאַרנומען מיט דעמאַסקירן זייער טעטיקייט און כ'האָב אָנגעשטאַנען, אַז מען דאַרף קעמפן קעגן זיי. איך האָב אויך דאַן געהאַלטן, אַז דער יסוד פון דער רוסישער רעאַקציע און איר הויפּט־כח ליגט אין איר פּאָליטישער פּאָליציי. דעריבער איז דער קאַמף קעגן איר געשטאַנען ביי מיר אויפן ערשטן פּלאַן.

אָנהויבנדיק אַרויסצוגעבן דעם „בילאָע" האָב איך, פאַר־שטייט זיך, געלייגט אַ באַזונדער גרויס אַכט אויף די מאַטעריאַלן וועגן די „אָכראַניקעס". אומעטום, ווו כ'האָב נאָר געקענט, האָב איך זיך באַמיט אָנצוקניפּן באַציאונגען מיט די אַגענטן פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, הגם איך האָב גוט פאַרשטאַנען די גאַנצע סכנה פון דידאָזיקע קאַנטשאַפטן. ווען דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וואָלט זיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָלט ער, פאַרשטייט זיך, מאָמענטאַל רעגולירט מיט מיר זיינע אַלטע גרויסע חשבונות.

ס'איז געווען אויך אַ צווייטער מין סכנה.

פאַרקלייבנדיק זיך אין דאָזיקן פינסטערן געביט פון דער פּאָליטישער פּאָליציי, בין איך געצוווּנגען געווען צו האַנדלען ביי זייער קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען. די באַקומענע ידיעות איז מיר שווער געווען צו קאָנטראָלירן. במילא איז מעגלעך געווען: אָדער אַריינפאַלן אין פאַטאַלע טעותן אָדער ווערן אָפּגענאַרט.

איך האָב דאָס פאַרשטאַנען און יעדע ענלעכע קאַנטשאַפט פלעג איך תמיד אָנקניפּן מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ, ווי מיר זאָל אויסקומען צו גיין אויפן ראַנד פון אַ תהום. דער מינדסטער דורכפאַל, און איך וואָלט געקענט באַצאָלן נישט נאָר מיט דער פרייהייט, נאָר מיט עפּעס גרעסערס — מיט מיין נאָמען.

מיינע פריינט, וועלכע זענען באַקאַנט געווען מיט מיין דאָזיקער טעטיקייט, האָבן, ווייזט אויס, שרעקלעך מורא געהאַט פאַר מיר. איינמאָל, נאָך איינער פון מיינע באַזונדערס ריזיקאַלישע זעאונגען, האָט מיר באָגוטשאַרסקי געזאָגט:

— הייסט עס, וולאַדימיר לוואָוויטש, אַז איר האָט זיך אַליין

פאַרמשפּט צום טויט! היינט — מאָרגן וועט איר זיין אין דער פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג. איר ווייסט, מען וועט אייך שוין, זיכער, קיינמאָל נישט אַרויסלאָזן פון דאָרט!

— ס'קען זיין, — האָב איך אים געענטפערט. — וואָס קען מען טאָן! אָנהויבנדיק דעם קאַמף מיטן דעפּאַרטאַמענט, האָב איך אַלץ אָפּגעוויגן. איך בין גרייט אויף אַלץ און איך האַלט זיך נישט פאַר באַרעכטיקט אָפּזאָגן זיך פון אַזאַ זאַך, וועלכע געפינט זיך ביי מיר אין די הענט און וועלכע קיינער פון אייך וויל נישט טאָן.

— הייסט עס, אַז איר האָט שוין געמאַכט אַ סך־הכל מיט „בילאָע"? הייסט עס, אַז „בילאָע" וועט שוין נישט זיין? — האָט ער מיר געזאָגט אַ צווייט מאָל.

איך האָב פאַרשטאַנען, סאַראַ נשמה־געשריי עס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער נשמה פון מיין דאָזיקן רעדאַקציע־חבר. איך האָב געוווּסט, וועגן וואָס ער טראַכט, ווי אויך דאָס, אַז זיין נשמה ווייטאָקט אים נאָך מער, ווי מען האָט דאָס געקענט שליסן פון זיינע דאָזיקע ווערטער.

מיר אַליין איז געווען קלאָר, אַז אין פאַל פון מיין אַרעסט וועט זיך דאָס קודם־כל אָפּרופן אויף „בילאָע", אָבער ווען איך האָב דאָס דערהערט פון אַ צווייטער פּערזאָן, איז מיר דאָס געוואָרן באַזונדערס שווער. איך האָב אָבער קאַטעגאָריש דערקלערט מיינע חברים, אַז איך קען זיך נישט אָפּזאָגן פון קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם „בילאָע", איז מיין נאָמען נישט אַרויסגעשטעלט געוואָרן אַלס רעדאַקטאָר, כדי נישט רייצן אומזיסט די צענזור. אין זשורנאַל איז נאָר געזאָגט געוואָרן, אַז ער ווערט אַרויסגעגעבן ביי מיין נאָנטסטער מיטאַרבעט.

איך האָב פאַרגעלייגט מיינע מיטרעדאַקטאָרן אַראָפּנעמען אויך דידאָזיקע דערקלערונג און פאָרמעל אינגאַנצן אַוועקגיין פון רעדאַקציע. איך האָב דאָס אָבער נישט געטאָן און נישט דערפאַר, וואָס מען האָט מיר איינגערעדט דאָס נישט צו טאָן, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס וואָלט סיי־ווי־סיי נישט דערגרייכט דעם ציל. איך האָב אָנגענומען אַנדערע מינים מיטלען. אין פאַל פון

מיין ערעסט וואָלטן דידאָזיקע מיטלען אָראָפּגענומען פון דער רעדאַקציע די אחריות פאַר מיינע באַציאונגען מיטן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט.

קאַפּיטל II.

די באַגעגעניש מיט באַקאַיען. — באַקאַיס אָנווייזונגען אויף פּראָוואָקאַציע צווישן די עסערן. — דער פּראָוואָקאַטאָר „ראַסקין". — באַקאַי וועגן די פּוילישע פּראָוואָקאַטאָרן און וועגן דער ס. ד. דינאַמיט-פאַבריק אין פינלאַנד. — דאָס איבערגעבן די פּאָליאַקן ידיעות וועגן זייערע פּראָוואָקאַטאָרן.

אין מאַי 1906-טן יאָר איז צו מיר קיין פּעטערבורג, אין דער רעדאַקציע „בילאָע", געקומען אַ יונגער מענטש, פון אַ יאָר 27—28, און האָט געמעלדעט, אַז ער ווילריידן מיט מיר אונטער פיר אויגן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין. ווען מיר זענען געבליבן אַליין האָט ער געזאָגט צו מיר:

— איר זענט וולאַדימיר לוואָוויטש בורצעוו. איך קען אייך זייער גוט. אָט איז אייער פאָטאָגראַפיע, — כ'האָב זי גענומען אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, — לויט דערדאָזיקער פאָטאָגראַפיע האָט מען אייך אַרומגעזוכט.

כ'האָב נאָך נישט געהאַט אַרויסגערעדט קיין איינציק וואָרט, און מיין מיטשמועסער האָט נאָך אַ געוויסער פּויזע געזאָגט:

— לויט מיינע איבערצייגונגען בין איך אַן עסער, און כ'דין אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַלס באַאַמטער פאַר ספּעציעלע אויפטראַגן ביי דער אָכראַנע.

וואָס-זשע ווילט איר פון מיר? — האָב איך געפרעגט.

כ'וועל אייך זאָגן אָפן, — האָט מיר מיין מיטשמועסער געענטפערט: — איך וויל וויסן, צי קען איך נישט מיט-וואָס נוצלעך זיין דער באַפרייאונגס-באַוועגונג?

כ'האָב אים שאַרף פאַרקוקט אין די אויגן. אין מיין קאָפּ האָבן זיך דורכגעטראָגן צענטליקער פאַרשיידענע השערות...

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אָפן... איך האָב דער־שפּירט, אַז פּאַר מיר שטייט אַ מענטש, וועלכער האָט, זעט אויס, אַרויסגערעדט דאָס, וואָס איז לאַנג געלעגן ביי אים אויף דער נשמה און וואָס ער האָט הונדערטער מאָל אַרומגעטראַכט, איידער ער האָט אַריבערגעטראָטן מיין שוועל.

איך האָב געענטפערט, אַז מיך פרייט זייער דאָס באַקענען זיך מיט אים און כ׳וויל גרינטלעך דורכשמועסן זיך מיט אים, און אַז יעדער מענטש קען נוצלעך זיין דעם שטודיום פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, און באַזונדערס דער וואָס דינט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אויב ער וויל נאָר אויפריכטיק אָפּרופן זיך אויף אונזער רוף.

מיין מיטשמועסער האָט גענומען ריידן, אַז ער וואָלט געקענט זיין נוצלעך אין אייניקע עסערישע פּראַקטישע ענינים, איך האָב אים אָבער איבערגעריסן און געזאָגט:

— איך בין אַ ליטעראַט, כ׳פאַרנעם זיך מיט שטודירן די געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, כ׳געהער נישט צו קיין שום פּאַרטייען, און איך פּערזענלעך וועל מיט אייך ריידן בלויז וועגן דעם, וואָס עס איז פאַרבונדן מיטן פאָרשן די געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג און מיט די פראַגן, אַזוי־צוזאָגן, פון היגיענישן כאַראַקטער: מיט אויפדעקן דאָס פּראָוואָקאַציע־וועזן אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער קעגנוואַרט.

מיין מיטשמועסער האָט, וואָרשיינלעך, נישט דערוואַרט, אַז איך וועל אַראָפּפירן דעם שמועס אויף אַזעלכע, דאַכט זיך, אומשולדיקע טעמעס, און איך האָב אים אַ לאַנגע צייט געמוזט אויפקלערן, אַז זיין הילף, אַלס מענטש, וואָס דינט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, קען האָבן אַ ריזיקע באַדייטונג פאַרן פאָרשן די געשיכטע פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג און פאַר דער אַגיטאַציע אויף היינטצייטיקע פּאָליטישע טעמעס. באַזונדערס האָבן אַרויס־גערופן זיין פאַרוואונדערונג מיינע האָפנונגען אויף דער אַגיטאַציע און אויף דער דומע. ער האָט פאַרזיכערט, אַז די דומע וועט מען אין אַ חודש—אָנדערטהאַלבן אַרום פאַנאַנדערטרייבן, אַז די זשאַנדאַרמישע כחות ווערן אומעטום מאָביליזירט, אַז מען גיט נישט צו קיין שום באַדייטונג דער מעגלעכקייט פון מיליטערישע,

פויערשע און אַרבעטער-אויפשטאַנדן, אַז עס שטייט פאַר אַ ביטערע רעאַקציע און אַז. וו. ער האָט לחלוטין נישט דערוואַרט, איך זאָל לייגן אַזוי פיל האָפנונגען אויף דער ליטעראַטור און איך זאָל אָפּגעבן אין אונזערע אונטערהאַנדלונגען אַזוי פיל אָרט דעם זאָרג פאַר איר.

מיין נייער באַקאַנטער האָט גלייך בעת אונזער ערשטן צוזאַמענטרעף געוואָלט דערציילן זיין ביאָגראַפיע, איך האָב אים אָבער אָפּגעשטעלט, זאָגנדיק, אַז דערוויל נויטיק איך זיך נישט אין דעם, ווייל איך וועל ריידן מיט אים בלויז אויף ליטעראַרישע טעמעס. ער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס „מיכאַילאָווסקי", און ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען מיכאַאיל יעפימאָוויטש באַקאַי.

מיך האָט, פאַרשטייט זיך, באַשעפטיקט די פראַגע וועגן די מאָטיוון, וועלכע האָבן באַקאַיען געפירט צו מיר, און איך האָב אים געפרעגט וועגן דעם. ער האָט מיר געענטפערט, אַז אין פאָליציי-דעפּאַרטאַמענט איז ער אָנגעקומען דינען צופעליק, ער האָט זיך דאָרט תמיד געפילט ווי אַ פרעמדער, ווייל דער כאַראַקטער פון זיין דינסט איז אים געווען קלאָר, ער האָט דאָרט געדינט לויט אינערציע, ביז די געשעענישן פון דער לעצטער צייט האָבן אים נישט געעפנט די אויגן, און אַז בלייבן ווייטער דינען איז קיין כח נישט געווען. נאָך אין 1905-טן יאָר האָט ער געמאַכט פּרווון איבערצוריידן מיט די רעוואָלוציאָנערן, אָבער ס'איז פון דעם גאָרנישט נישט אַרויסגעקומען. מען האָט אים נישט געגלויבט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז צום באַשלוס קומען צו מיר האָט אים געבראַכט בלויז דער פאַרלאַנג צו זיין נוצלעך דער באַפרייאונגס-באַוועגונג, און אַז ער האָט נישט אין אויג קיין שום פערזענלעכע אינטערעסן: מאַטעריעל איז ער גוט פאַרזאָרגט און די ביוראָקראַטישע קאַריערע איז געזיכערט פאַר אים, ווען ער זאָל וועלן ווייטער דינען. ער האָט אַליין דערמאָנט וועגן אַ מעגלעכן דורכפאַל, ער האָט אָבער געזאָגט, אַז דאָס שטעלט אים נישט אָפּ, און אַז בלייבן אויף זיין אַמט האַלט ער מער נישט פאַר מעגלעך פאַר קיין פאַל נישט.

ווען באַקאַי האָט גערעדט וועגן דער דעפּענסיווע און ער האָט געשילדערט אין העלע פאַרבן וואָס עס באַהאַלט זיך דאָרט

אויס הינטער אירע ווענט, פלעג איך אים אָפט איבעררייסן מיט די ווערטער: „יאָ, יאָ, — מיר ווייסן דאָס אַלץ"... אויף דעם האָט ער מיר צענדליקער מאָל איבערגעחזרט: „ניין, — איר ווייסט דאָס נישט אַלץ, — איר זענט אַפילו נישט חושד, סאַראַ גרוילן דאָרט ווערן אָפּגעטאָן!"

ער האָט גערעדט מיט אַ טאָן פון אַן אויפריכטיקן מענטשן, — איך האָב שוין דאַן נישט געספּקט אין דעם, אַז ער איז געקומען צו מיר אָן אַ הינטער-כוונה (ווי עס פלעגן דאַן נישט איינמאָל קומען אַנדערע), נאָר מיטן פאַרלאַנג אַרויסצוגיין אויף אַ נייעם וועג. — שפּעטער האָב איך זיך אין דעם איבערצייגט אינגאַנצן, אָבער פון אָנהויב האָב איך נישט געקענט זיין זיכער... אונזער באַגעגעניש איז געווען אַזוי אומגעוויינלעך: עס זענען זיך צונויפגעקומען פאָרשטייער פון צוויי פאַרשיידענע וועלטן, וועלכע האָבן נעכטן נאָך גערעדט אויף פאַרשיידענע שפּראַכן, און מיר האָבן גערעדט אין פּעטערבורג, אין די גרעניצן פון „דערגרייכבאַרקייט" פאַרן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט.

אין משך פון אונזערע ווייטערדיקע זעאונגען האָבן מיר גערעדט גאַנצענע שעהן. פאַר מיר האָט זיך באמת אויפגעעפנט אַ נייע וועלט, — מיט אַנדערע זיטן, מיט אַן אַנדער לאָגיק, מיט אַנדער אינטערעסן, מיט אַן אַנדער טערמינאָלאָגיע. אגב אורחא, איך האָב לאַנג נישט געקענט באַגרייפן, אַז אַ „מיטאַרבעטער" באַדייט — אַ „פּראָוואָקאַטאָר". נישט אָן מי האָב איך ביסלעכווייז באַגריפן דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון באַקאַיען. איך פלעג זיך זען מיט באַקאַיען צוויי מאָל אַ חודש, און זייט זיין אַריבערפאָרן קיין פּעטערבורג זענען אונזערע טרעפונגען געוואָרן נאָך אָפטער.

גלייך פון אָנהויב פון אונזער קאָנטשאַפט האָב איך גענומען איינריידן באַקאַיען, ער זאָל שרייבן זיינע זכרונות, און זעלטן ווען ער פלעגט קומען צו מיר אָן אַ וועלכן-נישט-איז נייעם פראַגמענט פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַ סך אינטערעסאַנטעס פאַר מיר האָט ער דערציילט אויך וועגן די לויפנדיקע ענינים.

אַמאָל פלעגן באַקאַיס דערציילונגען מיך צווינגען צוצוגעבן אים אַ באַזונדער באַדייטונג.

אַזוי, למשל, האָט מיר באַקאַי איינמאָל מודיע געווען:

— נעכטן האָט זיך פאַרענדיקט דער צוזאַמענפאָר פון די עסערן אין טאַמערפאָרס, — עס זענען אָנגענומען געוואָרן די און די רעזאָלוציעס.

פון פאַרטייאישע עסערן האָב איך פריער געהערט, אַז דער צוזאַמענפאָר פון די עסערן דאַרף פאָרקומען געהיים, איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין מינדסטן באַגריף וועגן דעם, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן.

— פונוואַנעט ווייסט איר דאָס? — האָב איך געפרעגט באַקאַיען.

— כ'בין געווען ביים אָנפירער פון דער אַגענטור פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון די עסערן. „זיי" האָבן שוין באַקומען ידיעות וועגן צוזאַמענפאָר.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך זיך געטיילט מיט מיינע דאָזיקע ידיעות מיטן עסער, — אַ מיטגליד פון צ. ק., — קראַפּט, וועלכער איז געקומען צו מיר אין רעדאַקציע פון „בילאָע".

— יאָ, דער צוזאַמענפאָר האָט זיך טאַקע פאַרענדיקט פונקט דעם און דעם טאָג, — האָט ער געזאָגט. — אָבער פונוואַנעט האָט איר זיך דערוווּסט וועגן דעם?

— דירעקט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט! — האָב איך געענט-פערט און, נישט אָנרופנדיק קיין שום נעמען, האָב איך דערקלערט, ווי אַזוי איך האָב זיך דאָס דערוווּסט. קראַפּט איז איבערראַשט געווען פון מיינע ידיעות, און סיי פאַר אים, סיי פאַר מיר איז דאַן קלאָר געוואָרן, אַז דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט אין צענטער פון דער פּאַרטיי פון די עסערן זייער אַ גוטן אינפאָר-מאַטאָר. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מודיע זיין וועגן דעם וועמען מען דאַרף.

אָבער מיט וואָסער צוטרוי איך האָב זיך נישט באַצויגן צו באַקאַיס ידיעות נאָך עטלעכע חדשים קאָנטשאַפּט מיט אים, פלעגן זיי מיך פונדעסטוועגן פאַרבליפן און כ'פלעג זיך שטעלן די פראַגע, צי נאַרן אים נישט אָפּ די דעפּענסיווע-לייט, אָנ-שטויסנדיק זיך וועגן אונזערע באַציאונגען, און צי רעכענען זיי נישט אַמאָל אַריינפירן מיך דורכדעם אין אַ טעות און כאַפּן מיך אויף אַזאַ אופן.

איינמאָל איז באַקאַי געקומען אין רעדאַקציע פון „בילאָע" און האָט מיר דערציילט פאָלגנדיקס:

אויף דער גאַס האָט ער צופעליק באַגעגנט איינעם אַ יונגן ניינצניאָריקן בחור בראָדסקי, דעם ברודער פון די באַקאַנטע פוילישע רעוואָלוציאָנערן, וועלכער האָט געדינט אַלס געהיים־אַגענט־אינפאָרמאַטאָר אין דער וואַרשעווער דעפענסיווע. בראָדסקי האָט דערציילט באַקאַיען, ווי זיינעם אַ מענטשן, אויב איר ווילט — ווי זיינעם אַ שעף, אַז ער האָט צו טאָן מיט רעוואָלוציאָנערן־טעראָריסטן, וועלכע אָרדנען איין אַ דינאַמיט־פאַבריקל אין פינלאַנד, און ער איז באַקאַנט מיט זייער אונטערנעמונג. אָט איז די גענויע נאָטיץ פון דעמאָלטיקן געשפּרעך מיט בראָדסקין.

„איך בין שוין איצט אַ מיטגליד פון דער באָלשעוויסטישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און כ׳בין אין דער דעפענסיווע, — האָט בראָדסקי געזאָגט באַקאַיען. — כ׳האָב זיך באַקענט מיטן סטודענט אַלעקסאַנדער ניימאַן, כ׳בין זיך צונויפגעקומען מיט אים און איצט בין איך זיין געהילף ביים לערנען די אַרבעטער טעראָר־וויזן. ניימאַן לייענט פאַר זיי לעקציעס וועגן צוגרייטן באָמבעס.

— ער איז איצט אין פּיטער?

— ניין, אין פינלאַנד: ער געפינט זיך דאָרט אין לאַבאָראַטאָריע.

—די דעפענסיווע ווייס וועגן דעם אַלעם?

— נו, געוויס! ניימאַן ווערט איצט נאָכגעשפּירט, און דאָס אָרט, ווו די לאַבאָראַטאָריע געפינט זיך, איז גענוי פעסט־געשטעלט. איצט בלייבט נאָך איבער אויסצופאָרשן נאָך עטלעכע ראַיאָנען, און דאַן וועט מען דורכפירן אַרעסטן. דער אַרסענאַל פון ביקסן און רעוואָלווערן איז אויך באַקאַנט.

— ווייסט איר וואָס, — האָט מיר בראָדסקי געזאָגט, — קומט אַריין אין אַ דירה, — דאָ איז נישט ווייט, און איך וועל אייך עפּעס ווייזן. דאָרט איז קיינער נישטאָ, דער צימער געפינט זיך אין מיין פולן רשות, איר וועט נישט באַדויערן.

מיר זענען אַוועק אין הויז № 3, ווילנער 27, אויף באַר־מאַלעיווער גאַס, די טיר האָט געעפנט עפּעס אַ פרוי און זי האָט אונדז אומגעשטערט דורכגעלאָזן אין צימער אַריין.

— דאָס איז ניימאַנס צימער, — האָט בראָדסקי געזאָגט, — עס איז געשטעלט אין מיין פולן רשות.

דערנאָך האָט בראָדסקי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שליסל

ער האָט אויפגעעפנט די שופלאָדן פון טיש און ער האָט אַרויס־גענומען פון דאָרטן פעקלעך, אין וועלכע עס האָט זיך געפונען דינאַמיט, צינדערס און העכער אַ צענדליק פאָרמעס צו באָמבעס.

— די דעפענסיווע ווייס אויך וועגן דעם?

— געוויס ווייס זי, כ'האָב אַפילו עפּעס געטראָגן אויף אַ קאָנספּיראַטיווער דירה. מען וויל מאַכן אַזוי: ווען מען וועט פעסטשטעלן ניימאַנס פאַרבינדונגען אין פינלאַנד און ווען ער וועט זיך אומקערן, וועט מען אים אַרעסטירן אויפן וואָקזאַל, אין פינלאַנד וועט מען געפינען די לאַבאָראַטאָריע, און דאָ — מאַטעריאַלן אויף באָמבעס".

מען דאַרף קענען די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט פון די דעמאָלטיקע קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען פון מיין קאָנטשאַפט מיט באַקאַיען, כדי צו פאַרשטיין, אַז נישט־ווילנדיק זענען מיר געקומען אין קאָפּ פאַרשיידענע אומרואיקע היפּאָטעזעס, און איך האָב נישט געקענט לייכט גלויבן די דערציילטע פאַקטן. איך האָב, למשל, געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז מען האָט בראָדסקין געהייסן מודיע זיין באַקאַיען פאַלשע פאַקטן, אַריינציען אין דערדאָזיקער אויספאָרשונג אויך מיך, ווי אויך מיינע פריינט, כדי דערנאָך אונז אַלעמען קאָמפּראָמיטירן. דאָס אַלץ האָט זיך געקענט ענדיקן ערגער, ווי מיט אַרעסטן.

אָבער די וויטערדיקע שמועסן מיט באַקאַיען האָבן מיך איבערצייגט, אַז דער ענין, וועלכן ער דערציילט איז זייער ערנסט, און איך האָב ריזיקירט פאַרנעמען זיך מיט אים. איך בין אַוועק אין דער גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ און כ'האָב אַרויסגערופן איינעם פון די סאָצ.־דעמ. דעפּוטאַטן, כ'האָב אים איבערגעגעבן דעם תוך פון באַקאַיס דערציילונג און כ'האָב אים געבעטן אויסצופאָרשן, וואָס עס קומט דאָ פאָר. געוויס, איך האָב געמוזט מודיע זיין די באַקומענע ידיעות זייער פאָרזיכטיק, כדי אין פאַל פון אַ דורכפאַל נישט אַרויספירן די דעפענסיווע־לייט אויפן וועג, מיט וועלכן איך האָב באַקומען פון פּאָליציי־דעפּאַר־טאַמענט דידאָזיקע ידיעות.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיר מודיע געווען, אַז הגם עס איז באמת דאָ אַזאַ סאָצ.־דעמ. ניימאַן, עס איז דאָ אַ קרייזל, וואָס האָט פאַרבינדונגען מיט פינלאַנד, איז אָבער אין

מיין דערציילונג אַ סך איבערגעטריבן, אינדערעמתן איז נישטאָ וואָס צו באַאומרואיקן זיך. אינגיכן האָבן באַקאַיס צוגאָב־דערציילונגען אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק נאָך אַמאָל אַריבערגיין צו דער סאָצ.־דעמ. פראַקציע פון דער גאָס. דומאַ און וואָרענען וועגן דאָזיקן ענין. איך האָב, צווישן אַנדערעס, געזאָגט צו די סאָצ.־דעמ., אַז ווייטער זאָלן זיי האַנדלען אָן מיר, ווייל איך פאָר צוליב אַ פערזענלעכן ענין אין דער פּראָווינץ. באמת אָבער האָב איך אין די נאָנטסטע טעג געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד.

ווען איך בין געקומען צו פאָרן קיין אויסלאַנד האָב איך אינגיכן דורכגעלייענט אין די צייטונגען אַ טעלעגראַם, אַז אין פינלאַנד, אין קעלאָמיאַקי, האָט מען אַרעסטירט צען פערזאָן סאָצ.־דעמ. צוזאַמען מיט ניימאַנען, אַז עס איז אַנדעקט געוואָרן אַ דינאַמיט־פאַבריקל און אַז. וו. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז באַקאַיס ידיעות זענען געווען ריכטיקע.

נישט זעלטן פלעגט באַקאַי מיטברענגען אויף אונזערע זעאונגען אינטערעסאַנטע דאָקומענטן. אַזוי, למשל, האָט ער געבראַכט פעטוכאָווס באַריכט, וואָס האָט בשעתו אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל סיי אין דער פרעסע סיי צווישן די רעגירונגס־קרייזן. עס איז אַפילו באַשטימט געוואָרן אַ ספעציעלע קאָמיסיע כדי אויסצופאָרשן, ווי אַזוי האָט די פרעסע געקענט באַקומען דעמדאָזיקן באַריכט, וואָס איז איבערגעשריבן געוואָרן אין איין עקזעמפּליאַר און איז באַשטימט געווען פאַר דריי־פיר מענטשן. מער פאַר אַלע האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ איבער דערדאָזיקער רעטעניש דער געהילף פון גענ. גוב. אוטגאָף. אָבער די זאַך איז גאַנץ פשוט. אוטגאָף האָט צוגעגעבן פעטוכאָווס באַריכט אַזאַ גרויסע באַדייטונג, אַז ער האָט זיך נישט געקענט אַנטשליסן צו שיקן אים מיט עמיצן, כדי דער אָנפירער פון וואַרשעווער דעפענסיווע זאַוואַרזין זאָל אים איבערלייענען, און ער האָט אים פערזענלעך אַליין געבראַכט צו אים, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף זאַוואַרזינען און ער האָט אים געגעבן באַקאַיען, יענער זאָל דאָס איבערגעבן זאַוואַרזינען. באַקאַי האָט געמוזט וואַרטן אויף זאַוואַרזינס קומען פונקט אַזוי לאַנג, וויפל צייט עס איז נויטיק געווען, כדי אַראָפּצונעמען פון באַריכט

אַ קאָפּיע. דאָס איבעריקע איז שוין פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין.

כ׳געדענק, מיט וואָסער פאַרוווּנדערונג איך האָב דערהערט פון באַקאַיען צום ערשטן מאָל אין פעטערבורג, נאָך אין זומער 1906־טן יאָר, אַז די שוועל פון דער דעפענסיווע האָט אַריבער־געטראָטן אויך... דער באַקאַנטער פּוילישער שרייבער בזשאָזאָווסקי. נאָך מער פאַר מיר האָט זיך געוווּנדערט צוליב דעם דער פּוילישער רעוואָלוציאָנער, וועמען איך האָב מודיע געווען וועגן דעם אין עטלעכע טעג אַרום. פּאָליאַק האָט ליב געהאַט בזשאָזאָווסקין, ער האָט ליידנשאַפטלעך געלייענט זיינע אַרטיקלען, ער האָט געזען אין אים אַ טאַלאַנטירטן אויסדריקער פון זיינע קוקן אויף סאָציאַלע און פּאָליטישע פראַגן. ווען די ידיעות וועגן בזשאָ־זאָווסקין זענען אין אָנהויב 1908־טן יאָר, לסוף, אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט, און זיין נאָמען איז אַריינגעפאַלן אין דער פּרעסע, אַלס מענטש, וואָס האָט געדינט אין דער דעפענסיווע, האָבן זיך געפונען צוויי פּוילישע ליטעראַטן, וועלכע האָבן אין אַ בראָשור אָפן, ליידנשאַפטלעך פאַרטיידיקט בזשאָזאָווסקין. זיי האָבן געהאַלטן פאַר אומדערלאָזבאַר, אַז ער זאָל גלייכצייטיק שרייבן זיינע וווּנדערבאַרע אַרטיקלען און לויפן אין דער דעפענ־סיווע נאָך די 30 טאָלער.

סוף 1906־טן יאָר האָט באַקאַי, לויט מיין פאָדערונג, געוואָרפן דעם דינסט אין דער וואַרשעווער דעפענסיווע, ער האָט זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע און איז אַריבערגעפאָרן קיין פעטער־בורג. דאָ האָט ער אויף דער פריי פאַרנומען זיך מיט שרייבן זיינע דערינערונגען. ער פלעגט מיר ברענגען זיינע אַרטיקלען איך זאָל זיי איבערקוקן און לויט מיינע אָנווייזונגען פלעגט ער דערנאָך מאַכן די נויטיקע הוספות און ענדערונגען.

דער קרייז פון באַקאַיס ידיעות איז לפי־ערך געווען באַ־גרענעצט. דער עיקר האָבן זיי געהאַט אַ שייכות צו דער וואַרשעווער דעפענסיווע. אָבער אַזוי ווי די טעטיקייט פון די דעפענסיוועס האָט געטראָגן אַ שטרענג־קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער און די אַגענטן פלעגן קנאַפּ־וואָס טרויען איינער דעם צווייטן, יעדער איינער פלעגט פירן בלויז די ענינים, וועלכע מען פלעגט אים איבערגעבן, האָט באַקאַי דער עיקר געקענט וויסן בלויז יענע

ענינים, וועלכע ער אַליין האָט געפירט, און וועגן די ענינים פון די אַנדערע באַאַמטע, אַפילו פון וואַרשעווער דעפּענסיווע, האָט ער געהאַט בלויז פראַגמענטאַרע ידיעות און אָנווייזונגען אָן נעמען. פונדעסטוועגן האָבן באַקאַיס ידיעות פאַרמאָגט אַ סך זייער אינטערעסאַנטעס פאַר מיר.

דירעקטע אָנווייזונגען אויף פּראָוואָקאַטאָרן אין די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען האָט באַקאַי געהאַט ווייניק, דערפאַר אָבער האָט ער געגעבן אַ סך אומדירעקטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו פירן די אויספאָרשונג וועגן זיי.

באַקאַי האָט עקשנותדיק פאַרזיכערט, אַז אין דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן, צווישן אירע השפעהרייכע מיטגלידער, איז דאָ עפּעס אַ וויכטיקער פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער פלעגט זיין ביי זיי אויף די צוזאַמענפאָרן. צווישן די דעפּענסיווע־לייט פלעגט מען דעמ־דאָזיקן פּראָוואָקאַטאָר אָנרופן ראַסקין. אָבער וועגן אים האָט באַקאַי נישט געקענט געבן קיין שום גענויע אָנווייזונגען. ער האָט מיר בלויז געזאָגט, אַז איינער פון די הויפּט־אָכראַניקעס, מעדניקאָוו, האָט אים איינמאָל מודיע געווען אין וואַרשע אין 1904־טן יאָר, אַז דאָרט האָט געדאַרפט קומען צופאָרן אַן אָנגע־זעענער דעפּאַרטאַמענט־מיטאַרבעטער צווישן די ס.־ר.־ן — ראַסקין און אַז ער וועט זיך זען מיטן אינזשיניער ד. דערנאָך האָט מעדניקאָוו דערציילט באַקאַיען, אַז דידאָזיקע זעאונג איז נישט צושטאַנדגעקומען און אַז ד. האָט צוליב עפּעס נישט געוואָלט זען זיך מיטן אַראָפּגעקומענעם אַגענט. אָבער ווי אומבאַשטימט דידאָזיקע ידיעות זאָלן נישט האָבן געווען, האָב איך זיך באַנוצט מיט זיי און כ׳האָב זיך באַמיט אויפצוקלערן, ווער אַזוינער איז ראַסקין. מיטן דאָזיקן ציל האָב איך אַרויסגערופן אין רעדאַקציע פון „בילאָע״ דעם אינזשיניער ד., אָבער אויפקלערן די פראַגע וועגן ראַסקינען איז אונז געלונגען ערשט שפּעטער.

נאָך עטלעכע חדשים קאָנטשאַפט האָב איך זיך גענומען באַציען מיטן פולן צוטרוי צו באַקאַיס דערציילונגען, אָבער די מעגלעכקייט פון אַ אומגערנדיקן טעות פון זיין זייט פלעגט מיר צייטנווייז נישט דערלויבן צו מאַכן פון זיינע ידיעות אַלע אויס־פירן, וועלכע זיי האָבן אַנטהאַלטן.

אין משך פון דער גאַנצער צייט פון מיין קאָנטשאַפט מיט

באַקאַיען האָב איך נישט אויפגעהערט אויפמערקזאַם צו שטודירן סיי אים פּערזענלעך, סיי זיינע ידיעות.

לסוף האָב איך באַשלאָסן מיטטיילן זיינע ידיעות די פּאַליאַקן.

איך האָב אַרויסגערופן אין רעדאַקציע פון „בילאָע" דעם באַקאַנטן רעוואָלוציאָנער אַבראַמאָוויטש, וועלכער איז געשטאַנען אין כסדרדיקע באַציאונגען מיט די פּוילישע און יידישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין וואַרשע, און מיט פאַרשיידענע אויסריידן, נישט אָנרופנדיק דעם מקור, האָב איך אים מיטגעטיילט אַביסל דערפון, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט וועגן די פּוילישע ענינים. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז זייער אַ קאָמפּעטענטער מקור, אַז קיין טעותן אין זיינע ידיעות קענען נישט זיין, לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן, און אַז איך האָב אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי אויסצופאָרשן דאָס, וואָס ער האָט מיר מיטגעטיילט, און ביז איצט פלעגט זיך דאָס תּמיד אַרויסווייזן אַלס זייער ריכטיק. כ'האַלט, אַז ער האָט אויך נישט קיין בכיוונדיקן פּאַרלאַנג אַריינפירן מיך אין אַ טעות.

גלייך ביי מיין ערשטער זעאונג מיט אַבראַמאָוויטשן האָב איך אים געגעבן, — אַחוץ דעם אַלגעמיינעם בליק אויף דער לאַגע פון קאַמף אין וואַרשע, אייניקע נעמען פון פּראָוואָקאַטאָרן אויף נאָכצוקאָנטראָלירן.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך אָפּגערופן וועגן מיינע ידיעות, ווי וועגן עפּעס אומגעוויינלעכס. איך האָב נישט געספּקט, אַז אין דער טיף פון זיין נשמה האָט ער געהאַלטן, אַז מען נאַרט מיך אָפּ, אַז איך האָב זיך געלאָזט אַרייננאַרן אין זאַק און אַז דורך מיר האָפן די זשאַנדאַרן צו פאַרשוואַרצן דעם נאָמען פון ערלעכע מענטשן און מיך אומברענגען אַלס פּאָליטישן טוער.

אין שמועס מיט אַבראַמאָוויטשן האָב איך באַזונדערס געפילט אַ גרעניצלאָזע שרעק ביים געדאַנק, אַז ס'איז מעגלעך צו מאַכן אַ פעלער אין דאָזיקן געביט. ס'איז פאַרגליווערט געוואָרן ס'האַרץ. כ'האָב געפילט, אַז כ'קוק אין עפּעס אַ שרעקלעכן תּהום. אין יענעם מאָמענט איז מיר געוואָרן אומגעהייער שווער צוליב דעם, וואָס איך האָב אָנגעקניפּט באַקאַנטשאַפט מיט באַקאַיען און וואָס איך האָב איינגעלאַדן צו זיך אַבראַמאָוויטשן.

פון דאָזיקן מאָמענט אָן האָט זיך אָנגעהויבן די שרעק־לעכסטע און פאַרשאָלטנסטע טייל פון מיין לעבן...

אין משך פון אַ סך יאָרן איז מיין לעבן געווען פאַרסמט מיט אומאויפהערלעך, טאָג־טעגלעך.

ווען איך פלעג עמיצן איבערגעבן די באַקומענע ידיעות וועגן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט ער זאָל זיי קאָנטראָלירן, דערנאָך פלעג איך וואַרטן אויף די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער קאָנטראָל, — פלעגט מיין האַרץ תּמיד עפּעס נאָגן. מיר פלעגט זיך דאַכטן, אַז ס'קען נישט זיין עפּעס שרעקלעכערס פון דעם, וואָס איך לעב איבער. אין אַזעלכע פאַלן פלעג איך זיך טיף אין זיך צום טויזנטסטן מאָל פאַרוואַרפן דערפאַר, וואָס איך האָב זיך פאַרנומען מיט פאָרשן די פּראָוואָקאַטאָרן. הונדערט מאָל האָב איך געהאַט אַזאַ שטימונג, ווען איך האָב באַטראַכט פאַרן בעסטן אויסוועג אַ קויל אין שטערן.

כּל־זמן מיינע באַשולדיקונגען פלעגן נישט פולשטענדיק באַשטעטיקט ווערן, פלעגן מיט מיר די באַשולדיקטע גופא און זייערע פאַרטיידיקער פירן אַזאַ ליידנשאַפטלעכן קאַמף, אַז ער פלעגט זיך אָפט פאַרוואַנדלען אין אַ אמתע העצע קעגן מיר. מען האָט זיך באַמיט מיט אַלע מיטלען מיך צו דערדריקן. דאָס, וואָס איך האָב דורכגעלעבט אין משך פון עטלעכע יאָר, פרווו איך נישט אַפילו איבערגעבן.

צו מיין גרעסטן גליק האָב איך אין מיין גאַנצן קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע נישט געמאַכט קיין איינציקן מער־ווייניקער ערנסטן טעות. אין דאָזיקן קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט בין איך געגאַנגען פון איין גרויסן נצחון צום צווייטן. אָבער די נצחונות פון די פריערדיקע יאָרן האָבן קיינמאָל נישט מילדער געמאַכט די שאַרפקייט פון די איבערלעבונגען פון די שפּעטער־דיקע אויספאָרשונגען.

דערפאַר אָבער פלעגט יעדער דערפאָלג אין מיין קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט מיר ברענגען פון פאַרשיידענע זייטן הייסע באַגריסונגען און אויסדריקן פון אויפריכטיקער דאַנק־באַרקייט, ווען מען פלעגט זען פון וואָס די דעמאַסקירונג פון פּראָוואָקאַטאָרן האָט אָפּגעראַטעוועט די רעוואָלוציאָנערן. אָבער אין דעם אַלעם איז פאַר מיר געווען עפּעס אומענדלעך וויכטיקערס,

ווי דידאָזיקע באַגריסונגען און דאַנקזאָגונגען. ביים דעמאַסקירן די פּראָוואָקאַטאָרן האָב איך קלאָר געוווּסט, אַז איך האָב געטאָן אַ וויכטיקע זאַך פאַר דער גאַנצער באַפרייאונגס-באַוועגונג און אַז דורכדעם האָב איך אויסגעפירט מיין חוב פאַר מיין היימלאַנד.

ווען אַבראַמאָוויטש איז אַוועק פון מיר, האָב איך נישט געקענט פאַרבלייבן אין רעדאַקציע. איך בין עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד אַרומגעלאָפן איבער פּעטערבורג און כ׳האָב געוואָלט יעדעס וואָרט אין מיין שמועס מיט אַבראַמאָוויטשן.

בישט געקוקט אויף זיין אומצוטרוי צו מיינע מיטטיילונגען, האָט אַבראַמאָוויטש פונדעסטוועגן מסכים געווען צו שיקן אַ ספּעציעלן מענטשן קיין ווארשע, כדי צו קאָנטראָלירן די באַשולדיקונגען קעגן אייניקע פּערזאָן, אויף וועלכע איך האָב אָנגעוויזן, און ער האָט צוגעזאָגט צו געבן איינגיכן אַן ענטפער.

איך האָב אָפּגעוואַרט דעמדאָזיקן ענטפער, ווי אַ פאַרמשפּטער צו טויט-שטראָף. מען האָט מיר געקענט מודיע זיין, אַז די פּערזאָנען, אויף וועלכע איך האָב אָנגעוויזן ווי אויף פּאָליציי-אַגענטן, זענען די זיכערסטע חברים און במילא בין איך פאַרפירט געוואָרן דורך עמיצן אין אַ טעות און כ׳פאַרשפּרייט רכילות.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַבראַמאָוויטש געקומען צו מיר אין רעדאַקציע פון „בילאָע". איך האָב מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ געוואָלט דערגיין לויטן אויסדרוק פון זיין געזיכט, מיט וועלכע ידיעות ער איז געקומען, אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט איבערלייענען אויף זיין פּנים. איך האָב וואָס שנעלער געזוכט צו דערוויטערן די זייטיקע פּערזאָנען און ווען מיר זענען געבליבן זאַלבעצווייט, האָט מיר אַבראַמאָוויטש געזאָגט:

— איר קענט זיך פאָרשטעלן: דאָס, וואָס מען האָט באַוויזן צו קאָנטראָלירן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס אמת! צי אַלץ איז אמת, וועלן מיר זיך דערוויסן שפּעטער, יעדנפאַלס — אייער מקור פאַרדינט די פולסטע אויפמערקזאַמקייט.

מיר איז גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

זייט דאַן האָב איך נאָך אויפמערקזאַמער גענומען פאַנאַנדערקלערן באַקאַיען, אָבער זיין יעדע נייע ידיעה פלעג איך פונדעסטוועגן

מיט אומרו איבערגעבן די פּאַראינטערעסירטע פּערזאָנען. די רעזולטאַטן פון יעדן פאַלש געמאַכטן טריט האָבן געקענט זיין אַזעלכע שרעקלעכע!

קאַפּיטל III.

די אַרעסטן צווישן די עסערן אין זומער 1906=טן יאָר. — די באַגעגעניש מיט אַזעפן אויף דער גאַס אין פּעטער-בורג. — דער ערשטער חשד אויף אַזעפן אין פּראָוואָקאַציע.

איך האָב גענומען בעטן באַקאַיען ער זאָל אין שמועסן מיט זיינע באַקאַנטע אַגענטן, זיי שטעלן פראַגן, וועלכע איך האָב נויטיק, און ער זאָל זיך באַמיען באַקומען אויף זיי די מיר נויטיקע ענטפערס. מיט אַזעלכע מינים אויפטראַגן פלעגט באַקאַי, לויט מיינע בקשות, זיין ביים פּאַרוואַלטער מיטן פּאָליטישן אויספאָר-דינסט דאָבראָסקאָק, ער איז געפאָרן קיין וולאַדימיר צו זובאַטאָוון, ער פלעגט פירן שמועסן מיט זיין אוממיטלבאַר-העכערער מאַכט און אַז. וו. דערנאָך פלעג איך צוזאַמען מיט אים דעשיפרירן זייערע ענטפערס.

אַזוי, למשל, האָב איך געבעטן באַקאַיען שטעלן דאָבראָ-סקאָקן די פראַגע, פּאַרוואָס האָבן זיך די-און-די טעראָריסטישע אַקטן איינגעגעבן, נישט געקוקט אויף דער אַגענטור, מיט וועלכער ער פלעגט זיך תּמיד רימען? דאָבראָסקאָק האָט אויף דעם געענטפערט, אַז דידאָזיקע געלונגענע טעראָריסטישע אַקטן זענען פאָרגעקומען בלויז דערפאַר, וואָס אין יענער צייט איז זייער אַגענט נישט געווען אין פּעטערבורג. זיין דאָזיקע אָנווייזונג איז מיר שפּעטער שטאַרק צונוץ געקומען פאַר מיינע אויספאָרשונגען.

מיינע באַציאונגען מיט באַקאַיען און מיט עטלעכע אַנדערע, וועלכע האָבן מיך באַקאַנט געמאַכט מיטן פּאָליטישן אויספאָר-דינסט, — באַציאונגען, וועלכע האָבן געדויערט עטלעכע חדשים, האָבן שטאַרק באַרייכערט מיינע ידיעות וועגן פּאָליציי-דעפּאַרטאַ-מענט, און איך בין צוגעטראָטן דעמאַסקירן די פּראָוואָקאַטאָרן.

מער פאַר אַלץ האָט מיך באַשעפטיקט די פראַגע וועגן

דער פראָוואָקאַציע צווישן די ס.-ר.-ן, ווייל זי האָט געקענט זייך באַזונדערס געפערלעך פאַר דער גאַנצער באַפרייאונגס-באַוועגונג, און איך האָב זיך פאַרנומען מיט אויספאָרשן זי.

דעם זומער 1906-טן יאָר זענען פאָרגעקומען אַסך אַרעסטן צווישן די טעראָריסטן. מען האָט זיי דערקלערט מיט אַ צופעליקייט, מיט אויסערלעכער נאָכשפּירונג און אַז. וו. מיך האָבן די דאָזיקע דערקלערונגען נישט באַפרידיקט, און אין די דאָזיקע אַלע דורכ-פאַלן האָב איך געשפּירט די אָנוועזנהייט פון פּראָוואָקאַציע. באַקאַנטע ידיעות האָבן מיר דערלויבט צו ריידן וועגן דעם מיט זיכערקייט. איך בין געווען איבערצייגט, אַז די פּראָוואָקאַציע צווישן די ס.-ר.-ן וואָרצלט אַ סך טיפער, ווי מען האָט דאָס געמיינט.

איינמאָל, נאָך דער אַרבעט אין דער רעדאַקציע „בילאָע", בין איך אַרויס שפּאַצירן און כ׳בין געגאַנגען איבער דעם ענגלישן ברעג. דאָסמאָל האָב איך אַפילו פאַרגעסן אַ קוק צו טאָן, צי מען שפּירט מיך נאָך אָדער נישט. מיטאַמאָל האָב איך דערזען פונדער-ווייטנס, אַז מיר אַנטקעגן, אין אַ אָפענער דראָשקע, פאָרט אַזעף מיטן ווייב. פּערזענלעך מיט אַזעפן בין איך נישט באַקאַנט געווען, אָבער זיין ראָל אין דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן איז מיר בכלל געווען גוט באַקאַנט. איך האָב געוווּסט, אַז ער שטייט בראש פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. נישט לאַנג צוריק פאַר דעם בין איך געווען אין טעריאָקי און כ׳האָב געטראָפן אַזעפן אויף דער גאַס אין זעלבן אַנצוג, אין וועלכן ער איז געווען דאַן.

מיט אַזעפס פרוי בין איך געווען גוט באַקאַנט, און כ׳בין דערציטערט געוואָרן ביים געדאַנק, איר זאָל נישט איינפאַלן צו באַגריסן זיך מיט מיר. איך האָב אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז אויב עס גייען מיר נאָך שפּיאָנען און אַזעפס פרוי זאָל איינפאַלן באַגריסן זיך מיט מיר, וואָלט אונזער דאָזיקע באַגעגעניש געוויס פאַרענדיקט געוואָרן אויף אַ פאַטאַלן אופן.

ווי עס טרעפט אָפט אין אַזעלכע פאַלן האָט דער געדאַנק געאַרבעט שנעל, אַ בילד האָט אָפּגעביטן אַ בילד, איין השערה די צווייטע. באַשליסן זיך האָט מען געדאַרפט שנעל. איך האָב איר מיט די אויגן געגעבן צו פאַרשטיין מיין אומרואיקייט און בישט ווענדנדיק זיך אין איר זייט בין איך געגאַנגען ווייטער.

אָפּגייענדיק אַ נישקשהדיק שטיק וועג, האָב איך ווי אומווילנדיק פֿאַרלאָרן די צייטונג. אומקערנדיק זיך האָב איך זי געגומען אויפהויבן און גלייכצייטיק האָב איך אַ קוק געטאָן אַהין, וווהין די דראָשקע איז אָפּגעפֿאָרן. צו מיין שרעק האָב איך דערזען, אַז אויף דעם (דאָסמאָל) ליידיקן ברעג האָט זיך אָפּגעשטעלט יענע דראָשקע, אויף וועלכער עס האָבן נאָר וואָס געהאַט געפֿאָרן די אַזעפּס, אַרום איר איז געשטאַנען אַן עולם, און אַ פּאָליציאַנט איז שנעל געגאַנגען צו איר.

איך בין זיכער געווען, אַז ס׳איז געשען אַ קאַטאַסטראָפֿע, און כ׳האָב באַשלאָסן אומקערן זיך און צוגיין צום המון. אין המון האָב איך אַזעפּן נישט באַמערקט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ געוויינלעכער גאַסן־סקאַנדאַל, מען האָט עמיצן פֿאַרהאַלטן, און דער דראָשקאַזש האָט זיך אָפּגעשטעלט, פּונקט ווי די אַנדערע, צוצוזען דידאָזיקע פֿאָרשטעלונג. איך האָב געגומען זוכן מיט די אויגן, וווהין האָבן זיך געקענט אַהינטאָן די אַזעפּס. כ׳בין צווישן אַנדערעס אַרויף אויף דער דאַמפּער־סטאַציע און כ׳האָב דערזען, אַז זיי זענען ביידע געשטאַנען לעבן דער קאָסע אין דער ריי, וואַרטנדיק אויף בילעטן. ערשט דאָ האָב איך דערפֿילט אַ דערלייכטערונג און כ׳האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מיין באַאומרואיקונג איז געווען אומזיסט. כ׳בין פֿאַרבייגעגאַנגען אַזעפּס פרוי, כ׳האָב איר געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אַלץ איז כשורה און, נישט באַגריסנדיק זיך, אַוועקגעגאַנגען.

כ׳בין נישט צוריקגעגאַנגען גלייך אין רעדאַקציע, און כ׳האָב ווייטער שפּאַצירט איבער די גאַסן. איך האָב זיך געפֿרייט, וואָס דערדאָזיקער אינצידענט, וועלכער האָט געקענט טייער קאָסטן, איז אַדורך בשלום.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך געשטעלט פֿאַר מיר זייער אַן ערנסטע פֿראַגע.

אויב איך האָב פֿונדערווייטנס דערזען אַזעפּן און אַזוי לייכט אים דערקענט, טאָ ווי אַזוי דערקענען אים נישט די אַגענטן, וועלכע קענען אים דאָך, געוויס, לויטן אויסזען, אויב ער געפֿינט זיך אַזוי אָפֿן אין פּעטערבורג?

זייט יענעם טאָג האָט דידאָזיקע פֿראַגע צוגעשמידט צו זיך מיין אויפֿמערקזאַמקייט.

איך האָב באַשלאָסן, אַז אַזעפן אַרעסטירט מען נישט זואַרשײַנלעך דערפאַר, װײַל דער פּאָליצײַ לױנט נישט צו אַרעס־טירן אים, — למשל, װײַל לעבן אים געפינט זיך דער אַגענט־פּראָװאָקאַטאָר, װעלכער באַקומט דורך אים די נױטיקע ידיעות. זײַט דאַן האָב איך גענומען זוכן ראַסקינען אַרום אַזעפן. איך האָב אַפילו געבעטן איבערגעבן אַזעפן, אַז, לױט מײַן מײנונג, אַרעסטירט מען אים נישט דערפאַר, װײַל לעבן אים געפינט זיך עפּעס אַ פּראָװאָקאַטאָר און ער, אַזעף, איז דעריבער אַ נױטיקער מענטש פאַר די זשאַנדאַרמען.

װיפל איך האָב נישט איבערגעקליבן די פאַמיליעס פון די מיר באַקאַנטע ס.־ר.־ישע טעראָריסטן, װער פון די, װאָס רינגלט אַרום אַזעפן, קען זײַן דער ראַסקין, האָב איך זיך נישט געקענט אָפּ־שטעלן אױף קײן אײנער פון זײ. נישט די פּערזענלעכע אײגנ־שאַפטן, נישט זײערע ביאָגראַפיעס, נישט די ידיעות װעגן זײער אָפּזײַן אָדער זײַן אין פּעטערבורג בעת די פאָרגעקומענע טעראָריסטישע אַטענטאַטן האָבן מיר נישט דערלױבט אױף קײן מינוט אָפּצושטעלן זיך אױף דער פראַגע — צי איז ער נישט אַמאָל דער פּראָװאָקאַטאָר, װעלכן איך זוך? פאַר דער גאַנצער צײַט, װאָס עס האָט געדױערט די אױספאָרשונג פון ענין אַזעף האָב איך קײן אײן מאָל נישט אַרױסגעזאָגט קײן אײן טעותדיקע השערה אױף קײן אײנעם פון די ס.־ר.־ן, אַז ער, קען זײַן, איז דאָס דער ראַסקין.

אָבער אײנמאָל, איבערקלײַבנדיק אין געדאַנק אַלץ, װאָס איז מיר פּערזענלעך באַקאַנט געװען װעגן אַזעפן, האָב איך זיך עפּעס דערמאָנט, װאָס האָט מיך תמיד באַװױגן אױסמײַדן די קאָנטשאַפט מיט אים.

אײנמאָל, אומגעריכט פאַר זיך אַלײן, האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע: צי איז ער נישט אַמאָל אַלײן דער־דאָזיקער ראַסקין? אָבער דידאָזיקע הנחה איז מיר דאַן פאָרגעקומען אַזױ אומגעהײער זינלאָז, אַז כ׳בין בלױז פאַרציטערט געװאָרן פאַרן דאָזיקן געדאַנק. איך האָב גוט געװוּסט, אַז אַזעף איז דער הױפּט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און דער אָרגאַני־זאַטאָר פון די אַטענטאַטן אױף פּלעװען, דעם גרױס־פירשט סערגעי און אַז. װ., און כ׳האָב זיך באַמיט נישט אָפּצושטעלן

זיך אַפילו אויף דערדאָזיקער השערה. פונדעסטוועגן האָב איז זייט דאַן נישט געקענט אָפּטשעפּען זיך פון דאָזיקן געדאַנק, און ווי אַן אידייע פיקס האָט ער מיך אומעטום פאַרפאָלגט.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה — צי איז ראַסקין אַמאָל נישט אַזעף? האָב איך פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט באַטראַכט אַלץ, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן דער טעטיקייט פון די ס.־ר.־ן פאַר די לעצטע יאָרן. ווען איך פלעג, זייט דאַן, פאַנאַנדערפרעגן די טעראָריסטן וועגן די סיבות פון די דערפאָלגן און דורכפאַלן פון די פאַרגאַנגענע טעראָריסטישע אַקטן, פלעג איך, אומבאַמערקט פאַר זיי, שטעלן פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אַזעפן, און, אגב אורחא, וועגן דעם, ווו פלעגט ער זיין אין יענער צייט?

נישט זעלטן האָב איך אומווילנדיק געמוזט מודה זיין זיך אַליין, אַז וואָס מער איך האָב אָפּגעטריבן פון זיך דאָס באַשולדיקן אַזעפן, אַלץ מער און מער איז עס געוואָרן פאַר מיר וואָרשיינלעך.

קאַפּיטל IV.

באַקאַיס אַרעסט און די רעוויזיע אין רעדאַקציע פון „בילאָע“. — מיין אָפּפאָר פון רוסלאַנד. — אין פּאַריזש. — אין פינלאַנד. — די באַגעגעניש מיט טראַאובערגן. — דאָס איינאָרדנען באַקאַיס אנטלויפן.

אין 1906 — 1907 האָב איך אַחוץ מיט באַקאַיען, אויפגעהאַלטן באַציאונגען אויך מיט אַנדערע פּערזאָנען פון דער דעפּענסיווע־וועלט, וועלכע פלעגן מיר אויך געבן ידיעות. פאַר איינע איז די רעדאַקציע פון „בילאָע“ געווען אַ לאָקונג, ווו זיי האָבן געהאָפט צו פאַרדינען עפּעס פאַר מיטטיילן מאַטעריאַלן, און פאַר אַנדערע איז דאָס געווען אַן אָרט, ווו זיי וואָלטן געקענט צוליב נישט־מאַטעריעלע טעמים טיילן זיך מיט זייערע ידיעות. אַזוי אַרום האָבן זיך ביי מיר אין „בילאָע“, אין 1907־טן יאָר, קאָנצענטרירט ווערטפולע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון פאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

אָבער אַרום מערץ 1907־טן יאָר האָבן זיך די דעפּענסיווע־לייט גענומען אָנשטויסן וועגן מיינע באַציאונגען מיט פּערזאָנען, וואָס שטייען נאָענט צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. מען האָט צו מיר גענומען אונטערשיקן אַגענטן, וואָס זאָלן מיך כאַפּן ביים קויפן דאָקומענטן. ווי ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, פֿלעגט מיר יעדעס מאָל געלינגען אויסצומיידן די נעצן, וועלכע מען האָט צעשטעלט פֿאַר מיר. איך פֿלעג נישט קויפן און כ'פֿלעג אויף קיין איין מינוט נישט איבערלאָזן אין מיין דירה יענע דאָקומענטן, וועלכע עס פֿלעגן מיר ברענגען פּערזאָנען, וואָס פֿלעגן וועקן ביי מיר אַ חשד.

סוף מערץ 1907־טן יאָר האָבן מיך געטראָפֿן די ערשטע דורכפֿאַלן אין מיינע באַציאונגען מיט די דעפּענסיווע־לייט.

נישט אָן דער הילף פֿון פּראָוואָקאַציע – וואָרשיינלעך לויט אַזעפֿס אָנווייזונג – האָט מען אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט חושד געווען באַקאַיען אין פֿאַרראַט.

איינמאָל האָט מיר באַקאַי דערציילט, אַז עס האָבן אים אָנגעהויבן נאָכצושפּירן אַגענטן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז שוין אין די נאָענטסטע טעג וועט מען אים אַרעסטירן.

אין יענער צייט בין איך שוין אינגאַנצן געווען איבער־צייגט אין באַקאַיס אויפֿריכטיקייט און אַז ער וויל באמת העלפֿן מיר אין קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע. כ'האָב אים איינגערעדט, ער זאָל תיכף אַוועקפֿאָרן קיין פֿינלאַנד, און פֿון דאָרט – קיין אויסלאַנד. כ'האָב אים צוגעזאָגט צו פֿאַרזיכערן מאַטעריעל, ער זאָל זיך דאָרט קענען איינאָרדנען. ביי דעם „בילאָע" איז מיר דאַן נישט שווער געווען דאָס צו טאָן. מיט זיין רייזע קיין אויסלאַנד האָב איך פֿאַרבונדן מיין קומענדיקן קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. גלייך נאָך באַקאַיען האָב איך אויך גערעכנט אַרויספֿאָרן אַהין.

נאָכגעבנדיק מיינע עקשנותדיקע פֿאָדערונגען איז שוין באַקאַי איינמאָל געווען מיטן טשעמאָדאַן אויפֿן פֿינלענדישן וואָקזאַל, אָבער באַמערקנדיק נאָך זיך אַ פֿאַרשטאַרקטע אויס־שפּירונג, איז ער צוליב עפּעס נישט אָפּגעפֿאָרן. ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט, אַז „אים" וועט מען זיך נישט אַנטשליסן צו אַרעסטירן.

אָבער אָט, דעם 31-טן מערץ 1907-טן יאָר, גאַנץ פרי, מאַכט מען ביי באַקאַיען אַ רעוויזיע, מען נעמט צו אַ טייל דורך מיר דורכגעקוקטע מאַנוסקריפּטן וועגן די פייניקונגען אין וואַרשע, וועגן דער פּערלוסטראַציע, וועגן די שוואַרצע קאַבינעטן און אַז. וו. און מען אַרעסטירט אים.

דעמזעלבן פרימאָרגן איז געמאַכט געוואָרן אַ רעוויזיע ביי מיר אין רעדאַקציע. אַלץ האָט מען איבערגעקערט מיט די פיס אַרויף, אָבער קיין שום חשודיקס איז נישט געפונען געוואָרן, און מען האָט מיך דערווייל געלאָזן אויף דער פריי.

אין די הענט פון דער דעפּענסיווע האָט זיך געפונען אַן אומגעוויינלעכער טיפּ אַרעסטאַנט. נעכטן נאָך האָט מען באַקאַיען באַטראַכט אַלס זיכערן אייגענעם מענטשן סיי אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט סיי אין די דעפּענסיוועס. ער האָט געוווּסט זייערע סודות, ער האָט געקאָנט זייער פולן צוטרוי, ער האָט ביי זיי געדינט, געהאַלט פלעגט ער באַקומען ביז דריי הונדערט רובל אַ חודש אַלס באַאַמטער פון דער זעקסטער קאַטעגאָריע... מען פאַרהערט אינטענסיוו באַקאַיען, מען דראָט אים מיט קריגס-געריכט פאַר פאַרראַט, פאַר אויסגעבן פּראָוואָקאַטאָרן, פון וועלכע אייניקע זענען שוין דאַן געהרגעט געוואָרן דורך די רעוואָלוציאָנערן, און די אַנדערע זענען געוואָרן — אָפּגעקלאַפּטע הושענות. אָבער די זשאַנדאַרן האָבן געהאַט ביי זיך בלויז באַקאַיס אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער באַפרייאונגס-באַוועגונג, ווי אויך באַווייזן, אַז ער איז געווען באַקאַנט מיט מיר. אויף די פאַרהערן באַמיט מען זיך צושפּילען צום ענין אויך מיך.

איבערגעגעבן באַקאַיען צום געריכט איז געווען זייער אומ-באַקוועם. אויפן געריכט וואָלט מען נישט געקענט פאַרשוויגן די פראַגן וועגן פּערלוסטראַציע, וועגן פּראָוואָקאַציע אין פּראָצעסן וועגן באָמבעס, וועלכע וואָלטן ביים פאַרהערן באַקאַיען זיכער אַרויסגעשווומען אויף דער ליכטיקער שיין. דעריבער האָט מען אים אָן אַ משפּט פאַרשיקט אויף דריי יאָר קיין אָבדאָרסק, ווו עס איז אַזוי באַקוועם צו באַגראָבן סיי אים, סיי זיינע אינטערעסאַנטע ידיעות.

זינט מעז האָט אַרעסטירט באַקאַיען האָב איך באַמערקט,

אַז מען שפּירט מיך שטאַרק נאָך און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז מען וויל מיך אַרעסטירן.

אַלס רעדאַקטאָר פון „בילאָע" איז מיר נישט שווער געווען אויסצואַרבעטן אַ דערלויבעניש אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד אין רעדאַקציע-ענינים, און גאָר גיך, אין זעלבן טאָג, האָט מען מיר אַרויסגעגעבן אַן אויסלענדישן פּאַס.

מיטן פּאַס אין קעשענע בין איך אַריין אין רעדאַקציע און כ׳האָב געגעבן די לעצטע פאַראָרדנונגען. דערנאָך בין איך מיט איינעם פון מיינע פריינט אַוועק אין מיין האָטעל; כ׳האָב אָפּגעקליבן די נויטיקסטע זאַכן און כ׳האָב אָנגעזאָגט דער דינער-שאַפט, אַז היינט וועל איך, אפשר, נישט קומען נעכטיקן און כ׳וועל פאָרן קיין אָזערקי, און אַז מיין פריינט וועט מיר ברענגען אַביסל פון מיינע זאַכן אין רעדאַקציע אַריין. איך האָב געבעטן מיין פריינט אונטערזיצן אַ האַלבע שעה אין מיין צימער נאָך מיין אַוועקגיין און ערשט איבערצייגנדיק זיך, אַז מען שפּירט אים נישט נאָך, זאָל ער אָפּטראָגן מיינע זאַכן צו באַקאַנטע, וועלכע זאָלן זיי ברענגען אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון שטוב האָב איך געזען, אַז עס זענען מיר נאָכגעגאַנגען צוויי שפּיאָנען, און אין אַ זייט איז געפאָרן זייער דראָשקע. אין אַ שעה אַרום, נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען, איז מיר, לסוף, געלונגען אויסצודרייען זיך פון דער נאָכשפּירונג. אויף יעדן פאַל האָב איך זיך נאָך אַביסל אַרומגעדרייט איבער דער שטאָט און אַ ריינער, „אָן ווידלען", בין איך געקומען אויפן וואַרשעווער וואָקזאַל, וווּ מען האָט שוין אויף מיר געוואַרט מיט מיינע זאַכן, און כ׳האָב זיך רואיק אַריינ-געזעצט אין צוג. אין אַ מעת-לעת אַרום בין איך שוין געווען אין אויסלאַנד, איידער מען האָט זיך אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט געכאַפּט, אַז איך בין פאַרשווונדן פון מיין דירה.

פאַר מיר האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עמיגראַציע, — ריכ-טיקער, דערווייל איז דאָס נאָר געווען אַ האַלב-עמיגראַציע.

איך בין געווען אין פּאַריז, אין דער שווייץ און איטאַליע. אָבער איידער אַרויסצוטרעטן אָפיציעל, אַלס עמיגראַנט, און אָנ-הויבן אין פּאַריז אַן אויסגאַבע אונטער מיין נאָמען, האָב איך באַשלאָסן אויף אַ געוויסע צייט באַזעצן זיך אין פינלאַנד. אַהין

בין איך געפאָרן אויפן זעלבן פּאַס, וועלכן איך האָב באַקומען אויף אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד און אַזוי אַרום האָב איך דאָרט געלעבט פאָרמעל נישט ווי אַ עמיגראַנט, נאָר ווי אַ לעגאַלער מענטש, וואָס קערט זיך אום קיין רוסלאַנד, אָבער צוליב עפּעס פאַרהאַלט ער זיך אין פינלאַנד.

אין יענער צייט האָבן אין פינלאַנד עקזיסטירט אַ סך רוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע האַלב-געהיימע טיפּאָגראַפיעס. זיי פלעגן דאָ איינאָרדנען רעוואָלוציאָנערע צוזאַמענפאָרן. דאָ זענען אויך געזעסן די צענטראַל-קאָמיטעטן, אַ דינאַמיט-פאַבריקל, געווער-סקלאַדעס און אַז. וו. פינלאַנד איז דאַן בכלל געווען, אַזויצוזאָגן, אַ באַזע פאַר די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווירקן אין רוסלאַנד. צווישן פּעטערבורג און פינלאַנד האָבן די רעוואָלוציאָנערן געהאַט אומאויפהערלעכע פאַרבינדונגען.

וועגן מיין אָנוועזנהייט אין פינלאַנד האָבן געוווּסט זייער אַ סך מענטשן. עס האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט אויך די פּאָליציי. איך האָב יעדן טאָג געקענט דערוואַרטן מען זאָל מיך אַרעסטירן, לויט דער פאָדערונג פון דער פּעטערבורגער מאַכט. אָפּהיטנדיק אַ געוויסע אַרט פאָרמאַליטעטן האָט מען מיך אויך דאַן געקענט אַרויספאָדערן קיין פּעטערבורג. די צייט איז אָבער געווען אַזאַ, אַז די רעגירונג האָט אויסגעמיטן איבעריקע צוזאַמענשטויסן מיט דער פינלענדישער און רוסישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, און דעריבער האָב איך געהאָפט, אַז איך וועל קענען וווינען אין פינלאַנד פאַרהעלטנישמעסיק זיכער.

יעדנפאַלס האָב איך באַשלאָסן לטובת דעם קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע צו ריזיקירן, בלייבן אַ געוויסע צייט אין פינלאַנד. קאָמוניקירן זיך פון טעריאָקי מיט פּעטערבורג איז געווען זייער לייכט, און צו מיר פלעגן אָפט קומען צופאָרן באַקאַנטע און פריינט. איך האָב געקענט אונטערהאַלטן כסדרדיקע באַציאונגען אויך מיט דער רעדאַקציע „בילאָע". אָבער איך זאָל אַליין פאָרן קיין פּעטערבורג, וועגן דעם איז נישט געווען וואָס צו ריידן.

אין פינלאַנד האָב איך זיך אינגיכן באַקענט מיט אַ סך רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן דאָרט געלעבט.

באַזונדערס איז מיר פאַרבליבן אין זכרון די באַגעגעניש

מיטן אָנפירער פון דער צפונדיקער באַוועגלעכער קאַמפּס גרופּע פון די ס.־ר.־ן — „קאַרל" (טראַובערג).

בעת אונזער ערשטער באַגעגעניש אין טעריאָקי, אין דער דירה פון די דעניסעוויטשעס, האָב איך אַ סך גערעדט מיט קאַרלען וועגן דעם טעראָריסטישן קאַמף פון די ס.־ר.־ן און כ'האָב אים געוואָלט באַווייזן, אַז די דורכפאַלן קומען פאַר, דער עיקר, צוליב דער פּראָוואָקאַציע, וואָס עקזיסטירט אין דער פּאַרטיי. טראַובערג אָבער האָט אַלע דורכפאַלן דערקלערט אַנדערש: מיט פעלערן פון דער אָרגאַניזאַציע, מיט איבערגעכאַפּטע בריוו, מיטן פאַרראַט פון די אַרעסטירטע און אַז. וו.

איינמאָל האָב איך אים געבעטן ער זאָל מיר געבן אַן ערן־וואָרט, אַז ער וועט קיינעם קיינמאָל נישט דערציילן, וואָס איך וועל אים זאָגן.

טראַובערג האָט מיר געגעבן אַ וואָרט און אים געהאַלטן.

מיט אַלערליי באַוואָרענישן האָב איך אים געזאָגט, אַז איך באַשולדיק אין פאַרראַט דעם הויפּט פון דער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע — אַזעפן. טראַובערג האָט מיך אויסגעהערט און, ווייזט אויס, נישט וועלנדיק מיך באַליידיקן מיט אַ שאַרף וואָרט, האָט ער בלויז מילד געזאָגט, אַז מיין דאָזיקע „השערה איז נישט־דערלאָזבאַר", — און אונזער שמועס האָט זיך אויף דעם פאַרענדיקט.

אין אַ וואָך אַרום האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט אים. איך האָב ווידער אויפגעהויבן די פראַגע וועגן אַזעפן. דאָסמאָל האָט טראַובערג נישט נאָר זיך געוואַקלט, נאָר ער האָט שוין טיילווייז צוגעלאָזן די מעגלעכקייט פון מיין דאָזיקער היפּאָטעזע. נאָך אין אַ וואָך אַרום — מיר פלעגן זיך זען איינמאָל אַ וואָך — האָט טראַובערג געזאָגט, אַז ער ספקט שוין נישט כמעט אין דעם, אַז איך בין גערעכט אין מיינע השערות און אַז ער פון זיין זייט וועט אָננעמען מיטלען, כדי אויסצופאָרשן אַזעפס ענין, — און ער האָט מיר טאַקע דאַן מודיע געווען, אַז אין אַ בריוו פון סאַראַטאָוו ווערט אָנגעוויזן אויף אַזעפן, ווי אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר. גענויער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן דאָזיקן בריוו אַ סך שפּעטער — אויף מיין משפט אין פּאַריזש.

אינגיכן נאָך אונזער דאָזיקן שמועס זענען טראַובערג און

זיינע חברים אַרעסטירט געוואָרן ביי געהיימנישפולע באַדינגונגען. פון רעגירונגס-קאָמוניקאַט וועגן דידאָזיקע אַרעסטן איז קלאָר געווען, אַז די רעגירונג האָט נישט נאָר געוווּסט דאָס, אַז טראָובערג גרייט צו אַ טעראָריסטישן אַקט אין גאַס. סאָוועט, נאָר אַז דעמדאָזיקן אַקט האָט געדאַרפט אויספירן איינער פון די אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטן, קאַלווינאָ-לעבעדינצעוו. ער האָט געדאַרפט מיטברענגען אין גאַס. סאָוועט, אין זיין טעקע, אַ באָמבע און זי דאָרטן וואַרפן. די ידיעות זענען געווען גענויע. וועגן זיי האָבן געקענט וויסן בלויז זייער ווינציקע ס.־ר.־ן און צווישן זיי דאַרף מען זוכן דעם פאַררעטער. די פּערזאָן, אויף וועלכער עס האָט געקענט פאַלן, לויט מיין מיינונג, דער חשד, איז קודם-כל, פאַרשטייט זיך, געווען אַזעף.

אומגעפּער אין דערזעלבער צייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז באַקאַי, וואָס איז געזעסן אין פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונג, פאַר זיין קאַנטשאַפט מיט מיר, ווערט פאַרשיקט אין די ווייטסטע ערטער פון סיביר. ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין דער פּעטראָגראַדער עטאַפּנער תּפיסה, בין איך פון טעריאָקי געקומען מיט אים אין פאַרבינדונג און כ'האָב אים געבעטן, אַז אונטערן אויסרייד פון קראַנק זיין זאָל ער זיך אָפּשטעלן אין איינער פון די נאָנטסטע שטעדט פון סיביר. איך האָב אים צוגעזאָגט העלפן אים אַנטלויפן. אינגיכן האָב איך זיך דערוווּסט, אַז באַקאַיען איז געלונגען אויפצוהאַלטן זיך, ווי מיר דוכט, אין טיומען. דאַן האָב איך געשיקט אַהין סאָפיאַ וויקטאָראָוונאַ סאַווינקאָוואַ, באָריס וויקטאָראָוויטשעס שוועסטער, און דורך איר האָב איך פאַרגעלייגט באַקאַיען אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, צוזאָגנדיק אים, אַז איך וועל אים זיכערן מאַטעריעל, אויב ער וועט וועלן מיר צוהעלפן אין מיינע דעמאַסקירונגען.

אין טיומען איז באַקאַי אויף עטלעכע טעג אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון תּפיסה אויף אַ פרייער דירה. סאַווינקאָוואַ האָט אים אויפגעזוכט און זי האָט איבערגעגעבן איר אויפטראַג. אָבער בעת זיי האָבן גערעדט, איז צו באַקאַיען אומגעריכט אָנגעקומען פּאָליציי. ביי דער רעוויזיע האָט מען קיין שום חשודעס נישט געפונען. סאַווינקאָוואַן האָט באַקאַי פאָרגעשטעלט אַלס זיין פרוי, וועלכע איז נאָר וואָס געקומען צו פאָרן צו אים.

באַקאַיען האָט מען געמאָלדן, אַז די טעג וועט מען אים אַרויסשיקן טיפער אין סיביר. דעמזעלבן טאָג זענען סאַווינקאָוואַ און באַקאַי, — באַזונדער איינער פון צווייטן, — געהיימערהייט אַרויסגעפאָרן פון טיומען. אין עטלעכע טעג אַרום זענען זיי בשלום, אין איין צוג, געקומען צופאָרן צו מיר קיין טעריאָקי.

איינע פון די ערשטע פראַגן, מיט וועלכע באַקאַי האָט זיך געווענדט צו מיר איז געווען:

— ווען האָט איר, וולאַדימיר לוואָוויטש, דערציילט, אַז איר העלפט מיר אַנטלויפן?

איך האָב אים קאַטעגאָריש געענטפערט: קיינעם נישט!

— מאָדנע! — האָט באַקאַי געזאָגט. — אין טיומען האָט מען מיך געדאַרפט אַרעסטירן לויט אַ טעלעגראַם פון פעטערבורג קיין טאָבאָלסק. הייסט עס, אַז אין פעטערבורג האָט עמיצער געמסרט, אַז איר העלפט מיר אַנטלויפן?

איך האָב ווייטער קאַטעגאָריש פאַרזיכערט, אַז איך האָב קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין אַנטלויפן. איך האָב אָבער מיט גרויס מי געקענט אויסבאַהאַלטן פון אים, סאַראַ שטורעם ער האָט אויפגעהויבן אין מיר מיט זיין דאָזיקער פראַגע.

וועגן באַקאַיס אַנטלויפן האָב איך דערציילט טשערנאָוון. טשערנאָוו, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט וועגן דעם מודיע געווען אַזעפן, און אַזעף האָט במילא געקענט מודיע זיין וועגן דעם אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. צוליב זיין מסירה האָט מען געקענט שיקן אַ טעלעגראַמע קיין טאָבאָלסק וועגן דעם, מען זאָל באַקאַיען תּיכף אַרויסשיקן קיין אָבדאָרסק. איך האָב קיין ספק נישט געהאַט, אַז אַזעף איז אַ פאַררעטער און אַז, במילא, האָט ער נישט נאָר געקענט מסרן, נאָר ער האָט שוין דערטראָגן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וועגן באַקאַיס געפּלאַנטן אַנטלויפן. באַקאַיס נאָמען איז, דאַכט זיך, נישט דערמאָנט געוואָרן אין מיין שמועס מיט טשערנאָוון, אָבער אין שטאָט איז געווען באַקאַנט, אַז איינער וואָס האָט געדינט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט איז אָקאָרשט פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר פאַר האָבן באַציאונגען מיט מיר. יעדנפאַלס האָט מען דאָס גוט געוווּסט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. לויט דער צייט איז דאָס אַלץ צונויפגעפאַלן: טשערנאָוו האָט וועגן באַקאַיס אַנטלויפן מודיע געווען אַזעפן,

און אַזעף האָט געקענט באַווייזן דאָס מודיע זיין אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.
אין זיך האָב איך כּסדר איבערגעחזרט: אַזעף איז אַ פּאַררעטער!

קאַפּיטל V.

מיין באַגעגעניש מיט אַזעפן אין פינלאַנד. — די טעלעגראַם וועגן באַקאַיס אַרעסט. — דער אַרעסט פונם אָכראַניק ראַקאָווסקי. — לעבעדינצעוו־קאַלווינאָ.

אָט וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט אַ קורצער צייט פאַר דעם, וועגן וואָס איך האָב דאַן נישט געקענט דערציילן באַקאַיען.

ווען איך האָב אַוועקגעשיקט קיין סיביר סאַווינקאָוואַן, האָט מיר אויסגעפעלט געלט, און דורך טשערנאָוון האָב איך זיך נאָך דעם געווענדט צו די סאָצ.־רעוו. איך האָב אים מודיע געווען, אַז דאָס געלט איז נויטיק כּדי צו העלפן אַנטלויפן אַ פאַרשיקטן קיין סיביר, וועלכער קען זיין זייער נוצלעך אין קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. איך האָב געבעטן טשערנאָוון עס זאָל בלייבן צווישן אונז, צוואָס איך דאַרף האָבן דאָס געלט, און ער זאָל אַבסאָלוט קיינעם וועגן דעם נישט זאָגן. אַ טייל געלט האָב איך באַקומען פון טשערנאָוון גלייך, און די איבעריקע סומע האָט ער מיר געוואָלט ברענגען אַליין אין אַ וואָך אַרום אין מיין האָטעל אין וויבאָרג צוויי אַ זייגער בייטאָג. די סומע, וואָס האָט מיר געפעלט, האָב איך געליען און איך האָב תּיכּף איבערגעשיקט קיין סיביר צו סאַווינקאָוואַן.

אין באַשטימטן טאָג בין איך געזעסן אין מיין האָטעל און איך האָב אָפּגעוואַרט טשערנאָוון. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. כ׳האָב געזאָגט: „אַריין!"

די טיר האָט זיך אויפגעעפנט, און אויפן שוועל האָב איך דערזען אָנשטאָט טשערנאָוון... אַזעפן!

איך האָב תּיכּף אַלץ פאַרשטאַנען. איך האָב פאַרשטאַנען,

אַז ער איז געקומען לויט טשערנאָווס אויפטראַג, אַז ער ווייס וועגן דעם, אַז איך גרייט צו פּאַר באַקאַיען אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן... איך האָב באַשלאָסן, אַז אַלץ איז דורכגעפאַלן און אַז איך געפין זיך איצט אינגאַנצן אין אַזעפּס הענט.

ווען ער איז געשטאַנען אין טיר איז זיין פּנים געווען צעקרימט, ווי ביי אַ דעמאַסקירטן פאַרברעכער. אויך דאַן, אין יענעם מאָמענט, האָט עס אויסגעזען פּונקט אַזוי, ווי איך האָב געזען, אויך אין טיר, לאַנדעזענס פּנים, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו אונז קיין פּאַריז נאָך דער רייזע קיין רוסלאַנד און ער האָט געקאָנט מיינען, אַז אין זיין אָפּוועזנהייט איז זיין ראָל שוין אויפגעדעקט געוואָרן, און מען וועט אים טרעפן, ווי אַ פאַררעטער. אַזעף האָט זיך קענטיק באַאומרואיקט און האָט נישט געוווסט, צי וועל איך אים אויפנעמען אָדער כ׳וועל אים, אפשר, וואַרפן גלייך אין פּנים אַריין די באַשולדיקונג אין פאַרראַט.

אין געדאַנק האָב איך געחזרט איין וואָרט: פאַררעטער! פאַררעטער! פאַררעטער!... אין מיין רשות זענען געווען בלויז עטלעכע רגעס כּדי צו באַשליסן, ווי אַזוי צו טרעפן אַזעפן.

איך בין שנעל אויפגעשטאַנען פון שטול און האָב אויסגערופן:

— אַ, לסוף האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן! וויפיל יאָר מיר האָט זיך געוואָלט טרעפן מיט אייך! מיר האָבן דאָך וועגן וואָס צו ריידן!

איך האָב גערעדט מיטן טאָן פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך דערפרייט מיט דער לאַנג-דערוואַרטער באַגעגעניש מיט זייער אַן אינטערעסאַנטן און נויטיקן מענטשן.

אין יענעם מאָמענט האָט מיר אַזעף דערמאָנט לאַנדעזענען, ווען יענער, איבערצייגנדיק זיך, אַז מען האָט אים נאָך נישט דעמאַסקירט, איז ווילעריש אַריין אין צימער און האָט גענומען פריי ריידן מיט אונז. ער האָט געזען, אַז מען באַגעגנט אים מיט פולן צוטרוי און דער פּחד, די צעשראָקנקייט און די אומאַנטשלאָסנקייט, וואָס זענען געווען אויסגעגאָסן אויף זיין פּנים מיט אַ רגע פריער, — זענען תּיכף מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. זיין פיגור האָט עדות געזאָגט וועגן זיין גוטמוטיקייט — אַ נאַטירלעכער צי אַ געקינסטלטער — דאָס איז שוין אַ צווייטע פראַגע. ער איז האַרט

צוגעקומען צו מיר מיט אַ זיכערן גאַנג, אײנגאַנצן אַ שטראַלנדיקער און, װײַזט אױס, מיך געװאָלט אַרומנעמען און צעקושן זיך. אָבער איך האָב װי נישט-װילנדיק אַראָפּגעװאָרפן די פּאַפּירן, װעלכע איך האָב געהאַלטן אין די הענט, און, אײַנבױגנדיק זיך, האָב איך זײ מיט דער לינקער גענומען אױפהױבן, און מיט דער רעכטער האָב איך זיך באַגריסט מיט אַזעפן און דערנאָך אים אַװעקגעזעצט אין אַ פאָטעל פּונקט אַקעגן מיר.

דאָס צימער איז געװען אַ ליכטיקס און דאָס ליכט איז געפאַלן גלײַך אױף אַזעפן.

אין דער גאַנצער צײַט פון דאָזיקן שמועס האָב איך אים געקוקט אין פּנים אַרײַן. איך האָב געזען יעדע באַװעגונג פון זײַנע מוסקולן. כ׳האָב אױפמערקזאַם נאָכגעפאָלגט אַלץ, װאָס ער האָט גערעדט, סײַ דאָס, װעגן װאָס ער האָט מיך פאַנאַנדערגע-פרעגט, סײַ דאָס, װאָס ער האָט מיר געזאָגט, — דאָס אַלץ האָב איך באַטראַכט פון יענעם שטאַנדפּונקט: װאָס טראַכט װעגן דעם אַלעם דער פאַררעטער, װאָס זיצט אַקעגן מיר.

כ׳האָב אים געקוקט אין פּנים אַרײַן, כ׳האָב זיך אײַנגעהערט אין זײַנע פראַגעס און ענטפערס, כ׳האָב נאָכגעפאָלגט זײַנע אױגן, זײַן געלעכטער, זײַנע שמײכלען, זײַנע זשעסטן, און אינער-לעך האָב איך די גאַנצע צײַט געחזרט: פאַררעטער! פאַררעטער! פאַררעטער!...

אַזעף האָט אָנגעהױבן דערפון, אַז טשערנאָװ האָט אים דערצײלט װעגן זײַן שמועס מיט מיר און לױטן אױפטראַג פון צ. ק. גיט ער מיר איבער דאָס געלט. דערנאָך האָט ער גענומען רײדן מיט באַגײסטערונג װעגן מײַן קאַמף מיטן פּאָליצײ-דעפּאַר-טאַמענט, װעגן דעם, אַז איך טו אַ גרױסע זאַך, אָן װעלכער די רעװאָלוציאָנערן קענען נישט עקזיסטירן, אַז אָן איר זענען נישט מעגלעך קײן שום רעװאָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אַז ער װעט אומבאַדינגט פאָדערן, מען זאָל געפינען פאַר מיר גרױסע מיטלען אױף צו פירן דעמדאָזיקן קאַמף און אַז. װ.

איך האָב זיך געקלאָגט פאַר אַזעפן, אַז קײנער העלפט מיר נישט, אַז אין דער פּאַרטײ ס.-ר.-ן פאַרשטײט מען נישט מײַן אַרבעט, אַז אַלע טשערנאָװוס זענען נישט קײן פּראַקטיקער, נאָר טעאָרעטיקער, אַז מען קען מיט זײ גאָרנישט אױפטאָן, און עס

וואָלט געווען זייער גוט, ווען אין מיין קאַמף מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וואָלט מסכּים געווען אָנטיילצונעמען אַזאַ רעוואָלוציאָנער־פּראַקטיקער, ווי ער – אַזעף.

ביי מיינע דאָזיקע ווערטער האָט אַזעף, ווייזט אויס, נישט געקענט אויסבאַהאַלטן זיין באַזונדערע פרייד, און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט מיט פאַרגעניגן מסכּים זיין צו אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר און אַז מיר, זאַלבעצווייט, וועלן געוויס קענען ברייט אַנטוויקלען דידאָזיקע אַרבעט.

– איר גרייט איצטער צו דאָס אַנטלויפן פון סיביר פון איינעם אַ אַגענט פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, – האָט מיר אַזעף געזאָגט.

איך האָב געענטפערט: יאָ!

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער ווייס וועגן באַקאַנט געפּלאַנטן אַנטלויפן.

– דערנאָך, – האָט אַזעף ווייטער גערעדט, – קומט צו אייך אין פינלאַנד אַ צווייטער אַגענט...

הייסט עס, אַז אויך דאָס איז אַזעפן באַקאַנט געווען!

– אייער דריטע פאַרבינדונג מיטן פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט... – האָט אַזעף ווידער גענומען ריידן, אָבער שוין עפּעס אומזיכער. ריכטיק ווי ער וואָלט מיך אַרויסגערופן צו דערציילן די פּרטים... דידאָזיקע דריטע פאַרבינדונג האָט אים, ווייזט אויס, שטאַרק אינטערעסירט. אָבער וועגן איר האָב איך טשערנאָוון גאָרנישט געזאָגט, אַחוץ דאָס, אַז עס זענען דאָ פיר ערנסטע מקורים אויף צו באַקומען ידיעות פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, און דעריבער האָט אויך אַזעף גאָרנישט געקענט וויסן וועגן איר.

כ׳האָב גענומען געניי דערציילן אַזעפן וועגן דעם, אַז מיין דאָזיקער אינפאָרמאַטאָר איז איינער פון די השפּעהרייכע טוער פון געריכטס־וועזן, אַ פּראָקוראָר, ער גופא דינט נישט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, ער איז דאָרט אָבער אַ היימישער מענטש און ער געפינט זיך אין די פאַרטרויליכסטע באַציאונגען מיט זיינע אָנפירער, אַז ער איז ליבעראַל געשטימט, און איך פערזענליך געפין זיך מיט אים אין נאָענטע באַציאונגען. אין איצטיקן מאָמענט איז ער קראַנק, און ער דאַרף פאָרן היילן זיך אין אויסלאַנד. ער איז מסכּים צו עמיגרירן און אָפן אונז מיטהעלפן, ער פאָדערט אָבער

אַ באַדייטנדיקע געלט-סומע — אַ פערציק טויזנט, — און דאַן וועט ער זיך אינגאַנצן שטעלן אין אונזער רשות. אין מיין דערציילונג וועגן מיין דאָזיקער פאַרבינדונג מיטן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָב איך זיך באַמיט פאַראינטערעסירן אַזעפן דורך פאַרשידענע דעטאַלן און דורך דידאָזיקע פּרטים צו געבן מיין דערציילונג אַ וואָס גרעסערע באַגלויבטקייט.

פאַרשטייט זיך, אַז קיין שום נויטיקעס וועגן מיין דריטן מקור האָט אַזעף נישט געקענט דערציילן דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אָבער דידאָזיקע דורך מיר אויסגעטראַכטע ידיעות, האָבן שטאַרק פאַראינטערעסירט, — ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, — נישט נאָר אַזעפן, נאָר אויך דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט.

שפּעטער, ווען אַזעף האָט מיט מיר גערעדט אין פראַנקפורט, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איר האָט זיך דאָך באַצויגן דאַן צו מיר מיטן פולסטן צוטרוי. איר האָט מיר דערציילט וועגן די אַגענטן, מיט וועלכע איר שטייט אין באַציאונגען.

איך האָב דערקלערט אַזעפן, אַז פון זיינע ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אַז וועגן באַקאַיען און וועגן ראַקאָווסקין ווייס ער פון טשערנאָוון.

— יאָ, — האָט מיך אַזעף איבערגעריסן, — איר האָט מיר אָבער דערציילט וועגן פּראָקוראָר, מיט וועלכן איר האָט געהאַט צו טאָן!

— איך האָב אייך דערציילט וועגן אַ פּראָקוראָר, וואָס האָט גאָרנישט עקזיסטירט. איך האָב אַלע פּרטים צוגעטראַכט אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב גערעדט מיט אייך. איך האָב געוווּסט, אַז וועגן דערדאָזיקער פאַרבינדונג (דאָס איז גאָרנישט געווען קיין פּראָקוראָר און די סימנים האָבן זיך לחלוטין נישט געפּאַסט צו אים) האָט אייך טשערנאָוו גאָרנישט געקענט זאָגן, ווייל איך האָב אויך אים גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם.

— הייסט עס, אַז איר האָט מיר געזאָגט ליגן? — האָט מיר אַזעף געזאָגט אַביסל מיט אַ באַליידיקטן טאָן, מיט אַ פּאָרוואורף.

איך האָב נישט געלייקנט, אַז כ'האָב אים אָפּגענאַרט.

איצט איז אַזעף געווען אויפן זיבעטן הימל פון די שמועסן מיט מיר און ער האָט זיך, וואָרשיינלעך, אויסגעמאָלט אין העלע

פֿאַרבן, ווי אַזוי ער וועט אײנגיכן אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר אויף צו דעמאַסקירן די פּראָוואָקאַטאָרן און... ווי אַזוי ער וועט אויפֿדעקן מײַן גאַנצע טעטיקייט! מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו טרעפֿן אין אַ טאָג צען אַרום.

די באַמערקונג וועגן אַגענט, וואָס איז געווען ביי מיר אין פֿינלאַנד איז אויך, פֿאַרשטייט זיך, איבערגעגעבן געוואָרן דורך אַזעפֿן אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און דערדאָזיקער אַגענט — ראַקאָווסקי — וועלכער איז ביי מיר געווען און מיר געגעבן ידיעות, איז תּיכּף אַרעסטירט געוואָרן אין פּעטערבורג.

זיין אַרעסט האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסן טומל. ווענדיק אָפּלענקען דעם חשד פֿון אַזעפֿן, אַז אויך אין דאָזיקן פֿאַל איז דער אַרעסט פֿאָרגעקומען לויט זיינע אָנווייזונגען, האָט דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, פּונקט ווי ביי טראַובערגס אַרעסט, געגעבן אין דער פּרעסע, פֿאַנטאַסטישע ידיעות. צי זיי האָבן עמיצן איבערצייגט, אַז סיי טראַובערג און סיי ראַקאָווסקי זענען אַרעס-טירט געוואָרן אַדאַנק זייערע אייגענע פֿעלערן און דער קונסט פֿון דער זשאַנדאַרמישער פּאָליציי, ווייס איך נישט, אָבער אויף מיר האָבן זיי געווירקט פּונקט פֿאַרקערט. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַן איבעריקער באַווייז, אַז ווען די מאַכט פֿלאָנטערט באַוווסטזיניק אין אירע אָפֿיציעלע מעלדונגען, איז אַ סימן, אַז איר איז זייער וויכטיק אויסצובאַהאַלטן די אמתע סיבה פֿון טראַובערגס און ראַקאָווסקיס אַרעסט און אַז זייער ביידנס אַרעסט איז די אַרבעט פֿון דעמזעלבן פּראָוואָקאַטאָר ראַסקין, וועלכן איך האָב בשעתו אַרומגעזוכט. מיך האָבן דידאָזיקע ידיעות ווידער געבראַכט צו דערזעלבער איבערצייגונג, אַז ראַסקין — דאָס איז אַזעף.

כּל זמן איך האָב גערעדט מיט אַזעפֿן, האָב איך אָנגעווענדט אַלע באַמיאונגען נישט אַרויסצווייזן אים מיין אינערלעכע אויפֿ-רעגונג. ערשט דאַן, ווען די טיר האָט זיך צוגעמאַכט הינטער אַזעפֿן, און איך בין געבליבן אַליין, האָב איך דערפֿילט ווי שטאַרק דערדאָזיקער שמועס האָט מיך אויפֿגערודערט.

פֿאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז איך געפֿין זיך אין די הענט פֿון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אַז אין דאָזיקן מאָמענט זענען, וואַרשיינלעך, אין סיביר אַרעסטירט סיי די דורך מיר געשיקטע סאַווינקאָווא, סיי באַקאַי, אַז די פּאָליציי האָט, פֿאַרשטייט זיך,

אָנגענומען מיטלען, איך זאָל נישט קענען אַנטלויפן, אַז מיין אַרעסט איז אַ פראַגע פון שעהן אָדער טעג, און אַז די פּויסט איז אויפגעהויבן איבער „בילאָע", אַז ס'איז צעשטערט אַלץ, וואָס איך האָב לאַנג געגרייט און אויף וואָס איך האָב אַזוי פיל געהאָפט...

איך האָב אַרויסגערופן קיין וויבאָרג צו זיך אין האָטעל טראַובערגס פאַרטרעטער — לעבעדינצעוו, ווען איך האָב נאָך געטראָפן אין פאַריז, און איך האָב זיך אַנטשלאָסן דערציילן אים דאָסזעלבע וואָס איך האָב דערציילט טראַאובערגן.

נאָך לאַנגע אומוועגן האָב איך געזאָגט לעבעדינצעוון, אַז לויט מיין מיינונג איז אַזעף — אַ פאַררעטער און אַז כ'האָב שוין געזאָגט וועגן דעם טראַובערגן. כ'האָב אים אויך דערציילט, אַז די לעצטע טעג זענען פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן מיר נאָך מער איבערצייגט אין דעם. איך האָב אים אָבער גאָרנישט געזאָגט וועגן מיין באַגעגעניש מיט אַזעפן. לעבעדינצעוו איז שטאַרק געוועזן צערודערט דערפון, וואָס איך האָב אים געזאָגט. ער האָט דאַן אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיט די ס.-ר.-ן געגרייט זיין טעראָ-ריסטישן אַקט. ער האָט נישט געגלייבט אין דער באַגרינדעטקייט פון מיין באַשולדיקונג קעגן אַזעפן, און מיר האָבן ביידע באַשלאָסן פאַרנעמען זיך מיטן ווייטערדיקן אויספאָרשן אַזעפן.

מער איז מיר נישט אויסגעקומען צו זען לעבעדינצעוון. אינגיכן בין איך אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד, און לעבעדינצעוו איז אַרעסטירט געוואָרן וועגן דער פאַרשווערונג קעגן שטשעגלאָ-וויטאָוון און איז געהאָנגען געוואָרן צוזאַמען מיט נאָך זעקס פערזאָן.

אַלע טעג, נאָך מיין באַגעגעניש מיט אַזעפן, זענען פאַר מיר פול געווען מיט אומרו, איך האָב דערוואַרט פון סיביר שווערע ידיעות. טעגלעך האָב איך אָפּגעוואַרט אויך מיין אַרעסט. איך האָב אָפּגערייניקט מיין דירה אין טעריאָקי און איך האָב געמאַכט אַלע נויטיקע פאַראָרדנונגען אויפן פאַל ווען מען וועט מיך אַרעס-טירן.

אָבער איינמאָל, ווען איך האָב זיך געפונען ביי מיר אין שטוב אין טעריאָקי, האָט זיך אויפגעעפנט די טיר: ס'איז אַריין סאַווינקאָוו, און נאָך איר, ווי איר נצחון-רויב, איז געגאַנגען באַקאַי.

זעלטן האָב איך זיך געפרייט אַזוי, ווי מיט דערדאָזיקער באַגעגעניש.

באַקאַי האָט מיר געזאָגט, אַז ער רעכנט פאַרבלייבן עטלעכע טעג אין פינלאַנד און ער וויל אויסשרייבן אויף אַ זעאונג זיין פרוי. איך האָב אָבער אַנטשידן פראָטעסטירט קעגן דעם, און, נישט אויפקלערנדיק צוליב וואָס, בין איך פעסט באַשטאַנען אויף דעם, אַז באַקאַי זאָל תיכף אין זעלבן טאָג אַוועקפאָרן קיין שטאָקהאָלם.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך אין וויבאָרג באַקומען פון באַקאַיען, פון שטאָקהאָלם, אַן אָפּגערעדטע טעלעגראַמע, אַז ער איז דורכגעפאָרן בשלום. אין האָטעל אין וויבאָרג, ווו איך פלעג זיך תמיד אָפּשטעלן, האָב איך געזאָגט, אַז כ׳פאָר צו זיך קיין טעריקאָי, און אין טעריקאָי האָב איך געזאָגט, אַז כ׳פאָר קיין וויבאָרג, און אַליין בין איך גאָר אַוועקגעפאָרן קיין אַבאָ. אויפן צווייטן טאָג בין איך פון אַבאָ אַרויסגעפאָרן אויף אַ דאַמפּער קיין שטאָקהאָלם.

קאַפּיטל VI.

אין פּאַריזש. — דער אָנהויב פון אָפענעם קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע. — קענסינסקיס דעמאַסקירונג. — די ענינים פון בזשאָזאָווסקי און סטאַראָדוואָרסקי.

איך האָב זיך געפונען מחוץ די גרעניצן פון אַזעפס מאַכט-געביט און פון היינט אָן האָב איך געקענט פירן מיט אים אַן אָפענעם קאַמף. דורך אַ טעלעגראַם האָב איך געגעבן צו וויסן קיין פּאַריזש מיינע חברים, אַז איך פאָר, און כ׳האָב געבעטן מען זאָל דאָס איבערגעבן באַקאַיען.

דאָס מאָל בין איך געקומען קיין פּאַריזש שוין אַלס פּאָרמעלער עמיגראַנט.

אין יענער צייט האָט די צענזור אין פּעטערבורג אויף „תמיד״ אָפּגעשטעלט דעם „בילעאָ״, און אָנשטאָט אים האָבן מיר דאָרטן אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל „מינוווּשיע

נאָדי״ (פאַרגאַנגענע יאָרן), אָבער די פאַרפאָלגונגען פאַרן אַלטן „בילאָע״ זענען אין פּעטערבורג נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן. פאַרן אָקטאָבער־בוך „בילאָע״ פון 1907־טן יאָר איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף צוויי און אַ האַלב יאָר תּפיסה שטשעגאָלעוו, באָגוטשאַרסקי איז נאָכן אַרעסט און נאָכן אָפּזיצן אַ געוויסע צייט אין תּפיסה, אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד. צוערשט האָט ער געלעבט אין בולגאַריע, דערנאָך אין פּאַריז.

אין פּאַריז האָב איך אָפּן אויפגעהויבן אַ לחלוטין נייע פראַגע פאַר דער עמיגראַציע וועגן קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע.

אויף מיין קאָנטאָ האָב איך שוין געהאַט עטלעכע, נאָך אין רוסלאַנד געלונגענע דורכגעפירטע דעמאַסקירונגען פון פּראָוואָקאַטאָרן. אַ סך עמיגראַנטן האָבן צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג מיינע דאָזיקע דעמאַסקירונגען, כ׳האָב אָבער נישט געהאָפט צו געפינען ביי זיי מיטהילף. פאַר זיי איז געווען לחלוטין ניי דאָס, וואָס איך האָב געטאָן, און זיי האָבן בשום אופן נישט געקאָנט שלום מאַכן, למשל, מיט מיינע באַגעגענישן מיט פּערזאָנען, וואָס האָבן אַ שייכות צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. מען האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז זייער געפערלעך און אַפילו נישט דערלאָזבאַר פאַר רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן מיך געוואָלט איבערצייגן אַז די־יעניקע, וועלכע גיבן מיר ידיעות, קענען זיין אונטערגעשיקטע און זיי וועלן מיך נאַרן, אַז איך קען ווערן זייער געצייג כּדי צו וואַרפן שמוץ אויף ערלעכע רעוואָלוציאָנערן און אַז. וו. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַנטשליס איך זיך אונטער־צוהאַלטן אַזעלכע ריזיקאַלישע פאַרבינדונגען, ווי די פאַרבינדונגען מיט באַקאַיען, און זיי האָבן מיך צוגערעדט איבעררייסן מיט אים. עס איז אויסגעקומען אַזוי: די פּאַרטיקע דעמאַסקירונגען זענען זיי מספּים געווען אָנצונעמען, מער נישט. זיי האָבן נישט געוואָלט טאָן דאָס, אָן וואָס מען האָט נישט געקענט באַקומען דידאָזיקע ידיעות.

אַ סך פּערזאָנען האָט באַזונדערס איבערראַשט מיין צוטרוי צו באַקאַיען, מיינע אָפטע באַגעגענישן מיט אים און מיין זאָרגן וועגן אים. זיי האָבן בשום אופן נישט געקענט פאַרדייען דעם פאַקט, וואָס באַקאַי באַזוכט מיך יעדן טאָג, וואָס איך עס און טרינק מיט אים, וואָס איך גיי צוזאַמען מיט אים אין רעסטאָראַנען,

וואָס איך רעכן זיך מיט זיין מיינונג, וואָס איך גלויב זיינע מיט־טיילונגען, וואָס איך רעד וועגן זיין געוויסנהאַפטיקייט, אויפריכטיקייט און אַז. וו. אויב איך האָב אַפילו נישט שטענדיק געהאַט אויסצוהערן וועגן דעם אַלעם אָפענע, דירעקטע באַשולדיקונגען, פלעג איך אָבער אויף יעדן שריט מוזן פילן די אומצופרידנקייט קעגן מיר.

אינגיכן נאָכן קומען קיין פּאַריזש האָב איך אַרויסגעשטעלט באַשולדיקונגען קעגן עטלעכע פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע האָבן דאַן געשפּילט אַ אָנגעזעענע ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָבן אונטערגעהאַלטן באַציאונגען מיט די רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן געפירט זייער טעטיקייט אין רוסלאַנד. מיט מיין רשימה, — עס האָבן זיך געפונען אין איר ביז 50—60 נעמען, — האָב איך באַקאַנט געמאַכט אַלע פּאַרטייען, און זיי פלעגן שיקן צו מיר נאָך אינפאָרמאַציעס.

איינעם פון די ערשטע האָב איך באַשולדיקט אין פּראָוואָקאַציע אַ טעטיקן מיטגליד פון די מאַקסימאַליסטן — קענסינסקין, וואָס איז געווען סעקרעטאַר אויף זייער נאָר־וואָס פּאַרענדיקטן צוזאַמענפאָר. זיינע חברים זענען געווען עמפּערט פון מיין באַשולדיקונג קעגן אים, זיי האָבן געגעבן זייער קאָפּ פאַר אים און האָבן גערעדט וועגן זיינע גרויסע פאַרדינסטן. מיך האָט מען באַשולדיקט אין שפּיאָנאָמאַניע. זיי האָבן געוווּסט, אַז די ידיעות האָט מיר געגעבן באַקאַי, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז באַקאַי איז מיר אונטערגעשיקט געוואָרן און אַז אויף אַזאַ אופן וויל די אָכראַנע דעזאָרגאַניזירן זייער פּאַרטיי. מער פאַר אַלץ האָט גע־טומלט קענסינסקי גופא. איך האָב אים אַרויסגעפאָדערט אויף אַ פאַרהער, און גלייך נאָכן ערשטן פאַרהער האָט קענסינסקי געמוזט פאַרשווינדן. זיינע פריינט, וועלכע האָבן שוין באַוויזן טומלדיק און דעמאָנסטראַטיוו מיך באַפאַלן פאַר דער רכילות אויף זייער דאָזיקן פריינט, זענען געווען פאַרשעמט און האָבן געמוזט מודה זיין, אַז מיינע באַשולדיקונגען, וואָס שטיצן זיך אויף באַקאַיס ידיעות, זענען ריכטיקע.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָב איך גאַנץ צופעליק זיך דערוווּסט, לויט וואָסער אַדרעס קענסינסקי באַקומט אויף פּאָטשט בריוו „פאָסט רעסטאַנט”. איך האָב אָנגעשריבן צו אים און אים געבעטן קומען צו מיר אויף אַ זעאונג אין קאַפע־הויז אויף דער

דאָס סען-לאַזאַר און דערביי האָב איך, פאַרשטייט זיך, דערקלערט, אַז כ׳גרייט נישט פאַר אים קיין שום פאַסטקע. אין דער באַשטימטער שעה איז קענסינסקי געקומען, און איך האָב לאַנג געפירט אַ פריידלעכן שמועס מיט מיין דאָזיקן קרבן.

איך האָב אים געזאָגט, אַז כ׳בין געקומען צופאָרן קיין אויסלאַנד מיטן ציל צו פירן אַ קאַמף קעגן פּראָוואָקאַציע און קעגן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און אַז איך באַטראַכט די פּראָוואָקאַציע פאַרן גרעסטן אומגליק פאַר רוסלאַנד, פאַרן יסוד פון דער רוסישער רעאַקציע. מיט דער פּראָוואָקאַציע וועלן מיר קיינמאָל קיין שלום נישט מאַכן און נאָך דער רעוואָלוציע וועלן מיר פאַרפאָלגן די פּראָוואָקאַטאָרן אויפן שרעקלעכסטן אופן, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען. כדי כאָטש אַביסל צו פאַרגלעטן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, האָב איך אים פאָרגעלייגט העלפן מיר מיט זיינע ידיעות פּונקט אַזוי, ווי עס העלפט מיר באַקאַי, און איך האָב אים גאַראַנטירט אין משך פון צוויי יאָר צו צוויי הונדערט פראַנק אַ חודש, כדי ער זאָל קענען ערגיץ-ווו אין אייראָפּע אָדער אין אַמעריקע איינאָרדנען זיך און אָנהויבן פירן אַ ניי לעבן. קענסינסקי האָט ביי מיר געבעטן דריי טויזנט פאַראַמאָל און פאַרזיכערן אים צו הונדערט פראַנק אין משך פון צוויי יאָר. איך האָב אים געזאָגט, אַז אין פּרינציפּ נעם איך אָן זיין פאָרשלאַג, כ׳האָב אים אָבער געבעטן צואיילן זיך מיטן ענטפער, ווייל מיט דער צייט קענען זיינע ידיעות פאַרלירן יעדע באַדייטונג.

איך האָב געזען, אַז קענסינסקי וואַקלט זיך, אים האָט זיך געוואָלט אי אָננעמען מיינע פאָרשלאַגן אי ער האָט מורא געהאַט איבערצורייסן זיינע באַציאונגען מיטן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און מיט די „אָכראַניקעס”, נישט באַקומענדיק די געווינשטע סומע. ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז איך וועל אים קיין געלט נישט געבן פריער, איידער ער וועט נישט איבעררייסן די באַציאונגען מיט זיי, און איך האָב נישט געהאַט קיין מזומנים, כדי דאַן שוין קומען צו אַ הסכם מיט אים.

בעת אונזער שמועס האָט מיר קענסינסקי געזאָגט:

— איר פאַרשטייט אונז (ער האָט גערעדט וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן) נישט. איר פאַרשטייט נישט, וואָס מיר לעבן איבער. למשל, אָט בין איך נישט לאַנג צוריק געווען סעקרעטאַר אויפן

צוזאַמענפּאָר פון די מאַקסימאַליסטן. מען האָט גערעדט וועגן טעראָר, וועגן עקספּראָפּריאַציעס, וועגן נסיעות קיין רוסלאַנד. איך בין געווען אינפאָרמירט וועגן דידאָזיקע אַלע רעוואָלוציאָנערע סודות, און אין עטלעכע שעה אַרום, ווען איך האָב זיך געזען מיט מיין העכערער מאַכט, זענען דיזעלבע פראַגן באַלויכטן געוואָרן פאַר מיר פון אַ צווייטער זייט. איך פלעג אַריבער־שפּרינגען פון איין וועלט אין דער צווייטער... ניין!... איר פאַרשטייט נישט און איר קענט נישט פאַרשטיין (אין יענעם מאָמענט האָט קענסינסקי אַ קוק געטאָן אויף מיר פון אויבן אַראָפּ מיט אַ מין באַדויערן), סאַראַ עמאָציעס איך פלעג איבער־לעבן אין יענעם מאָמענט!

דאָסדאָזיקע וואָרט „עמאָציעס" האָט ער אַרויסגערעדט, סמאַקעווענדיק עס, און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט עפּעס אַ מין באַזונדערן תענוג פון אַ אַוואַנטוריסט.

ער, דער יונגער, האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט לייכט שלום מאַכן מיט מיינע פּראָזאַאישע פאַרשלאַגן — העלפן מיר ביי מיינע דעמאַסקירונגען און דערנאָך אַוועקגיין אין אַ זייט און אַרבעטן אַ צוויי־דריי יאָר אויף צו זיכערן זיך אַ ניי לעבן... אָן עמאָציעס!

מיר האָבן זיך צעשיידט. איך האָב אים צוגעזאָגט אַרויס־צורופן, ווען איך וועל קענען תּיכּף געבן אים די נויטיקע מיטלען.

מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז כ'וועל קומען צו די עסערן, עסדעקעס, קאַדעטן, צו די אַלע, וועלכע האָבן מיר געגלויבט, — און אַזעלכע זענען געווען אַ סך, — און ווען עס איז נישט שווער געווען צו געפינען אַ פינף־זעקס טויזנט פראַנק; — און זיי וועלן מיר געבן די מעגלעכקייט אַרויסצורופן קענסינסקין, און איך וועל מיט אים איבערחזרן דאָסזעלבע, וואָס איך האָב געטאָן מיט באַקאַיען. אָבער וויפל איך בין נישט געגאַנגען סיי צו די עסערן, סיי צו די קאַדעטן, האָב איך קיינעם נישט געקענט איבערצייגן, אַז מען דאַרף אויסגעבן דידאָזיקע גראָשנס, כּדי צו פאַרשטאַרקן אונזער קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע.

מער האָב איך קענסינסקין נישט געזען.

אָנהויבנדיק מיט קענסינסקיס דעמאַסקירונג, וועלכע איך

האָב געמאַכט אין די ערשטע וואָכן נאָך מיין קומען אין פּאַריז אין יאַנואַר 1908־טן יאָר, האָט דער קאַמף מיט די פּראָוואָקאַטאָרן פאַרנומען אין מיין לעבן אין אויסלאַנד אַ גרויסן אָרט אין משך פון עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד. מן הצד האָט זיך אַפילו אַנדערע געקענט אויסדוכטן, אַז ער האָט מיך איינגאַנצן איינגעשלונגען, און ווינציקע האָבן געוואָלט זען, וויפל אָנשטרענגונגען איך האָב געמאַכט גלייך פון די ערשטע טעג פון מיין קומען קיין פּאַריז, כּדי אָנצוהייבן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג, באַנייען דעם היסטאָרישן זשורנאַל „בילאָע" און אַז. וו.

תּיכּף צוטרעטן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג האָב איך אָבער נישט געקענט, פּשוט דערפאַר, ווייל איך האָב קיין מיטלען נישט געהאַט, אָבער איך האָב תּיכּף גענומען שטאַרק אַרבעטן אין דערדאָזיקער ריכטונג. איך האָב געשריבן וועגן איר קיין רוסלאַנד, ווו איך האָב נאָר־וואָס געהאַט איבערגעלאָזן אַ סך מענטשן, וועלכע האָבן מיך גוט געקענט און וועמען איך האָב גוט געקענט, וועמען עס איז אַזוי לייכט געווען העלפן מיר צו גרינדן אין אויסלאַנד אַ פרייען אָרגאַן, אין וועלכן מען וואָלט געקענט אַרויסטרעטן מיט דער פּראָגראַם: נישט לענין, נישט טשערנאָוו, נישט די רעאַקציע! דעמאָלט האָב איך אויך אַרויסגע־לאָזן אין פּאַריז אַ ברייטע דערקלערונג וועגן באַנייען די „בילאָע". ווער עס וועט איצט אַ קוק טאָן אויף דערדאָזיקער גרינטלעך־פאָרמולירטער דערקלערונג, דער וועט פאַרשטיין, ווי ברייט איך האָב דאַן געוואָלט אַוועקשטעלן אין וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַרישן זין דעם „בילאָע". דעמאָלט האָב איך זיך אויך אַוועקגעזעצט ביי דער אַרבעט צוצוגרייטן די צווייטע אויפלאַגע „פאַר הונדערט יאָר", און לויט די פּראַגע־בויגנס „כּדי צו קלייבן ידיעות וועגן די אָנטיילנעמער פון דער פרייהייט־באַוועגונג" און „כּדי צו קלייבן ידיעות פאַר אַ כראָנאָלאָגישער קאַנווע צו דער געשיכטע פון דער פרייהייט־באַוועגונג") קען מען זען, ווי ברייט איך האָב אַוועקגעשטעלט אויך דידאָזיקע אויפגאַבע.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די אויפגאַבעס, וועלכע איך האָב אַוועקגעשטעלט, זענען אַזוי וויכטיק, אַז אויף מיין רוף וועט זיך עמיצער אָפּרופן. אויף דעם האָב איך געהאַט רעכט צו האָפן אויך דערפאַר, ווייל סיי אין דער ערשטער אויפלאַגע פון „פאַר

הונדערט יאָר", סיי אינם אויסלענדישן „בילאָע" האָב איך דערוויזן, אַז מען קען זיי גוט אויספירן אין אויסלאַנד. אָבער אינגיכן האָב איך איינגעזען, אַז ס'איז נישט אַזוי לייכט דערוואַרטן זיך, אַז פון רוסלאַנד זאָל מען זיך אָפּרופן אויף מיינע דאָזיקע רופן.

אָבער מיינע אַלע קאָמפּליצירטע און מיפּולע זאָרגן וועגן „בילאָע", „פֿאַר הונדערט יאָר" און וועגן דער צייטונג האָבן לייכט געקענט וויסן די־יעניקע, וועלכע האָבן געהאַט מיט מיר צו טאָן, אָבער דער ברייטער עולם האָט זיי נישט געקענט וויסן אַזוי לייכט. אים איז מער באַקאַנט געווען דער טומלדיקער קאַמף מיט די פּראָוואָקאַטאָרן און וועגן דעם האָט מען טאַקע מערסטנטיילס גערעדט.

די רשימה פון פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, האָט אַלעמען שטאַרק אויפגערודערט. אייניקע האָבן מיר געגלויבט און מיר צוגעהאָלפן דעמאַסקירן די פּראָוואָקאַטאָרן. אַנדערע, פֿאַרקערט, האָבן פֿאַרטיידיקט די באַשולדיקטע דורך מיר פּראָוואָקאַטאָרן און האָבן זיך אָפן געגרייט אָנצוהייבן קעגן מיר אַן אומבּרחמנותדיקן קאַמף. בלויז די געלונגענע דעמאַסקירונג פון קענסינסקין און זיין אַנטלויפן האָט אַביסל איינגעהאַלטן דעם אייפער פון מיינע באַשולדיקער. דער קאַמף קעגן מיר האָט אויסערלעך אָנגענומען אויף אַ געוויסע צייט אַ מער איינגעהאַלטענעם כאַראַקטער און זיך נישט אויסגעגאָסן די ערשטע צייט אין קיין שום שאַרפע פֿאָרמען.

אָבער אָנהויב יוני 1908־טן יאָר בין איך אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַשולדיקונג קעגן שליסעלבורגיער סטאַראָדוואָרסקי. דאָס איז, אפשר, געווען דער ערשטער פֿאַל, וועלכער האָט ביים ברייטן עולם סיי אין אויסלאַנד, סיי אין רוסלאַנד אָרגאַניזירט אַרום מיר אַזוי פיל שאַרפע שנאה. דאָס, וואָס האָט זיך ביז איצט געהאַט אָנגעקליבן ביי איינצלנע פּערזאָנען קעגן מיר דערפֿאַר, וואָס איך האָב גענומען רירן די וועספּן־נעסט פון די פּראָוואָקאַטאָרן, — דאָס אַלץ איז אַרויסגעשווומען אויף דער אויבערפֿלאַך, און גענומען פירן קעגן מיר אַן אמתע קאַמפּאַניע.

אין דערזעלבער צייט איז קעגן מיר אויסגעבראָכן דער לאַנג־צוגעגרייטער אָנפֿאַל מצד די פּאָליאַקן פֿאַר מיינע באַשולדיקונגען קעגן זייערע פּראָוואָקאַטאָרן. אַ סך פון די פּראָוואָקאַטאָרן,

וועלכע איך האָב באַשולדיקט, האָבן געפונען הייסע פאַרטיידיקער.

אַלס אויסערלעכע סיבה פאַר דער קאַמפּאַניע פון די פּאָליאַקן קעגן מיר האָט געדינט דאָס, וואָס די פּוילישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, וואָס האָט באַקומען פון מיר די רשימה פון די באַשולדיקטע פּראָוואָקאַטאָרן, כּדי צו פירן אַן אויספאָר-שונג, האָט זי אומגעריכט פאַרעפנטלעכט אין איר צייטונג „די רויטע פאָן", אָנווייזנדיק, אַז די ידיעות שטאַמען פון מיר. דער אַרטיקל פון דער „רויטער פאָן" האָט אַרויסגערופן אַן אמתן שטורעם אין דער פּוילישער פּרעסע, און מיך האָט מען פאַרשאָטן מיט אָנפאַרפגן און פּראָטעסטן — באַזונדערס וועגן ענין-בזשאָזאָווסקי.

אַזוי אַרום, אַדאַנק די ענינים פון סטאַראָדוואָרסקי און פון די פּאָליאַקן-פּראָוואָקאַטאָרן, האָט זיך עפנטלעך געשטעלט אין איר גאַנצן פאַרנעם די פראַגע וועגן קאַמף מיט די פּראָוואָ-קאַטאָרן. זייט דאַן איז סיי די רוסישע און סיי די אייראָפּעאישע פּרעסע פול געווען אין משך פון עטלעכע יאָר מיט אַרטיקלען וועגן די רוסישע פּראָוואָקאַטאָרן אין שייכות מיט מיינע דעמאַס-קירונגען. קיין שום אַנדער פראַגע פון רוסישן לעבן האָט נישט צוגעצויגן צו זיך אין יענער צייט אַזאַ אַלגעמיינעם אינטערעס. פון די שמועסן וועגן די דעמאַסקירטע פּראָוואָקאַטאָרן האָט מען נישט געקענט פּטור ווערן. אַלץ איז פול געווען מיט זיי!

מען קען אָנווייזן, ווי אויף אַן אַלגעמיינעם כּלל: ביים דעמאַסקירן אַפילו די העסלעכסטע און געפערלעכסטע פּראָוואָקאַ-טאָרן, וועגן וועלכע מען פלעגט דערנאָך אַפילו נישט קענען דערקלערן, ווי אַזוי מען האָט זיי געקענט פאַרטיידיקן כאָטש איין מינוט, פלעגן זיי אַלע געפינען הייסע פאַרטיידיקער, וועלכע פלעגן קאַווירן פאַר זיי מיט דעם אייגענעם קאָפּ און וועלכע פלעגן מיט שוים אויף די ליפּן מיך באַשולדיקן אין דעם, אַז איך ברענג לייכטזיניק אום די ערלעכסטע מענטשן. דאָס פלעגט מאַכן אויסערגעוויינלעך שווער אַלע מיינע דעמאַסקירונגען.

אָבער דער צאָרן, וועלכער פלעגט זיך אַנטוויקלען קעגן מיר ביי דידאָזיקע דעמאַסקירונגען, וואָלט קיינמאָל נישט אָנגע-נומען יענעם שאַרפן כאַראַקטער, ווען די פאַרטיידיקער פון די דעמאַסקירטע פּראָוואָקאַטאָרן וואָלט דאַן נישט באַגייסטערט דער צאָרן פון די ס.-ר.-ן קעגן מיר, — אַ צאָרן, וואָס האָט זיך געוואָרפן

אין די אויגן, און וועלכער איז אַפּילו זיי אַליין נישט תּמיד געווען פאַרשטענדלעך. און די ס.־ר.־ן האָבן געהאַט אַ באַזונדערע סיבּה צו פירן קעגן מיר אַ סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע, כּדי מיך צו דיסקרעדיטירן און אומברענגען.

קאַפּיטל VII

די באַשולדיקונג קעגן אַזעפן אין פּראָוואָקאַציע. — מען שאַפט אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן די „קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע אין דער פּאַרטיי עסערן.״ לאָפּאַטינס קומען קיין אויסלאַנד.

דעם גאַנצן 1908־טן יאָר האָבן, אַחוץ מיר, בלויז זייער ווינציקע ס.־ר.־ן געוווּסט, אַז דער מהות פון אָנגעהויבענעם קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע איז באַשטאַנען נישט אין יענע נעמען, וועגן וועלכע אַלע האָבן גערעדט און אַלע האָבן געשריבן. פאַר מיר און פאַר די ס.־ר.־ן איז דער קאַמף מיט די פּראָוואָקאַטאָרן שוין אין יענער צייט באַשטאַנען דער עיקר אין נאָמען, וועלכער איז צווישן עולם באַקאַנט געווען בלויז ווינציקע: אין אַזעפס נאָמען. אַרום דאָזיקן נאָמען האָט זיך ביי אונז די גאַנצע צייט געפירט אַ פאַרבאָרגענער — פאַרן עולם — שווערער קאַמף.

מיר האָבן געוווּסט, סאַראַ ראָל אַזעף האָט געשפּילט אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און פאַר אונז איז געווען קלאָר, אַז ווען זיין ענין וועט אַנטדעקט ווערן, וועט ער איינשלינגען אַלע אַנדערע ענינים וועגן פּראָוואָקאַציע און ער וועט באַקומען אַ ריזיקע, אַלגעמיין־רוסישע פּאָליטישע באַדייטונג.

ווען איך בין געקומען צופאָרן קיין פּאַריז, אין מיין נייער עמיגראַציע, איז דאָס ערשטע וואָרט, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט, געווען: אַזעף.

מיטן דאָזיקן וואָרט האָב איך אָן אויפהער געלעבט דעם לעצטן האַלב־יאָר אין פּעטערבורג און פינלאַנד. וועגן אים האָב איך געטראַכט סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, טאָג־טעגלעך, גאַנצע חדשים.

קיין פּאַריזש בין איך געקומען צופֿאָרן מיט דער פֿעסטער איבערצייגונג, אַז אַזוף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. וועגן דעם האָב איך גלייך געזאָגט מיינע נאָנטע פּאָליטישע חברים און כ׳האָב צווויסן געגעבן אין דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, פּונוואַנעט מען האָט מיך צו-ערשט דורך אַן אומוועג איבערגעפּרעגט, צי עס איז אמת, אַז איך אַנטשליס זיך צו באַשולדיקן אַזעפֿן. כ׳האָב געענטפֿערט, אַז איך בין פֿעסט איבערצייגט, אַז אַזוף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. אין די נאָנטסטע טעג נאָך מיין קומען קיין פּאַריזש האָט מיך באַ-געגנט דער חשובער ס.-ר. מינאָר און מיך געפרעגט, ווי וועגן עפעס לחלוטין אוממעגלעכעס — צי באַשולדיק איך אויף אַן אמת אַזעפֿן! איך האָב אים געענטפֿערט: יאָ!

איך האָב זיך באַמיט אים איבערגעבן די פֿאַקטן און מיינע השערות, פֿאַרוואָס איך באַשולדיק אַזעפֿן אַלס פּראָוואָקאַטאָר. צו מינאָרן האָב איך זיך באַצויגן מיט פֿולן צוטרוי, ווי צו מיינעם אַן אַלטן חבר, און דעריבער האָב איך אין מיין דערציילונג נישט דורכגעלאָזן קיין איין זאַך, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן דאָזיקן ענין. איך האָב זיך אָבער לחלוטין נישט געוווּנדערט, וואָס מיינע ווערטער האָבן נישט צעשטערט ביי מינאָרן דעם גלויבן אין אַזעפֿן. ער האָט מיך געפֿרעגט, צי ווייס איך גוט אַזעפֿס ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און ער האָט מיר געגעבן דערציילט וועגן אַזעפֿס אָנטייל אין אַלע באַרימטסטע טעראָריסטישע אַקטן. אין זיין דערציילונג איז פֿאַר מיר געווען זייער ווייניק נייעס, דאָס אַלץ האָב איך געוווּסט שוין פֿון לאַנג.

איך האָב זיך צעשיידט מיט מינאָרן מיט אַ שווערן געפֿיל. ער האָט מיר גערעדט וועגן מיין שרעקלעכער אחריות נישט אַזוי לגבי אַזעפֿן פּערזענלעך, ווי לגבי דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, וועלכע איך ברענג אום מיט מיינע באַשולדיקונגען. פֿון מיין זייט האָב איך אים אָנגעוויזן דערויף, סאַראַ אחריות ער און זיין פּאַרטיי נעמען אויף זיך פֿאַר דער גאַנצער באַפֿרייאונגס-באַוועגונג, פֿאַרטיידיקנדיק לייַדנשאַפֿטלעך אַ בייזוויליקן פּראָוואָקאַטאָר.

אינגיכן נאָך מיין שמועס מיט מינאָרן זענען אַראָפּגעקומען צו מיר די ס.-ר.-ן נאַטאַנסאָן מיט לעאָנאָוויטשן שוין מיט אַן אָפֿיציעלער פֿאָדערונג אין נאָמען פֿון דער פּאַרטיי, איך זאָל זיי

געבן דערקלערונגען. זיי האָבן מיר דערקלערט, אַז לויט אַ באַשלוס פון די חברים אין רוסלאַנד איז געבילדעט געוואָרן אַ געהיימע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, וואָס דאַרף אויספאָרשן די קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע אין דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן. אומגעפער אין דערזעלבער צייט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז גערשוני, וואָס איז דאַן אויסגעגאַנגען אין דער שווייץ, האָט זיך זייער אויפגערעגט, ווען מען האָט אים דערציילט וועגן מיינע באַשולדיקונגען, און האָט דערקלערט, אַז ווי נאָר אים וועט בעסער ווערן, וועט ער תיכף פאָרן קיין רוסלאַנד צוזאַמען מיט אַזעפן און דורך זיין טעראָריסטישער אַרבעט וועלן זיי דערווייזן די אומזיניקייט פון די קלאַנגען וועגן זיין פּראָוואָקאַציע.

די אויספאָרשונג וועגן אַזעפן איז געפירט געוואָרן שטרענג געהיים. זייער ווייניקע זענען געווען אינפאָרמירט וועגן איר.

אין יענער צייט האָב איך זיך נאָנט באַפריינדעט מיט אַזעפס הייסטן פּאַרטיידיקער — מיט באָריס וויקטאָראָוויטש סאַווינקאָוון, און צווישן אונז האָבן זיך תיכף איינגעשטעלט די צוטרוי־לעכסטע און חברישסטע באַציאונגען.

דעמאָלט האָב איך אויך געטראָפן אין פּאַריז אַ גרופּע עמיגראַנטן, די אַזויגערופענע לינקע ס.־ר.־ן — גנאַטאָווסקין, יודעלעוויטשן, אַגאַפּאָנאָוון און אַנד. אין דער אמתן זענען זיי גיכער געווען רעכטע עסערן. זיי זענען אינגאַנצן מסכים געווען מיט מיר, אַז אין דער פּאַרטיי עקזיסטירט אַ צענטראַלע פּראָוואָקאַציע, און אייניקע מיט וועלכע איך בין געווען אָפנהאַרציקער, זענען מסכים געווען אויך מיט דעם, אַז דערדאָזיקער פּראָוואָקאַטאָר איז אַזעף, — און זיי האָבן מיר גענומען העלפן אין מיינע פאָרשונגען.

אַ ריזיקע באַדייטונג פאַר מיין גאַנצער דעמאָלטיקער טעטיקייט האָט געהאַט לאָפּאַטינס קומען קיין אויסלאַנד אין זומער 1908־טן יאָר. מיט אים בין איך געווען גוט באַקאַנט אויך פריער, אָבער באַזונדערס האָב איך זיך צו אים דערנענטערט טאַקע ביי זיין דאָזיקן קומען קיין אויסלאַנד. זייט דאַן איז מיין עמיגראַנטישע טעטיקייט אין משך פון עטלעכע יאָר טאָג־טעגלעך פאַרבונדן געווען אויפן ענגסטן אופן מיט אים.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געטראָפן לאָפּאַטינען נאָך

אין זומער 1884-טן יאָר אין מאָסקווע. כ׳בין געווען נאָך גאָר אַ יונגער רעוואָלוציאָנער, און ער איז דאַן געהיימערהייט נאָר וואָס געהאַט געקומען פון אויסלאַנד און ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אַלס אומלעגאַלער. די פּאָליציי האָט אים אומעטום אַרומגעזוכט מיט פייער.

מיין דעמאָלטיקע באַגעגעניש מיט לאָפּאַטינען האָט געמאַכט אויף מיר אַ טיפן איינדרוק. אין האַרבסט 1884-טן יאָר האָט מען אים אַרעסטירט, און מען האָט אים באַפרייט פון תּפיסה ערשט סוף — 1905-טן יאָר, נאָך איינאונצוואַנציק יאָר פאַרשפּאַרט זיין אין שליסלבורגער און פּעטראָפּאַוולאָווער פעסטונגען. נאָכן באַפרייען האָט מען אים נישט דערלויבט בלייבן אין פּעטערבורג און גלייך פון דער תּפיסה האָט מען אים אַרויסגעשיקט אונטער פּאָליציי-אויפזיכט קיין ווילנע, וווּ עס האָט געלעבט איינער פון זיינע ברידער. איך האָב זיך דאַן נאָר-וואָס געהאַט אומגעקערט פון מיין עמיגראַציע און הגם איך האָב זיך נאָך נישט פעסט לעגאַליזירט אין פּעטערבורג, פונדעסטוועגן בין איך געהיים אַראָפּגעפאָרן קיין ווילנע זען זיך מיט לאָפּאַטינען און כ׳האָב פאַרבראַכט מיט אים אַ מעת-לעת.

לאָפּאַטין האָט מיך גיריק אויסגעפרעגט וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „נאָך זיין טויט", און מיר האָט ער דערציילט ווי עס האָט זיך זיי געלעבט אין שליסלבורגער פעסטונג. איך האָב זיך אָבער באַמיט מער אים דערציילן, ווי פאַנאַנדערפרעגן. לאָפּאַטין האָט מיך פאַרוואָרפן מיט פראַגעס וועגן פּערזאָנען און געשעענישן. ער האָט אויסערגעוויינלעך געשיקט פאַנאַנדערגעפרעגט וועגן דעם אַלעם, וואָס ער האָט געדאַרפט וויסן. צוויי אַזייגער ביינאַכט האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן אין איין צימער. פאַרן פאַרלעשן דעם לאָמפּ האָב איך אים געוויזן עטלעכע אויסלענדישע בראָשורעס. ער האָט שנעל, מיט עפּעס אַ מין גיריקייט, גענומען זיי איבערבלעטערן. איך האָב פון פאָראויס געוווּסט, פאַר וואָס ער וועט זיך כאַפּן צוערשט. ער האָט כמעט ווי אַרויסגעריסן ביי מיר פון די הענט די בראָשור „דער פּראָצעס פון די איינאונצוואַנציק". אין דאָזיקן פּראָצעס איז ער פאַרמשפּט געוואָרן. דאָרט איז דערציילט געוואָרן וועגן זיין

אַרעסט און דעם משפּט איבער אים. איך האָב געזען, אַז איך בײַ אים שוין נישט אָן, כ׳האָב זיך געלייגט אויף מײַן בעט און כ׳בין, ווי לאַפּאַטין האָט מיר דערנאָך דערציילט, מאָמענטאַל אײַנגעשלאָפן. אין אַ צוויי שעה אַרום האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דערזען, מיט וואָסער אויפרעגונג, ווײַזט אויס, שוין נישט צום ערשטן מאָל, לאַפּאַטין לייענט איבער די בראָשור וועגן זײַן פּראָצעס.

צו לאַפּאַטינען בין איך געקומען צופאָרן אײַנלאַדן אים אָנטיילצונעמען אין דעם „בילאָע״. ער האָט, פאַרשטייט זיך, באַגעגנט דידאָזיקע אויסגאַבע מיט גרויס סימפּאַטיע, ער האָט זיך אָבער סקעפּטיש באַצויגן צו דעם, אַז בײַ די דעמאָלטיקע פּאָליטישע באַדינגונגען זאָל אונדז געלינגען פירן דעם זשורנאַל לויט דער פּראָגראַם, וועלכע מיר האָבן זיך אָנגעצייכנט. ער האָט מיר געגעבן זײַער ווערטפולע אָנווײַזונגען פאַרן „בילאָע״, און זינט דאַן האָב איך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו געפינען בײַ אים אין אַלץ די וואַרימסטע שטיצע ביז אונזער סאַמע לעצטער באַגעגעניש אין 1918־טן יאָר, ווען איך האָב זיך צום לעצטן מאָל געזעגנט מיט אים אין פּעטראָגראַד אין אַמפּיטעאַטראָוס דירה.

אין די יאָרן 1908 — 1914 האָבן מיר געלעבט צוזאַמען אָדער מיר האָבן געפירט צווישן זיך אַ שטענדיקע קאָרעספּאָנדענץ. אין דידאָזיקע יאָרן איז לאַפּאַטין אינפאָרמירט געווען וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאַרבונדן געווען מיט „בילאָע״, „אָבשטשע דעלאָ״ און „בודושטשעע״ און מיט מײַן קאַמף קעגן דער פּראָוואָקאַציע. ער האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינלעכע ענערגיע און אויסדויער. ער האָט זיך געשטויסן אין אַלע טירן, ווו ער האָט נאָר געקענט, און ער האָט אַלעמען אײַנגערעדט זיי זאָלן מיר העלפן אין מײַנע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און אין קאַמף מיט די פּראָוואָקאַטאָרן. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אומדערמידלעך טאָג־טעגלעך, אין משך פון אַ סך יאָרן, נישט געקוקט אויף זײַן געוויינלעכן סקעפּטיציזם און זײַן געוויינלעכע אומאַנטשלאָסנקייט אין פּראַקטישע ענינים, ווען ער אַליין האָט געדאַרפט נעמען די איניציאַטיוו אין די אייגענע הענט.

זײַנע בריוו צו מיר זענען פול געווען מיט דער קפדנותדיקסטער און בײַסיקסטער קריטיק צוליב די פאַרשידנסטע טעמים.

ער פלעגט תמיד אָנפאַלן אויף מיר פאַר מיין „אומהיילבאַרער קאַדעטאָליבע (קאַדעטאָ־ליידנשאַפט), ווען איך פלעג זיך כלומרשט בישט קענען אַנטשליסן „אַ קלאַפּ טאָן זיי אַפילו מיט אַ בלימל״, פאַר מיין אומדערלאָזבאַרער „ווייכקייט״ און „שוואַכקייט״ צו די אַזעפס און באָגראָווס, פאַר מיין גלויבן צו די „בעלי־תשובה״, פאַר מיין אָפּטימיזם און אַז. וו. אָבער די גאַנצע ריזיקע קאָרעס־פּאָנדענץ מיינע מיט לאָפּאַטינען באַווייזט בולט, מיט וואָסער אויפמערקזאַמקייט ער האָט נאָכגעפאָלגט מיינע אַלע אויסגאַבעס, מיין יעדע צייטונגס־קאַמפּאַניע, מיין יעדע פאַרבינדונג מיט דידאָזיקע „בעלי־תשובה״, מיינע דעמאַסקירונגען פון פּראָוואָקאַטאָרן, פון וואָס ער האָט מיך תמיד געוואָלט איינהיטן, און אַז. וו., און סאַראַ גרויסע באַדייטונג ער האָט צוגעגעבן דעם, וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אַרום „בילאָע״ און „אָבשטשעע דעלאָ״, זיינע באַ־מערקונגען זענען תמיד געווען טיף און זיי פלעגן זיך אויסגיסן אין וווּנדערלעך־געלונגענע אויסדרוקן, וועלכע פלעגן גלענצנדיק פאָרמולירן זיין געדאַנק און פלעגן תמיד אָנכאַפּן דעם אָקס פאַר די הערנער.

צום גליק איז ביי מיר, ווייזט אויס, פאַרבליבן די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ מיט לאָפּאַטינען אָדער, לכל הפחות, איר גרעסטע טייל. פאַר מיר ליגן איצט עטלעכע הונדערט בולט געשריבענע, ווי מיט דינע פּאַטשערקעס, בריוו זיינע און קאַרטלעך. זיי שטעלן פאָר מיט זיך אַ גרויסן היסטאָרישן אינטערעס. פאַר מיר זענען זיי וויכטיק אויך דערפאַר, ווייל אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין די קלענסטע פּרטים אונזערע דעמאָלטיקע באַציאונגען.

באַזונדערס האָט מיך דערנענטערט מיט לאָפּאַטינען אין 1908־טן יאָר זיין אָנטייל אין משפּט איבער מיר וועגן עזין־אַזעף.

קאַפּיטל VIII.

די קאָרעספּאָנדענץ דו ך באַקאַיען מיט די דעפּענסיווע־אַגענטן. — באַקאַיס בריוו צו דאָבראָסקאָקן און זיינע ענטפערס. — פאַלשע דאָקומענטן פון דער דעפּענסיווע.

גלייך נאָך מיין קומען קיין פּאַריזש האָב איך זיך באַמיט

צו טאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך אין מיין לאַגע, כדי צונויפצוזאַמלען ידיעות קעגן אַזעפן.

איך האָב געבעטן באַקאַיען ער זאָל אונטער מיין דיקטאַנט אָנשרייבן בריוו קיין רוסלאַנד צו אייניקע פון זיינע געוועזענע חברים אין דער דעפענסיווע און אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. באַקאַי האָט זיי געשריבן וועגן דעם, אַז ער געפינט זיך איצט אין אויסלאַנד, מיט מיין הילף האָט ער זיך איינגעאָרדנט, ער העלפט מיר אין קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע און ער האָט זיי אויפגעפאָדערט נאָכטאָן זיין ביישפּיל: אַוועקוואַרפן די דינסט ביי די זשאַנדאַרן און קומען קיין אויסלאַנד, — און ער האָט צוגעזאָגט אַז איך וועל זיי איינאָרדנען. וועגן די זשאַנדאַרן און פּראָוואָקאַטאָרן האָט ער געשריבן אין די שאַרפסטע אויסדרוקן, כדי עס זאָל נישט זיין דער מינדסטער ספק, צו וואָס ער פאָדערט אויף זיינע קאָרעספּאָנדענטן. דידאָזיקע בריוו זענען אָדער אינגאַנצן אָנגעשריבן געוואָרן דורך מיר אָדער איך פלעג זיי דורכקוקן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, גוט געוווּסט, אַז דער גרעסטער טייל פון דידאָזיקע בריוו וועט תיכף איבערגעגעבן ווערן וועמען מען דאַרף און אויב מיר וועלן פון דאָרטן באַקומען ענטפערס, וועט מען אונז שרייבן מיט דער הסכמה פון דער מאַכט.

איינעם פון די ערשטע בריוו האָט באַקאַי אָנגעשריבן דאָבּראָסקאָקן, דעם אַזויגערופענעם „ניקאָלאַי — גאָלדענע ברילן", דירעקט אין פּעטערבורגער דעפענסיווע. דאָבּראָסקאָק איז פריער געווען אַ פּראָוואָקאַטאָר צווישן די מענשעוויקעס, און אין יענער צייט האָט ער פאַרוואַלטעט מיט די באַציאונגען מיט די פּראָוואָקאַטאָרן צווישן די עס-ערן-טעראָריסטן.

איך האָב געוווּסט, אַז איידער דער בריוו צו דאָבּראָסקאָקן וועט אַריינפאַלן צו אים, וועט ער געלייענט ווערן דורך זיין העכערער מאַכט, דורך געראַסימאָוון, און דאָבּראָסקאָק, וויסנדיק דאָס, וועט נאָכן איבערלייענען דעם בריוו אים ווייזן געראַסימאָוון, כדי אויסצומיידן אומאָנגענעמלעכקייטן. איך האָב מיך געקענט משער זיין, אַז דאָבּראָסקאָק-געראַסימאָוו וועלן אונז אָדער בכלל נישט ענטפערן, אָדער, אויב זיי וועלן פירן אַ קאָרעספּאָנדענץ, וועלן זיי דאָס טאָן צוליב זייערע ספּעציעלע צילן. איך האָב, פאַרשטייט זיך, פאַראויס באַשלאָסן נישט גלויבן קיין איינציקן וואָרט

פון זייערע בריוו, איך האָב אָבער געהאַפּט אויסצונוצן דידאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ, ווי אַזוי מיר וועט נויטיק זיין, און דער עיקר האָב איך געוואָלט, אַז אין דער דעפּענסיווע זאָל מען דורך דאָבּראָסקאָקן וויסן, אַז איך רוף זיי אַרויס קיין אויסלאַנד און ווו זיי קענען מיך געפינען. דידאָזיקע מיינע ווענדונגען צו די דעפּענסיווע־לייט האָבן מיר שפּעטער געבראַכט ווערטפולע רעזולטאַטן. אייניקע פון די דעפּענסיווע־אָנגעשטעלטע פלעגן זיך ווענדן צו מיר און צושיקן דאָקומענטן.

מיינע פאַרבינדונגען מיט באַקאַיען און מיט די איבעריקע אָפּשטאַמיקע פון יענער וועלט צוליב מיין קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע האָבן שוין אין יענער צייט געגעבן גלענצנדיקע רעזולטאַטן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ווייטער וועלן מיך אונטערשטיצן נישט נאָר די רעוואָלוציאָנערן, נאָר אַפילו אויך די קאַדעטן.

אויף באַקאַיס בריוו האָט דער ערשטער אונז געענטפערט דאָבּראָסקאָק און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן אָפט שרייבן. ער האָט צוגעזאָגט צוצושיקן דאָקומענטן, קומען קיין פּאַריז און אַנטדעקן די סודות פון די דעפּענסיוועס. פאַר מיר ליגט איצט אַ גאַנצער פּעקל זיינע בריוו. פאַר מיר, פאַרשטייט זיך, איז געווען קלאָר ווי די זון, אַז דידאָזיקע בריוו זענען דורך אים אָנגעשריבן געוואָרן מיט איין ציל: אַריינפירן מיך אין אַ טעות און זיי זענען געשיקט געוואָרן מיטן וויסן פון געראַסימאָוון.

אין 1914־טן יאָר האָב איך פאַר 15 № פון „בילאָע” געזאָלט צוגרייטן אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „די קאָרעספּאָנדענץ פון וול. בורצעוו מיטן גענעראַל געראַסימאָוו”, אָבער דאָסדאָזיקע ביכל איז נישט דערשינען צוליב מיין אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. אין דער הקדמה האָב איך געזאָגט, אַז געראַסימאָוון האָב איך קיינמאָל קיין בריוו נישט געשריבן און געראַסימאָוו האָט קיינמאָל מיר נישט געשריבן, אָבער פונדעסטוועגן איז צווישן אונז אָנגעגאַנגען אַ קאָרעספּאָנדענץ. איך האָב דיקטירט באַקאַיען בריוו צו דאָבּראָסקאָקן און געראַסימאָוו האָט דיקטירט דאָבּראָסקאָקן פאַר באַקאַיען, אָבער אין תוך גענומען האָב איך געשריבן נישט דאָבּראָסקאָקן, נאָר געראַסימאָוון און געראַסימאָוו האָט געשריבן נישט באַקאַיען, נאָר מיר.

אָט זענען אין כראָנאָלאָגישן סדר פראַגמענטן פון דאָבּראָ

סקאָקס אייניקע בריוו צו באַקאַיען. אין זעלבן גייסט זענען געווען די בריוו אויך פון אַנדערע „אָכראַניקעס" צו אונז. זיי אַלע זענען, וואָרשיינלעך, געווען אַ פּראָדוקט פון געמיינזאַמען שאַפן פון זייערע מחברים מיט זייער העכערער מאַכט.

„אייער בריוו מיט דער הוספה באַקומען. כ'בין אייך זייער דאַנקבאַר. גוט, וואָס כ'האָב באַקומען פאַרן אָפּפאָר קיין טשיטאַ, ווהין מען האָט מיך געשיקט מיט אַן אָפּטיילונג אַגענטן. כ'וועל דאָרט פאַרווײַלן עטלעכע טעג. קיין בריוו שרייבט מיר נישט ביז מיין צוריקקומען. איך וועל אייך תּיכף אָנשרייבן און כ'וועל שיקן עפּעס זייער אינטערעסאַנטס און כ'וועל געבן אַ פרישן אַדרעס. ס'וואָלט געווען אַן אמתער אומגליק, ווען אייער דאָזיקער בריוו וואָלט אָנגעקומען אין מיין אָפּוועזנהייט, דאַן וואָלט איך זיכער געמוזט אַנטלויפן צו אייך. כ'אייל זיך ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אייך. ד. איז נישט קיין פּראָוואָ־קאַטאָר. דאָס איז אַ ליגן. די פאַמיליעס ווישינסקי, אַזעף און גרינבערג זענען מיר אַפילו נישט באַקאַנט. *) אין שמועסן וועגן דידאָזיקע פערזאָנען בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג,

---

*) דורך באַקאַיען האָב איך געשריבן דאָבראָסקאָקן, אַז אין ? אויסלאַנד טראָגן זיך אומבאַשטימטע קלאַנגען וועגן באַציאונגען מיט דער דעפּענסיווע מצד פיר פערזאָן: ד., ווישינסקי, אַזעף און גרינבערג און כ'האָב געבעטן אינ־פאָרמירן זיך וועגן דידאָזיקע נעמען. וועגן ד. איז נישט לאַנג צוריק געהאַט געפירט געוואָרן אַן אויספאָרשונג אין עפּעס געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס צוליב זיין קאָנטשאַפט מיט איינעם פון די אָכראַניקעס. געגנוי געדענק איך נישט אין וואָס דערדאָזיקער ענין איז באַשטאַנען — בשעתו האָט ער אַרויסגערופן גרויס אויפמערקזאַמקייט צו זיך. (ד. איז, דאַכט זיך, באַפרייט געוואָרן פון די חשדים. „ווישינסקי" און „גרינבערג" זענען אויסגעטראַכטע נעמען, די ערשטע־בעסטע וואָס זענען מיר אונטערגעקומען, ווען איך האָב באַקאַיען דיקטירט דעם בריוו. אַזעפס נאָמען האָב איך אומישנע אַריינגעשטעלט צווישן די אַנדערע. דאָבראָסקאָק האָט געמוזט קענען אַזעפן, אָדער אַלס רעוואָלוציאָנער, אָדער אַלס פּראָוואָקאַטאָר און דאָס, וואָס ער האָט געלייקנט, אַז אַזעפס נאָמען איז אים באַקאַנט, איז פאַר מיר געווען אַ באַוויז, אַז אים און געראַסימאָוון ווילט זיך אים שטעלן אין שאָטן און אַרויפוואַרפן די באַשולדיקונג אויף אַן אַנדערן.

אַז זיי זענען ווינציק באַקאַנט דעם אויסשפּיר־דינסט. איך מיין אַז דאָס איז אַ העסלעכע אינסינואַציע. נעמט אין אַכט, אַז גע־ראַסימאָוו, ווי איך ווייס, האָט שטענדיק פאַרשפּרייט קלאַנגען נישט נאָר אין דער אָכראַנע, נאָר אַפילו אין פּאָליציי־דעפּאַר־טאַמענט וועגן פּערזאָנען, וועלכע האָבן אין דער ווירקלעכקייט קיינמאָל נישט געקענט דינען ביי אים. און ער אַליין קען זיי אויך ווייניק. ער זאָגט, אַז דאָס איז זיין טאַקטיק, אַרויסרופן דורכדעם אין דער פּאַרטיי אַ דעזאָרגאַניזאַציע. איך געדענק, אַז אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָט ער אָנגערופן אַלס זיינעם אַ מיט־אַרבעטער וויקטאָר טשערנאָוון און ער האָט נישט געהייסן נאָכ־שפּירן אים. פאַרשטייט זיך, דאָס איז נישט ווערט קיין אויס־געבלאָזן איי. איך האָב דאָס נישט געגלויבט און כ׳גלויב דאָס נישט און אויב אין דער פּאַרטיי וועלן אַריינדרינגען אַזעלכע קלאַנגען, ליגט אויף אייך דער הייליקער חוב אָפּצוהיטן די פּאַרטיי פון דעזאָרגאַניזאַציע. כ׳דערלאָז דעם געדאַנק, אַז די קלאַנגען וועגן די פריער אויסגערעכנטע פּערזאָנען איז אַ שפּיצל פונם אויס־וווּרף געראַסימאָוו, און אַזעלכע קלאַנגען טאָר מען נישט גלויבן. ביי אונז אין פּיטער, צווישן אונזערע הערשט אַ מהומה, און, איר ווייסט, געראַסימאָוו איז שטאַרק בייז: ער וואַרפט זיך און שליידערט זיך, ער זאָגט, אַז די פּראָוואָקאַציע איז אינגאַנצן דורכגעפאַלן. ער קלייבט זיך אָפּצוטרעטן, און כ׳שטויס זיך אָן, און זיין גייסטיקן צושטאַנד שרייב איך צו ל.־ס דורכפאַל״.

„כ׳האָב אייך נישט געענטפערט, ווייל כ׳האָב אַלץ זאָנדירט דעם באָדן, צי מען קען פאָרן קיין אויסלאַנד אָדער נישט. עס שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז ס׳איז לחלוטין אוממעגלעך. קומט צופאָרן קיין פינלאַנד, און פון דאָרט — כאַפּט זיך אַראָפּ קיין פּיטער, און מיר וועלן זיך זען. איך גאַראַנטיר אייך די זיכערקייט פון דער נסיעה. איך דאַרף אייך זען זייער, זייער נויטיק. איר שטויסט זיך שוין, אפשר, אַליין אָן, צוליב וואָס, ווייל איר ווייסט פון די צייטונגען, וואָס עס קומט פאָר ביי אונז אין פּיטער. מען מוז דערצו אַ סוף מאַכן״.

„אייער בריוו האָט מיך גערירט ביז טיף אין דער נשמה. אין אים האָב איך דערזען אַ שטראַל ליכט, און ער האָט אָנגע־

צונדן אין מיר אַ ליידנשאַפטלעכן פאַרלאַנג אַרויסראַטעווען זיך פון יענער פינסטערניש פון קולט און עם-הארצות, אין וועלכער איך בין אַריינגעפאַלן צוליב יענע אכזריותדיקע קלעפּ פון גורל, וועלכע איר גופא האָט איבערגעלעבט. די האָפנונג אַרויסצוקלייבן זיך ווידער אויף דער ליכטיקער וועלט, אומקערן זיך אין קרייז פון מיינע נאָנטע חברים, דריקן זייערע ערלעכע הענט, זיך איינשטעלן צוזאַמען מיט זיי פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק און, אויב מען וועט דאַרפן, אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר דער הייליקער זאַך, — דאָס איז יענער אידעאַל, וועלכער איז פאַר מיר שוין געוועזן באַגראָבן. איר זענט מיין רעטער, און איך באַגריס אייך וואַרעם דערפאַר, וואָס איר קערט מיך אום צום לעבן פון אַן אמתן מענטשן! אָבער לערנט מיך, וואָס זאָל איך טאָן? זיך אָנגעבן אין דעמיסיע און פאָרן צו אייך און צו די חברים און אָפּגעבן זיך אין זייער רשות, אָדער בלייבן דאָ אויף אַ צייט און ברענגען נוצן לויט דער מעגלעכקייט?"

"יאָ, מיין טייערער, דערדאָזיקער געדאַנק פייניקט מיך שוין אַ האַלב-יאָר און איך האָב נישט געוווסט, טייערער, צו וועמען איך האָב געדאַרפט גיין און צו וועמען ווענדן זיך נאָך הילף. כ'וועל נישט אויסבאַהאַלטן מיין נשמה, געפינענדיק זיך אויסערלעך אין שונאס לאַגער, האָב איך געטאָן און כ'טו אַ סך טובות אומבאַקאַנטע, אָבער נאָנטע חברים. סאַראַ גליק דאָס וואָלט געווען פאַר מיר, ווען כ'וואָלט זיך קענען זען מיט אייך! אָבער בלייבנדיק דאָ אויף מיין אַמט קען איך נישט פאָרן קיין אויסלאַנד אָדער קיין פינלאַנד. דאָס וועט אַרויסרופן אַ חשד און מען וועט מיך אויסשפּירן. ווען איר זאָלט קומען צופאָרן קיין פינלאַנד און אויף עטלעכע שעה אַראָפּכאַפּן זיך קיין פּיטער, וואָלט איך מיין נשמה אָפּגעגעבן".

"אויב מען קען דאָס אָבער נישט, — טאָ שרייבט מיר. אונזער קאָרעספּאָנדענץ וועט בלייבן אַ סוד. איך גלויב אייך, ווי מיין טייערן חבר, וואָס ראַטעוועט מיך. זיך אָנגעבן אין דעמיסיע קען איך תיכף ומיד, און דאַן קומען צו אייך זיך זען. שרייבט מיר אייער מיינונג אין דערדאָזיקער פראַגע".

"מיך וווּנדערט, וואָס דער צענטר קען נישט דערגיין ווער עס איז דער שולדיקער אין דורכפאַל פון דער צפון-גרופּע און

אין אַ גאַנצע ריי אַנדערע, און דאָס איז דאָך זייער פשוט".

„ווען קאַרל איז געוואָרן קראַנק *), האָט מען ביי אים געפונען באַוויזן קעגן „מאַקסימען". די געריכטס-מאַכט האָט געפאָדערט מען זאָל אים אַרעסטירן, אָבער מיין שעף האָט זיי געזאָגט, אַז מאַקסים איז זיין נאָנטער מענטש, און ערשט נאָך אַ דרינגנדיקער פאָדערונג האָט ער מסכים געווען (כדי נישט אויפצופּעגען די קאָרטן פאַרן געריכט) צו מאַכן אַ רעוויזיע ביי אים אין טעריאָקי, אָבער וואָרענדיק אים פריער, און די רעוויזיע איז געמאַכט געוואָרן אין זיין אָפּוועזנהייט. — מאַקסים דאָס איז אַ פּאַרטיי-נאָמען. זיין פאַמיליע איז — לעאָנאָוויטש. דאָס ווייס איך אויף זיכער. דאָס האָט זיך אויסגערעדט געראַסימאָוו גופא, וועלכער היט אים שטאַרק אָפּ, זאָגנדיק, אַז כּל-זמן ער איז ביי אונז, איז קיינער נישט שרעקלעך, און איצט האָט ער אים ערגיץ-ווו אויסבאַהאַלטן. ביי אונז איז ער איצט נישטאָ. איך קען דאָס דערוויזן מיט דאָקומענטן. איך שרייב דאָס דערפאַר, ווייל דאָס פאַרגאָסענע בלוט פאָדערט נקמה. מער שרייבן וועל איך נישט, אויב איר קענט נישט קומען צופאָרן. אין אַזעלכע ענינים איז אַן ערנסטע פאַרמיטלונג נישט פּאַסיק, און כ'בעט אייך שרייבן מיר דירעקט, ווי איר האָט געשריבן, און נישט אָנטרויען קיין דריטע פּערזאָנען די בריוו, וועלכע איר אַדרעסירט צו מיר".

„כ'שיק אייך צו אַ דאָקומענט, וועלכן איך האָב אַרויסגענומען פון די אַקטן, וואָס האָבן זיך געפונען ביי געראַסימאָוו אין קעסטל פון שרייב-טיש, וואָס איז צופעליק געווען אָפן".

„אומזיסט האָט איר מודיע געווען וועגן ל. די חברים, נישט באַקומענדיק פון מיר דעמדאָזיקן דאָקומענט. איר שרייבט וועגן אַ סוד. זייט מודיע — איך בין אינגאַנצן אייערער. אַנטלויפן איז נאָך נישט די צייט. אויב איר קענט נישט קומען צופאָרן וועל איך אייך שיקן ווערטפולע זאַכן. ווי שטאַרק מיר וואָלט זיך וועלן אַדורכשמועסן זיך און אַריינטרעטן אין דער היימישער

*) ד. ה., עס איז אַרעסטירט געוואָרן טראַובערג, דער מיטגליד פון דער עסערישער צפון-גרופּע.

סביבה, אָבער דער שכל הייסט בלייבן דאָ, ווו איך וועל ברענגען אונזער זאַך מער נוצן".

אָט איז דערדאָזיקער דאָקומענט, וואָס זיין אָריגינאַל געפינט זיך ביי מיר אויך היינט.

מיניסטעריום פון אינערלעכע ענינים פערזענלעך.

פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט שטרענג-געהיים.

אין דער באַזונדערער אָפּטיילונג דעם הויפּט פון פּעטערבורגער אָכראַנע.

1-טער דעצעמבער 1907-טן יאָר

№ 13565

לויט אייער ראַפּאָרט פון 27-טן נאָוועמבער 1907-טן יאָר, אונטערן № 30334, וועלכן מען האָט פאָרגעשטעלט דעם ה' געהילף-מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים, דעם סענאַטאָר געהיים-ראַט מאַקאַראָוו, האָט זיין עקסעלענץ אָנערקענט פאַר מעגלעך, צוליב די פאַרדינסטן ביים אַרעסטירן אין די גרעניצן פון פינלאַנד אייניקע מיטגלידער פון דער צפונדיקער באַוועגלעכער קאַמפּס-גרופּע, צו באַשטימען פאַר אייער מיטאַרבעטער וואַסילי לעאָנאָוויטש אַ געלט-באַלוינונג אין דער הויך פון 1500 רובל.

וועגן אַרויסגעבן די דערמאָנטע סומע אין רשות פון אייער עקסעלענץ איז צוזאַמען דערמיט דורכן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ געהעריקע פאַראָרדנונג.

פאַרן דירעקטאָר:

ס. וויסאַריאָנאָוו.

פאַרן פאַרוואַלטער מיט דער באַזונדערער אָפּטיילונג:

פּעשקאָוו (?).

„פאַרשפּרייט נישט קיין סך דעמדאָזיקן פּאַפּיר, כדי געראַסימאָוו זאָל זיך נאָך נישט דערוויסן. מיט גרויס פרייד בין איך מודיע וועגן אַ צווייטן פּראָוואָקאַטאָר פון צענטער, ווי עס זאָגט געראַסימאָוו דער אַגענט פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.-ר.

זעט. *) אין 1906-טן יאָר איז ער, דאַכט זיך, אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט. גערַאַסימאָוו האָט מיט אים לאַנג געשמועסט אויג אויף אויג און, וואָרשיינלעך, איבערצייגט, ווייל מען האָט אים אַרויסגעלאָזן אויף קויציע, און דערנאָך אויפן משפט באַפרייט, און ער איז אָפגעפאָרן קיין אויסלאַנד. מיינע פאַקטן, וואָס האָבן מיך געבראַכט צו אַזאַ אויספיר, זענען פאָלגנדיקע. בעת זעטס וווינען אין פינלאַנד, אין פעטערבורג האָט גערַאַסימאָוו, מיט שוים אויף די ליפן, נישט דערלאָזן, מען זאָל אים נאָכשפירן, אָפהיטנדיק אים מיט זאָרג (די געוויינלעכע טאַקטיק פון דידאָזיקע אַלע אויסוווּרפן!). אין די ערשטע טעג פון חודש מאַי האָט מען זעטן גענומען נאָכשפירן. גערַאַסימאָווס זאָרג פאַר זעטן איז דערשטוינלעך. ער האָט צירקולאַריש געשיקט אין עטלעכע אָפטיילונגען טעלעגראַמעס, וווּהין ווייס איך נישט, מען האָט אויסבאַהאַלטן פון מיר. געשריבן האָט מען זיי צוזאַמען מיט קאָמיסאַראָוון. כּדי דער נאָכגעשפּירטער זעט זאָל נישט אַרעסטירט ווערן איז די נאָכשפּירונג געפירט געוואָרן דורך פיטערשע שפּיקעס, וועלכע זענען טאַקע אָפּגעפאָרן".

„איך מיין, אַז פאַר אונז מיט אייך, וועלכע האָבן געדינט אין „אַזוינע אינסטיטוציעס", — איז דער זין און די באַדייטונג פון דעם אַלעם גענוג קלאָר".

„ווי שווער עס איז, טייערער, צו געפינען זיך אין דערדאָזיקער אַטמאָספער. דאָס וואָס איר בעט וועל איך, לויט דער מעגלעכקייט, אַלץ צושטעלן. איילט זיך נישט. דערווייל שרייב איך וועגן צענטר, און ווייטער וועט זיין אַלץ, אַזוי דאַרף עס צו זיין, אויב איר ווייסט פאַרוואָס".

„די טעג האָב איך אייך געשיקט אַ בריוו, האָט איר אים באַקומען? כ'שיק דערווייל צוויי פאָטאָגראַפיעס, קאַרלס און ראַספּוטינאַס, **) אַ מיטגליד פון דער צפונדיקער גרופּע, די

*) זעט — דאָס איז איינער פון די באַקאַנטע ס.-ר.-שע טוער. אים, פונקט ווי לעבּנאָוויטשן, איז גערַאַסימאָוון נויטיק געווען צו קאָמפּראָמיטירן. אָבער וועגן אים האָב איך קיינעם קיין וואָרט נישט געזאָגט, אַפילו די ס.-ר.-ן, און זיין נאָמען איז דעריבער קיינמאָל נישט דערמאָנט געוואָרן ביי קיין שום אויספאָרשונגען.

**) דידאָזיקע פאָטאָגראַפיעס זענען דערשינען אין „בילאָע".

איבעריקע וועל איך צושטעלן און איבערשיקן לויט דער מעג־לעכקייט. בנוגע אייך איז בלויז געווען אַ צירקולאַר, אַז איר זענט אַנטלאָפן, און וועגן זוכן אייך, און מער גאָרנישט. דערווייל — שווייגט מען. איר פרעגט אָן וועגן דעם כמות פון דער אַגענטור. געוויס, נישט אַלע קען איך, אָבער איך ווייס, אַז די צענטראַלע אַגענטור פון אינטעליגענטע כחות איז ביי גערעסימאָוון און קאָמיסאַראָוון, — כ׳וועל טאָן אַלץ, וואָס אין מיינע כחות, כדי צו דערוויסן זיך, ווער זיי זענען, אויב נישט גענוי, טאָ וועל איך כאָטש באַמיען זיך אויסצוגעפינען זיי לויט וואָרשיינלעכע השערות, און וואָס שייך דער אַרבעטס־אַגענטור, געפינט זי זיך ביי מיר, זי איז אָבער זייער שוואַך. איך פיר זיי אַלע אין אַזאַ ריכטונג, אַז זיי וועלן אינגיכן אַלע פאַרנאַנדערלויפן זיך. וועגן זיי וועל איך אייך מודיע זיין ביי אַ פּערזענלעכער באַגעגעניש. — דאָס איז אָבער, דאַכט זיך, גאָרנישט אינטערעסאַנט. בנוגע מיין נסיעה קיין אויסלאַנד וועל איך אייך ווידער זאָגן, אַז דאָס איז דערווייל אוממעגלעך, אַ זיכערער דורכפאַל און ער וועט אונז נישט לאָזן דערגרייכן דעם אָנגעמערקטן ציל, אַנטוואָפענען די אויסוווּרפן. ביי אַ פּערזענלעכער באַגעגעניש וועל איך אייך אַלץ דערקלערן. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז מיין דינסט אין דערדאָזיקער גוטער אינסטיטוציע וועט נאָך ברענגען זייער גרויס נוצן. די טעג ביים איבערקוקן די אַקטן פון אַרעסט אויף פורשטאַטסקאַיאַ № 20 ביי באַליוטינאַ, דאָס קריגס־אָרג. ביוראָ פון דער פּאַרטיי ס.־ר., איז קיין ספק נישטאָ, דאָס איז לעאָנאָוויטשעס אַרבעט — אומבאַדינגט״.

ווען דאָבראָסקאָק און גערעסימאָוו האָבן פאַרשטאַנען, אַז קיין פאַסטקע וועט זיך זיי נישט איינגעבין צו שטעלן פאַר אונז, האָבן זיי אָפּגעשטעלט די קאָרעספּאָנדענץ מיט אונז. צוליב דערדאָזיקער קאָרעספּאָנדענץ האָט דאָבראָסקאָק, ווי אויך די אַנדערע ענלעכע קאָרעספּאָנדענטן אונזערע, געהאַט גרויסע אומ־אָנגענעמלעכקייטן און זיי האָבן זיך געמוזט ריינוואַשן פאַר זייער העכערער מאַכט. אינגיכן נאָכדעם, ווי ס׳איז פאַרענדיקט געוואָרן אונזער קאָרעספּאָנדענץ האָט דערזעלבער דאָבראָסקאָק, כדי זיך צו רעהאַביליטירן (אָנהויב 1909־טן יאָר), פאַרעפנטלעכט אין די צייטונגען פאָלגנדיקן בריוו.

„דורכלייענענדיק אין די צייטונגען די רעדע פון מיטגליד

פון דער גאָס. דומאַ פּאָקראָווסקי, דעם לידער פוו דער סאָצ.-דעמ. פראַקציע אין דער דומע, אין וועלכער ער האָט מיך אָנגערופן — פּראָוואָקאַטאָר, ווײַל איך דורך מיין דאָזיקער דערקלערונג באַקאַנט מאַכן אונזערע באַרימטע סאָצ.-דעמ., אַז פון מיין קינדהייט בין איך דערצויגן געוואָרן אין פּראַוואָסלאַווען גלויבן, אין ליבע און גרעניצלאָזער איבערגעגעבנקייט צום טראָן און פאָטערלאַנד, און דעריבער האָב איך נישט געקענט זיין קיין סאָציאַל-דעמאָקראַט.

אויב איך האָב נאָמינעל אָנגערופן זיך סאָציאַל-דעמאָקראַט, איז דאָס געשען נאָר דערפאַר, כדי אַריינצודרינגען אין דערדאָזיקער פאַרברעכערישער באַנדע, כדי צו אינפאָרמירן די רעגירונג וועגן איר פאַרברעכערישער טעטיקייט. דער נאָמען סאָצ.-דעמאָקראַט איז אין מיינע אויגן פאַרברעכעריש און שענדלעך, און איך בין אַזאַ קיינמאָל נישט געווען.

אי. וו. דאָבראָסקאָק”.

מיינע דעמאָלטיקע וואַנדלונגען דורך באַקאַנען צו די אָכראַניקעס און מיין קאַמף מיט זיי אין דער ליטעראַטור האָבן געבראַכט רעזולטאַטן. אייניקע פון די אָכראַניקעס, ווי גערעסימאָוו, זענען דערוויטערט געוואָרן, אַנדערע, ווי דאָבראָסקאָק, פאַרשטייענדיק, אַז זיי וועט מיט דער צייט ערנסט אויסקומען צו ענטפערן פאַר זייער באַשעפטיקונג, זענען אַליין אַוועק אין אַ זייט. דאָבראָסקאָק האָט מיט דעם קייזערס דערלויבעניש איבערגעביטן די פאַמיליע אויף דאָבראָוואָלסקי און ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פּאָליצמייסטער אין פּעטראָזאַוואָדסק.

צווישן די אָכראַניקעס איז מיין וואַנדלונג וועגן געבן מיר ידיעות זייער גוט באַקאַנט געווען, און אייניקע פון זיי האָבן זיך אָפּגערופן. חוצדעם איז דידאָזיקע וואַנדלונג געווען נוצלעך פאַר מיר אויך מיט דעם, וואָס זי האָט געזייט צווישן די אָכראַניקעס אומצוטרוי איינער צום צווייטן. אויף דעם האָבן זיך שפּעטער באַקלאָגט פאַר מיר די גרעסטע פאָרשטייער פון דער אָכראַנע.

קאַפּיטל IX.

באַקאַי וועגן אַזעפן. — באַקאַיס באַגעגעניש מיט ראַטאַ־יעוון. — באַקאַיס באַגעגעניש מיט דאָנצאָוון אין דייטש־לאַנד. — אַזעפס נסיעה קיין וואַרשע אין 1904־טן יאָר. — די פאַלשע באַשולדיקונג פון די אָכראַניקעס קעגן לעאָנאָוויטשן.

באַקאַי פלעגט יעדן טאָג קומען צו מיר אין רעדאַקציע פון „בילאָע״ אין פּאַריזש. איך פלעג אים שעהנווייז געגוי אויספרעגן וועגן דער טעטיקייט פון די דעפּענסיוועס און אין זיינע דער־ציילונגען האָב איך זיך באַמיט אויפצוכאַפּן אַלץ, וואָס האָט אַזוי אָדער אַנדערש געקענט זיין נוצלעך, כדי צו דעמאַסקירן אַזעפן. וועגן מיינע באַשולדיקונגען קעגן אַזעפן האָב איך צוליב פאַר־שיידענע טעמים אַ לאַנגע צייט נישט דערציילט באַקאַיען און כ׳האָב זיך אַפילו אַ צייט געהיט אָנצורופן אין זיין קעגנוואַרט אַזעפס נאָמען.

אָבער איינמאָל האָב איך געבעטן באַקאַיען ער זאָל מיר דערציילן, וואָס עס איז באַקאַנט אין דער אָכראַנע וועגן טשערנאָוון, נאַטאַנסאָנען און אַנדערע אָנגעזעענע ס.־ר.־ן. צווישן זיי האָב איך דערמאָנט אַזעפס נאָמען.

באַקאַי האָט מיר גענוי געענטפערט וועגן טשערנאָוון, נאַטאַנסאָנען, ווען איך האָב אָבער דערמאָנט וועגן אַזעפן, האָט ער מיר געזאָגט:

— אַזעפן קען איך נישט!

איך האָב אים געזאָגט, אַז ער איז אַן עסער.

— ניין, אַזאַ נאָמען האָב איך נישט געהערט! — האָט ער מיר געענטפערט.

דאָס האָט מיך איבערראַשט, און איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. אויף צומאָרגנס האָב איך זיך ווידער, אַזוי ווי צופעליק, אומגעקערט צו אַזעפן און כ׳האָב געזאָגט צו באַקאַיען:

— ווי אַזוי קענט איר נישט אַזעפן? ער איז זייער אַן אָנגעזעענער עסער. די פּאָליציי זוכט אים זיכער אַרום!

באַקאַי האָט מיך אויסגעהערט מיט אומצוטרוי און ער האָט באַכאַמאָל איבערגעחזרט!

— ניין, אַזאַ פֿאַמיליע האָב איך נישט געהערט! מען האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן אים! מיר האָבן אים נישט אַרומגעזוכט:

נאָך אין אַ טאָג אַרום, אַרומטראַכטנדיק די זאַך, האָב איך באַשלאָסן נאָך אָפֿענער צו זאָגן באַקאַיען וועגן אַזעפֿן.

— ווי אַזוי קענט איר נישט וויסן וועגן אַזעפֿן? — האָב איך געזאָגט צו באַקאַיען. — ער איז נישט נאָר אַן אָנגעזעענער עסער, נאָר ער איז — דער אָנפֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע!

— מאָדנע, האָט באַקאַי, פֿאַרטראַכטערהייט, געזאָגט. — אָבער, וו. ל., אפשר לאַכט איר פֿון מיר? אָדער איר קאָנספּירירט אפשר? איך זאָל נישט קענען דעם אָנפֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — איז פּונקט ווי נישט וויסן די פֿאַמיליע פֿון דירעקטאָר פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט!

באַקאַי האָט, ווייזט אויס, געמיינט, אַז איך פֿאָרש אים אויס און כ׳רעד צוליב עפּעס וועגן עפּעס אַ נישט עקזיסטירנדיקן אַזעף.

דאַן האָב איך באַשלאָסן צו זיין אָפֿנהאַרציק מיט באַקאַיען ביזן סוף:

— ניין, אַזעף איז טאַקע אַן עסער. דאָס איז דער אָנפֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס איז דער, וועמען איך באַשולדיק שוין אַ גאַנצן יאָר, אַז ער איז דער הויפּט־אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר צווישן די סאָצ.־רעוואָלוציאָנערן.

דאַן איז באַקאַי תּיכּף באַלעבט געוואָרן און געזאָגט צו מיר:

— איר האָט מיר דאָס שוין פֿון לאַנג געדאַרפֿט זאָגן! אויב אַזעף איז אַן אָנגעזעענער ס.־ר., און דערצו נאָך דער אָנפֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס ווירקט שוין אַ סך יאָרן באַכאַנאַנד, אַ נאָענטער מענטש פֿאַר טשערנאָוון, גערשונין און באַטאַנסאָנען און מען רעדט נישט ביי אונז וועגן אים און מען זוכט אים נישט אַרום, — הייסט עס, אַז ער איז אונזער מיט־אַרבעטער!

אַפֿילו דאַן, ווען ער פֿלעגט ריידן מיט מיר וועגן פּאָליציי־

דעפּאַרטאַמענט, אָכראַניקעס און אַז. וו., פּלעגט זיך באַקאַי קיינמאָל נישט קענען אָפּהאַלטן פון די ווערטער: „מיר", „ביי אונז", „אונזערע מיטאַרבעטער" און אַז. וו.

איך האָב געגנוי דערציילט באַקאַיען אַלדאָס וויכטיקע, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן אַזעפן. ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און צום סוף פון אונזער שמועס קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז איצט איז פאַר אים אַזעף — אַ פּראָוואָקאַטאָר און אַז קיין שום ספק קען וועגן דעם נישט זיין.

אויסהערנדיק באַקאַיען האָב איך פון מיין זייט מסכים געווען מיט אים, אַז ער איז גערעכט. ווען דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט וואָלט, באמת, אַרומגעזוכט אַזעפן, וואָלט ער, באַקאַי, געמוזט קענען זיין נאָמען. אויב ווידער מען האָט אַזעפן נישט אַרומגעזוכט, הייסט עס, אַז זיי דאַרפן אים נישט זוכן, ווייל ער איז געווען זייער אַגענט.

דערנאָך האָב איך מיט באַקאַיען פעסטגעשטעלט, אַז אַלע ידיעות, וועלכע מיר האָבן ביז איצט געהאַט וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס אַ גרויסן פּראָוואָקאַטאָר צווישן די עסערן — ראַסקין — קענען זיך באַציען דווקא אויף אַזעפן.

זייט דעמדאָזיקן טאָג, אין משך פון גאַנצע חדשים, האָב איך מיט באַקאַיען באַטראַכט אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַזעפן, און מיר האָבן זיך באַמיט צוזוקלייבן אַלץ נייע און נייע, זאָל זיין אַפילו אומדירעקטע באַווייזן אויף צו דעמאַסקירן אים.

אין פּאַריזש האָט געלעבט דער דעמיסיאָנירטער באַקאַנטער אָכראַניק ראַטאַיעוו, דער געוועזענער פּאַרוואַלטער מיט דער אויסלענדישער אַגענטור, און וועלכער האָט נישט געקענט נישט וויסן דעם גאַנצן אמת וועגן אַזעפן.

איך האָב געשיקט באַקאַיען צו ראַטאַיעוון, ווען ער האָט געקענט לויט דער דינסט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, כדי, אויב ראַטאַיעוו וועט אים אויפנעמען, ווי־נישט־איז אַרויפפירן דעם שמועס אויף אַזעפן. איך האָב לאַנג אַרומגעטראַכט מיט באַקאַיען, וואָס און ווי אַזוי ער זאָל ריידן מיט ראַטאַיעוון. ראַטאַיעוו האָט אויפגענומען באַקאַיען. אינמיטן שמועס מיט אים האָט באַקאַי, לאַכנדיק, ווי אגב אורחאדיק, — ווי מיר האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט, — געזאָגט צו ראַטאַיעוון:

— סאַראַ קלאַפּ בורצעוו גרייט פאַר אייך! ער וויל דעמאַס־ קירן אייער הויפּט־אַגענט ביי די עסערן — אַזעפן!

— וועלכן אַזעף? — האָט אַביסל אומזיכער געפרעגט ראַטאַיעוו. — כ׳קען נישט קיין שום אַזעף!

דערנאָך, ביי עפּעס אַ געלעגנהייט, האָט באַקאַי דערמאָנט וועגן דער שווערער לאַגע פון אַזעפס פרוי, צוליב דער באַשול־דיקונג קעגן איר מאַן.

— צי דען באַשולדיקט בורצעוו אין פּראָוואָקאַציע אויך אַזעפס פרוי? — האָט ראַטאַיעוו געפרעגט באַקאַיען.

באַקאַי האָט געזאָגט ראַטאַיעון, אַז מען באַשולדיקט בלויז אַזעפן, אָבער נישט זיין פרוי. ראַטאַיעוו האָט נאָך אַמאָל פאַרלעגן איבערגעחזרט:

— ניין, קיין שום אַזעף קען איך נישט!

ווען באַקאַי האָט זיך אומגעקערט פון ראַטאַיעון, האָב איך געבעטן ער זאָל זיך דערמאָנען אין די קלענסטע פּרטים פון זיין גאַנצן שמועס מיט אים. מיר האָבן לאַנג קאָמענטירט ראַטאַיעווס יעדעס וואָרט. פאַר אונז ביידע איז קיין ספק נישט געווען, אַז ראַטאַיעוו האָט געמוזט קענען אַזעפן אָדער אַלס זיין אַגענט אָדער אַלס רעוואָלוציאָנער, און אויב ער זאָגט, אַז ער קען אים נישט, איז דאָס נאָר דערפאַר, כדי אים צו ראַטעווען. ווען איך וואָלט אַ טעות געהאַט אין מיינע באַשולדיקונגען קעגן אַזעפן, וואָלט ראַטאַיעוו, פאַרשטייט זיך, אויסגענוצט די געלעגנהייט און ער וואָלט מיר, פון זיין זייט, דורך באַקאַיען אונטערגעזאָגט עפּעס אַזוינס, וואָס וואָלט מיך נאָך מער געקענט איבערצייגן אין דעם, אַז אַזעף איז אַן אַגענט.

אַלס ענטפער אויף זיינע בריוו קיין רוסלאַנד האָט באַקאַי באַקומען אַ בריוו פון איינעם פון זיינע באַקאַנטע, דאָנצאָוו, וועלכער האָט דאַן געדינט אין ווילנער דעפּענסיווע.

אויך פון זיינע בריוו, ווי פון דאָבראָסקאָקס, איז געווען קלאָר, אַז ער שרייבט באַקאַיען אונטערן דיקטאַנט פון זיין העכערער מאַכט. דאָנצאָוו האָט נישט מסכים געווען צו קומען קיין פאַריזש, נאָר האָט פאָרגעלייגט, איך זאָל קומען זען זיך מיט אים אין בערלין. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ פאַסטקע, כ׳האָב אָבער געענטפערט, אַז איך בין מסכים און

בוועל קומען אַהין צוזאַמען מיט באַקאַיען. צו דער באַשטימטער צייט איז אַרויסגעפאָרן קיין דייטשלאַנד בלויז באַקאַי מיט מיינע אינסטרוקציעס. לעבן האָטעל, אין וועלכן מיר האָבן באַשטימט די באַגעגעניש מיט דאָנצאָוון, האָט באַקאַי תּיכּף באַמערקט, אַז מען שפּירט אים נאָך. די פּאַסטקע, ווייזט אויס, איז איינגעאָרדנט געוואָרן געמיינזאַם דורך דער רוסישער און דייטשישער פּאָליציייען, צוליב מיין און באַקאַיס מעגלעכן קומען.

באַקאַי האָט נישט אַרויסגעוויזן דאָנצאָוון, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען האָט פאַר אים איינגעאָרדנט אַ פּאַסטקע, און ער האָט גענומען שמועסן מיט אים.

אויף דער דירעקטער פראַגע וועגן אַזעפן האָט דאָנצאָוו געענטפערט, אַז ער קען אַפילו נישט דידאָזיקע פאַמיליע און דערנאָך, ווייזט אויס, לויט די אָנווייזונגען וועלכע ער האָט באַקומען, האָט ער גענומען דערציילן וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן בולט פאַלשע זאַכן, כּדי אַרויפצופירן מיך אויף פאַלשע שפּורן.

ווען דאָנצאָוו האָט געענדיקט זיין דערציילונג, האָט אים באַקאַי אָפן געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס ער האָט גערעדט איז נישט אמת, אַז ער איז געשיקט געוואָרן צו אונז דורך די אָכראַניקעס, אַז אַפילו פון זיינע ווערטער איז צו זען, אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. דערנאָך האָט באַקאַי אין מיין נאָמען דערקלערט דאָנצאָוון, אַז איך בין צו יעדער צייט גרייט טרעפן זיך מיט אים אין פּאַריזש און איך וועל אים איינאָרדנען, אויב ער וועט דערציילן דעם אמת וועגן דער אָכראַנע. דאָנצאָוו האָט ווייטער פאַרזיכערט, אָבער שוין נאָר פון יוצא וועגן, אַז זיין העכערע מאַכט ווייס נישט וועגן זיין נסיעה, און געענדיקט האָט ער דערמיט, וואָס ער האָט געזאָגט, און דאָסמאָל אינגאַנצן אויפריכטיק, אַז ווען מען וואָלט אים גוט באַצאָלט, וואָלט ער איינגעפּאַקט אין אַ טשעמאָדאַן אַלע דאָקומענטן פון זיין דעפּענסיווע... און וואָלט געקומען צופאָרן צו מיר קיין פּאַריזש.

— אָבער, — האָט ער צוגעגעבן, — די רעוואָלוציאָנערן גלויבן נישט בורצעוון (עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעמאַסקירן די פּראָוואָקאַטאָרן) און ער האָט קיין געלט נישט! מיר וויסן דאָס.

כּדי דאָנצאָוו זאָל קומען קיין פּאַריזש מיט אַלע דאָקומענטן פון זיין דעפּענסיווע, האָט מען אים געדאַרפט באַצאָלן אַ פינף-

און-צוואַנציק טויזנט. פונקט אַזעלכע דערקלערונגען האָב איך שפּעטער נישט איינמאָל געהערט אויך פון אַ סך אַנדערע גוט-אינפאָרמירטע אָכראַניקעס.

נאָכן שמועס מיט דאָנצאָוון איז באַקאַי אומגעריכט פאַר אים פאַרשווונדן געוואָרן פון האָטעל, ער האָט זיך געזעצט אין צוג און אומגעקערט זיך קיין פּאַריזש.

ווען באַקאַי האָט אין דייטשלאַנד געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט דאָנצאָוון, בין איך געווען אין דער שווייץ, און דאָרט האָב איך נאָך באַקומען פון אים אַזאַ קאַרטל (28/8, 1908):

„היינט פאָר איך אַרויס אַהיים. כ׳קען נאָר זאָגן: יאָ!! אין אַלע הינזיכטן אַ כּלי!"

אין פּאַריזש האָב איך מיט באַקאַיען גענוי אַרומגערעדט אַלץ, וואָס דאָנצאָוו האָט אים געזאָגט. אייניקע, אַפילו קליינע באַמערקונגען פון אַזאַ פּרימיטיוון דיפּלאָמאַט, ווי דאָנצאָוו, האָבן מיר קלאָר דערציילט, וואָס די דעפּענסיווע-לייט האָבן געוואָלט אויסבאַהאַלטן און אין וואָס זיי האָבן מיך געוואָלט אָפּנאַרן.

באַקאַיס שמועס מיט דאָנצאָוון איז פאַר מיר געווען אַ נייע באַשטעטיקונג פאַר דעם, אַז אַזעף איז אַן אַגענט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט.

אין פּעטערבורג נאָך, אין 1906-טן יאָר, האָט מיר באַקאַי דערציילט (לויט די ווערטער פון אַנגעזעענעם אָכראַניק מעדניקאָוו), אַז אין 1904-טן יאָר איז קיין וואַרשע געקומען דער עסערישער פּראָוואָקאַטאָר ראַסקין און ער האָט זיך באַדאַרפט זען מיטן אינזשיניער ד. ראַסקין איז אַריינגעקומען צו אים, אָבער יענער האָט צוליב עפּעס נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט אים. פאַר מיין אָפּפאָרן פון פּעטערבורג, אין מערץ — אַפּריל 1907-טן יאָר, ווען איך האָב אָקאָרשט געהאַט אָנגעהויבן צו דעמאַסקירן אַזעפן, האָב איך געשריבן קיין וואַרשע צום דאָזיקן אינזשיניער און כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל קומען צופאָרן צו מיר אין „בילאָע" איבערצורעדן וועגן אַ ליטעראַרישן ענין. ד. איז געקומען צופאָרן צו מיר, אָבער צוליב אומנויטיקער קאָנספּיראַציע האָט ער נישט אָנגערופן זיין נאָמען און ער האָט גערעדט וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן, אַז ער איז געקומען אין ד.-ס נאָמען דערוויסן זיך אין וואָס עס האַנדלט זיך. קיין ווייטיקער פּערזאָן האָב איך

נישט געהאַלטן פאַר מעגלעך אַפּילו מרמז צו זיין, צו־וואָס איך דאַרף זען דעמדאָזיקן אינזשיניער. דערנאָך האָב איך איינגיכן געמוזט פאַרלאָזן פּעטערבורג, און איך האָב מער נישט געקענט אַרויסרופן צו זיך ד.־ן. אַלע מיינע פּרוּוון פון אויסלאַנד אויפצוקלערן ביי אים דורך דריטע פּערזאָנען די פראַגע וועגן פּראָוואָקאַטאָר האָבן צו גאָרנישט נישט געפירט. איך האָב אים געקענט אַרויסרופן צו זיך אויף אַ זעאונג אין דער שווייץ ערשט אין זומער 1908־טן יאָר.

איך האָב זיך מיט ד.־ן געטראָפן אין לאָזאַנע, און איך האָב אים געשטעלט די פראַגע, צי איז נישט געווען ביי אים אין וואַרשע, אומגעפער אין דער און דער צייט, אַן עסער, וואָס איז געקומען צופאָרן פון אויסלאַנד. ד. האָט מיר צוערשט מיט זיכערקייט געגומען זאָגן, אַז דאָס האָט נישט געקענט זיין, ווייל אין יענער צייט איז ער נאָך נישט געשטאַנען אין קיין שום באַציאונגען מיט די רעוואָלוציאָנערן! איך בין געווען שטאַרק איבערראַשט פון זיינע ווערטער און כ׳האָב געקענט מיינען, אַז אין באַקאַנטע ידיעות, וועלכע ער האָט באַקומען דורך דריטע פּערזאָנען, איז אַריינגעפאַלן עפּעס אַ טעות.

דערנאָך האָט ד. אומגעריכט געזאָגט צו מיר:

— אָבער, אומגעפער אין דער צייט, איז צו מיר — נישט אין דער דירה, נאָר אין מיין קאַנטאָר — אַריינגעקומען עפּעס אַן עסער, ער האָט מיר אָבער אויסגעזעזן אַזוי שטאַרק חשוד, אַז כ׳האָב אים אָנגענומען פאַר אַ שפּיאָן און אים דורכגעטריבן.

וועגן דאָזיקן הער האָט ער געקענט זאָגן בלויז דאָס, אַז געשיקט האָט אים רובאַקין. אין יענער צייט האָט זיך אין לאָזאַנע געראָד געפונען רובאַקין. מיר האָבן אַרויסגערופן רובאַקינען און אים געפרעגט, וועלכן עסער ער האָט דאַן געשיקט קיין וואַרשע צו ד.־ן. נישט צוגעבנדיק זיין ענטפער קיין שום באַזונדערע באַדייטונג האָט רובאַקין געזאָגט:

— אַזעפן.

איך האָב פאַרגליכן באַקאַנטע דערציילונג מיט רובאַקינ׳ס און ד.־ס ידיעות, און פאַר מיר איז געווען פולשטענדיק קלאָר, אַז אין ביידע פאַלן איז געווען די רייד וועגן אַזעפן.

מיינע מיטשמועסער האָבן ערשט דאַן פאַרשטאַנען, פאַרוואָס

דאָסדאָזיקע רובאַקינשע וואָרט „אַזעף" האָט מיך אַזוי שטאַרק אויפגערודערט, ווען איך האָב זיי דערקלערט, אין וואָס איך באַשולדיק אַזעפן און פּאַרוואָס מיר איז וויכטיק געווען פעסט־צושטעלן, אַז אין וואַרשע איז ביי ד.־ן געווען נישט קיין אַנדערער ווי אַזעף.

אין דערזעלבער צייט האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז אויף אַזעפן, ווי אויף אַן אַגענט פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, זענען געווען דירעקטע אָנווייזונגען נאָך אין רוסלאַנד אין די יאָרן 1903, 1905 און 1907.

אַלע, דורך מיר צונויפגעזאַמלטע ידיעות, וואָס האָבן אַ שייכות צו אַזעפן (די קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָבראָסקאָקן, באַקאַיס באַגעגעניש מיט דאָנצאָוון, אַזעפס נסיעה קיין וואַרשע, דער שמועס מיט ראַטאַיעוון, די באַדינגונגען פון דער רעוויזיע ביי באַקאַיען אין סיביר, די אָנווייזונגען פון די אָכראַניקעס אויף אַזעפן אין די יאָרן 1903, 1905 און 1907 און אַז. וו.), האָב איך אין זומער 1908 גענוי איבערגעגעבן אין דער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן, כּדי אויסצופאָרשן די קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע אין דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן. עס האָבן אָנטיילגענומען אין איר דער אומפּאַרמיידלעכער נאַטאַנסאָן, זענזינאָוו און אַנד. מען האָט מיך אויסגעהערט, מען האָט אַלץ פאַרשריבן, מען האָט אויף אַלץ געפונען דערקלערונגען, גינסטיקע פאַר אַזעפן, און אין אַלץ האָט מען קודם־כּל געזען אינטריגעס פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט קעגן אים, דער גלויבן אין אַזעפן איז ביי קיינעם פון די מיטגלידער פון דער אויספאָרשונגס־קאָמיסיע נישט אונטערגעגראָבן געוואָרן.

אָבער פאַר מיר זענען נאָך ביזן היינטיקן טאָג אומפאַר־שטענדלעך אייניקע עפּיזאָדן אין דער סאָצ.־רעוואָלוצ. אויספאָרשונג פון ענין־אַזעף.

אין דער קאָמיסיע, למשל, האָב איך גענוי איבערגעגעבן מיינע שמועסן מיט טראַובערגן און לעבעדינצעוון וועגן אַזעפן, וועגן דעם, אַז נאָך אין 1907־טן יאָר האָבן זיי צוגעלאָזן די וואָר־שיינלעכקייט פון מיין באַשולדיקונג קעגן אַזעפן. טראַובערג האָט מיר אַפילו מודיע געווען וועגן אַ לחלוטין אומבאַקאַנטן פאַר מיר סאַראַ־טאָווער בריוו, אין וועלכן אַזעף איז באַשולדיקט געוואָרן אין פּראָוואָ־קאַציע, און ער האָט צוגעזאָגט אויסצופאָרשן דעמדאָזיקן עפּיזאָד.

ווי די ס.-ר.-ן האָבן מיר דערציילט אין דער קאָמיסיע, און דערנאָך אויפן משפּט, האָבן די אַדוואָקאַטן, — דורך וועלכע זיי האָבן געהאַט באַציאונגען מיט טראַובערגן און לעבעדינצעוון בעת זייער משפּט, — דערציילט דיביידע אָנגע-קלאָגטע, יעדן באַזונדער, וועגן דעם, אַז אויף דער פרייַ האָט מען אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג וועגן אַ צענטראַלער פּראָוואָקאַציע בייַ די ס.-ר.-ן, טראַובערג און לעבעדינצעוו, ביידע, אָן ספק, פּאַראַטעטנע דורך אַזעפן, האָבן, לויט די רייד פון דידאָזיקע אַדוואָקאַטן, געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון אַ צענטראַלער פּראָוואָקאַציע, האָבן אַרויסגעזאָגט זייערע חשדים אויף פאַרשידענע פּערזאָנען, אָבער קיין איינער פון זיי האָט נישט אַרויסגעזאָגט קיין חשד אויף אַזעפן. ס'איז שווער צו זאָגן, צי דערקלערט זיך דאָס דערמיט, וואָס די אַדוואָקאַטן, וועלכע האָבן אַליין אויך בלינד געגלויבט אין אַזעפן, האָבן איבערגעגעבן טראַובערגן און לעבעדינצעוון (לויטן אויפטראַג פון דער פּאַרטייַ) די קלאַנגען וועגן פּראָוואָקאַציע אין אַזעלכע באַדינגונגען, אַז יענע האָבן זיך פאַרן טויט (ביידע זענען זיי אינגיכן אויפגעהאָנגען געוואָרן) נישט אַנטשלאָסן צו קאָנטראָלירן זייערע חשדים אויף אַזעפן, אָדער די זאַך דערקלערט זיך, אפשר, דערמיט, וואָס די מיטטיילונגען פון דידאָזיקע אַדוואָקאַטן זענען דערגאַנגען צו אונז אין אַ פּניותדיקער פאַרעפּראַזע פון בלינדע און פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען?

אין די שמועסן מיט מיר האָבן טראַובערג און לעבעדינצעוו נישט נאָר צוגעלאָזן, אַז איך בין גערעכט, באַשולדיקנדיק אַזעפן אין פּראָוואָקאַציע, נאָר סוף-כל-סוף — באַזונדערס טראַובערג — האָבן זיי מסכּים געווען מיט מיר, אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. איך קען זיך נישט פאָרשטעלן, אַז די באַדינגונגען פון זייער אַרעסט זאָלן נישט האָבן געשטאַרקט אין זיי דעם חשד קעגן אַזעפן.

אויף טראַובערגס און לעבעדינצעווס שווייגן בנוגע אַזעפן האָבן מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג אָנגעוויזן די ס.-ר.-ן אויף מיין משפּט, ווען זיי האָבן מיר דערווידערט. זיי האָבן זיך פאַררופן אויף זייער ביידנס מיינונג, ווי אויף דער מיינונג פון מענטשן, וועלכע האָבן בעסער ווי יעדער אַנדערער געקענט זיך אָנשטויסן, ווער עס האָט זיי אויסגעגעבן, — און אויב זיי האָבן אַפילו אין תּפיסה, נאָך מיין וואָרנונג, נישט חושד געווען אַזעפן, איז אַ באַ-

ווייז, אַז זיי האָבן אַפילו אויף קיין איין מינוט נישט צוגעלאָזן קעגן אים אַזאַ באַשולדיקונג.

אין שייכות מיט דער קאָמיסיע וועגן אויספאָרשן מיין באַשולדיקונג קעגן אַזעפן וועל איך פאַרצייכענען איין עפּיזאָד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פונם ס.-ר. לעאָנאָוויטש.

לעאָנאָוויטש איז נישט געווען קיין מיטגליד פון דערדאָזיקער קאָמיסיע, ער איז אָבער געווען איינער פון אירע איניציאַטאָרן. טאַקע מיט אים איז באַטאַנזאָן געקומען צו מיר צו מעלדן וועגן איר אויסבילדונג. אין דער פּאַטיי ס.-ר.-ן האָט לעאָנאָוויטש געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל.

באַקענענדיק זיך בהדרגהדיק מיט אַלע ידיעות און באַטראַכטונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי מיר בנוגע אַזעפן, האָב איך דער קאָמיסיע מיטגעטיילט וועגן דעם, אַז איך האָב באַקומען פון דאָבראָסקאָקן אַ געפעלשטן דאָקומענט, וואָס באַשולדיקט אַ חשובן ס.-ר. אין פּראָוואָקאַציע, און כ'האָב מינדלעך גענוי באַקענט די קאָמיסיע מיט זיין אינהאַלט, איך האָב נאָר נישט אָנגערופן דעם נאָמען פונם ס.-ר., וועגן וועלכן עס איז געווען די רייד. איך האָב אויפגעוויזן אַז דער ציל פון דאָזיקן דאָקומענט איז פאָלגנדער: ראַטעווען אַזעפן פון מיין באַשולדיקונג און וואַרפן אַ חשד אויף אומשולדיקע. פאַר מיר איז די גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָבראָסקאָקן און באַזונדערס דערדאָזיקער צוגעשיקטער דאָקומענט געווען אַ נייער בולטער באַווייז דערפאַר, אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

אין דער קאָמיסיע האָט מען זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן דאָקומענט און מען האָט מיך געבעטן, איך זאָל זיי אים ווייזן און אָנרופן דעם נאָמען, וועלכן ער גיט אָן. איך האָב זיך אָבער אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו מיר געקומען סאַווינקאָוו, וועלכער האָט אויך, אויב איך האָב קיין טעות נישט, תמיד אָנטיילגענומען אין דער קאָמיסיע. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אינגאַנצן מסכים מיט מיר, אַז אין דער פּאַרטיי פון די ס.-ר.-ן איז, אָן ספק, דאָ אַ צענטראַלע פּראָוואָקאַציע, אָבער, געוויס, דערדאָזיקער פּראָוואָקאַטאָר קען נישט זיין אַזעף „און מען דאַרף זוכן אַ וועלכע נישט איז אַנדער פּערזאָן". ער האָט מיך געפרעגט,

צי בין איך, אַ חוץ אַזעפּן, נישט חושד עמיצן צווישן די ס.־ר.־ן אין פּראָוואָקאַציע, און פאַרוואָס לאָז איך נישט צו די מעגלעכ־קייט, אַז די פּערזאָן וואָס ווערט אָנגעוויזן אין דאָבראָסקאָקס דאָקומענט, איז באמת אַ פּראָוואָקאַטאָר.

איך האָב אים געענטפערט, אַז צווישן די מיר באַקאַנטע צענטראַלע טוער פון די ס.־ר.־ן זע איך נישט קיינעם, וועמען איך זאָל קענען חושד זיין אין פּראָוואָקאַציע, און דער אָנווייזונג אין דאָבראָסקאָקס דאָקומענט גיב איך נישט צו קיין שום באַ־דייטונג דערפאַר, ווייל ער איז, אָן ספק, אַ פאַלשער, און ער איז מיר צוגעשיקט געוואָרן, כדי אַרויפצופירן מיך אויף אַ פאַלשן שפּור.

ביי אונזער ווייטערדיקער באַגעגעניש האָט סאַווינקאָוו ווידער גענומען בעטן, איך זאָל אים באַקענען מיטן דאָזיקן דאָקומענט. איך האָב לאַנג נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם, אָבער סוף־כל־סוף, נעמענדיק אַ וואָרט, אַז ער וועט נישט פאַר־שפּרייטן די דערמאָנטע פאַמיליע, האָב איך אים געוויזן דעם דאָקומענט. צו מיין פאַרוואונדערונג האָט סאַווינקאָוו, — באַקענענדיק זיך מיטן דאָקומענט, — גענומען עקשנותדיק פאָדערן ביי מיר אַ דערלויבעניש וויזן דעם דאָקומענט דער קאָמיסיע. אין דער קאָמיסיע האָט מען אויך נישט אויפגעהערט צו בעטן וועגן דעם. באַכדעם, ווי מען האָט מיר געגעבן אַ וואָרט, אַז מען וועט זיך נישט באַנוצן מיטן דאָזיקן דאָקומענט, כדי צו באַשולדיקן די דער־מאָנטע פּערזאָן האָב איך אים איבערגעגעבן דער קאָמיסיע. מען האָט, ווייזט אויס, מספּים געווען מיט מיר, אַז דער דאָקומענט איז אַ געפעלשטער, אָבער מען איז זיך צעגאַנגען אין זיין אויסטייטשונג. איך האָב פאַרזיכערט, אַז דורך אים וויל מען ראַטעווען אַזעפן פון מיין באַשולדיקונג, און מיר האָט מען אָנגעוויזן דערויף, אַז דאָ ליגט באַהאַלטן אַ פיינע פּאָליטיק פון די אָכראַניקעס. ראַטעווענדיק אַזעפן, ווילן זיי דורכדעם מיך באַפעסטיקן אין מיין באַשולדיקונג קעגן אים!

צו לעאָנאָוויטשן האָט זיך די באַציאונג פון די ס.־ר.־ן צוערשט נישט געביטן. ער האָט ווייטער גענומען אַן אָנטייל אין דער אַרבעט, ער איז געווען אויפן צוזאַמענפאָר אין לאָנדאָן, אָבער מיט דער צייט האָב איך ביי אייניקע ס.־ר.־ן באַמערקט עפּעס אַ פאָרזיכטיקע באַציאונג צו אים, — אָבער נישט מער.

נאָך אַזעפֿס דעמאַסקירונג האָבן די ס.־ר.־ן גענומען פֿאַרשן, צי האָט נישט אָנטיילגענומען עמיץ פֿון זייערע חברים צוזאַמען מיט אַזעפֿן אין די באַציאונגען צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אָדער צי האָט עמיץ, לכל הפחות, נישט געוווּסט וועגן דעם? דידאָזיקע אויספֿאָרשונגען האָבן זיך אָנגעהויבן כּמעט פֿון לעאָנאָוויטשן. קעגן אים האָט מען אָנגעהויבן אַ פֿאָרמאַלע אויספֿאָרשונג און אַרום זיין נאָמען האָט מען אויפֿגעהויבן אַ טומל. נישט געקוקט אויף אונזער אָפּמאַך האָבן זיך די ס.־ר.־ן באַנוצט אין ענין־לעאָנאָוויטש מיט דאָבראָסקאָקס דאָקומענט. ווען מען האָט מיך אויסגעפֿרעגט אין דאָזיקן ענין, בין איך, פֿאַרשטייט זיך, קודם־כּל אַרויסגעטרעטן מיט אַ אַנטשידענעם פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס מען פֿאַררופֿט זיך אין דאָזיקן ענין אויף אַ זיכער־געפֿעלשטן דאָקומענט. די באַשולדיקונגען קעגן לעאָנאָוויטשן זענען געווען, ווי מען האָט געקענט פֿאָראויסזען, דורך און דורך אַן אויסטראַכטעניש פֿון דאָבראָסקאָקן און זיי זענען געמאַכט געוואָרן לויט גראַסימאָווס אָנווייזונג.

קאַפּיטל X.

די קאָנפֿערענץ פֿון די עסערן אין לאָנדאָן. — אַזעפֿס אָנטייל אין איר. — די עסערן ציען מיך צו צום געריכט. — מיינע באַגעגענישן מיט לאָפּוכינען אין פּעטערבורג און אין אויסלאַנד.

אין אויגוסט 1908־טן יאָר איז זיך אין לאָנדאָן צונויפֿגעקומען אַ געהיימע עסערישע קאָנפֿערענץ אָדער צוזאַמענפֿאָר. דאָרט האָט מען געדאַרפֿט אויפֿהויבן די פֿראַגע וועגן קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע, וועגן פּאָליטישן טעראָר און אַז. וו.

גאַנץ אומגעריכט איז פֿון לאָנדאָן, פֿון צוזאַמענפֿאָר, — ווען ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט געענדיקט, — געקומען קיין פּאַריז דער געוועזענער שליסנבורגיער מ. פּראָלענקאָ, וואָס האָט געוווינט ביי מיר אין „ביילאָע", און ער האָט מיר דערציילט אַ סוד, אַז אויפֿן צוזאַמענפֿאָר געפֿינט זיך דער אָנפֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — אַזעף.

פראָלענקאָ האָט נישט חושד געווען, סאַראַ איבעראַשנדיקע ידיעה ער האָט מיר געבראַכט. איך בין תיכּף אַוועק אויף דער פּאָטשט און כ׳האָב אַוועקגעשיקט קיין לאָנדאָן אַן עקספּרעס-בריוו צו איינעם פון די אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר — אַ. טעפּלאָוו. איך האָב אים געשריבן, אַז איך באַשולדיק אויפן קאַטעגאָרישסטן אופן דעם מיטגליד פון צוזאַמענפאָר אַזעפן אין דעם, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. איך האָב צוגעגעבן אין בריוו, אַז וועגן אַזעפן ווערט געפירט אַ פּאַרטיי-אויספאָרשונג און הגם לויט דער בקשה פון די ס.-ר.-ן איז באַשלאָסן געוואָרן צו האַלטן מיין באַשולדיקונג געהיים, פונדעסטוועגן האַלט איך פאַר מיין חוב אים מודיע זיין וועגן דעם, אויב די ס.-ר.-ן האָבן געהאַלטן פאַר מעגלעך איינצולאַדן אַזעפן אויף אַ קאָנספּיראַטיוון פּאַרטייאישן צוזאַמענפאָר, כּל-זמן זיין ענין איז נישט דערליידיקט, און זיי האָבן נישט געוואָרנט דעם צוזאַמענפאָר וועגן די שווערע באַשולדיקונגען, וואָס זענען דאָ קעגן אים.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז טעפּלאָוו, ווי די מערהייט אַנדערע אָנטיילנעמער פון צוזאַמענפאָר, האָט אַפילו נישט געהערט, אַז אַזעף ווערט באַשולדיקט אין פּראָוואָקאַציע. פאַר אים איז אַזעף געווען אַ רעוואָלוציאָנער, וואָס שטייט העכער פון אַלע חשדים, אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, דער אָנפירער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. מיט מיין בריוו איז ער אַוועק צו די אָרגאַניזאַטאָרן פון צוזאַמענפאָר און ער האָט געפאָדערט דערקלערונגען. די עסערן זענען קודם-כּל אָנגעפאַלן אויף מיר און מיינע באַשולדיקונגען קעגן אַזעפן האָבן זיי אָנגערופן אַ משוגעת און רכילות, וואָס נויטיקן זיך נישט אַפילו מען זאָל זיי אָפּלייקענען. זיי האָבן איינגערעדט טעפּלאָוון ער זאָל נישט אויפהויבן אויפן צוזאַמענפאָר דידאָזיקע פראַגע און זיי האָבן אים מיטגעטיילט, אַז זיי ציען מיך תיכּף צו צו אַ געריכט פאַר רכילות.

פאַרן ברייטן עולם איז מיין באַשולדיקן אַזעפן אין פּראָוואָקאַציע געבליבן אַ סוד אויך נאָכן עסערישן צוזאַמענפאָר. אַ סך האָבן נאָר געוווּסט, אַז איך באַשולדיק אין פּראָוואָקאַציע עפּעס אַ חשובן מיטגליד פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, און זיי האָבן געמיינט, אַז איך באַשולדיק טשערנאָוון.

אויף איינער פון די צאָלרייכע קאָלאָניע־פאַרזאַמלונגען אין פּאַריזש, ווו טשערנאָוו האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן לאָנדאָנער קאָנגרעס, האָט ער מיט אויפרעגונג גערעדט וועגן דעם, וואָס עס ווערט פאַרשפּרייט רכילות קעגן אָנגעזעענסטן מיטגליד פון זייער פּאַרטיי און וועגן דעם, אַז ביז דער לעצטער צייט האָט מען זיך נישט געקענט דערקלייבן צו דערדאָזיקער רכילות, אָבער איצט איז געלונגען צו כאַפּן דעם „נאָדלער פאַרן ווייידל״ און דער רכילותניק וועט אינגיכן דעמאַסקירט ווערן און מען וועט אים שטעלן צום שאַנד־סלופּ. נישט אַלע האָבן געוווּסט, וועמען מען באַשולדיקט אין פּראָוואָקאַציע, אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין רכילות באַשולדיקט טשערנאָוו מיך. דורך זײַנע אָנפאַלן אויף מיר האָט טשערנאָוו דאַן באַקומען ביי זיין אוי־דיטאָריע אַ סך רווישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

ווען אין לאָנדאָן האָט זיך פאַרענדיקט די עסערישע קאָנפערענץ, איז פאַר מיין אויספאָרשונג וועגן אַזעפן פאָרגעקומען זייער אַ וויכטיקע געשעעניש.

נאָך ביים סאַמע אָנהויב פון מיין קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע האָב איך אין פּעטערבורג, אין די יאָרן 1906—1907, געזען זיך עטלעכע מאָל מיט אַ. אַ. לאָפּוכינען, דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. ער איז געווען ביי אונז אין רעדאַקציע פון „בילאָע״. אויך דעמאָלט האָב איך זיך נישט איינמאָל באַמיט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס וועגן קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע, אָבער קיינמאָל האָב איך אים נישט גע־שטעלט דידאָזיקע פראַגן דירעקט. לאָפּוכין, וואָס האָט גערן געשמועסט מיט מיר אויף פאַרשיידענע טעמעס, האָט קענטיק אויסגעמיטן צו דערציילן וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן.

אין סאַמע אָנהויב פון 1908־טן יאָר, ווען איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין פינלאַנד, האָב איך געשיקט אין פּעטערבורג צו לאָפּוכינען סאָפיאַ וויקטאָראָוונאַ סאַווינקאָוואַן, זי זאָל אים זאָגן, אַז איך בין די טעג געצוווּנגען אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד און כ׳וואָלט מיט אים געוואָלט איבעררעדן. לאָפּוכין איז געקומען צופאָרן צו מיר קיין טעריאָקי אין האָטעל, ווו איך האָב פאַר־נומען אַ צימער אונטער אַ פרעמדן נאָמען ספּעציעל פאַר דער באַגעגעניש מיט אים. ער האָט זיך אָבער שטאַרק געאיילט און

ער האָט געקענט פאַרבלייבן מיט מיר נאָר עטלעכע מינוט, בלויז פון צוג צו צוג: ביי אים איז, ווי מיר דוכט, קראַנק געווען דאָס ווייב, און ער האָט געמוזט וואָס גיכער אומקערן זיך קיין פעטערבורג. דאָס מאָל האָב איך אים געשטעלט די פראַגע וועגן די פּראָוואָקאַטאָרן דירעקטער, ווי כ׳האָב דאָס געטאָן פריער. ער האָט אָבער אויסגעמיטן באַשטימטע ענטפערס און ער האָט מיר נאָר מיטגעטיילט, אַז דער פּאָליציי-דעפּאַר-טאַמענט פלעגט באַקומען וועגן מיר ידיעות דורך בייטנערן. איך האָב אים געזאָגט, אַז דאָס איז מיר שוין פון לאַנג באַקאַנט. לאָפּוכין האָט צוגעזאָגט צו ריידן מיט מיר גענויער וועגן פּראָוואָקאַציע אויף דער פריי, אין אויסלאַנד, וווּ ער האָט אינגיכן געדאַרפט זיין, און איז אַוועקגעגאַנגען. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָב איך אים דאַן נישט געקענט פרעגן דירעקט די פראַגע וועגן אַזעפן (אַ פראַגע, וואָס האָט מיך געפּייניקט), און לאָפּוכין אַליין האָט ווייזט אויס גאָרנישט געוואָלט זאָגן וועגן אים. איך האָב אים געבעטן ער זאָל מיר צוּוויסן טאָן, ווען ער וועט זיין אין אויסלאַנד.

לאָפּוכין איז געקומען קיין אויסלאַנד ערשט אין זומער 1908-טן יאָר און ער האָט זיך באַזעצט אין אַ דייטשישן קוראָרט נאָנט פון קעלן. דער בריוו, וועלכן ער האָט געשיקט, איז אָנגעקומען צו מיר שיר נישט אין אַ חודש אַרום, צוליב דעם, וואָס די פּאַריזשער גאַס ליונען, וווּ איך האָב געוווינט, איז געווען אַ בייע און איז אויף דער פּאָטשט געווען שלעכט באַקאַנט. אָנהויב סעפּטעמבער 1908-טן יאָר האָב איך אומגעריכט זיך דערוווּסט דורך אונזערן אַ געמיינזאַמען באַקאַנטן ב., אַז לאָפּוכין פאָרט אין צוויי טעג אַרום קיין פעטערבורג דורך קעלן. צום דאָזיקן טאָג אינדערפרי בין איך געקומען צופאָרן קיין קעלן און כ׳האָב גע-בומען דורכקוקן די צוגן, וואָס פלעגן אָנקומען פון קוראָרט, ווו לאָפּוכין האָט געוווינט. מיט איינעם פון דידאָזיקע צוגן איז טאַקע לאָפּוכין געקומען צופאָרן און ער האָט זיך תיכף איבערגעזעצט אין צוג, וואָס איז געגאַנגען קיין בערלין. איך האָב זיך געזעצט אין זעלבן צוג, אָבער צו לאָפּוכינען בין איך צוגעגאַנגען ערשט דאַן, ווען דער צוג האָט גערירט.

איך בין געווען פולשטענדיק איבערצייגט, אַז לאָפּוכין האָט

אין יענער צייט נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמעס מיט דער רעגירונג און, במילא, האָב איך מיט אים געקענט ריידן ווי מען רעדט געוויינלעך מיט אַלע אומאָפּהענגיקע מענטשן, אויף אַלע קיצלדיקע פּאָליטישע טעמעס, נישט מורא האָבנדיק, אַז דער פּריוואַטער שמועס וועט דערגיין צו די, וועלכע דאַרפן דאָס נישט וויסן.

לאָפּוכין האָט גוט פאַרשטאַנען, צוואָס איך האָב אים געוואָלט זען און וועגן וואָס איך האָב אים געוואָלט פאַנאַנדערפרעגן. דאָס האָט ער געמוזט וויסן נאָך פון שמועס מיט מיר אין טעריאָקי. ער האָט לייכט געקענט אויסמיידן דאָס זען זיך מיט מיר אין אויסלאַנד, פונדעסטוועגן האָט ער דאָס נישט געטאָן, — און איך האָב געהאָפט, אַז אין אַ פּריוואַטן שמועס וועט ער געבן די מיר נויטיקע אָנווייזונגען בנוגע אַזעפן.

איך האָב אָבער, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, אַז לאָפּוכינען איז נישט לייכט געווען צו דעמאַסקירן אַזעפן, ווען אים זאָל דאָס זיין לייכט, וואָלט ער דאָס שוין פון לאַנג אַליין געטאָן. נאָך אין 1906-טן יאָר, אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט אים יאָס. געססען געפרעגט, ווי אַזוי האָט זיך דער פּאָליציי-דעפּאַר-טאַמענט דערוווסט וועגן מיליוקאָווס אָנוועזנהייט אויפן געהיימען צוזאַמענפאָר פון די רוסישע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין פּאַריזש אין 1904-טן יאָר. אָנשטאָט צו זאָגן, אַז אויפן דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז מי׳ יוקאָוו אָנוועזנד געווען צוזאַמען מיט אַזעפן און וועגן דעם האָט אַזעף געשיקט אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַן אייגנ-הענטיקן גענויעם באַריכט, האָט לאָפּוכין גענומען קאָמפּליצירט דערקלערן די באַקומענע ידיעות דורך איבערגעכאַפּטע בריוו, דורכן אויסשפּיר-דינסט און אַז. וו. צי לאָפּוכין האָט דערפאַר דאַן נישט דעמאַסקירט אַזעפן עפנטלעך (אָדער, לכל הפּחות, פּריוואַט), ווייל דאָס איז אים נישט באַקוועם געווען צוליב זיין לאַגע, מען זאָל אים נישט באַשולדיקן אין אויסגעבן מלוכה-סודות, אָדער צוליב דער געוויינלעכער פאַרזיכטיקייט — דאָס איז שווער צו זאָגן. אָבער, ווייזט אויס, אַז צוליב איינער פון דידאָזיקע זעלבע סיבות האָט ער אין טעריאָקי נישט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אַזעף" אָדער ער האָט מיר נישט מעגלעך געמאַכט איך זאָל אַליין אַרויס-ריידן דאָסדאָזיקע וואָרט, צוליבן זעלבן טעם האָט לאָפּוכין אין

אונזער שמועס צווישן קעלן און בערלין אויף מיין פראַגע, ווו איז לאַנדעזען, אומבאַשטימט געענטפערט אַז ער ווייסט ערגיץ־ווו אין דייטשלאַנד. ווען איך וואָלט דאַן פון אים דערגאַנגען, אַז לאַנדעזען און האַרטינג איז איין און דיזעלבע פּערזאָן, וואָלט איך תּיכף, אומ־קערנדיק זיך קיין פּאַריזש, נאָך אין 1908־טן יאָר געוועסט אַרעסטירן לאַנדעזענען און כ׳וואָלט גלייך דאַן, און נישט אין 1909־טן יאָר, פּאַרפירט קעגן אים דעם פּראָצעס. דעריבער האָט מיר לאָפּוכין אויך גאָרנישט געזאָגט וועגן זשוטשענקאָ, און איך האָב זיך דערוווּסט וועגן איר כּמעט אין אַ יאָר אַרום נאָך דער באַגעגעניש מיט לאָפּוכינען. אָבער לאָפּוכין האָט אין יענער צייט געהאַט גענויע ידיעות וועגן אַ סך פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע איך האָב אַרומגעזוכט מיט אַזוי פיל מי, — צווישן זיי האָט ער גוט געוווּסט אויך וועגן זשוטשענקאָ.

ווען איך וואָלט פון בערלין געקומען קיין פּאַריש מיט די לאָפּוכינישע אָנווייזונגען, אַז האַרטינג — דאָס איז לאַנדעזען, און כ׳וואָלט אים דאַן גלייך דעמאַסקירט, וואָלטן אַלע, אַפילו די ס.־ר.־ן, גלייך געגלויבט אין דעם, וואָס לאָפּוכין האָט מיר געזאָגט וועגן אַזעפן. דאַן וואָלט נישט נויטיק געווען לאָפּוכין זאָל זיך זען מיט די ס.־ר.־ן אין לאָנדאָן, זיין שמועס מיט מיר וואָלט געבליבן צווישן אונז, און ער אַליין וואָלט פאַרשפּאָרט זיין אין סיביר. אַ סך זאַכן וואָלטן געווען אַנדערש.

אָננעמענדיק, אַז אויך אין דאָזיקן פאַל ווען לאָפּוכין אַ׳יין מיר נישט אַנטקעגנקומען ביים דעמאַסקירן אַזעפן, האָב איך פאַרן פרעגן דירעקט וועגן אַזעפן, בהדרגהדיק און גענוי אים באַקענט מיט דער גאַנצער לאַגע, אין וועלכער עס האָט זיך דאַן אָפּגעשפּילט דער ענין־אַזעף.

אָנהויבנדיק מיין דערציילונג, האָב איך נישט געספּקט, אַז לאָפּוכין האָט וועגן אַזעפס ראָל צווישן די ס.־ר.־ן געוווּסט זייער ווייניק, און איך האָב אים וועגן דעם געקענט דערציילן אַ סך נייעס און וויכטיקס, וואָס זאָל אים לייכט באַוויזן באַשטע־טיקן מיין באַשולדיקונג קעגן אַזעפן.

חוצדעם האָב איך דורך מיין געגויער דערציילונג וועגן אַזעפן געוואָלט ווייזן לאָפּוכינען, אַז ער דערציילט מיר נישט קיין שום נייעסן. דאָס, האָט זיך מיר געדאַכט, וועט אים אויך

צוהעלפן לייכטער באַשטעטיקן מיינע ידיעות וועגן אַזעפן. ווען אים וואָלט ווען-נישט-איז אויסגעקומען צו ענטפערן פאַרן שמועס מיט מיר, וואָלט ער מיט דער פולסטער רעכט געקענט זאָגן, אַז ער האָט גאָרנישט אויסגעגעבן, אַז איך האָב אַלץ געוווּסט אָן אים און אַז ער האָט נישט געקענט אָפּלייקענען דאָס, וואָס איך האָב אים דערציילט אין אַ פּריוואַטן שמועס

קאַפּיטל XI.

מיין שמועס מיט לאָפּוכינען „צווישן קעלן און בערלין".

מיין שמועס מיט לאָפּוכינען וועגן אַזעפן האָב איך זיך באַמיט אַזוי אויפצובויען, אַז אומאָפּהענגיק דערפון, ווי ער וועט זיך באַציען צו מיינע פראַגן, זאָל איך פונדעסטוועגן באַקומען יענעם ענטפער, וועלכער איז מיר נויטיק געווען.

קודם-כל האָב איך מיטגעטיילט לאָפּוכינען, אַז „בילאָע" איז באַנייט געוואָרן אין אויסלאַנד, וועגן מיינע אַרבעטן צו דער געשיכטע פון די געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וועגן דעם, אַז איך האָף אינגיכן לעגאַל אומקערן זיך קיין רוסלאַנד און אָנהויבן דאָרטן אַרויסגעבן אַ נייעם היסטאָרישן זשורנאַל. איך האָב אים באַקענט מיט דער כאַראַקטעריסטיק פון יענע אַלע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן געשפּילט די הויפּט-ראָל אין אַזעפס געשיכטע, און כ'האָב געבראַכט נעמען, אויף וועלכע מיר איז אויסגעקומען פאַררופן זיך אין משך פון אונזער ווייטערדיקן שמועס.

מיר האָבן, — אַזוי האָט עס אויסגעזען, — געפירט אַ געוויינ-לעכן ליטעראַריש-פּאָליטישן שמועס פון יענעם מין, וועלכע פירן זיך אין פעטערבורג טעגלעך צווישן ליטעראַטן, ווי איך בין דאָס געווען, און געזעלשאַפטלעכע טוערס, ווי לאָפּוכין איז דאָס געווען. אַ סך ענלעכע שמועסן איז מיר אויסגעקומען צו פירן אויך פריער סיי מיט לאָפּוכינען גופא, סיי מיט אַ סך אַנדערע. ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז לאָפּוכינען גופא איז אַ'בזער דעמאָלטיקער שמועס צוערשט פאָרגעקומען אַלס גאַנץ געוויינלעכער, וואָס אונטערשיידט זיך גאַנץ ווייניק פון די פריערדיקע שמועסן. הגם ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט נישט זוכן, צו-וואָס איך

פיר מיין שמועס, אָבער אַליין איז ער מיר נישט אַנטקעגנ־געקומען.

ווען איך האָב געפילט, אַז כ׳האָב אים שוין גענוג באַקענט מיטן גאַנצן מאַטעריאַל, מיט וועלכן מיר וועט אויסקומען צו אָפערירן אין דער דערציילונג וועגן אַזעפן גופא, האָב איך געזאָגט לאָפוכינען, אַז די שרעקלעכע דורכפאַלן, וועלכע זענען די לעצטע יאָרן פאָרגעקומען אין דער עסערישער פּאַרטיי, דער־קלערן זיך, לויט מיין מיינונג, דורכדעם, וואָס בראש פון איר קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געפינט זיך אַן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר.

לאָפוכין האָט קלאָמפּערשט נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיינע דאָזיקע ווערטער און ער האָט גאָרנישט געענטפערט. איך האָב אָבער דערפילט, אַז ער האָט זיך אָנגעשפּיצט, איז אַריין אין זיך, ריכטיק ווי ער וואָלט געוואָלט גענומען וואַרטן אויף וועלכע־נישט־איז אומדיסקרעטע פראַגן פון מיין זייט.

— דערלויבט מיר, אַלעקסעי אַלעקסאַנדראָוויטש, — האָב איך זיך געווענדט צו לאָפוכינען, — דערציילן אייך אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן דאָזיקן אַגענט־פּראָוואָקאַטאָר, וועגן זיין טעטיקייט סיי צווישן די רעוואָלוציאָנערן, סיי צווישן די אָכראַניקעס. איך וועל ברענגען אַלע באַווייזן פון זיין דאָפּלטער ראָל. איך וועל אָנ־רופן זיינע אָכראַנע־צונעמענישן, זיינע צונעמענישן אין דער רעוואָ־לוציאָנערער סביבה און זיין אמתע פאַמיליע. איך ווייס וועגן אים אַלץ. איך האָב לאַנג און עקשנותדיק געאַרבעט אויף צו דעמאַס־קירן אים און כ׳קען מיט זיכערקייט זאָגן: איך האָב שוין פאַר־ענדיקט מיט אים. איך האָב אים ענטגילטיק דעמאַסקירט. מיר בלייבט מער־נישט איבער צו ברעכן די עקשנות פון זיינע חברים, דאָס איז אָבער אַ זאַך פון אַ קורצער צייט.

— ביטע, וולאַדימיר לוואָוויטש. איך הער אייך, — האָט מיר לאָפוכין געענטפערט.

וואָס האָט לאָפוכין געקענט טאָן אין יענעם מאָמענט? ער האָט געדאַרפט, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט אויפן משפּט זיין פאַרטיידיקער ה׳ פאַסאָוועך, איבעררייסן מיט מיר דעם שמועס און בעטן מיך פאַרלאָזן זיין קופּע אָדער באַנוצן זיך מיטן רעכט, וועלכן עס פאַרמאָגט אַפילו אַ רוס, צו הערן אין אויסלאַנד דאָס, וואָס עס דערציילט אים זיין מיטשמועסער.

לאָפּוכין האָט אויסגעוויילט דאָס צווייטע, — און דאָס איז געווען זיין איינציק פאַרברעכן. אַלץ, וואָס לאָפּוכין האָט ווייטער געטאָן, אַלץ איז אומפאַרמיידלעך אַרויסגעפלאָסן קעגן זיין ווילן פון יענעם פאַקט, וואָס איך, דעמאַסקירנדיק אַזעפן, האָב אים גענומען ריידן וועגן דער ראָל פון דאָזיקן פאַררעטער, און ער האָט מיך געהערט.

ער האָט געמעגט אַפילו נישט דערמאָנען אַזעפס נאָמען, — איך וואָלט סיי ווי פון זיין שווייגן פאַרשטאַנען, אַז ער קען אַזעפן, אַלס פּאָליציי־אַגענט, און ווען איך וואָלט זיך אומגעקערט קיין פּאַריזש, וואָלט איך ריכטיק אויסגעטייטשט לאָפּוכינס שווייגן, ווי אַ באַווייז קעגן אַזעפן.

נאָכמער, ווען לאָפּוכין וואָלט אַפילו פאַרשטאַנען, אַז איך פיר מיין צוערשט פּשוטן, בירגערלעכן שמועס צו דער קיצלדיקער פראַגע וועגן אַזעפן און ער וואָלט געוואָלט, אונטער דעם אָדער אַן אַנדערן אויסרייד, איבעררייסן דעם שמועס מיט מיר, וואָלט איך אים סיי ווי פאַר קיין פאַל נישט אָפּגעלאָזן, נישט דערשלאָגנדיק זיך קיין גערנדיקן אָדער אומגערנדיקן גבית־עדות וועגן אַזעפן.

איך בין געווען איבערצייגט, אַז לאָפּוכין ווייס דעם אמת וועגן אַזעפן און דערזעענדיק אים אין קעלן, בין איך געווען איבערצייגט, אַז איידער מיר וועלן קומען קיין בערלין, וועל איך פאַר מיין ווייטערדיקן קאַמף מיט אַזעפן האָבן אַ „נייעם פאַקט" — לאָפּוכינס דערקלערונג. און באמת, סוף־כל־סוף האָט לאָפּוכין אַרויסגערעדט און ער האָט נישט געקענט נישט אַרויסריידן דאָס וואָרט „אַזעף".

אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען ווייטער: מיין מיטטיילונג וועגן דאָזיקן שמועס מיט לאָפּוכינען אויפן משפט אין פּאַריזש, אַזעפס באַזוך ביי לאָפּוכינען, די באַגעגעניש פון די ס.־ר.־ן מיט לאָפּוכינען אין פּעטערבורג און אין לאָנדאָן, זיין בריוו צו סטאָליפּינען, און במילא, זיין אַרעסט, דער משפט, די פאַרשיקונג, — דאָס אַלץ איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכער רעזולטאַט דערפון, וואָס צווישן קעלן און בערלין האָט לאָפּוכין אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „אַזעף".

אין מיין שמועס מיט לאָפּוכינען האָב איך, — נישט

אָנרופנדיק קיין איין מאָל אַזעפן ביים נאָמען, — אין משך פון פיר שעה אין די קלענסטע פרטים דערציילט וועגן יענע וועגן, דורך וועלכע איך בין דערגאַנגען צו באַשולדיקן אַזעפן אין פּראָוואָקאַציע, און וועגן יענע אַלע פיינלעכע, קאָמפּליצירטע פּעריפּעטיעס, וועלכע איך האָב געמוזט איבערלעבן בעת מיין קאַמף מיטן דאָזיקן פּראָוואָקאַטאָר. איך האָב אים דערציילט מיינע אַלע באַווייזן פון מיינע באַשולדיקונגען, כ'האָב דערציילט וועגן מיינע אַמפּערייען מיט אַזעפס פּאַרטיידיקער, כ'האָב אים באַקענט מיט מיינע אַרגומענטן, כ'האָב געגנוי, מיט אַלע פּרטים און כראָנאָלאָגישע דאַטעס קאָנסטרואירט אַזעפס טעטיקייט אַלס אָכראַניק, כ'האָב אָנגערופן זיינע דעפּאַרטאַמענטישע פּסוידאָנימען, כ'האָב אָנגעוויזן די דירות, וווּ ער פלעגט האָבן די באַגעגענישן.

וואָס ווייטער איך האָב גערעדט, אַלץ קלאָרער און קלאָרער איז מיר געוואָרן, אַז לאָפּוכין איז דערדריקט און איבערראַשט דורך מיינע ידיעות. לויט דעם, ווי ער האָט געהערט, האָב איך געזען, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, וועגן וועמען עס פירט זיך דער שמועס, און אַז דידאָזיקע פיגור איז אים זייער גוט באַקאַנט. און זיין שווייגן איז פאַר מיר געווען גלייך ווי אַ באַשטעטיקונג.

נאָך יעדן נייעם באַווייז פלעג איך זיך ווענדן צו לאָפּו־כינען און זאָגן:

— אויב איר וועט דערלויבן, וועל איך אייך אָנרופן די אמתע פאַמיליע פון דאָזיקן אַגענט. איר וועט זאָגן בלויז איינס: יאָ אָדער נישט?

אויף אַזאַ פראַגע פלעגט מיר לאָפּוכין יעדעס מאָל ענטפערן מיט שווייגן. איך האָב אָבער געזען, אַז ער וויל גאָר נישט אויסמיידן דעם שמועס מיט מיר. ער וואָלט דאָס לייכט געקענט טאָן.

דאַן, נאָך אַ קליינער פּויזע, האָב איך זיך ווידער געווענדט צו אים מיט אַ פראַגע.

— איר וועט מיר דערלויבן דערציילן אייך נאָך אַ פּרט פון דער טעטיקייט פון דאָזיקן אַגענט?

— אַדרבה, אַדרבה, — האָט ער ליבנסווירדיק געענטפערט.

דער אינטערעס צו דער דערציילונג איז ביי לאָפּוכינען קאָנטיק געוואָקסן. איך האָב געזען, אַז ער איז דערשיטערט

געווען דורך דער אומגעריכטער דערציידונג וועגן אַזעפן, ווי וועגן הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון פּלעוועס מאָרד.

מיט דער גרעסטער שטוינונג, ווי וועגן עפּעס לגמרי אומ-דערלאָזבאַרעס, האָט ער מיך געפרעגט:

— און איר זענט איבערצייגט, אַז דערדאָזיקער אַגענט האָט געוווּסט וועגן דער צוגרייטונג צו פּלעוועס דערמאָרדונג?

— נישט נאָר ער האָט געוווּסט, — האָב איך געענטפערט, נאָר ער איז געווען דער הויפּט-אָרגאַניזאַטאָר פון דאָזיקן מאָרד. קיין שום זאַך איז אין דאָזיקן אַטענטאַט נישט געמאַכט געוואָרן אָן זיין וויסן און הסכמה. ער איז דריי מאָל געקומען צוליבן דאָזיקן ענין קיין פּעטערבורג און ער האָט באַטראַכט די פּאָזיציעס, וועלכע די רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַרנומען, דאָס האָט ער אוממיטלבאַר אָנגעפירט מיט סאַזאָנאָוון.

דאָ האָב איך אונטערגעשטראָכן, אַז וועגן דידאָזיקע אַלע פאַקטן ווייס איך פון סאַווינקאָוון, וועמעס פּערזענלעכקייט און ראָל לאָפּוכין האָט גוט געקענט. אָנהויבנדיק מיין שמועס מיט לאָפּוכינען האָב איך געוווּסט, אַז דאָס פאַררופן זיך אויף סאַווינקאָוון וועט מיר זיין נויטיק, און דעריבער האָב איך זיך אין אָנהויב פון אונזער שמועס אַ סך אָפּגעשטעלט אויף סאַווינקאָווס פּערזענלעכקייט און אויף מיינע באַציאונגען צו אים.

ווייטער האָב איך דערציילט לאָפּוכינען וועגן אָנטייל פון זעלבן אַגענט אין אַטענטאַט אויפן גרויספירשט סערגעי. דערנאָך, באַמערקנדיק, אַז איך האָב נישט קיין רעכט פונקט אַזוי געַנוי, ווי וועגן דידאָזיקע ענינים, דערציילן וועגן נאָך אַן ענין, האָב איך אים מיטגעטיילט, — אונטערשטרייכנדיק מיינע ווערטער, — אַז נאָך גאָר נישט לאַנג צוריק, אינגאַנצן מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָט דער אַגענט, וועגן וועלכן איך האָב גערעדט, פּערזענלעך אָרגאַ-ניזירט אַן אַטענטאַט אויף ניקאָלאַי II, וואָס אויב ער האָט זיך נישט איינגעגעבן, איז דאָס נאָר קעגן זיין ווילן...

לאָפּוכין איז געווען אויסערגעוויינלעך אויפגערודערט. מיט אַ טאָן פון אַ מענטשן, וועלכער הערט אויסערגעוויינלעכע זאַכן און ער מוז זיי גלויבן, האָט ער מיר געגומען שטעלן פראַגן. איך האָב געוווּסט, אַז לאָפּוכין, וואָס קען מיך גוט, האָט נישט

געקענט ספקן נישט אין מיינע ווערטער, נישט אין סאַווינקאָוון און אין די אַנדערע חברים, אויף וועמען איך האָב זיך פאַרופן. פונדעסטוועגן האָט ער, ווייזט אויס, מיט מי אויפגענומען דאָס, וועגן וואָס איך האָב דערציילט.

באַגעגנענדיק זיך מיט מיר אין קעלן, האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט חושד געווען, אַז אונטער בערלין וועט ער דערהערן עפּעס ענלעכס, לויט דער אומגלויבלעכקייט, צו דעם, וואָס איך האָב אים מיטגעטיילט, אַז זיין געוועזענער באַאַמטער, זיין אַגענט, איז גלייכצייטיק געווען דער הויפּט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון די ס.-ר.-ן און דער פּאַקטישער אָרגאַניזאַטאָר פון די מאָרדן איבער פּלעווען, סערגעיען און פון דעם אַטענטאַט אויף ניקאָלאַי II.

— איר, אַלס דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, האָט נישט געקענט נישט קענען דעמדאָזיקן פּראָוואָקאַטאָר, — אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט איז ער באַקאַנט געווען אַלס ראַסקין, ווינאָגראַדאָוו, ער האָט געהאַט אויך אַנדערע צונעמעניש‌ן, — האָב איך געזאָגט. — ווי איר זעט, האָב איך אים שוין איצט ענטגילטיק דעמאַסקירט. און איך וויל אייך נאָכאַמאָל בעטן, אַלעקסעי אַלעקסאַנדראָוויטש, דערלויבט מיר אייך צו זאָגן, ווער עס באַהאַלט זיך אויס אונטער דעם פּסוידאָנים ראַסקין!

— קיין שום ראַסקינען קען איך נישט, אָבער דעם אינזשיניער יעוונאָ אַזעפן האָב איך געזען עטלעכע מאָל, — האָט לאָפּוכין געזאָגט.

געוויס, פאַר מיר איז מער ווי פאַר אַלעמען דידאָזיקע פאַמיליע נישט געווען קיין נייעס. העכער אַ יאָר איז זי בוכשטעבלעך געווען ביי מיר אין קאָפּ אָן אַן אויפהער. אָבער דאָס, וואָס איך האָב זי געהערט פון לאָפּוכינס מויל, האָט מיך איבערראַשט, ווי אַ דונער-קראַך.

נאָך אַ זעקסשעהדיקן שמועס מיט לאָפּוכינען, — דערביי האָב איך אַליין, אייגנטלעך, גערעדט, — בין איך אויף אַזוי ווייט פאַרמאַטערט געווען, אַז כ׳האָב נישט געקענט הערן אויפמערקזאַם דאָס, וואָס לאָפּוכין האָט ווייטער גערעדט. איך בין שוין מיטן געדאַנק געווען אין פּאַריזש, אין יענער סביבה, וווּ עס האָט זיך געפירט אַ פאַרביטערטער קאַמף פאַר און קעגן אַזעפן, און דאָרט

האָב איך שוין ווייטער געפירט דעם קאַמף קעגן דעם פאַררעטער מיט נייע אַרגומענטן „פון לאָפּוכינען".

דער צוג האָט מיך דערוויילט דערנענטערט צו בערלין.

איך האָב ביים געזעגענען זיך שטאַרק געדריקט לאָפּוכינס האַנט. ווידער האָב איך אים געטראָפן ערשט... אין צען יאָר אַרום — אין פעטראָגראַד.

דער איינדרוק פונם שמועס צווישן קעלן און בערלין האָט מיך טיף אויפגערודערט. אָבער לאָפּוכין אַליין האָט נישט צוגעגעבן, ווייזט אויס, קיין באַזונדער באַדייטונג דעם, וואָס ער האָט מיר געזאָגט. און בכלל, וואָסער באַדייטונג האָט ער געקענט צוגעבן דעמדאָזיקן שמועס?

צי האָט ער געקענט טראַכטן, אַז ער דערציילט עפּעס אַ רעגירונגס-סוד, אַז ער רייסט אַראָפּ די מאַסקע פון אַן אומבאַקאַנטן — פאַר די רעוואָלוציאָנערן — פּראָוואָקאַטאָר, בעת איידער ער האָט נאָך אַרויסגערעדט אַזעפּס נאָמען האָט ער שוין געהאַט אויסגעהערט אַ גענויסטע דערציילונג וועגן זיין טעטיקייט, אַ דערציילונג, צו וועלכער עס וואָלט שווער געווען עפּעס-וואָס צוצוגעבן. נאָכמער, ער אַליין האָט געהערט אַ סך זאַכן, וועלכע נישט נאָר ער האָט זיי נישט געוווסט, נאָר זיי וואָלטן אים גאָר קיינמאָל אַפילו נישט געקענט קומען אויפן רעיון.

צי האָט ער געקענט טראַכטן, אַז אין פעטערבורג וועט אים פאַרשטיין אַרעסטירט צו ווערן, און דערנאָך — אויך פאַרשיקט צו ווערן, אים, — דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון פּאָליציידעפּאַרטאַמענט??!

קומענדיק קיין פּאַריז האָב איך, פאַרשטייט זיך, באַשלאָסן קיינעם נישט דערציילן וועגן מיין באַגעגעניש מיט לאָפּוכינען, — אַן אויסנאַם האָב איך נאָר געמאַכט פאַר סאַווינקאָוון. גלייך פון וואָקזאַל בין איך אַוועק צו אים און כ׳האָב אים גענוי דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיט לאָפּוכינען. אָבער איך האָב נישט נאָר גענומען ביי אים אַ וואָרט, אַז ער וועט האַלטן געהיים דעמדאָזיקן סוד, נאָר איך האָב זיך פריער איבערצייגט אויך אין דעם, אַז ער האָט פאַרשטאַנען ווי וויכטיק עס איז פאַר מיר דערדאָזיקער סוד און אַז ער וועט טאַקע באמת דערפילן דאָס געגעבענע וואָרט און ער וועט קיינעם ביי קיין שום באַדינגונגען

נישט דערציילן װעגן מיין זעאונג מיט לאָפּוכינען. סאַווינקאָוו האָט פאַרשטאַנען, ווי וויכטיק דאָס איז פאַר מיר, און ער האָט געהאַלטן דאָס געגעבענע וואָרט.

ווען סאַווינקאָוו האָט אויסגעהערט מיין גאַנצע דערציילונג וועגן מיין זעאונג מיט לאָפּוכינען, האָט ער געזאָגט:

— לאָפּוכין זאָגט ליגן! ער איז אונטערגעשיקט צו אייך! אים איז נויטיק אייך צו קאָמפּראָמיטירן און אויסדינען זיך! אַזעף שטייט העכער פאַר לאָפּוכינס באַשולדיקונגען!

קאַפּיטל XII.

מיין דערקלערונג אין צ. ק. פון די ס.-ר.-ן וועגן אַזעפן.— דער משפט איבער מיר צוליב דער באַשולדיקונג אין טרייבן רכילות קעגן אַזעפן. — אַזעפס בריוו צו סאַווינקאָוון.

איך האָב געזען, אַז מיט מיין באַשולדיקונג קעגן אַזעפן געפין איך זיך פאַר אַ טויבער וואַנט און אַז מיט בלויזע קאָנס־פּיראַטיווע שמועסן מיט די ס.-ר.-ן וועל איך נישט לייזן די אַזעפשע פראַגע. דאַן האָב איך באַשלאָסן שנעלער פאָדערן אַ געריכט און פאַר אָנפּניותדיקע און נישט־פאַרהיפּנאָטיזירטע ריכטער באַגרינדן מיינע באַשולדיקונגען קעגן אַזעפן.

די עסערן האָבן זיך נישט געאיילט צו באַשטימען אַ געריכט איבער מיר, איך האָב אָבער מער נישט געוואָלט וואַרטן.

איך האָב צונויפגעשטעלט אַ מעלדונג, געווענדעט צו דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, און אין איר האָב איך דירעקט באַשולדיקט אַזעפן, אַלס פּראָוואָקאַטאָר, אָבער פאַרן פאַרעפנטלעכן דידאָזיקע מעלדונג, האָב איך די קאָרעקטור פון איר איבערגעגעבן די פאָרשטייער פון די ס.-ר.-ן, און כ׳האָב דערקלערט, אַז אויב דער געריכט וועט תיכף נישט באַשטימט ווערן, וועל איך זי פאַר־עפנטלעכן.

אָט זענען עטלעכע פראַגמענטן פון מיין דערקלערונג.

„שוין העכער אַ יאָר, ווי אין שמועסן מיט אייניקע טוער

פון דער פֿאַרטיי ס.-ר.-ן האָב איך אָנגעוויזן, אַז די הויפּט-סיבה פון די אַרעסטן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין דער צייט פון דער עקזיסטענץ פון דער פֿאַרטיי, איז די, וואָס אין צענטראַל-קאָמיטעט איז דאָ דער אינזשיניער אַזעף, וועלכן איך באַשולדיק אין דער בייזוויליקסטער פּראָוואָקאַציע, וואָס האָט איר גלייכן נישט אין דער געשיכטע פון דער רוסישער באַפרייאונגס-באַוועגונג.

שוין העכער אַ האַלב יאָר, ווי עס עקזיסטירט אַ קאָמיסיע, וועלכע איז געבילדעט געוואָרן דורכן צענטראַל-קאָמיטעט, כּדי זי זאָל אויספאָרשן די סיבּות פון די פּעטערבורגער דורכפאַלן פון סוף יענעם און אָנהויב היינטיקן יאָר. אין דערדאָזיקער קאָמיסיע האָב איך די גאַנצע צייט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז לויט מיין טיפסטער איבערצייגונג איז די סיבה פון אַלע געוועזענע דורכפאַלן — פּראָוואָקאַציע און דערביי האָב איך די גאַנצע צייט אָנגעוויזן אויף אַזעפן ווי אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר.

איך חזר איבער, די לעצטע פּעטערבורגער געשעענישן דערלויבן מיר נישט מער צו באַגרעניצן זיך מיט אומפּרוכטבאַרע פּרוּוון צו איבערציינגן אייך און אייער קאָמיסיע אין אַזעפס שרעקלעכער ראָל, און איך טראָג אַריבער דידאָזיקע פראַגע אין דער ליטעראַטור און כ'ווענד זיך צום משפּט פון דער עפנטלעכער מיינונג.

איך האָב שוין פון לאַנג געבעטן דעם צענטראַל-קאָמיטעט ער זאָל מיך אַרויסרופן אויף אַ בוררים-געריכט וועגן ענין-אַזעף. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט אָנגענומען אַ באַשלוס מיך אַרויסצורופן צו אַ משפּט שוין העכער אַ חודש צייט, אָבער ביז איצט האָט מען מיר נישט געמעלדעט וועגן דעם. געוויס, צום בוררים-געריכט וועל איך זיך שטעלן לויט דער ערשטער פאָדערונג, אָבער אין רוסלאַנד קומען איצט פאָר מוראדיקע און בלוטיקע געשעענישן, און איך וועל נישט קענען באַנוגענען זיך מיטן פאַנאַנדערקלייבן דעם ענין אין בוררים-געריכט, וועלכער קען זיך לאַנג פאַרציען, — און עפנטלעך, מיט מיין אונטערשריפט, נעם איך אויף זיך די שרעקלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון באַשולדיקן אין פּראָוואָקאַציע איינעם פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער פֿאַרטיי ס.-ר.-ן.

פאַר אונז שטייט די אויפגאַבע נישט נאָר צו דעמאַסקירן און

אומשעדלעך מאַכן אויף דער צוקונפט אַזעפן, נאָר אויך דער־שלאָגן זיך, אַז ראַטשקאָווסקי און גראַסימאָוו זאָלן טראָגן די פולע אחריות פאַר זייערע ריין־קרימינעלע פאַרברעכנס״.

אויפן קאָרעקטור־בויגן פון מיין דערקלערונג, וועלכן איך האָב געשיקט אין „צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן״, האָב איך מיט דער האַנט געמאַכט פאָלגנדיקע דריי באַמערקונגען פאַר די ס.־ר.־ן.

„1) כ׳בעט איבערשיקן דידאָזיקע דערקלערונג אין צ. ק. כדי דערנאָך זי געמיינזאַם צו רעדאַגירן;

2) דער צ. ק. קען פון זיין זייט צוגעבן צו דערדאָזיקער דערקלערונג אַלץ, וואָס ער וויל;

3) פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע דערקלערונג דאַרף נישט באַקאַנט זיין אַזעפן און די־יעניקע, וועלכע קענען אים דערטראָגן וועגן דעם״.

די עסערן, — ווי ס׳איז דערנאָך געזאָגט געוואָרן אינם באַריכט פון דער געריכטס־אויספאָרשונגס־קאָמיסיע, — האָבן געמוזט פאַרשטיין, אַז דאָס פאַרעפנטלעכן דידאָזיקע דערקלערונג וואָלט געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק נישט נאָר אין דער פּאַרטיי, נאָר אין דער גאַנצער רוסישער געזעלשאַפט. אָבער די עסערן האָבן אָפיציעל נישט געוואָלט אָננעמען מיין לעצטן באַדינג, און אין נאָמען פון דער פּאַרטיי האָט מען מיר געזאָגט:

„אַזעף און די פּאַרטיי איז איינס און דאָסזעלבע. מיר האָבן נישט פאַר אַזעפן קיין סודות און דעריבער קערן מיר אייך אום צוריק דידאָזיקע פּראָקלאַמאַציע. טוט, ווי איר ווילט״.

אָבער גלייכצייטיק האָט מען מיר געמעלדעט, אַז דער צ. ק. רופט תיכף צונויף דעם געריכט, און איך האָב נישט פאַר־עפנטלעכט די דערקלערונג, ווייל כ׳האָב זי געוואָלט איבערגעבן דעם געריכט.

אַלס ריכטער האָבן די ס.־ר.־ן פאָרגעלייגט אויסצווויילן ג. אַ. לאָפּאַטינען, וו. נ. פיגנער און פּ. אַ. קראָפּאָטקינען. ווען זיי האָבן מיר מודיע געווען וועגן דעמדאָזיקן געריכט־צוזאַמענשטעל, האָב איך תיכף אָן דערוווידערונגען מסכים געווען אויף אים. אָבער דער משפּט האָט אייגנטלעך געדאַרפט פאָרקומען נישט איבער אַזעפן, וואָס ווערט באַשולדיקט, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר,

נאָר איבער מיר, דערפאַר, וואָס איך פאַרשפּרייט רכילותן אויף אַזעפן און כ'רוף אים אַן פּראָוואָקאַטאָר.

לויט די ווערטער פון איינעם פון די ריכטער, זענען די אויפגאַבן פון געריכט געווען אַזעלכע.

„...ס'איז באַשלאָסן געוואָרן פאַרנעמען זיך דערמיט, כדי קלאָר צו מאַכן, צי בורצעוו איז אַ רכילותניק אָדער נישט? און באַכמער, נישט נאָר אַ רכילותניק, נאָר אַ מענטש, וואָס פאַרשפּרייט לייכטזיניק בייזוויליק-רכילותדיקע קלאַנגען וועגן איינעם פון די אויסגעצייכנטסטע טוער פון דער פּאַרטיי, איינעם פון אירע זיילן. און אונזער גאַנצע אויפגאַבע איז באַשטאַנען אין דעם, כדי פעסטצושטעלן, צי איז דאָס באמת געווען אַזוי אָדער נישט".

אַזעף גופא האָט זיך אָפּגעזאָגט צו קומען צום געריכט. ער האָט אָבער די גאַנצע צייט אויסגעצייכנט געוווּסט, אין וואָסער לאַגע עס געפינט זיך דער ענין, און מן הצד האָט ער זיך באַמיט אָנצופירן מיט די-יעניקע, וועלכע האָבן אים געדאַרפט פאַרטיידיקן אויפן געריכט, און ער האָט זיי אונטערגעזאָגט אַר־גומענטן פאַר זיין פאַרטיידיקונג.

ערב דעם משפט האָט אַזעף צוגעשיקט צו סאַווינקאָוון אַ גאַנצע מגילה. נאָכן געריכט האָב איך דעמדאָזיקן בריוו איינגאַנצן אָפּגעדרוקט אין די №№ 9—10 פון „בילאָע". אָט זענען פון אים עטלעכע פראַגמענטן:

„ווען מען וואָלט נאָך אַפילו געקענט אַנולירן דעם משפט איבער בורצעוון, וואָלט איך גיכער געווען קעגן דעם, ווי פאַר, אָבער, געוויס, כ'וואָלט גאָר נישט געהאַט קעגן, ווען איר וואָלט דאָרט אַזוי באַשלאָסן דעמדאָזיקן ענין. אייניקע אומבאַקוועמלעכ־קייטן זענען מיטן געריכט פאַרבונדן. אַ סך זאַכן, וועלכע דו ווייזט אָן אין דיין בריוו, טייל איך, אָבער נישט אַלץ. מיר דאַכט זיך, מיין טייערער, אַז דו טרייבסט אַ סך איבער דעם איינדרוק, וועלכער קען זיך באַקומען פון דעם, וואָס בורצעוו וועט דערציילן.

כ. שרייבט, אַז בורצעוו האָט צוגעגרייט עפּעס אַן אולטראַ־סענסאַציאָנעלן „מאַטעריאַל", וועלכן ער האַלט דערווייל אין געהיים, רעכענענדיק איבעראַשן דעם געריכט, — אָבער דאָס, וואָס איך ווייס, האַלט באמת נישט אויס די מינדסטע קריטיק,

און יעדער נאָרמאַלער שכל מוז אַ געשריי טאָן: „באַד זיך אַליין אין שמוץ, אָבער באַשמיר נישט קיין אַנדערע!" איך מיין, אַז אַלץ, וואָס ער באַהאַלט אויס, איז נישט פון בעסערן קוואַליטעט. אחוץ ליגן און פעלשונג קען קיין שום זאַך נישט זיין, דעריבער, מיין איך, וועט אפשר דער געריכט קענען אַ סוף מאַכן צו דער־דאָזיקער שמוציקער רכילות. יעדנפאַלס, אויב בורצעוו וועט אפילו ווייטער שרייען, וועט ער פאַרבלייבן דער איינציקער מאַניאַק. איך האָף, אַז דער אויטאָריטעט פון באַקאַנטע פערזאָנען וועט פאַר די איבעריקע זיין אין אַ געוויסן זין אַן אָפּהאַלטנדיקער מאָמענט. אויב עס וועט נישט פאָרקומען קיין געריכט, וועלן די שמועסן נישט קלענער ווערן, נאָר זיך פאַרגרעסערן, און אַ באַדן פאַר דעם איז דאָ: אַ סך קענען דאָך נישט מיין ביאָגראַפיע...

געוויס האָבן מיר זיך דערנידעריקט, גייענדיק מיט בורצעוון זיך משפטן. דאָס איז נישט ווירדיק פאַר אונז אַלס אָרגאַניזאַציע. אָבער אַלץ האָט אָנגענומען אַזאַ פאַרנעם, אַז ס'קומט אויס אויך דערנידעריקן זיך. מיר דאַכט זיך, אַז מען טאָר נישט שווייגן, — דו פאַרגעסט דעם פאַרנעם פון דער רכילות־פאַרשפרייטונג, אָבער אויב איר וועט דאָרטן געפינען פאַר מעגלעך צו שפייען אויף דעם, בין איך גרייט צו שפייען אויף דעם צוזאַמען מיט אייך, אויב דאָס איז שוין נישט שפּעט. איך בין זיכער, אַז די חברים וועלן גיין ביזן סוף ביים פאַרטיידיקן דעם כבוד פון אַ חבר, און דעריבער בין איך גרייט אָפּצוטרעטן פון מיין מיינונג און אָפּזאָגן זיך פון משפט.

מיר האָט זיך נאָר געוואָלט נישט אָנוועזנדיק זיין בעת דער־דאָזיקער פּראָצעדור, איך פיל, אַז דאָס וועט מיך אינגאַנצן צעברעכן, באַמי זיך, אויף ווי ווייט מעגלעך, באַפרייען מיך דערפון".

קאַפּיטל XIII.

דער געריכט. — טשערנאָװס באַשולדיקונג און מײן ענט־פער. — די דערצײלונג װעגן דער זעאונג מיט לאָפּוכינען. — דאָס באַשולדיקן אַזעפן לױט די אָנװײזונגען פון די אָכראַניקעס. — די באַציאונג פון אומפּאַרטײאישן עולם צו אַזעפן.

די ערשטע זיצונג פון געריכט איז פאָרגעקומען אויף רובאַ־נאָװיטשע סדירה. אַלס באַשולדיקער קעגן מיר זענען אַרויס־געטראָטן טשערנאָװ, נאַטאַנסאָן און סאַװינקאָװ.

אין נאָמען פון זײנע חברים האָט טשערנאָװ קודם־כל מיר געשטעלט די פראַגע, צי גיב איך אַ װאָרט, אַז אין פאַל װען דער געריכט װעט מיך אָנערקענען פאַר שולדיק, װעל איך אָפּשטעלן די קאַמפּאַניע קעגן אַזעפן?

אויף זײן פראַגע האָב איך געענטפערט, אַז אויב דער געריכט װעט אַפילו אָנערקענען, אַז מײנע באַשולדיקונגען קעגן אַזעפן זענען אומבאַגרינדעט, און איך װעל פאָרט זײן איבער־צײגט, אַז אַזעף איז אַ פּראָװאָקאַטאָר, װעל איך אויך דאַן נישט אויפהערן מײן קאַמף מיט אים. טשערנאָװ און נאַטאַנסאָן — זײ האָבן די גאַנצע צײט געהאַנדלט סאָלידאַר, װען עס פלעגט זײ אויס־קומען אַרויסצוטרעטן קעגן מיר — האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן מײנע דאָזיקע װערטער און האָבן געזאָגט, אַז איך רײס אַרונטער דעם געריכט, אַז בײ אַזעלכע באַדינגונגען האָט דער געריכט קײן שום זינען נישט, און אַז. װ.

נאָך היציקע אַמפּערײען האָב איך אָפּגעגעבן אַזאַ מין דער־קלערונג, װאָס האָט באַפרידיקט מײנע באַשולדיקער: אויב דער געריכט װעט אָנערקענען מײנע באַשולדיקונגען, און איך װעל בלײבן בײ מײן איבערצײגונג, אַז אַזעף איז אַ פּראָװאָקאַטאָר, װעל איך בײ מײן יעדער אַרויסטרעטונג קעגן אים מחויב זײן צודערמאָנען, אַז דער געריכט האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן מיר, און גלײכצײטיק גיב איך די ס.־ר.־ן דאָס רעכט צו רעאַגירן אויף מײן װײטערדיקער אַגיטאַציע קעגן אַזעפן מיט אַלע מיטלען — ביזן טויטן מיך.

מען איז צוגעטראָטן צו די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען.

דער ערשטער האָט גערעדט טשערנאָװ. ער האָט גערעדט

אַ שעה פיר. קודם כל האָט ער דערציילט אַזעפס ביאָגראַפיע. ער האָט וועגן אים גערעדט, ווי וועגן איינעם פון די שעפער פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן און פון די הויפט-טוער און ווי וועגן דעם אָרגאַניזאַטאָר פון אַ גאַנצער ריי פּאָליטישע מאָרדן — פּלעווע, גרויספירשט סערגעי, און ווי וועגן אָנטיילנעמער אינם אַטענטאַט אויפן קייסער. דערנאָך האָט ער דערציילט, וויפל פּרווון דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט געמאַכט כדי צו וואַרפן אַ שאָטן אויף אַזעפן, און פונקטנוויז האָט ער אָפּגעפרעגט די ערנסטקייט פון מיינע אַלע באַשולדיקונגען.

ענדיקנדיק זיין באַשולדיקונגס-רעדע האָט טשערנאָוו אין נאָמען פון דער פּאַרטיי זיך געווענדט צום געריכט מיט אַ בקשה קאַטעגאָריש באַשולדיקן מיך אין רכילות.

נאָך טשערנאָוון האָב איך גערעדט.

איך האָב גענוי דערציילט וועגן מיין קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע, וועגן די קוועלן פון מיינע ידיעות, וועגן באַקאַיען, וועגן זיין באַגעגעניש מיט ראַטאַיעוון, וועגן זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דאָבראָסקאָקן, וועגן דער באַגעגעניש מיט דאָנצאָוון, וועגן מיין באַגעגעניש מיט ד.-ן אין דער שווייץ און אַז. וו. דערנאָך האָב איך גענומען קריטיקירן טשערנאָווס באַווייזן. פּאַרענדיקט דערמיט, האָב איך געזאָגט דעם געריכט, אַז איך האָב נאָך עפּעס וועגן ענין-אַזעף, אָבער דאָס קען איך מיטטיילן נאָר אין דעם פאַל, אויב די פאָר-שטייער פון די ס.-ר.-ן וועלן זיך קיינמאָל נישט באַנוצן מיט מיין דערציילונג, סיידן מיט דער דערלויבעניש פון געריכט. דעם געריכט האָב איך אָבער געגעבן דאָס רעכט צו מאַכן פון מיין מיטטיילונג אַלץ, וואָס ער וויל. איך האָב אָבער געפאָדערט פון אים, ער זאָל מיר פריער מודיע זיין, וואָס ער האַלט פאַר נויטיק צו טאָן דערמיט. מיין דאָזיקער תּנאי איז אָנגענומען געוואָרן, און דער געריכט האָט אַזוי אַרום גענומען אויף זיך די אחריות דערפאַר, אַז די ס.-ר.-ן וועלן היטן דעם סוד.

דאַן האָב איך גענומען גענוי דערציילן וועגן מיין באַ-געגעניש מיט לאָפּוכינען. קיינמאָל אין מיין לעבן האָב איך נאָך נישט גערעדט פאַר אַזעלכע אויפמערקזאַמע צוהערער, ווי דאָסמאָל. איך האָב געזען, אַז מיינע צוהערער זענען איבערראַשט געווען דורך דער דערציילונג און האָבן דערוואַרט אַלץ, וואָס איר ווילט

נאָר, נאָר נישט דאָס. מען האָט מיך נישט איבערגעריסן. איך האָב געפילט, ווי טיף אַלע זענען אויפגערודערט און ווי אַלע האָבן מורא צו שטערן מיט זייער אויפרעגונג די שטילקייט.

ווען איך האָב איבערגעחזרט לאַפּוכינס ווערטער „קיין שום ראַסקין קען איך נישט, אָבער דעם אינזשעניער יעוונאָ אַזוף האָב איך געזען עטלעכע מאָל", האָבן אַלע גענומען ריידן מיטאַמאָל און האָבן זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער.

לאָפּאַטין, אַן אויפגערעגטער, מיט טרערן אין די אויגן, איז צוגעגאַנגען צו מיר, אַרויפגעלייגט אויף מיינע אַקסלען זיינע הענט און געזאָגט:

— לוואָוויטש! גיט אַן ערן-וואָרט פון אַ רעוואָלוציאָנער, אַז איר האָט דידאָזיקע ווערטער געהערט פון לאָפּוכינען...

איך האָב אים געוואָלט ענטפערן, ער האָט זיך אָבער אָפּגעקערט פון מיר, האָפּנונגסלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— וואָס איז דאָ דאָ צו ריידן... די זאַך איז קלאָר!

איך האָב ווייטער אָנגעהויבן צו דערציילן. אויף איין אָרט האָט מיך סאַווינקאָוו איבערגעריסן און געזאָגט:

— וולאַדימיר לוואָוויטש, לאָפּוכין האָט אייך דאָך געזאָגט נאָך אָט וואָס...

— דאָ זענען טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן אויפגעשפּרונגען, ווי געביסענע, זיי האָבן זיך בוכשטעבלעך אַרויפגעוואָרפן אויף סאַווינקאָוון.

— ווי, איר האָט געוווּסט וועגן דער באַגעגעניש מיט לאָפּוכינען און איר האָט אונז נישט דערציילט?

סאַווינקאָוו האָט זיי דערקלערט, אַז איך האָב אים דערציילט אין טאָג פון מיין קומען קיין פּאַריזש נאָך דער באַגעגעניש מיט לאָפּוכינען, איך האָב אָבער גענומען ביי אים אַן ערן-וואָרט, אַז ער וועט שווייגן, און ער האָט דעריבער נישט געקענט ברעכן זיין וואָרט. איך האָב ווייטער דערציילט.

אָבער אַלעמען האָט זיך געדוכט, אַז קיין שום נייעס וועל איך שוין מער נישט זאָגן. קיינער האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט היטן יענע שטילקייט, וועלכע האָט דאָ געהערשט נאָר-וואָס, אַלע האָבן וואָס גיכער געוואָלט פאַנאַנדערגיין זיך. אַלע האָבן זיך געפילט מיד דערפון, וואָס זיי האָבן געהערט. איך האָב

אַ קוק געטאָן אויפֿן אַלטן קראַפּאָטקינען. אַלס ריכטער האָט ער מיט קיין איין זשעסט, מיט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעוויזן מיר קיין מיטגעפֿיל. איך האָב אָבער געפֿילט, אַז ער איז אינגאַנצן אויף מיין זייט.

צווישן מיינע באַשולדיקער האָט געהערשט אַ גרויסע פֿאַר־לוירנקייט. אומנאַטירלעך איז אַרויסגעקומען ביי נאַטאַנסאָנען זיין אויסרוף:

— אייער דערציילונג האָט אונטערגעזאָגט לאָפּוכינען אַזעפֿס נאָמען! לאָפּוכין איז דער געוועזענער דירעקטאָר פֿון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. ער האָט אויסגענוצט אייער דערציילונג און באַ־שטעטיקט די אַלטע רכילות אויף אַזעפֿן...

דאָס געריכט האָט געהאַט זיצונגען כּמעט דעם גאַנצן אָק־טאָבער־חודש, די זיצונגען פֿלעגן פֿאָרקומען כּמעט טאָג־טעגלעך און אַמאָל אַפֿילו מער ווי איינמאָל אַ טאָג. די ריכטער האָבן אויסגעפֿרעגט סיי מיך סיי די אַנדערע עדות וועגן אַלע אינטימסטע פּראַגעס. קיינער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט צו ענטפֿערן אויף קיין שום פֿראַגעס. אַלע האָבן געפֿילט, אַז עס ווערט אַנטשידן נישט מיינע קיין פּערזענלעכע פֿראַגע און אַפֿילו נישט די פֿראַגע וועגן אַזעפֿן, נאָר עפּעס וויכטיקערס.

די ס.־ר.־ן האָבן אין די העלסטע פֿאַרבן ווייטער געשילדערט אַזעפֿס ראָל, אַלס רעוואָלוציאָנער, און אויף קיין איין מאָמענט נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז איך בין גערעכט.

אַ חוץ טשערנאָוון האָט וועגן אַזעפֿס טעטיקייט אַלס טעראָריסט אַ סך גערעדט סאַווינקאָוו. דאָס, וואָס ער האָט גערעדט אויפֿן געריכט וועגן אַזעפֿן, האָט ער פֿאָרמולירט תּיכּף נאָכן גע־ריכט, ווען די מאַסקע פֿון פֿאַררעטער איז אַראָפּגעריסן געוואָרן, אָבער פּונקט מיט אַזאַ שפּראַך האָט ער וועגן אים גערעדט אויך פֿאַרן געריכט.

אָט זענען עטלעכע פֿראַגמענטן פֿון סאַווינקאָווס דער־קלערונג:

„אַזעף איז אַ מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי פֿון אָנהויב פֿון איר גרינדונג; ער האָט געוווּסט וועגן אַטענטאַט אויפֿן כאַרקאָ־ווער גובערנאַטאָר פֿירשט אָבאָלענסקי (1902־טן). און ער האָט אָנטיילגענומען אין די צוגרייטונגען צום מאָרד איבערן אופּימער

גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש (1903-טן יאָר). ער האָט אָנגעפֿירט זייט האַרבסט 1903-טן יאָר מיט דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע און אין אַ פֿאַרשיידענער מאָס האָט ער אָנטיילגענומען אין די ווייטערדיקע טעראָריסטישע אַקטן: אין דער דערמאָרדונג פֿון אינערן-מיניסטער פּלעווע, אין דער דערמאָרדונג פֿונם גרויספֿירשט סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש, אין אַטענטאַט אויפֿן גרויספֿירשט וולאַדימיר אַלעקסאַנדראָוויטש, אין אַטענטאַט אויפֿן פּעטערבורגער גענ.-גוב. גענ.-טרעפּאָוו, אין אַטענטאַט אויפֿן קיעווער גענ.-גוב. קלייגעלס, אין אַטענטאַט אויפֿן ניזשעגאָראָדער גובערנאַטאָר גענ. באַראָן אונטערבערג, אין אַטענטאַט אויפֿן מאָסקווער גענ.-גוב. אַדמיראַל דובאַסאָוו, אין אַטענטאַט אויפֿן מיניסטער פֿאַר אינערלעכע ענינים דורנאָוואָ, אין אַטענטאַט אויף די אָפֿיצירן פֿון סעמיאָנאָווער פּולק גענ. מין און פּולקאָווניק רימאָן, אין אַטענטאַט אויפֿן אָנפֿירער פֿון פּאָליטישן אויסשפּיר-דינסט ראַטשקאָווסקי, אין דער דערמאָרדונג פֿון געאָרגי גאַפּאָן, אין אַטענטאַט אויפֿן קאָמאַנדיר פֿון פֿלאָט פֿון שוואַרצן ים אַדמיראַל טשוכנין, אין אַטענטאַט אויפֿן פּרעמיער-מיניסטער סטאָליפּין און אין דריי אַטענטאַטן אויפֿן קייסער. חוצדעם האָט ער פֿריער געוווּסט וועגן דער דערמאָרדונג פֿון טאַטאַראָוון, וועגן דער דערמאָרדונג פֿונם גענ. סאַכאַראָוו אין סאַראַטאָוו, וועגן דער דערמאָרדונג פֿון פּעטערבורגער גראַדאָנאַטשאַלניק גענ. פֿאָן-דער-לאַוניץ, וועגן דער דערמאָרדונג פֿון הויפּט-מיליטערישן פּראָקוראָר גענ. פּאַוולאָוו, וועגן אַטענטאַט אויפֿן גרויספֿירשט ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש, וועגן אַטענטאַט אויפֿן מאָסקווער גענ.-גוב. גערשעלמאַן און אַז. וו.

ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון צענטראַל-קאָמיטעט און ער האָט אָנטיילגענומען אין אַלע גרויסע רעוואָלוציאָנערע אונטערנעמונגען און אין באַהאַנדלען אַלע, אָן אויסנאַם, פּלענער, צווישן זיי די פּלענער פֿון מאָסקווער, סוויבאָרגער און קראָנשטאַטער אויפֿשטאַנדן.

נעמענדיק אין באַטראַכט דידאָזיקע פֿאַקטן פֿון אַזעפֿס ביאָגראַפֿיע האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט זיך געהאַלטן פֿאַר באַרעכטיקט נישט צוצוגעבן קיין וועזנטלעכער באַדייטונג די אָנגעוויזענע קלאַנגען (צווישן אַנדערע, מיינע באַשולדיקונגען — וול. ב.) און די ציטירטע בריוו (וועלכע האָבן אָנגעוויזן אויף אַזעפֿן

ווי אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר – וול. ב.): ער איז גענייגט געווען צו זען דערין אַ אינטריגע פון דער פּאָליציי. דער פּאָליציי האָט, פאַרשטייט זיך, געלוינט צו וואַרפן אַ שאָטן אויף איינעם פון די פירערס פון דער רעוואָלוציע און דורכדעם צונעמען ביי אים די מעגלעכקייט צו פירן ווייטער זיין טעטיקייט. ביי דערדאָזיקער מיינונג האָט זיך געהאַלטן דער רוב חברים. די מינדערהייט, וואָס האָט נישט געגלויבט אין אַ פּאָליצייאישער אינטריגע, איז פונדעסט-וועגן ווייט געווען פון חושד זיין אַזעפן אין פּראָוואָקאַציע. צו די לעצטע האָט געהערט אויך איך.

איך בין פאַרבונדן געווען מיט אַזעפן מיט פריינטשאַפט. די לאַנגע געמיינזאַמע טעראָריסטישע אַרבעט האָט אונז דערנענטערט.

איך האָב אַזעפן געקענט פאַר אַ מענטש מיט אַ גרויסער ווילנסקראַפט, מיט אַ שטאַרקן פּראַקטישן שכל און מיט אַ גרויסן אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט. איך האָב אים געזען ביי דער אַרבעט. איך האָב געזען זיין גראָדליניקע אויסגעהאַלטנקייט אין דער רעוואָלוציאָנערער טאַט, זיין רואיקע מוטיקייט פון אַ טעראָריסט, לסוף, זיין טיפע צאַרטקייט צו דער פאַמיליע. אין מיינע אויגן איז ער געווען אַ באַגאַבטער און דערפאַרענער רעוואָלוציאָנער און אַ פעסטער, אַנטשלאָסענער מענטש. דידאָזיקע מיינונג האָבן אין אַלגעמיינע שטריכן געטיילט אַלע חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט אים...

ס'קען זיין, אַז נישט אַלע האָבן אים גלייך ליב געהאַט, אָבער אַלע האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט דערזעלבער אַכטונג. ס'איז געווען אומגלויבלעך, אַז דידאָזיקע אַלע חברים האָבן זיך געקענט טועה זיין!...

באַזונדערס האָבן די ס.-ר.-ן אונטערגעשטראָכן אויפן געריכט אַזעפס אָנטייל אינם אַטענטאַט אויפן קייסער אין 1908-טן יאָר. צוזאַמען מיט סאַווינקאָוו, קאַרפּאָוויטשן און אַנד. האָט אַזעף אָרגאַניזירט אַן אַטענטאַט אויפן קייסער אויפן דאַמפער „ריוריק“. ווען אַזעף וואָלט אַפילו דערנאָך וועלן צונישט מאַכן דעמדאָזיקן אַטענטאַט, וואָלט ער דאָס שוין נישט געקענט טאָן, — האָבן געזאָגט די ס.-ר.-ן.

אין געריכט איז קאָנסטאַטירט געוואָרן, אַז אויך פריער

האָט מען אַזעפֿן נישט איינמאָל באַשולדיקט אין פּראָוואָקאַציע, אָבער די ס.-ר.-ן האָבן אויף דעם נישט געלייגט קיין געהעריקע אַכט.

אין 1903-טן יאָר, למשל, האָט אין פּעטערבורג אַ יונגער רעוואָלוציאָנער קרעסטיאַנינאָוו באַקומען פֿון איינעם אַ באַקאַנטן אַרבעטער, וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אַלס אַגענט, אַ באַשטימטע אָנווייזונג, אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. מיט דער הילף פֿון רובאַקינאַ האָט ער אויפֿגעהויבן די פֿראַגע וועגן אַזעפֿן. די עסערן און די מיטגלידער פֿון דער רעדאַקציע „רוסקאָע באָגאַטסטוואָ”, צווישן זיי אויך פּעשעכאָנאָוו, האָבן אונטערזוכט דעם ענין און זענען געקומען צום אויספֿיר, אַז די באַשולדיקונגען קעגן אַזעפֿן האָבן קיין שום יסוד נישט און זיי זענען נאָר אַ רעזולטאַט פֿון אָכראַנע-שפּיצלעך. אַזעף האָט געוויינט, באַליידיקט דורך דער עקלהאַפֿטער באַשולדיקונג אין פּראָוואָקאַציע. מען האָט אים געטרייסט און די באַשולדיקער האָט מען געצוווּנגען אָפּזאָגן זיך פֿון זייער באַשולדיקונג.

אין 1905-טן יאָר האָט מענשיקאָוו דורך פּריבילעוון איבער־געגעבן די ס.-ר.-ן אַ אַנאָנימען צעטעלע וועגן דעם, אַז אין זייער פּאַרטיי זענען דאָ צוויי שפּיאָנען: אַזעף און טאַטאַראָוו. טאַטאַראָוון האָבן די ס.-ר.-ן דעמאַסקירט און דערמאָרדעט. זיי האָבן אָבער באַשלאָסן (אויף דעם איז באַזונדערס באַשטאַנען טשערנאָוו אויף מיין פּראָצעס), אַז דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט באַוווּסטזיניק אַרויסגעגעבן די עסערן טאַטאַראָוון, אַ ביז גאָר וויכטיקן פּראָוואָקאַטאָר, אַבי צו „וואַרפֿן אַ שאָטן” אויף אַזעפֿן.

אין 1905-טן יאָר זענען פּונקט אַזעלכע דירעקטע אָנווייזונגען אויף אַזעפֿן, אַלס פּראָוואָקאַטאָר, באַקומען געוואָרן פֿון איינעם אַ אָכראַניק אין סאַראַטאָוו, אין שייכות מיט ברעשקאָווסקיס קומען אַהין, און אין 1906-טן יאָר — אין אָדעס דורך טיוטשעוון. צו די ס.-ר.-ן זענען אין יענער צייט אויך דערגאַנגען קלאַנגען וועגן דעם, אַז איינמאָל, דאָס איז שוין געווען אין 1906-טן יאָר, איז אַזעף אַרעסטירט געוואָרן דורך די אָכראַניקעס, אָבער נאָך געוויסע אונטערהאַנדלונגען האָט מען אים אַרויסגעלאָזן.

דידאָזיקע אַלע פֿאַקטן זענען בשעתו געווען באַקאַנט די עסערן בעסער, איידער אונז. זיי האָבן זיך אָבער אָפּגעוווערט פֿון

זיי און נישט געלייגט אויף זיי קיין שום אַכט. וועגן זיי האָט טשערנאָוו זייער אַ סך גערעדט פאַרן גערינכט און ער האָט געזען אין זיי בלויז פּרווון פונם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט צו קאָמפּראָ־מיטירן אַזעפן. ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי זענען דאָס פאַר אונז נישט קלאָר דידאָזיקע פיינע אינטריגעס פון די אָכראַניקעס.

אין גערינכט האָט מען געבראַכט עטלעכע ביישפּילן, ווי אַזוי ביי אַ סך, וואָס האָבן אַזעפן נישט געקענט פּערזענלעך, האָט ער אָפּט איבערגעלאָזן דעם איינדרוק פון אַ פאַרברעכער און אַ שפּיאָן.

עס ווערן באַשטימט באַגעגענישן מיט אַ פאָרשטייער פון די ס.־ר.־ן, וואָס איז געקומען צופאָרן פון אויסלאַנד. מען טרעפט זיך דאָרטן מיטן אומבאַקאַנטן אַזעפן און מען זאָגט זיך גלייך אויפן אָרט אָפּ צו ריידן מיט אים. אומרואיק גייט מען צו די־יעניקע, ווער עס האָט געגעבן דעם אַדרעס פאַר דער באַגעגעניש, און מען זאָגט: „צו וועמען האָט איר אונז געשיקט? דאָס איז דאָך אָן ספק אַ שפּיאָן!"

„ווען אַזעף, — דערציילט אין בוך ציללייאַקוס, — איז געקומען לויטן אויפטראַג פון די ס.־ר.־ן קיין פינלאַנד, ווו ער האָט איינגעאָרדנט די גראַנדיעסטע פּראָוואָקאַציע, האָט ער געמאַכט אַן עקלהאַפטן, אָפּשטויסנדיקן איינדרוק: „אַ קיילעכדיקער, קויק־אַרטיקער שאַרבן, אַרויסשטאַרצנדיקע באַקן־ביינער, אַ פלאַטשיקע באָז, אומגעהייער גראָבע ליפּן, וועלכע עס האָבן נישט געקענט פאַרדעקן שיטער וואַקסנדיקע וואָנצעס, פליישיקע באַקן, אַ פנים, וואָס ווערט אַלץ ברייטער אָנהויבנדיק פון דער אונטערשטער טייל שטערן, בכלל אַ ריין־קאַלמיקישער טיפּ, — דאָס אַלץ האָט נישט גערעדט לטובת דעם געהיימניספולן אומבאַקאַנטן איוואַן ניקאָלאַיעוויטש. די פּערזאָנען, וואָס האָבן באַזאָרגט אַזעפן מיט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו האָבן, ווייזט אויס, זיך גערעכנט מיט דער מעגלעכקייט פון אַ אומגינסטיקן פּערזענלעכן איינדרוק. יעדנפאַלס איז אין בריוו געשטאַנען: „שאַץ נישט דעם הונט לויט זיין פעל", און אַזעף איז גלייך רעקאָמענדירט געוואָרן אַלס „באַדייטנדיקער מיטגליד פון דער פּאַרטיי".

פאַרן גערינכט האָט טשערנאָוו אַליין נישט געלייקנט, אַז

אַזעף פּלעגט אַמאָל מאַכן אויף אומבאַקאַנטע מיט אים אַ שווערן איינדרוק. אָבער, האָט ער געזאָגט, „ס׳איז גענוג גוט איינקוקן זיך אין זיין אָפּענעם פּנים און אין זיינע ריינע, ממש קינדישע אויגן, כּדי מען זאָל דערזען אַ גרעניצלאָזע גוטסקייט״, און גוט דערקענענדיק אים, ווי עס האָט אים געזען טשערנאָוו גופא, „האָט מען נישט געקענט נישט ליב באַקומען דעמדאָזיקן באמת גוטן מענטשן און צאַרטן פאַמיליע-פאָטער״. ווען טשערנאָוו האָט אונז דאָס אַלץ געזאָגט, האָט ער מיט אַ מין זעלבסטזיכער-קייט שטאָלצירט מיט זיין פיינעם פּסיכאָלאָגישן באַגריף

פאַרן געריכט האָט מען אָנגעוויזן אויף די טונקעלע זייטן פון אַזעפס לעבן, אָבער זיינע פּאַרטיידיקער האָבן אָדער געלייקנט דידאָזיקע פאַקטן אָדער זיי האָבן זיי צוגעגעבן אַ באַזונדער באַדייטונג און האָבן דערקלערט, אַז דאָס אַלץ האָט אַזעף געטאָן צוליב קאָנספּיראַציע.

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין אַזעפס לעבן איז נישט נאָר תּמיד געווען אַ סך טונקעלעס, וואָס האָט אים געדאַרפט קאָמפּראָמיטירן סיי אַלס רעוואָלוציאָנער, סיי אַלס מענטש, נאָר אַז דאָסדאָזיקע טונקעלע האָבן געזען אויך זיינע חברים ס.-ר.-ן. אָבער דער היפּנאָז פון פּאַרטייאישקייט, אויף וועלכן עס זענען תּמיד פּעאיק געווען די טשערנאָווס און די נאַטאַנסאָנס, האָט זיי געצווונגען פאַרמאַכן די אויגן אויף דער-דאָזיקער גאַנצער צייט, און זיי האָבן געשילדערט אַזעפן אַזוי, ווי ער איז זיי נויטיק געווען פאַר זייערע פּאַרטיי-צוועקן.

קאַפּיטל XIV.

באַקאַיס פאַרהער וועגן זיין אַנטלויפן פון סיביר. — סאַווינקאָווס שלוס-רעדע פאַרן געריכט און מיין ענטפער אויף איר.

דאָס געריכט האָט איינגעלאַדן אויף אַ פאַרהער באַקאַיען און אייניקע אַנדערע עדות. די ריכטער האָבן זיך, לויט דער אייגענער איניציאַטיוו, און נאָך אָפטער לויט דער בקשה פון די

ס.-ר.-ן, באַשעפטיקט מיט די קלענסטע פּרטים פון מיין קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע. זיי האָבן זיך באַמיט, אַז אין דאָזיקן געביט זאָל נישט בלייבן קיין שום נישט-אויפגעקלערטע זאַך. פּאַרטיידיקנדיק אַזעפן, האָבן די ס.-ר.-ן געוואָלט דעמאַסקירן די אינטריגעס פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, וועלכע האָבן דעם ציל צו קאָמפּראָמיטירן אַזעפן.

זיי האָבן מיך באַזונדערס גענוי אויסגעפרעגט וועגן מיין באַציאונג צו באַקאַיען, וועגן זיין אַנטלויפן פון סיביר, וואָס איך האָב אים געהאָלפן דערצו, וועגן די מיטלען, וועלכע איך האָב אויסגעגעבן אויף באַקאַיען, און אַז. וו.

אויפן געריכט און ביזן געריכט, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן אַזעפס ענין, — כ׳וועל, אגב, זאָגן, אַז דאָסזעלבע איז געווען פאַר אַזעפס ענין, — האָב איך געפילט צו זיך אַ באַזונדערס שלעכטע באַציאונג מצד טשערנאָוו און נאַטאַנסאָנען. נאַטאַנסאָן איז אויך דאָ פאַרבליבן דערזעלבער נאַטאַנסאָן, מיט וועלכן מיר איז אויסגעקומען צונויפשטויסן זיך נאָך אין סיביר אין 1888-טן יאָר. אין דער באַציאונג צו מיר אין אַזעפס ענין קען איך גאָר-נישט נישט פאָרוואַרפן בלויז אַזעפס הייסטן פאַרטיידיקער — סאַווינקאָוון.

טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן האָבן גאָרנישט אויסבאַהאַלטן דעם פאַרלאַנג מיך צו דערטרינקען, ראַטעווענדיק אַזעפן. איך בין געווען אין דער לאַגע פון אַ באַשולדיקטן, און איך האָב געמוזט שלום מאַכן מיט דערדאָזיקער אינקוויזיטאָרישער באַציאונג צו מיר און ענטפערן אויף אַלע פראַגן, ווען זיי פלעגן אַפילו געשטעלט ווערן מיט שלעכטע געפילן און ווען מען פלעגט אַפילו דידאָזיקע געפילן גישט אויסבאַהאַלטן.

מיט וואָסער אַכזריות האָבן זיך באַצויגן צו באַקאַיען די ס.-ר.-ן, ווען זיי האָבן אים אויסגעפרעגט! איך וואָלט זיך נישט געוווּנדערט, ווען באַקאַי וואָלט געהאַלטן פאַר מעגלעך נישט געבן ווייטער קיין דערקלערונגען, נאָר ער וואָלט פאַרלאָזן דעם געריכט, ווו ער איז געקומען פרייוויליק לויט מיין בקשה.

מען איז צוגעטראָטן צו דער פראַגע וועגן דעם, ווי אַזוי ער איז אַנטלאָפן פון סיביר. פאַר די ס.-ר.-ן איז קיין שום ספק נישט געווען, אַז באַקאַיס אַנטלויפן איז איינגעאָרדנט געוואָרן

דורכן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, כּדי ער זאָל דורך מיר קענען קאָמפּראָמיטירן אַזעלכע. וועגן דעם האָבן זיי גערעדט אָפן.

נאַטאַנסאָן און טשערנאָוו האָבן געטרעגט באַקאַיען, ווער האָט אים איינגעאָרדנט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן.

באַקאַי האָט געענטפערט, אַז איך האָב אים נאָך אין פּעטערבורג פאָראויסגעזאָגט, אַז איך וועל שיקן עמיצן קיין סיביר מען זאָל אים באַפרייען און אַז כ'האָב, באמת, געשיקט צו אים אַ באַפולמעכטיקטע פּערזאָן.

— ווער איז געקומען צופאָרן צו אייך?

באַקאַי האָט געענטפערט:

— וולאַדימיר לוואָוויטש איז דאָ דאָ. אויב ער וועט מיר דערלויבן אָנצורופן דידאָזיקע פּערזאָן, וועל איך זי אָנרופן.

די ס.־ר.־ן, און דערנאָך אויך די ריכטער האָבן גענומען צודרינגלעך פאָדערן, איך זאָל באַקאַיען דערלויבן אָנצורופן די־דאָזיקע פּערזאָן.

ביי טשערנאָוון און נאַטאַנסאָנען האָב איך באַמערקט בייזע פייערלעך אין די אויגן און עפּעס אַ האָפנונג, אַז אָט־אָט און זיי וועלן זיך דערוויסן עפּעס נויטיקס פאַר אַזעלכע פּאַרטיידיקונג. מיך האָט אָנגעצונדן אַזאַ באַציאונג צו מיר, און איך האָב מיט מיין באַהאַלטן אין זיך דעמדאָזיקן געפיל. כ'האָב אָבער באַשלאָסן שטעלן זיי אין אַזאַ לאַגע, זיי זאָלן אינגאַנצן אַרויסווייזן זייער שלעכטע באַציאונג צו מיר.

איך האָב קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז כ'האָב געמוזט שיקן מיינעם אַ זיכערן מענטשן און כ'האַלט, אַז אָנרופן אים האָט נישט קיין שום זינען און אַז זיין נאָמען קען אונז לחלוטין גאָרנישט אויפקלערן, ווייל אַלע באַשלוסן האָב איך אָנגענומען, און דידאָזיקע פּערזאָן איז בלויז געווען אַ פאַרמיטלער.

מיין אַנטשלאָסענער טאָן און דאָס נישט וועלן אויסגעבן דעם נאָמען פון מיין שליח האָבן אין דער העכסטער מאָס פאַר־אינטערעסירט סיי טשערנאָוון סיי נאַטאַנסאָנען. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָ־דאָ איז טאַקע דער הונט באַגראָבן. און וואָס מער איך האָב זיך איינגעקשנט און נישט געוואָלט אָנרופן די־דאָזיקע פּערזאָן, אַלץ מער זענען זיי אויף דעם באַשטאַנען. לסוף האָבן זיי גענומען ריידן מיט מיר מיט אַן אולטימאַטום־לשון און

האָבן דערקלערט, אַז דאָס איז פאַר זיי זייער וויכטיק. זיי האָבן דערמאָנט, אַז אין אָנהויב פון אונזער געריכט האָבן מיר באַשלאָסן גאָרנישט נישט אויסבאַהאַלטן און אַז איך גופא האָב ביז איצט געענטפערט אויף אַלע פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות אַפילו צו מיר פערזענלעך...

מיין אַמפעריי מיט נאַטאַנסאָנען און טשערנאָוון האָט לאַנג געדויערט, און פון דער זייט, פאַרשטייט זיך, האָט מען נישט געקענט נישט זען, אַז הגם ביידע צדדים באַמיען זיך אויסצודריקן זייערע געפילן אין אַ רואיקער פאָרם, פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך שטאַרק דענערווירט, און צווישן זיי קומט פאָר אַן אמתער דועל.

טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן האָבן זיך געווענדט צו די ריכטער מיט אַ בקשה צו פאָדערן פון מיר אומבאַדינגט, איך זאָל אָנרופן דידאָזיקע פערזאָן. איך האָב באַמערקט, מיט וואָסער אומרו עס האָט זיך באַצויגן די גאַנצע צייט צו אונזער אַמפעריי לאָפּאַטין, וואָס האָט מיך ליב געהאַט. ער האָט, ווייזט אויס, צוגעלאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָס אָנרופן די פאַמיליע פון דערדאָזיקער פערזאָן איז צוליב עפּעס אומבאַקוועם פאַר מיר. מיטן זעלבן אומרו און מיט דערזעלבער ליבע האָט געקוקט אויף מיר קראַפּאָטקין. פיגנער, ווי געווייינלעך, איז געווען אויף דער זייט פון די ס.-ר.-ן און זי האָט אַנטשלאָסן געפאָדערט, איך זאָל אָנ-רופן דידאָזיקע פערזאָן. די ריכטער האָבן זיך איינשטימיק געווענדט צו מיר מיט אַ דערקלערונג, אַז זיי בעטן מיך אָנרופן דעמדאָזיקן נאָמען און אַז זיי קענען אין דעם נישט אָפּזאָגן די ס.-ר.-ן.

דאַן האָב איך געזאָגט צו די ריכטער.

— אויב איר האַלט פאַר נויטיק דאָס אומבאַדינגט צו פאָדערן, וועל איך אָנרופן דעמדאָזיקן נאָמען, איך בעט אייך אָבער זייער: פאָדערט דאָס נישט! פאַרשטייט, אַז זיי דאַרפן דאָס נישט האָבן צום ענין. ער וועט אייך גאָרנישט אויפקלערן.

די ריכטער, און נאָך מער טשערנאָוו מיט נאַטאַנסאָנען האָבן נאָך מיט מער קראַפט גענומען פאָדערן. לסוף האָבן מיר די ריכטער און מיינע באַשולדיקער איינשטימיק דערקלערט, אַז איך מוז אָנרופן דעמדאָזיקן נאָמען.

— גוט! — האָב איך געענטפערט. איך דערלויב באַקאַיען אָנצורופן דעם נאָמען פון דער פּערזאָן, וועלכע איך האָב געשיקט צו אים. ער ווייס דעמדאָזיקן נאָמען און איר אַלע קענט אים. אָבער דערלויבט מיר נאָך אַמאָל אייך צו בעטן, איר זאָלט נישט אָנשטיין. דאָס הייסט אומזיסט קאָמפּליצירן דעם ענין!

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז נאָך מיינע דאָזיקע ווערטער וועלן די ס.־ר.־ן באַזונדערס שטאַרק באַשטיין אויף זייער פאָדערונג. אין מיר האָט אָנגעהויבן צו זידן אַ צאָרן קעגן די דאָזיקע, באמת, שלעכטע מענטשן — טשערנאָוון און נאַטאַנסאָנען, וועלכע האָבן אַפילו נישט אויסבאַהאַלטן זייער כּעס, און איך האָב זיך נאָך אַ געוויסע צייט, אַזוי־צו־זאָגן, געקווענקלט. אָבער סוף־כּל־סוף, ווענדנדיק זי צו באַקאַיען, וואָס איז דערלעבן געזעסן און געהערט אונזער גאַנצע אַמפּעריי, האָב איך צו אים געזאָגט:

— נו מילא! דער געריכט פאָדערט מען זאָל אָנרופן דעם נאָמען פון דער פּערזאָן, וועלכע איך האָב געשיקט צו אייך, איר קענט אים. איך דערלויב אייך אים אָנצורופן.

ס'איז אַנטשטאַנען אַ שטילקייט. איך האָב אַ קוק געטאָן אויף טשערנאָוון און נאַטאַנסאָנען. זיי האָבן דערוואַרט, אַז אָט־אָט וועט אויך אויף זייער גאַס זיין יום־טוב. איך האָב געזען, מיט וואָסער אומרו עס האָבן אָפּגעוואַרט דעמדאָזיקן נאָמען לאַפּאַטין און קראַפּאָטקין. אַלע האָבן זיך מיט די אויגן איינגעגעסן אין באַקאַיען.

ער האָט אַ געוויסע צייט געשוויגן. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— צו מיר קיין טיומען האָט וולאַדימיר לוואָוויטש געשיקט, כּדי מיך צו באַפרייען, סאָפיאַ וויקטאָראָוונאַ סאַווינקאָוואַן.

דאָ האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען עפּעס ענלעכס צו דער לעצטער שטומער סצענע פון גאָגאָלס „רעוויזאָר".

קוים איינהאַלטנדיק מיין טריאומפירנדיקן כּעס, האָב איך גאַנץ רואיק געזאָגט, ווענדנדיק זיך, דער עיקר, צו די ס.־ר.־ן.

— יאָ, איך באַשטעטיק, אַז איך האָב געשיקט קיין טיומען צו באַקאַיען סאָפיאַ וויקטאָראָוונאַ סאַווינקאָוואַן, וועלכע איר קענט אַלע. איך האָף, אַז ריידן וועגן איר, ווי וועגן אַן אַגענט פון פּאָליציי־

דעפּאַרטאַמענט, וועלכער איז געשיקט געוואָרן צו באַפרייען באַקאַיען, וועט קיינער נישט דערוועגן זיך.

אַן אַלגעמיינער שווייגן. כ׳וועל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון לאַפּאַטינס געזיכט. אויך ער האָט קוים געקענט באַהאַלטן זיין פרייד און זיין אויפרעגונג.

אַלס פאָרזיצער האָט ער מיר רואיק געענטפערט:

— נו, געוויס, וועגן סאָניען, — אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זי גוט געקענט פערזענלעך, — קען ביי קיינעם נישט זיין קיין שום ספק.

טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן זענען געזעסן מער ווי אַנטוישטע.

מיר זענען אַריבער צו אַנדערע ענינים.

אין אַ צוויי יאָר אַרום בין איך געווען אין נעאַפּאָל און כ׳האָב אָנגעשריבן צו לאַפּאַטינען אויף קאַפּרי. לאַפּאַטין האָט מיך, אין גאָרקיס נאָמען, איינגעלאַדן מיט אַ טעלעגראַמע צו קומען צופאָרן קיין קאַפּרי. איין אָוונט האָבן מיר אַלע צוזאַמען פאַרבראַכט ביי גאָרקין אין אַ אַלגעמיינעם שמועס. מער פאַר אַלעמען האָט דערציילט לאַפּאַטין. ער האָט, ווי געוויינלעך, דערציילט פאַרביק און אינטערעסאַנט. די צוהערער האָט באַזונדערס געווילט זיין דערציילונג וועגן דעם, ווי אַזוי די ס.-ר.-ן האָבן אין געריכט געוואָלט מיך פאַקן צוליב צוגרייטן באַקאַיס אַנטלויפן.

וועגן דאָזיקן עפּיזאָד אין געריכט האָט לאַפּאַטין איינמאָל געזאָגט צו מיר:

— ווען טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן האָבן גענומען אָנשטיין, מען זאָל אָנרופן דעם נאָמען פון דער פּערזאָן, וועלכע איז געשיקט געוואָרן צו באַפרייען באַקאַיען, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן עפּעס באַזונדערע ידיעות וועגן דעם און זיי האָפן אייך צו דערטרינקען. איך האָב בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס איר האָט אַזוי לאַנג זיך איינגעעקשנט און איר האָט אַלץ פאַרצויגן דאָס אָנרופן דעמדאָזיקן נאָמען. אָבער דערנאָך, ווען באַקאַי האָט אַרויסגערעדט דאָס וואָרט „סאָווינקאָווא״, האָב איך פאַרשטאַנען, ווי כיטרע-בייז איר זענט געוואָרן, ווען מען האָט אייך אַרויסגעבראַכט פון געדולד.

בעתן פאַרהער האָט באַקאַי געבראַכט פאַרשיידענע באַווייזן, פאַרוואָס אַזעף מוז, לויט זיין מיינונג, זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר. מיטן

דאָזיקן ציל האָט ער מיטגעטיילט פאַרשיידענע פאַקטן, ער האָט ציטירט די ווערטער פון די אָכראַניקעס, ער האָט דערציילט וועגן דער טעכניק פון אויסשפּיר-דינסט און אַז. וו. ער האָט אָבער געזען, אַז סיי די ריכטערס, סיי די באַשולדיקער, אַלע — אַחוץ מיר, האָבן נישט נאָר אים נישט געגלויבט און נישט מסכּים געווען מיט אים, נאָר זיי האָבן אים פּשוט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט מיט אַלע מיטלען באַמיט זיך צו העלפן זיי פאַרשטיין דאָס, וואָס ער האָט זיי דערציילט, און אָט איינמאָל האָט ער זיי געזאָגט:

— ניין, איר פאַרשטייט דאָס נישט! אָט וולאַדימיר לוואָוויטש, ער טראַכט ווי אַן אמתער אָכראַניק.

מיר האָבן זיך אַלע איבערגעקוקט, יעדער איז גרייט געווען אַרויספּלאַצן מיט אַ געלעכטער. ווען אַפילו איינער פון אונז וואָלט זיך נישט איינגעהאַלטן, וואָלט, נישט געקוקט אויפן גאַנצן טראַגיזם פון אונזערע שמועסן, אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער געלעכטער.

כ'בין זיך מודה, פאַר מיר איז דאָס געווען איינע פון די גרעסטע באַלײַדיגונגען נאָך אַ לאַנגן און פיינלעכן שטודיום פון דער פּראָוואָקאַציע.

באמת, עס האָט זיך גערעדט וועגן פראַגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער טעטיקייט פון די אָכראַנעס. מענטשן האָבן זיך אונטערגענומען צו לייזן פראַגן פון דער גרעסטער געזעלשאַפטלעכער און פּאַרטייאישער וויכטיקייט, פראַגן פון געוויסן און כּבוד, פון לעבן און טויט, פון מענטשן און פון געזעלשאַפטלעכער זיכערקייט, — און זיי האָבן אין דאָזיקן ענין אַרויסגעוויזן די גראָבסטע אומפאַרשטענדעניש פאַר דעם, וועגן וואָס זיי האָבן גערעדט, — און נישט נאָר זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, נאָר זיי האָבן גערעדט מיט אומגעוויינלעכער זעלבסטזיכערקייט און האָבן געקעמפט, אָפּט מיט די עקלהאַפּטסטע מיטלען, קעגן די, וועלכע האָבן זיי דערווידערט. באַווייזנדיק זייער פולע אומפאַרשטענדעניש אין איין פאַל, פלעגן זיי תּיכּף אין אַ צווייטן איבערחזרן דאָסזעלבע מיט דערזעלבער זעלבסטזיכערקייט.

טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן האָבן פאַרן געריכט געטענהט, אַז די אָכראַניקעס האָבן אונטערגעשיקט צו מיר באַקאַיען און

דאָפּוכינען, זיי פירן אַרום מיר אַ קאָמפּליצירטע אינטריגע, ראַטאַיעוו אין פּאַריז, דאָבראָסקאָק אין פּעטערבורג, דאָנצאָוו אין בערלין, און אַז. וו. נעמען גלייכצייטיק אָנטייל אין דער ריזיקער פּאַרשווערונג קעגן אַזעפן! אָבער מיינע דאָזיקע באַשולדיקער האָבן נישט געקענט נישט מודה זיין, אַז אין די דעמאַסקירונגען, וואָס איך האָב שוין ביז דאַן געהאַט געמאַכט, איז געווען אַ סך ווערטפולס און אַדאַנק באַקאַיען איז מיר געלונגען אַרויסצורייסן פון די רעוואָלוציאָנערע רייען צענדליקער זייער וויכטיקע פּראָוואָקאַטאָרן. פונדעסטוועגן האָבן זיי גערעדט מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט נישט קיין דערווידערונגען, אַז דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו דעמאַסקירן צענדליקער פּראָוואָקאַטאָרן בלויז צוליב דעם, כּדי איך זאָל דורך באַקאַיען וואַרפן אַ שאָטן אויף אַזעפן!

איך האָב אויפגעוויזן די ס.-ר.-ן, אַז נישט באַקאַי, נישט לאָפּוכין זענען נישט אונטערגעשיקט געוואָרן צו מיר, אַז אין פּעטערבורג, אין סאַראַטאָוו, אין אָדעס האָט מען נישט געקענט גלייכצייטיק, לויט אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, פּאַרנעמען זיך מיט קאָמפּראָמיטירן אַזעפן, אַז די ראַטאַיעוס, דאָבראָסקאָקס, דאָנצאָווס זענען נישט פּעאיק אויף אַזאַ קאָמפּליצירטער שפּיל, וועלכע עס שרייבן זיי צו די ס.-ר.-ן, אַז דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט קען נישט מאַכן אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי אַרויסגעבן זייערע אַגענטן און לאָזן זיי טויטן בלויז צוליב דעם, כּדי צו מאַכן אַ וועלכן נישט-איז פּרוּוו צו קאָמפּראָמיטירן אַזעפן. איך האָב זיי אָנגעוויזן אויך אויף דעם, אַז אויב דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט גיט באמת צו אַזאַ באַדייטונג אַזעפן, וואָלט ער אים פּשוט געקענט אַרעסטירן, ווייל אַזעף פּלעגט אָפט זיין אומלעגאַל אין פּעטערבורג, פּלעגט באַזוכן טעאַטערן, פּלעגט זיין אויף די וואָקזאַלן, פּלעגט זיך זען מיט רעוואָלוציאָנערן און אַז. וו. איך האָב דערציילט דעם פּאַל, ווי אין 1906-טן יאָר האָב איך אַליין געטראָפן אין פּעטערבורג אַזעפן אין דער געשטאַלט, אין וועלכער אַלע האָבן אים תּמיד געקענט זען, און ווי לייכט איך האָב אים פון ווייטנס דערקענט אין גאַס.

געוויס, כּדי צו טראַכטן אַזוי, ווי איך, האָט מען נישט געדאַרפט זיין קיין „אמתער אָכראַניק”, נאָר מען האָט נישט

געדאַרפט דענקען, ווי מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט פאַר יעדן פרייז אַלץ איינשפּאַנען אין רייטוואָגן פון פּניותדיקע פּאַרטייאישע אויפגאַבעס, ביים פּאַרטיידיקן אַזעפן האָבן טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן באַהאַנדלט די פּראָוואָקאַציע טאַקע פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, ווייל זיי זענען געווינט געווען בלינד אונטער־צוּוואַרפן אַלץ—די אינטערעסן פון זייער היימלאַנד, זייערע פּרינציפּן, דעם אמת, די לאָגיק – די אינטערעסן פון זייער פּאַרטיי.

אין דער פּאָליטיק זענען זיי, אגב, תּמיד געווען אַזעלכע, און דאָס האָבן זיי באַזונדערס בולט דערוויזן אין עטלעכע יאָר אַרום, ווען פאַר רוסלאַנד האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן אַ ניי פריי לעבן און ווען זיי האָבן צוליב די אינטערעסן פון זייער פּאַרטיי אַלץ אומגעבראַכט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון געריכט – סוף אָקטאָבער 1908־טן יאָר האָט סאַווינקאָוו געהאַלטן קעגן מיר אַ שטאַרקע און שיינע רעדע.

— איך ווענד זיך צו אייך, וו. ל., ווי צום היסטאָריקער פון דער רוסישער באַפרייאונגס־באַוועגונג, און כ׳בעט אייך נאָך דעם אַלעם, וואָס מיר האָבן אייך דאָ דערציילט וועגן אַזעפס טעטיקייט, צו זאָגן אונז גאַנץ אָפנהאַרציק, צי איז דאָ אין דער געשיכטע פון דער רוסישער באַפרייאונגס־באַוועגונג, וווּ עס זענען געווען גערשוניס, זשעליאַבאָווס, סאַזאָנאָווס, און אין דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון אַנדערע לענדער אַ הערלעכערער נאָמען ווי אַזעפס?

— ניין! האָב איך געענטפערט. – איך קען נישט אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג קיין איין הערלעכן נאָמען ווי אַזעפס. זיין נאָמען און זיין טעטיקייט זענען הערלעכער, ווי די נעמען און די טעטיקייט פון זשעליאַבאָוון, סאַזאָנאָוון, גערשונין, אָבער... מיטן איין באַדינג, אויב ער איז אַן ערלעכער רעוואָלוציאָנער. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר, אַ פּאָליציי־אַגענט און דער גרעסטער אויסוואָרף!

— אָט, חברים, ווי די לאַגע זעט אויס! – האָב איך צו־געגעבן, ווענדנדיק זיך צו אַלע אָנוועזנדיקע. – מיר האָבן אַ סך וואָכן הייס דיספּוטירט וועגן דעם, צי איז אַזעף דער

ערשטער מענטש אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אָדער דאָס איז דער ערשטער אויסוואורף, און מיר קענען איינער דעם צווייטן נישט איבערצייגן, ווער פון אונז עס איז גערעכט! וואָס שייך מיר, בין איך ווי פריער פעסט איבערצייגט, אַז גערעכט בין איך: אַזעף איז אַ — פּראָוואָקאַטאָר!

קאַפּיטל XV.

אַרגונאָווס נסיעה קיין פּעטערבורג. — לאָפּוכינס בריוו צו סטאָליפּינען וועגן אַזעפן. — די עסערן האָבן זיך איבער־צייגט, אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. — אַזעפס אַנטלויפן, — די געמיינזאַמע דערקלערונג פון מיר מיט די עסערן וועגן דעם, אַז דער ענין אַזעף איז פאַרענדיקט. — נאַטאַנסאָן איז געקומען „שלום מאַכן". — מיינע בריוו צו לאָפּאַטינען און קראַפּאָטקינען און זייערע ענטפערס.

די עסערן האָבן געבעטן דעם געריכט, ער זאָל מאַכן אַ הפסקה אין זיין אַרבעט אויף אַ געוויסער צייט, כּדי ווייטער אויסצופאָרשן דעם ענין.

דערנאָך האָבן זיי געבעטן ביים געריכט אַ דערלויבעניש צו שיקן אַ ספּעציעלן מענטשן, דעם מיטגליד פון צ. ק. אַרגונאָוו, קיין פּעטערבורג, ער זאָל דאָרט זאַמלען מאַטעריאַלן, וואָס דע־מאַסקירן לאָפּוכינס דאָפּלט שפּיל. אָן דער דערלויבעניש פון גע־ריכט האָבן זיי דאָס אַליין נישט געקענט טאָן, דער געריכט האָט מסכּים געווען און, ווי מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט, מיר מודיע געווען וועגן דעם. איך האָב געזען, אַז דאָס וואָרט „לאָפּוכין" וועט, קעגן מיין ווילן, אַרויסגעטראָגן ווערן אויף דער גאַס, אָבער שטערן דאָס האָב איך נישט געקענט...

אינגיכן האָט אַרגונאָוו פון פּעטערבורג צוגעשיקט אַ ידיעה, וואָס האָט איבערראַשט די ס.־ר.־ן. זי האָט באַזייטיקט יעדן גע־דאַנק וועגן לאָפּוכינס אַ דאָפּלט שפּיל, דערנאָך איז קיין פּאַריז געקומען אַרגונאָוו גופא מיט ידיעות, וואָס דעמאַסקירן אַזעפן.

ווען אַרגונאָוו איז נאָך געווען אין פּעטערבורג, האָט לאָפּוכין

אָנגעשריבן זיין באַקאַנטן בריוו צו סטאָליפּינען, ווי ער האָט אַזעלכן אָפּן באַצייכנט אַלס אַגענט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. פון זיין בריוו האָט לאָפּוכין נישט געמאַכט קיין סוד. גלייכצייטיק מיט דעם, ווי סטאָליפּין האָט אים באַקומען, האָט ער זיך אויך געפונען אין די הענט פון די רעוואָלוציאָנערן, און דערנאָך איז ער אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אויסלאַנד. לאָפּוכינס בריוו האָט געהאַט אַ ריזיקע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַדייטונג. סטאָליפּינס רעגירונג האָט דאָס פאַרשטאַנען און איינגיכן אכזריותדיק זיך אָפּגערעכנט מיט לאָפּוכינען.

ווען איך האָב זיך אין בערלין דערוווּסט וועגן לאָפּוכינס בריוו צו סטאָליפּינען, האָב איך אָנגעשריבן קיין פּעטערבורג אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק צו בראַודאָן און כ׳האָב אים געבעטן ער זאָל פּערזענלעך איבערגעבן דעם בייגעלייגטן בריוו „אונזער אַל-געמיינעם באַקאַנטן, וועגן וועלכן מיר האָבן געשמועסט אין פּאַריזש דעם לעצטן מאָל״. אויפן דאָזיקן וועג, דורך בראַודאָן, האָב איך אויך פריער איין אָדער צוויי מאָל געשריבן צו לאָפּוכינען.

איך האָב וואַרים געדאַנקט לאָפּוכינען פאַר אונזער שמועס צווישן קעלן און בערלין און כ׳האָב אים געבעטן מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב געמוזט דערמאָנען זיין נאָמען אויפן געריכט איבער מיר. איך האָב אויסגעדריקט דעם ווונטש נאָך אַמאָל טרעפן זיך מיט אים אין אויסלאַנד און דורכשמועסן זיך **de omnibus rebus** — פאַרשטייט זיך, מיט לאָפּוכינען, ווי מיט וויטטען, האָב איך געוואָלט ריידן נישט וועגן אַזעלכע דעמאַסקירונג, יעדנפאַלס נישט נאָר וועגן דעם, נאָר וועגן „אָבשטשעע דעלאָ״, „בודעשטשעע״ „בילאָע״, וועגן קאַמף מיט דער רעאַקציע און אַז. וו. מיין דעמאָ-קראַטישער קאַמף מיט די אַזעלכע האָט זיך לגמרי נישט באַשרענקט מיט אויספישן און דעמאַסקירן דעם אָדער יענעם פּראָוואָקאַטאָר, נאָר ער האָט געהאַט אין זין אויך דעם ברייטן פּאָליטישן קאַמף מיט דער רוסישער רעאַקציע. וועגן דעם האָב איך אָפן גערעדט אין אַלע מיינע אויסגאַבן. ווענדנדיק זיך צו די פאָרשטייערס פון דער רוסישער מלוכהשאַפט פון אַלע ניואַנסן, האָב איך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו זאָגן זיי וועגן דעם, אַז מען דאַרף דורכריידן זיך de omnibus rebus כדי אויסצומיידן די אָנקומענדיקע קאַטאַסטראָפע.

מיין דאָזיקן בריוו האָט לאַפּוכין אויפגעהיט און ביים אַרעסט האָט ער אים אַליין אָפּגעגעבן זיינע רעווידירער, שפּעטער איז ער געלייענט געוואָרן אויף זיין פּראָצעס און איז אינגאַנצן אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער רוסישער פּרעסע.

נאָכדעם, ווי ס'איז דערקלערט געוואָרן אַ הפסקה אין די זיצונגען פון געריכט, בין איך אָפּגעפאָרן קיין איטאַליע צו אַמפיטעאַטראָוון אין קאַווי — די — לעוואַנטאָ, כדי כאָטש אַ ביסל אָפּצופרישן זיך פונם קאָשמאַר, אין וועלכן מיר איז אויסגעקומען צו לעבן אין די לעצטע חדשים. ביי אים האָב איך געטראָפן לאָפּאַטינען, וועלכער איז אַוועקגעפאָרן פריער פאַר מיר, ווי אויך גריגאָרי פעטראָוון און שאַליאַפּינען. נאָך פאַר מיין קומען האָט לאָפּאַטין באַוויזן צו באַקענען אַמפיטעאַטראָוון מיט אַזעפס ענין און ער האָט אים איבערצייגט אין דעם, אַז איך בין גערעכט.

נאָך לאַנגע, פּיינפולע חדשים פון קאַמף צוליב אַזעפן האָב איך, ענדלעך, אָנגעטראָפן מענטשן, וועלכע האָבן מיך פאַרשטאַנען און וועלכע זענען געווען אויף מיין זייט. אין קאַווי האָב איך אָפּגערוט מיט דער נשמה. אָבער אַמפיטעאַטראָוו, אויף וויפל איך געדענק, האָט, פונקט ווי מיינע חברים־לדעה אין פּאַריז, געקוקט האָפנונגסלאָז אויפן גאַנצן ענין. זיי אַלע האָבן שוואַך געגלייבט אין דער מעגלעכקייט צו דעמאַסקירן אַזעפן אין דער נאָנטער צייט. איך בין געווען אָפּטימיסטישער פאַר זיי. כ'האָב אָבער געפילט, אַז אין יענער צייט האָב איך שוין קוים געהאַט כח צו האַלטן זיך אויף די פיס, און צייטנווייז האָט זיך מיר געדוכט, אַז איך פאַרזענלעך געפינען זיך אויפן ראַנד פון אַ קאַטאַסטראָפע. איך האָב צוגעגרייט אַ צוואה, וווּ איך האָב זיך געווענדט מיט אָנווייזונגען צו די, וועלכע וואָלטן נאָך מיר זיך אַנטשלאָסן צו פירן ווייטער דעם ענין פון דעמאַסקירן אַזעפן.

אין דעצעמבער 1908־טן יאָר איז לאָפּוכין געקומען צו־פאָרן קיין לאָנדאָן צוליב זיינע ענינים. טשערנאָוו, סאַווינקאָוו, אַרגונאָוו זענען אַוועקגעפאָרן זען זיך מיט אים. פון דאָרטן האָבן זיי אַלע אומגעקערט זיך פולקאָם איבערצייגט, אַז אַזעף איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

סאַווינקאָוו האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך. ווען מיר זענען

געבליבן זאַלבעצווייט, האָט ער פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און געזאָגט צו מיר:

— איר זענט גערעכט אין אַלץ! אַזוף איז אַ פּאָליציי-אַגענט. מיר ווייסן, וואָס איר האָט איבערגעלעבט די לעצטע חדשים, אָבער איצט איז יעדער פון אונז גרייט איבערצולעבן צענדליקער מאָל מער, ווי איר האָט איבערגעלעבט, אַבי נאָר נישט איבערלעבן דאָס, וואָס אונז קומט אויס איבערצולעבן...

סאַווינקאָווס דאָזיקע ווערטער זענען פאַר מיר געווען כמעט איינגאַנצן אומגעריכט. איך זאָג „כמעט", ווייל מיט אַ טאָג פריער האָב איך פון פיגנערס רייד, ווען זי איז געקומען אין רעדאַקציע פון „בילאָע", געקענט אָנשטויסן זיך, אַז ביי די ס.-ר.-ן קומט פאָר עפּעס אַן איבערברוך בנוגע אַזעפן. פונדעסטוועגן האָבן מיך סאַווינקאָווס ווערטער דערשלאָגן ווי אַ דונער, איך האָב נישט געקענט ריידן און כ'האָב בלויז מיט היץ אַרומגענומען אים, מיט וועמען איך האָב אַזוי ליידנשאַפטלעך געקעמפט צוליב אַזעפן די לעצטע חדשים.

אין נאָמען פון די ס.-ר.-ן האָט מיך סאַווינקאָוו געבעטן, איך זאָל היטן דעם סוד נאָך עטלעכע טעג, און אַפילו מיינע נאָנטסטע פריינט האָב איך נישט דערציילט, וואָס כ'האָב געהערט פון סאַווינקאָוון.

איך האָב געפרוווט בעטן סאַווינקאָוון ער זאָל מיר „אָפּ-געבן" אַזעפן, ער האָט מיך אָן ווייטערדיקע פירושים פאַרשטאַנען, ער האָט אָבער געזאָגט:

— ניין, מיר וועלן אים קיינעם נישט אָפּגעבן: ער געהערט צו אונז.

איך האָב אויך פאַרשטאַנען סאַווינקאָוון, איך האָב אָבער נישט דערוואַרט, אַז די ס.-ר.-ן זאָלן אַזעפן „אַרויסלאָזן" אָדער, ווי לאָפּאַטין האָט זיך איינמאָל אויסגעדריקט — „אָפּלאָזן".

אָבער אויפן צווייטן טאָג איז צו מיר געקומען אַ חשובער ס.-ר., וואָס האָט נאָך גאָרנישט געוווּסט וועגן דער פולער ענדערונג אין די מיינונגען פון זיינע עלטסטע אין אַזעפס ענין. מיט דעם זענען באַקאַנט געווען בלויז עטלעכע מיטגלידער פון צ.ק. פון די ס.-ר.-ן און אייניקע מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. אַ טייל טעראָריסטן, למשל, בעללאַ, האָבן ווייטער פאַרטיידיקט

אַזעפּן און האָבן דערקלערט נאַטאַנסאָנען, טשערנאָוון און סאַווינקאָוון, אַז אויב זיי וועלן כאָטש מיט אַ פינגער אָנרירן אַזעפן, וועלן זיי זיי אַלעמען דערשיסן.

דערדאָזיקער צו מיר געקומענער ס.־ר. האָט מיר געבראַכט אַ העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע („צו די לייענער פון „בילאָע" און „רעוואָלוציאָננאַיאַ מיסל"), וואָס איז צעהאָנגען געווען אין די פּאַריזשער קיכן און איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער שטאָט. אין דער פּראָקלאַמאַציע האָט מען מיטגעטיילט, אַז אין דער רעדאַקציע „בילאָע" ביי בורצעוון אַרבעט, „אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער", באַקאַי. מען האָט אים באַצייכנט אַלס פאַררעטער און געוואָרנט פאַר אים.

דער קלאַפּ, פאַרשטייט זיך, איז געווענדט געווען נישט קעגן באַקאַיען, נאָר קעגן מיר. איבערגעבנדיק די פּראָקלאַמאַציע האָט דער ס.־ר. פריינטלעך מיך געבעטן זיין פאָרזיכטיק. די טעג, — לויט זיינע ווערטער, — וועט מען פּטרן באַקאַיען, אָבער אויך איך וועל דאַרפן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פאַר מיין צוטרוי צו אים. ער האָט גערעדט וועגן זיין ליבע צו מיר, וועגן מיינע רעוואָלוציאָנערע פאַרדינסטן און צוגעגעבן:

— איר זענט אַליין שולדיק! איר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געצייג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און איר צעשטערט אונזער פּאַרטיי. מיר וועלן קעמפן מיט אייך ביזן סוף!

גערעדט האָט ער זייער חוצפהדיק, איינגעגלויבט אין אַזעפן איז ער, ווייזט אויס, געקומען צו מיר בלויז צוליב דעם, כדי מיר אָנצוריידן גראָבקייטן. אַזוי זענען די ס.־ר.־ן געווען איבער־צייגט, אַז אינגיכן וועלן זיי זיך אָפּרעכענען מיט מיר. קאַרפּאָוויטש האָט געשריבן פון רוסלאַנד, אַז ער פּאָרט מיך טויטן צוליב אַזעפן, און נישט אײן קאַרפּאָוויטש האָט גערעדט וועגן מיר מיט אַזאַ שפּראַך. איך האָב זייער באַדויערט, וואָס איך האָב גלייך אויפן אָרט נישט געקענט זאָגן צום פּראָקוראָר, וואָס איז געקומען צו מיר, אין וואָסער לאַגע עס געפינט זיך אַזעפס ענין. אָבער באַקאַיען האָב איך געוואָרנט, אַז עטלעכע טעג דאַרף ער זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מיין שמועס מיט סאַווינקאָוון, ווענן ער, טשערנאָוו און נאַטאַנסאָן אַוועק צו אַזעפן און האָבן

אים דערקלערט, אַז זיי באַשולדיקן אים אין דעם, אַז ער איז — אַן אַגענט פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. אַזעף איז געווען אויפגע-בראַכט און ער האָט פּראָטעסטירט. דאָס פאַרענדיקן דעם שמועס איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף מאָרגן.

ביינאַכט איז אַזעף אַנטלאָפן. אויף צומאָרגנס איז איינער פון די ס.-ר.-ן געקומען צו מיר דריי אַזייגער און ער האָט געזאָגט:

— אַזעף האָט געדאַרפט קומען געבן דערקלערונגען הײַנט צוועלף אַזייגער — און ער איז נישט געקומען!

— און ער וועט נישט קומען, — האָב איך געזאָגט, — אויב איר האָט אים איבערגעלאָזט אויף דער פריי.

אין צוויי טעג אַרום (7-טן יאַנואַר 1909-טן יאָר), האָבן די ס.-ר.-ן — נישט דערוואַרטנדיק זיך אויף אַזעפן — דורך אַ ספּעציע-לער פּראָקלאַמאַציע אים דערקלערט אַלס פּראָוואָקאַטאָר.

אַזעף איז פאַרשוואונדן. די עסערן האָבן אים אַרויסגעטראָגן אַ טויט-אורטייל. עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד האָבן זיי זיך באַמיט געפינען אים און אויספירן איבער אים דעמדאָזיקן אורטייל. אָבער אַזעפן האָט מער קיינער קיינמאָל נישט געקענט באַגעגענען. בלויז אין 1912-טן יאָר, ביי אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען, איז מיר געלונגען טרעפן זיך מיט אים אין דייטשלאַנד.

נאָך אַזעפס אַנטלויפן איז די אויפרעגונג קעגן די ס.-ר.-ן געווען אומגעהייער גרויס. זיי האָבן טאָג-טעגלעך געמוזט געבן דערקלערונגען סיי איינצלנע פּערזאָנען סיי אויף פאַרזאַמלונגען. מען האָט זיי באַשולדיקט אין דעם, אַז זיי האָבן באַוווסטזיניק אויסבאַהאַלטן אַזעפן. אַלע האָבן דערוואַרט, אַז איך וועל אַרויס-טרעטן קעגן די ס.-ר.-ן און כ'וועל זיי דערמאָנען דעם קאַמף מיט מיר צוליב אַזעפן. אַ סך האָבן דאָס פון מיר געפאָדערט.

מיין לאַגע איז נאָך אַזעפס דעמאַסקירונג געווען אַזאַ, אַז איך האָב, פאַרשטייט זיך, געקענט אַרויסטרעטן מיט באַשולדיקונגען נישט נאָר קעגן טשערנאָוון און נאַטאַנסאָנען, נאָר אויך קעגן דער גאַנצער פּאַרטיי ס.-ר.-ן. מיינע אַרויסטרעטונגען האָבן דערוואַרט די ס.-ר.-ן גופא. איך האָב דאָס אָבער נישט געוואָלט טאָן און קודם-כל האָב איך אָפן דערקלערט, אַז כ'גלויב נישט אין דעם, אַז עמיץ פון די עסערן זאָל האָבן געוווּסט וועגן אַזעפס אמתער ראָל.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן דעמאַסקירן אַזעפן זענען

די ס.-ר.-ן געקומען אין דער רעדאַקציע פון „בילאָע" „שלום מאַכן". זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי האָבן אַ טעות געהאַט אָבער אַ טעות געהאַט געוויסנהאַפט און זיי האָבן געהאַלטן, אַז זיי זענען אַ סך שולדיק בנוגע מיר. אָבער אויב איך האַלט, אַז זיי האָבן געוויסנהאַפט אַ טעות געהאַט, לייגן זיי מיר פאַר אין אינטערעס פון אַלגעמיינעם קאַמף צונויפשטעלן אַ דערקלערונג, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו די באַשולדיקונגען, וועלכע מען האָט דאַן געוואָרפן קעגן זיי. די געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָט קאַטעגאָריש באַשולדיקט די ס.-ר.-ן אין דעם, אַז אַחוץ אַזעפן האָבן צוזאַמען מיט אים געדינט אין דער אָכראַנע אויך אַנדערע אָנגעזעענע ס.-ר.-ן ווי טשערנאָוו, באַטאַנסאָן, אַז בעת דעם געריכט איבער מיר האָבן זיי באַוווסטזיניק געדעקט אַזעפן, — מיט איין וואָרט, אַז אַ סך פון זיי זענען פונקט אַזוי שולדיק, ווי אַזעף גופא.

אין נאָמען פון די ס.-ר.-ן, וואָס זענען געקומען צו מיר, האָט מער פאַר אַלץ גערעדט סאַווינקאָוו. נאָך אונזער גאַנצן קאַמף צוליב אַזעפן איז ביי מיר פאַרבליבן וועגן אים אַ דערוויי בערונג, ווי וועגן אַן ערלעכן קעגנער. הגם איך האָב געוווסט, אַז נישט אַלע ס.-ר.-ן וועלן זיך אויך שפּעטער באַציען צו מיר, ווי סאַווינקאָוו, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך גערעכנט, אַז צו אַלץ איז דאָך דאָ אַ מאָס, און אַז נאָכן ענין אַזעף וועלן סיי די באַטאַנסאָנס און סיי די טשערנאָווס שוין מער נישט באַציען זיך צו מיינע דעמאַסקירונגען פון די פּראָוואָקאַטאָרן און צו מיין גאַנצער טעטיקייט נאַטאַנסאָניש און טשערנאָוויש.

איך האָב מסכים געווען אונטערצושרייבן מיט די ס.-ר.-ן אַ דערקלערונג וועגן דעם, אַז אונזער פּראָצעס וועגן ענין-אַזעף איז שוין פאַרענדיקט, און אויף וויפל מיר געדענקט זיך, האָב איך נישט אַריינגעטראָגן קיין שום ענדערונגען אין דעם פון פריער דורך זיי צוגעגרייטן טעקסט. די עסערן האָבן דאַן נישט באַהאַלטן זייער פאַרוווּנדערונג צוליב דעם, מיט וואָסער לייכטקייט איך האָב פאַר אַמאָל אויסגעשטראָכן מיין לאַנגן, אומגעוויינלעך-שווערן קאַמף מיט זיי באַכדעם, ווי איך האָב אים אַזוי גלענצנדיק געוווּנען, און וואָס איך האָב נישט נאָר נישט געוואָלט פאַנאַנדערבלאָזן די ליידנשאַפטן, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט קעגן זיי, און זיך נוקם זיין פאַר דאָס אַלץ, וואָס זיי האָבן געטאָן בנוגע מיר, נאָר מיט מיין דערקלערונג

האָב איך שווער געמאַכט פאַר אַנדערע צו באַשולדיקן זיי אין באַוווסטזיניק אויסבאַהאַלטן אַזעלכע, אַלס פּראָוואָקאַטאָר.

מיין דאָזיקער אָפּמאַך מיט די ס.־ר.־ן האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם פון אויפרעגונג קעגן מיר מצד די־יעניקע, וועלכע האָבן מיך אין געהיים אונטערגעהאַלטן, אָבער על־פּי־רוב זיך אויסבאַהאַלטן אונטער פּסוידאָנימען און זיך אַפילו אָפּגעזאָגט פון דער ראָל פון אַזעלכע באַשולדיקער. זיי האָבן דאָס באַטראַכט אַלס אַ מין פאַרראַט פון מיין זייט און זיי האָבן אומבאַדינגט געוואָלט, אַז איך זאָל אויסנוצן די געשעפטן, פאַר מיר אומגעוויינלעך גינסטיקע לאַגע נאָך אַזעלכע דעמאַסקירונג, און פירן אַ סיסטעמאַטישן קאַמף מיט די ס.־ר.־ן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו מיר אין רעדאַקציע געקומען נאַטאַנסאָן, אַביסל אַן אומזיכערער, נישט ווויסנדיק, ווי איך וועל אים אויפנעמען. ער האָט אָבער תּיכּף דערזען, אַז איך וויל זיך לחלוטין נישט באַנוצן מיט דער לאַגע, וואָס איז פאַר מיר געשאַפן געוואָרן דורך אַזעלכע דעמאַסקירונג, און כ׳האָב נישט בדעה דערמאָנען אים די פאַרגאַנגענהייט.

איך האָב אים פריינטלעך באַגעגנט. מיט אַ גערירטער שטימע האָט נאַטאַנסאָן געזאָגט צו מיר:

— נו, וולאַדימיר לוואָוויטש, לאָמיר פאַרגעסן אַלץ וואָס איז געווען!

און ער האָט זיך אַ צי געטאָן צו מיר מיט אָפענע אָרעמס...

ווייזט אויס, אַז אין יענער מינוט האָט זיך אים געדוכט, אַז ער פאַרגלעט אַלץ, וואָס ער האָט ביז דאַן געטאָן אַקעגן מיר, אָבער איך האָב געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש.

„צי דען וועט ער ווייטער אויך טאָן לגבי מיר דאָסזעלבע, וואָס ער האָט געטאָן ביז איצט?"

כּדי צו דערקלערן מיין דעמאָלטיקע באַציאונג צו די ס.־ר.־ן וועל איך זאָגן עטלעכע ווערטער.

בעת דער רעאַקציע האָב איך אונטערגעהאַלטן אַלע רעוואָלוציאָנערע און אָפּאָזיציאָנעלע ריכטונגען — צווישן זיי אויך די ס.־ר.־ן.

איך האָב אָבער שוין דעמאָלט געוווסט, אַז אין דער פּראָגראַם און אין דער טעטיקייט פון די ס.־ר.־ן איז געווען אַ סך

אַזוינס, וואָס האָט אויפן שרעקלעכסטן אופן געקענט אָפּרופן זיך אויפן לעבן פון גאַנצן לאַנד אין פּאַטאַלע מאָמענטן פון זײַן געשיכטע. אויף דעם האָב איך כּסדר אויפמערקזאַם געמאַכט די ס.־ר.־ן גופא — און צו אַן אידייאישן קאַמף מיט זיי האָב איך אין מײַנע אויסגאַבן דאַן גערופן אַלעמען. אָבער די, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט מיר, אַפילו די קאַדעטן, האָבן זיך תּמיד באַצויגן גלײַכגילטיק צו מײַנע ווענדונגען. אָבער בײַ די, וועלכע האָבן מיך דאַן געשטויסן צום קאַמף מיט די ס.־ר.־ן צוליב אַזעפן, האָב איך געזען אַ פאַרלאַנג צו קעמפן מיט זיי נישט אַזוי ווי מיט אַ פּאַרטיי, צוליב אידייען, ווי מיט אײנצלנע פּערזאָנען צוליב טעותן. אַזאַ קאַמף איז נישט געווען מײַן קאַמף און די, וואָס האָבן מיך צו אים געשטויסן, זענען תּמיד געווען ווײַט פון מײַן וועג.

אַזעפס דעמאַסקירונג האָב איך די גאַנצע צײַט געפירט אַזוי, איך זאָל שפּעטער נישט דאַרפן ציען צוריק קיין אײנ־ציקן וואָרט. איך האָב זי געוואָלט ענדיקן פּונקט אַזוי ערלעך, ווי איך האָב זי ערלעך געפירט.

נישט געקוקט אויף דער גרויסער פּאָראויסגעגאַנגענער ביטערער דערפאַרונג, האָב איך פונדעסטוועגן געהאַט אַ געוויסע האָפנונג, אַז אַזעפס ענין וועט צווינגען די ס.־ר.־ן זיי זאָלן אויף ווײַטער גערעכטער באַציען זיך צו מײַן קאַמף מיט די פּראָוואָקאַטאָרן, און זיי וועלן אויפהערן צו ריידן וועגן מײַן קורצזיכטיקייט און זיי וועלן באַגרײַפן, וויפל שאָדן זיי האָבן געבראַכט מײַן דעמאַלטיקן קאַמף מיט דער פּראָוואָקאַציע.

אָבער נישט דאַן, נישט שפּעטער, האָב איך זיך קיינמאָל נישט דערוואַרט אַפילו אויף דער עלעמענטאַרסטער גערעכטיקייט נישט נאָר מצד טשערנאָוון און נאַטאַנסאָנען, נאָר אויך מצד דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן אַלס אַזעלכע. פאַרקערט, מצד דער פּאַרטיי האָט מען אינגיכן ווידער גענומען איבערחזרן קעגן מיר די אַלטע באַשולדיקונגען. די עסערן זענען אויך דאַן פאַרבליבן מײַנע שונאים, ווי זיי זענען דאָס געווען בײַם ענין־אַזעף, — און אין קאַמף קעגן מיר איז ווי פריער תּמיד געגאַנגען בראש נאַטאַנסאָן.

נאָכן פאַרענדיקן דעם ענין־אַזעף האָב איך אָנגעשריבן בריוו צו מײַנע פרײַנט — לאָפּאַטין און קראַפּאָטקין — און זיי הייס געדאַנקט.

— „אייער דאַנק, האָט צו מיר געשריבן (9. I. 1909 לאַפּאַטין אין זיין ענטפער אויף מיין בריוו, — וואַרף איך נישט אָפּ צוליב פאַלשער באַשיידנקייט, פאַרשטייענדיק אונטער דעם אַ פשוטע אָנערקענונג פון מיין פלייסיקער, מאָראַלישער הילף אין דאָזיקן ענין. דיזעלבע דאַנקבאַרקייט האָב איך געפילט די גאַנצע צייט און כ׳פיל איצט צו פירשט פּיאָטר (פירשט קראַפּאָטקין). אָן זיין מאָראַלישער אונטערשטיצונג וואָלט מיר — אַ געוועזענעם נאַראָדאָוואָלעץ, אַ ירושהדיקן ס.־ר., דעם חבר פון וו. ג. (פיגנער) און אַ פריינט פון אַלע אָנוועזנדיקע, וואָס איז זייער געניייגט צו זיי און וואָס שעצט הויך זייער געניייגטקייט צו מיר, — געווען זייער שלעכט, און ס׳איז טאַקע געווען!״

אויף מיין בריוו צו קראַפּאָטקינען, ווו איך האָב אים געדאַנקט פאַר זיין אָנטייל אין ענין־אַזעף, האָט ער געשריבן (14. I. 1909) צו מיר:

„נישט מיך, נאָר אייך דאַרף מען אַרומנעמען, און נאָך ווי! איך פאַרשטיי דאָך, וואָס איר האָט איבערגעלעבט, ס׳איז בויטיק אַ סך גלויבן, און קראַפט, און אייער טיפע באַציאונג צו דער זאַך״.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פון קראַפּאָטקינען באַקומען נאָך אַ בריוו (17. I. 1909) אַלס ענטפער אויף מיין פרישן בריוו, ווו איך האָב אים מודיע געווען, אַז כ׳גרייט אַ בראָשור וועגן אַזעפן.

„כ׳וואַרט מיט אומגעדולד אויף די ווייטערדיקע ידיעות, — האָט קראַפּאָטקין געשריבן, — און כ׳וואָלט געווען זייער צופרידן, ווען איר וואָלט מיר צוגעשיקט די קאָרעקטע פון אייער געפלאַנטער בראָשור, נישט וואַרטנדיק ביז זי וועט דערשיינען.

געדענקט, מיין טייערער, — זייט נישט בייז פאַר דערדאָזיקער עצה, — געדענקט, אַז אין אייער בראָשור דאַרפט איר זיין זייער איינגעהאַלטן לגבי די ס.־ר.־ן, כדי נישט אַרויפצוואַרפן אויף זיי צו פיל. זייער שולד איז זייער גרויס, אָבער האָבן אַ טעות איז אַ מענטשלעכע זאַך, באַזונדערס ביי מענטשן פון טאַט.

היט זייער פאַרטיי, עס זאָל נישט זיין קיין פ אַ נ י ק.

און אַ פאַניק איז זייער מעגלעך, אויב ער איז פ אַ ר ש וו ו נ ד ן ג ע וו ו אָ ר ן און ער קען אַלץ, אַלץ אויסגעבן!״...

אַביסל שפּעטער האָט מיר לאַפּאַטין געשריבן (5. 2 .1909) בנוגע דער דערקלערונג, וועלכע איך האָב אונטערגעשריבן צוזאַמען מיט די ס.־ר.־ן וועגן דער פאַרענדיקונג פון אַזעפס ענין:

„צוליב דעם שלום פון 30 יאַנואַר ה. י., איז דער בוררים־געריכט געוואָרן אומגילטיק, זיין טעטיקייט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און זיין עקזיסטענץ גופא איז אָפּגעשאַפט, ווייל ער דאַרף נישט אָננעמען קיין שום באַשלוסן אָדער אַרויסזאָגן וועלכע־נישט־איז מיינונגען. אָבער געוויס, ווען די זאַך וואָלט געגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג און עס וואָלט דערגאַנגען צו אַ באַשלוס פון געריכט, וואָלט ער געמוזט מודה זיין, אַז נישט נאָר וואָס ער זעט נישט איין אין אייער טעטיקייט אין ענין אַזעף קיין לייכט־זיניקע פאַרשפּרייטונג פון אומבאַגרינדעטע און שעדלעכע פאַר דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן קלאַנגען, נאָר — פאַרקערט — ער האַלט, אַז אַלע פּריינט פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג אין רוסלאַנד דאַרפן אייך דאַנקען דערפאַר, וואָס אייער עקשנות האָט אַזוי פיל מיט־געהאָלפן צו אַנטדעקן און פאַרניכטן די שרעקלעכע פּראָוואָקאַציע".

ווייטער, אין זעלבן בריוו, זאָגט לאַפּאַטין עטלעכע ווערטער אויך וועגן באַקאַיען, אויף וועלכן די ס.ר.־ן פלעגן אָנפאַלן נישט נאָר פאַר, נאָר אויך נאָך אַזעפס דעמאַסקירונג.

„וואָס שייך באַקאַיען — דעמדאָזיקן אויסגאַנגס־פּונקט פון אַלע אייערע פאָרשונגען אין דאָזיקן ענין — מוז איך זאָגן (ריידנדיק נאָר פאַר זיך אַליין, אויף וואָס איך האָב בלויז רעכט), אַז זיינע דערקלערונגען האָבן געמאַכט אויף מיר די גאַנצע צייט דעם איינדרוק פון פולער **אמתדיקייט** און נישט נאָר פון סובּ־יעקטיווער, נאָר אויך פון אָביעקטיווער אמתדיקייט, ד. ה., מיר האָט זיך די גאַנצע צייט אויסגעדוכט, אַז באַקאַי איז נישט נאָר **איבערצייגט** אין דעם, אַז די זאַך איז טאַקע פאָרגעקומען אַזוי, ווי ער דערציילט, נאָר אַז זי איז טאַקע **באמת** פאָרגע־קומען אויף אַזאַ אופן. כ'וועל צו דעם צוגעבן, אַז די דערקלע־רונגען פון איינעם אַ וויכטיקן, באַהאַוונטן און באַגלויבטן מענטשן (לאַפּאַטין האָט, דאַכט זיך, געהאַט אין אויג לאָפּוכינען), האָבן שפּעטער באַשטעטיקט כמעט אַלע דערקלערונגען פון באַקאַיען, אַמאָל אַפילו אין די נישטיקסטע און צוערשט נישט־באַמערקטע דעטאַלן".

קאַפּיטל XVI.

די געריכטלעכע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע וועגן אַזעפס ענין. — די פּאָלעמיק פון דער „רעוואָלוציאָנערער רוס־לאַנד". — בעללאָס זעלבסטמאָרד.

די פּאַרטיי ס.־ר.־ן האָט ווייטער געפירט דעם קאַמף מיט מיר אויך נאָך אַזעפס דעמאַסקירונג, ווי איך וועל דאָס דערציילן ווייטער — למשל, אין שייכות מיט אַזעפן האָבן זיי געחלשט אָפּרעכענען זיך מיט מיר נאָך אין 1912־טן יאָר, נאָך מיין באַגעגעניש מיט אים אין פראַנקפורט.

אויף אַ פאַרזאַמלונג אין פּאַריזש, אין עטלעכע טעג אַרום נאָכן דעמאַסקירן אַזעפן, האָט מיר טשערנאָוו נאָך אַלץ פאָר־געוואָרפן דאָס, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין גענוגנדיקע באַווייזן קעגן אַזעפן.

אין דער „רעוואָלוציאָננאַיאַ ראָססיאַ" האָט מען קעגן מיר ווייטער געפירט אַ פּאָלעמיק אין אַ מער פאַרשטעלטער פאָרם, אָבער איר ליידנשאַפטלעכקייט איז געווען די פריערדיקע.

„וו. ל. בורצעוון האָט די פּאַרטיי אין ענין אַזעף אַ סך צו פאַרדאַנקען, — האָבן די ס.־ר.־ן געשריבן אין „רעוואָלוציאָננאַיאַ ראָססיאַ", — און זי דאַרף אים זיין זייער דאַנקבאַר. מיט דער עקשנות אין זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן אַזעפן און דער אומ־דערמידלעכקייט ביים אויסזוכן באַווייזן קעגן אים האָט ער דעם גאַנצן ענין געגעבן אַזאַ שטויס פאָראויס, אַז פאַר דעם ווערט בלאָס, באַזייטיקט, ווערט צו קליין די פראַגע וועגן די אומנאָר־מאַלע באַציאונגען, וועלכע ער האָט דערביי איינגעשטעלט צום צ. ק. פון דער פאַרטיי. און מען קען בלויז באַדויערן, וואָס נאָך אַזאַ פאַרדינסט ביים דעמאַסקירן אַזעפן, טרעט ער אַרויף אויף אַזאַ ראַדיקאַל־פאַלשן וועג אין דער ריכטונג פון זיין אידייאיש־פּאָליטישער אַגיטאַציע וועגן דאָזיקן ענין".

אָט וועגן וואָס די ס.־ר.־ן האָבן באַדויערט.

איך האָב קיינמאָל נישט צוגעלאָזן דעם געדאַנק, ווי דאָס האָבן געטאָן זייער אַ סך (כמעט אַלע), אַז צווישן די ס.־ר.־ן האָט עמיץ געוווּסט וועגן אַזעפס דאָפּלטער ראָל, און דורך

מיינע אַרויסטרעטונגען אין דער פּרעסע האָב איך פּאַראַליזירט דידאָזיקע באַשולדיקונגען, — וועלכע זענען שוין פאָרמולירט געוואָרן דורך דער עפנטלעכער מיינונג, — קעגן טשערנאָוון, נאַטאַנסאָנען און אייניקע אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. פון די ס.־ר.־ן. איך האָב אָבער פאַרזיכערט, אַז אויב דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט גופא האָט אַקטיוו נישט אונטערשטיצט אַזעפן אין די טעראָריסטישע אַקטן און ער האָט אַפילו נישט געוווּסט וועגן זיין ראָל אין זיי, האָבן אָבער אייניקע אָנפירער פון פּאָליטישן אויסשפיר־דינסט, ווי ראַטשקאָווסקי, ראַטאַיעוו, געראַסימאָוו, געוווּסט, אַז אַזעף באַקומט די ידיעות וועגן די ס.־ר.־ן נישט נאָר אַדאַנק זיינע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט איינצלנע ס.־ר.־ן, נאָר דערפאַר, וואָס ער, דער נאָנטסטער מענטש צו גערשונין און סאַווינקאָוון, איז געווען דער אַקטיווסטער מיטגליד פון דער פּאַרטיי און אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער האָט דעריבער נישט געקענט נישט אָנטיילנעמען אין אייניקע טעראָריסטישע אַקטן. דאָס האָבן זיי אַלע געוווּסט און שלום געמאַכט דערמיט, ווייל זיי האָבן הויך געשעצט די ידיעות וועגן די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע זיי באַקומען דורך אים. די עסערן האָבן, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, אַז איך בין גערעכט, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי מיר דערווידערט, ראַטעווענדיק דעם פּרעסטיזש פון זייער אָרגאַניזאַציע.

נאָך אין אָנהויב 1905־טן יאָר, ווען לאָפּוכין איז אַוועק פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַזעף באַקומט זיינע ידיעות וועגן די ס.־ר.־ן נישט דערפאַר, וואָס ער איז פּערזענלעך נאָנט געווען צו גערשונין, נאָר דערפאַר, ווייל ער אַליין איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער פּאַרטיי, וועלכע האָט אין יענער צייט געפירט אַן אַקטיוון טעראָריס־טישן קאַמף. לאָפּוכין האָט זיך דאַן שוין געהאַט איבערצייגט אויך אין דעם, אַז אַזעפס אוממיטלבאַרער אָנפירער, ראַטאַיעוו, האָט סיסטעמאַטיש און באַוווּסטזיניק אויסבאַהאַלטן אַפילו פון זיין העכערער מאַכט אַזעפס אמתע ראָל, און ער האָט געוואָרנט זיינע נאָכגעגנגער וועגן דעם, וואָס אַזוינס אַזעף שטעלט פאָר מיט זיך, און ער האָט אומבאַדינגט געפאָדערט מען זאָל אים אַרעסטירן. נאָך לאָפּוכינען איז אַזעפס ראָל נאָך קלאָרער

געוואָרן פאַרן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. וועגן דעם האָבן דערטראָגן אויך די אַנדערע ס.־ר.־ן־פּראָוואָקאַטאָרן, ווי טאַטאַראָוו און זשוטשענקאָ. דאָס האָט באַזונדערס קלאָר געמוזט פאַרשטיין, — און ער האָט דאָס נישט געקענט נישט פאַרשטיין, — גערעסימאָוו בעת דעם געריכט איבער מיר אין אַזעפס ענין, ווען ער האָט אויך נאָך מיינע דעמאַסקירונגען זיך באַמיט ראַטעווען אַזעפן. אַזעף איז אים אויך דאַן נויטיק געווען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז דעמאַסקירט געווען אין אָנטיילנעמען אין פּאָליטישע אַקטן און פאַר קיינעם איז שוין מער קיין ספק נישט געווען, אַז ער איז דער הויפּט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע.

די עסערן האָבן, פאַרקערט, געוואָלט דערווייזן, אַז וועגן אַזעפס ראָל, אַלס אַקטיווער טעראָריסט, האָבן גאָרנישט געוווּסט אפילו ראַטשקאָווסקי און גערעסימאָוו. אין מיין באַשולדיקונג קעגן גערעסימאָוון און ראַטשקאָווסקין האָבן זיי איינגעזען אַ דערנידערונג און אַ קאָמפּראָמיטאַציע פון דער טעראָריסטישער טעטיקייט פון זייער פאַרטיי.

אין דאָזיקן זינען האָט דער צ. ק. פון די ס.־ר.־ן אַרויס־געלאָזן אַ פּראָקלאַמאַציע וועגן ענין אַזעף. זי האָט פון פאַר־שיידענע זייטן אַרויסגערופן שאַרפע פּראָטעסטן. אין שייכות מיט איר האָט איינער פון די באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוער געשריבן צו מיר:

„איך האָב האַלב-אָפיציעל מודיע געווען דעם צ. ק. דורך פ. וועגן דעם, פאַרוואָס זיין פּראָקלאַמאַציע זעט אויס ווי אַ פאַר־דרייאונג פון אמת און זי רופט אָן ספק אַרויס פאַרפירערישע אויסטייטשונגען וועגן אַזעפס טעטיקייט, העלפנדיק דער פּאָליציי און איינצלנע פערזאָנען, ווי ראַטשקאָווסקין, למשל, אין דער נישט-לייכטער אַרבעט פון ריינוואַשן זיך פון די חשדים וועגן מיטאַרבעט מיט אַזעפן.

אין שמועס מיט פ. האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער אָפּזאַץ, וואָס רעדט וועגן דעם, אַז דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט נישט געוווּסט, האָט אין זינען דידאָזיקע אינסטיטוציע, אַלס אַזעלכע, אָבער נישט קיין איינצלנע אָנגעשטעלטע. איך האָב אָנגעוויזן אויף דער שרעקלעכער רעדאַקציע, וואָס האָט אַרויס־גערופן און רופט אַרויס אויך איצט אַ פאַרקערטע אויסטייטשונג

פון צ. ק.—ס געדאַנק (ביי די, וועלכע קענען אַליין דענקען) און אַ פּאַרקערטע פּאָרשטעלונג וועגן אַזעפן (ביי די, וועלכע טראַכטן, ווי מען הייסט פון אויבן). איך האָב פּאָרגעלייגט אָנצונעמען מיטלען, כדי: א) די פּראָקלאַמאַציע זאָל אין איר איצטיקער געשטאַלט מער נישט פאַרשפּרייט ווערן און ב) עס זאָל אַרויס-געלאָזן ווערן אַ דערקלערונג צום אָפּזאָג, וואָס האָט אַרויסגערופן די מיספאַרשטייעניש".

אָבער געוויס, די דעמאָלטיקע אַמפּעריי צווישן די ס.-ר.-ן מיט מיר צוליב אַזעפן איז בלויז געווען איינע פון די סיבות, פאַרוואָס זיי האָבן קעגן מיר געפירט אַ קאַמפּאַניע. זי איז, דער עיקר, דערקלערט געוואָרן דורך אַנדערע סיבות. די פּאָלעמיק מיט די ס.-ר.-ן האָב איך שוין געפירט פון לאַנג. גלייך פון אָנהויב, ווי עס איז געגרינדעט געוואָרן זייער פּאַרטיי, האָב איך זיך באַצויגן נעגאַטיוו צו זיי אין אַ סך עיקרדיקע פראַגן פון זייער פּראָגראַם און טאַקטיק.

די עסערן, אַלס סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, זענען תמיד געווען פאַר רעוואָלוציע און פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף און שטענדיק קעגן עוואָלוציע, — און איך בין געווען פאַר אַ רעוואָלוציע אָן אַ רעוואָלוציאָנערן קאַמף אָדער פאַר עוואָלוציע אָפּהענגיק פון די באַדינגונגען.

איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער פאַר יעדן פּרייז און איך בין תמיד גרייט געווען אין נאָמען פון סאָציאַליזם צו זיין קעגן דער רעוואָלוציע פאַר עוואָלוציע, ווען זי איז געוואָרן מעגלעך.

די דעמאַסקירונג פון אַזעפן האָט נישט געקענט נישט מאַכן קיין דערשיטערנדיקן איינדרוק אויף די ס.-ר.-ן

כ'וועל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן איינעם פון אַזעפס קרבנות.

מיט אַ צוויי-דריי חדשים פאַר אַזעפס דעמאַסקירונג האָט מיר סאַווינקאָוו געבעטן איינצואָרדנען אַ „דועל" וועגן אַזעפן, — אַז איך זאָל אים דערציילן וועגן אַזעפן אַלץ, וואָס איך ווייס, און ער — מיר. סאַווינקאָוו האָט פּאָרגעלייגט צו אַמפּערן זיך ביזן סוף. מיר זענען זיך עטלעכע מאָל צונויפגעקומען און געאַמפּערט זיך. איינמאָל איז בעת אונזערע דאָזיקע אַמפּערייען אָנוועזנדיק

געווען דער מיטגליד פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע בעללאַ לאָפּינאַ, וואָס האָט גרעניצלאָז געגלויבט אַזעפן. אָבער דורך אונזערע דאָזיקע שמועסן האָבן מיר איינער דעם צווייטן נישט איבערצייגט, און יעדער איינער איז געבליבן ביי זיין מיינונג וועגן אַזעפן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום איז צו מיר אין דירה געקומען בעללאַ — איינע אַליין. איך האָב זי גוט און פון לאַנג געקענט, און איך פלעג זיך תּמיד פריינטלעך טרעפן מיט איר. אין פּעטערבורג איז זי געווען דער סעקרעטאַר פון אונזער זשורנאַל „בילאָע". דאָס איז געווען איינע פון די איבערגעגעבענע ס.-ר.-ן, אַן אויפריכטיקע, אַ פאַנאַטישע. צו מיר איז בעללאַ, ווייזט אויס, געקומען צוליב דעם, כדי נאָכאַמאָל פּרווון איבערצייגן מיך אין דער אומזיניקייט פון מיינע באַשולדיקונגען קעגן אַזעפן און, ענדיקנדיק דעם שמועס, האָט זי געזאָגט:

— וולאַדימיר לוואָוויטש, מיר האָבן אייך דערציילט די קאָנספּיראַטיוועסטע ידיעה וועגן אַזעפן. איצט ווייסט איר אַלץ. אייער ווייטערדיקע באַשולדיקונג קעגן אַזעפן איז נישט מער ווי איינגעשפּאַרטקייט פון אייער זייט. צי דען פאַרשטייט איר נישט, וואָס איר טוט? איר ווייסט, וואָס עס וועט אייך איבערבלייבן צו טאָן, ווען איר וועט זיך איבערצייגן, אַז אַזעף איז אַן אָרנטלעכער מענטש?

— כ'ווייס. מיר וועט דאַן בלייבן צו טאָן איינס: זיך אַריינשיסן אַ קויל אין שטערן... און איך וועל דאָס טאָן!

— יאָ. איר וועט נישט האָבן קיין אַנדער אויסוועג! איר וועט דאָס מוזן טאָן!

— נו, — האָב איך געזאָגט צו איר, — און אויב איך בין גערעכט? און אויב אַזעף איז באמת אַ פּראָוואָקאַטאָר? און אויב איר אַרבעט די גאַנצע צייט מיט אַ פּראָוואָקאַטאָר? און אויב דער ראש פון אייער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז אינדעראמתן אַ פּראָוואָקאַטאָר?..

— נו, דאַן, — בעללאַ האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט, — דאַן וועלן מיר אַלע זיך דאַרפן דערשיסן.

זי האָט זיך נערוועז, אויפגערעגט אויפגעהויבן און גענומען גיין צום אַרויסגאַנג. אין אירע אויגן האָב איך געזען אַ שנאה צו מיר און דאָס, אַז צווישן אונז איז אַלץ געענדיקט... איך האָב

זי געקומען באַגלייטן צו דער טיר און כ׳האָב איר אויסגע-שטרעקט די האַנט. זי איז דעמאָנסטראַטיוו אַרויסגעגאַנגען פון מיין דירה, נישט געזעגענענדיק זיך מיט מיר...

איך האָב מיט ליבע אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער אויף דערדאָזיקער ערלעכער, פאַרעקשנטער פאַנאַטיקערין, וועלכע האָט זיך שנעל דערווייטערט פון אונזער שטוב... אין יענער מינוט איז מיר געווען זייער שווער פאַר איר...

ערשט נאָך אַזעפּס אַנטלויפן האָט זיך בעללאַ איבערצייגט אין דעם, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

איינמאָל בין איך געקומען אויף איינער אַ פּאַריזשער קאָלאָניע-פאַרזאַמלונג. פונדערווייטנס האָב איך געזען, ווי לעבן וואַנט, באַשיידן פאַרטראַכט שטייט בעללאַ. איך בין לעבן איר פאַרביי-געגאַנגען. זי האָט מיך דערזען צום ערשטן מאָל נאָך אַזעפּס דעמאַסקירונג און זי האָט וואָרשיינלעך זיך דערמאָנט, ווי מיר האָבן זיך צעשיידט דאָס לעצטע מאָל. זי האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט, זיך ווי-איינגעקאָרטשעט און האָט נישט געוווסט, וווּ אַהינצוטאָן אירע אויגן. איך בין פאַרבייגעגאַנגען, מאַכנדיק אַן אָנשטעל, אַז כ׳האָב נישט באַמערקט איר פאַרלוירנקייט. אַרויס-גייענדיק פון דער פאַרזאַמלונג, האָב איך זיך באַגריסט מיט איר, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, און כ׳האָב איר געזאָגט עטלעכע באַגריסונגס-ווערטער. דורכדעם האָב איך איר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז כ׳האָב איצט נישט בדעה אָפּצושליסן מיט איר אונזערע אַלטע אַזעפּשע חשבונות. דערנאָך האָב איך זי נישט איינמאָל געזען, ווען זי איז געווען רואיקער. געוויס, איך האָב מיט איר קיינמאָל נישט פאַרפירט קיין שמועס וועגן אַזעפּן.

אין דער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אויף אויסצופאָרשן אַזעפּס ענין, האָבן אַ סך פון די, וואָס האָבן אים פריער פאַרטיידיקט, געדאַרפט געבן דערקלערונגען. אויך בעללאַ האָט געגעבן דערקלערונגען.

אויף איר איז געפאַלן דער חשד, אַז זי האָט געוווּסט אַזעפּס אמתע ראָל און זי האָט אים צוליב רעוואָלוציאָנערע צילן מיטגעהאָלפן. אין שייכות מיט איר האָט מען אויך מיך אויס-געפרעגט אין דער קאָמיסיע. איך האָב, פאַרשטייט זיך, קיין

איין מינוט נישט דערלאָזן די מעגלעכקייט, אַז זי זאָל האָבן געוווּסט אַזעפּס אמתע ראָל.

איינמאָל איז בעללאַ געקומען צו מיר אין רעדאַקציע פון „בילאָע״. זי איז, קענטיק, געווען אויפגערעגט. זי האָט געפרעגט דעם אַדרעס פון אונזער געמיינזאַמען באַקאַנטן אין רוסלאַנד, צו וועלכן זי האָט געדאַרפט שרייבן, און מיר האָבן פריינטלעך גערעדט וועגן געוויינלעכע זאַכן.

אויף צומאָרגנס האָט מען מיר מיטגעטיילט, אַז בעללאַ האָט זיך דערשאָסן.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מען האָט זי באַשולדיקט אין זייער אַ שאַרפער פאָרם. די עפנטלעכע מיינונג, אָדער ריכטיקער, דער שלעכטער ווילן פון רכילותניקעס האָט פאַרבונדן איר טויט מיט מיינע באַשולדיקונגען, און איך האָב גלייך דאַן באַשטאַנען אויף דעם, אַז די ס.ר.־ן זאָלן אָפיציעל אָפּלייקענען דידאָזיקע רכילות.

הוספות

בריוו אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

I.

דער ערשטער דינסט־אָנבאָט.

אין אַרכיוו פון געוועזענעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט האָבן זיך אויפגעהיט צוויי בענדער אַקטן וועגן אַזעף, וואָס הויבן זיך אָן אין 1893־טן יאָר (№ 420 אין דער דריטער אָפּטיילונג).

צווישן דידאָזיקע אַקטן האָט זיך אויפגעהיט אַזעפס ערשטער דינסט־אָנבאָט צום פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. דאָס איז אַ בריוו, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן אָן אַ אונטערשריפט דעם 4־טן אַפּריל (נייער סטיל) 1893־טן יאָר פון קאַרלסרוע; אַדרעסירט איז ער „An Polizeidirection" צו „זיין עקסעלענץ דעם דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט הערן דורנאָוואָ". אינם אויטאָגראַף פונם בריוו איז איין ווינקל אָפּגעשניטן (פאַרוואָס — זע בריוו III); די ווערטער און אותיות, וואָס זענען אויסגעקומען אין דאָזיקן ווינקל, האָבן מיר פאַרביטן מיט פונקטן.

קאַרלסרוע

זיין עקסע...

צום הער דיר....

דעפּאַרטאַמענט...

מעלדונג...

דערמיט האָב איך דעם כבוד . . . .

. . . דן אייער עק . . . . . לענץ, אַז . . . . שים

צוויי צוריק . . . . קרייזל פערזאָנען — רעוו . . . . .

. . ערן, וואָס שטעלן זיך פאַר . . . . צו פאַראייניקן אין

איין ג . . . אַלע פערזאָנען, וואָס לערנען זיך . . . .

אויסלאַנד, אין פאַרשיידענע . . . . עט, כדי פאַרנעמען זיך

ערנסטער מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור און דער עיקר זי אַריבער־
פירן קיין רוסלאַנד; . . . . . טער ציל געשט . . . . . .
שאַפן אַן אָרגאַני . . . . רוסלאַנד, די נעמען
פון אַלע . . . . רייזל איז מיר דערווייל . . .
. . . . באַקאַנט, כ'קען אָנוויי . . . .
דעם, אַז אַלע מיט . . . . זיי קען איך
אָנרו . . . . סאַמאָילאָוויטשן און מייעראָ . . . . .
. . . שטאָט ראָסטאָוו . . . . עקזיסטירט אַ קריי .
. . . . בעטער, אָנגע . . . . ט
אויך דורך ד. פרידמאַנען . . . . . . באָלדיר . . . . . .
און נאָך דורך אַנדערע פערזאָנען . . . . און
פערזאָנען, אויב נישט אוממיטלבאַר, טאָ דורך אומוועגן שרייבן זיי זיך דורך מיט די פערזאָנען פונם קאַרלסרוער קרייזל און, ווי מיר איז באַקאַנט, ווערן אַהין אַריבערגעשיקט פון דאַנען קאַוטסקיס ווערק: די פראָגראַם פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין אַ רוסישער איבערזעצונג. אויב איר וועט געפינען, אַז די ידיעות, וועלכע איך קען אייך צושטעלן, זענען נוצלעך פאַר אייך, בעט איך אייך מיר מודיע זיין וועגן דעם דורך אַ רעקאָמענדירטן בריוו פאָסט־רעסטאַנט אין קאַרלסרוע אונטער אותיות.

אייער ערגעבנסטער דינער, וואָס איז גרייט אייך צו דינען.

II.

דער צווייטער בריוו מיט פרטים.

אַזעפס צווייטער אויטאָגראַף, וואָס געפינט זיך צווישן די־דאָזיקע אַקטן, איז אַן ענטפער אויפן בריוו צו אים פון ג. ק. סעדיאַקינען, דעם דעמאָלטיקן פאַרוואַלטער איבער דער III אָפטיילונג פון פאָליצײ־דעפּאַרטאַמענט, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן פאָליטישן אויספיר־דינסט און האָט אוממיטלבאַר געפירט די קאָרעספּאָנדענץ מיט די געהיימע מיטאַרבעטער. אין דאָזיקן בריוו האָט סעדיאַקין פאָרגעלייגט אַזעפן „צוצושטעלן גענוי ידיעות וועגן איבערשיקן קיין רוסלאַנד טראַנספּאָרטן מיט אומלעגאַלע אויסגאַבן, מיט

אָנווייזונגען, ווען, וווהין, דורך וועלכן וועג, לויט וועלכן אַדרעס און דורך וועמען זיי ווערן איבערגעשיקט". אין זעלבן בריוו האָט סעדיאַקין פאָרגעלייגט אַזעפן זיך אָנצורופן און אָנווייזן זיין באַשעפטיקונג.

אין צווייטן בריוו באַמיט זיך שוין אַזעף אויסצולייגן זיין סחורה, ער וויקלט פאַנאַנדער אַ גאַנצע פּראָגראַם פון יענע ידיעות, וועלכע ער באַזיצט, — אַ פּראָגראַם באמת זייער אַ פאַרשטאַנדיקע, לויט וועלכער מען קען שוין משפּטן וועגן דער צוקונפטיקער אויסערגעווינלעכער קאַריערע פונם מחבר. כאַראַקטעריסטיש איז דאָס, וואָס אין דאָזיקן בריוו דעקט נאָך אַזעף נישט אויף זיין פאַמיליע: דאָס האָט ער, זיכער, באַשלאָסן צו טאָן נאָכדעם, ווען ער וועט קומען צו אַ הסכּם אין אַלע פּונקטן.

קאַרלסרוע 93 V/25

חשובער הער.

אַלס ענטפער אויף אייער בריוו פון 3-טן מאַי האָב איך דעם כּבוד מיטצוטיילן, אַז מיט דער צייט וועל איך אייך קענען צושטעלן זיכערע ידיעות וועגן טראַנספּאָרט פון אומלעגאַלע אויסגאַבן קיין רוסלאַנד, ווייל דער היגער קרייזל שטעלט זיך פאַר אַ ציל פאַרבינדן באַציאונגען מיט די רעוואָלוציאָנערן אין רוסלאַנד, צו וואָס עס איז נויטיק: פאַראייניקן אַלע רוסן, וואָס וווינען אין פאַרשיידענע שטעט אין אויסלאַנד, שאַפן אַ נייע סעריע אויסגאַבן פון אַרבעטער-ליטעראַטור (דער ערשטער נומער וועט דערשיינען אין אַ קורצער צייט), אַריבערטראַנספּאָרטירן דידאָזיקע אויסגאַבן אין יענע ערטער פון רוסלאַנד, ווו עס זענען דאָ רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער-קרייזלעך, און באַקומען פאַר דערדאָזיקער גאַנצער טעטיקייט מאַטעריעלע מיטלען פון רוסלאַנד. וועגן דידאָזיקע צילן פונם קרייזל טייל איך אייך מיט דערפאַר, ווייל איך האַלט, אַז איך זענען מן הסתּם נישט באַקאַנט גראָד דידאָזיקע צילן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אייך איז באַקאַנט די טעטיקייט פונם קרייזל. דידאָזיקע אויפגאַבע האָט זיך געשטעלט דער קרייזל פאַרהעלטניסמעסיק נישט לאַנג צוריק. לויט מיין מיינונג זענען די ידיעות וועגן דעם, ווי אַזוי די קרייזלעך קניפּן אָן באַציאונגען, מיט וועמען, דורך וועמען, אין וועלכע ערטער, ווער

קומט אַהער צופאָרן פון רוסלאַנד, ווער פאָרט פון דאַנען קיין רוסלאַנד, כדי אָנצוקניפן באַציאונגען, באַקומען מיטלען, ווי אַזוי דידאָזיקע מיטלען ווערן באַקומען, וואָסער ליטעראַטור ווערט געדרוקט, ווער פאַרנעמט זיך דערמיט און ווו זענען אין רוסלאַנד דאָ רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, — דידאָזיקע אַלע ידיעות זענען לויט מיין מיינונג אַ סך וויכטיקער, איידער די זיכערע און גענויע ידיעות וועגן די טראַנספּאָרטן, וועלכע זענען זייער זעלטן; דאָס אויפדעקן איין טראַנספּאָרט שטעלט אָפּ אויף אַ לאַנגע צייט דעם טראַנספּאָרטירן, און דער דרוק-מאַטעריאַל ווערט דורך איינצלנע עקזעמפּלאַרן אַריבערגעפירט דורך איינצלנע פערזאָנען. — אַלע אויבנאויסגערעכנטע ידיעות, זייער גענויע, נישט אויסשליסנדיק אויך דעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור (וועלכער איז נאָך פון קאַרלסרוע נישט געשיקט געוואָרן, יעדנפאַלס פאַר מיין זיין דאָ, אָבער אין וועלכן די קאַרלסרוער וועלן זיך באַטייליקן, ווייל דאָס איז דער עיקרדיקער ציל פון דער קרייזל-טעטיקייט), קען איך און איך וויל אייך מיטטיילן אונטער פאָלגנדיקע באַדינגונגען:

1) אַז מיין נאָמען זאָל באַקאַנט זיין בלויז דער פערזאָן, וועלכע פירט מיט מיר די קאָרעספּאָנדענץ. אַנישט קען ער אויך דאָ ווערן באַקאַנט, און דאָס וועט שטערן דער אַרבעט.

2) איך זאָל באַקומען אַ חודשלעכע באַלוינונג נישט ווינציקער פון 50 רובל. אייער מעלדונג, אַז איר האָט נישט קיין באַציאונגען מיט פערזאָנען, וועלכע איר קענט נישט, נעם איך אין אַכט און דערווייל, נישט אָנרופנדיק זיך מיטן נאָמען, וויז איך אָן אויף דעם, אַז איך בין אַ סטודענט פון היגן פּאָליטעכניקום. — מיין נאָמען גיב איך נישט אָן צוליב צוויי סיבות: 1) איך בין נישט זיכער, צי שרייבט מיר דאָס אַ פערזאָן פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אָדער אַן אַנדערער, וועלכער וויל זיך דערוויסן מיין נאָמען און מודיע זיין אַהער, כדי צו וואָרענען די-יעניקע, וועלכע האָבן צוטרוי צו מיר. 2) כ'ווייס נישט, צי וועט איר אָננעמען מיינע באַדינגונגען, און אין דאָזיקן פאַל איז אייך נוצלאָז צו וויסן מיין נאָמען. אויב איר וועט אָננעמען מיינע באַדינגונגען, וועל איך מודיע זיין מיין נאָמען און דאַן וועט זיך באַשטעטיקן, אַז איך בין אַ סטודענט, ווייל מיר, אַלע סטודענטן, האָבן נישט לאַנג צוריק לויט דער פאָדערונג פונם

פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַוועקגעשיקט צום קאָנסול ידיעות וועגן נאָמען און אַז. וו.

כּדי צו באַזייטיקן מיין אומזיכערקייט בנוגע דער פּערזאָן פונם בריוו־שרייבער, זייט אַזוי גוט אַריינלייגן אינם בריוו אַ שטיקל פון מיין ערשטן בריוו. דערווייל בעט איך ענטפערן לויטן אַדרעס: . . . . . 123 №, אָבער נישט רעקאָמענדירט, נאָר דורך אַ פּשוטן בריוו. גרייט צו אייער דינסט N. S.

III.

אַזעפס דריטער בריוו נאָכן באַקומען די הסכמה פונם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט.

באַקומענדיק דעם פּאָריקן בריוו און באַזיצנדיק אויך אַן אינפאָרמאַציע וועגן אַזעפן פונם פּאַרוואַלטער פון דאָנער זשאַנ־דאַרמען־אַמט פּולק. סטראַכאָוו (אַזעפס פאַמיליע איז געלונגען פעסטצושטעלן דורך פאַרגלייכן די האַנטשריפטן), האָט דער דירעקטאָר פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט צוגעשטעלט דעם געהילף־מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים אַ ראַפּאָרט, אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז דער „אַנאָנימער מיטאַרבעטער, וועלכער וויל זיך אָנרופן ערשט נאָכדעם ווי מען וועט אָננעמען זיין פאָרשלאַג, האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין ראָסטאָוו אויפן דאָן, און איצט איז ער אַ סטודענט פון פּאָליטעכניקום אין קאַרלסרוע, דער „מעשטשאַנין״ יעוונאָ אַזעף, אַ מענטש זייער אַ געשיקטער, וועלכער קען, לויט דער מיינונג פונם פּולקאָווניק סטראַכאָוו, זיין זייער אַ נוצ־לעכער מיטאַרבעטער, צוליב זיינע פאַרבינדונגען און פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. נעמענדיק אין אַכט, אַז אַזעף בעט פאַר זיין דינסט אַ באַלוינונג פון פופציק רובל אַ חודש און האָבנדיק אין אויג דעם באַדייטנדיקן נוצן, וועלכן מען קען באַקומען פון דאָזיקן מיטאַרבע־טער, האָב איך דעם כּבוד צו בעטן די דערלויבעניש פון אייער עקסעלענץ פאַרשרייבן אין דער הוצאה פון דער געהיימער סומע, פון 1־טן יוני הייַנטיקס יאָר, חודשלעך 50 רובל אַלס באַפרידיקונג פאַרן דערמאָנטן אַגענט״.

נאָך דער רעזאָלוציע פונם געהילף־מיניסטער שעבעקאָ, וואָס האָט פּאַרוואַלטעט מיט דער פּאָליציי, וואָס האָט געזאָגט „מסכים", האָט מען אַזעפן געשיקט אַ בריוו מיט דער ידיעה, אַז זיינע באַדינגונגען זענען אָנגענומען געוואָרן, ווי אויך אַ גענויע אינ־סטרוקציע, וואָס איז באַשטאַנען אין פאָלגנדיקס:

„בנוגע דעם איכות פון די ידיעות מוז איך אייך דער־קלערן אונזערע פאָדערונגען: קיין סך רייד און טעאָרעטישע באַ־טראַכטונגען פאָדערט זיך נישט. מיר שעצן בלויז פאַקטישע ידיעות מיט מעגלעך וואָס גענויערע אָנווייזונגען וועגן נעמען, אַדרעסן אָדער אַזעלכע פאַקטן, וואָס קענען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר אַן אויספאָרשונג. דאָס אינערלעכע לעבן פונם קרייזל און די נייע רעוואָלוציאָנערע ריכטונגען אינטערעסירן אונז, פאַרשטייט זיך, אָבער די טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן קען מען דורכלאָזן. ס׳איז נויטיק די זיכערקייט אין דער ריכטיקייט פון די ידיעות און אַ געוויסע פּעריאָדישקייט אינם באַקומען זיי, כדי נישט צו פאַרלירן דעם פאָדים. ווען עס זענען נישטאָ קיין שום אינטערעסאַנטע ידיעות וועלן מיר זיך באַנוגענען אויך מיט איין וואָרט, אַז קיין שום נייעס איז נישטאָ, אָבער דאָס באַקומען דעמדאָזיקן איין וואָרט איז פאַר אונז וויכטיק כדי צו באַשטעטיקן די קאָנטינואיטעט פון אונזערע באַציאונגען. פאַרן אָנהויב רעכנט אויס דעם באַשטאַנד פונם קרייזל מיט קורצע ביאָגראַפישע ידיעות וועגן יעדן מיטגליד, ווי אויך די אייך באַקאַנטע אַדרעסן און פאַרבינדונגען און דעם כאַראַקטער פון דידאָזיקע לעצטע. יעדע אַרט איבערטרייבונגען און נישט־גענוג באַגרינדעטע אויספירן דאַרף מען אויסמיידן. פון אונזער זייט קענט איר זיין זיכער, אַז קיין שום אומפאָרזיכטיקע האַנדלונגען וועלן אויף אייך נישט וואַרפן קיין שאָטן. איך מיין, אַז כ׳וועל זיך נישט טועה זיין, אָנרופנדיק אייך ה׳ אַזעף...."

אַזעפס ענטפער איז דער ענטפער פון אַ געשעפטס־מאַן, וואָס האָט נאָך דערצו אָנערקענט די איבערמאַכט פונם קעגנערס כחות:

קאַרלסרוע. 93 VI./19.

חשובער הער ניקאָלאַי פּעטראָוויטש.

אייער בריוו פון 31־טן מאַי היינטיקס יאָר האָב איך

באַקומען און דעם אינהאַלט גענומען אין אַכט. ידיעות וועל איך לויט דער מעגלעכקייט צושטעלן זיכערע און פּאַקטישע, וואָס האָבן אַ שייכות צו די באַציאונגען פון אַלע געגנטן, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין מערב-אייראָפּע, און פּריאַדיש. געלט בעט איך אַרויסשיקן מיר דעם 15-טן פון יעדן חודש לויטן אַדרעס יע. אַזעף.

IV, 30 №. דאָס איז דער אַדרעס פּאַר בריוו און אויף איבערשיקן טשעקן. די באַנק אין קאַרלסרוע קען זיין וועלכע עס איז, אָבער אויב מעגלעך — נישט קיין באַנק-קאַנטאָר, ווייל דאָרט קומען אָפּט אַריין רוסן. — דאָסמאָל וועל איך זיך באַגרעניצן מיט דער בקשה צו זיין לויט דער מעגלעכקייט וואָס פּאָרזיכטיקער אין די באַציאונגען מיט מיר, ווייל איך האָב שוין געשריבן, אַז דאָס וועט שאָדן ברענגען דער אַרבעט. כ׳ווייס נישט אויף וויפל עס זענען ריכטיק די קלאַנגען, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר, אַז דער אָרטיקער קאָנסול, באַקומענדיק אַן אָנפראַגע פונם שטוט-גאַרטער קאָנסולאַט וועגן די היגע סטודענטן און זייער לעבן, זאָל האָבן געענטפערט, אַז ער ווייס נישט און דאָס איז נישט זיין זאַך; ער וויל נישט פּאַנאַנדערקלייבן זיך אין די ידיעות, וועלכע קומען אָן פון דאָרטן אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. — דאָס אַלץ זענען ידיעות, וואָס באַזירן אויף גאָרנישט, סיידן אויף שמועסן. פון ראָסטאָוו אויפן דאָן איז דורכן ה׳ פרידמאַן (וואָר-שיינלעך) דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה וועגן דעם, אַז דאָרט, אין ראָסטאָוו, זענען געווען רעוויזיעס צוליב דערהאַלטענע ידיעות, וואָרשיינלעך, פון קאַרלסרוע; און ער, פרידמאַן, האָט צוגעזאָגט דערוויסן זיך וועגן דעם גענויער. ער האָט דאָס מודיע געווען דעם מיטגליד פון קרייזל מייעראָוויטש. כדי נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכע זאָלן אַריינדרינגען גענויערע ידיעות, אויב ה׳ פרידמאַן וועט האָבן אַזעלכע, עצה איך די בריוו, וואָס זענען אַדרעסירט קיין קאַרלסרוע אויף איינעם פון די נעמען פון די אונטן אויסגערעכנטע מיט-גלידער פון קרייז: מייעראָוויטש, סאַמאָילאָוויטש, פּעטערס, ראָזענצווייג, גאַלשטיין (וועגן אים האָבן מיר נישט קיין ידיעות — ער האָט געענדיקט, ער לעבט דאָ אַזוי זיך), באַראַנאָוו (אַ פרייער צוהערער), יוגילעוויטש — דורכקוקן אויב מעגלעך, און ידיעות, אפשר וועגן מיר — נישט דערלאָזן. צום צווייטן מאָל וועל איך אייך

צוגרייטן קורצע כאַראַקטעריסטיקעס פון די קרייזל-מיטגלידער, לויט אייער פאַרלאַנג.

יע. אַזעף.

IV.

דער בריוו נאָך דער דעמאַסקירונג

דער אינטערעסאַנטסטער דאָקומענט, וועלכן מיר ברענגען דאָ, איז יע. נ. אַזעפס אַ בריוו צו זיין לעצטן אָנפירער אַ. וו. געראַסימאָוו, דעם געוועזענעם פאַרוואַלטער פון דער פעטער-בורגער אָכראַנע, וועלכער האָט זיך אין יענער צייט געפונען אין דעמיסיע און איז געווען צוגעטיילט צום פאָליציי-דעפּאַר-טאַמענט.

דער בריוו איז געשריבן געוואָרן דעם 11-טן סעפטעמבער 1909-טן יאָר — נאָך דער דעמאַסקירונג.

„ענדלעך האָב איך פון אייך באַקומען אַ בריוו. זייט מיר מודיע, ווען און ווהין איר האָט געשריבן צו מיר, כדי אַרויס-צוקריגן אייערע בריוו — פאַרפאַלן גיין קענען זיי נישט, בפרט, אַז איר האָט זיכער געשיקט רעקאָמענדירט. איך האָב שוין געשריבן קיין האַמבורג וועגן אייער טעלעגראַמע פון 26-טן אויגוסט, און איך וועל זיכער באַקומען. אַוועקפאָרנדיק בעט איך געוויינלעך אויף פּאָטשט, מען זאָל מיר איבערשיקן די בריוו — און איך פלעג תמיד באַקומען, אַמאָל מיט פאַרשפּעטיקונגען. יעדנפאַלס איז נישט גוט, דידאָזיקע בריוו זאָלן זיך פאַרוואַלגערן — דעריבער בעט איך אייך איר זאָלט מיר מודיע זיין, ווען און ווהין איר האָט מיר געשריבן, און איך וועל זיי אַרויסקריגן.

שיקן דאָס, וועגן וואָס איר שרייבט אין אייער בריוו, קענט איר פּאָסט-רעסטאַנט Gotha (דייטשלאַנד) אויף דעם אייך באַקאַנטן נאָמען און ווי איר פלעגט דאָס תמיד טאָן פריער. — איצט גיי איך איבער צום עיקר אָדער ריכטיקער צו אַ סך וויכ-טיקעס. — 1) מיר וועט אַבסאָלוט אוממעגלעך זיין צו עקזיסטירן ווייטער אונטער מיין נאָמען — אָבער לעבן אומלעגאַל איז אויך נישט מעגלעך לאַנג, — דעריבער טראַכט איך וועגן ענדערן מיין

פאַמיליע. דאָ איז מיר נויטיק אייער הילף. דערוויסט זיך, וואָס דאַרף איך טאָן דערצו און צי קען דאָס בלייבן אינגאַנצן נישט פאַרעפנטלעכט אָדער געהיים, אַזוי, מען זאָל וועגן דעם נישט וויסן, וויפל צייט עס דאַרף דויערן אַזאַ פּראָצעדור — דאָס דאַרף מען, וואָרשיינלעך, אויפן אַלערהעכסטן נאָמען אָנגעבן. איך האָף — איר וועט מיר געבן וועגן דעם שרייבן. — 2) אין דייטשלאַנד האָט אַ בערלינער פאַרלאַג „Vita" אַרויסגעלאָזן אַ בוך וועגן מיר און האַרטינגן און שותּפים מיט מיין פּאָרטרעט. דאָס־דאָזיקע בוך איז פול מיט ליגן וועגן מיר, און איך ווער דאָרט געשילדערט אַלס פּאַרזענעניש, אָבער נישט אין דעם גייט דאָ, נאָר אין דעם, וואָס עס איז צוגעגעבן מיין פּאָרטרעט, — און אַזוי אַרום העלפט דער פאַרלאַג צו מיין מאָרד. מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז אין סתּירה מיט די דייטשישע פּרעסע־געזעצן, דערוויסן זיך וועגן דעם קען איך נישט צוליב אייך פאַרשטענדלעכע סיבות. איך בעט אייך דערוויסן זיך, — צי קענט איר נישט אָדער בכלל עמיצער פון די אָפיציעלע פּערזאָנען דערוויסן זיך, — צי איז דערלאָזבאַר לויט די דייטשישע געזעצן אַזאַ בוך, און צי קען מען נישט צוציען דעם פאַרלאַג צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט. — 3) אין דאָזיקן בוך און בכלל אַלץ, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען אין די אויסלענדישע צייטונגען וועגן זיך — אומעטום פאַרבינדט מען מיך מיט ראַטשקאָווסקין, און אַז איך בין געוועזן זיין געצייג און אַז ווען ער איז געוועזן אין אומחן, זאָל איך זיך מיט אים האָבן געפונען אין די אינטימסטע באַציאונגען. די זאַך איז אָבער די, וואָס איך האָב ראַטשקאָווסקין צום ערשטן מאָל דערקענט אין זומער פון 1905־טן יאָר, ווען ראַטאַיעוו האָט מיך מיט אים צום ערשטן מאָל באַקענט, און געזען האָב איך זיך מיט אים דאַן אַ 3 — 4 מאָל און דערנאָך האָב איך זיך דעם צווייטן מאָל געטראָפן מיט אים ערשט ביי אייך, און אייך איז באַקאַנט, וויפל מאָל איך האָב זיך געטראָפן מיט אים. בכלל האָב איך געהאַט צו טאָן מיטן דעפּאַרטאַמענט שריפטלעך — פון 1893 ביזן 1899 — דערנאָך מיט זובאַטאָוון, ראַטאַיעוון, זייער ווינציק מיט ראַטשקאָווסקין אין 1905 און 1906־טן יאָר און מיט אייך. אָט די דאָזיקע באַציאונגען מיינע מיט ראַטשקאָווסקין וואָלט מען אָפיציעל געדאַרפט פעסטשטעלן אַזוי, אַז עס זאָלן מער

נישט זיין קיין שום מיספּאַרשטייעניש, כּדי די געזעלשאַפטלעכע
מיינונג זאָל גלויבן אין דעם סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד,
דאַן וואָלט לייכט געווען צו צעקלאַפּן דעם גאַנצן ליגן וועגן מיר. ווי
אַזוי טוט מען דאָס, — אָבער אַזוי, אַז פאַר אַלעמען זאָל דאָס ווערן
קלאָר. אויב איך וועל וועגן דעם דערקלערן אין דער פּרעסע,
וועט קיינער נישט גלויבן. דאָס דאַרף געמאַכט ווערן אָפיציעל
און דאָקומענטאַל דערוויזן ווערן. אָט וועגן דעם דאַרפט איר
אַ קלער טאָן. — 4) מיר איז אויסגעקומען צו לייענען וועגן זיך בלויז
פראַגמענטאַריש אין די צייטונגען און מער אין די אויסלענדישע
און דערנאָך דעם אויבנדערמאָנטן בריוו אויף דייטש — וואָר-
שיינלעך איז ער דערשינען אויך אין אַנדערע שפּראַכן. דאָס אַלץ
טראָגט נישט קיין אָפיציעלן כאַראַקטער. כּדי מיט דערפאָלג אָפּ-
צולייקענען דעם ליגן, וואָלט איך וועלן לייענען אַלץ, וואָס עס
האָט געשריבן וועגן מיר אָפיציעל די פּאַרטיי ס.-ר.-ן. איך בעט
אייך אַרויסשיקן מיר די № № פון דער צייטונג „זנאַמיאַ טרודאַ“
פון יאַנואַר דאָס יאָר, ווי אויך דעם באַשולדיקונגס-אַקט קעגן
לאָפּוכינען. „זנאַמיאַ טרודאַ“ שיקט צו אין אַ פאַרמאַכטן קאָנווערט,
אָבער באַזונדער פונם בריוו און אַנדערע דאָקומענטן. דעם באַ-
שולדיקונגס-אַקט קען מען שיקן אָפן, אַלס דרוק-מאַטעריאַל. דער
אַדרעס איז דערזעלבער, Gotha.

איך האָף, אַז איר וועט איינגיכן מיר צושיקן אַלץ וואָס
איך בעט און וואָס איר האָט מיר צוגעזאָגט און איר וועט וועגן
אַלץ מיר שרייבן. פאַרגעסט אויך נישט צו שרייבן וועגן זיך —
פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזן אייער אַמט און ווי אַזוי גייט די
אַרבעט אָן אייך, וואָס מאַכט פּיאָטר אַרקאַדיעוויטש. איר זענט
דער איינציקער מענטש, מיט וועמען איך רייד. נאָך אַ בקשה
(אַנטשולדיקט פאַר דער טרחה), צי קענט איר מיר נישט מודיע
זיין ראַטאַיעווס אַדרעס, ווו ער וווינט און אונטער וועלכן נאָמען
ער וואָלט מיר געקענט העלפן אין אויסלאַנד, ווען מען זאָל זיך
דאַרפן ווענדן צו דער פּרעסע אָדער ערגיץ-ווו. פאַרגעסט נישט
אייערן אייך איבערגעגעבענעם

פּעטראָוון.

באריכטן.

(אזעפס קאָרעספּאָנדענץ מיט ראַטאַיעוון אין די יאָרן 1903—1905).

עס ליגן פאַר אונז יעווגאָ אַזעפס בריוו און טעלעגראַמעס, וועלכע ער האָט געשיקט אין די יאָרן 1903—1905 צו איינעם פון זיינע פּאַטראָנעס — ל. אַ. ראַטאַיעוון, וועלכער האָט אין יענער צייט אָנגעפירט מיטן פּאָליטישן אויסשפיר־דינסט אין אויסלאַנד, און דערנאָך געווען דער אָנפירער פון דער באַזונדערער אָפּטיילונג פונם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אין פּעטערבורג.

מיר גיבן דידאָזיקע, אין פולן זינען פון וואָרט, מענטשלעכע דאָקומענטן — אָן הינטער־כּוונות. אונזערע לייענער וועלן זיי איבערלייענען אין דערזעלבער פאָרם, ווי זיי זענען געשריבן געוואָרן דורכן פאַררעטער גופא.

אַזעף האָט תּמיד געשריבן זיינע בריוו, ווי אַ גנב, באַהאַלטענערהייד, בסוד פון דער פאַמיליע, פון יענע אַלע, וועלכע האָבן אים געשענקט דעם פולסטן צוטרוי, וועמען ער האָט אַליין פאַרזיכערט אין פריינטשאַפט, וועלכע האָבן אים געהאַלטן פאַר זייער חבר לויט דער „זאַך“.

אויפן ערשטן קוק קען אַפילו אויסקומען, אַז אַזעפס בריוו צו ראַטאַיעוון באַהאַנדלען די געוויינלעכסטע זאַכן און זיי זענען געשריבן אין אַ רואיקן, קליין־בירגערלעכן טאָן וועגן דעם, וואָס דער שרייבער האָט צופעליק געזען אָדער געהערט. אָבער אויב מען זאָל זיך אויפמערקזאַם צוקוקן צו דידאָזיקע בריוו און זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן זייער אינהאַלט, מוז מען איינזען, סאַראַ סך מענטשלעך בלוט, מענטשלעכע ליידן עס זענען באַהאַלטן אין יעדער שורה, וויפל אַרעסטן עס זענען דערנאָך פאָרגעקומען אַדאַנק זיי, וויפל לאַנג־צוגעגרייטע גוט־אַרומגעטראַכטע רעוואָ־

לוציאָנערע פּלענער. עס זענען צעשטערט געוואָרן צוליב זיי.
באמת, לייענט דורך, למשל, אַזעפּס רואיקע ידיעות וועגן ס. נ. סלעטאָווס געהיימען אָפּפאָר פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד. שיקנדיק סלעטאָוון פון דער שווייץ קיין רוסלאַנד האַלט זיך אַזעף אָן עצה מיט אים ווי מיט אַ חבר לויט דער אַרבעט. ער באַהאַנדלט די פּלענער פון זיין קומענדיקער טעטיקייט אין רוסלאַנד און גלייכצייטיק... איז ער מודיע אין בריוו און טעלעגראַמעס צו ראַטאַיעוון אַלע נויטיקע ידיעות, כדי ער זאָל אַרעסטירן סלעטאָוון.
סלעטאָוו איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך אויף דער גרעניץ. עס זענען צעשטערט געוואָרן אַלע פּלענער, מיט וועלכע ער איז געפאָרן קיין רוסלאַנד. דערנאָך איז פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן אַ לאַנגע תפיסה, פאַר אַ סך אַנדערע – אַרעסטן, און פאַר די ראַטאַיעווס און אַזעפּס – „כבוד און רום", דעם קייסערס דאַנק און גרויסע באַלוינונגען.
פון אַזעפּס מעלדונגען, ענלעכע צו דער מעלדונג וועגן ס. נ. סלעטאָוון, איז אויסגעוועבט זיין גאַנצע קאָרעספּאָנדענץ מיט ראַטאַיעוון. זיין יעדע מעלדונג פלעגט אַריינטראָגן אין די רעוואָלוציאָנערע רייען צעשטערונג און אומגליק.
אַזעפּס בריוו און מעלדונגען, וועלכע מיר דרוקן, קלערן אויף אַ סך אַרעסטן און פּאָליטישע פּאַרפאָלגונגען פון יענע יאָרן. אַזעפּס ידיעות פלעגן די אָכראַניקעס גלויבן אויפן וואָרט און זיי פלעגן דינען אַלס יסוד פאַר די אַקציעס פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט און פון די אָכראַנעס. מיר גיבן נישט קיין גענויע באַמערקונגען צו דידאָזיקע בריוו. זאָלן דאָס טאָן די-יעניקע, וועמען דאָס גייט אָן נענטער און ווער עס ווייס דאָס בעסער פאַר אונז.
אַזעף איז געווען אַ מוראדיקער ליגנער. ער האָט געזאָגט ליגן אַלעמען, גלייכצייטיק אויף רעכטס און אויף לינקס. זיין טעטיקייט איז געווען אַזאַ, אַז ער האָט נישט געקענט מאַכן קיין איין טריט אָן ליגנט. געזאָגט ליגן האָט ער נישט צופעליק, נאָר לויט אַ באַשטימטן פּלאַן, וועלכן ער האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעאַרבעט, און אויף קיין איין מאָמענט האָט ער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זיין אויפריכטיק.
ווען ער האָט גערעדט וועגן זיך, האָט ער, אפשר, בלויז

איינמאָל אין לעבן נישט געזאָגט קיין ליגן. דאָס איז געווען אַ דריי יאָר נאָך זיין דעמאַסקירונג, ווען ער האָט גערעדט מיט מיר אין פראַנקפורט אויפן מיין — אין 1912־טן יאָר.

בעת דעמדאָזיקן שמועס, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין סיבה אויסצובאַהאַלטן פון מיר עפּעס, ווייל איך האָב גוט געוווּסט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו אים, האָט ער מיר רואיק און אָפנהאַרציק דערציילט וועגן זיין פּאַררעטערישער טעטיקייט און גלייכצייטיק וועגן זיין אָנטייל אין די רעוואָלוציאָנערע אַקטן. צווישן אַנדערעס האָט ער מיר דאַן דערציילט אויך וועגן זיין מסירה אויף ס. נ. סלעטאָוון, דאָסזעלבע, וואָס איך לייען איצט אין דידאָזיקע בריוו.

דערציילט האָט ער מיר דאַן גאַנץ אָפנהאַרציק אויך וועגן אַ סך אַנדערע זאַכן: וועגן זיין אָנטייל אין פּלעווע׳ס דערמאָרדונג, אין דער דערמאָרדונג פונם גרויספירשט סערגעי, וועגן די פּרווון צו דערמאָרדן דעם קייסער, וועגן דער בגידה אין ענין פון די זיבן געהאָנגענע און אַז. וו. ס׳איז קוים צו גלויבן, אַז אַזעף האָט ווען נישט איז אין אַ אַנדער צייט, נישט נאָר ביז 1912־טן יאָר, נאָר אויך נאָכדעם, געהאַט די געלעגנהייט אין אַ שמועס מיט עמיצן נישט זאָגן קיין ליגן וועגן זיך.

וואָס אַזעף איז געווען, אַלס ליגנער, און וועגן וואָס ער האָט געזאָגט ליגן, קענען מיר איצט קלאָר זען פון פאַרגלייכן זיינע באַריכטן און בריוו מיט די באַקאַנטע דערינערונגען פון ב. וו. סאַווינקאָוון. ב. וו. סאַווינקאָווס דערינערונגען באַציִען זיך אויף דיזעלבע געשעענישן, וועגן וועלכע עס רעדט אַזעף אין זיינע באַריכטן.

אַז אַזעף האָט געזאָגט ליגן, ווען ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין די רעוואָלוציאָנערע ספערן, איז גאַנץ פאַרשטענדלעך. זיינע באַציאונגען מיט די אָכראַניקעס האָט אַזעף געמוזט איינהילן אין אַזאַ געהיימניש, אַז קיין איינעם פון זיינע חברים האָט גאָר נישט געקענט איינפאַלן דער געדאַנק, אַז ער האָט וועלכע־נישט־איז באַציאונגען מיט דער אָכראַנע, און יעדעס מאָל, ווען מען פלעגט זיי אָנווייזן אויף דערדאָזיקער מעגלעכקייט, פלעגן זיי באַטראַכטן דידאָזיקע ידיעות ווי אַ רכילות. אונטערן שוץ פון דאָזיקן סוד פלעגט אַזעף אויסגעבן אויף רעכטס און אויף לינקס

אַלץ, וואָס ער פלעגט האַלטן פאַר מעגלעך אויסצוגעבן צוליב זיינע אינטערעסן.

פּ. אַ. סטאָליפּין איז גערעכט געווען, ווען ער האָט אין 1909-טן יאָר פון דער טריבונע פון דער גאָס. דומע גערעדט, פאַרכלינייענדיק זיך, וועגן אַזעפס צעשטערערישער טעטיקייט צווישן די רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן אים בלינד געטרויט. אַזעפס בגידה איז די גאַנצע צייט באמת געווען אַ גרויסער נצחון פאַר דער רעגירונג.

אָבער ווען פּ. אַ. סטאָליפּין וואָלט געווען אויפריכטיק, וואָלט ער דאַן גלייך אויפן אָרט געקענט מודיע זיין אויך וועגן דער צווייטער זייט פון אַזעפס טעטיקייט — וועגן דעם, וואָס דערדאָזיקער פּאָליציי-אַגענט האָט געטאָן — באַנוצנדיק די רעגירונגס-סיסטעם פון דער פּראָוואָקאַציע — כדי צו פאַרפעסטיקן זיין פּאָזיציע צווישן די רעוואָלוציאָנערן.

אין פּ. אַ. סטאָליפּינס הענט האָבן זיך אין 1909-טן יאָר געפונען אַזעפס דאָזיקע זעלבע בריוו און אַ ראַפּאָרט וועגן זיין ענין, צונויפגעשטעלט פאַר דער דומע-רעדע וועגן אַזעפן אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט דורך ל. אַ. ראַטאַיעוו.

אַזוי אַרום האָט פּ. אַ. סטאָליפּין געהאַט די פולע מעגלעכקייט אויסצומאָלן אַ העל בילד וועגן דעם, ווי אַזוי די עקזיסטירנדיקע פּראָוואָקאַציע-סיסטעם פון די אָכראַניקעס האָט דערלויבט אַזעפן גוט צו לייגן און אָפּצונאַרן גלייכצייטיק סיי די רעוואָלוציאָנערן און די רעגירונג. פאַרן פּנים פון די פאָלקס-פאָרשטייער אין דער גאָס. דומע האָט פּ. אַ. סטאָליפּין דאַן געקענט קאָנסטאַטירן, אַז שטיצנדיק זיך אויף דער עקזיסטירנדיקער פּראָוואָקאַציע-סיסטעם איז אַזעף, אויסגעבנדיק און אָפּנאַרנדיק ס. נ. סלעטאָוון, געווען אין 1903-טן—1905-טן יאָר איינער פון די אַקטיווסטע אָנטיילנעמער פון דער דערמאָרדונג פון פּלעווען און פון גרויספירשט סערגעי, און שפּעטער אין 1908 איז אים שיר נישט געלונגען דער קייסער-מאָרד.

אַזעף האָט די גאַנצע צייט געפירט אַ טאָפּלטע שפּיל. ער האָט פון איין זייט געאַרבעט צווישן די טעראָריסטן צוזאַמען מיט קאַליאַעוו, פּאָקאָטילאָוו, סאַווינקאָוו, גאָצן און פון דער צווייטער זייט — צווישן די אָכראַניקעס מיט זובאַטאָוו, ראַטאַיעוו, ראַטש-קאָווסקין, געראַסימאָוו.

פירן דידאָזיקע טאָפּלטע שפּיל האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט נאָר אויסבאַהאַלטן פון די רעוואָלוציאָנערן זיינע באַציאונגען מיט דער אָכראַנע, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זייער פיל פון זיין טעטיקייט אין דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן האָט ער אויסבאַהאַלטן אויך פון זיין אוממיטלבאַרער מאַכט, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אַזאַ באַגרעניצטער מענטש, ווי ראַטאַיעוו.

אין 1903־טן יאָר איז אַזעף געווען אין גאָר נאָנטע באַציאונגען מיט קאַליאַעוו און סאַווינקאָוון און ער האָט איינגעאָרדנט אין אויסלאַנד דינאַמיט־פאַבריקלעך און דערנאָך איז ער געפאָרן קיין רוסלאַנד צו אָרגאַניזירן טעראָריסטישע אַקטן.

סוף 1903־טן יאָר האָט אַזעף איינגעאָרדנט קאַליאַעווס, פּאָקאָטילאָווס און סאַווינקאָווס נסיעה קיין רוסלאַנד, כדי צו אָרגאַניזירן פּלעוועס דערמאָרדונג.

אין זיינע באַריכטן פאַרשווייגט ער וועגן זייער נסיעה און כדי אָפּצוווענדן פון זיי די אויפמערקזאַמקייט פון די אָכראַנע־לייט גיט ער אַפילו פאַלשע אָנווייזונגען וועגן דער כלומרשט געפּלאַנטער נסיעה קיין רוסלאַנד פון אַנדערע פערזאָנען אויך מיט טעראָריסטישע צילן, און אַזוי אַרום שיקט ער אויף דער תליה אַ גאַנצע ריי פון דידאָזיקע, פאַר אים — אַזעפן — אומנויטיקע פערזאָנען.

אין מערץ 1904־טן, יאָר אָרדנט אַזעף איין אין רוסלאַנד, צוזאַמען מיט פּאָקאָטילאָוון, דינאַמיט־פאַבריקלעך, אָבער ווען עס איז פאָרגעקומען אין צפון־האָטעל דער אויפרייס, בעת וועלכן פּאָקאָטילאָוו איז אומגעקומען קען ער נישט אין משך פון גאַנצע צוויי חדשים גאָרנישט דערגיין וועגן דער פערזאָן פונם אָנטיילנעמער, וואָס איז אומגעקומען ביים אויפרייס.

אָנהויב יולי וווינט אַזעף געהיים אין פּעטערבורג אין סאַווינקאָווס און סאַזאָנאָווס קאָנספּיראַטיווער דירה, פון וואַנעט ער גרייט צו פּלעווס דערמאָרדונג. ערב דעם ערשטן געפּלאַנטן אַטענטאַט פאָרט אַזעף אָפּ פון פּעטערבורג קיין ווילנע, כדי צוצוגרייטן זיין אַליבי, און דאָרט זעט ער זיך נאָך דעם 8־טן יולי נאָך אַמאָל מיט סאַזאָנאָוון, וועלכער איז געקומען צופאָרן צו אים נאָך ווייטערדיקע אינסטרוקציעס.

דעם 15־טן וווינט אַזעף אין וואַרשע, האָבנדיק אַן אויס-

לענדישן פּאַס אין קעשענע, און נאָך דער טעלעגראַם וועגן פּלעווע׳ס דערמאָרדונג פאָרט ער אין זעלבן טאָג קיין ווין און פון דאָרטן טעלעגראַפירט ער דעם 17-טן יולי ראַטאַיעוון קיין פּאַריז, ווידעראַמאָל כּדי שאַפן זיך אַן אַליבי.

אין די יאָרן 1903—1905 איז אַזעף פאַרהעלטנישמעסיק געווען נישט שווער צו שפּילן זיין טאָפּלטע ראָל צווישן די אָכ-ראַניקעס און אָפּנאַרן אַזעלכע מענטשן, ווי ראַטאַיעוו, וועלכע האָבן אַליין געוואָלט גלויבן אין דעם, אַז אַזעף איז בלויז אַן אינ-פאָרמאַטאָר און צו דעם אַקטיוון קאַמף פון די ס״ר.-רעוואָלוציאָנערן האָט ער קיין שייכות נישט.

אַ סך פון זיין אָנטייל אין טעראָריסטישן קאַמף איז אַזעפן געלונגען אויסצובאַהאַלטן פון דער מערהייט אָכראַניקעס ביז אונזער דעמאַסקירונג אין 1908—1909-טן יאָר. אָבער נאָך אָנהויב 1905-טן יאָר האָבן אַפילו אַזעלכע מענטשן, ווי דער דאַן גע-וועזענער דירעקטאָר פון פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט א. א. לאָפּוכין, נישט געקענט נישט קומען צום אויספיר, אַז אַזעף איז נישט נאָר געווען אַ פאַררעטער-אינפאָרמאַטאָר פונם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, נאָר אַז ער האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָך קלאָרער, ווי פאַר א. א. לאָפּוכינען, איז אָן ספק אַזעפס ראָל געווען פאַר ראַטשקאָווסקין און מעדניקאָוון.

אין 1906-טן יאָר איז אַזעף אַריינגעפאַלן אין די הענט פונם גענעראַל געראַסימאָוו, און זיין ראָל, אַלס אָנטיילנעמער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, הגם זי איז נאָך אויך דאַן נישט געווען אינגאַנצן באַלויכטן, האָט שוין אָבער מער נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין שום סוד, נישט פאַר די אָכראַניקעס, נישט פאַרן פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט. די אָכראַניקעס האָבן אין יענע יאָרן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אַזעף איז אַ מיטגליד פונם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן און דער הויפּט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, און זיי האָבן זיך ברייט באַנוצט מיט זיין דינסט, ווי מיטן ווערטפולסטן העלפער אין זייער קאַמף מיט דער רעוואָלוציע.

די פּראָוואָקאַציע-סיסטעם, וואָס האָט דאַן געהערשט, האָט געמאַכט דערלאָזבאַר, אַז אַ פּאָליציי-אַגענט זאָל נעמען אַ אַקטיוון

אָנטייל אין רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, אַפילו אַזעלכע, ווי טעראָריסטישע.

אין דערדאָזיקער פובליקאַציע באַגנוגענען מיר זיך מיט די ערשטע יאָרן פון אַזעפס אָנטייל, אַלס פּראָוואָקאַטאָר, אין די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטן.

אין אונזער ווייטערדיקער אויספאָרשונג פון אַזעפס טעטיקייט, אַלס מיטגליד פון דער קאַמפס-אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר אויפן סמך פון דאָקומענטן פעסטשטעלן נישט נאָר דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, נאָר אויך דאָס, וואָס די פאָרשטייער פון דער רוסישער מאַכט האָבן געוווּסט וועגן זיין אָנטייל אין די אַקטן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און האָבן דאָס דערלאָזט.

ו. בורצעוו.

I

זשענעווע (1903 י.) $20/_{IX}$

אַנטשולדיקט, וואָס כ׳האָב צו אייך ביז איצט נישט געשריבן, ווייל איך האָב צונויפגעקליבן די נויטיקע ידיעות. קודם כל וועגן צוזאַמענפאָר. דער צוזאַמענפאָר איז צונויפגערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון דער באַבען, אַ געוויסן ראָזענבלום, דעם אָדעסער פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. דער צוזאַמענפאָר האָט געהאַט אַלס ציל צו שאַפן אַן אויסלענדישע אָרגאַניזאַציע פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן. כדי אייך צו באַקענען מיט דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע און די פּרטים שיק איך אייך דעם סטאַטוט פון דערדאָזיקער אָר-גאַניזאַציע. דעמדאָזיקן סטאַטוט בעט איך אייך מיר אָפּצושיקן צוריק, נאָכדעם ווי איר וועט זיך באַקענען מיט אים, ווייל ער ווערט פאַרטיילט בלויז צו די מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. אויף וויפל דאָס איז ריכטיק, קען איך נישט קאָווירן, אָבער אין דער נאָענטסטער צוקונפט פאָרן אַרויס פונדאַנעט קיין רוסלאַנד, מיט טעראָריסטישע פּלענער קעגן דעם גרויספירשט סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש, פאָלגנדיקע פּערזאָנען: אָלגאַ טאַראַטוטאַ, ביקאָלאַי ראָמאַנאָוו, ווערא גריגאָריעוונאַ מיאַטליצקאַיאַ און קראַקאָוו: אַהער איז געקומען צופאָרן דער פון סיביר אַנטלאָפענער

מאַכאַיסקי, וועלכער קלייבט זיך פאָרן קיין רוסלאַנד מיט טע־ראָריסטישע פּלענער. מאַכאַיסקי איז נישט אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי ס״ר, ער האָט אַביסל אַנאַרכיסטישע טענדענצן; אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן, וואָס זאַמלט אַרום זיך אַ סך יוגנט און האָט אויף איר אַ גרויסע ווירקונג. די פרוי שווייד, וואָס אינטערעסירט אייך דאָס איז מאַריאַ מילאַשעווסקאַיאַ, די פרוי פונם אַרעסטירטן אין סאַראַטאָוו (דעם 10 דעצעמבער) מיטגליד פון דער שטאָט-אופּראַווע, ביי וועמען מען האָט געפונען 10 פונט ליטעראַטור און אַנד. זאַכן. מיט איר וווינט ברעשקאָווסקאַיאַ, און דער עולם גייט אַהין נאָך ליטעראַטור, ווייל דאָרט איז די עקספּעדיציע. חוצדעם גיט זי אַרויס דעם עולם מיטאָגן. אַלס מיט־גלידער פונם אויסלענדישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן זענען אויסגעוויילט געוואָרן פאָלגנדיקע פּערזאָנען: גאָץ, טשערנאָוו, שישקאָ, די לעוויטס, גאָצס פרוי, די מינאָרס, גורעוויטש און מאַדאַם טשערנאָוו — 10 פּערזאָן. טיילווייז האָב איך אייך נישט געשריבן אויך דערפאַר, ווייל גאָץ האָט דאָ באַקומען אַ בריוו, אַ קאָפּיע פון וועלכן איך וועל אייך צושטעלן, אָבער ווען מיר וועלן זיך זען פּערזענלעך. צווישן די ס״ר. הערשט אַ פול־שטענדיקע נידערשלאָגנקייט נאָך די אַלע רוסישע דורכפאַלן. שרייבט מיר אויפן אַדרעס: M-r Aristoff rue École de Medecine, 8. IV. ענטפערט, צי האָט איר באַקומען.

II.

צירך 2 אָקט. 1903־טן יאָר.

באַקומענדיק אייער בריוו, האָב איך זיך פאַראינטערעסירט מיט אייער ידיעה וועגן די צוויי קראָקאָווער באָמבעס. ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, — צי האָט זיי נישט אַמאָל צוגעגרייט מייסנער, און דעריבער בין איך אַוועקגעפאָרן קיין צירך צו מייסנערן. פון די שמועסן מיט אים איז קלאָר געוואָרן, אַז די דאָזיקע באָמבעס האָט ער נישט צוגעגרייט, דאָס קען מען זאָגן מיט זיכערקייט. מייסנער איז זיך משער, אַז זיי זענען וואָרשיינלעך צוגעגרייט געוואָרן אין פּאַריז. צו דער דאָזיקער השערה בין איך

געקומען אויך דורך די שמועסן מיט בורצעוון אין קלאַראַנס. *) — בנוגע די פּלענער אין איטאַליע בעת דעם קייסערס נסיעה, הערט מען גאָרנישט, אַחוץ דעם איינפאַל פון די איטאַליענער אויסצופייפן דעם קייסער; אַז די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן פּלאַנעווען גאָרנישט קען איך אייך פאַרזיכערן. דעם בריוו, וועלכן גאָך האָט באַקומען, איז נישט באַקוועם איבערצושיקן; מיר וועלן זיך מוזן זען, דאַן וועל איך אייך ווייזן די קאָפּיע פון דאָזיקן און נאָך איינעם זייער אַן אינטערעסאַנטן בריוו.

אין זשענעווע געפינען זיך איצט די רעדאַקטאָרן פונם זשורנאַל „סטודענט”. דאָס זענען דריי געוועזענע סטודענטן פונם קיעווער אוניווערזיטעט, וועלכע האָבן געוווינט אין יעליסאַוועטגראַד נאָכדעם, ווי מען האָט זיי אויסגעשלאָסן פונם קיעווער אוניווערזיטעט; די פאַמיליע פון איינעם פזן זיי איז וואַרשאַווסקי. — איך וועל קומען צו אייך פאַרהעלטנישמעסיק אינגיכן, אָבער כ׳בעט אייך לויט דער מעגלעכקייט תיכף אַרויסשיקן מיר פאַר די חדשים יולי און אויגוסט די 450 רובל, וועלכע איך האָב אויסגעגעבן. דידאָזיקע געלט בעט איך איר זאָלט מיר איבערשיקן טעלעגראַפיש Zürich Postlagernd, ווייל איך בלייב דאָ אָן געלט. — ביטע.

צי דען איז אַלץ אמת, וואָס מען שרייבט אין די צייטונגען וועגן זובאַטאָוון?

כ׳דריק פעסט אייער האַנט.

אייער איוואַן.

III.

19/X

ווי איך דערוויס זיך, פאָרט לעוויט **) אויף זיכער קיין רוסלאַנד מיט טעראָריסטישע פּלענער; כדי ענטגילטיק זיך איבער-

---

*) קיין שום באַמבעס זענען אין פאַריזש נישט צוגעגרייט געוואָרן און קיין שום שמועסן מיט אַזעפן האָב איך אין יענער צייט נישט געהאַט. דעם ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָב איך געשמועסט מיט אַזעפן אין 1908-טן יאָר אין פינלאַנד, ווען איך בין שוין געווען איבערצייגט, אַז ער איז — אַ פּאָליצײַ-אַגענט.

**) דער מיטגליד פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן לעוויט האָט זיך דאַן געקליבן אומלעגאַל פאָרן קיין רוסלאַנד, כדי צו אָרגאַניזירן

צוצייגן אין דעם בין איך געקומען צופאָרן אַהער ווינען אַ געוויסע צייט, ווו עס ווינען, ווי איך האָב אייך שוין צווויסן געטאָן, גאָץ און ברעשקאָווסקאַיאַ און וווהין עס האָט געדאַרפט קומען צופאָרן לעוויט, כדי ענטגילטיק דורכצושמועסן זיך וועגן זיין רייזע קיין רוסלאַנד. און באמת, אייערנעכטן איז דאָ געקומען אַהער לעוויט מיטן ווייב, היינט אינדערפרי זענען זיי אָפּגעפאָרן פּונ-דאַנען; לעוויט פאָרט קיין מינכען, פון דאָרטן קיין בערלין און קיין רוסלאַנד. אין דעם איז קיין ספק נישטאָ. ער האָט שוין באַקומען געלט אויף דער נסיעה און פאַרבינדונגען — זיין וועט ער אין דרום-רוסלאַנד. לויט מיין מיינונג דאַרף מען אים נעמען אויף דער גרעניץ, אַנישט וועט ער, וואָרשיינלעך, פאַרשווונדן ווערן. — איצט די צוגעזאָגטע פאַמיליעס פון די אַרבעטער-טעראָריסטן.

1) אין כאַרקאָוו: בעסלאַנאָוו, מאַטונאָוו, ביביק און באָריסען, דאָרטן אויך דער אינטעליגענט אַלעקסעעוו.

2) יעקאַטערינאָסלאַוו: באָריסענקאָ און דער סטודענט קראַווטשענקאָ, און

3) פּעטערבורג: זאַטאָנסקי, מיכאַאיל מאָראָזאָוו, וואָטאָראָוו, מאַשיסטאָוו, פּעדולין, שולץ, שניטאָווסקי.

ווי כ'האָב אייך שוין געזאָגט ביי אונזער זען זיך, זענען דידאָזיקע ידיעות מער אָדער ווייניקער פאַרעלטערט.

איך האָב מיינע בריוו און די 200 פראַנק נישט באַקומען. אויב איר האָט זיי נאָך נישט אַרויסגעשיקט, שיקט אַרויס תיכף און שרייבט מיר פּאָסט-רעסטאַנט, קיין זשענעווע, וווהין איך פאָר נאָך היינט. ווי גייען אייערע געשעפטן. כ'דריק אייער האַנט.

אייער איוואַן.

IV.

ציריך 1903. 23/X

כדי איר זאָלט לייכטער קענען נאָכשפּירן לעוויטן, וועלכער איז נעכטן אַרויסגעפאָרן פונדאַנען קיין מינכען, בין איך אייך

טעראָריסטישע אקטן. אינגיכן נאָך זיין קומען איז ער אַרעסטירט געוואָרן לויט אזעפס אָנווייזונגען.

מודיע דעם אַדרעס, לויט וועלכן מען וועט אים שרייבן קיין מינכען .Gisliasst. 21 Atelier S. Merkurow מערקוראָוו איז אַ קינסטלער אַ רוס, אויך אַ רעוואָלוציאָנער. לעווינ וועט ווײַלן אין מינכען עטלעכע טעג, און דערנאָך וועט ער אָפּפאָרן קיין בערלין, און פון דאָרט וועט ער אינגיכן אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד. ווי כ'האָב געשריבן דאַרף מען אים אַרעסטירן אויף דער גרעניץ. פון די שמועסן מיט אים האָב איך זיך איבערצייגט, אַז ער האָט צוויי פּלענער: — 1) אָרגאַניזירן באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציעס און 2) אַ טעראָריסטישן אַקט, געווענדט קעגן קייסער, ווייל דער דער־מאָרדונג פון מיניסטאָרן גיט ער נישט צו קיין ערנסטע באַדייטונג. —

די באָבע האָט זיך איצט באַזעצט אין ציריך — איר אַדרעס: .Hofstrasse, 36 זי וווינט מיט אייגעם ווערעניאַקין אָדער ווערע־ניאַפין אָדער אַפּילו ווערעניאַפּאָוו, וועלכער איז אַראָפּגעקומען אַהער פון טאַשקענט, ווו ער האָט זיך געפונען אין פאַרשיקונג — דאָס איז זייער אַן ערנסטער סאָצ.-רעוו. די באָבע וווינט דאָ אונטערן נאָמען פון זיין מוטער. כ'האָף אַז דאָס איז אייך זייער אינטערעסאַנט צו וויסן.

אונזער באַקאַנטער קערשנער, וועלכער איז אַנטלאָפן פון וואָלאָגדאַ, געפינט זיך אין איצטיקן מאָמענט אין ציריך, און פונדאַנעט וועט ער אַריבערפאָרן קיין בערן, ווו ער וועט אַרבעטן מצד די סאָצ.-רעוו. צו וועלכע ער איז אַריינגעטראָטן. — שרייבט מיר קיין ושענעווע. כ'דריק פעסט אייער האַנט.

אייער איוואַן.

V.

בערן 24/1903

דאָ אין בערן, אַחוץ די אייך באַקאַנטע זשיטלאָווסקיס, שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל צווישן די סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן די פּרוי פאַלקנער, טראָפּ און קאַגאַן. דערנאָך איז דאָ אַ גרויסע טשאַטע אַרום סעמיאָן ראַפּאָפּאָרטן; ס'איז שווער פעסטצושטעלן אַלע, און אַגב בין איך געקומען אַהער — אויף איין טאָג, כדי מער אָדער ווייניקער באַקענען זיך.

צווישן די איסקראָוועס געפינט זיך דאָ די באַקאַנטע ליובאָוו

אַקסעלראָד, וואָס האָט נישט קיין שום געמיינזאַמעס מיטן ציריכער אַקסעלראָד. זי איז שוין לאַנג אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. ביי איר געפינט זיך אויך איר שוועסטער. אַרום דערדאָזיקער אַקסעלראָד, וועלכע טרעט אָפט אַרויס מיט רעפעראַטן, דרייט זיך די גאַנצע איסקראָווּשע יוגנט, וועלכע געפינט זיך דאָ אין אַ גרויסער צאָל. איך האַלט, אַז איר דאַרפט אויך דאָ איינאָרדנען אַן אויס-שפיר-דינסט.

כ׳ווייס נישט, צי האָב איך אייך שוין געשריבן, אַז אונזער באַקאַנטער מאַשיצקי פאָרט קיין רוסלאַנד צו אָרגאַניזירן די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קאַמפּס-גרופּעס. ער פאָרט פון דער אָרגאַניזאַציע „איסקראַ". — דערדאָזיקער קלאַנג איז אויך פריער געווען, אָבער איצט ווערט ער אינגאַנצן באַשטעטיקט. — כ׳האָב אייך נעכטן פאַרגעסן מיטצוטיילן, אַז די רעדאַקציע פון „סטודענט" איז אַריבער קיין ציריך. וואַרשאַווסקי לעבט איצט אין ציריך. בנוגע לעוויטן באַשטעטיקט זיך אַלץ; און איצט פאָרט ער ערנסט, מיט די סאַמע ערנסטע כּוונות. דאָ באַשטעטיקט זיך דאָס אויך. די בורצעווצעס האַלטן כּסדר אין איין וואַקסן, לויטן אַלגעמיינעם איינדרוק. כ׳דריק אייך די הענט.

אייער איוואַן.

VI.

זשענעווע 1903. X (16) 29

אייער בריוו און דאָס געלט האָב איך נעכטן באַקומען. — אַ דאַנק. לעוויט פאָרט איצט אַליין, אָן דעם ווייב. ער פאָרט אין אַ שוואַרצן פּאַלטן, אַ שוואַרצע דורכגעגרויטע באָרד, פון מיטעלן וווּקס, — גיכער קען מען זאָגן פון נידעריקן וווּקס, אַ פּולער, אַ קליינער שטערן, אַן אָדלער-נאָז, שיינע אויגן; אָנגעטאָן גייט ער נישט פּראַנטיש, מיטלמעסיק, אַ ווייכע, שוואַרצע הוט; ער קען זיך, נאַטירלעך, איבערטאָן. זיין ווייב פאָרט נישט דערווייל; זי וועט אומגעפער אַרויספאָרן אין אַ חודש אַרום. דער-ווייל איז זי אין זשענעווע. — כ׳וועל זיך באַמיען צו געבן אייך נאָך ידיעות וועגן בערן און ציריך אין אַ געווויסער צייט אַרום. איצט מוז איך אייך זאָגן, אַז די אין פּאָריקן בריוו דערמאָנטע ליובאָוו אַקסעלראָד איז איצט אַריבערגעפאָרן קיין זשענעווע, און

מען זאָגט, אַז פון „איסקראַ״ וועט אַהין אַריבערפאָרן בראָנשטיין (טראָצקי), הגם אַנדערע פאַרזיכערן, אַז טראָצקי וועט אַהין גישט פאָרן, ווייל עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער רעדאַקציע פון „איסקראַ״, אַז עס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון איר: פּ. אַקסעלראָד, וועראַ זאַסוליטש, סערגעעוו-מאַרטאָוו (כ׳האָב גראָד איצט פאַרגעסן זיין אמתע פאַמיליע), קראָכמאַל, טראָצקי און בליומענפעלד, און אַז דידאָזיקע אַלע הערן פאָרן קיין פאַריזש און טראַכטן צו גרינדן דאָרט אַן אַנדער צייטונג — אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע. דער אָביעקט פון די חילוקי-דעות צווישן דידאָזיקע הערן מיט לענינען און פּלעכאַנאָוון איז אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער פּרינציפּ. לענין און פּלעכאַנאָוו ווילן, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי זאָל אַריבערגעטראָגן ווערן קיין אויסלאַנד און אַלע ענינים און ידיעות זאָלן זיך קאָנצענטרירן אין לענינס און פּלעכאַנאָווס הענט. זייער אָפּאָזיציע האַלט אָבער, אַז דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פאַרטיי דאַרף זיך געפינען אין רוסלאַנד. —

אין בערן וווינט איצט יעקאַטערינאַ דעמיאַנענקאָ (וועלכע איז אויך פריער באַקאַנט פון פּעטערבורג). אויף איר דאַרפט איר האָבן אַן אויג, ווי אויך אויף סאָפיאַ לעוויאַש, לעוויט ווייבס אַ שוועסטער. — דאָ אין זשענעווע האָט זיך באַוויזן איינער איסאַקאָוו, די אמתע פאַמיליע איז גאָלמאַן, אָדער גאָלדמאַן פון קישינעוו; ער שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל צווישן די בונדיסטן. איך האָב אייך אין פאָריקן בריוו דערמאָנט, אַז כ׳האָב אייך מיט-צוטיילן עפּעס וויכטיקס. דאָס איז אָט וואָס. דאָ איז אויפגעדעקט געוואָרן איינער פון אייערע מיטאַרבעטער, וועמעס פאַמיליע איך וועל די טעג וויסן. אויפגעדעקט האָט מען אים אויף אַזאַ אופן. אייער דאָזיקער מיטאַרבעטער *) האָט זיך געווענדט צו אַ גאַנצער ריי בריוו-טרעגער מיט דער בקשה, זיי זאָלן אים פאַר געלט ווייזן די קאָרעספּאָנדענץ, און איינער פון די בריוו-טרעגער האָט איינעם אַ רוס דערציילט דידאָזיקע געשיכטע. די פאַמיליע פון

---

*) דאָ איז די רייד וועגן שפּיאָן ראַבינאָוויטש, וואָס איז אויפגעדעקט געוואָרן אין זשענעווע ביי זיין פּרווו אונטערצוקויפן די שווייצאַרישע בריוו-טרעגערס.

אייער מיטאַרבעטער איז שוין אַנטדעקט, ווי מען שמועסט דאָ. איך ווייס זי נאָך נישט, אָבער אויב אייך אינטערעסירט דאָס, וועל איך זי לייכט זיך דערוויסן און כ'וועל אייך מ'יטטיילן. אָט דער זעלבער מיטאַרבעטער אייערער, ווי מען זאָגט, פירט זיך אויף זייער נאַריש און בעט אַלעמען אָן זיין קאַנטשאַפּט. — וואָס שייך מיר, איז מיר נישט באַקוועם...

VII.

וולאַדיקאַווקאַז $19/_{IV}-2/_{V}$ *)

דאָס געלט, וואָס איך האָב נעכטן באַקומען, איז געגאַנגען אַהער פון פּאַריזש גאַנצע 11 טעג. יעדנפאַלס בין איך אייך זייער דאַנקבאַר, וואָס איר האָט אַרויסגעשיקט.

וואָס שייך די צוגעשיקטע סימנים פונם רעוו. אין צפון־האָטעל, איז נישט געקוקט אויף זייער גענויקייט, — קען איך מיך נישט דערמאָנען, צי האָב איך באַגעגנט אַזאַ איינעם. בכלל איז זייער שווער בלויז לויט אויסערלעכע סימנים פעסטצושטעלן אַ פּערזאָן. ס'וואָלט געווען גוט צו וויסן לויט וועלכן פּאַס ער האָט געוווינט און צי זענען נישט פאַרבליבן ביי אים וועלכע־נישט־

*) אין סאַמע אָנהויב 1903־טן אָדער אָנהויב 1904־טן יאָר איז אַזעף אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד דורך וואַרשע קיין פּעטראָגראַד און האָט גענומען אַן אוממיטלבאַרן אָנטייל אין די צוגרייטונגען צום אַטענטאַט אויף פּלעווען. קורץ פאַר זיין אָפּפאָר פון אויסלאַנד האָט אַזעף געשיקט קיין רוסלאַנד, כּדי צו אָרגאַניזירן פּלעוועס דערמאָרדונג — סאַזאָנאָוון, קאַלאַיעוון, פּאָקאָטילאָוון, סאַווינקאָוון און אַנד. אין פּעטראָגראַד אין צפון־האָטעל איז אין דער נאַכט אויפן 21־טן מערץ פאָרגעקומען אַן אויפרייס פון אַ באָמבע אין אַ נומער, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער סאָצ.־רעוו. אַלעקסעי פּאָקאָטילאָוו. אַזעף האָט שוין לאַנג און גוט פּערזענלעך געקענט פּאָקאָטילאָוון, ער האָט געוווּסט אַלע פּרטים פון דער פאַרשווערונג אויף פּלעוועס לעבן, אין וועלכער עס האָט אָנטיילגענומען פּאָקאָטילאָוו, אָבער סיי אין דאָזיקן בריוו, ווי אויך אין די ווייטערדיקע, ווו ער קערט זיך אום צום אויפרייס אין צפון־האָטעל, באַהאַלט אַזעף אויס זיין באַקאַנטשאַפט מיט פּאָקאָטילאָוון און ער באַמיט זיך בנוגע דעם אַריינצופירן ראַטאַיעוון אין אַ טעות. קורץ פאַרן אויפרייס אין צפון־האָטעל, ווען מען האָט דערוואַרט דעם אַטענטאַט אויף פּלעווען, איז אַזעף אַוועקגעפאָרן פון פּעטערבורג צוערשט קיין מאָסקווע, און דערנאָך אויפן קאַווקאַז, כּדי צו שאַפן זיך אַן אַליבי.

איז פּאַפּירן. בכלל איז דידאָזיקע גאַנצע געשיכטע זייער אַ מאָדנע. ס'האָט נישט קיין זין קומען צופאָרן פון אויסלאַנד (משפּטנדיק לויט די בגדים פון זשענעווע, מאָנטרע) אין אַ פּעטערבורגער האָטעל, כּדי צו מאַכן פּרוּוון מיט אויפרייס־שטאָפּן. צי האָט אַמאָל נישט געדאַרפט פּאָרקומען אויף מאָרגן אַן אַטענטאַט און דערדאָזיקער רעוואָלוציאָנער האָט צוגעגרייט די באָמבעס, ד. ה., ער האָט זיי צונויפגעשטעלט. איך טראַכט וועגן דעם אויך דערפאַר, ווייל ווי איר שרייבט, זענען געווען פיר באָמבעס, פון וועלכע דריי זענען געבליבן גאַנץ. יעדנפאַלס — דאָס איז זייער אַ גליקלעכער צופאַל — איז פון איין זייט נישט געווען קיין אַטענטאַט — און פון דער צווייטער — בין איך זיכער, אַז דאָס וועט אָניאָגן אַ שרעק אויף די רעוו., זיי וועלן שוין אויסמיידן צו פאַרנעמען זיך מיט אויפרייס־שטאָפן. — צוליב דעם, וואָס איך טרעף זיך דאָ אַבסאָלוט מיט קיינעם נישט, ווייל איך בין פאַרנומען מיט דער קראַנקער מוטער, און אַגב ווייס איך נישט, צי איז דאָ עמיצער דאָ, האָב איך נישט קיין פאָרשטעלונג, וואָס מען רעדט וועגן דעם אין דער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער וועלט. ס'וואָלט געווען זייער וויכטיק דאָס צו וויסן! צי דאָס איז פאַרבונדן מיט דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָדער דאָס איז אַ יחיד, הגם משפּטנדיק לויט דעם, וואָס עס זענען געווען פיר באָמבעס, איז דאָס נישט געווען קיין יחיד.

איך האָף אינגיכן אָפּצופאָרן פונדאַנען, אויב עס וועלן מיט מיין מאַמען נישט פאָרקומען קיין קאָמפּליקאַציעס, און אונטער־וועגס וועל איך מיך באַמיען דערגיין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום דאָזיקן ענין. ווי נאָר איך וועל וואָס־נישט־איז דערגיין, וועל איך אייך תּיכּף מודיע זיין. ווייסט מען וועגן דעם אין זשענעווע, האָט וועגן דעם עפּעס מודיע געווען די „רעוו. ראָססיאַ".
מיר האָט מען וועגן דעם גאָרנישט געשריבן.

אַלדאָס גוטס, כ'דריק די האַנט.

אייער איוואַן.

.VIII

סאַמאַראַ $^{9}/_{V}$—$^{22}/_{V}$

ווי איר זעט רייז איך אַרום. דער ענין מיטן צפון-האָטעל איז די אַרבעט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. וועגן דעם איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע, וועלכע איך האָב נישט געזען, אָבער איר אינהאַלט האָט מען מיר איבערגעגעבן. דער אינהאַלט פון דער פּראָקלאַמאַציע איז אומגעפער אַזאַ: דער געשעענער אומגליק האָט נישט אָפּגעשטעלט די טעטיקייט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. איך האָב גערעכנט פאָרן קיין סאַראַטאָוו, וווּ איך האָב געהאָפּט טיילווייז באַקומען ידיעות וועגן דאָזיקן ענין, און טיילווייז זען זיך מיטן באַרימטן סאַזאָנאָוו *), אָבער דערווייל האָב איך נאָך נישט דערגרייכט נישט דאָס ערשטע, נישט דאָס צווייטע. אין סאַראַטאָוו זענען אַלע אַרעסטירט. כ'האָב זיך געזען מיט ניקאָלאַי וואַסיליעוויטש נאַרבעקאָוון, וועלכער האָט ווינציק ידיעות וועגן דאָזיקן ענין, אָבער ער ווייס, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט זיך, לויט זיינע ידיעות, ווידער אָרגאַניזירט סוף פאָריקן יאָר און זי אַרבעט אינגאַנצן קאָנספּיראַטיוו. סאַזאָנאָוו וווינט אין אופאַ, וווּהין איך פאָר טאַקע אַריבער, כדי איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויפצוקלערן די פיזיאָנאָמיע פון סאַזאָנאָוון, וועלכער איז מיר לחלוטין נישט קלאָר. ווען איך וועל באַקומען ידיעות, וועל איך זיי אייך תיכּף צושיקן (איך בין קיינמאָל אינערגיץ נישט מודיע נישט דורך אייך). דאָ אין סאַמאַראַ איז דער סאַמע ערנסטער רעוואָלוציאָנער — נאַסטאַסיאַ פּעטראָוונאַ אוליאַנאָוואַ, דוואָריאַנסקאַיאַ 5 №. דערנאָך אַ געוויסער קודריאַוועצאָוו, וועלכער אַרבעט אין דער צייטונג „סאַמאַרסקי קוריער". אין וולאַדיקאַווקאַז איז דאָ אַן אַדוואָקאַט בערמאַן, וועלכער פאַרשפּרייט אין אַ גרויסן כמות אומלעגאַלע ליטעראַטור, דער עיקר צווישן זעלנער. מיר דאַכט זיך, אַז עס וועט מעגלעך זיין פעסטצושטעלן די פּערזאָן, וואָס איז אומגעקומען אין צפון-האָטעל.

צום גיכן ווידערזען

אייער איוואַן.

---

*) דאָ איז די רייד וועגן סאַזאָנאָווס ברודער — איזאַט, וועלכער האָט דאַן געוווינט אין אופאַ.

.IX

אופאַ 1904 20/V

דאָ איז מיר אויסגעקומען וואַרטן אַביסל אויפן קומען פונם באַרימטן סאַזאָנאָוו, וועלכער איז געווען אַוועקגעפאָרן געשעפטלעך.

פון די שמועסן מיט סאַזאָנאָוון בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער פאַרנעמט זיך נישט מיט אָרגאַניזירן די באַקאַנטע ענינים. ער סימפּאַטיזירט מיט זיי, ער גיט וואָרשיינלעך אַ סך געלט, אָבער דערמיט, דאַכט זיך מיר, באַגרעניצט זיך זיין אָנטייל, בפרט, אַז ער פירט אָן אַ גרויסן וואַלד-מסחר, ווייל זיין פאָטער איז שטאַרק קראַנק. איך חזר איבער, אַז דאָס זענען נאָר מיינע איינדרוקן, פאַר וועמעס ריכטיקייט איך קען נישט ערב זיין, בפרט אַז איר פאַרמאָגט קעגנזעצלעכע ידיעות. מיר דאַכט זיך נאָר, אַז איך האָב קיין טעות נישט, יעדנפאַלס אין איצטיקן מאָמענט איז ער ווייט דערפון. וועגן זיין ברודער *) ווייס ער נישט, ווו ער געפינט זיך, ער איז אָבער משער, אַז יענער פאַרטראַכט עפּעס, וואָרשיינלעך, אין דער הינזיכט, ווייל, לויט זיין מיינונג, איז ער דאָך נישט אומזיסט אַנטלאָפן. ווען עס איז פאָרגעקומען דער פאַל אין צפון-האָטעל, — האָט ער אַ קלער געטאָן, צי איז עפּעס נישט פאָרגעקומען מיט זיין ברודער, און ער איז אַרויסגעפאָרן פון אופאַ, וואָרשיינלעך, קיין קיעוו, דערוויסן זיך, וועגן וואָס דאָ גייט. ווייזט זיך אַרויס, אַז אין צפון-האָטעל איז דער פאַל פאָרגעקומען מיט אַ געוויסן אַלעקסעי (די פאַמיליע איז אומבאַקאַנט), מיט באַלמאַשעווס חבר; דערדאָזיקער אַלעקסעי איז געווען אַ סטודענט פון קיעווער אוניווערזיטעט. דערדאָזיקער נאָמען איז ווייזט אויס אַן עכטער. דאָס איז איינער פון די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, וועלכע באַשטייט פון עטלעכע פערזאָן. דערדאָזיקער אַלעקסעי איז געווען אין אויסלאַנד, אָבער פון דאָרט איז ער געקומען צופאָרן שוין גאַנץ לאַנג, אין יאַנואַר.

---

*) דאָ רעדט זיך וועגן יעגאָר סאַזאָנאָוון. אַזעף האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז סאַזאָנאָוו וווינט שוין אַ האַלב יאָר אומלעגאַל אין פּעטערבורג, שפּירט נאָך כלעווען און דערפירט צוזאַמען מיט זיינע חברים צום סוף דעם אַטענטאַט אויף [illegible]לעווען.

ב׳מיין, אַז דאָס איז יענער הער, וועלכן סעראַפימאַ האָט דער־וואַרט. לעוויט האָט אויך, וואָרשײנלעך, געהאַט אַ באַגעגעניש מיטן דאָזיקן אַלעקסעי, ווייל דער עולם מיינט, אַז דער אויפרייס איז פאָרגעקומען דערפאַר, וואָס מען איז געקומען אַרעסטירן קאַזאַנאָוואַן, ווייל נאָך לעוויטס אַרעסט האָט מען אים נאָכגעשפירט. איך האָף, אַז דידאָזיקע פאַקטן וועלן אייך געבן די מעגלעכקייט פעסטצושטעלן דידאָזיקע פערזאָן. פונדאַנעט פאָר איך היינט אַרויס און כ׳וועל וואָרשײנלעך אינגיכן זיין ביי אייך. אין אופאַ האָב איך זיך געזען מיט איינעם אַן אומלעגאַלן, ער שפּילט, וואָרשײנלעך, אַ גרויסע ראָל. זיין צונאָמען איז פעאָדאָסי, ער איז אַהער געקומען אויף אַ טאָג־צוויי פון קיעוו, פון מיטעלן וווקס, אַ טונקעלער בלאָנדין. קיעוו איז, ווייזט אויס, אויך איצט אַ צענטר. דער אַרעסטירטער פאַוועל איוואַנאָוויטש (כלומרשט קודריאַווצאָוו) איז נישט קיין אַנדערער ווי זיין חבר טאַמבאָווצעוו, נאַדעזשדין אָדער נאַדעזשין. ער איז אַרעסטירט געוואָרן נישט ביי יעזער־סקאַיאַ אין מאָסקווע, נאָר אין ראָסטאָוו. אינגיכן וועל איך שרייבן נאָך.

אייער איוואַן.

P. S. קיין פּאַריזש דאַרף קומען צופאָרן אַ געוויסע לאַשקע־וויטש, זייער אַן ערנסטע רעוואָלוציאָנערקע, זי וועט קומען צופאָרן מיט וואַלענטינאַ אַנטאָנאָוואַ פון פּעטערבורג. אַנטאָנאָוואַ איז אַן אַלטע רעוואָלוציאָנערקע, סעראַפּ. און מעלניקאָווס אַ חברטע.

אייער איוואַן.

X.

פּעטערבורג II/VI

איך האָב זיך דאָ דערוווּסט, אַז דער פאַל אין צפון-האָטעל איז פאָרגעקומען מיט אַלעקסעי פּאָקאָטילאָוון, דעם ברודער פון געהילף־מיניסטער ראָמאַנאָווס פרוי און אַז מיטאַרבעטער האָט ער געהאַט אין פּאָלטאַווע און אָדעס. ווהין איך פאָר טאַקע אַרויס פונדאַנעט.

אייער איוואַן.

ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט.

XI.

אָדעס 19/VI–2/VII 1904

פאַרווײַלנדיק דאָ 6 טעג איז מיר געלונגען צו דערגיין אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן.

פונדאַנעט פאָרט די טעג אַרויס איינע אַ פרוי מיטן ציל צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויף קוטאַיסאָוון, דעם גענעראַל-גובערנאַטאָר אין אירקוטסק.

דידאָזיקע פרוי איז אַ ברונעטין פון מיטלן ווּקס, אַ יידישקע, אָבער פון פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. אַהער איז זי געקומען פון אויסלאַנד, פונוואַנעט מען האָט זי געשיקט צוליב דעם. כדי פעסטצושטעלן איר פערזאָן (איך האָב מיט איר גערעדט) קען איך מודיע זיין פאָלגנדיקס. זי איז אַ געוועזענע סאָציאַל-דעמאָקראַטקע, זי איז פאַרשיקט געוואָרן ביזן אורטייל קיין וואָלאָגדאַ, פון דאָרט איז זי אַנטלאָפן סוף פאַרגאַנגענעם און אָנהויב הייַנטיקן יאָר. מען רופט זי מאַריאַ (דער אמתער נאָמען), און די פאַמיליע איז אַן עכט-רוסישע, עפּעס אומגעפער שטשעפּאָטיעוואַ, הגם איך בין נישט ערב. זי איז אַ פרוי פון אַ רוסישן קריסט, איר מאַן איז פאַרשיקט קיין סיביר. דאָ אין אָדעס געפינען זיך נאַאום לעאָנטיעוויטש געקער און וואַסילי איוואַנאָוויטש סוכאָמלין. זיי שפילן אַ גרויסע ראָל אין דער פאַרטיי, און ווי עס ווייזט אויס פירן זיי אָן מיט דער אַרבעט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע; פון זיי בין איך דערגאַנגען, אַז די געשעעניש אין צפון-האָטעל איז אַן אַקט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע; זיי האָבן אויך באַשטעטיקט, אַז דער אומגעקומענער רעוואָלוציאָנער איז — פּאָקאָטילאָוו. אַחוץ זיי נעמען אַ גרויסן אָנטייל אין דער פאַרטיי-אַרבעט אַ געוויסער ראַספּאָפּאָוו, אַ בוכהענדלער, און געדעאָנאָווסקי, אַ געוועזענער פאַרשיקטער. ס'איז קיין ספק נישטאָ, אַז דידאָזיקע פערזאָנען בילדן דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פאַרטיי סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. פון זיי בין איך דערגאַנגען, אַז דער אַטענטאַט אויף פלעווען ווערט אָפּגעלייגט צוליב מאַנגל אין באָמבעס, וועלכע זענען אומגעקומען—די נייע צוגרייטונג, וועלכע וועט פאַרנעמען אַסך צייט, און צו פלעווען קען מען מיט קיין רעוואָלווערן נישט צוקומען, אָבער צוליבן רענאָמע פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע

דאַרף מען אויספירן אַ טעראָריסטישן אַקט, און דעריבער האָט מען איצט אויסגעוויילט קוטאַיסאָוון. די יאַקוטסקער געשיכטע וועט באַרעכטיקן דעמדאָזיקן פאַקט אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט און די רעוואָלוציאָנערן. איך בין זיכער, אַז אַדאַנק דידאָזיקע ידיעות וועט אייך געלינגען אויסצומיידן דעם אַטענטאַט אויף קוטאַיסאָוון און פעסטשטעלן ווער עס איז דידאָזיקע פרוי. חוצדעם וועט דידאָזיקע פרוי וווינען אין אירקוטסק אויף אַ פאַלשן פאַס, אַ מעשטשאַנסקער 5-יאָריקער ביכל; אין אירקוטסק וועט זי וווינען אין אַ האָטעל. מיר דוכט זיך, אַז לויטן פאַס וועט איר נאָמען זיין נאַטאַליאַ — אָבער איך בין נישט ערב דערפאַר. איך בעט, אַז איר זיין אין אָדעס זאָל נישט באַקאַנט ווערן, ווייל זי איז דאָ שטאַרק פאַרקאָנספּירירט, און איך האָב זיך מיט איר געזען, זי רעכנט קומען צו קוטאַיסאָוון אין אַ טרויער-קלייד. איך האָף, אַז דאָס איז פאַר אייך אַ וויכטיקע ידיעה און ס'קען זיין, אַז דאָס איז אַ מעגלעכקייט אַרויפצופאַלן אויפן שפור פון אַנדערע. איך וועל נאָך אַריינפאָרן פונדאַנען קיין פּאָלטאַווע.

אייער איוואַן

XII.

מאָסקווע 24/VI—7/VII

כ'בין מודיע פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע זאַכן: 1) מיט אָרגאַניזירן דעם אופער אַטענטאַט פון פאָריקן יאָר *) האָט זיך פאַרנומען אַ געוויסער פלאַקסין — אַ דאָקטאָר, וועלכער איז תיכף נאָכן 6-טן מאַי אַרויסגעפאָרן פון אופאַ און איז דערנאָך אַוועק קיין אויסלאַנד, ווו ער פאַרקערט איצט דער עיקר צווישן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן, כדי אָפּצוציען פון זיך די אויפמערקזאַמקייט; ווען מען זאָל אים אַרעסטירן, וואָלט ער זיך אָנגעגעבן אַלס סאָציאַל-דעמאָקראַט, באַנוצנדיק זיך דערמיט, וואָס ער איז פריער פאַרשיקט געוואָרן לויט אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישן פּראָצעס. זיי

*) דאָ רעדט זיך וועגן דער דערמאָרדונג פונם גובערנאַטאָר באָגדאַנאָוויטש אין אופאַ אין 1903-טן יאָר. דאָס אָנווייזן אויפן סאָצ.-דעמאָקראַט פלאַקסין, ווי אויפן אָנטיילנעמער אין דאָזיקן מאָרד, איז דורך אַזעפן געמאַכט געוואָרן, ווייזט אויס, באַוווסטזיניק נישט-ריכטיק.

זענען צוויי ברידער די פלאַקסינס, דער צווייטער איז אַ יוריסט — וווינט אין אַרכאַנגעלסק; סימפּאַטיזירט אויך מיט די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. דאָס האָב איך זיך דערוווּסט פונם אַדוואָקאַט סיניצין, וועלכער וווינט איצט אין ניזשני־נאָווגאָראָד און האָט פריער געוווינט אין אופאַ. פלאַקסינען דאַרף מען, לויט מיין מיינונג, האָבן באַזונדערס אויפן אויג. ווו ער וווינט אין אויסלאַנד, ווייס איך נישט, אָבער ווען איך וועל אינגיכן קומען דאָרט, וועל איך זיך באַמיען דערוויסן זיך. 2) אין פּעטערבורג ביים געהילפס־אַדוואָקאַט טראַנדאַפילאָוון, וועלכער וווינט אויף זשוקאָווסקיס גאַס, № 35, געפינט זיך, ווי מען גיט איבער, אַ סקלאַד פון ליטעראַטור, און אַהין קומט בערענשטאַם (אַ באַקוועמע געלעגנהייט פטור צו ווערן פון בערענשטאַמען), דאָס דאַרף מען אָבער, פאַרשטייט זיך, קאָנטראָלירן. 3) אין מאָסקווער קאָמיטעט פון די סאָצ.־רעוו. גייען אַריין, אַחוץ זענזינאָוון, די פרוי יעמעליאַנאָווא, וואָס האָט פריער געוווינט (מיט אַ אָנדערט־האַלבן יאָר צוריק) אין זשענעווע און דער סטודענט בעלאָאוסאָוו. דאָס אינטערעסאַנטסטע אין מאָסקווע איז אָט־וואָס. דערציילט האָט מיר דאָס זענזינאָוו. מיט אַ צוויי וואָכן צוריק האָט אים דורכן הינטערשטן גאַנג אַרויסגערופן עפּעס אַ סוביעקט. ווען זענזינאָוו איז צו אים אַרויסגעקומען, האָט ער זיך אָנגעגעבן אַלס באַאַמטער פון אָכראַנע און ער האָט אים גענומען דערציילן, אַז אים און נאָך אַנדערע פערזאָנען שפּירט מען נאָך, ער האָט אָנגערופן אַ גאַנצע ריי נעמען און אַ סך פּרטים. דאָס אַלץ איז געווען זייער ריכטיק. ווען זענזינאָוו האָט אים געפרעגט, צוואָס ער דערציילט אים דאָס, האָט אים דער סוביעקט דערקלערט „ צי איז אייך, האַר, נישט אַלץ־איינס פאַרוואָס, נו, זאָל זיין אַז אַפילו צוליב אַ בייז האַרץ אויף די שעפן. יעדנפאַלס, זעט איר דאָך, אַז איך דערצייל אייך דעם אמת, אָבער כ׳בעט אייך קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן, אַפילו אייערע, ווייל צווישן אייערע זענען דאָ אַזעלכע, וואָס דינען אין דער אָכראַנע", און ער רופט אָן, אַגב אורחא, איין פערזאָן (מיר האָט זענזינאָוו נישט אָנגערופן די פאַמיליע), וועלכער איז אַ מיטגליד פון מאָסקווער קאָמיטעט. דערנאָך האָט דער סוביעקט אָנגערופן אַ פערזאָן, וועלכער האַלט אונטער באַציאונגען מיט די אַגענטן און געגעבן זיין אַדרעס —

מיר איז געלונגען אַרויסצוקריגן אים ביי זענזינאָוון. דאָס איז דמיטרי וואַסיליעוויטש פּאָפּאָוו, ער וווינט אויף דער 6-ער יאַמסקער אין זאַוואָדאָווס הויז, 65 №, וו. 4. חוצדעם האָט ער אָנגעוויזן, אַז אויף דער 3-ער יאַמסקער, אין ראָגאָוון רויטן הויז, דעם № געדענקט ער נישט, דאַכט זיך, 65 אָדער 66, געפינט זיך אַ דראָשקע-הויף פון דער אָכראַנע. דאָרט וווינען 6 דראָשקאַזשעס, וועלכע פאָרן אַרויס טאָג-טעגלעך אַרום 8—10 אינדערפרי, אַזוי, אַז ער לייגט פאַר פעסטצושטעלן ווער זיי זענען. די דראָשקאַזשעס פאַרנעמען זיך מיט נאָכשפּירן. דערדאָזיקער סוביעקט האָט דערציילט וועגן אַלץ, ווי אַזוי די אויסשפּירונג קומט פאָר און דערנאָך האָט ער צוגעזאָגט צו וואָרענען פון באַשטימטע ליקווידאַציעס. חוצדעם האָט ער געעצהט גאָרנישט האַלטן ביי זיך און אָפּזאָגן זיך צו ענטפערן אויפן פאַרהער. דאַן לויט זיין מיינונג, וועט מען אייך שטענדיק אַרויסלאָזן אויף דער פריי, — ווייל דער פּראָקוראָר גיט נישט צו קיין שום ווערט אונזער שפּיאָנישן עדות-זאָגן. כ'האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב אייך מודיע זיין וועגן דעם, דאָס איז אָבער זייער אַ פיינע מאַטעריע — זענזינאָוו האָט מיר דאָס איבערגעגעבן שטרענג געהיים. כ'בעט אייך, איר זאָלט דאָס דעליקאַט אויסנוצן. 4) פונם פאַר-אַרעסט-הויז האָט מען געוואָרנט פאַר גאָרנבערגן. צום ווידערזען.

איי‏ער איוואַן.

XII.

ווילנע *) 1904 7/VII

אין מאָסקווע אַדער סמאָלענסק דאַרף פאָרקומען אָנהויב

---

*) קיין ווילנע איז אַזעף געקומען צופאָרן פון פּעטראָגראַד אָנהויב יולי 1904-טן יאָר און פון טאָג צו טאָג האָט ער דאָרט דערוואַרט ידיעות פון פּעטראָגראַד וועגן דער דערוואַרטער דערמאָרדונג פון פּלעווען. דער אַטענטאַט אויף פּלעווען, וואָס איז באַשטימט געווען אויפן 8-טן יולי, איז דאָסמאָל צוליב צופעליקע סיבות נישט פאָרגעקומען און סאַזאָנאָוו איז געקומען צופאָרן מיט דערקלערונגען צו אַזעפן קיין ווילנע.

אויגוסט אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון די סאָצ.-רעוו., אויף וועלכן עס וועלן באַהאַנדלט ווערן פֿאָלגנדיקע פֿראַגן :

I. **אָרטיקער טעראָר און קאַמפּס-גרופּעס.** צי האָבן רעכט די אָרטיקע קאָמיטעטן זעלבשטענדיק אונטערצונעמען טעראָריסטישע אַקטן, וועלכע ווערן אַרויסגערופֿן דורך אָרטיקע באַדינגונגען, אָדער יעדעס מאָל דאַרף מען האָבן די הסכּמה אָדער די סאַנקציע מצד דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע אָדער פֿון צ. ק.? די באַציאונג צום אָרטיקן אַנטירעגירונגס-טעראָר אין דאָרף.

II. **די בילדונג פֿון נייע פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס.** די באַדינגונגען וואָס זענען נויטיק, אַז דער פּאַרטיי-קאָמיטעט זאָל אָנערקענען אַ געגעבענע גרופּע די רעכט פֿון די אָרטיקע קאָמיטעטן פֿון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן.

III. **די אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס פֿון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן.** (פֿויערשער פֿאַרבאַנד פֿון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, זע № 8 ר. ר. און „צום גאַנצן פֿויערטום". 2-טע אויסגאַבע, דעם סוף, צו דער פֿראַגע וועגן דער פֿויערשער אַרבעט № 35 ר. ר. דער פֿאַרבאַנד פֿון די פֿאָלקס-לערער זע № 35 ר. ר. № 4 ר. ר.). צי איז צוועקמעסיק די עקזיסטענץ פֿון ענלעכע אָרגאַניזאַציעס אין דער פּאַרטיי, צי זענען נאָרמאַל זייערע באַציאונגען צו די צענטראַלע און אָרטיקע פּאַרטיי-קאָמיטעטן.

IV. **די באַציאונג צו די סטודענטישע אָרגאַניזאַציעס.** (זייער מאַניפֿעסט און די פּראָטאָקאָלן פֿון II סטודענטישן צוזאַמענפֿאָר. די אַרטיקלען צו דער סטודענטן-פֿראַגע אינם „זאַמלבוך צו די פֿראַגן פֿון פּראָגראַם און טאַקטיק").

V. **די ראַיאָן-אָרגאַניזאַציעס פֿון די פּאַרטיי-קאָמיטעטן.**

VI. די באַדינגונגען פֿון הסכּם מיט די אויסער-פּאַרטייאישע אָרגאַניזאַציעס.

VII. די באַציאונג צום אַגראַרן און בכלל צום עקאָנאָמישן טעראָר אין דער אַגיטאַציע-ליטעראַטור.

אויפֿן דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר וועלן קומען פֿאָרשטייער פֿון אַלע גרופּעס סאָצ.-רעוו. אין צענטראַל-רוסלאַנד, און ער ווערט צונויפֿגערופֿן לויט דער איניציאַטיוו פֿון די מאָסקוויטשעס.

אין ווילנע בין איך פֿאַרבליבן, ווייל מיר פעלט געלט אויף דער נסיעה קיין פּאַריז, און דעריבער, זייט אַזוי גוט און שיקט מיר תּיכף אַרויס טעלעגראַפיש 100 רובל, און איך וועל די טעג זיין ביי אייך.

אַלדאָס גוטס, אייער איוואַן.

כ׳שטיי איין אין פראַנצויזישן האָטעל.

.XIV

זשענעווע 7/IX. 1904

ענדלעך האָב איך זיך אויסגעקליבן אָנצושרייבן אייך. עס האָט זיך נישט געוואָלט שרייבן ביז איך וועל נישט אָנטאַפּן עפּעס וועזנטלעכס. כ׳קען נאָך נישט זאָגן, איך זאָל דאָס האָבן דערגרייכט, אָבער יעדנפאַלס באַקומט זיך אַ וואָסער-נישט-איז בילד. אַן אַטענטאַט אויף זיין מאַיעסטעט גרייט זיך צו — ס׳איז פאַר מיר נישטאָ אין דעם דער מינדסטער ספק. דער שווער-פּונקט פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז אין אָדעס. נישט לאַנג צוריק איז מיר געלונגען איבערצוליינען דאָ אַ בריוו, אין וועלכן מען מעלדעט, אַז דער קייסער וועט זיין אין אָדעס. דערדאָזיקער בריוו איז אָנגעקומען אויף גאָצס אַדרעס פון מינכען, און גאָצס ברודער האָט אים געבראַכט, כדי איבערצוגעבן אים אין זשענעווע. צו-פעליק איז מיר געלונגען צו כאַפּן אַ קוק אין דאָזיקן בריוו. וואָס שייך דער גאַנצער ריי נעמען, וועגן וועלכע מיר איז אויסגעקומען צו ריידן מיט אייך, איז מיר געלונגען אויפצוקלערן פאָלגנדיקס: יערעמעי — דאָס איז סט. ניק. סלעטאָוו *). דאָס איז זיין נאָמען,

*) סטעפאַן ניקאָלאַיעוויטש סלעטאָוו איז געווען אַן אָנגעזעענער טוער פון די סאָצ.-רעוו. און ער איז אין יענער צייט אומלעגאַל געפאָרן קיין רוס-לאַנד מיט ערנסטע אויפטראַגן פון דער פּאַרטיי. אַדאַנק אַזעפס אָנווייזונגען איז ער אַרעסטירט געוואָרן גלייך ביים אָנקומען קיין רוסלאַנד. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה, איז סלעטאָוו אין אויגוסט 1914 אַריינגעטראָטן אַלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און אין 1915-טן יאָר איז ער געהרגעט געוואָרן אין אַ שלאַכט. דער צוזאַמענשטעל פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע איז אַזעפן געווען גוט באַקאַנט. אַזעף פלעגט אומשעדלעך מאַכן די-יעניקע, וועמען עס איז אים געווען נישט נויטיק און פערזענלעך שעדלעך: סלעטאָוון, סעליוקן און אַנד.

מיט וועלכן ער האָט זיך באַנוצט אין קיעוו, און דעריבער רופן
אים אַזוי אייניקע, וועלכע קענען אים פון רוסלאַנד. וועגן זיין
פאַל איז איבעריק צו ריידן — ער איז אַ מיטגליד פון צענטראַל-
קאָמיטעט פון דער פאַרטיי. נאַטאַליאַ דאָס איז מאַריאַ סעליוק,
אין קיעוו איז זי באַקאַנט אונטערן נאָמען נאַטאַליאַ איגנאַטיעוונאַ —
שפילט די ערשטע ראָל אין דער פאַרטיי. וועניאַמין וווינט אין
אויסלאַנד זייט פאַראַיאָרן, שרייבט זעלטן אין „ר. ר". אויף טעראָ-
ריסטישע טעמעס — אים געהערט דער אַרטיקל אין № 46 „רעוו.
ראָססיאַ" „אָן אַ אַדרעס" אונטער דער אונטערשריפט: געוועז.
סאָציאַל-דעמאָקראַט. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד אויף
אַ געוויסע צייט אין מערץ—אַפּריל, איז נישט לאַנג צוריקגעקומען;
ווי מען זאָגט לעבט ער כסדר אין דייטשלאַנד אין פרייבורג.
אַ געוועזענער סאָציאַל-דעמאָקראַט — אָן ספק אַ טעראָריסט, וואָס
איז געפאָרן קיין רוסלאַנד, ווי איך בין מיר משער, צוליב טע-
ראָר-ענינים. וועניאַמין איז דאָ איצט נישטאָ, איך האָב אים שוין
נישט דערווישט. מען זאָגט, אַז ער איז אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד.
מען האַלט אים פאַר זייער טאַלאַנטירט. זיין פרוי האָט נישט
באַקומען דעם בריוו, וואָס זיין אינהאַלט האָט איר איבערגעגעבן.
פּאַוועל איוואַנאָוויטש *) — אַ יונגער מענטש, שוואַרצע וואָנצעס, 28
יאָר, נישט לאַנג צוריקגעקומען פון פּיטער, כ'האָב אים געזען
עטלעכע מאָל. ס'איז שווער צו אָריענטירן זיך אין זיין ראָל, אָבער
יעדנפאַלס איז ער — נישט קיין קלייניקייט. מיר איז אויך געלונ-
גען דאָ אַנטדעקן קודריאַווצאָוון. ער וווינט אין זשענעווע אונטערן
נאָמען מעשקאָווסקי. אַ הויכער וווקס, אַ העל בערדל, אין ברילן,
אָנגעטאָן מיט פּרעטענזיעס אויף טשאַילד האַראָלדן — אין אַ פּלאַשטש
מיט אַ שוואַצער ברייטער באַנד, ער וווינט דאָ מיטן ווייב און אַ קינד.
מיט איין וואָרט, מעשקאָווסקין קענען דאָ אַלע, אָבער אַז ער
איז קודריאַווצאָוו — דאָס איז מיר ערשט נעכטן באַקאַנט געוואָרן
דורך סלעטאָוון. אינגיכן וועל איך זיך דערוויסן זיין אַדרעס
און כ'וועל אייך צוּוויסן געבן. ער קלייבט זיך אינגיכן קיין רוס-

*) „פּאַוועל איוואַנאָוויטש" דאָס איז ב. וו. סאַווינקאָוו. אַזעף האָט אים
געקענט זייט אָנהויב 1903-טן יאָר, אָבער זיין נאָנטע קאָנטשאַפט מיט אים האָט
ער אויסבאַהאַלטן פון ראַטאַיעוון.

לאַנד. די באָבע און זשיטלאָווסקי וועלן גאָר אינגיכן פאָרן קיין אַמעריקע כּדי צונויפצוזאַמלען געלט און פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע. נאָכן קומען פון אַמעריקע וועט די באָבע פאָרן קיין רוסלאַנד. די טעג פּאָרט פונדאַנעט אַרויס קיין רוסלאַנד די פרוי פון גערמאַן גאַלקין, — זי וועט פירן אין צוויי וואַליזעס ליטעראַטור. אויב איך וועל וויסן עפּעס גענויערס, וועל איך צו אייך טעלעגראַפירן, — איר וועט דאַרפן טעלעגראַפירן אויף דער גרעניץ. — די ווילע אין הערמאַנס איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן, וועלכע פאַרקויפט זי איצט. די פולמאַכט איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם פירשט כילקאָוו. — נו, אויף הײַנטיקס מאָל וועט שוין זײַן גענוג. שרײַבט מיר פּאָסט־רעסטאַנט, זשענעווע — פּ. וואַלדע. איך וועל גײן אויף פּאָטשט אָפּט — טאָג־טעגלעך, און אינגיכן וועל איך אייך געבן אַ צווייטן אַדרעס. שיקט מיר צו געלט, הוצאות ביז אויגוסט 550 רובל און פאַר סעפּטעמבער געהאַלט 500 רובל, אויפן זעלבן אַדרעס, אָבער כ׳בעט אייך, וואָס שנעלער, ווײַל איך נויטיק זיך אין געלט. איך מוז אייך זאָגן, אַז דאָ איז דאָ אַ גרופּע פּערזאָנען, וועלכע מײַדט מיך אַזוי ווי אויס און אייניקע, וועלכע באַציען זיך גוט צו מיר — צווישן זיי טשערנאָוו, די באָבע און גאָץ. מיר דאַכט זיך, אַז מען האָט אַ סך גערעדט וועגן צוטרוי צו מיר און עס האָבן וואָרשײַנלעך עקזיסטירט צוויי פּאַרטייען און מיר דאַכט זיך, אַז די השפּעהרײַכע איז געווען אויף מײַן זײַט. כ׳ווייס נישט, אויף וויפל איך בין זיך נישט טועה. מיר דאַכט זיך פונדעסט־וועגן, אַז מיר וועט געלינגען צו באַקומען דעם פולסטן צוטרוי מצד אַלע — אַלץ בהדרגהדיק. דעם צוזאַמענפאָר, וועלכער ווערט אײַנגעאָרדנט דורך ציליאַקוסן, *) וועט זיך אײַנגעבן אײַנצו־אָרדנען סוף סעפּטעמבער. כ׳וואַרט אויף אײַערע גענויע ידיעות און אויף געלט.

אייער איוואַן.

---

*) דער צוזאַמענפאָר איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פונם פינלענדער ציליאַקוס. אין נאָמען פון די סאָצ.־רעוו. האָבן אויפן צוזאַמענפאָר אָנטיילגענומען וו. מ. טשערנאָוו און אַזעף, ס׳האָבן אין אים אָנטייל־גענומען אויך פּ. ב. סטרוווע, פּ. נ. מיליוקאָוו און וו. יאַ. באָגוטשאַרסקי. אַזעף האָט צונויפגעשטעלט אַ גענויעם באַריכט וועגן דאָזיקן צוזאַמענפאָר און אים אַרײַנגעשיקט אין פּאָליצײַ־דעפּאַרטאַמענט.

XV.

איך האָב אייך היינט טעלעגראַפירט, אַז סטעפּאַן סלעטאָוו, דער פּרויס ברודער — פּאָרט קיין רוסלאַנד, פּעטערבורג דורך בערלין — ווערזשבאָלאָוואָ און, אויף וויפל מיר איז געלונגען צו דערגיין, וועט ער האָבן אויף דורכצופאָרן אַ דייטשישן פּאַס, אַרויסגעגעבן אין בייערן דעם ה׳ באַפּפּלע, געבוירן אין 1884-טן יאָר. היות דעם פּאַס-באַלעבאָס איז בלויז 20 יאָר, האָט זיך סלעטאָוו געשוּבט, צי זאָל ער פאָרן אויף אים צי נישט. ס׳קען זיין, אַז ער וועט פאָרן אויף אַן אַנדערן. איך ווייס אויף זיכער, אַז ער וועט דאָנערשטיק אָוונט אַרויספאָרן אויף פּעטערבורג און שבת אינדערפרי וועט ער אָנקומען קיין פּעטערבורג און ער וועט גיין צו בוקיסן, דעם סעקרעטאַר פון דער גענעראַל-געזעל-שאַפט פאַר לעבנס-פאַרזיכערונג, אויף נעווסקע № 23, דערנאָך וועט ער זוכן אין אַדרעסן-אַמט יעוואַ מאַרקאָוונאַ עפּרוסי. חוץ-דעם דאַרף ער אָדער בוקיס שבת אָדער זונטיק אינאָוונט טרעפן זיך מיט אַ מאַטראָז אַ לאַטיש, וואָס דינט אויף אַן ענגלישן דאַמפּער און וועלכער האָט געבראַכט מיטן דאַמפּער ליטעראַטור פון די סאָצ.-רעוו. די באַגעגעניש דאַרף פאָרקומען אין רעס-טאָראַן אויפן וואַסיליעווער אינזל (דער 8-ער ווינקל פון דער ליניע און עפּעס אַ פּראָספּעקט) אין בורקהאַרטס רעסטאָראַן, דאַכט זיך יעדנפאַלס, אַז איז דעם רעסטאָראַן נישט שווער צו געפינען. די באַגעגעניש קומט פאָר אינאָוונט, צווישן 8 — 10. כ׳האָף, אַז דאָס זענען גענוג ידיעות, כּדי צו אַרעסטירן סלעטאָוון. סעליוק פאָרט אויך די טעג אַרויס איבער ווין קיין אָדעס. כ׳וואַרט אויף אייערע בריוו און אויפן געלט.

אייער איוואַן.

דער מאַטראָז — דער לאַטיש וועט מיטברענגען אויך די ליטעראַטור, וועלכע ער דאַרף איבערגעבן.

XVI.

אַ טעלעגראַמע פון 13 סעפּ. 1904-טן יאָר.

סטעפּאַן סלעטאָוו פאָרט אַרויס מיטוואָך אינדערפרי

רוסלאַנד בערלין דאַכט זיך דייטשן פּאַס נאָמען באַפּפלע פּעטערבורג זיין גענוי בריוולעך.

איוואַן.

XVII.

נאָך דער באַגעגעניש מיט אייך האָב איך באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן מען איז מיר מודיע וועגן געפערלעכן געזונט-צושטאַנד פון מיין מוטער, וועלכע וווינט אין וולאַדי-קאַווקאַז. איך קען זיך נישט מוחל זיין, וואָס כ'האָב זי נישט באַזוכט בעת מיין זיין אין רוסלאַנד. מיין געוויסן גיט מיר נישט קיין רו, און איך וויל אומבאַדינגט פאָרן זען זיך מיט איר; דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז אין אויגוסט געשטאָרבן מיין פאָטער, וועלכן איך האָב אויך נישט געזען, ווייל איך האָב זיך געפונען דאָ. איך בעט אייך דעריבער, איר זאָלט מיר דערלויבן דידאָזיקע נסיעה, וועלכע וועט דויערן 17 טעג, ווייל איך וויל פאַרברענגען אַ וואָך ביי מיין מוטער, און חוצדעם באַקומען פאַר מיר דעמזעלבן פּאַס, וואָס פריער, די פאַמיליע אָבער אַן אַנדערע. איך וואָלט געקענט פאָרן אויך אויף מיין איצטיקן, דאָס איז אָבער פאַרבונדן מיט אומבאַקוועמלעכקייטן. איך וועל מוזן זיין אין פּיטער כדי צו באַקומען אַ צוריקוועגדיקן, און דאָס וואָלט איך נישט וועלן. איך האָף, אַז איר וועט דערפילן מיין בקשה, פאַרוואָס איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, און כ'וויל, איר זאָלט דאָס טאָן תיכף; איך וועל זיין ביי אייך שבת, אַזייגער דריי, און ס'וואָלט גוט געווען, ווען איר זאָלט צוגרייטן. וואָס גיכער איך וועל אָפּפאָרן, — אַלץ רואיקער וועל איך זיין.

אייער איוואַן.

XVIII

זשענעווע 1904 23/IX

אייערע אַלע בריוו האָב איך באַקומען ערשט נעכטן. דער פּאָטשט-באַאַמטער האָט זיך אַנטשולדיקט, ווען איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז די בריוו זענען באַקומען געוואָרן שוין לאַנג, און מען

האָט זיי מיר נישט אַרויסגעגעבן נישט געקוקט אויף דעם, וואָס כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט. דאָס איז געווען די סיבה פון דעם, וואָס כ'האָב אייך טעלעגראַפירט, אַז כ'האָב נישט פון אייך נישט קיין בריוו, נישט קיין געלט. אייערע אַלע 4 בריוו האָב איך באַקומען פּאַראַמאָל. כ'וועל זיך איצט באַמיען ענטפערן אויף אַלץ. קודם־כל אייער ערשטער בריוו, אין וועלכן איר וואַרפט מיר פאָר דאָס נישט־דערריידן און איר רעדט וועגן דער צוועקלאָזיקייט פון אונזער עקזיסטענץ, אויב אונז וועט נישט געלינגען אָפּצוהיטן דעם, וועך עס איז טייערער פאַר אַלץ. אויף דעם קען איך זאָגן בלויז דאָס, אַז, ווי תמיד, אַרבעט איך פאַר אייך אויך איצט מיט דער גאַנצער געוויסנהאַפטיקייט און פאָרזיכטיקייט, וועלכע זענען מיר אייגן, און כ'וואָלט געוואָלט זען ביי אייך אַ פולן צוטרוי צו מיר, אויב איר האָט נישט צו מיר דעמדאָזיקן צוטרוי און אויב איך באַפרידיק בכלל נישט אייערע פאָדערונגען, בעט איך אייך אינגאַנצן אויפריכטיק, איר זאָלט מיר דאָס זאָגן, און מיר קענען אויסאַרבעטן צווישן אונז וועלכע־נישט־איז אַנדערע באַציאונגען. אַלס ביישפיל פון מיינע האַלבע רייד ברענגט איר דעם מינכענער בריוו. וואָס איר מיינט דערמיט, פאַרשטיי איך נישט. די אָדעסער האָבן צוגעשיקט אַ בריוו, וועלכער איז אַריבער־געשיקט געוואָרן פון מינכען — ווי דאָס קומט אָפּט פאָר, — אין וועלכן מען האָט מיטגעטיילט וועגן דעם קייסערס פאָרשטייענדיקן קומען קיין אָדעס. אַחוץ דעם, מיינע איינדרוקן, אַז עס גרייט זיך אַן אַטענטאַט אויף זיין מאַיעסטעט. האָב איך געהאַלטן פאַר נויטיק שרייבן אייך וועגן דעם. און כ'האַלט פאַר מיין חוב מודיע זיין אַלץ, וואָס כ'וועל זיך דערוויסן וועגן דעם, אָבער אויב איר פאָדערט פון מיר דאָס, וואָס איך ווייס נישט און כ'קען נישט, אויב איך נעם אַליין נישט קיין אָנטייל אין דער אונטערנעמונג, קען איך בלויז קוועטשן מיט די פּלייצעס און דער־קלערן אַזאַ פאָדערונג מיטן פולשטענדיקן נישט קענען די רעוואָ־לוציאָנערע סביבה.

איר זענט איבערצייגט, אַז טשערנאָוו און זיין פרוי ווייסן אַלץ. כ'לאָז צו דעמדאָזיקן געדאַנק, הגם איך בין נישט זיכער דערין, — אָבער נישט אַלץ, וואָס טשערנאָוו ווייס, גיט ער מיר איבער, איך קען זיך נאָר באַמיען אַרויספירן אים אין די שמועסן

אויף דעם, ער זאָל ריידן וואָס מער וועגן דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז, מען מוז דאָס אָבער טאָן פאָרזיכטיק און דער רעזולטאַט פון יעדער באַגעגעניש און פון יעדן שמועס הענגט נישט אָפּ נאָר פון מיר. בנוגע אַטענטאַטן קען מען קיינמאָל נישט דערגיין קיין פּרטים, וועלכע זענען באַקאַנט נאָר די, וועלכע פאַרנעמען זיך דערמיט, און דאָס אויך נישט אַלעמען. פון די פּערזענלעכע שמועסן מיט אייך האָב איך באַקומען אַן איינדרוק, אַז איר זענט אין דערזעלבער מיינונג, וואָס איך, אין דאָזיקן פּרט. מיר דאַכט זיך, אַז אויב מיר קענען געבן אַן אָנווייזונג אויף דעם, קעגן וועמען און ווו עס ווערט געפּלאַנט דער אַטענטאַט, איז דאָס שוין אַ סך. געוויס, איך האָף, אַז מיט דער צייט וועל איך וויסן מער, אָבער ס'איז נויטיק געדולד און אַ געוויסע געשיקטקייט, וועלכע ווערט פון דענערווירונג נישט גרעסער, נאָר, פאַרקערט, קלענער. חוצדעם קען מען אַרבעטן רואיק, ווען מען ווייס, אַז מען באַציט זיך צו דיין אַרבעט מיט צוטרוי. וואָרים אויב פּעטערבורג, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע ריזיקע טעכנישע מיטלען, ווייס ווייניק, קען מען אונז שוין מוחל זיין וואָס מיר ווייסן נישט אַלץ, און אַגב ווייסן מיר מער פאַר פּעטערבורג. מיינע אַלע דאָזיקע רייד האָבן דעם איינציקן צוועק אייך איבערצוצייגן אין מיין ווילן צו טאָן פאַר אונזער זאַך וואָס מער און בעסער. איצט גיי איך איבער צו קאָנקרעטס. פון טשערנאָוון און פּאַוועל איוואַנאָוויטשן האָב איך זיך בלויז דערוווּסט, אַז איצט קומט די ריי אויפן קייסער. זיינע ווערטער, אַז רוסלאַנד וועט נישט אויפהערן די מלחמה כּל זמן עס לעבט נאָך איין זעלנער און די מלוכה-קאַסע האָט נאָך איין רובל, מאַכן דעם קייסער זייער אומפּאָפּולער אין רוסלאַנד און אין אייראָפּע, און אַז דער אַטענטאַט וועט, וואָרשיינלעך, באַגעגנט ווערן מיט דערזעלבער סימפּאַטיע, ווי פּלעוועס. סלעטאָווס נסיעה איז, ווייזט אויס, פאַרבונדן געווען מיטן דאָזיקן פּלאַן. דער בריוו פון באַדען האָט, דאַכט זיך, געשריבן סעליוק. זיין אינהאַלט האָט איר ריכטיק פאַרשטאַנען. איך וועל מיך באַמיען דערגיין אין פאַרשידענע ערטער די פּערזאָנען צו וועלכע עס קענען זיך ווענדן די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע. פאַר אָדעס האָב איך אייך שוין מיט אַ צייט צוריק געגעבן דידאָזיקע אָנווייזונגען. אין

פעטערבורג שפּילט אַ גרויסע ראָל יעווגע מאַרקאָוונאַ עפּרוסס-אַ געבוירענע בלאַנק, זי וווינט אין פעטערבורג לעגאַל, אַן אויסגעצייכנטער און פאַרזיכטיקער אַרבעטער. זי האָט פריער געאַרבעט אין אָדעס, קיעוו און קישענעוו. זי פירט איצט אָן מיט דער גאַנצער פעטערבורגער אַרבעט. אַ חוץ איר איז מיר איצט באַקאַנט רובאַקינס אַ נאָנטע פריינדין (זי איז געקומען אַהער פון פעטערבורג), די פרוי פון אַ אָנגעזעענעם באַאַמטן (מיט וועלכן זי וויל זיך גטן) לויט דער פאַמיליע סאָלאָוויאָוואַ אָדער סאָקאָלאָוואַ. זי האָט דאָ געוויילט אין האָטעל דע לאַ פּאָסט מיט אַ דריי טעג צוריק און זי איז אָפּגעפאָרן קיין וויסבאַדן, און פון דאָרט, אָנהויב אָקטאָבער, וועט זי פאָרן קיין פּיטער, אַזוי אַרום קענט איר דערגיין איר פאַמיליע און זי אויספירן. זי האָט צוגעזאָגט אַלץ צו טאָן פאַר די געפערלעכסטע ענינים. זי האָט אין פעטערבורג גרויסע פאַרבינדונגען. מיר דאַכט זיך, אַז די מיטגלידער פון דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע וועלן זי נישט אויסמיידן, אויב זיי וועלן בכלל זיין אין פּיטער. איך פאַרבלייב ביי מיין נישט איינמאָל אַרויסגעזאָגטער איבערצייגונג, אַז מיט דער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פירן אָן די אַלטע, וועלכע איך האָב אייך נישט איינמאָל אויסגערעכנט. כדי דאָס צו קאָנטראָלירן, וואָלט איך אייך פאָרגעלייגט אַזאַ מיטל — ווייזן סאַזאָנאָוון דער דינערשאַפט פון איינעם פון זיי. היות מאָסקווע איז צום נאָנטסטן, וואָלט איך געעצהט אָנהויבן פון אַל. איוואַן. מאָראָז *) נעמט אין אַכט, אַז דאָס איז נאָר מיינע אַ השערה, דער רעזולטאַט קען זיך באַקומען לגמרי אַן אַנדערער, ווי איך דערוואַרט. מיט ס. פאַוו. איוו. (סאַווינקאָווס סימנים, וועלכע איר האָט מיר געגעבן, זענען נישט אינגאַנצן ריכטיק — כדי פעסטצושטעלן שיקט מיר צו אַ פאָטאָגראַפיע) באַמי איך זיך דערנענטערן. אויך מיט כילקאָוון, הגם דער לעצטער, וועלכער האָט אַן אַריסטאָקראַטישע דערציאונג, לאָזט נישט צו צו זיך אַזוי שנעל. ער איז העפלעך און גאָר. די פערזאָנען, וועלכע ער האָט אַרויסגעשיקט,

*) די אָרגאַניזאַציע פונם אַטענטאַט אויף פלעווען איז אַזעפן געווען אויסגעצייכנט באַקאַנט. דאָס פאַררופן זיך אויף אַל. איוו. מאָראָז, די אַלטע נאַראָדניצע, וועלכע האָט דאַן געוווינט לעגאַל אין רוסלאַנד, איז אַזעפּ אַ באַוווסטזיניקער ליגן.

דאָס זענען — רובין, אַ זעצער, אַ סאָצ.-רעוו. געקומען אַהער אָן אַ פּאַס, איצט פאָרט ער קיין ביאַליסטאָק צו דינען אין מיליטער. ער שטעלט נישט פאָר מיט זיך קיין שום געפערלעכס. יעווזאַ איז געשיקט געוואָרן קיין אָדעס, צו אַרבעטן אין אַ טיפּאָגראַפיע, — נישט קיין וויכטיקע פּערזאָן און נישט קיין געפערלעכע, הגם אַן אומלעגאַלע. מאַשאַ — ווייס איך נישט, ווער דאָס איז; אָבער נישט טומאַרקינאַ, וועלכע וווינט מיט אַוקסענטיעוון אין וועך, און וועלכע וועלן פאָרן לעגאַל קיין פּעטערבורג אין נאָוועמבער. וועגן לעפּאָלדן הערט מען דאָ גאָרנישט און קיינער האָט דאָ נישט דערמאָנט אַזאַ נאָמען, ער וווינט נישט וואָרשיינלעך אין זשענעווע. ראַפּ' איז שוין לאַנג אָפּגעפאָרן פון זשענעווע מיט דער פרוי. ער איז געווען אויף אַן אויספלוג צוויי טעג, — מער ווי אין פאָריקן מאָל קען איך וועגן אים נישט מיטיילן, ער וועט זיך אָבער אומקערן קיין זשענעווע. ער איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָס געלט, וועלכעס מינאָר באַקומט פון גאַוו., דאָס איז גאַוראָנסקי, וועלכער וווינט אין מאָסקווע און האַלט פאַר אַ פרוי מינאָרס שוועסטער. ער צאָלט 100 רובל אַ חודש. סאַשאַ, וועלכער שרייבט צו וועראַ גאָץ, דאָס איז סאַשאַ-מלאָך, דער טראַנספּאָרטיסט. דער באַריכט האָט אַ שייכות צום טראַנספּאָרט און דער איינאָרדנונג פונם צוזאַמענפאָר, וועלכער איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין הערמאַנס *). ער איז געפאָרן נישט קיין רוסלאַנד, נאָר אין דייטשלאַנד צוליב טראַנספּאָרט-ענינים. ציליאַקוסעס קאָנפערענץ וועט פאָרקומען אין פּאַריז דעם 30-טן סעפּטעמבער נייעם סטיל. דער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן וועט זיין טשערנאָוו. אויך איך קלער קומען צו יענער צייט קיין פּאַריז: צוליב מיין נאָנטקייט מיט ציל. און טשערנ. וועט מיר אפשר געלינגען דערוויסן זיך אינטערעסאַנטע זאַכן, אויבפאַרשטייט זיך, איר האָט גאָרנישט דאַקעגן. וועגן געלט האָבן מיר אָפּגערעדט, אַז איר וועט צושיקן, ווי נאָר איר וועט באַ-

*) דער צוזאַמענפאָר פון די סאָצ.-רעוו. איז פאָרגעקומען אין הערמאַנס, אַ שווייצאַרישן שטעטעלע, וואָס גרעניצט מיט פראַנקרייך, פונקט אין דער צייט, ווען עס איז פאָרגעקומען פלעוועס דערמאָרדונג. די ווילע, ווו עס איז פאָרגעקומען דערדאָזיקער צוזאַמענפאָר, האָט געהערט צו איינעם פון די סאָצ.-רעוו. און איז שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פון דער פּאַרטיי.

קומען מיין אַדרעס, וועלכן איך האָב אייך צוגעשיקט, — דער צווייטער אַדרעס איז באַשטימט געווען פאַר קאַרטלעך.

יעדנפאַלס, דאָס געלט דורך דער באַנק אויף וואָלדע, און דעם טשעק — רעקאָמענדירט, שיקט צו תּיכּף פּאָסט־רעסטאַנט, ווייל איך זיץ אָן געלט. כ׳דריק די האַנט.

איוואַן.

קודר. פאָטאָגראַפיע איז זייער ריכטיק. ער האָט זיך ווינ־ציק געענדערט, בלויז אַ בלאָנד, קליין בערדל. וועגן די אַנדערע ענינים וועל איך שרייבן אַ צווייט מאָל. איך דערוואַרט תּיכּף בריוו פון אייך און געלט.

XIX.

2 אָקט. 1904

היינט איז אַ זיצונג 2 אַ זייגער בייטאָג, מיליוקאָוו און באָגו־טשאַרסקי ווינען אין Hôtel Globe 50, rue des Écoles.

איוואַן.

XX.

M—me L. Carre Paris (Au tenie) 4 rue de L'Joette.

טייערער לעאָניד אַל.

מאָרגן דינסטיק, צווישן 3—4 וועל איך ביי אייך זיין. היינט איז אַ זיצונג פון 3 אַזייגער בייטאָג. זייט אַזוי גוט צו־צוגרייטן די 450 רובל, וועלכע איך האָב אויסגעגעבן פאַר אויגוסט און סעפטעמבער.

כ׳דריק אייך שטאַרק די האַנט.

אייער איוואַן.

סטרוווע ווינט אין Passy, rue Bellini
מאָרגן אינדערפרי קומט צופאָרן די באָבע.

איוואַן.

XXI.

פאַריזש 31/X *)

אַהער איז געקומען צופאָרן נאַטאַנסאָן, וועלכער קלייבט זיך אין אַ חודש — אַנדערטהאַלבן — צוויי אַרום קיין רוסלאַנד. זיין אַדרעס: Boulevard Montparnasse № 123. ער וווינט אונטער זיין אייגענער פאַמיליע, ער זעט זיך דאָ מיט אַלע פאָרשטייער פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. גלייכצייטיק מיט אים איז אָנ-געקומען אַהער אויך פּאַוועל איוואַנאָוויטש, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען קיין פאַריזש נישט אויף לאַנג.

די אייך באַקאַנטע פּאָליאַ פון זשענעווע איז אַריבער-געפאָרן קיין פאַריזש. געקומען איז זי ערשט נעכטן; איר אַדרעס איז נאָך נישט באַקאַנט. סאַשאַ אָדער סאַשקאַ, וועלכער אינטערעסירט אייך — איז דער ווילנער גורוויטש, דער ברודער פון דער אַרעס-טירטער עספּיר גורוויטש. דאָ אַרבעט ער צווישן די פאַריזשער אַרבעטער, וואָס האָבן עמיגרירט פון רוסלאַנד. דאָ האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן, וואָס איז אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן דורכן אויסלענדישן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן. אין באַשטאַנד פון דערדאָזיקער גרופּע זענען אַריין די בראַגינסקיס (מאַן און פרוי), פּרעקער (איגנאַטאָוו-סקי), אַ טאַשקענטער, ל. ג. **), פרוי יעדעלעווסקאַיאַ (ער נישט) און דער אויבנדערמאָנטער סאַשקאַ. אָט דידאָזיקע מענטשן וועט איר דאַרפן האָבן אויפן אויג אין פאַריזש און אַכטונג געבן אויף זייער קאָרעספּאָנדענץ מיט זשענעווע. ראַול איז איצט געקומען קיין זשענעווע, ווּהין איך וועל מאָרגן פאָרן, כדי פעסטצושטעלן, ווער און וואָס ער איז אַזוינס. די פרוי פון טאַשקענטער וווינט דאָ מיט אים אין זיין דירה. ס....., וועלכע האָט געשריבן פון בערלין און האָט אים אָנגערופן „זויערער" — האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז עפּרוסי, וועלכע געפינט זיך איצט אין קישינעוו און זי איז אומגעפער אין יענער צייט אָפּגעפאָרן. פון סעליוקן זענען אָנגעקומען צוויי בריוו פון

*) דער בריוו איז געשיקט געוואָרן דורך דער שטאָט-פּאָטשט אין פאַריזש.

**) איגנאַטאָווסקי — גנאַטאָווסקי.

סאַראַטאָוו. אַהער איז געקומען טשייקאָווסקי, ער האָט געהאַט שמועסן מיט דער יוגנט אין רעסטאָראַן „סופלע" אויפן סט. מישעל. חוצדעם האָט דאָ נעכטן געהאַלטן אַ רעפעראַט אַנ—סקי (ראַפּאָפּאָרט, סעמיאָן) אונטערן נאָמען „דער קייסער און דאָס פאָלק", אין וועלכן ער האָט זייער שאַרף פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט דעם קייסער פאַר אַלע אומגליקן און ער האָט געזאָגט, אַז וועמען מען דאַרף איצט רופן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

ווייטער, פרייטיק טרעט אַרויס מיט אַ רעפעראַט רובאַנאָוויטש. ווי איר זעט הויבן דאָ אָן די סאָצ.-רעוו. צו אַרבעטן זייער לעבעדיק. אַז דאָס איז דערוייל אַלץ. פון זשענעווע וועל איך אייך אָנשרייבן. קיין געלט האָט איר מיר נאָך נישט אַרויסגעשיקט, יעדנפאַלס האָב איך עס נישט באַקומען.

אייער איוואַן.

XXII.

18/XII

אַז איז די קאָפּיע פון בריוו, וואָס איז אָנגעקומען אין רעדאַקציע פון „רעוו. ראָססיאַ", Union generale des auteurs israélites de Lithuanie, Pologne et Russie (Bounde) Le Comité à l'Etranger. (אַלגעמיינער בונד פון די יידישע אַרבעטער אין ליטער, פוילן און רוסלאַנד („בונד",) דער אויס-לענדישער קאָמיטעט.)

דער אַדרעס:

Jmprimerie israelite (יידישע דרוקעריי), Genéve (Suisse) Rue de Carouge, 81.

12/XII/04.

אין דער רעדאַקציע פון „רעוו. ראָססיאַ".

דער פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט האָט ידיעות וועגן פאָלגנדיקע סאָצ.-רעוו.: 1) גערמאַן האָט אַ פּאַס אויפן נאָמען פון באָריס דמיטריעוו נעראַדאָוו, געוווינט אין דער שווייץ, איצט אין רוסלאַנד (אומלעגאַל), אַריבערגעפאָרן „וואַרשיינלעך" נישט אויף נעראַדאָווס פּאַס, 2) מיכאַאיל איוואַנאָוו סאָקאָלאָוו, האָט געוווינט אין דער

שווייץ אויפן פאַס פונם דייטשישן אונטערטאַן לידוויג קאַיץ. ער דאַרף אַרויספאָרן קיין רוסלאַנד, 3) סאָקאָלאָוו וועלן נאָכפאָרן קיין רוסלאַנד): א) גרישאַ, וועלכער רופט זיך אַן טשערנאָוו, וואַסנעצאָוו און באַרדזענקאָ, ב) פירשט דמיטרי אַלעקסאַנדראָוו כילקאָוו (מיט אַ צוויי וואָכן שפּעטער) און ג) אין אַ צוויי חדשים אַרום דער געוועזענער סטודענט פונם נאָוואָראָס. לאַנדווירט-שאַפטלעכן אינסטיטוט מיכאַאיל אַלעקסאַנדראָוו וועדעניאַפּין (ער וועט אומלעגאַל אַרויספאָרן פון דער שווייץ). וול. קאָסאָווסקי.

דערדאָזיקער דאָקומענט קען אייך, ל. אַ., באַווייזן אויף ווי ווייט עס הערשט ביי אייך אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט אַן אומאָרדנונג און אויף ווי ווייט מען דאַרף זיין פּאָרזיכטיק, געבנדיק אייך ידיעות. דאָ אין זשענעווע, אין דער גרופּע סאָצ. רעוו., האָט דערדאָזיקער בריוו אַלעמען אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז עס איז דאָ אַ פּראָוואָקאַטאָר, וועלכער שטייט זייער נאָענט צו אַלע ענינים, און דערצו נאָך אַזאַ איינער, וועלכער איז באַקאַנט אויך מיט די פּאַריזשער ענינים, ווייל וועדעניאַפּין וווינט אין פּאַריזש.—צי דען קען מען נישט איינאָרדנען אַזוי, אַז די צירקולאַרן פונם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט זאָלן נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער רעוואָל. אָרגאַניזאַציע. דער רעזולטאַט דערפון וועט זיין דער, וואָס כילקאָוו, וועלכער געפינט זיך נאָך דערווייל אין ענגלאַנד, אין לאָנדאָן, צוגאַסט ביי זיין פאַמיליע, וועט נישט פאָרן, ווייל מען האָט אים תיכף מודיע געווען וועגן דאָזיקן דאָקומענט, ווייטער וועט זיין דאָסזעלבע מיט וועדעניאַ-פּינען — סאָקאָלאָוו און וואַסנעצאָוו געפינען זיך שוין אין רוסלאַנד, זיי זענען בשלום אָנגעקומען. גערמאַן פאָרט די טעג איבער לעמבערג (ריכטיקער, ער האָט געדאַרפט פאָרן), אָבער ס׳קען זיין אַז מען וועט אים שוין איצט פאַרהאַלטן צוליב דער איבער-געבראַכטער ידיעה. כ׳וווּנדער זיך באמת, וואָס דער דעפּאַרטאַמענט קען נישט איינאָרדנען קאָנספּיראַטיוו זיינע ענינים. גערמאַן, אויב ער וועט אַריבערפאָרן קיין רוסלאַנד, — וועט זיין אין זשיטאָמיר, ווּ עס זיצט אין תפיסה זיין פרוי, וועלכע ער רעכנט צו באַפרייען. גערמאַן איז ביז איצט נישט געפאָרן דערפאַר, ווייל ער האָט געדאַרפט פאַרקויפן זיין דאַמף-שיף און עס זענען נישט געווען קיין קונים. אַחער איז געקומען דער אַנטלאָפענער פון

סיביר (יאַקוטער געגנט) אַדוואָקאַט טאַראַסאָוו, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן אין פענזע אין 1902־טן יאָר ביי דער גרויסער טיפּאָגראַפיע פון די סאָצ.־רעוו. ער איז אַ פאַרברענטער טעראָריסט, ער טראַכט אינגיכן אַוועקצופאָרן. ער וווינט דאָ אויפן פּאַס פון אַלבערט בעפּלע (אַ דייטשישער פּאַס). דאָ געפינט זיך אויך באָריס טאַרגאַשעוו, וועלכער איז אַנטלאָפן פון אַרכאַנגעלסק, ער איז אַרעסטירט געוואָרן פאָריקן יאָר אין פּעטערבורג. וווינט אויף Chemin de la Roseraie № 60 אונטער דער אַרמענישער פאַמיליע ווערייאַן, אָדער עפּעס ענלעכס, ער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ טעראָריסט. — דאָס געלט און דעם בריוו, וועלכע איר האָט מיר געשיקט קיין פ., האָב איך נישט באַקומען, ווייל איך בין אַוועקגעפאָרן פריער, איידער זיי זענען אָנגעקומען פון דאָרט. איך האָב ידיעות פון דער פּאָטשט, אַז דאָרט ליגט עס, אָבער כ׳שרייב נישט אויס, ווייל כ׳קער זיך אום די טעג קיין פּאַריזש. דאָ וועל איך ווײַלן אַ וואָך צייט. ווען וועט איר זיך אומקערן קיין פּאַריזש? אויב איר וועט גלייך ענטפערן, טאָ שיקט אַהער, און אויב נישט גיך, טאָ קיין פּאַריזש. אָבער שיקט אויסשליסלעך רעקאָמענדירט.

אייער איוואַן.

אייער טעלעגראַם האָב איך נישט באַקומען אין דער צייט, ווייל זי איז אויפן סמך פון דער דעקלאַראַציע איבערגעשיקט געוואָרן קיין פּאַריזש.

XXIII.

Genéve 16/XII.

אָט איז די קאָפּיע פון נאָך אַ דאָקומענט:

אַלגעמיינער בונד פון די יידישע אַרבעטער („בונד״), דער אויסלענדישער קאָמיטעט.

אין דער רעדאַקציע פון דער „רעוו. ראָססיאַ״.

חברים!

מיר זענען אייך מודיע פאָלגנדיקן געהיימען דאָקומענט, וועלכן מען דאַרף אָבער דערווייל נישט פאַרעפנטלעכן.

דער הויפּט פון מינסקער זשאַנדאַרמען-פאַרוואַלטונג. 20-טער נאָוועמבער 1904. גאַנץ געהיים דעם געהילף מיינעם, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק קרילאָוו.

דער הויפּט פון דער פּעטערבורגער אָכראַנע האָט מיר דעם 16 ה. מ. אונטערן № 16467 מיטגעטיילט, אַז ביי נאָכשפּירן דעם דעלעגאַט פונם צפון-מערב געגנט-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, דעם מעשטשאַנין שעוועל איצקאָוו מאַרשאַק, איז באַמערקט געוואָרן, אַז דעם 29-טן פון פאַרגאַנגענעם אָקטאָבער האָט מאַרשאַק אַרויסגעשיקט פון דער הויפּט-פּאָטשט 2 געלט-אָנווייזונגען אויף 15 רובל קיין מינסק, אויפן נאָמען מאַרשאַק, און דעם 2-טן ה. מ. האָט ער געשיקט אַן אָנווייזונג אויף 6 רובל אויך קיין מינסק אויפן נאָמען פון סליאָזבערג. צוליב דער באַזונדערער באַדייטונג פון שעוועל מאַרשאַקס פּערזאָן, ווי אויך אין הסכם מיט דער פאָדערונג לייג איך פאָר צו קלייבן די נויטיקע ידיעות וועגן די אויבנדערמאָנטע אַדרעסאַטן מאַרשאַק און סליאָזבערג און וועגן זייער טעטיקייט און פאַרבינדונגען מיר דערטראָגן אין אַ וואָס קירצערער צייט. פּאָלקאָווניק וואַסיליעוו.

דאָס איז שוין דער צווייטער דאָקומענט, וואָס פאַלט אַריין אין מיינע הענט, און וויפל זענען זיי דאָ אין דערווירקלעכקייט. דערדאָזיקער דאָקומענט, וואָס שטאַמט פון מינסק, וועט אייך אפשר געבן די מעגלעכקייט צו דערגיין עפּעס. וואָרשיינלעך איז אין מינסק נישט אין אָרדנונג, יעדנפאַלס באַנוצט זיך זייער פּאָרזיכטיק מיט מיינע ידיעות וועגן דעם.

אייער איוואַן.

די קלענסטע אומפּאָרזיכטיקייט פון אייער זייט קען מיך אומברענגען.

מיט אַ צוויי טעג צוריק האָב איך אייך אַוועקגעשיקט אַ בריוו לויטן אַדרעס — פּאַנטעלעימאָנאָווסקאַיאַ.

XXIV.

סאָפיאַ, 4(17)6.

מיך באַאומרואיקט, וואָס איך האָב נישט פון אייך קיין ענט-

פער אויף מיין בריוו פון דער שווייץ און פון ווין. דאָ בין
איך שוין דאָ 4—5 טעג. מיר איז געלונגען צו דערגיין אַ סך.
כ׳וועל אָנהויבן פון די אַרבעטן, וועלכע טאַשקענט האָט דאָ אָפּ-
געטאָן. דעם טאַשקענטער איז געלונגען איינצואָרדענען טראַנ-
ספּאָרטן פאַר ליטעראַטור, געווער און אויפרייס-מאַטעריאַלן:
1) ביים רעני. ער אַרבעט אויף אַזאַ אופן: אין דער שטאָט טורטוקאַי
(בולגאַריע) אויפן דונאַי וווינט דער אַדוואָקאַט קאַלטשעוו.
ער האָט פאַרבינדונגען מיט די באַאַמטע אויף די דאַמפערס —
איך קען אייך דערווייל אָנווייזן איין דאַמפער „בעססאַראַבעץ״,
וואָס קורסירט פון טורטוקאַי קיין רעני. אויפן דאָזיקן דאַמפער
איז דאָ אַן אַלטער מאַשיניסט, וועלכער וועט אַרבעטן און צו-
שטעלן קיין רעני. 2) קיין באַטום און אָדעס וועט אַלץ טראַנס-
פּאָרטירט ווערן פון וואַרנע — דאַמפער „נאַכימאָוו״ -- אַרבעטן וועט
דאָרט אַ באָצמאַן. דער דאַמפער גייט קיין אָדעס און באַטום. אין
וואַרנע וועלן אַלע זאַכן זיין צו באַקומען אין דער בוכהאַנדלונג
פון סטעפאַן געאָרגיעוו. פאַרוואַלטן מיט אַלע ענינים וועט געאָר-
גיעוו און אַדר. פּרוטקאָוו, געהילף-קאַפּיטאַן אויפן דאַמפער
„באָלגאַריאַ״. פּרוטקאָוו איז פון רוסלאַנד — אַן אַלטער רעוואָלו-
ציאָנער. כּדי איר זאָלט זיך בעסער קענען אָריענטירן אין דאָזיקן
ענין, שיק איך אייך צו דריי בריוו, וועלכע „טאַשקענטעץ״ *)
האָט געלאָזן ביי מיר. צוויי פון זיי האָט געשריבן פּרוטקאָוו,
דעם דריטן — געאָרגיעוו. פּרוטקאָוו גיט אָן אין איינעם פון זיינע
בריוו אַן אַדרעס פאַר קאָרעספּאָנדענץ — דאָס איז דער באַאַמטער
פון די באַן-אַרבעטער אין וואַרנע — פּאָפּאָוו. אין סאָפיאַ גופא
האָט זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע סאָצ. רעוו., די הויפּט-ראָלע שפּילט
אין איר קאַשינצעוו, אַן אַלטער נאַראָדאָוואָלעץ, וועלכער האָט
אָנגענומען די באָלגאַרישע אונטערטאַנשאַפט און טראָגט איצט
די פאַמיליע קאַלינאַ. זיין אַדרעס: גאַס קראַ-קראַ, 20 №. אין
דערזעלבער גרופּע געפינט זיך קוליאַבקאָ-קאָרעצקי; אַ געוויסער

*) „טאַשקענטעץ״ — דער פּסעוודאָנים פון מיטגליד פון דער פּאַרטיי
סאָצ.-רעוו. וועדעניאַפּין. לויט אַזעפס אָנווייזונגען איז ער אַרעסטירט געוואָרן
אָבער ביי דער אַמנעסטיע פון 1905-טן יאָר איז ער באַפרייט געוואָרן. שפּעטער
איז ער צוליב אַן אַנדער פּראָצעס פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע און איז
באַפרייט געוואָרן פון סיביר לויט דער אַמנעסטיע פון 1917-טן יאָר.

עאַרגיעוו (זיין אמתע פאַמיליע וויים איך נישט — איינער פון די אָנטיילנעמער פון 1-טן מערץ 1881-טן יאָר), אַ געוויסער לעווינסאָן און סטאַראָדוב, דער פאַרוואַלטער פון האָטעל, ווו איך שטיי איין. טאַשקענטעץ וועט איינגיכן אַוועקפאָרן פון דאַנען און מיט אַלע ענינים וועט אָנפירן קאַשינצעוו. וועגן טאַשקענטעצעס נסיעה וועט זיין די רייד ווייטער. די ליטעראַטור פאַרן טראַנספּאָרט פון זשענעווע קיין סאָפיאַ וועט אָנקומען אויף פאָלגנדיקן אַדרעס: די גאַס פון קייסער סימעאָן 16 №, כּאַרלאַקאָוס סאָציאַליסטישע בוכהאַנדלונג. כּאַרלאַקאָוו סימפּאַטיזירט שטאַרק מיט די רוסישע רעוואָלוציאָנערן און ער וועט זיי מיט אַלץ העלפן. ער איז קאַשינצעווס אַ גרויסער גוטער פריינד.

איצט וועל איך איבערגיין צו די מאַקעדאָניער. כ׳בין געווען ביי סאַראַפאָוון. זיין אַדרעס: אָסאָגאָוואָר גאַס 36 №. די מאַקעדאָניער זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האַלטן, אַז אַ געענדערטער פּאָליטישער רעזשים אין רוסלאַנד וועט זיי נישט שטערן אין זייער אַרבעט; אויפן באַלקאַנער האַלב-אינזל, מיינען זיי, וואָלט שוין פון לאַנג אַלץ געווען אין אָרדנונג און מאַקעדאָניע וואָלט שוין געהאַט באַקומען אויטאָנאָמיע, ווען נישט רוסלאַנד, וועלכע שטערט, שטרעבנדיק סוף-כּל-סוף צו פאַרכאַפּן דעם באַלקאַנער האַלב-אינזל. דאָס איז די מיינונג פון די מאַקעדאָנישע רעוואָלוציאָנערן, און אַדאַנק דערדאָזיקער מיינונג ווילן זיי מיט אַלץ העלפן די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. און העלפן קענען זיי. — אויפּרייס-שטאָף — מעלינים — האָבן זיי אין אַ גרויסן כּמות. ס׳איז ווינציק צו זאָגן: אין אַ גרויסן — ריכטיקער וויפל זיי ווילן נאָר. די זאַך איז די, וואָס די מאַקעדאָנצעס האָבן באַציאונגען מיט די צושטעלער פון בולגאַרישן קריגס-מיניסטעריום — אַזוי אַז וועגן כּמות איז דאָ נישטאָ וואָס צו ריידן — אַלץ גייט פאַר דער בולגאַרישער רעגירונג, און די מאַקעדאָנצעס באַקומען וויפל זיי ווילן נאָר. ס׳איז איבעריק צו דערציילן, אַז די בולגאַרישע רעגירונג שטיצט שטאַרק אונטער די מאַקעדאָנישע באַוועגונג און אַז די איצטיקע בולגאַרישע רעגירונג איז אַ רוסאָפאָבישע; זי וועט זיך מאַכן נישט זעענדיק, ווען זי וועט אַפילו וויסן אַז די מאַקעדאָנצעס גיבן אָפּ אַ טייל מאַטעריאַלן די רוסן — בפרט אַז סאַראַפאָוו איז אַ בוזים-פריינט פון

אינערן־מיניסטער פעטקאָוו, און בכלל איז ער אַן אייגענער מענטש ביי דער גאַנצער רעגירונג. למשל, ביי די פּראָבעס מיט אויפרייס־שטאָפן, וועלכע קומען פאָר ביים קריגס־מיניסטעריום, זענען אָנוועזנדיק די מאַקעדאָנצעס און די אַרמענישע רעוואָלוציאָנערן. וואָס שייך די באָמבעס גופא, ד. ה. די הילעס, איז דאָ דאָ אַ אייזן־גיסעריי, וועלכע איז אייך באַקאַנט. אין דער־דאָזיקער גיסעריי גיסן זיי אָפּ גאַנץ פריי אַלץ, וואָס זיי דאַרפן האָבן. אַזעלכע פאַבריקן האָבן זיי אין בולגאַריע נישט איינעם, ווייל אין בולגאַריע איז אין איניקע ערטער די באַפעלקערונג אויף דער העלפט אַ מאַקעדאָנישע, און טיילווייז סימפאַטיזירט זי שטאַרק מיט דער מאַקעדאָנישער באַוועגונג. ווו עס געפינען זיך דידאָזיקע פאַבריקן, איז נישט געלונגען צו דערגיין, און חוצדעם האָט דאָס נישט פאַר אונז קיין וועזנטלעכע באַדייטונג, ווייל די רוסישע רעוואָלוציאָנערן באַקומען אוממיטלבאַר ביי די מאַקעדאָנצעס. קיין פאַבריק אויף אויסצואַרבעטן אויפרייס־שטאָפן האָבן נישט די מאַקעדאָנצעס, און זיי נויטיקן זיך נישט דערין, ווייל זיי באַקומען אַלע שטאָפן אין אַ באַליביקן כמות פאַרטיקערהייד. אַחוץ די אויפרייס־שטאָפן, האָבן זיי אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן פאַר אויפרייסן, ווי צינדערס, קנויטן, פאַרשידענע מעכאַניזמען, זייגעראַרטיקע און ענלעכע כדי אויפצורייסן באַנען, בריקן און אַז. וו. דאָס אַלץ באַקומען זיי פאַרטיקע און ווידער אַמאָל אין אַ באַליביקן כמות. אַלץ פלעגן זיי ביז איצט איינטיילן די אַרמענער־דראָשאַקיסטן, אַזוי אַז די דראָשאַקיסטן האָבן זיך נישט גענויטיקט אין וואַרשטאַטן אויף אויסצואַרבעטן אויפרייס־שטאָפן, נאָר בלויז אויף צונויפשטעלן באָמבעס. דאָ געפינט זיך אַ פאָרשטייער פון די דראָשאַקיסטן, אַגאַניאַן, אַ סוחר מיט מאַנופאַקטור, ער האָט דאָ אַ קראָם אויף דער גאַס לעגע. איצט, ווען דער טראַנספּאָרט פון בולגאַריע קיין רוסלאַנד האָט זיך שוין איינגעשטעלט, וועט מען אָנהייבן שיקן געוויסע מאַטעריאַלן אויך קיין רוסלאַנד פאַר דער פּאַרטיי ס״אַצ. רעוו.... ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט, וועלן אַלע דאָזיקע ענינים נאָך טאַשקענטצעס (וועלכער האָט דאָס אַלץ איינגעאָרדנט) אָפּפאָר איבערגיין צו קאַשינצעוון, ער וועט פונדאַנעט אַוועקפאָרן אין אַ וואָך אַרום, ער וועט פאָרן דורך רומעניע נישט אויף אַ פּאַס, נאָר דורך

דער שמוגלערשער גרעניץ, וועלכע געפינט זיך ביי אַרבאָרע. ער וועט אַריבערפירן מיט זיך אַרום אַ פּוד פאַרשידענע אויפ־רייס־שטאָפן און איינריכטונגען, ער וועט פאָרן קיין סאַמאַרע, ווו ער האָט גרויסע פאַרבינדונגען און לאָמאָוון. כ'האָב זיך דער־וווּסט לאָמאָווס אמתע פאַמיליע — טראָאיצקי, ער איז איצט אַריינגעטרעטן אין מיליטער אין סאַמאַרע, אַלס פרייוויליקער. לויט דידאָזיקע ידיעות געפינען זיך טאַשקענטעץ און לאָמאָוו אין איירע הענט. ס'איז אָבער מעגלעך, אַז מיר אָדער ריכטיקער ל.ג. וועט געלינגען צו דערגיין נאָך גענויער, ד.ה., אויף וועלכן פּאַס ער וועט לעבן אין רוסלאַנד און אין וועלכע שטעט. וואָס שייך מיר, האָב איך אייך שוין געזאָגט אין פאַריזש, אַז איך וועל פאָרן אויף אַ חודש — 6 וואָכן קיין רוסלאַנד. מיר וועט דאָרט געלינגען, אָן שום ספק, פעסטצושטעלן די האַנדלונגען און די פאַרבינדונגען פון די דראָשאַקיסטן. איך האָב דאָ שוין באַקומען אַ רעקאָמענ־דאַציע צום פאָרשטייער פון די דראָשאַקיסטן אין פּיטער. דאָס איז איינער אַווריעוו, וואָס פאַרוואַלטעט מיט דער כעמישער לאַבאָראַטאָריע אין אינסטיטוט פון די אייזנבאַנען, ווו איך וועל באַקומען פאַרבינדונגען אויפן קאַווקאַז (אַגב אורחא וועל איך דאָרט באַזוכן מיינע קרובים), פונדאַנעט וועל איך אַריינ־פאָרן קיין ווין און קיין קראַקאָוו צו די פּ.פּ.ס., איך האָב די מעגלעכקייט צו באַקומען פון זיי אַלדאָס נויטיקע, זיי, ווי אויך די גרוזינער, באַקומען אויך פון די מאַקעדאָנצעס. די מאַקע־דאָנצעס פאַרקויפן אויך געווער אין יעדן באַליביקן לאַנד אין מערב־אייראָפּע און אין באַליביקן כמות. דערנאָך וועל איך פאָרן קיין אָדעס, באַטום און רעני כּדי פעסטצושטעלן דאָס באַקומען און דאָס היטן די מאַטעריאַלן פון די סאָצ. רעוו. אויב איר זענט מסכּים אויף מיין נסיעה, טאָ טעלעגראַפירט, נאָכן באַקומען מיין בריוו, קיין ווין אויפן נאָמען סמיטס פּאָסט־רעסטאַנט און שיקט מיר אַרויס פונקט אַזאַ פּאַס, ווי אין פאָריקן יאָר, נאָר מיט אַן אַנדער פאַמיליע, אויך אַ דייטשישע. דערנאָך שיקט מיר צו געלט, בכלל באַקום איך פון אייך געלט שרעקלעך נישט פּינקטלעך, פונקט אַזוי נישט־פּינקטלעך, ווי איך שרייב דאָס מאָל, איך וואָלט אייך גע־בעטן זיין פּינקטלעכער, ווייל איך קען בלייבן אָן געלט. איך האָף, אַז איר וועט אַרויסשיקן קיין בולגאַריע אויף די דריי

געשיקטע בריוו וועט איר איבערשיקן צוריק. דער אַרמענער, וועלכער האָט געוווינט אונטער אַ בעלגישער פאַמיליע, איז דאָ באַקאַנט אונטערן נאָמען עדואַרד. ער איז אומגעקומען. איך וואַרט אויף אייער טעלעגראַם און אויף די בריוו און דעם פּאַס. לייגט דאָס נישט אָפּ אויף לאַנג. איך מוז איילן. איך באַשליס זיך נישט אַרויסצושיקן פון סאָפיע אַ בריוו, כ׳וועל אַרויסשיקן פון וועג...

XXV.

28/I 1905.

באַקומענדיק אייער טעלעגראַמע מיט דער אָנפראַגע וועגן דער געשעעניש פון 6/I 1905־טן יאָר, האָב איך, אויף וויפל כ׳בין געווען אינפאָרמירט זייענדיק אין פּאַריזש, אייך געענטפערט מיט אַ טעלעגראַמע קיין פּיטער אויף מאַרסקאַיאַ, אַז דאָס איז אַ זאַך אַ צופעליקע, נישט פון דער אָרגאַניזאַציע, אָבער אָפּשיקנדיק אייך די טעלעגראַמע, האָב איך באַשלאָסן אַריבערפאָרן צו גאָצן קיין ניצע, כדי אַנטגילטיק איבערצייגן זיך וועגן דאָזיקן ענין, ווייל אויב דערדאָזיקער ענין וואָלט געהאַט אַ וואָסער־נישט־איז שייכות צו דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן, קען וועגן דעם וויסן בלויז גאָץ. דאָ אויפן אָרט האָב איך זיך איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס איך האָב טעלעגראַפירט, איז אינגאַנצן ריכטיק, ד. ה., אַז דערדאָזיקער ענין האָט נישט קיין שום שייכות צו דער פּאַרטיי סאָצ.־רעוו. אָבער דאָ איז מיר צופעליק געלונגען צו דערגיין זייער אַ סך זייער אינטערעסאַנטע און וויכטיקע זאַכן, וועלכע איך איל זיך אייך מיטטיילן. צו גאָצן איז געקומען צופאָרן איינער אַפּאַנאַסיעוו, — אין פּעטער. וווינט ער אויף איינער פון די ראָזשדעסטווענסקע, אַרבעט מיט אין דער צייטונג „נאַשי דני”, אַ נאָנטער באַקאַנטער פון פּעטערבורגער אַדוואָקאַט מאַרגוליעס, — מיטן פּאַרשלאַג, אַז די פּאַרטיי ס.־ר.־ן זאָל מאַראַליש מיטהעלפן דעם אין פּעטערבורג אויסגעבילדעטן קרייזל (אַ מאַן 15—18) פון דער גרויסער אינטע־ליגענץ אין טעראָריסטישע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען גע־ווענדט קעגן זיין מאַיעסטעט און נאָך אייניקע פּערזאָן (זענען נישט אָנגערופן געוואָרן). אַפּאַנאַסיעוו אַליין איז אַ מיטגליד פון

דאָזיקן קרייז. דער קרייז באַשטייט פון ליטעראַטן, אַדוואָקאַטן און אַנדערע פּערזאָנען פון אינטעליגענטע פּראָפעסיעס (דאָס איז דער אַזויגערופענער לינקער פליגל פון די ליבעראַלן פון „אָסוואָ-באָזשדעניע"). דער קרייז האָט געלט, אַפּאַנאַסיעוו האָט געזאָגט, אַז 20.000 רובל, און מענטשן אויף אַרויסצוטרעטן. אַפּאַנאַסיעוו האָט נאָר געבעטן, אַז די ס.-ר.-ן זאָלן געבן אַ מאָראַלישן מיטהילף, ד. ה., זיי זאָלן אַגיטירן פאַר דידאָזיקע אַקטן. מיר דאַכט זיך, אַז פעסטשטעלן אַפּאַנאַסיעוון (די אמתע פאַמיליע) לויט מיינע ידיעות איז אַ לייכטע זאַך און אַזוי אַרום אַנטדעקן דעם גאַנצן קרייז. אַפּאַנאַסיעוו וווינט איצט אין ניצע און אין אַ וואָך אַרום וועט ער אַרויספאָרן קיין פּיטער. כ'בעט אייך צו זיין זייער פאָרזיכטיק מיט מיינע דאָזיקע ידיעות און נישט מאַכן דערפון קיין צירקולאַר. כ'דאַרף אייך זאָגן, אַז דער כילקאָווער צירקולאַר באַשעפטיקט נאָך כסדר די אויפמערקזאַמקייט פון דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע. אַלע זענען איבערצייגט, אַז ס'איז דאָ אַ פּראָוואָקאַטאָר. קיין זשענעווע איז געקומען צופאָרן קאַאין, אַרויסגערופן פון רוסלאַנד כדי אויסצופאָרשן דעמדאָזיקן ענין. ס'איז געקומען צופאָרן מענדל וויטענבערג, וועלכער האָט איבערגעגעבן, אַז אויף די פאַרהערן האָט מען אים גערעדט וועגן דעם, אַז ער איז געקומען צופאָרן קיין רוסלאַנד פון אויסלאַנד, כדי איינצואָרדענען פאַרשיידענע וואַרשטאַטן פאַר לעוויטן, מיט איין וואָרט, אַ זאַך, וואָס עס האָט געקענט וויסן בלויז ער, ו. ט., לעווין, לעוויט און איך. נעמט דאָס אין אַכט. קיין שום זין זע איך נישט אין דאָזיקן פאַרהער. שיקט מיר אַרויס געלט פאַר יאַנואַר און פעברואַר און די הוצאות, וועגן וועלכע איך האָב אייך געשריבן, ווען איר וועט זיך אומקערן.

אייער איוואַן.

XXVI.

פון זשענעווע.

איך האָב אייך געשריבן, ווי איר ווייסט שוין וואַרשיינלעך, אַז ס'וואָלט גוט געווען, ווען איר זאָלט קומען אַהער צופאָרן, ווייל אין מיינע הענט געפינען זיך זייער אינטערעסאַנטע בריוו, וואָס האָבן אַ שייכות צו טעראָריסטישע אַקטן. שיקן אייך דורך

דער פּאָטשט דידאָזיקע בריוו קען איך זיך נישט אַנטשליסן, ווייל פון איין זייט קען מען זיי ביי מיר צו יעדער מינוט פּאָדערן, און פון דער צווייטער קענען זיי פאַרפאַלן ווערן צוליב אַ וועלכן-נישט-איז צופאַל. פאָרזיכטיקייט, פאַרשטייט זיך, פריער פאַר אַלץ. צוליב דעם וואָלט געווען זייער גוט, ווען איר זאָלט, נאָכן באַקומען דעמדאָזיקן בריוו, אַראָפּקומען אַהער אויף אַ טאָג. חוצדעם איז דאָ זייער אַ סך אינטערסאַנטס. דאָ געפינט זיך ציליליאַקוס. ער פאַרנעמט זיך איצט מיט צושטעלן געווער פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. ער איז געקומען אַהער מיט אַ פראַגע, צי דאַרף נישט די פאַרטיי ס.-ר.-ן קיין געווער, ער קען ביז מאַי צושטעלן ביז 2000 רעוואָלווערן, ווייל איצט איז כלומרשט צייט, עס זאָלן אַרויסטרעטן די באַוואָפנטע מאַסן. בכלל, די פראַגע וועגן אַ באַוואָפנטן אַרויסטריט פון די מאַסן באַשעפטיקט אַלץ מער און מער די פאַרטיי ס.-ר.-ן, צוליב די לעצטע געשעענישן אין רוסלאַנד. אין דער לעצטער צייט זענען געשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד אַ סך מענטשן, ביז 20 מיטגלידער, צווישן זיי אויך טאַשקענטעץ, וועלכער איז צוזאַמען מיט אַ געוויסן לאָמאָוו (אַ סוביעקט, וועגן וועלכן מייסנער האָט געשריבן ווי וועגן אַ טעראָריסט) געפאָרן קיין בולגאַריע כדי אויסצופאָרשן די גרעניץ אויף אַריבערצופירן געווער מיט דער הילף פון די פאַרבינדונגען פון די אַרמענער-דראָשאַקיסטן. בערנסקי, ד. ה. בערלין, וועלכער איז געווען אין ציריך, איז געשיקט געוואָרן קיין קראַקאָוו צו פּ. פּ. ס. — כדי אויסצופאָרשן די גרעניץ אויף איבערפירן מענטשן און געווער. קאַין, וועלכער איז אַרויסגערופן געוואָרן צוליבן באַרימטן צירקולאַר, איז ווידער אָפּגעשיקט געוואָרן מיט קאַמפּס-פלענער. ער דאַרף דורכפאָרן דורך פינלאַנד מיט דער הילף פון Neovius קיין שטאָקהאָלם. גערמאַן דרייט זיך אַרום אין קיעוו און קורסק. וואַסנעצאָוו איז ערגעץ לעם כאַרקאָוו. ער האָט געגעבן דעם אַדרעס אויף בריוו: כאַרקאָוו, גאַס מיכאַילאָווסקאַיאַ, № 27, אַלעקסאַנדראַ ניקאָלאַיעוונאַ דאָמבראָווסקאַ. כ׳קען אייך אָנווייזן כילקאָווס זייער אַ וויכטיקע פאַרבינדונג, וועגן וועלכער ער האָט דערציילט וואַסנעצאָוון. דאָס איז ניקיפאָר איוואַנאָוויטש באָדאָווסקי — דער אַדרעס, יישוב טערפעניעק, סטאַנציע מאַרגאַריטאָווקאַ, קרייז ראָסטאָוו אויפן דאָן. חוצדעם

דער פּריץ באָדיאַנסקי, כאַרקאָווער גובערניע, ווו עס באַהאַלט זיך איצט אויס וואַסנעצאָוו און אָרדנט איין אַ טיפּאָגראַפיע. מעשקאָווסקי־קודריאַווצאָוו געפינט זיך איצט אין קיעוו. גאָרסקי געפינט זיך אין באַקו, גרייט דאָרט צו אַ באַוואָפנטע דעמאָנסטראַציע און טעראָריסטישע אַקטן. פונדאַנעט קלייבט זיך אַרויספאָרן אַ גרופּע זייער־ערנסטע טעראָריסטן. צווייטנס, די בלינאָווס זענען באַקאַנט אין זשענעווע אונטערן נאָמען יעפימאָוו. אַוודעעוו, וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרן מיט אָנדערטהאַלבן יאָר צוריק אין מאָסקווע מיט סלאַדקאָפּעווצאָוון, איז אַנטלאָפן פון אַרכאַנגעלסק. זיין צונאָמען איז טשאַרנאָזיאָם. שטשעפּעטיעוו, וועגן וועמעס פרוי איך האָב אייך געשריבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר — דער צונאָמען אַלעקסאַנדר — און נאָך איינער אַ געוויסער מאַקסים, אַן אומלעגאַלער אַרבעטער. דאָס איז זייער אַן ערנסטע גרופּע, זי פאָרט אַרויס גאַנץ שנעל, זי האָט רעוואָלווערן און, מעגלעך, אויפרייס־שטאָפן. ליגט ערנסט אַכט. קיין ראָסטאָוו אויפן דאָן זענען אַרויסגעפאָרן די סאָצ.־רעוו. דעמענטיעוו און פאַנטעלעוואַ. ביידע לעגאַלע. ענטפערט מיט אַ טעלעגראַם.

אייער איוואַן.

XXII.

8/III

איך בין געפאָרן, לויט ציליאַקוסעס אַרויספאָדערונג, קיין לאָנדאָן. ער האָט געוווינט אין האָטעל „אַראָנדעל” אונטער דער פאַמיליע ווייזענפעלד. ער פּלאַנעוועט נאָך אַ קאָנפערענץ אין וועלכער עס וועלן אָנטיילנעמען די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ווילן זיך איצט פאַראייניקן מיט די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָניסטן און אָנערקענען דעם טעראָר, ווי אויך דאָס אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון אַ פאָלקס־אויפשטאַנד. ביי די סאָציאַל־דעמאָקראַטן בילדעט זיך אויס אַן אייגענע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועמעס הויפּט־טוערס עס זענען מאַרק בראָידאָ און זיין פרוי יעווואַ, סאַווינקאָווס נאָענטע פריינט. בראָידאָ פאָרט די טעג פון זשענעווע קיין רוסלאַנד, קיין באַקו. ער פאָרט דורך ווין. ער פאָרט אויפן קאַווקאַז. זיין פרוי בלייבט. זיי זענען

באַקאַנט אין זשענעווע אונטערן נאָמען מאַרקאָווו. אין באַשטאַנד פון זייער קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע גייען אַריין אויך די אַנדערע אַנטלאָפענע „ראָמאַנאָווצעס". צווישן זיי אויך סאָלאָדוך-פעראָזיטש. ציללייאַקוס זאָגט, אַז אין פינלאַנד האָבן זיי צוויי באָמבעס-וואַרשטאַטן פאַר אַ מאַסן-אַקציע. זיי זענען בכח אויסצואַרבעטן אין די טויזנטער — פון פאַפּיר ווערט געמאַכט אַ הילע און די באָמבע ווערט אָנגעפילט מיט געוויינלעכן דינאַמיט. ציללייאַקוס האָט באַציאונגען מיטן יאַפּאַנישן קאָנסולאַט און ער האָט צוגעשטעלט גרויסע סומעס די פינלענדער און פאָליאַקן. בכלל איז דער אויפשטאַנד ביי אַלעמען אויף די ליפּן, און איך בין איבערצייגט, אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט צושטאַנד קומען אַ בונד צווישן אַלע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, כדי צוצוגרייטן אַן אויפשטאַנד, ד. ה., באַוואָפענען די מאַסן מיט געווער און באָמבעס. וועגן באָמבעס רעדט מען איצט ווי וועגן אַ געוויינלעכער זאַך, ווי וועגן ליטעראַטור און אַז. וו. איר מוזט זיך גאַנץ ערנסט נעמען צו ציללייאַקוסן, ער קומט אָפט קיין האַמבורג, ווו ער קויפט איין געווער. עס זענען שוין איינגעקויפט געוואָרן 6000 שטיק מאַוזערשע רעוואָלווערן און אין אַ חודש אַרום וועט מען קויפן אַ דאַמפער און מען וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין. די פאָטאָגראַפיע פון מערדער האָב איך שוין געשיקט צו אייך, צוזאַמען מיט אַ בריוו, אויפן פאַריזשער אַדרעס. די, וועלכע איך האָב איצט באַקומען, שיק איך מיטן דאָזיקן בריוו. דאָס איז נישט יענער הער, וועלכער איז געקומען צו מיר אין האָטעל. רוב. האָט מיר איבערגעגעבן טאַשק. אַ בריוו אויף איבערצושיקן קיין זשענעווע. ער איז געשריבן דורך ליליאַ און איז וואָרשיינלעך זייער אינטערעסאַנט. אויב איר וועט קענען נאָכמאַכן, וועל איך אפשר ריזיקירן אים עפענען און אים אייך איבערשיקן, און בכלל האָב איך זייער אַ סך אינטערעסאַנטס בנוגע איינעם פון אייערע מענטשן. דאָס איז נישט באַקוועם אויסצושרייבן אין אַ בריוו. שרייבט אָן, ווען וועט איר דאָ זיין, ס'וואָלט גוט געווען פערזענלעך איבערצורעדן וועגן דעם אַלעם. געלט שיקט מיר צו, דעם געהאַלט וואָלט איך, לויטן אָפמאַך, וועלן באַקומען פאַר צוויי חדשים, ד. ה., פאַר מערץ און אַפּריל.

אייער איוואַן.

XVIII

21/III פּאַריזש 8/III 1905

כ׳שיק אייך צו טאַשקענטעצעס בריוו, יעדנפאַלס וועט איר מיר אים תּיכּף איבערשיקן אין אַ רעקאָמענדירטן בריוו, מאַכנדיק אַלץ, וואָס נויטיק. ווי איר זעט פון בריוו, איז דער ענין זייער ערנסט. איר מוזט אַליין צוגרייטן דעם בריוו, אָבער דאָס נישט געבן טאָן אייערע מענטשן. עס האַנדלט זיך אין דעם, וואָס ביי אייך איז זייער נישט אין אָרדנונג אין דאָזיקן הינזיכט. די טעג איז צו רובאַנאָוויטשן געקומען איינער אַ יונגערמאַן און האָט דערקלערט, אַז ער דינט אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אַז זיין אמתע פאַמיליע איז שאַפּיראָ, אַן אָדעסער, אַז אַמאָל האָט מען אים אַרעסטירט צוליב אַ נאַרישקייט, אָבער צוליב די דראָאונגען פון די זשאַנדאַרן איז ער אַריינגעטראָטן צו זיי אין דינסט. זומערצייט איז גוראָוויטש אַראָפּגעקומען קיין אָדעס. ער איז דעמדאָזיקן לעצטן שטאַרק געפעלן געוואָרן, בפרט, ווען גוראָוויטש האָט זיך דערוווּסט, אַז שאַפּיראָ האָט אַ צוטריט צו געקקערן. דערנאָך זענען קיין אָדעס נאָכאַמאָל געקומען צופאָרן לאָפּוכין און גוראָוויטש. דער לעצטער האָט שאַפּיראָן באַקענט מיט אַלעקסעי אַלעקסאַנדר. שאַפּיראָן האָט מען אָנגעוויזן אויף סוכאָמלינען, געקקערן און נאָך איינעם, וועמעס פאַמיליע רוב. האָט פאַרגעסן, ווי אויף מיטגלידער פון צענטראַלקאָמיטעט פון דער פּאַרטיי ס.־ר.־ן. — דערנאָך האָט מען אים צוגענומען אין מיליטער און ער איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. אין בראָדי האָט ער באַקומען אַ בריוו פון גוראָוויטשן מיט געלט און מיט אַ בקשה צו פאָרן קיין פּאַריזש, זיך ווענדן אין קאָנסולאַט, 79 גרענעל און פרעגן דאָרט אויף ריכטערן. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען אים צונויפגעפירט מיט ריכטערן — פריער האָט זיך ריכטער געפונען אויף דער רייזע. דערדאָזיקער ריכטער, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, איז — ראַטאַיעוו. ראַטאַיעוו האָט גוט אויפגענומען שאַפּיראָן, ער האָט אים מודיע געווען, אַז ער וועט פאָרן קיין זשענעווע און, דער עיקר, זיך פאַרנעמען מיט די אַנאַרכיסטן — ווייל צווישן די סאָצ.־רעוו. זענען אין זשענעווע דאָ צוויי פּראָוואָקאַטאָרן. זייערע נעמען קען ער נישט, אָבער

אינגיכן וועט אים וואָרשיינלעך געלינגען דערוויסן זיך. אויב נישט די נעמען, וועט ער אָבער יעדנפאַלס אָנווייזן אויף זיי. און אין פּאַריזש געפינט זיך איינער, דאַכט זיך ראָזענפעלד. קורץ גערעדט, שאַפּיראָ האָט פּאָרגעלייגט רובאַנאָוויטשן ער זאָל בלייבנדיק אין דינסט פון דער פּאָליציי, דינען אויך דער רעוואָלוציע. רוב. האָט אים געשטעלט אַלס תנאי, ער זאָל טאָן אַלץ, וואָס ער וועט הייסן. שאַפּיראָ האָט איבערגעגעבן רוב. די Carte telegramme וועלכע איר האָט אָנגעשריבן אונטער דער אונטערשריפט ריכטער (איך האָב זי געזען), דאַכט זיך פון 25 פּעברואַר, ווו איר האָט מיטגעטיילט, אַז איר האָט אים נישט געקענט זען אין דער באַשטימטער צייט. דערנאָך האָט אים רוב. געבעטן ער זאָל אייגנהענטיק אָנשרייבן פאַר אים זיין גאַנצע ביאָגראַפיע. ער האָט דאָס געטאָן. ער האָט מיטגעטיילט זייער וויכטיקע זאַכן: 1) אַלע בריוו, וועלכע ווערן אַדרעסירט אויף די נעמען טשערנאָוו און שווייד (מילאַשעווסקי), ווערן געלייענט, קאָפּירט און אַפילו כעמישע בריוו. אַלס באַווייז האָט ער דערציילט, אַז נישט לאַנג צוריק איז אָפּקאָפּירט געוואָרן אַ כעמישער בריוו פון עפּעס אַ סאָניאַ, אַז זי דאַרף, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אינגיכן קומען צופאָרן. דידאָזיקע בריוו באַקומט מען דורך אַן אונטערגעקויפטן בריווטרעגער. 2) ס'איז באַקאַנט, אַז ברעשקאָווסקאַיאַ דאַרף אינגיכן קומען צופאָרן פון אַמעריקע און פאָרן קיין רוסלאַנד און אַז אויף צו אַרעסטירן זי איז באַשטימט געוואָרן אַ געוויסער בינט, איינער פון אייערע הויפּט-געהילפן. דערדאָזיקער בינט האָט אַרעסטירט אויך קראַקאָוון. 3) אין לייפּציג געפינט זיך איצט אַ געוויסער ריכטער פון אָדעס, אַ מיטגליד פון צ. ק. פון דער פּאַרטיי ס.-ר.-ן, און אַז עס זענען שוין אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי אים צו אַרעסטירן, צוליב וואָס איר זענט איצט געפאָרן קיין דייטשלאַנד. בינטן האָט ער געוויזן רוב., ער האָט צוגעזאָגט אָנצוווייזן אויף אייך, ווען ער וועט זיין אין פּאַריזש. איצט איז ער אָפּגעפאָרן קיין זשענעווע. ער האָט גערעדט וועגן דער מעגלעכקייט פון דערמאָרדן אייך און וועגן דער וויכטיקייט דערפון, ווייל ביי אייך איז קאָנצענטרירט זייער אַ סך און איר פירט אָן מיט אַלע אויסשפּיר-אָפּטיילונגען אין אויסלאַנד, אין דייטשלאַנד, אין בעלגיע און אַז. וו.

יערנאָך האָט ער דערציילט, ווי עס געפינט זיך דער מאַטעריאַל אין קאָנסולאַט, און אַז ס'איז לייכט אים אַרויסצוגעבענען און אַז ער האָט דאָס צוגעזאָגט צו טאָן. בכלל דאַרף לאַנג דויערן אויסצושרייבן אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט רובאַנאָוויטשן, כ'האָב קוים אַלץ דערמאָנט. יעדנפאַלס איז די זאַך זייער ערנסט, ווי איר זעט. נעמט אין אַכט, אַז אונזערע באַגעגענישן קענען איצט אויסגעשפירט ווערן. חוצדעם האָט ער געזאָגט, אַז מען גיט אים אַמאָל איבער קאָפּירן בריוו. ווי גאָט איז אייך ליב, זייט פאָרזיכטיק מיטן דאָזיקן בריוו, אויב איר וועט צוליב וואָס אַליין נישט קענען נאָכמאַכן אים, טאָ שיקט מיר אים בעסער צו אַן אָפּענעם. איך וועל זיך פאַרענטפערן, אַז כ'האָב אים על-פי-טעות אויפגעעפנט. דערנאָך בעט איך אייך, אום גאָטעס ווילן, גאָרנישט אונטערצונעמען קעגן שאַפּיראָן ביז אייער פּערזענלעכן שמועס מיט מיר. דאָס איז זייער אַן ערנסטער ענין. איין אומפאָרזיכטיקער טריט און איך פאַל דורך. ווען וועט איר קומען צופאָרן? — איך פאָר היינט אַרויס קיין ניצע צו גאָצן, לויטן אויפטראָג פון רובאַנאָוויטשן און נאַטאַנסאָנען, כדי צו פירן מיט אים אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקן זיך מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטן. רוב. און נאַט. זענען אַרויסגעפאָרן קיין זשענעווע. פון ניצע וועט מיר אפשר אויסקומען צו פאָרן קיין זשענעווע כדי איבערצוגעבן די זשענעווער גאָצס מיינונג, ווייל אינגיכן וועט פאָרקומען די קאָנפערענץ. איך מיין, אַז מיר וועט געלינגען צו דערוויסן זיך זייער אַ סך וועגן טעראָר און אויפשטאַנד. דער ענין ווערט זייער ערנסט. גלייך נאָכן באַקומען דעמדאָזיקן בריוו שיקט מיר תיכף אָפּ צוריק טאַשק. בריוו קיין ניצע רעקאָמענדירט פאָסט-רעסטאַנט און דאָס געלט מיט אַ טשעק אויפן ליאָנער קרעדיט. אין פאַריזש וועל איך זיין אומגעפער אין אַ חודש אַרום. ס'וואָלט גוט געווען, ווען אויך איר זאָלט דאָרטן זיין.

אייער איוואַן.

.XXIX

פאַריזש 3/IV.1905

כ'וואונדער זיך, וואָס איר האָט נישט געענטפערט אויף מיין,

בריוו וועגן מיין נסיעה קיין בולגאַריע — איך האָב אַלץ געוואַרט. כ׳דערקלער דאָס מיט דעם, וואָס אַדאַנק אייער בריוו, פון וועלכן ס׳איז צו זען, אַז אין בולגאַריע איז אַלץ אויפגעקלערט, האַלט איר נישט פאַר נויטיק מיין דערשיינען אין בולגאַריע. אויב איך האָב אייך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, טאָ טעלעגראַפירט מיר קיין זשענעווע, וווהין איך פאָר איצט, ווייל דאָרט קומט איצט פאָר אַ קאָנפערענץ פון אַלע אָרגאַניזאַציעס. אויב איך וועל באַקומען די טעלעגראַמע, אין וועלכער איר וועט זיך אַרויסזאָגן פאַר מיין נסיעה קיין בולגאַריע, וועל איך פון זשענעווע אַרויספאָרן אַהין. הגם, משפטנדיק לויט אייער טעלעגראַמע, געפינט איר זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אייערע אַלע בריוו און דאָס געלט ביי פרוי קאָרדע האָב איך באַקומען. כ׳בין מסכים צו אייער פּלאַן בנוגע ש. און צו די בריוו צו אים גיב איך מיין הסכמה. ס׳איז אָבער מעגלעך, אַז ער וועט נישט פאָרן קיין ר. די באָבע איז געקומען צופאָרן קיין פאַריזש פון אַמעריקע פרייטיק אינאָוונט, און שבת אינאָוונט, ד. ה. אייערנעכטן איז זי אַוועקגעפאָרן קיין זשענעווע, וי וועט זיין אויף דער קאָנפערענץ. זי אַליין קלויבט זיך נישט דערווייל קיין רוסלאַנד — איך מיין, אַז דאָס איז אַדאַנק שאַפּיראָס מיטטיילונגען, נאָר זי שיקט קאַטשוריכינען, וועלכער דאַרף אָרגאַניזירן די קאַמפּסגרופּעס צווישן פויערטום. קאַטשוריכין איז איצט אין פאַריזש, פונדאַנעט וועט ער אַרויספאָרן קיין בערלין און וועט פאָרן דורך אַלעקסאַנדראָוואָ קיין רוסלאַנד. אַלס סימן: ביי אים איז באַנדאַזשירט די לינקע האַנט. ער וועט, וואָרשיינלעך, דורכפאָרן די גרעניץ זונטיק: דעם 9/IV, כ׳האָף, אַז איר וועט באַווייזן וואָרענען מיט אַ טעלעגראַמע. אָנגעטאָן איז ער נישט וואַזשנע, אין אַ אַרבעטס-קאָסטיום. דאָ איז נעכטן געקומען צולויפן צו מיר נאַטאַנסאָן און ער האָט דערציילט, אַז לויט די ציישונגס-ידיעות איז אין פעטערבורג פאַרשאָטן געוואָרן די גאַנצע קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע פון דער פאַרטיי סאָצ.-רעוו. צי איז דאָס אמת? איך האָב געלייענט אין די צייטונגען די פאַמיליע פון סאַווינקאָוון און באַריקאָוון. אויב יאָ, איז דאָס זייער אַ וויכטיקער שריט. סערגעיס מערדער רופט דאָ קיינער נישט אָן ביי דער פאַמיליע, אָבער די באָבע זאָגט, אַז זי קען אים, זי רופט אים פיאָטר פעטראָוו. כ׳שיק אייך אָפּ צוריק זיינע פאָטאָגראַפיעס און אייערע בריוו. ווען איר

וועט טעלעגראַפירן וועגן מיין נסיעה, פאַרגעסט נישט מיטצוטיילן, ווו מען קען אייך געפינען. געלט וועל איך דאַרפן באַקומען פון אייך פאַר אַפּריל און מאַי געהאַלט 1000 רובל, הוצאות — יאַנואַר 250, פאַר פעברואַר און מערץ 570. צוזאַמען 1.820 רובל אָדער אַרום 4.850 פראַנק.

אייער איוואַן.

אָקאָרשט נאָר וואָס האָב איך זיך דערוווּסט, אַז קאַטשוריכין וועט פאָרן אויפן פּאַס פון גראַפן — דאָס איז אַ פאַמיליע. דער בונד האָט ווידער איבערגעגעבן די סאָצ.-רעוו. אַ וויכטיקן געהיימען צירקוליאַר. איך קען אים נאָך נישט. כ'וועל זיך דאָס דערוויסן אין זשענעווע. כ'וועל אייך דאָס צוּוויסן טאָן... הייסט עס, אַז ווידער ווערן מיטגעטיילט צירקוליאַרן.

XXX.

זשענעווע דעם 1905 17/IV

כ'שיק אייך די אויסגעאַרבעטע דעקלאַראַציע פון דער פאָרגעקומענער קאָנפערענץ, וועלכע גאַפּאָן האָט צונויפגערופן. אויף דערדאָזיקער קאָנפערענץ זענען געקומען די פאָרשטייער פון די פאָלגנדיקע אָרגאַניזאַציעס: 1) „ס.-ר.-ן" (טשערנאָוו און די באָבע); 2) דראַשאַקן (רוסטען, סאַפּאָ און אָמאָן); 3) „פּ. פּ. ס." (יאָדקאָ, סלאַווינסקי און וואָיצעכאָווסקי); 4) דער פאַרבאַנד פון די לעטישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן (ראָללאַו); 5) די פינלענדישע פּאַרטיי פון אַקטיוון ווידערשטאַנד (2 פאָרשטייער, קיין נעמען ווייס איך נישט, (ס'איז נישט געווען); 6) די ווייסרוסישע הראָמאַדע (1 פאָרשטייער, קיין נאָמען ווייס איך נישט); 7) די גרוזינישע פּאַרטיי פון די סאָצ.-רעוו. (דעקאַנאָזאַ). עס זענען נאָך געקומען פאָרשטייער פון די סאָצ.-דעמ. — דער מערהייט, פון „בונד", פון דער אַרמענישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פון דער לעטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. אָבער דידאָזיקע אַלע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך דערווייטערט פון צוזאַמענפאָר, ווייל עס האָט געהערשט אויף אים דער גייסט פון די סאָצ.-רעוו. די קאָנפערענץ האָט געדויערט פון 3-טן ביזן 10-טן

אַפּריל. גאַפּאָן וווינט ביי שישקאָן. די באָבע וווינט Rue Jacques Delphine 9, אונטער דער פאַמיליע בעלאָווא. די באָבע, גאַפּאָן און כילקאָוו האָבן געבילדעט אַ קאַמפּס-קאָמיטעט, וועלכער וועט איינגיכן אָנהויבן פונקציאָנירן. אַדאַנק די אַרעסטן פון 17-טן מערץ האָט די קאַמפּס-אָרגאַניזאַציע, וואָרשיינלעך, אויפגעהערט צו עקזיסטירן, משפטנדיק לויט דער שטימונג דאָ. הגם מען לייגט באַזונדערע האָפנונגען אויף לאַמאָוון, טאַשקענטעצן (אגב אורחא, דער לעצטער איז אַרעסטירט געוואָרן אין סאָפיאַ, אָבער דערנאָך האָט מען אים אַרויסגעלאָזן אויף דער פריי, צוליב סאַראַפּאָווס השתדלות). אַלע זענען איבערצייגט, אַז אין פרילינג וועט זיך אויפהויבן דאָס פּויערטום, און אומעטום פאַר-נעמט מען זיך מיט איינקויפן געווער. אין רוסלאַנד הויבט אָן צו דערשיינען אַ פּויערשע צייטונג „זעמליאַ אי וואָליאַ" — מיטן אָנטייל פון קאַאינען און אָנגעזעענע אַלטע, ווי באָנטש-אָסמאָלאָווסקי, קאָוואַליק. די טיפּאָגראַפיע געפינט זיך, ווי מיר דוכט, אין באָנטש-אָסמאָלאָווסקיס גוט. איך האָב עטלעכע אינטערעסאַנטע בריוו, וואָס האָבן אַ שייכות צו דידאָזיקע ענינים. אויב עס וועט מעגלעך זיין, וועל איך זיי אייך ברענגען קיין פּאַריז. כ'דריק אייך פעסט די האַנט.

אייער איוואַן.

XXXI.

צוריך 1905 31/V

איך האָב אין זשענעווע פאַרבראַכט אַ גאַנצע וואָך, און אָט איז דער רעזולטאַט פון מיין זיין דאָ:

1) לעאָפּאָלד, וועלכער האָט זיך אין פאַרגאַנגענעם יאָר פאַרנומען אין לעמבערג מיטן טראַנספּאָרט — דאָס איז סאַנדער גורעוויטש, וואָס איז געווען אויף קאַטאָרגע. אַליין איז ער פון מאָהילעוו. כ'גלויב נישט דאָס זאָל זיין דער בריסטלער לעאָפּאָלד. אויב איר זענט זיכער, אַז דער טראַנספּאָרטיסט און דער פון בריסטאָל איז איין-און-דיזעלבע פּערזאָן, קאַוויר איך דערפאַר, אַז דער טראַנספּאָרטיסט איז — גורעוויטש.

2) גאַפּאָן וווינט אין לאָנדאָן אונטער דער פאַמיליע

ניקאָלאַיעוו. ער אָרגאַניזירט זיינע אַרבעטער אין פּעטערבורג דורך פּאַנאַנדערשיקן עמיסאַרן, און איינער פון זיינע דאָזיקע וויכטיקע עמיסאַרן איז אַ געוויסע מאַריאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ מעדוועדעוואַ, זי איז איצט אַרויסגעפאָרן לעגאַל קיין פּיטער. אגב אורחא פאָרט זי איצט צום צווייטן מאָל. מיט אַ צוויי חדשים צוריק איז זי צום ערשטן מאָל אַרויסגעפאָרן קיין פּיטער לויט גאַפּאָנס אויפטראָג און זי האָט מיטגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן אין פּיטער די גאַפּאָנאָווצעס. איצט פירט זי צו די דאָזיקע אַרבעטער נייע אינסטרוקציעס פון גאַפּאָנען. דאָס זענען אַלץ זייער ערנסטע ענינים. מיר דאַכט זיך, אַז לויט דערדאָזיקער מאַריאַ אַלעקסאַנדראָווּנאַ מעדוועדעוואַ — זי איז לעגאַל און זי זעט זיך מיט גאַפּאָנס פרוי, — קען מען פעסטשטעלן אַלדאָס וויכטיקסטע, וואָס האָט אַ שייכות צו גאַפּאָנס אָרגאַניזאַציע.

3) ברעשקאָווסקאַיאַ וווינט איצט אין זשענעווע. גאָך וווינט אין שאָמפּעל. איך האָב באַקומען אַ רעקאָמענדאַציע-בריוו צו סאַראַפּאָוון און לענאָוון פון די דראָשאַקיסטן און, כ׳האָף, אַז ס׳וועט געלינגען אויפצוטאָן זייער אַ סך. כ׳בין אַראָפּגעפאָרן אַהער, כדי דערוויסן זיך ביי מייסנערן, ווו איז לאָמאָוו. כ׳האָב נאָך מייסנערן נישט געזען. פונדאַנעט פאַר איך קיין סאָפיאַ. כ׳וועל זיך דאָרט אָנרופן איוואַן סמיטס (Jean Smits). שיקט מיר אַרויס דעם געהאַלט פאַר מאַי און יוני און די הוצאות פאַר אַפּריל און מאַי, — 450 רובל.

אין טולע ווערט איינגעקויפט געווער און דאָרט פאַרנעמט זיך דערמיט אַ געוויסע אָלגאַ איוואַנאָווּנאַ ניקאָלסקאַיאַ, וואָס אַרבעט אין „זעמסטווע". מאָרגן, נאָך דער זעאונג, וועל איך אייך ווידער אָנשרייבן, ס׳איז נאָך דאָ זייער אַ סך. בריוו קענט איר שיקן קיין סאָפיאַ פּאָסט-רעסטאַנט, סמיטס. כ׳דריק אייך פעסט די האַנט.

אייער איוואַן

XXXII.

ווין. 5/VI 1905

כ׳האָב זיך געזען מיט מייסנערן. ער האָט מיר געגעבן אַן אָנווייזונג, ווי אַזוי צו געפינען לאָמאָוון. לאָמאָוו געפינט זיך

איצט אין סאַמאַרע. ער האָט דאָרט אַ פרוי אָדער אַ כּלה פערעלמאַן — דורך איר קען מען געפינען לאָמאָוון. זי וווינט אויף דער סאָבאָרנער גאַס, הויז № 126. לאָמאָוו האָט אין זיין רשות, אין איינער אַ רוסישער שטאָט, אַ מיליטערישן מאַגאַזין. וואָס דאָס איז פאַר אַ מאַגאַזין האָט מייסנער נישט געקענט דערקלערן, ער האָט נאָר געזאָגט, אַז ער, אַלס געוועזענער אַרטילערישער אָפיציר, האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין דער מיליטערישער סביבה און אַז איצט האָט ער באַזונדערע פּלענער, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע. פון דעם אַלעם באַקומט זיך אַן איינדרוק, אַז מען וואָלט געדאַרפט זען זיך אין רוסלאַנד מיט לאָמאָוון און אַלץ זיך דערוויסן. דאָס אַלץ איז זייער ערנסט. אין פענזע שטרעבט די אָרגאַניזאַציע פון די ס.-ר.-ן איינצואָרדנען אַן אויפשטאַנד פון דער שטאָט און זי פאַרכאַפּן אין זייערע הענט. — דאָרט זענען די באַן-אַרבעטער אַלע ס.-ר.-ן. איינע פון די וויכטיקע גרויסע פערזאָנען פון די ס.-ר.-ן איז יעפראָסימיאַ וואַסיליעוונאַ קראַסיקאָוואַ. דאָ אין ווין איז דאָ אַ חשובער פאָרשטייער פון די סאָצ.-רעוו. (ווי אייך איז באַקאַנט), — קליאַטשקאָ. דורך אים גייט אַ גרויסער טראַנספּאָרט קיין לעמבערג, ווו אויף לעאָפּאָלדס אָרט זיצט איצט אַ געוויסער ראָטשטיין. די אמתע פאַמיליע — וואָלף — אַן אָדעסער, וואָס איז פאָריקן יאָר אַנטלאָפן פון אַרכאַנגעלסק. קליאַטשקאָ באַשטעטיקט אויך, אַז לעאָפּאָלד דער טראַנספּאָרטיסט איז — גורעוויטש. קליאַטשקאָ וווינט בעלוועדערשטראַססע, 3. אַחוץ קליאַטשקאָן געפינט זיך דאָ פון די יונגע סאָצ.-רעוו. אַן אָנגעזעענער קערשטנער, דער ברודער פון דעם וועלכן איר קענט. ער וווינט אויף בלייכער-גאַס, № 1. באַקאַנטע סאָצ.-רעוו.: 1) אין מאָסקווע, אָסטאָזשענקאַ, 1 זאַטשאַטיעווער געסל, פּרינישניקאָוואַס הויז — לידיאַ ניקאָלאַיעוונאַ ראָזאָוואַ. 2) ס.-פּעטערבורג, באָלשאַיאַ פּאָדיאַטשעסקאַיאַ, 5, וו. 12 — לעבעדעוו. 3) אין באַטום — אַווגוסטינאָוויטש-גרושקאָווסקי. מאָרגן פאָר איך אַרויס פונדאַנען קיין סאָפיאַ. שרייבט אַהין גיכער און שיקט געלט. כ'דריק אייער האַנט.

אייער איוואַן.

אינהאַלט:

זייט

פּ. יע. שטשעגאָלעוו: דער היסטאָרישער אַזעף . . . 5

א. אַ. אַרגונאָוו: אַזעף אַלס סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער 13

ל. אַ. ראַטאַיעוו: די געשיכטע פון יעוונאָ אַזעפס פאַראַט 153

וו. ל. בורצעוו: ווי אַזוי איך האָב דעמאַסקירט אַזעפן (פון די זכרונות) 195

הוספות: אַזעפס בריוו און באַריכטן צום פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט . . . 325